STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09836

GESHIKHTE FUN DER YIDISHER LITERATUR

Gustav Karpeles

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גוסטאַוו קאַרפּעלעס

געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור

ערשטער באַנד

פון דער אַנטשטייונג פון דעם תּנך
ביז דעם אַראַביש=שפּאַנישן פּעריאָד

גוסטאַוו קאַרפּעלעס

ג ע ש י כ ט ע
פון דער יידישער ליטעראַטור

יידיש פ. הײלפּערין

1 9 2 7

פאַרלאַג „טאָמאָר“ פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

Gustaw Karpeles — „Historja literatury żydowskiej"
Drukarnia Notesa i Szwajlicha, Wilno

פאָררעדע פונם מחבר צו דער ערשטער אויפלאגע

נישט אימיצן צוליב, נישט אימיצן אויף צו להכעיס, נישט פון קיין דאָגמאַטישן און נישט פון קיין קאָנפעסיאָנעלן שטאַנדפונקט אויס איז דידאָזיקע אַרבעט אונטערגענומען געוואָרן. זי שטאַמט בלויז פון דער שטרעבונג מוסיף צו זיין אויף די צאָלרייכע בוי־שטיינער, וואָס זיינען שוין אָנגעזאַמעלט פאַר דער אויפבויאונג פון דעם גרויסן, אַלע שפראַכן און פעלקער אַרומנעמענדיקן בנין פון דער וועלט־ליטעראַטור, אויך די באַשרייבונג פון זער ליטעראַטור, וואָס איז איינע פון די סאַמע עלטסטע און צוגלייכער צייט אויך איינע פון די סאַמע יינגסטע, און וואָס, הגם זי קאָן פאַרנעמען אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור נישט דאָס לעצטע אָרט בנוגע איר באַדייטונג, אָבער ביז היינט האָט זי פאַרנומען, אויב נישט דאָס לעצטע, איז על־כל־פנים איינס פון די סאַמע לעצטע ערטער צווישן די ליטעראַטורן פון די קולטור־פעלקער.

דידאָזיקע אַרבעט וועט אַרויסרופן פאַרשיידענע און, מסתמא, נישט גרונטלאָזע פאָרוואורפן, מען וועט אין איר געפינען פעלערן און חסרונות — איך קאָן קעגן דעם אַלעמען אַרויסשטעלן נאָר דעם פאַקט, וואָס ס'דאָזיקע בוך איז די ערשטע אַלגעמיינע באַשרייבונג פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע פאַר געבילדעטע לעזער. ביי אַזאַ טענדענץ איז, פאַרשטייט זיך זעלבסט, אויסגעשלאָסן יעדע ביבליאָגראַפישע פולשטענדיקייט און דאָס גלייכן וועט אין אַזאַ ווערק קיינער נישט זוכן קיין כראָניק פון געלערנטע, אָדער די גענויע געשיכטע פון באַזונדערע וויסנשאַפטן. מיין בוך איז געגרינדעט אויף דעם מאָטיוו, וואָס איינער פון די גרויסע פאָרגייער האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט, אַז געשיכטע פון ליטעראַטור איז נישט די געשיכטע פון די ביכער, נאָר פון די אידעען, וועלכע באַוועגן די צייט, און פון יענע הויפט־שטרעמונגען, וועלכע גייען־אדורך איבער דעם היסטאָרישן קולטור־לעבן. אין דעם זינען האָב איך מיך מיט אַלע כוחות באַמיט, אַז פון

דעם גייסט, וואָס אָטעמט דורך אונזער צייט, וועלכע איז נאָך נישט אַריבער אין דער געשיכטע, זאָל אין מיין בוך קיין הויך נישט זיין צו שפּירן. צי איז מיר געלונגען צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע ערלעכע שטרעבונג מיינע צו אָביעקטיווקייט — ווייס איך נישט. און צי עס איז שוין צייט צו נעמען זיך פאַר אַזאַ באַשרייבונג, נאָכדעם ווי ס'איז ערשט קוים זעכציק יאָר אַריבער, זינט ווען עס זיינען צום ערשטן אָנגעמערקט געוואָרן די גרונט־ליניעס פון אַ יידישער ליטעראַטור־געשיכטע — וועגן דעם מוז איך לאָזן אורטיילן די קריטיקער. נאָר מיט פרייד בין איך מודה, אַז אָן די באַדייטנדיקע פאָר־אַרבעטן, וואָס זיינען אין משך פון דערדאָזיקער צייט געשאַפן געוואָרן דורך אַזעלכע געלערנטע, ווי צונץ, שטיינשניידער, ראַפּאַפּאָרט, לוצאַטאָ, יעלינעק, פראַנקל, גרעץ, גייגער, מונק, דעליטש, קאַסעל, בערלינער, יאָעל און אַנד., וואָלט מיין אַרבעט, פאַרשטייט זיך זעלבסט, געווען לגמרי אוממעגלעך. אין דעמדאָזיקן מודה־זיין־זיך ליגט שוין געוויס דער דאַנק, וועלכן איך בין שולדיק דידאָזיקע מענער פאַר דער פירונג און פאַר דער לערע, וואָס איך האָב אין זייערע ביכער אין אַזאַ גרויסער מאָס געפונען.

ג. ק.

בערלין, אין נאָוועמבער 1886.

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאגע

נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר ערשיינט דידאָזיקע צווייטע אויפלאַגע פון מיין בוך, פילפאַך פאַרבעסערט, דערגענצט און פאַרענדערט. אַ קרייז פון שיצער פון די וויסנשאַפטן האָט געמאַכט מעגלעך דאָס ערשיינען און דאָס פאַרשפרייטן פון דעם בוך אין די קרייזן, פאַר וועלכע עס איז דער עיקר געשריבן געוואָרן. אַ הערצלעכער דאַנק זאָל דאָ אַרויסגעזאָגט ווערן אַלע דידאָזיקע מענטשן!

ביי איר ערשטן ערשיינען איז „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" אומעטום גינציק אויפגענומען געוואָרן. די בעסטע קריטי־קער האָבן זיך וועגן דעם בוך פריינטלעך אָפגערופן. אַזעלכע מענטשן, ווי דעליטש, עבערס, האָלצמאַן, קאַוטש, זיגפריד, שטראַק, טשאַקע, בערלינער, בריל, קאַסעל, יעלינעק, לאַצאַרוס, שטיינטאל און אַנד., האָבן זיך וועגן דעם געגוי און מיט ליבע אַרויסגעזאָגט. דאָס האָט דעם אויטאָר געגעבן דעם מוט מיט חשק צו אַרבעטן איבער דער פאַרבעסע־רונג פון זיין ווערק. דאָס איז פאַר דעם משך פון די פאַרגאַנגענע צוויי און צוואַנציק יאָר ערלעך געטאָן געוואָרן. אַלע פעלערן, וואָס די קריטיק האָט דעמאָלט אַרויסגעשטעלט, זיינען באַזייטיקט, אַלע פאָדע־רונגען, וועלכע זיי האָבן מיט דעם צוזאַמענגעבונדן, — אָנגענומען, די רעזולטאַטן פון אַלע נייע פאָרשונגען באַריקזיכט געוואָרן. אַזוי בלייבט מיר נאָר צו ווינטשן, אַז אויך דידאָזיקע צווייטע אויפלאַגע פון מיין ווערק זאָל באַגעגענען אַזאַ קבלת־פנים, ווי די ערשטע.

ג. ק.

בערלין, 11 נאָוועמבער 1908 יאָר.

אַלגעמיינער אַריינפיר

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור נעמט־אַרום די צוזאַמענגענומענע שריפטשאַפונג פון די יידן זינט די עלטסטע צייטן פון זייער געשיכטע ביז היינטיקער צייט, אָן אונטערשייד פון פאָרם און שפּראַך און אויך פון דעם אינהאַלט פון דערדאָזיקער שריפטשאַפונג, — ס'לעצטע, — לכל־הפּחות, אויף וויפיל ס'האָט אַ שייכות צו דער מיטאַלטערישער עפּאָכע. אין דעם באַשטייט איר אייגנטימלעכקייט, פונקט אַזוי ווי איר באַרעכטיקונג לגבי אַנדערע ליטעראַטורן. האָבנדיק מער ווי דריי יאָרטויזנטן פון עקזיסטענץ, האָט זי אויפגענומען כמעט אַלע גרויסע פאַזיסן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם גייסטיקן לעבן פון דער מענטשהייט, איבערגעאַרבעט זיי דורך די אייגענע גרונט־אנשויאונגען און איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ וויכטיקע דערגענצונג צו דער גרויסער אַלטוועלטלעכער ליטעראַטור. צווישן אַלע פעלקער פון סעמיטישער אָפּשטאַמונג זיינען די יידן כמעט די איינציקע, וואָס פון זייער ליטעראַטור איז דער וויכטיקסטער טייל פאַרבליבן, בשעת פון אַנדערע זיינען פאַרבליבן נאָר חורבות און נישטיקע פראַגמענטן *). די בליאונגס־צייט פון דערדאָזיקער ליטעראַטור געהער

*) אנמערק. פון דער רעדאַקציע פון דער רוס. איבערז.: דידאָזיקע מיינונג איז נישט ריכטיק. די דענקמעלער פון דער סירישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען פאַר דער לעצטער צייט באַקאַנט געוואָרן, זיינען גאַנץ באַדייטנד. און וואָס נוגע דער אַראַבישער ליטעראַטור, הערשט אין איר אַן אמתער embarras des richesses, און בנוגע צו דער צאָל שטייגט דידאָזיקע ליטעראַטור אַלנפאַלס ווייט אַריבער די יידישע.

נאַטירלעך צו יענער עפאָכע, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געבילדעט אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט און באַשאַפן יענע גרויסע ביבלישע שריפטן, וועלכע זיינען געוואָרן די ערציער פון דער מענטשהייט. אָבער דידאָזיקע ביבלישע ליטעראַטור איז נאָר דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס איז נאָכדעם אויפגעבויט געוואָרן די שפעטערדיקע יידישע. דערמיט ווערט לייכט דערקלערט דער עקזיסטירנדיקער אַנאַכראָניזם פון די שטענדיקע אורטיילונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, בשעת מען וואָלט באַדאַרפט צוערשט ריידן וועגן דער ביבלישער ליטעראַטור, און שוין נאָך דעם גלות־בבל — וועגן דער אייגענטלעך יידישער. אָבער אַז די ביבלישע ליטעראַטור איז אַ טייל פון דער יידישער — דאָס האָט מען צום שאָדן פון דער לעצטער שוין צו־לאַנג נישט געוואָלט באַמערקן, אָדער גאָר אָפגעלייקנט.

בכלל האָט דידאָזיקע יידישע ליטעראַטור אַן אייגנטימלעך שלים־מזל. אויף איר גורל זיינען אויסגעפאַלן דיזעלביקע ליידן, וועלכע די יידן האָבן אַריבערגעטראָגן זינט דעם חורבן פון זייער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. דערצו קומט נאָך אַלס צוגאָב אַ באַזונדערער פאָראורטייל, וועלכער ווירקט אויף איר צום שלעכטן. יאָרהונדערטן נאָכאַנאַנד רופט מען זי די ר אַ ב י נ י ש ע ליטעראַטור, — אַ באַצייכענונג, וואָס עס האָבן איר געגעבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן אַלעמאָל געקוקט אויף יידישע שריפטשטעלער נישט אַנדערש, ווי אויף די קעגנער פון דער אמונה, וואָס האָט געזיגט, ווי אויף פאַרטרעטער פון אַ פרינציפ, וועלכער ווערט באַקעמפט, דאָס הייסט, ווי אויף ר ב נ י ם, בשעת דער טיטל „רב״ איז גאָר געווען פשוט אַן ערן־טיטל און האָט וויניק שייכות געהאַט צו ליטעראַרישע פאַרדינסטן. פון דעמזעלביקן קרייז שטאַמט אויך דער פאָראורטייל, אַז די יידישע ליטעראַטור איז כלומרשט אַ ריין ט ע אָ ל אָ ג י ש ע. אָבער אויך דאָס איז לגמרי נישט באַגרינדעט, ווי עס וועט אין דעמדאָזיקן ווערק אויפגעקלערט ווערן. נישט עפעס אַ וועלכע באַזונדערע גייסט־ריכטונג, נאָר „דער סך־הכל שפיגלט זיך אָפ אין די יידישע, פונקט אַזוי ווי אין די נישט־יידישע ווערק, פאַר וועלכע עס פאַסט דעריבער נישט דער באַזונדערער נאָמען, וואָס מען האָט איבערגענומען פון באַזונדערע עפאָכעס און באַזונדערע שולן״.

ס׳איז אויך פאַלש דער נאָמען „ניי־העברעישע ליטעראַטור״ וועלכער האָט אויך צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטייונג דעם פאָראורטייל, וועלכער וויל אָפטיילן די אַלט־העברעישע שריפט פון אַ שפעטערדיקער ליטעראַטור. די ניי־העברעישע ליטעראַטור איז נאָר אַ טייל פון דער

יידישער, וועלכע נעמט־אַרום די וויכטיקסטע גרופּעס שפּראַכן. די יידישע ליטעראַטור האָט ווערק אויף העברעיש, אַראַמיש, גריכיש, אַראַביש, שפּאַניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, דייטש און פיל אַנדערע שפּראַכן.

אין אָט דעם דורכגאַנג דורך אַזוי פיל שפּראַכן און אין דער באַרירונג מיט אַזוי פיל ליטעראַטורן ליגט איינע פון די הויפּט־שוועריקייטן פון סיסטעמאַטישן באַשרייבן די יידישע ליטעראַטור. בשעת אין אַנדערע לענדער דעקן דאָס רוב נאַציאָנאַליטעט און שפּראַך איינע די אַנדערע, און שוין דערמיט באַגרינדן זיי אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, האָט דאָס יידישע פאָלק אויפגענומען די שפּראַכן פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע עס איז צעשפּרייט געווען, און האָט פאָרטגעזעצט זיין גייסטיקע אנטוויקלונג אין אַלע דיזאָזיקע שפּראַכן. גריכישע חכמה, פּערסישע רעליגיע־אָנשויאונג, רוימיש רעכט, אַראַבישע פילאָזאָפיע, שפּאַנישע פּאָעזיע, דייטשער לעגענדן־ציקל: אַלץ אַסימילירט זיך מיט דערדאָזיקער ליטעראַטור, און אַלץ ווערט דורך איר גרופירט אַרום דער ביבל, דעם גרונט־בוך פון זיין ליטעראַטור.

מחמת דעם קומט־אויס דער יידישער געשיכטע, אויב זי וויל זיין סיסטעמאַטיש און האַלטן זיך פאַר וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן, צו פאַרנעמען זיך מיט די אַלע גייסט־אַרויסווייזונגען פון די יידן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט די יידישע וועלט־אָנשויאונג, די יידישע קולטור, דער יידישער אַרט דענקען און פילן. און דעריבער דאַרף זי זיך נישט שטערן אַריינצוציען אין איר געביט פרעמדע, לכאורה, גאָר ווייטע פון איר צווייגן פון וויסן, אויף וויפיל דידאָזיקע לעצטע האָבן געווירקט אויף דער ליטעראַרישער אנטוויקלונג.

אַ ווייטערע שוועריקייט פאַר דער באַהאַנדלונג פון דערדאָזיקער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט געשאַפן אַזעלכע אייגנטימלעכע געדאַנקען־קרייזן, פאַר וועלכע אין אונזער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך איז נישטאָ קיין שום טערמינאָלאָגיע, און וואָס דעריבער ווערט זיי צו ערקלערן זייער שווער. אַ פּינקטלעכע ערקלערונג פון דידאָזיקע בעמען און ריכטונגען איז כמעט אוממעגלעך; און מחמת דעם מוז מען אָנקומען צו אַנאַלאָגיעס, כדי אין אַלגעמיין קלאָר צו מאַכן דעם קעגנשטאַנד.

אַ דריטע, אמת, נאָר אַן אויסערלעכע, שוועריקייט ליגט אין דעם פאַקט, וואָס אויף דערדאָזיקער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַזוי לאַנג געווען פאַרוואָרלאָזט, האָט מען אין אַלגעמיין אָנגעהויבן אַכט צו לייגן און באַהאַנדלען היסטאָריש־ליטעראַריש און קריטיש

סך־הכל מיט עפּעס ווייניקער, ווי זיבעציק יאָר פריער. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז כּמעט די פאָרשונג אויף דעמדאָזיקן געביט האָט געאַרבעט מיט מערקווירדיקן פלייס, אָבער באַזונדערע טיילן פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרבלייבן נאָך אַלץ אין פינצטערניש, און נויטיקן זיך אין באַזונדערער פאָרזיכטיקער באַהאַנדלונג.

מיט פאָראורטייל אויף דערדאָזיקער, אין איר אַרט איינציקער, ליטעראַטור איז נישט מעגלעך זי צו קענען און אָפּצושאַצן. נאָר פאַר דעם הומאַנעם האַרציקן געפיל, פאַר וועלכן עס איז קיין מענשלעכעס נישט פרעמד, און וועלכער האָט פאַרשטאַנד און אינטערעס פאַר יעדער גייסטיקער אַנטוויקלונג צו אַ הויכן ציל און צו אַ העכערער איינהייט, קאָן זיך אַנטפּלעקן איר אייגנאַרטיקייט. נאָר אַזאַ הומאַנער גייסט וועט דערקענען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז ביז טיף אינערלעך צונויפגעבונדן מיט דער קולטור פון די אַלטע פעלקער, מיט דעם אורשפּרונג און דער אַנטוויקלונג פון קריסטנטום און מיט אַלע באַדייטנדיקע וויסנשאַפטלעכע ריכטונגען פון דער מיטלאַלטערלעכער עפּאָכע. „פאַרכאַפּנדיק די גייסטיקע ריכטונגען פון די פריערדיקע און די הייניקע צייטן, אָנטייל נעמענדיק אין זייערע קאַמפן און ליידן, וועט זי צוגלייך אַ דערגענצונג צו דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אָבער מיט איר אייגענעם אָרגאַניזם, וואָס, זייענדיק דורך אַלגעמיינע געזעצן דערקענט, העלפט ער פון זיין זייט דאָס אַלגעמיינע צו דערקענען".

בשעת מען זאָגט וועגן יידישן פאָלק, אַז זיין געשיכטע איז אין דערזעלביקער צייט אויך זיין ליטעראַטור — איז עס נישט קיין פראַזע. אין פאַרלויף פון דעמדאָזיקן ווערק וועט פעסטגעשטעלט ווערן דער פאַקט, אַז די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז אין איר מהות אויך אַ געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. און אויב דאָס גאַנץ בלייבן פונם דאָזיקן פאָלק, זינט עס האָט פאַרלאָרן זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, איז איינע פון די גרעסטע רעטענישן פון דער וועלט־געשיכטע, וואָלט נאָך מער אויסגעוויזן רעטזעלהאַפט דער אומשטאַנד, וואָס דער יידישער שטאַם, נישט קוקנדיק אויף אַלע ליידן און רדיפות, האָט געקענט באַשאַפן אַן אמתע און אַ באַדייטענדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור — ווען פון דער אַנדער זייט וואָלט גראָד אין דעמדאָזיקן פאַקט נישט געלעגן די קלאָרע באַשיידונג פון דער רעטעניש. גראָד דידאָזיקע גייסטיקע באַוועגלעכקייט און דער אָנטייל אין אַלע וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען, גראָד זיין אומערמידלעכע אַרבעט זיינען געווען די סיבות, וואָס דער יידישער שטאַם האָט אין דער פינצ־

טערער און לאַנגער נאַכט פונם מיטלאַלטער זיך פאַרשטאַרקט און איז
פייאיק געוואָרן צו יעטווידן ווידערשטאַנד; זיין ליטעראַטור האָט אים
פאַרהיט, און דעריבער קלינגען די ווערטער, מיט וועלכע אַ גלויביקער
ייד זעגנט זיך מיטן יום־כפור: „גאָר נישט איז אונז פאַרבליבן, אוי־
סער דערדאָזיקער תורה״ — באַזונדער האַרציק און רירנד. נישט וועגן
זיך און זיין הויז, נישט וועגן זיין פאָלק און וועגן פאַרלאָרענעם ציון
בעט ער יענע מינוטן, ווען די לעצטע זונענשטראַלן פון גרויסן טאָג
פאַלן אין זיין גאָטס־הויז, — ניין, זיין מחשבה איז נאָר וועגן דערדאָ־
זיקער תורה, דעם איינציקן אוצר, וואָס איז אים געבליבן און האָט
אים פאַרהיט אין זיין גלות־וואַנדערן. די גרויסע שאַפונג פון דער יידישער
ליטעראַטור, וועלכע האָט אין אַ משך פון דריי טויזנט יאָר נישט אויפ־
געהערט מיט אינערלעכער נויטווענדיקייט אַרויסצוּוואַקסן פונם נאַציאָ־
נאַלן יסוד פון יידנטום, פאַרבלייבט אין איר טיפן מהות אומפאַר־
שטענדלעך, אויב מען זאָל זי נישט משיג זיין און פאַרשטיין פון דעמ־
דאָזיקן שטאַנדפונקט אויס.

נאָר וויבאַלד מיר האָבן זיך געשטעלט אויף דעם פונקט, דער־
קענען מיר אַן אָרגאַנישע שאַפונג, אַ גענעטישע אַנטוויקלונג, וואָס אירע
טרעגער בילדן אַ גרויסע אייגנאַרטיקע גאַנצע זאַך, וועלכע שעפט זיך
נישט אויס מיט דעם נאָמען רעליגיעזע חברה, אָבער אויך מיט דעם נאָ־
מען נאַציאָנאַליטעט בלייבט זי קנאַפּ דערקלערט. שוין אַ קורצער איבערזיכט
איבער דעם וועג, וועלכן די יידישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט, וועט
געבן די מעגלעכקייט צו זען אין איר אַ פעסטן אָרגאַניזם און אַ סיס־
טעמאַטישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָבן געקאָנט בלייבן פאַרהוילן פאַר
דעם פאָראורטייל נאָר דערפאַר, ווייל דידאָזיקע אַנטוויקלונג דינט אויך
דעם גאַנצן סך־הכל פון קולטור־לעבן, און ווייל דערדאָזיקער אָרגאַ־
ניזם, אַדאַנק שוין בלויז דער מאָראַלישער באַדייטונג, וועלכע ליגט אין
אים, האָט זיכערע רעכט אויף אַכטונג און אָנערקענונג.

די היימאַט פון דער מענטשלעכער קולטור איז אין דערזעלביקער
צייט אויך דאָס וויג־בעטעלע פון דער יידישער ליטעראַטור. די זון פון
מזרח האָט איר בליאונג צייטיק געמאַכט און אויף די פעלדער פון פאַר
אַלע פעלקער הייליקן לאַנד זיינען אירע פיינסטע פרוכטן צייטיק גע־
וואָרן. זי שיינט אין פולער בליאונג שוין דאַן, ווען עס איז נאָך קיין
שפור נישטאָ פון די ליטעראַטורן, וועלכע עס איז באַשערט געווען
שפּעטער ווייט זי אַריבערצויאָגן און אונטערוואַרפן אונטער זייער
איינפלוס, בשעת אין העלאַדע האָט זיך ערשט פאַרנומען דער פרילינג
פונם רייכן גייסטיקן לעבן, און מען איז ערשט צוגעטראָטן צו זאַמ־

לען די האמערישע געזאנגען. אויף דעם ווייטערדיקן וועג פון איר אנטוויקלונג און רייפונג באשאפט זי געשטאלטן פון פאעטישער און טעארעטישער באדייטונג. נאך דער ירידה פון רעליגיעזן און נאציאנאלן לעבן, קומט אויך די ירידה פון דער ליטעראטור. זי ווערט נאכדעם אפגעפרישט דורך דער באריִרונג מיט דעם גריכישן גייסט, וועלכער דערגרייכט אין יענער צייט די העכסטע מדרגה פון בליאונג, נאר אין אביסל צייט ארום ווערט ער פארקנעכטיקט און פארניכטעט דורך דעם גייסט פון דער יידישער לערע, וואס האט זיך פארוואנדלט אין קריסטנטום. נאכדעם ווי דאס היידנטום האט פארניכטעט דעם פאליטישן קיום פון די יידן, באמיט זיך דאס זיגערישע קריסטנטום אויסצוראטן אויך די גייסטיקע עקזיסטענץ פון יהודה. דאן הויבט יהודה אן זיין גרויסע גלות־וואנדערונג מיט א בוך, מען קאן זאגן — מיט זיין גאנצער ליטעראטור!

אבער אין יענע לענדער, וואוהין דער העלענישער גייסט איז קוים אריינגעדרונגען, האט זיך די יידישע ליטעראטור אנטוויקלט אין א זעלטזאמער, אבער געזונטער אייגנארטיקייט, און די יידישע תורה האט זיך אויסגעארבעט א גרויסן בנין, איבער וועלכן עס האבן מיט בינען־פלייס געארבעט עטלעכע דורות, און וועלכע איז געווארן די באליבטע גייסטיקע נערונג פון עטלעכע יארהונדערטן נאך דעם. די טיפישע געשטאלטן פאר דער גאנצער שפעטערדיקער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור קריסטאליזירן זיך אין דער הלכה און דער אגדה, געדאנקענקרייזן, וועלכע ס׳וועלן נאך שפעטער באשריבן ווערן און וועלכע האבן זיך, פון זייער זייט, אנטוויקלט פון די עלטערע ביבלישע טיפן, פון געזעץ און נבואה. מען האט ריכטיק באמערקט, אז די הלכה האט מיטגעהאלפן דעם אנטשטיין פון דעם פארטיקולאריזם פון יידנטום אין זיין ליטעראטור, און די אגדה — זייער אוניווערסאליזם, — וואס נאכדעם גייען זיי טיילווייז איינע נעבן דער אנדערער, טיילווייז פארבייטן זיי, אדער זיי דערפילן איינע די אנדערע. „די הלכה אינטערפרעטירט און אנטוויקלט דאס נאציאנאלע געזעץ, ווי דער כהן אפערירט מיט קאלטן ניכטערן שכל, וועלכער איז נישט נאר ביי אינדיווידן, נאר אויך ביים גאנצן פאלק נוטה צו עגאיזם; כדי אויסצופירן אירע אויפגאבן, נעמט זי צוהילף די לאגיק און די הערמענעוטיק, און מיט דעם אלעמען פארפעסטיקט זי נאטורמעסיק דעם פארטיקולאריסטישן באוואוסטזיין. די אגדה, וועלכע טרעט אריין אין דעם געביט פון פילאזאפיע און באפוצט זיך מיט די בלומען פון פאעזיע, לערנט באאפאכטן די ווערק פון דער נאטור, באשיצט דאס פאלק ישראל פון

אָנפאַלן מצד די פעלקער, שטראָפט פאר די שוואַכקייטן און די חטאים פון נאַציעס, באַטראַכט משפחה־ענינים, באַטראַכט די ענדערלעכקייט פונם מענטשעס גורל אויף דער ערד, באַמיט זיך הייטער צו מאַכן די טרויעריקע נשמה, צו טרייסטן די געבראָכענע געמיטער, איינצוהאַלטן דעם שטראָם פון די מענטשלעכע באַגערן און אָנצוצינדן די מוחות און די הערצער פאַר אַלץ, וואָס איז מענטשלעך־שיין און זיטלעך־גוט — די אַגדה, וועלכע האָט, געגליכן צו די נביאים און די פּאָעטן, צו טאָן מיטן האַרצן און מיט דעם דמיון, העלפט צו פאַרפעסטיקן דעם אוניווערסאַליזם און גיט אים רייכע שפּייז".

מער איידער אַכט יאָרהונדערטן געדויערט דידאָזיקע ריזיקע גייסטיקע אַרבייט, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אין תלמוד בבלי, אין ירושלמי און אין די מדרשים. נאָך דעם ווערן די יידן אַ צווייטן מאָל אַריינגעצויגן אין אַ נייעם גייסטיקן שטראָם, וועלכער ברענגט זייער ליטעראַטור אַ רייכן יוירונג־מאַטעריאַל. די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע ברעכט אויס נישט ווייט פון סיני און צייכנט אָן אויף אירע פענער דעם נצחון פון איסלאַם, פירט אַריין די אַראַבער אין דער קולטור־וועלט. ווי די יידן האָבן פריער געשריבן אויף גריכיש, אַזוי שרייבן זיי איצט זייערע וויכטיקסטע פילאָזאָפישע, פּאָעטישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק אין דער אַראַבישער שפּראַך. די הערשאַפט פון די אַראַבער אין שפּאַניע באַצייכנט אַ צייט פון גלענצנדער בליאונג פון דער וויסנשאַפט און דער שיינער ליטעראַטור. אונטער די אָמאַיאַדן אַנטוויקלט זיך אַ רייך קולטור־לעבן אין יענעם לאַנד, וואָס האָט פאַר דער צוקונפט פון דער ליטעראַטור און דער וויסנשאַפט געהאַט אַ באַדייטונג, וועלכע איז נאָך ווייט נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק. פון דערדאָזיקער עפּאָכע פאַלט אויך אויף דער גייסטיקער אַרבייט פון די יידן אַ העלער ליכט־גלאַנץ און רופט דאָרט אַרויס די גרויסע גילדענע עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור צום בליען. בלויז נאָך צוויי ליטעראַטורן — די דייטשע און די פראַנצויזישע — האָבן, אויסער דער יידישער, געהאַט דאָס גליק צו זיין צייט־חברטעס פון צוויי קלאַסישע עפּאָכעס פון דער ליטעראַטור און אין ביידע צו שאַפן אומשטערבלעכע ווערק.

נישט אַזוי איז עס געווען אויף דעם קריסטלעכן מערב. אויך אַהין האָבן זיך אַוועקגעלאָזן די צעזייטע המונים פון יהודה; און אויך אַהין האָבן זיי מיטגענומען זייער בוך. אָבער וייל דאָרט ליגט אַ גייסטיקע פינצטערניש אויף די פעלקער, וואָס זייער קולטור שטייט אין אַ משך פון יאָרהונדערטן פיל נידריקער פאַר דער יידישער קולטור פון יענער צייט, אַזוי אַז וועגן גייסטיקער השפעה קאָן קיין רייד נישט זיין

שפינט זיך דער גייסט איין, ווי אַ רויפע, אין דער תּלמודישער אַרבעט פון געדאַנק, כדי שוין פיל שפּעטער, צוזאַמען מיט דער גייסטיקער ווידערגעבורט פון די פעלקער, פריי אַ פלי צו טאָן צו דער הויך. אָדער ער פאַרגראָבט זיך טיף אין דעם גרויסן וועלט־בוך, זוכנדיק דעם זינען און די באַדייטונג פון יעדן וואָרט און פון יעדן אות, צי באמיענדיק זיך אַרויסצולייזען פון אים פון די אייגענע ליידן און אַלע אייגענע פאַרלאַנגען, אַלע האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט. וועגן אַ קעגנזייטיקער באַציאונג מיט דער הערשנדער מאַכט און מיט אירע ליטעראַרישע אויסדרוקן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, וואָרום די מוחות האָבן זיך געהאַלטן אין שטרענגער דיסציפּלין און אונטערטעניקייט און מען האָט זיי געלערנט צו קוקן אויף אַלץ, וואָס איז יידיש, ווי אויף אַ זאַך פונם שטן. די עקזאַלטירטע קרייץ־פאָרער האָבן געשריען: „אַזוי פאַרלאַנגט גאָט!" און האָבן זוילן פאַר זייערע שיך אויסגעשניטן פון ספר־תּורות — דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטישער אומשטאַנד דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי דער אינטערעסאַנטסטער שטריך אין דער ריכטונג פון יענער עפּאָכע.

איז אָבער צום דריטן מאָל טאָג געוואָרן. דאָס אָרט פון דער אַקציע האָט זיך געענדערט. און דווקא פון דאָרט אויס, וואו די היעראַרכיע האָט אַנטוויקלט די סאַמע שרעקלעכסטע קראַפט אירע, איז געקומען די דערליידזונג פון דער ווויסנשאַפט — פון איטאַליע. גלייך האָבן זיך אַרויסגעוויזן פונקטן, וואו די יידישע ליטעראַטור מיט דער אַלגעמיינער זיינען געקומען אין באַרירונג. דער רענעסאַנס פון די ווויסנשאַפטן האָט אויך די יידישע ליטעראַטור שוין נישט אויסגעשלאָסן פון איר געביט, און זי האָט פון איר זייט זיך באַמיט צוצושטיין צום אַלגעמיינעם שטראָם, וועלכער האָט זיך מיט אַזאַ קראַפט געטראָגן אַנטקעגן דער נייער צייט און פאַרדעקט דעם גאַנצן טומל פון דעם פינצטערן מיטלאַלטער. די יידישע פּאָעזיע לעבט אויך אויף מיט אַ שיינער בליאונגס־צייט, מיט אַ פרוכט־רייכן הערבסט פון אַ רירעוודיקן עפּיגאָנענטום און די יידישע פילאָזאָפיע שיקט אויך אַרויס אין די רייען פון די קעמפער פון גייסט אירע איבערגעגעבענע פאָרשטייער.

צווישן די ערשטע ווערק פון די אייראָפּייאישע דרוק־פרעסן געפינען זיך יידישע שריפטן. דערדאָזיקער אומשטאַנד איז אפשר אַמ־מערסטן כאַראַקטעריסטיש פאַר דערדאָזיקער ליטעראַטור, וועלכע הערט נישט אויף טעטיק און אומאויפהערלעך צו אַנטוויקלען זיך צווישן צרות פון לעבן אין דער טרויעריקסטער צייט פון גלות. צו אירע ערשטע ווערק, וועלכע שטייען פון אָרט נישט געריִרט אין דעם ענדערן־זיך פון

צייטן, גיט זי צו אַלץ נייע פאָרמען און שפּראַכן, אַלע גייסטיקע ריכטונגען און ווענדונגען, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, רעכט, געשיכטע און מעדיצין. אָבער דאָס אַלץ מוז זיין אונטערגעוואָרפן דעם גייסט פון דעם פּאָטערלעכן גלויבן און צו אים צופּאַסן זיך. דווקא דורך דעם, וואָס בילדעט פון איין זייט איר שוואַכקייט, פּאַרהיט די יידישע ליטעראַטור אויף דער אַנדער זייט איר שטענדיקן, פעסטן אָרגאַניזם.

דער פרימאָרגן פון דער רעפאָרמאַציע וועקט־אויף אויך די העברעישע שולן. יידן ווערן די לערער פון קירכנפירשטן און רעפאָרמאַטאָרס, פון קעניגן און פּראָפעסאָרן. די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע מען ווענדט אויף זייערע הייליקע ביכער, קאָן נישט פאַרבלייבן אָן צוריקווירקונג אויף זייער ליטעראַטור, וועלכע הערט נישט אויף אַריינצוגעמען אין זיך נייע יסודות און איבערצואַרבעטן זיי דורך זייער גרונטשטאָף. דאָס שטודירן די ביבל נעמט־אָן אַנדערע פאָרמען, און די פּאָעזיע ברענגט עס אַפילו צו דראַמאַטישע פּרובן; די פילאָזאָפיע, וועלכע איז אַרויס אַ פאַרהאַרטעוועטע פון דעם שווערן קאַמף, געפינט זיך וואונדערלעך פרייזיניקע פאָרשטייער, און פון דעם אַמסטערדאַמער בית־המדרש קומט אַרויס דער העלד פון דער מאָדערנער וועלט־אָנשויאונג, ברוך שפּינאָזע.

אָבער דער פרימאָרגן־אויפגאַנג ווערט באַלד פאַרדעקט מיט פינצטערע וואָלקנס. הגם עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ליידן פון די יידן האָבן שוין דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה, אָבער עס האָבן זיך כסדר באַוויזן אַלץ נייע און נייע העכערע מדרגות פון צרות, איבער וועלכע ישראל האָט אויף זיין מארטירער־וועג געמוזט קלעטערן. אונטערן טומל פון געווער, וואָס האָט געדראָט צו פאַרניכטן זיין קלאָגעדיקן קיום, איז אַנטשוויגן געוואָרן די יידישע מוזע, אָדער זי האָט זיך צעגאָסן אין קלאָגנדיקע קינות, אונטערהאַלטנדיק אַזוי־אַרום די פּאָעזיע פון גאָטסדינסט, וואָס, גענומען געוואָרן מער איידער מיט טויזנט יאָר צוריק פון די נביאים און פון תהלים און נאָכדעם אַריבערגעגאַנגען אין פיוט און סליחות (אויך דער טערמינאָלאָגיע אין אַנדערע ליטעראַטורן לחלוטין פרעמדע מינים פּאָעזיע), האָט זי פון איר זייט אויך אין א משך פון אַ גאַנצן יאָרטויזנט נישט אויפגעהערט צו דינען פאַר אַ קוואַל פון רייכער רעליגיעזער דיכטונג, וועלכע קאָן קאָנקורירן מיט דער רעליגיעזער פּאָעזיע פון אַלע פעלקער לויט דער שפע פון איר מאַטעריאַל, דער טיפקייט, דעם באַהאַרצטן געפיל און דער רייכקייט פון פאָרמען.

דערביי איז די תלמודישע וויסנשאַפט אַלץ טיפער און טיפער אריין

אין אירע פֿאַרשונגען, כדי צו געפֿינען אין די ווערטער פֿון דער היי־
ליקער תּורה האָפֿענונג און טרייסט אין דער צייט, ווען די ווענט פֿונם
געטאָ האָבן געציטערט פֿון שטורמווינט, וואָס האָט הינטער זיי געברויזט.
וואָס פֿיינטלעכער עס איז געוואָרן די אויסערלעכע וועלט, אַלץ מער
לאָזט זיך דער ייד אַריין אין זיין אינערלעכער וועלט, און די לומדי־
שע תּלמודישע ליטעראַטור דערגרייכט טאַקי אין דערדאָזיקער טרויע־
ריקער צייט די העכסטע מדרגה פֿון קלאַנג, בשעת די פּאָעזיע ווערט
אַנטשוויגן און די פֿילאָזאָפֿיע פֿאַרדעקט דעם קאָפּ מיט שרעק. די יי־
דישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אין דעם גייסט פֿון דער הלכה. איר
פּאַרטיקולאַריזם נעמט די איבערמאַכט און לאָזט די הערשאַפֿט אזוי
לאַנג נישט אַרויס פֿון די הענט, ביז וואַנען עס לעבט זיך אויך די־
דאָזיקע ריכטונג נישט אויס.

פֿאַר דעם משך האָט די זון פֿון דער נייער צייט די כמאַרעס
דורכגעבראָכן און זי שיקט די ערשטע שטראַלן אירע אויף דעם
פֿיינען־וועג פֿון דעם וואַנדער־פֿאָלק, וואָס גייט נאָך אַלץ איבער
דער וועלט מיט זיין בוך, געטריבן און געפּייניגט, פֿאַראַכט
און געשענדעט, נאָר פֿונדעסטוועגן אַ לערער פֿון פֿעלקער און אין
דערזעלביקער צייט אויך זייערער אַ תּלמיד, וועלכער איז מוסיף
צו זיין אייגענעם ליטעראַרישן אוצר אַלץ, וואָס עס ווערט ביי זיי
באַשאַפֿן גרויסעס און נייעס, שיינס און דערהויבנס, ביז די נייע צייט
קומט אָן, און די ליטעראַטור פֿונם יידישן פֿאָלק האָט פֿון איר געבור־
מען נייע שאַפֿונגען און נייע טענדענצן, נייע פֿאָרמען און נייע גע־
שטאַלטן, וואָס זייער שעפֿערישע קראַפֿט ווירקט נאָך עד היום.

אַזאַ איז אומגעפֿער אין אַלגעמיינע שטריכן דער וועג, וואָס די
ליטעראַטור פֿונם יידישן פֿאָלק איז דורכגעגאַנגען. אַדאַנק דערדאָזי־
קער וואונדערלעכער ספּיראַל־באַוועגונג, איז די יידישע ליטעראַטור
אין דער אַלוועלטלעכער געוואָרן אַן אייגנאַרטיקייט, וואָס שוין מחמת
דעם פֿאַרדינט זי אויפֿמערקזאַם אויסגעפֿאָרשט צו ווערן. ווייל מען האָט די
סעמיטן, און דערהויפּט די יידן, אויפֿגעוואָרפֿן, אַז זיי פֿעלט סיסטעמאַטישקייט,
האָט מען אויף דעם סמך באַשטימט, אַז אויך די יידישע ליטעראַטור האָט
נישט געהאַט די געהעריקע אַנטוויקלונג. אָבער אויב דער מאַנגל אין
סיסטעמאַטיק, וועלכן איין אָנגעזעענער פֿאָרשער האָט שוין געפֿונען
אַפֿילו אין דער קאָמפּאָזיציע פֿון דער ביבל, איז נאָר אַ חסרון אויף
אַ תּנאַי, אָבער בנוגע צו דער פֿרייהייט און דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון
דער שאַפֿונג איז עס אַפֿילו אַ מעלה, — דאַן מוז מען אין דער יידי־
שער ליטעראַטור אַלענפֿאַלס אָפּזוכן אָן שום פֿאָראורטייל סיי די

חסרונות, סיי די מעלות פון דערדאָזיקער אייגנאַרטיקייט און באַמיען זיך צו געפינען זייער קוואַל אין דער סוביעקטיווקייט פון דער טבע פון יידישן פאָלק, וואָס האָט איבערגענומען, איבערגעאַרבעט מיט די אייגענע אָנשויאונגען דאָס גאַנצע גייסטיקע גוטס, וואָס עס האָט אומעטום באַגעגנט אויף זיין וואַנדער־וועג אין משך פון כמעט צוויי יאָר־טויזנטן. דאָס שטערט אָבער בשום אופן נישט דעם גייסט, וועלכער קומט אָן פּניות צו זען אין דערדאָזיקער ליטעראַטור גופא אַ גרויסע אָרגאַנישע שאַפונג, וועלכע אַנטוויקלט זיך לויט באַשטימטע געזעצן, האָט, ווי יעדע אַנדערע ליטעראַטור, די צייט פון איר בליאונג און די צייט פון איר ירידה, — נאָך מער אַפילו — צוויי עפּאָכעס פון בליאונג, און אין וועלכער עס האָט זיך אויף אַזאַ אופן דייטלעך אָפּגעשטעמפּלט דער גרונט־פּרינציפּ פון יעדען גייסטיקן שאַפן.

האָט מען אָבער דאָס אָנערקענט, ווערט פאַרשטענדלעך זיין, אַז דידאָזיקע פאַרשטויסענע צווישן די איבעריקע ליטעראַטורן דאַרף ענד־לעך פאַרנעמען די לאַגע פון אַ גלייכבאַרעכטיקטער טאָכטער אין דעם אַלוועלטלעכן פּאָטערלעכן הויז, און איר זאָל צוריקגעגעבן ווערן די געזעצלעכע רעכט, וועלכע זי איז אַזוי לאַנג באַרויבט געווען. דעם ערשטן טריט דאָס צו אָנערקענען האָבן געוואגט צו מאַכן (און אויף דעמדאָזיקן וואַגן מוז מען אין געגעבענעם פאַל באַזונדער געוויכט לייגן) יענע קריסטלעכע געלערנטע פון זעכצנטן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן צוגעלאָזן די יידישע וויסנשאַפט אין דער ספערע פון אַלגע־מיינע וויסנשאַפטן. די שורה פון דידאָזיקע געלערנטע הויבט זיך אָן מיט רייכלינען און סעבאַסטיאַן מינסטער, ווערט פאָרטגעזעצט דורך לוטער און מעלאַנכטאָן, ענדעקט זיך מיט באַרטאָלאָצצי בוקסטאָרף און וואָלף. שפּעטער אַרבעטן אין דערזעלביקער ריכטונג בלויז עט־לעכע פּערזענלעכקייטן, און די „רבנישע" ליטעראַטור פאַרבלייבט נישט קיין געריכטער געביט, צו וועלכן ערשט אין אָנהויב פון היינטיקן*) יאָרהונדערט לייגט־דורך אַ נייעם וועג מיט דער הילף פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט דער עלטסטער פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, ל ע אָ פּ אָ ל ד צ ו נ ץ.

פונקט ווי צונץ איז געקומען אַלס דער מענטש, וואָס האָט גע־פונען דעם וועג פון דערדאָזיקער ליטעראַטור, אַזוי איז ער פאַרבליבן אויך איר פירער ביז היינטיקער צייט. אין זיינע ווערק האָט ער דער

*) XIX י. ה. — איבערז.

ערשטער אַנטוויקלט די גרונט־שטריכן פֿון סיסטעמאַטישן פֿאַרשטיין און באַשרייבן די יידישע ליטעראַטור. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען פיל אַנדערע מיט דעם ציל צו באַלייכטן אַלע באַזונדערע געביטן, וועלכע דער לערער האָט זיי אָנגעוויזן. פֿאַר דער אַלגעמיינער אויפֿ־פֿאַסונג איז גאָר ווייניק געטאָן געוואָרן, כּל־זמן די אַרבעט אין די איינצעלנע געביטן איז זייער פיל געווען. ערשט אין 1847 י. האָט מאָריץ שטיינשניידער, גייענדיק מיט די וועגן, וועלכע צונץ האָט אָנגעמערקט, געקענט אונטערנעמען די ערשטע ענציקלאָ־פּעדישע פּראָבע פֿון אַ סיסטעמאַטישן איבערזיכט פֿון דער יידישער ליטעראַטור נאָך אירע הויפּט־ערשיינונגען. נאָכדעם האָט מען דעם רייכן ליטעראַרישן מאַטעריאַל אָנגעהויבן איבעראַרבעטן פֿאַר דער יוגנט אין אַ גרויסער צאָל לערנביכער. און ווידער־אַמאָל, נישט פריער ווי אין פינפאונצוואַנציק יאָר אַרום, איז דאָס פעלד געווען באַאַרבעט אין אַלע ריכטונגען, לפּחות אין אַזאַ מאָס, אַז דוד קאַסעל האָט גע־האַט די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דעם ווערק „געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור". אָבער פֿון דעם ווערק זיינען אַרויס נאָר צוויי טיילן, וועלכע נעמען־אַרום די ביבלישע ליטעראַטור, אַזוי אַז דאָס ווערק, וואָס מיר לייגן־פֿאָר דעם לעזער, דאַרף פֿאַר־רעכנט ווערן אַלס ערשטער גרעסערער פּרוּוו פֿון סיסטעמאַטישן באַשרייבן די געשיכטע פֿון דער יידי־שער ליטעראַטור. ווער עס וועט נעמען אין אַכט דידאָזיקע אומ־שטענדן, ווי אויך די איבערדערמאָנטע גרויסע שוועריקייטן, און לסוף, די שטענדיקע ענדערונגען אין פֿאָרם און שפּראַך, אין אינהאַלט און אין דעם אָרט, וואו דידאָזיקע ליטעראַטור ווירקט, — יענער וועט זיך צו די פיל טעותן און חסרונות פֿון דעמדאָזיקן ערשטן פּרוּוו געוויס באַציען פּונקט אַזוי ווייך, ווי שטרענג מען האָט זיך ביז איצט באַצויגן צוד ער יידישער ליטעראַטור, וועלכער עס איז אויסגעקומען דורכצולייגן זיך אַ וועג און גיין איבער אים לגמרי אַליין, אָן שום שוץ און מו־טיקונג, אָן אומבאַוואוסטע און אַ פֿאַראַכטע. אָבער וואָס פֿאַר אַן עשירות פֿון אַלע יאָרהונדערטן און וואָס פֿאַר אַ טיפע וועלט־אַנ־שויאונג עס איז געלעגן און עס ליגט אין די אַלע עד־היום נאָך גע־העריק נישט אָפּגעשאַצטע אוצרות פֿון דערדאָזיקער ליטעראַטור — אוצרות, וואָס אַ באַדייטנדער טייל פֿון זיי ליגן נאָך, אַלס מאַנוסקריפּטן, וואַר־טנדיק אויף תחית־המתים, אין די ביבליאָטעקן פֿון איטאַליע, ענג־לאַנד, פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד *).

*) מען קאָן איצט צוגעבן אויך רוסלאַנד, וועלכע שטייט בנוגע צו איינ־

פאַר דעם לעצטן יאָרהונדערט, זינט מען האָט פלייסיק אָנגעהויבן צו זוכן און צו פאָרשן די מאַטעריאַלן פון דער אַלטער צייט, זיינען באַקאַנט געוואָרן מער ווי 28 טויזנט ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ צוזאַמענהאַנגיקן, אין פיל הינזיכטן אַ איבערראַשנד בילד פון דערדאָזיקער ליטעראַטור אין איר סך־הכל, וואָס אויף זיין יסוד טיילן איינע די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ניין, אַנדערע אויף זיבן, און ווידער אַנדערע נאָר אויף פיר פעריאָדן.

אויף וויפיל יעדער פעריאָד דאַרף אויף זיך טראָגן זיין אייגענעם כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל, און מחמת דעם וואָס די וואַנדלונגען אין דער ליטעראַטור, געגליכן צו רייפנדיקע קערנער, קומען נאָר פאַרלאַנגזאַם און אומזיכטבאַר, — איז אַזאַ קלאַסיפיקאַציע פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. מען קאָן זיך דאָ ערגעץ נישט אָנטשעפּן, ווי אין דער געשיכטע, אָן באַשטימטע דאַטן אָדער פאַקטן, כדי פון זיי אויך אָנהויבן צו פירן אַ נייעם פעריאָד, און דעריבער קומט עס אויס פיל מאָל צו באַקוקן דאָס אַלגעמיינע בילד, און נאָך דעם איבערבליק דורכצולייגן די גרעניצן צווישן די פעריאָדן פון דער ליטעראַטור. דאָ וואָלט די צעטיילונג אויף זעקס גרויסע פעריאָדן געשילדערט אַמקלערסטן דעם גאַנג פון דערדאָזיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג לויט אירע פאַרשיידענע שטרעמונגען.

דער ערשטער פעריאָד ציט זיך כמעט ביז 200 יאָר פאַר קריסטוס־געבורט. ער נעמט־אַרום די צייט פון דער אַלט־העברעישער ליטעראַטור און פון דער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, — די צייט, אויף וועלכער מען דאַרף אייגנטלעך קוקן נאָר ווי אויף אַן אַריינפיר צו דער קומנדיקער, נעמענדיק אין אַכט, אַז די אַלט־העברעישע איז דאָך דער פונדאַמענט פון דער שפּעטערדיקער יידישער ליטעראַטור. אין דעם ווערק קאָן געגעבן ווערן נאָר די כאַראַקטעריסטיק פון דערדאָזיקער אַלט־העברעישער ליטעראַטור לויט אירע אידעען און ווערק, אָבער בשום אופן נישט איר קריטישע געשיכטע, ווייל מיר באַטראַכטן דעמדאָזיקן פעריאָד נאָר פאַר דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האָבן שפּעטער טויזנטער פלייסיקע הענט אויפגעשטעלט דעם גרויסן בנין פון דער יידישער ליטעראַטור. די שפּראַך איז כמעט אומעטום העברעיש

קע געביטן פון דער אַלטער יידישער און קאַראַימישער ליטעראַטור זיכער נישט נידעריקער פאַר מערב־אייראָפּע. (אָנמערק. פון דער רוס. רעד.)

און דאָס אָרט, וואו זי ווירקט — פּאַלעסטינע. די ביבלישע שריפטן געהערן כמעט אַלע צום דעם פּעריאָד, ווען דאָס פאָלק ישראל האָט נאָך געגוג שטרענג אָפּגעהיט זיין אייגנאַרטיקייט. דעריבער טאַקי האָט זיך אין זיי אויפן בולטסטן אופן אָפּגעשטעמפּלט דער כאַראַקטער און דער גייסט פונם פאָלק. דידאָזיקע שריפטן האָבן באַקומען אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג און זיינען געוואָרן דער יסוד פונם גאַנצן סך־הכל פון דער אַנטוויקלונג פון די שפּעטערדיקע צייטן. דעמדאָזיקן פּעריאָד באַצייכנט מען אַלס דעם פּעריאָד פון דער ביבלישער ליטעראַטור.

דער צווייטער פּעריאָד ציט זיך אַן ערך ביז דעם 100־טן יאָר נאָך קר. געב. אין אים שטויסט זיך דער יידישער גייסט דאָס ערשטע מאָל אָן מיט דער העלענישער בילדונג און אַסימילירט זיך אין איר. פיל ווערק פון דעמדאָזיקן פּעריאָד זיינען אָנגעשריבן אויף גריכיש, וויי־ניקער — אויף העברעיש. דאָס אָרט ענדערט זיך: אַמאָל פּאַלעסטינע, אַמאָל מצרים. אין דעם פּעריאָד טרעטן דאָס ערשטע מאָל אַרויס אויף דער סצענע אויך ליטעראַרישע אינדיווידואַליטעטן, אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס זייער גייסטיקע אַרבעט ווערט געטאָן הויפּט־זאַכלעך נישט אין דעם געביט, נאָר אין אַן אַנדערן, קאָן מען פונדעסט־וועגן צוליב זייערע כאַראַקטעריסטישע שאַפונגען דעמדאָזיקן פּעריאָד אָנרופן יידיש־העלענישער.

דער דריטער פּעריאָד נעמט־אַרום כמעט אַ גאַנצן יאָרטויזנט. אין אים אַנטוויקלט זיך יענע וואונדערלעכע אַרבעט פון געדאַנק, וואָס איז אַריין איןביידע תלמודים און אין די קרובהשע צו זיי שריפטן. גלייכצייטיק דערמיט גייט די באַשעפטיקונג מיט אַנדערע ווימנשאַפטן און אַפילו מיט פּאָעזיע. ס'ווערן איינגעפירט נקודות און די נגינה, ס'ווערט פעסטגעשטעלט די מסירה, ס'ווערן אָנגעשריבן די תרגומים און דער גרעסטער טייל פון די מדרשים. די שריפט־שפּראַך איז אַראַמיש, און פאַר די לעצטע יאָרהונדערטן שוין אַראַביש אויך *). נאָך דער וויכטיקער און שטענדיקער השפעה, וואָס די אויבנדער־מאָנטע אַרבעט האָט געהאַט אויף די שפּעטערדיקע דורות, קאָן מען דעמדאָזיקן פּעריאָד, וואָס זיין אָרט איז דער עיקר בבל און פּאַלעס־טינע, באַצייכענען אַלס תלמודישע ליטעראַטור.

---

*) מען דאַרף צוגעבן, אַז אַלנפאַלס אויך העברעיש, וואָס אויף איר זיינען אָנגעשריבן אַ באַדייטנדער טייל פון תלמוד און פון די מדרשים, תפילות און ענ־לעכע. (אָנמ. פון דער רוס. רעד.)

דער פּערטער פּעריאָד איז די צווייטע גאָלדענע צייט פון דער יידישער ליטעראַטור און דויערט אַן ערך דריהונדערט יאָר. די יידן נעמען אָנטייל אין אַלע ריכטונגען פון דעם גייסטיקן לעבן פון די אַראַבער, זיי שרייבן אויף די אַראַבישע, העברעישע און אַראַמישע שפּראַכן. זיי פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און גראַמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין, עקזעגעטיק און טעאָלאָגיע. די אַראַבישע ריפמע און פּראָסאָדיע רופן אַרויס אייפעריקן נאָכטאָן, און דאָ הויבט זיך אָן דאָס בליען פון דער ניי־העברעישער פּאָעזיע, וועלכע ציט זיך נאָך דעם העכער צווייהונדערט יאָר. דאָס אָרט פון דער טעטיקייט איז די פאָדערשטע אַפריקע, שפּאַניע, איטאַליע. גלייכצייטיק בליט אין פראַנקרייך די ביבל־עקזעגעטיק, און אין דעמזעלביקן לאַנד, אויך אין גערמאַניע — דאָס שטודירן פון געזעץ. אָבער דעמדאָזיקן פּעריאָד, וואָס ציט זיך ביז דעם טויט פון רמב״ם, אַלזאָ ביזן אָנהויב פון 13 י. ה., רופט מען מיט רעכט דער פּעריאָד פון דער יידיש־אַראַביש־שפּאַנישער ליטעראַטור.

דער פינפטער פּעריאָד האָט אייגנטליך קיין באַשטימטן כאַראַקטער נישט. ער נעמט־אַרום כמעט פינף יאָרהונדערטן, ביז מענדעלסאָנס ערשיינען. דאָס צעשפּרייטקייט פון די יידן נאָך דעם נייעם שפּאַנישן גלות, די בוכדרוקעריי, דער רענעסאַנס פון דער וויסנשאַפט האָבן אַלע דיזעלביקע ווירקונג. די קבלה, אָדער די געהיימע לערע, לאָזט אַלץ טיפער און טיפער וואָרצלען אין די פינצטערע יאָרן פון דעמדאָזיקן פּעריאָד. צוזאַמען דערמיט פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער דאָס לערנען תורה, וועלכע שטופּט אַרויס די פּאָעזיע און די פילאָזאָפיע פון די פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן איינגענומען מיט שווערער מי. די וויכטיקסטע ווערק פון דערדאָזיקער צייט האָבן נישט קיין באַשטימטע שפּראַך, סיידן מען זאָל אָנערקענען פאַר אַזאַ שפּראַך יענעם תלמודישן דיאַלעקט, וואָס איז אַ געמיש פון העברעיש און אַראַמיש. דאָס איז דער פּעריאָד פון דער רבנישער ליטעראַטור.

קומט דער לעצטער, נאָך נישט פאַרענדיקטער פּעריאָד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פון די לעצטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, און אין וועלכע די פירער ווערן די יידן פון דייטשלאַנד. מחמת דעם איז אויך די שפּראַך פון די וויכטיקסטע ווערק — די דייטשע; פאַרשטענדלעך, אַז גלייכצייטיק דערמיט, ווי דאָס איז געווען אין די פריערדיקע פּעריאָדן, שרייבן זיך באַדייטנדיקע ווערק אויך אין העברעיש און כמעט אין אַלע לעבעדיקע שפּראַכן *). אין דעם נייעם פּעריאָד, וואָס

*) אין 1908 י., ווען די אויסגעבעסערטע אויסגאַבע פון דעם ווערק איז

מ'קאָן אים אָנרופן דער רענעסאנס פון דער וויסנשאַפט, ענדערן זיך, נאַטירלעך, דער כאַראַקטער, די פאָרמע און דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור. די פאָעזיע לעבט־איבער אַ נייע בליאונגס־צייט. צו אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג דערגרייכט די שיינע ליטעראטור און די וויסנשאַפט. דער נאָמען פון דעמדאָזיקן פעריאָד גיט זיך אליין — ער נעמט־אַרום **די יידישע ליטעראַטור פון דער נייער צייט.**

נאָך דידאָזיקע פעריאָדן וועלן מיר טאַקי באַשרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אויך אין אַלגעמיינע שטריכן. ביבליאָ־גראַפישע פולשטענדיקייט איז דאָ נאַטירלעך אויסגעשלאָסן, און די גענויע רשימה פון אַלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און פון אַלע געלערנטע מחברים גייט ניט אַריין אין דער אויפגאַבע פונם דאָזיקן ווערק, וואָס וויל שילדערן נאָר דאָס גייסטיקע לעבן פון יידישן פאָלק אַלס אַ טייל פון דער גייסטיקער אַרבעט פון דער גאַנצער מענטשהייט, און זיין לי־טעראַטור — אַלס אַ ממשותדיקן באַשטאַנד־טייל פון דער אַלוועלטלע־כער ליטעראַטור.

„אויב דער סך־הכולל פון דער גייסטיקער טעטיקייט איז אַ ים, — זאָגט לעאָפּאָלד צונץ אין איינעם פון זיינע ווערק איבער דעמזעלביקן קעגנשטאַנד, — דעמאָלט איז איינער פון די טייכן, וועלכע גיבן אין אים אַריין וואַסער, דווקא די יידישע ליטעראַטור; און אין איר, פונקט אַזוי ווי אין אַנדערע, זעט מען דייטליך אַלדאָס איידלסטע, וואָס האָט אָנגעפילט די נשמות און פאַר וואָס זיי האָבן געקעמפט; אויך באַווייזט זי אונז די פאַרשיידנאַרטיקע מעשים פון דעם דערקענענדיקן גייסט. און אויב ביי הייגטיקער צייט זיינען מיר די עדות און די קינדער פון אַן אייביק שאַפנדיקער טעטיקייט, איז אונזער הווה אויך נאָר דער אָנהויב פון אַ צוקונפט, אַלזאָ אַן איבערגאַנג פון דערקענטעניש צום לעבן. די אידעאַלן פון גייסט, — דערקענטע און דורכגעפילטע, — גיבן דעם גע־דאַנק פרייהייט, דעם געפיל — שיינקייט, דאָס שווימען איבער איינעם פון די טייכן קאָן ברענגען צו דעם אורקוואַל, פונוואַנען עס אַנט־שטראָמען זיך אַלע גייסטער און אַרום וועלכן, ווי אַרום אַן אומבאַוועג־לעכן פאָל, עס באַוועגן זיך אַלע ריכטונגען".

אַרויס, זיינען שוין דווקא יידיש און העברעיש געוועזן שפּראַכן, אויף וועלכע די וויכטיקסטע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן. אָבער דער מחבר האָט עס, אפנים, איג־נאָרירט. (באַמערק. פונם איבערז.)

ערשטער פּעריאָד

די בּיבּלישע ליטעראַטור

אריינפיר

אין איינער אַ רירנדער פּאָעטישער סצענע פון משפחה־לעבן, וועלכע שילדערט דאָס פאָלק ישראל אין מדבר, פרעגט דער פּאָטער פון דער משפחה כּסדר באַזונדערע אירע מיטגלידער, וואָס האָבן זיי מציל געווען פונם גאַנצן גוטס, ווען דער שונא האָט זיי אַרויסגעטריבן פון דער היים, פון די פאָטערס לאַנד.

„דינעם לייוונט, אַ ווייסן טעפּיך

„און אַ גאָלדענעם נאָזבאַנד", —

ענטפערט די קלוגע מוטער. אָבער דער פּאָטער ראַט איר דעם טעפּיך און דעם לייוונט אַריינצוואַרפן אין פייער, און די צירונג — טיף אין טייך פּרת. נאָכדעם פרעגט ער ביי דער טאָכטער, וואָס האָט זי געראַטעוועט, ווען זי איז געלאָפן פון כּרמל, דעם באַרג פון הייליקן לאַנד.

„ווייסע ליליעס פון אונזער גאָרטן

„אַלס אָנדענקען פון פאָטערלאַנד", —

ענטפערט די ליבליכע טאָכטער. „דיינע בלומען וועלן פאַרוועלקן, — ערקלערט איר טרויעריק דער פּאָטער; — זיי זיינען פרעמדע אין בבל, נאָר די ערד פון יהודה גיט זיי לעבן". און נאָכדעם ווענדט ער זיך צום זון מיט דער פראַגע, וואָס האָט ער געראַטעוועט, ווען דער ווילדער פלאַם האָט פאַרניכטעט דעם פאָטערס הויז.

„איך האָב מיט זיך גענומען אַ סערפּ און אַ רידל,

דער סערפּ — פאַר אַ שווערד, דער רידל — צו גראָבן אַ קבר..."

„דאָס אייזן וועט אויך פאַרראָסט ווערן! — ענטפערט דער גרויער פּאָטער. — אומגעלומפּערטע, נאַרישע זאַכן האָט איר געראַטעוועט. דאָס אַלץ וועט צעפוילט ווערן!...

גיט אַ בליק אַהער, קינדער, אויף דעמדאָזיקן וואָרט פון לעבן!

דאָס האָב איך באַהאַלטן אין מיין ברוסט, ווען מיר זיינען אַנט־רונען. היט עס!"

יענער, וואָס האָט אויסגעטראַכט דידאַקטישע פּאָעטישע פאַמיליען־סצענע, איז געווען נישט בלויז אַ קענער פון דער יידישער אייגנאַרטי־קייט, נישט בלויז אַ שטאַרק־פּילנדיקער פּאָעט; מיט טיפן פאַרשטאַנד און קלערער, איידער דאָס וואָלטן געקאָנט מאַכן גאַנצע ביבליאָטעקן פון געשיכטלעכע און קריטישע ווערק, האָט ער אויסגעמאָלט די געשיכטע, די שטעלונג און די באַדייטונג פונם דאָזיקן בוך, וואָס די גאַנצע גע־בילדעטע מענטשהייט פאַרערט אונטער דעם נאָמען ביבל און וואָס פילט אַליין מיט זיך אויס די ערשטע אָפּטיילונג פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויב מיר וועלן פרעגן וועגן די סיבות, פאַרוואָס ס'דאָזיקע בוך אַליין האָט געקאָנט דערוואָרבן אַזאַ גרויסע וועלט־היסטאָרישע באַדיי־טונג, וועט אונז קוים אויף דער העלפט באַפרידיקן איינער פון יענע טויזנטער מאָטיוון, מיט וועלכע די קריטיק באַמיט זיך צו דערקלערן דעמדאָזיקן גאַנץ אויסנעמלעכן, וואונדערלעכן פאַקט. פון וואָס פאַר אַ רעליגיעז דער מענטש זאָל נישט האַלטן — מוז ער אין דעם אויפהייבן־זיך, פאַרשפּרייטן־זיך און אין דער פאַרערונג פון דעמדאָזיקן בוך אָנערקענען איינע פון יענע דערשיינונגען, וועלכע מ'רופט־אָן השגחה און וועלכע ברענגען צום גלויבן אין דער אוממיטלבאַרער ווירקונג פון אַ העכערער קראַפט אויף דעם גורל פון דעם מענטשלעכן מין.

אויב נאָך אין אונזער צייט, נאָכדעם אַז עס זיינען אַריבער אַזוי פיל יאָרטויזנטן, פאַרצייכנט דער פּויער פון די אומפּריינדלעכע אלפּישע ערטער אין דעם בוך פון די פאַסטוכישע געשיכטעס וועגן אברהם און יצחק די וויכטיקסטע געשעענישן פון זיין אייגענעם משפחה־לעבן,— אויב נאָך אין אונזער צייט קריגט דאָס קינד פון דער אויפגעקלער־טער עפּאָכע פריער פאַר אַלץ און מער פאַר אַלץ ליב דעם „ברוינעם פּאַליאַנט" און דער רייפער מענטש עפנט שטענדיק אויף מיט פרייד דעם „פריינט פון די קינדער־יאָרן", די גרויסע פאַמיליען־ביבל, כדי אַביסל צו לייענען אין איר וועגן יוספן און זיינע ברידער, וועגן יעקבן און עשׂון, וועגן משהן און די מצרים, — איז דאָס אַלץ נאָר אַ הוספה צו דעם פאַקט, וועלכער לאָזט זיך נישט דערקלערן אויסשליסלעך נישט מיט היסטאָרישע, נישט מיט עטישע, נישט מיט עסטעטישע טעמים, נאָר וועלכער ווייזט אַפּנים אָן אויף אַ געהיימניספולן, טיף־באַהאַלטענעם קוואַל.

געוויס, די לאַגע, וואָס די ביבל האָט דערוואָרבן אַלס דאָס

גרונט־בוך פון צוויי גרויסע רעליגיעס, אַלס דאָס ערציאונגס־בוך פון מיליאָנען און מיליאַסן מענטשן אין אַלע צייטן, האָט פאַרשאַפט אַ גרויסן שאָדן איר אינערלעכן ווערט און דעם ריינעם פאַרשטיין זי. די יידישע רעליגיע האָט צוגעגעבן די הייליקע שריפטן אַ הייליקע באַדייטונג, וועלכע אין זיי, אגב, נישט פרעמד געווען, אַלס די עלטסטע דאָקומענטן פון יידישן געזעץ. די קריסטלעכע קירך ווידער האָט פראָקלאַמירט די דאָגמאַטישע אויפפאַסונג פון דער ביבל, וועלכע זעט אין געוויסע ערטער פון די כתובים און אין פאַרשיידענע ווערטער פון די נביאים אַ אָנווייז אויף דער צוקונפט פון דער קירך און אויף אירע גרינדער.

דורכדעם איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער פשוטער זינען פון דעם ביבלישן וואָרט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ טאָפּלטע עקזעגעטיק — איינע אַ פשוטע, אַ ראַציאָנעלע, אַ היסטאָרישע; די צווייטע — אַן אַלעגאָרישע, אַ טיפּישע אָדער דאָגמאַטישע. ביידע ריכטונגען גייען פּאַראַלעל איינע מיט דער צווייטער, אָבער ביידע האָבן זיך אָפט איבערגעצאַמט דעם וועג, צווישן זיך געקעמפט, און סוף־כל־סוף האָבן ביידע נישט־זעלטן געמאַכט אַ שטאַרקן דרוק אויפן קלאָרן ביבלישן וואָרט.

נאָר אין פאָריקן יאָרהונדערט — איבערהויפּט פון העדערן אָן, איז אַנטשטאַנען אַ דריטער מין בליק אויף דער ביבל, וועלכער באַקומט אַלץ מער און מער אָנהענגער און וועלכן עס געהערט געוויס אויך די צוקונפט, דאָס איז דער ריין־עסטעטישער בליק. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט זאָל די ביבל אויפגעפאַסט ווערן אויך אַלס דער יסוד פון אַ ליטעראַר־היסטאָרישער באַשרייבונג. צו־לאַנג האָט שוין דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם דאָגמאַטישן און איז פונם ראַציאָנאַליסטישן נישט אָנערקענט געוואָרן. עס איז נויטיק, ער זאָל פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, כדי די אַלטע מחלוקת וועגן דער אָפּשטאַמונג און דער טעאָלאָגישער באַדייטונג פון דידאָזיקע הייליקע אורקונדן זאָל נישט מאַכן פאַרגעסן זייער געהויבענע פראכט.

פון דעמדאָזיקן ריין ליטעראַר־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט איז נישט וויכטיק, וואָס פאַר אַ לאַגע אין פאַרשיידענע רעליגיעס עס ווערט דער ביבל געגעבן, וואָרום דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט קאָן צוזאַמענגיין מיט יעדער פאַרשטענדיקער רעליגיעזער אויפפאַסונג, אויסער נאָר מיט דעם טעאָלאָגישן אַבערגלויבן און מיט דעם אויסגעשפּראָכענעם אַטעאיזם. צי ווערט זי אָנערקענט אַלס וואָרט פון גאָט און פון זיין געטלעכער אַנטפּלעקונג, צי קוקט מען אויף איר, ווי אויף אַ ווערק פון מענטשן, וואָס איז געשאַפן מיט רוח־הקודש — דאָס זיינען פראַגן, וואָס דער־

קלערן זיי איז די זאַך פון גלויבן און פון טראַדיציע, פון שכל און פון וויסנשאַפט. צו אַ פאַרשטענדיקונג וועט דאָך דידאָזיקע מלחמה, וועלכע ווערט געפירט שוין אַזוי פיל יאָרהונדערטן, בשום אופן נישט קומען, און פאַרן עסטעטישן פאַרשטיין און פאַר דער ליטעראַטור־געשיכטלעכער אָפשאַצונג פון דער ביבל האָבן נישט דידאָזיקע מלחמה, נישטביידע איבענדערמאָנטע אָנשויאונגען קיין באַזונדער ווערט. דאָ פּאַסן די באַוואוסטע ווערטער פון די חכמי־התלמוד: „די תורה רעדט אויף דער שפּראַך פון מענטשן", — ווערטער, וואָס האַלטן אין זיך אַיין דעם ערשטן אָנווייז אויף אַ פשוטער און קלאָרער באַהאַנדלונג פון די ביבלישע שריפטן, ווי עס האָבן דידאָזיקע אַזוי פיל מאָל נישט־אָנערקענטע חכמים צייטנווייז זיך אַרויסגעוויזן בנוגע צו דער פראַגע ליבעראַלער פאַר פיל נייע טעאָלאָגן און ביבל־קריטיקער, וועלכע וואָלטן קוים געוואַגט צו באַהויפּטן, אַז דער פשוטער זינען פון וואָרט — איז אַ זאַך פאַר זיך, און די דאָגמע איז אַ זאַך פאַר זיך, אָדער אַז די תורה קאָן מען ערקלערן אויף זיבעציק אופנים, אָבער קיינמאָל, גיבען זיי צו, דאַרף מען ביים טעקסט נישט אָפּנעמען זיין נאַטירלעכן וואָרט־זינען.

פאַר אונז, וואָס מיר הערן נישט אויף צו לייענען און ווידער איבערצולייענען מיט פאַרגעניגן און מיט פרייד דעמדאָזיקן געהויבענעם דענקמאָל פון מענטשלעכן געשלעכט, וואָס דער גאַנצער גאַנג פון בילדונג און אַנטוויקלונג איז ביי אונז ענג פאַרוועבט מיט דער ביבל, וואָס מיר זיינען דערצויגן און אויסגעוואַקסן אויף אירע העלדן און נביאים, האָט די ביבל אַ גרויסע און אַן אומפאַרגייגגליכע באַדייטונג, אַלס „ספר הספרים", בוך איבער אַלע ביכער, און וועט דידאָזיקע באַדייטונג פאַרהיטן ביז דער צייט, ווען אונזער קולטור וועט נישט פאַרלירן איר באָדן אין דער מענטשהייט. וואָרום אין דעמדאָזיקן הייליקן בוך געפינען מיר אין איין רייע מיט פרוכטיקע לעגענדעס און מיט סאַמע איינפאַכע פאַקטן־דערציילונגען די טיפזיניקסטע פּראָבלעמען פון לעבנס־חכמה, די קלאָרסטע משלי־מוסר און די געהויבנסטע פּאָעטישע בילדער; נעבן דעם אידעאַל פון אַ פרייער מלוכה אין דער צוקונפט — די סאַמע הומאַנישע און סאַמע איידעלע וועלט־אָנשויאונג; נעבן די דערהויבנסטע שטימען פון נאַטור־פּאָעזיע — די ליבלעכסטע קלאַנגען פון עראָטישער ליריק, די האַרציקסטע און פלאַמעדיקסטע לידער פון נאַציאָנאַלן גליק און אומגליק, די טויבע טענער פון פאַרצווייפלטן פּעסימיזם און די פריידיקע הימנען פון דער געהויבענער טעאָדיצע, — פאַראייניקט צו אַ העכערער האַרמאָניע. אַזאַ בוך האָט לייכט געקאָנט ווערן אַליין דער פונדאַמענט פון אַ ברייטער לי־

טעראַטור, וועלכע נעמט־אַרום אַלע צווייגן פון מענטשלעכן וויסן און קענען. איר העכערער השפעה האָט מיט־דער־צייט נאַטירלעך געמוזט אונטערטעניק ווערן אַלץ; זי איז געוואָרן דער ריכט־שנור פון לעבן און דער מוסטער פון שאַפונג פאַר דער נאַציע, וואָס איר גורל איז ענג געווען פאַרבונדן מיט דעם גורל פונם דאָזיקן בוך און וואָס מען האָט איר דעריבער נישט אָן באַרעכטיקונג אַ נאָמען געגעבן „עם־הספר" — דאָס בוך־פאָלק.

פאַר דערדאָזיקער פשוטער און דער באַדייטונג פון דער ביבל אפשר אַממערסטן אַנטשפּרעכנדיקער אויפפאַסונג זאָלן מיר זיך האַלטן. אַלץ, וואָס באַציט זיך צו דעם געביט פון דער העכערער קריטיק, — אַלס אַזוינס וואָס האָט נישט קיין וועזנטלעכע באַדייטונג פאַר דער עסטעטישער באַטראַכטונג,—זאָל אויסגעשלאָסן זיין פון אונזער אַרבעט אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס וועט זיין נוצלאָז פאַר דעם פאַרשטיין פון איינפאַכן וואָרט־זינען.

אַזאַ מעטאָד איז דעריבער וויכטיקער, ווייל די קריטישע עקזעגעטיק האָט זיך שטענדיק צוהילף גענומען די דאָגמאַטיק, די אַרכעאָלאָגיע און די גראַמאַטישע אויסטייטשונג; אָבער די ליטעראַטור־געשיכטלעכע אָפּשאַצונג איז כמעט פאַרוואָרלאָזט געבליבן. און אין דער אמתן געהערט די צוקונפט בלי־ספק דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, ווי פרעמד עס זאָל אים נישט זיין די קעגנוואַרט. ער שטערט לגמרי נישט דער היסטאָרישער און קריטישער אויספאָרשונג; פאַרקערט, ער העלפט אי דעם, אי יענעם און אָנערקענט פולקאָם זייער רעכט אויף עקזיסטענץ. אָבער דער אומגעהייערער אַפּאַראַט פון קריטישער לומדות, וואָס מען האָט אָפּט אָנגעצויגן צו דער דערקלערונג, איז פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס אַן אומנוצלעכער באַלאַסט, מחמת ער העלפט נישט דעם פאַרשטיין פונם פשוטן ביבלישן וואָרט, נאָר ער פאַרשווערט אַפילו און פאַרטונקלט זיין פשוטע און קלאָרע שפּראַך.

* * *

שוין אַ קורצער איבערבליק איבער דעם קולטורעלן און רעליגיעזן צושטאַנד פון די אַלטע בני־ישראל, איבערן לאַנד, וואו די ביבל איז אַנטשטאַנען, און דער שפּראַך, אויף וועלכער זי איז אָנגעשריבן, ווי אויך אויף דער איינטיילונג פון דער ליטעראַטור גופא, וועט קלעקן צו דערלייכטערן דאָס אַלגעמיינע פאַרשטיין זי. גרונטלעכע אויספאָ־

שונגען, וועלכע ברענגען צו די קוועלן, וועלן נאַטירלעך אין אַ גרויסער מאָס מיטהעלפן דעמדאָזיקן פאַרשטיין. די עברים, אָדער די בני־ישראל, געהערן צו דער סעמיטישער שפּראַך־פאַמיליע. דער נאָמען „העברעער" קומט אַרויס לכתחילה פון עֵבר, דעם זון פון שֶׁלַח, וואָס פון אים שטאַמט אין זיבעטן דור אברהם; דער נאָמען „סעמיטן" שטאַמט פון שֵׁם, דעם זון פון נח. אָבער לכתחילה איז „עברי" — העברעער — אַפּנים אַ באַצייכענונג פון דעם שבט נאָמאַדן, וואָס האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר, וועלכע די באַזעסענע פעלקער האָבן זיי געגעבן און מיט וועלכער זיי אַליין האָבן שפּעטער זיך גענומען רופן. צו דעמדאָזיקן סעמיטישן שטאַם געהערן די אשורים, בבלים (שפּעטער אויך כשדים גערופן), די אראַמעער (שפּעטער סיריער), פעניציער, עברים, פוניער, אַראַבער און עטיאָפּן (כּוש). דער אַלגעמיינער פאַר דידאָזיקע אַלע פעלקער נאָמען „סעמיטן" איז שוין נישט איינמאָל באַקעמפט און אָפּגעפרעגט געוואָרן, אָבער ער איז פאַרבליבן עד היום.

וועגן די סעמיטן, זייער שפּראַך, גייסטיקער אַנטוויקלונג האָבן די היסטאָריקער און עטנאָגראַפן פאַר די לעצטע יאָרצענדליקן געקראָגן פיל נייע און אינטערעסאַנטע ידיעות. די גרויסע אויסגראָבונגען אויפן מזרח, די פעניצישע אויפשריפט פון מאַרסייל, דער אָרון פון עשמונאצאַר, קעניג פון צידון, די מצבות פון מֵישע מלך מואָב, די השילוח־אויפשריפט און פיל אַנדערע בבלישע און אַשורישע אויפשריפטן, וואָס די גרעסטע געלערנטע פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין זייער אַנטשיפערונג, האָבן געוואָרפן אַ נייע שיין אויף דידאָזיקע שטאַמען און אָנערקענט די בכורה אין דעם אַרויסטריט אויף דער היסטאָרישער אַרענע אויפן מזרח פאַר די בבלים *).

אָבער ביי דידאָזיקע אַלע געלערנטע אויספאָרשונגען איז מען בנוגע צו די העברעער זיך באַגאַנגען נישט מיט יושר, פאַררעכענענדיק זיי גלאַט אַזוי, נישט פונאַנדערקלייבנדיק זיך, צו די איבעריקע סעמיטן און צונויפמישנדיק זיי מיט יענע אין אַלע הינזיכטן. ביי די העברעער זיינען טאַקי געווען מיט די איבעריקע סעמיטן אַלגעמיינע מעלות און חסרונות; אָבער ס'איז לחלוטין נישט ריכטיק צו ריידן וועגן איין סעמיטישער רעליגיע און אָנבינדן אַלע דידאָזיקע פעלקער פון פאָדער־

*) מען דאַרף צוגעבן: אויסער די מצרים, וועלכע זיינען וואַרשיינלעך אַרויסגעטראָטן אויף דער היסטאָרישער סצענע נאָך פריער. (אָנמ. פון דער רעד. פון דער רוס. איבערז.)

אזיע איין ג ע מ י י נ ז אַ מ ע ן מאָנאָטעאיזם. די סעמיטישע רעליגיעס זיינען, פּונקט ווי אַלע איבעריקע רעליגיעזע אָנשויאונגען פון דער אַלטער וועלט, איינגאַנצן ווייט פון דער אידעע פון מאָנאָטעאיזם. אויף דער העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג אָנערקענען זיי אַ געטלעכע איינהייט אין וועלטאַל, אַ א ו נ י ו ו ע ר ס, בשעת די רעליגיע פון די עבֿרים פאַרשטייט גאָט, אַלס גייסט, ווי אַ גאַנץ פרייען, מאָראַלישן ווילן, וועלכער צעשווימט נישט אין דער נאַטור, אידענטירט זיך נישט מיט איר, אָבער אין זיין אומענדלעכער פרייהייט און דערהויבנקייט באַהערשט ער אַלדאָס ענדלעכע און נאַטירלעכע. די העברעישע רעליגיע איז ג י י ס ט י ק ע ר מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם, די רעליגיע פון אַנדערע סעמיטישע פעלקער איז אַפילו אין איר העכסטער אַנטוויקלונג נאָר נ אַ ט ו ר - ר ע ל י ג י ע. דער אינסטינקט פון מאָנאָטעאיזם איז אַ ערפינדונג פון די נייע פאָרשער, וואָס האָבן ביי דערדאָזיקער היפּאָטעזע איבערגעלאָזן אָן אויפמערקזאַמקייט דעם Allât פון די אַראַבער, די איסטאַר פון די בבֿלים און די אשורים, די עשתרת פון די פעניציער, דעם מולך און דגון און אַז. וו. פּונקט אַזוי אָן אינהאַלט איז די אונטערזוכונג — פונוואַנען האָבן די יידן גענומען דעם מאָנאָטעאיזם. זיי האָבן זיך עס קוים געקענט אויסלערנען ביי די מצרים, וואָס זייערע רעליגיעזע אָנשויאונגען זיינען אונז גענוג באַקאַנט. שוין דאָס באַרימטע „טויטנבוך" און די גענעאלאָגיע פון אָמון־חנום איבערצייגט אונז, אַז דידאָזיקע מצרישע מיסטעריעס האָבן קיין שייכות נישט מיט דער ריינער מאָנאָטעאיסטישער אידעע. אויך די בבֿלים זיינען נישט געווען זייערע לערער אין רעליגיע־ענינים, וואָרום אין זייער קאָסמאָלאָגיע שפּילן די הויפּט־ראָלע די ליכט־פּיינטלעכע כאַאָסמעכטע, די טיאַמאַט און די פון איר געבוירענע אומגעהייערס — בשעת דאָס ערשטע בלאַט פון דער ביבל דערציילט מיט קלאָרער פּשוטקייט: „אינאָנהויב האָט ג אָ ט באַשאַפן הימל און ערד".

אויפן יסוד פון דער קרובהשאַפט צווישן די גרויסע ציקלען לעגענדעס וועגן דער וועלט־באַשאַפונג און דעם מבול זיינען, פאַרשטייט זיך, מעגלעך די אויספירן, אַז עס זיינען אין דעם פאַל אויסגענוצט געוואָרן געמיינזאַמע קוועלן. און אַוודאי איז דער חוב פון דער וויסנשאַפט — נישט אַכט געבנדיק אויף דער גאווה פון שטאַם און נאַציאָנאַלער באַרימעריי אָדער אויף רעליגעזע איבערצייגונגען און דאָגמעס — צו גיין נאָך די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג. דאָך דאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן, פאַר יעדן באַזונדער דאָס זייניקע ערלעך צו אָנערקענען.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ פאָלק מיט אַזאַ פוסטער מאָנאָטע־

איסטישער אָנשויאונג האָט זיך נישט פֿאַרנומען מיט קונסט. די מיסיע פֿון די עבֿרים איז געווען: דערקענען גאָט און פֿאַרשפּרייטן ס׳דאָזיקע דערקענען איבער דער גאָרער וועלט. יאָ, צו קונסט האָבן זיך די עבֿרים באַצויגן אַפֿילו מיט אַ געפֿיל פֿון עקל, מחמת ביי זייערע סעמיטישע שטאַם־חבֿרים האָט זי געבראַכט צו דעם נאָכמאַכן די נאַטור און זי צו פֿאַרגעטערן, בשעת ביי דעם אָנהענגער פֿון דער עבֿרישער רעליגיע איז די דאָזיקע נאַטור אינגאַנצן אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט פֿאַר גאָט, אַלס דעם באַשעפֿער פֿון דער וועלט. נאָר מיט פּאָעזיע, און דווקא מיט לירישער, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פֿון געפֿיל, און מיט מוזיק האָבן זיי זיך פֿאַרנומען זייער פֿלייסיק. זייערע לירישע און מוזיקאַלישע ווערק שטייען אין איין שורה מיט די באַדייטנדסטע דערשיינונגען אין דעם־דאָזיקן געביט ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער אַלטער צייט, אָדער זיי שטייגן זיי נאָך אַפֿילו אַריבער אין אייניקע הינזיכטן. עס איז די עבֿרים אויך נישט פֿרעמד געווען די בוי־קונסט מיט אירע בוי־צווייגן, פּונקט ווי פֿעלד־אַרבעט, גערטנעריי און ד. גל. נאָר פּלאַסטיק און מאָלעריי האָבן זיי נישט קולטיווירט, ווי געזאָגט, צוליב רעליגיעזע טעמים. זיי איז אויך געווען פֿרעמד די מימישע קונסט. אָבער דער טאַנץ איז גראָד געווען זייער אַנטוויקלט און פֿלעגט דורכגעפֿירט ווערן אונטער אַקאָמפּאַנימענט פֿון מוזיק. בכלל אָבער איז די באַאַרבעטונג פֿון דער קונסט נישט געווען די שטאַרקע זייט און די אויפֿגאַבע פֿון פֿאָלק ישראל.

דערפֿאַר האָט עס אַלע סעמיטישע פֿעלקער איבערגעשטייגט מיט זיין ליטעראַטור; וואָרום נאָר פֿון די אַראַבער און פֿון די בבֿלים האָבן מיר שפּורן פֿון אַ רייך און אָריגינעל שריפֿטטום, אָבער יענץ קאָן מען בשום אופֿן נישט פֿאַרגלייכן מיט דעם יידישן.

פֿאַרקערט, זייער קולטור האָט זיך געפֿונען טיילווייז אין קרובֿהשאַפֿט מיט דער קולטור פֿון אַנדערע סעמיטן. ישראל איז געווען אַ פֿעלד־אַרבעטער און אַ פֿי־האָדעווער. אין זיין פּאָטערלאַנד פּאַלעסטינע האָט „געפֿלייצט מילך און האָניק״, און זיין געזעלשאַפֿטלעכער אידעאַל איז געווען אַ צייט, ווען „יעדער זיצט אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פֿייגנבוים״. שפּעטער, אין דער צייט פֿון די מלכים, איז די דאָזיקע איינפֿאַכקייט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשוואונדן. פֿון די שכנישע לענדער איז אַהערצו אַריינגעדרונגען לוקסוס און אויסגעצערטלטקייט. אָבער די רעליגיעזע אידעע האָט פֿאַרהיט דאָס פֿאָלק, וואָס וואָלט אָן דעם, בלי־ספק, פֿאַרשוואונדן אָן אַ שפּור, ווי עס זיינען פֿאַרשוואונדן די אדומים און מואָבֿים און אַלע איבעריקע שבֿטים, וועלכע האָבן

אין יענער צייט געבליט און זיינען אין קולטורעלער הינזיכט אָפּט געשטאַנען העכער פאַר די בני־ישראל.

די רעליגיעזע אידעע האָט די יידן נאַטירלעך געבראַכט אויך צו גייסטיקער טעטיקייט. זיי האָבן זיך זייער פרי אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט דער בוכשטאַבן־שריפט. לויט דער פאָרם איז זי אין תוך גענומען געוועזן דער אַלט־סעמיטישער אַלף־בית, וועלכער איז אונז באַוואוסט פון אויפשריפטן און מטבעות און וועלכער האָט ביי פאַרשיידענע שטאַמען אַן אַנדער טיפּ אָנגענומען. דערביי איז אָבער אין געברויך געוועזן אויך די קוואַדראַט־שריפט, וועלכע אַנטשפּרעכט דער אַלט־העברעישער און וואָס דער תלמוד זאָגט בטעות, אַז עזרא האָט זי איינגעפירט, בשעת אין דער אמתן האָט די ערשטע זיך איינגעהאַלטן ביי יידן ביז אין דריטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געב. דער שפּעטערדיקער אַלף־בית, די קוואדראַט־שריפט, איז אַן אַנטוויקלונג פונם אַראַמישן צווייג פון דעם אַלט־סעמיטישן אַלף־בית און האָט צו דאַנקען פאַר דעם, וואָס זי איז אויפגענומען געוואָרן פון די יידן, דער הויכער באַדייטונג, וואָס די אראמישע שפּראַך האָט אין זעקסטן און די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן געהאַט אַלס דיפּלאָמאַטישע שפּראַך.

די אַלט־העברעישע שפּראַך איז אַ צווייג פון דעם גרויסן סעמיטישן שפּראַך־שטאם, אָבער לגמרי מיט אייגנאַרטיקער אויסבילדונג. דערדאָזיקער שפּראַך־שטאַם טיילט זיך אויף פיר הויפּט־צווייגן: דער מזרח־סעמיטישער, דער צפון־סעמיטישער אָדער אראמישער, דער מיטלסעמיטישער אָדער כנַעַנישער (אַהער געהערן די העברעישע און פעניצישע שפּראַכן) און דער דרום־סעמיטישער, ד. ה. דער אַראַבישער און דער עטיאָפּישער. דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון די סעמיטישע שפּראַכן איז דער טריליטעראַליזם, ד. ה. וואָס דער שורש באַשטייט פון ד ר י י אותיות, בשעת די וואָקאַלן זיינען פאַר דער באַדייטונג פון די וואָרצלען גאַנץ גלייכגילטיק און דינען נאָר צו ניואַנסירן די שרשים אין די פאַרשיידענע פאָרמען פון שֵמות און פעָלים.

אין איר ריינער, אָן שום צומיש פון פרעמדע שפּראַכן, פאָרם איז די העברעישע שפּראַך געווען וואוילקלינגעדיק, קערנדיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אויסדרוק פונם טיפסטן געפיל און דער וואַרימסטער האַרצלעכקייט, פונקט אַזוי ווי פאַר שעפערישער אוממיטלבאַרקייט און ליבלעכער בילדערישקייט. די סאַמע רייכסטע פאַרשיידנאַרטיקייט ווייזט זי, נאַטירלעך, אַרויס דאָרט, וואו עס קומט־אויס אויסצודריקן רעליגיעזע באַגריפן און אידעען. „זי איז פול מיט אָטעם פון דער נשמה, — זאָגט הערדער. — זי קלינגט נישט ווי די גריכישע,

אָבער זי אָטעמט, זי לעבט. אַזוי ווייזט די דראַזיקע שפּראַך אויס אונז, וואָס מיר זיינען נישט גאָר באַקאַנט מיט איר אויסשפּראַך און וואָס פאַר אונז איז אַרויסריידן די סאַמע טיפּסטע האַלז־קלאַנגען אירע אוממעג־לעך. אָבער אין די אַלטע מער ווילדע צייטן — וויפיל באַגייסטערונג האָט איר געזאַלט צוגעבן די פולקייט פון נשמה־געפיל, דער אָטעם פון לעבעדיקן וואָרט! דאָס איז געווען, ווי זיי האָבן זיך אויסגע־דריקט:

„גאָטס גייסט, וואָס האָט אין זיי געדעדט,

דעם אַלמעכטיקנס אָטעם, וואָס האָט זיי באַלעבט".

און וואָס נוגע דער שפּראַך פון די שריפטן, שטעלן זיך אין איר אַנטוויקלונג אַרויס קלאָר צוויי פעריאָדן: ביזן גלות און נאָכן גלות. אין דעם ערשטן פעריאָד בלייבט די שפּראַך כמעט אָן ענדערונגען, וואָרום אויך אינם פאָלקס־לעבן זיינען נישט געווען אַזוינע גוואַלטיקע איבערקערענישן, ווי די וואָס זיינען אין אים פאָרגעקומען אינם צווייטן פעריאָד, ווען אין דער שפּראַך האָט זיך טאַקי דערפאַר גופא געקאָנט אַריינרייסן אַ פרעמדער אַראַמישער עלעמענט. אַ גרויסער טייל פון די העברעישע ווערטער איז פאַרלאָרן געגאַנגען. איצט זיינען באַוואוסט סך־הכל אַ זעקסטויזנט ווערטער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין דער ביבל און טיילווייז אין די שפּעטערדיקע שריפטלעכע ווערק.

אין דער צייט, ווען זי איז געווען אַ לעבעדיקע און אַ הער־שנדיקע אין לאַנד, האָט מען זי גערופן „שפת כנען"; שפּעטער אָבער האָט מען זי אַ נאָמען געגעבן „יידישע שפּראַך" אָדער „הייליקע שפּראַך", אויך „שריפט־שפּראַך". כמעט די גאַנצע ביבל איז אָנגעשריבן אויף דער דראָזיקער שפּראַך, נאָר „עזרא" און „דניאל" זיינען טיילווייז געשריבן אין אַראַמיש.

אַז מ'האָט די העברעישע שפּראַך פרי אָנגעהויבן צו באַנוצן צום שרייבן, דערין איז שוין איצט גאָר קיין ספק נישטאָ. אויב מען וואָלט נאָך דערצו געדאַרפט האָבן אַ היסטאָרישן באַווייז, וואָלט עס אין אַ געוויסנדער מאָס דערוויזן די שנעלע אויפבליאונג, צו וועלכער זי האָט דערגרייכט באַלד נאָך דער עראָבערונג פון כנען. און דעריבער איז אומזיסט די פראַגע: צי האָבן זיך די אַלטע העברעער פאַרנומען פיל מיט לייענען און שרייבן. אויך וויפיל עס איז באַוואוסט, האָבן זיי געשריבן מיט אַ פאַרשפיצטן און אָפּגעטונקטן אין פאַרב טשערעט, אָדער מיט קריצערס, אויף אַ מאַטעריע, וועלכע איז וואַרשיינליך באַשטאַנען

פון פעל פון ווילדע חיות אָדער פון געוויקסן, אָדער אויף פּאַפּירוס, און וועלכע פלעגן געהאַלטן ווערן אין מגילות *).

וועגן לערנען די שפּראַך און די תורה געפינען מיר שוין באַוויזן אין דער פּריסטער צייט; די קונסט פון שרייבן איז שוין אין דער צייט פון די שופטים נישט בלויז די כהנים באַקאַנט געווען.

* *

*

לאָמיר איצט וואַרפן אַ בליק אויפן לאַנד, וואָס איז געוואָרן דאָס געבורטלאַנד פון דער ביבל, דאָס וויג־בעטעלע פון צוויי רעליגיעס, און וואו עס איז באַשערט געווען, אַז עס זאָלן פאָרקומען אַזוי פיל אומגעוויינלעכע זאַכן. אויף צפון פון דעם ברייטן פלאַכלאַנד פון דעם טייך פּרת ציט זיך דער הויכער תָבור פון דעם אַרמענישן הויכלאַנד צום דרום־מערבדיקן פּונקט פון קליין־אַזיע, קעגן וועלכן עס ליגט די אינזל ראָדאָס. דאָרט, וואו דידאָזיקע באַרג־קייט דערנענטערט זיך צום ים־אויסגוס אַלעקסאַנדרעט, וואָס האָט זיך פריער גערופן איסוס, טוען זיך די פּאָדערשטע בערג אירע אַ קער אויף דרום צו אָראָנט, וואָס ביי אים אויפן מזרח־זייט הויבט זיך דער לבנון, אַ באַרג־קייט, וואָס באַשטייט פון צוויי אָפּטיילונגען: דער אייגנטלעכער לבנון און דער אַנטי־לבנון. ביידע ציען זיך ביז דעם פלאַכלאַנד פון דמשק, און דאָרט לאָזן זיי זיך פונאַנדער אין קלענערע, נידעריקע בערג־רייען, ביז זיי פאַרלירן זיך לגמרי אין דעם מדבר־זאַמד פון ערָב. אָבער אויף דעם שטח צווישן זיי ביידן עפנט זיך פאַר דעם רייזנדנס אויגן אָפּ אַ ברייט פלאַכלאַנד, פונוואַנען עס רינען אַראָפּ פיל טייכן אין אַלע זייטן, אַראָפּלאָזנדיק זיך צו די טיפער־ליגנדיקע געגנטן.

אויפן דרום פון דעם אייגנטלעכן לבנון, אָדער שניי־באַרג, געפינט זיך אַ ברייטער, אויף אַ מהלך פון צוויי — דריי שעה, ערד־שפּאַלט, אין וועלכן עס געפינט זיך די רינע פון טייך ירדן. פונדאַנען גיסט זיך דערדאָזיקער טייך פונאַנדער איבערן גאַנצן לאַנד און פאַרלירט זיך נאָכדעם אין טויטן ים (ים המלח). אויף ביידע ברעגן

---

*) מ'דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין משהס און יהושוע בן־נונס צייטן פלעגט מען שרייבן אויף שטיינער. (באַמ. פון דער רוס. איבערז.)

פונם טייך הויבן זיך פיל בערג־רייען. מיט א טיפן איינשניט פון דער בוכטע ביי עכו באווייזט זיך דאס פרוכטבארע פלאכלאנד יזרעאל מיטן בארג תבור אין הינטערגרונט, און הינטער אים צו צפון־צו גייט דאס פלאכלאנד פון דמשק, צו דרום־צו -- דאס בערגלאנד פון ירדן מיט זיינע בערג, מדבריות, בוכטעס — דאס הייליקע, געלויבטע לאנד פאלעסטינע.

צו דער ווירקונג, וואס עס מאכט די געהיימע קראפט פון דער נאטור, וועלכע באווייזט זיך ארויס שיר נישט אויף יעדן טריט אין די־דאזיקע ערטער, קומט נאך צו דער כישוף פון דער נאטור, וועלכע דער־שיינט אין איר גאנצער מאלערישער ווירקונג. נעבן פראכטפול גרינענ־דיקע פעלדער זעט איר די שניי־שפיצן פון לבנון, נעבן טעפיכער פון בלומען — הוילע מדבריות, נעבן דעם שיינעם ים־כנרת — דעם טויטן ים. אז גאר דאס ארט איז פארצייטן געווען פרוכטבאר — אין דעם קאן קיין ספק נישט זיין, אפילו ווען דעם היינטיקן באזוכער ווייזט עס נישט אזוי אויס.

די צייט פון זיין נאציאנאלער געהויבנקייט האט אויך געזען די בליאונג פון זיין ליטעראטור, וועלכע איז דערפאר דורך און דורך נאציאנאל און פארדינט מער פאר אלץ דעם נאמען נאציאנאלע ליטעראטור. מיר וואלטן נאך דא געדארפט ברענגען די הויפט־שטריכן פון דער היסטארישער און רעליגיעזער אנטוויקלונג, ווען די־דאזיקע געשיכטע וואלט נישט געווען צופיל באקאנט, ווייל דורכדעם אליין ווערט ווידער קלערער די ליטעראַרישע אנטוויקלונג, וואס שטאמט פונם סאמע לעבן און פון דער גאנצער אנטוויקלונג פונם פאלק ישראל.

אבער וועמען איז דען אומבעקאנט דידאזיקע בונטע, בלאנקע, ראמאנטישע און זעלטענע געשיכטע פון יענעם מערקווירדיקן וואנדערן פון מעסאפאטאמיע אין די צייטן פון אברהם און א ריי פאטריארכן, — די וואנדערונג קיין מצרים און נאכדעם צוריק אין דער מדבר דורך סיני אין דעם פארשפראכענעם לאנד, — ביז די מלחמות אין דער צייט פון די שופטים און די מלכים, ביז די באגייסטערטע רעדעס פון די נביאים, ביזן פארלירן די נאציאנאלע זעלבשטענדיקייט אין דעם גלות בבל, ביז דער אויפריכטונג פונם נייעם בית־המקדש אין דער העלדן־עפאכע פון די מכביער!

אין משך פון דערדאזיקער געשיכטע באגלייט דאס פאלק ישראל, און נאך דעם גלות בבל — דאס יידישע פאלק — די ביבל, דער הייליקער דאקומענט פון זיין רעליגיע און פון זיין געשיכטע.

דאָס וואָרט ביבל שטאַמט פון גריכיש: βιβλία (געמיינט: δεῖα — די געטלעכע) — ביכער; ביי קריסטן איז להפך צו דעם נייעם טעסטאַמענט אָנגענומען געוואָרן דער נאָמען אַלטער טעסטאַמענט; ביי יידן — „כתבי הקודש" — הייליקע שריפטן. די אָנגענומענע ביי דער יידישער און דער קריסטלעכער קירך צעטיילונג פון דער ביבל אויף קאַנאָניזירטע און אַפּאָקריפישע ביכער, דערנאָך אויף תורה, נביאים און כתובים, איז געוויס אַלעמען באַקאַנט. צו אונזערע צילן ווערן אויסגעטיילט פון דער ביבלישער ליטעראַטור די אַפּאָקריפן, וועלכע געהערן צו אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד, און דאַן לייגן מיר פאָר אין הסכם מיט די היסטאָריש־ליטעראַרישע שטאַנדפּונקטן די פאָלגנדיקע טיילונג פון דער ביבלישער ליטעראַטור אויף היסטאָרישע, נביאישע און פּאָעטישע ווערק, אַנטשפּרעכנד דער געשיכטע פון אַלטן ישראל אין די פיר פּעריאָדן פון די העלדן, די נביאים, די כהנים און די סופרים.

צו די היסטאָרישע פאַררעכענען מיר: חומש, וועלכער נעמט באַזונדער אַרום פינף ביכער — בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים, די ספרים יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, עזרא און נחמיה, די כראָניקעס. אַהער געהערן אויך די פּאָעטישע ערציילונגען רות, אסתר און יונה.

די נביאישע ווערק האַלטן אין זיך איין די רעדעס פון די ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל און פון די קלענערע נביאים: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאָכי און דעם ספר דניאל.

אין דעם באַשטאַנד פון די פּאָעטישע ווערק פון דער ביבל גייען אַריין תהלים, משלי, איוב, שיר השירים, קהלת און איכה.

אין סך־הכל האָט די ביבל 24 ביכער, וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן זינט די ערשטע צייטן פון דעם קיום פון יידישן פאָלק ביז די פינצטערע טעג פון דער פּערסישער און דער גריכישער הערשאַפט, און האָט זיך פאַרענדיקט ערשט דאַן, ווען די אייזערנע רוימישע האַנט האָט צוגעדריקט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק פון יהודה און חרוב געמאַכט דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון ישראל. זי האָט אָבער ביי אים נישט געקאָנט אָפּנעמען זיין ביבל, ס'דאָזיקע געהויבענע, אַלטע און פּשוטע בוך, „וואָס איז באַשיידן ווי די נאַטור, און נאַטירלעך ווי זי; דאָס בוך, וואָס איז פון אויסזען פּשוט און אָן פּרעטענזיעס,

ווי די זון, וואָס וואַרימט אונז, ווי דאָס ברויט, וואָס נערט אונז, דאָס בוך, וואָס קוקט אויף אונז אַזוי האַרציק מיט אַזאַ בענטשנדיקן אויסזען, גלייך ווי אַן אַלטע באָבעניו, וועלכע לייענט אויך דאָסדאָזיקע בוך מיט די ליבע שעפּצנדיקע ליפּן — און ס'דאָזיקע בוך הייסט אויך גאַנץ פּשוט און קורץ דאָס בוך, די ביבל. ריכטיק רופט מען זי אויך הייליקע שריפט; ווער עס האָט זיין גאָט פאַרלאָרן, קאָן אים צוריקגעפינען אינם דאָזיקן בוך, און ווער עס האָט קיינמאָל גאָט נישט געקענט, אויף יענעם בלאָזט פונדאַנען אַנטקעגן דער אָטעם פון געטלעכן וואָרט". לסוף, דאָס בוך, וואָס זיין ווערט און באַדייטונג האָט אַזוי פיין אויסגעדריקט דער אַלטער חכם אין פייערלעכע ווערטער: „דאָס איז באמת דאָס בוך פון בונד, וואָס איז געשלאָסן מיט דעם אַלהעכסטן גאָט, ד. ה. דאָס געזעץ, וואָס משה האָט געבאָטן צו בית־ישראל, מען זאָל עס היטן ווי אַן אוצר. פונדאַנען האָט אַרויסגעפליצט חכמה, געגליכן צום טייך פּישון, ווען ער איז וואַסערפול, און צום טייך חידקל, ווען ער גיסט זיך פונאַנדער אין פרילינגס־צייט. פונדאַנען האָט אַרויסגעפלייצט שכל, געגליכן צום פּרת אין דער צייט פון וואַסערפול, און צום ירדן אין דער שניט־צייט. פונדאַנען זיינען אַרויס מידות טובות, געגליכן צו ליכטיקייט און צום וואַסער פון נילוס אין הערבסט. עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין מענטש, וועלכער זאָל איינגאַנצן האָבן אויסגעלערנט ס'דאָזיקע בוך, און ס'וועט קיינמאָל נישט זיין אַזאַ, וואָס זאָל פּייאיק זיין עס צו דערגרונטעווען. ווייל זיין זינען איז רייכער פאַר יעדן ים, און זיין וואָרט איז טיפער פאַר יעדן אָפּגרונט".

I. די היסטאָרישע ביכער

דער וויכטיקסטער טייל פון דער ביבלישער ליטעראַטור, הגם ער איז נישט דער וויכטיקסטער פאַר דער עסטעטישער אָנשויאונג, איז דער חומש (ἡ Πεντάτευχος), דאָס „געזעץ", די „תורה". ער באַשטייט, ווי ס'איז שוין אויבן דערמאָנט, פון די פינף ביכער משהס, פון וועלכע דאָס ערשטע, בראשית, האַלט אין זיך אַיין די געשיכטע פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז דער וואַנדערונג פון ישראל קיין מצרים; דאָס צווייטע, שמות — יציאת מצרים און די געשעענישן אויפן סיני, דערנאָך דעם אָנהויב פון דער געזעצגעבונג; דאָס דריטע

ו י ק ר א, — די געזעצן, וועלכע באַציען זיך איבערהויפּט צו די לוויים און די כּוהנים ווי אויך צו די קרבנות. דאָס פערטע, ב מ ד ב ר — דעם סוף פון די געזעצן און די וואַנדערונגען פונם פאָלק איבערן מדבר. דאָס פינפטע, ד ב ר י ם — די איבערחזרונג פון די געזעצן און דעם מוסר צום פאָלק.

מען קען זאָגן, אַז דער חומש (Pentateuch) — דאָס איז די קווינט־עסענץ פון דער אַלטהעברעיִשער ליטעראַטור, ווייל אין אים זיינען שוין אָנגעמערקט אָדער אויסגעפירט אַלע אירע ריכטונגען און פאָרמען.

פאַר דער ליטעראַטור־געשיכטלעכער באַטראַכטונג האָט דער חומש אויך, אַלס גרויס און גאַנצס, אַ טיפע באַדייטונג אין דעם וואונ־דערלעכן גורל פון דער ביבל. זי אָנערקענט אין אים דווקא אַ קינסט־לעריש ווערק בנוגע דעם פּלאַן און דער אויספירונג. יעדער איינציקער, אַפילו דער אומבאַדייטנדער, דאַכט זיך, שטריך אין דער תּורה האָט אַ הינטערגרונט, און האַלט אין זיך איין עפּעס אַ באַלערנדיקן רמז. און מען קאָן ניט ניט אָנערקענען אויך דאָס, — הגם מען האָט עס שוין ניט איינמאָל אָנערקענען ניט געוואָלט — אַז ניט נאָר די פאָרשריפטן פון געזעץ, וואָס בילדן דעם הויפּט־אינהאַלט פון די צוויי מיטעלע ביכער, נאָר אַפילו די ערציילונגען אין זיי און באַזונדערס אין ספר בראשית, האָבן אַ דידאַקטישן ציל. „די טיילן וועלכע געהערן צום געזעץ ווילן נאָר־מירן דעם ט אַ ט, די היסטאָרישע טיילן פאַרקערט — דאָס ד ע נ ק ע ן און פ י ל ן".

אין די דאָזיקע ווערטער זיינען קלאָר באַשטימט דער ציל און די טענדענץ פונם חומש, און שוין אַ קורצער איבערבליק איבערן רייכן אינהאַלט פון די פינף חומשים צייגט איבער אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג און אין דעם, סאַר אַ טיפן גרונט ער געפינט פאַר זיך אין יעדן באַזונדערן פאַזיס פון דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־גאַנג.

ווי עס באַווייזט שוין דער נאָמען ת ו ר ה, איז דער שווערפּונקט פון דער ביבל פאַר דעם פאָלק, וועלכן זי איז געגעבן געוואָרן, געלעגן אין איר ג ע ז ע צ ג ע ב ע ר י ש ן אינהאַלט. און מיט רעכט — ווייל דאָס געזעץ האָט דעם דאָזיקן פאָלק פאַרהיט זיין גאַנצקייט און אומבאַרירלעכ־קייט און אַרויסגעפירט עס אומבאַשעדיקט פון אַלע צרות און סכנות. און אויב עס האָט מיט אַלע זיינע פאַרצווייגונגען און רעזולטאַטן גע־קענט אויסווייזן שווער, אָפּטמאָל אַפילו אומפאַרשטענדלעך פאַר דעם פּשוטן פאָלקס־שכל, איז דאָך אין אים פאָרט געלעגן אַ טיפער

רעליגיעזער פונדאַמענט און — וואָס עס איז כּמעט גלייך וויכטיק — אַ גע־מיטלעכע זייט, וואָס לאָזט אונז אין דעם געזעצגעבער גופא זען איי־נעם פון די גרעסטע קענער פון דער מענטשלעכער נאַטור און פון די טיפסטע פּסיכאָלאָגן. און איבער דעמדאָזיקן געזעץ האָט אין דער תּורה געהערשט די מאַיעסטעט פון דעם באַשעפער זעלבסט, פון דעם גרויסן אוניווערסאַלן גאָט, וועלכער האָט אויסדערוויילט דאָס קליינע פאָלק פאַר דער ערדישער כּלי פון זיין אַלמעכטיקייט, וועלכער טראָגט אומזיכט־באַר איבער די וואָלקנס, איז אומצוטריטלעך פאַר יעדן אָנשווילעכן פלאַסטישן מאָלן, דעם שטרענגן שופט, ווען עס קומט־אויס צו שטראָפן פאַר עבֿרות און פאַרברעכנס, אָבער אין דערזעלביקער צייט דעם גוטן און דערבאַרעמדיקן צום זינדיקן, ווען יענער האָט חרטה אויף זיין זינד. אויף דעם פונדאַמענט פון דעמדאָזיקן ריינעם מאָנאָטעאיזם איז געבויט משהס גאַנצע געזעץ, וואָס איז געגליכן צו אַ ברייט־צעוואַקסענעם בוים מיט פיל צווייגן און צווייגעלעך, וואָס קיינער פון זיי הויבט זיך פונדעסטוועגן נישט ביז דער קרוין און וואָס אַלע אינאיינעם שטעלן פאַר איין האַרמאָנישע גאַנצע.

אָבער אינטערעסאַנטער און שענער פאַר דעם געזעצגעבערישן אינהאַלט פון דער ביבל איז פאַר אונז איר געשיכטלעכער אינהאַלט און איר פּאָעטישער טייל, וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער ריידן און צוזאַמענהאַנג מיט דער לירישער פּאָעזיע פון די עבֿרים.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ אַלטן דאָקומענט פון דער גראָער אַלטער צייט איז נישט מעגלעך צוצוגיין מיט פאָדערונגען, וועלכע ווערן ארויסגעשטעלט צו אַ מאָדערנעם היסטאָרישן ווערק. פאַרקערט, מען דארף פיל מער נעמען אין אכט די היסטאָרישע טראַדיציע, וועלכע ליגט צווישן דעם צונויפשטעלן פון די באַזונדערע ביכער מיט די גע־שעענישן, וועלכע זיי דערציילן — און דעמאָלט וועט דער אויפמערק־זאַמער באַאָבאַכטער קלאָר זען, אז די היסטאָריאָגראַפיע, פאַרשרייבנדיק די עלטסטע מונדליכע טראַדיציע און אויך די שפּעטערדיקע פאַזיסן, ווייזט ארויס דיזעלביקע קינסטלערישע באַארבעטונג פון דעם מאַטעריאַל, וועלכע פילט אונז אָן מיט אכטונג און פארוואונדערונג ביים אריינגיין אין דעמדאָזיקן בנין און וועלכע וואָלט שוין אליין געקלעקט פולקאָם צו גאַראַנטירן די עכטקייט און די וואָרהייט פון דעם אינהאַלט, ווען דער גלויבן אין דערדאָזיקער אמתדיקייט וואָלט נישט דורכגעשפּראָצט פון יעדער שורה פון דעמדאָזיקן גרויסן בוך שטאַרק, קרעפטיק און דערקוויקנדיק פאַר יעדן מענטשלעכן שכל, וואָס האָט דערביי נישט קיין באַזונדערע כּוונות.

דעריבער דאַרף מען גאָר נישט גיין טריט ביי טריט מיט דער טעאָלאָגישער אָנשויאונג, וואָס איר דינט אַלס ערבות פאַר דעם אינהאַלט פון דער ביבל בלויז איר קאַנאָנישער אויטאָריטעט, און ברענגען פאַר אַ קרבן דעם אינטעלעקט. דער אינהאַלט פון די ביבלישע ערציילונגען האָט זיך לכתחילה אין אַ משך פון פיל יאָרהונדערטן איבערגעגעבן אין דער מינדלעכער מסורה, איידער ער איז שריפטלעך פאַרפיקסירט געוואָרן. אין שפּעטערדיקע צייטן זיינען באַשטימטע רעליגיעזע אָנשויאונגען און וויכטיקע מיטטיילונגען, אַלסווירקלעך געשעענעס, פּערזענלעך איבערגעלעבטעס פון באַזונדערע מיטגלידער פון דער גאָטס־געווייטער משפחה, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדעס, וועלכע האָבן, ווי ביי אַלע פעלקער, אַזוי ביי אונז יידן אויך, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע און לסוף זיינען זיי אַריבער אין עכטער געשיכטע. צי האָט נאָך דעם די היסטאָריאָגראַפיע וואָרצלען אין דעם הויך־מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון פאָלק ישראל און צי דינט זי אַלס דירעקטער באַווייז אויף דעם אַרויסווייזן־זיך פונם געטלעכן גייסט, ווי עס איז בוטה אָנצונעמען דער גלויבנדיקער שכל, אָדער צי איז זי מער נישט ווי אַ געוויינלעך מענטשלעך ווערק אָדער אַפילו גאָר היעראַרכישע פעלשונג, — פאַר אונז באַשטייט איר וויכטיקייט און באַדייטונג אין איר קלאָרן און וואונדערבאַרן אינהאַלט, וועלכן מען קאָן נישט אָפּלייקענען אָדער ענדערן. מיט די ווערטער: „אינאָנהויב האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד" — ווי שטאַרק די וויסנשאַפט זאָל נישט אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ קאָסמאָגאָניע — הויבט זיך פאַר אונז אָן אַ ריי געשיכטעס, וועלכע מיר לייענען שטענדיק מיט גלייכער ליבע, מיט גלייכן אינטערעס, וועלכע פירן אונז אַריין אין די גרויסע סודות פון דער גראַנדיעזער אור־וועלט, וואָס זייער פאַנטאַסטישקייט רייצט שטאַרק אונזער געדאַנק און פילט אונז אָן מיט יענעם דערהויבענעם ציטער, וואָס בילדעט דעם אייגנטלעכן איינדרוק, וואָס עס מאַכט דאָס ביבל־וואָרט.

פאַר אונז עפנט זיך אָפּ אַ גן־עדן, און מיר גייען־נאָך נאָך דער פשוטער און נאַאיווער ערציילונג, וואָס אַנטשפּרעכט אַזוי וואונדערבאַר און קינסטלעריש דעם אור־צושטאַנד פון די ערשטע מענטשן, מיר הערן די שלאַנג, מיר הערן קַינס קלאָגן־זיך, פאַרביי אונז טראָגן זיך אַדורך מיט גערויש די כוואַליעס פון מבול, נחס תֵּיבה שווימט אַרויס, מיר באַוואונדערן דעם בּנין פונם דור הַפלָגה, און מיט אָנשטרענגונג לויערן מיר נאָך דאָס לעבן פון די דריי אָבות — דעם קלוגן הערשער פון די פאַסטוכער אברהם, דעם איינפאַכן יצחק און דעם מוטיקן יעקב,

וועלכע דאַרפן ווערן די מוסטערן פון זייער שטאַם, געגליכן דערצו ווי די גריכן האָבן פאַר זייער מוסטער אָנערקענט די העלדן פון די האָמערישע געזאַנגען. פאַרביי אונז גייט אַדורך איינע פון די ליבסטע ערציילונגען, וועלכע האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון עפּישן ווערק — די געשיכטע פון יוסף, און מיט דער ברכה פון דעם שטאַרבנדיקן פּאַטריאַרך יעקב פאַרענדיקט זיך דער ערשטער טייל פון דערדאָזיקער גרויסער עפּאָפּעע.

נאָכדעם דערשיינט משה, לכתחילה אַלס אַ יונגער בחור, נאָכדעם אַלס אַ מאַן, „דער געטלעכער מאַן", ווי מיקעל אַנזשעלאָ האָט אים קינסטלעריש פאַרקערפּערט אין העלן מאַרגנליכט פון דער געשיכטע, ווי אין דער טונקלקייט פון דער פּאָעזיע, אין געשפּרעך מיט זיין גאָט און מיט זיין פאָלק, וועלכעס ער איז מציל מיט נסים און נפלאות פון מצרימס יאָך און פירט עס אַדורך מיט וואונדערלעכע וועגן דורך דער מדבר. ס'דאָזיקע גאַנצע לעבן — ווידער־אַמאָל אַן עפּאָס פון גראַנד־יעזער דערהויבנקייט און פאַרכּישופנדיקער פאַרבן־פּראַכט! אויפן חורב הויבט־זיך־אָן זיין מיסיע, אויפן סיני דערגרייכט זי איר הויך־פּונקט, אויפן באַרג נבו ענדיקט זי זיך! אָבער סאַר אַ רייכקייט און פאַרשידנ־אַרטיקייט פון לעבנס־אינהאַלט ליגט צווישן דידאָזיקע דריי בערג, ביז דער רגע, ווען משה, „גאָטס קנעכט, איז געשטאָרבן אין לאַנד מואָב לויט גאָטס באַפעל, און ער האָט אים באַגראָבן אין טאָל, אין לאַנד מואָב, און עס האָט קיין מענטש נישט געוואוסט זיין קבורה ביז היינ־טיקן טאָג".

צווישן דעם ליגט דאָס גאַנצע גרויסע געזעץ — תרי"ג מצוות עשה און לא־תעשה, וועלכע האָבן געהאַט דאָס ציל צו רעגולירן דאָס לעבן פונעם פאָלק אין אַלע ריכטונגען און באַגרינדן דעם בוי פון אַ סאָציאַלער מלוכה, וואָס מען קאָן נאָך עד־היום נישט גענוג אָנוואונדערן זיך אויף איר פעסטער סטרוקטור, איר הומאַנישער וועלט־אָנשויאונג און פּראַקטישער חכמה. דאָ גופא ליגן פאַר אונז די נסיעות און די הין־הער־וואַנדע־רונגען איבערן מדבר, די רעדעס, שטראָף־רייד און לידער פון משה, וואָס נעמט־אָן — איבערגעגאַנגען פון פּאָעזיע צו געשיכטע — אַזאַ רײ־זען־געשטאַלט, וואָס איר גלייכן קאָן מען נישט געפינען אין דער געשיכטע פון דער גאָרער וועלט. דאָס איז טאַקע די עפּאָכע פון די העלדן, וועלכע ווערן געשילדערט אינם דאָזיקן בוך.

איז דערדאָזיקער „מאַן משה" דער פאַרפאַסער פון חומש מיט געטלעכן גייסט? דער שכל אָן זייטיקע פּניות וועט — נאָך אַמאָל דורכ־קוקנדיק אַלץ איינגאַנצן — מסתמא ענטפערן „יאָ". די ביבלישע קריטיק

וועט אַנטשלאָסן אַנטקעגן ענטפערן „ניין". לויט דער קריסטאָלאָגישער אויפפאַסונג איז די „תורה" געווען פאַרפאַסט דורך משה, פאָול און יעקב; יוחנן און יעזוס אַליין ריידן אָפט וועגן דערדאָזיקער תורה, און אויף אַזאַ אופן האָט די קירכע גאַנץ קאָנסעקווענט די אויטענטישקייט פון דער תורה און איר פאַרפאַסונג דורך משהן געמאַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע דאָגמאַטן פון איר גלויבן.

דיזעלביקע אָנשויאונג האָט נאַטירלעך אויך דאָס יידנטום. שוין אין די שפּעטערע היסטאָרישע שריפטן ווערט פיל גערעדט וועגן דעם „בוך פון תורת משה", וועגן „בוך פון געזעץ, וואָס משה האָט געגעבן". שוין פיל פריער, איידער עס איז אַנטשטאַנען קריסטנטום, איז קיין ספק נישט געווען, אַז משה האָט באַקומען און אָנגעשריבן די תורה מיט רוח־הקודש. די געלערנטע האָבן נאָכדעם אָנגענומען די פאָלגנדיקע קייט פון דער מסורה: אויסער די לעצטע אַכט פסוקים פון דברים, וואו עס דער־ציילט זיך וועגן משהס טויט און וועגן זיין באַדייטונג, איז אַלץ פון אים אָנגעשריבן מיט גאָטס גייסט. דידאָזיקע אַכט פסוקים האָט אָנגע־שריבן יהושוע, וועלכן עס געהערט, נאַטירלעך, אויך דאָס בוך, וואָס איז אָנגערופן מיט זיין נאָמען, נאָכדעם האָט שמואל אָנגעשריבן די ביכער, וואָס טראָגן זיין נאָמען, כמעט איבגאַנצן, אויך „שופטים" און דאָס בוך „רות"; די מחברים פון די לעצטע קאַפּיטלען פון שמואל ב' זאָלן זיין די נביאים נתן און גד; די ביכער מלכים זיינען, לויט דער מסורה, צונויפגעשטעלט דורכן נביא ירמיהו, און די איבעריקע היס־טאָרישע ביכער — דורך עזרא, נחמיה און די אנשי כ נ ס ת ה ג ד ו ל ה.

אַזוי מיינט דער גלויבן. אַן אַנדער מיינונג האָט די קריטיק, וועלכע שטיצט זיך אויף גרויסע אויטאָריטעטן — פריער פאַר אַלעמען אויף אבן־עזרא און שפּינאָזאַ. אין דער צייט ווען דער ערשטער האָט אַרויסגעזאָגט זיין ספק, צי משה איז דער פאַרפאַסער פון דער תורה, נאָר מיט באַהאַלטענע רמזים און מיט רעטענישן, וועלכע מען האָט נישט אַלע מאָל ריכטיק פאַרשטאַנען, האָט ברוך שפּינאָזאַ, שטיצנדיק זיך אויף דעם אויטאָריטעט פון אבן־עזרא, דער ערשטער געגרינדעט די ראַציאָנאַליסטישע ביבל־קריטיק, אויב מען זאָל נישט רעכענען פאַר דעם אָנהויב פון היסטאָרישער קריטיק די אָנפאַלן פון די יידנפיינט־לעכע גנאָסטיקער, עפּיקורעער און נעאָפּלאַטאָניקער, צעלז, פּאָרפיר און אַנדערע אָדער די שעמעוודיקע רמזים פון עטלעכע רבנים, וועלכע זיי־נען איר אָנהויב. אָבער נאָר שפּינאָזאַ האָט געפּרובט דערוויזן, אַז דער חומש האָט נישט געקאָנט זיין צונויפגעשטעלט דורך משהן און אַז

אים געהערן נאָר עטלעכע קליינע פראַגמענטן. איינער פון די וויכ־טיקסטע אַרגומענטן, פאַר וואָס נישט משה זאָל זיין דער פאַרפאַסער פונם חומש, איז געווען דער פערז אין ספר בראשית, קאַפּיטל 12 פּסוק 6: „און די כנענים זיינען דעמאָלט געווען אין דעם לאַנד". אגב איז דערדאָזיקער אַרגומענט שוין אין עלפטן יאָרהונדערט גע־בראַכט געוואָרן פון אַ שפּאַנישן רב. ווייטער האָט מען גענומען שטעלן פון בראשית, קאַפּ. ל"ו, פּסוק ל"א, צו דעמדאָזיקן ציל: „און דאָס זיי־נען די קעניגן, וואָס האָבן געהערשט אין אֶדום, איידער עס האָט אַ קעניג איבער די בני ישראל געהערשט".

וויכטיקער איז די פראַגע: אין וועלכער צייט האָט דער חומש באַקומען דעם אויסזען, וועלכן ער האָט אין איצטיקער צייט. און דאָ, פאַרשטייט זיך, מוז מען זיך באַנוגענען מיט סבָרות, וואָס מחמת כמה טעמים מאַכן זיי אָבער פאַר וואַרשיינלעך די השערה, אַז די ענד־גילטיקע רעדאַקציע פונם גרעסטן טייל בוך איז געמאַכט אין דער צייט פון די מלכים.

אין דעם צווייטן בוך מלכים געפינען מיר אַ אינטערעסאַנטע ער־ציילונג פון יאשיהו מלך יהודהס צייט (אַרום 620 י. פ. ק. ג.) וועגן דעם, ווי מען האָט געפונען דאָס בוך פון תורת משה.

(ג) און עס איז געווען אויף דעם אַכצנטן יאָר פון קעניג יאשיהו, האָט דער קעניג געשיקט שָפָן בן אצליהו בן משולם דעם שריי־בער אין גאָטס הויז אַזוי צו זאָגן:

(ד) גיי צו חלקיהו דעם כּהן גדול און זאָל ער צונויפזאַמלען גאָר דאָס געלט, וואָס די וועכטער ביי די שוועלן האָבן אָנגעזאַמלט פונם פאָלק;

(ה) און זאָל מען עס אַרויסגעבן אויף די הענט פון די אַרבע־טער, פון די, וואָס זיינען באַשטימט איבער גאָטס הויז; און זאָלן זיי עס איבערגעבן צו די אַרבעטער, וואָס אין גאָטס הויז, צו פאַרפעס־טיקן די צעבראָכענע ערטער פון גאָטס הויז;

(ו) צו די טשעסלער, בויער און מולער אויף צו קויפן האָלץ און געהאַקטע שטיינער, צו פאַרריכטן דאָס הויז.

(ז) אָבער מען זאָל זיי נישט אויסציילן דאָס געלט, וואָס ווערט זיי אַרויסגעגעבן אויף די הענט, וואָרום זיי טוען זייער אַרבעט מיט געטריישאַפט.

(ח) און עס האָט געזאָגט חלקיהו דער כּהן גדול צו שפן דעם שרייבער: דאָס בוך פון דער תורה האָב איך געפונען אין גאָטס הויז. און חלקיהו האָט דאָס געגעבן צו שפן, און ער האָט עס געלייענט.

(ט) און שפן דער שרייבער איז געקומען צום קעניג, און ער האָט דעם קעניג געבראַכט אַ תשובה און האָט געזאָגט: דיינע קנעכט האָבן צעלאָזן דאָס זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז, און אַרויס־געגעבן אויף די הענט פון די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשטימט אין גאָטס הויז.

(י) און שפן דער שרייבער האָט געזאָגט צום קעניג אַזוי צו זאָגן: אַ בוך האָט מיר חלקיהו דער כהן געגעבן. און שפן האָט עס געלייענט פאַרן קעניג.

(יא) און עס איז געווען, ווי דער קעניג האָט אויסגעהערט דאָס בוך פון דער לערע, האָט ער צעריסן זיינע קליידער.

(יב) און דער קעניג האָט באַפוילן חלקיה דעם כהן, און אחיקם בן שפן, און עַכבור בן מיכָיה, און שפן דעם שרייבער, און עֲשָׂיָה דעם קעניגס קנעכט אַזוי צו זאָגן:

(יג) גייט, פרעגט גאָט פאַר מיר און פאַרן פאָלק און פאַר גאַנץ יהודה וועגן די רייד פונם דאָזיקן געפונענעם בוך, ווייל גרויס איז גאָטס צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אויף אונז, דערפאַר וואָס אונזערע עלטערן האָבן נישט געפאָלגט די רייד פונם דאָזיקן בוך, צו טאָן אַלץ, ווי ס'איז אונז פאָרגעשריבן.

(יד) און עס איז געגאַנגען חלקיה דער כהן און אחיקם און עכבור און שפן און עשיה צו חולדה די נביאהטע, די פרוי פון שַׁלּוּם בן תִּקְוָה, בן חַרְחַס, דעם שומר פון די בגדים, און זי האָט געוואוינט אין צווייטן טייל שטאָט, און זיי האָבן גערעדט צו איר.

(טו) און זי האָט געזאָגט צו זיי: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: זאָגט צו דעם מענטשן, וועלכער האָט אייך געשיקט צו מיר:

(טז) אַזוי האָט געזאָגט יהוה: איך ברענג שלעכטס אויף דעמדאָזיקן אָרט און אויף זיינע איינוואוינער, אַלדי רייד פון דעם בוך, וואָס דער קעניג פון יהודה האָט געלייענט, —

(יז) דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזט און האָבן געדעמפט צו אַנדערע געטער, כדי מיך צו דערצאָרענען מיט אַלץ וואָס זיי טוען מיט זייערע הענט. און עס וועט ברענען מיין צאָרן אויף דעמדאָזיקן אָרט און ער וועט זיך נישט לעשן!

(יח) און צום קעניג פון יהודה, וועלכער שיקט אייך צו פאָרשן גאָט — אַזוי זאָלט איר צו אים זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: די רייד, וואָס דו האָסט גערעדט —

(יט) דערפאַר וואָס דיין האַרץ איז דערווייכט געוואָרן, און האָסט

זיך אונטערגעגעבן פאר גאָט, ווען דו האָסט אויסגעהערט, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דעמדאָזיקן אָרט און זיינע איינוואוינער — זיי זאָלן זיין וויסטעניש און פלוך, און דו האָסט צעריסן דיינע קליידער, און דו האָסט געוויינט פאר מיר — האָב איך אויסגעהערט, זאָגט גאָט.

(כ) דערפאר וועל איך דיך ברענגען צו דיינע עלטערן, און דו וועסט געבראַכט ווערן צו דיין קבורה בשלום, און עס וועלן דיינע אויגן נישט זען גאָר דאָס שלעכטס, וואָס איך ברענג אויף דעמדאָזיקן אָרט". — האָבן זיי געבראַכט צו דעם קעניג אַ תשובה.

(א) און דער קעניג האָט געשיקט און מען האָט צו אים פאר־זאַמלט אַלע זקנים פון יהודה און ירושלים.

(ב) און דער קעניג איז אַרויף אין גאָטס הויז, און יעדער מאַן פון יהודה, און אַלע איינוואוינער פון ירושלים מיט אים, און די כּהנים און די נביאים און גאָר דאָס פאָלק, פון קליין ביז גרויס און מען האָט פאר זיי געלייענט די רייד פון בונדס־בוך, וואָס מען האָט געפונען אין גאָטס הויז.

(ג) און דער קעניג האָט זיך געשטעלט אויף אַ זייל, און האָט געשלאָסן אַ בונד פאר גאָט, מען זאָל גיין נאָך גאָט און היטן זיינע באַפעלן און זיינע באַוויזן און זיינע געזעצן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, מקיים צו זיין די רייד פון דעמדאָזיקן בונד, וועלכע זיינען פאַרשריבן אויף דעמדאָזיקן בוך. און גאָר דאָס פאָלק האָט זיך געשטעלט אינם בונד.

(ד) און דער קעניג האָט באַפוילן חלקיה דעם כּהן גדול און די געהילפס־כּהנים און די וועכטער ביי דער שוועל, אַרויסצונעמען פון גאָטס טעמפל אַלע כּלים, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר בַעל און פאַר אשֵרה און פאַר אַלע הערשאַפט פון הימל, און מען האָט זיי פאַרברענט אויסער ירושלים, אין די פעלדער פון קדרון, און מען האָט זייער אַש אָפּגעטראָגן קיין בֵית־אֵל.

(ה) און ער האָט אָפּגעשטעלט די דינסט פון די פּריסטער, וואָס די קעניגן פון יהודה האָבן באַשטימט, און זיי האָבן געדעמפט אויף די בָמות אין די שטעט פון יהודה און די אומגעגנטן פון ירושלים, און די וועלכע האָבן געדעמפט פאַר דעם בעל, פאַר דער זון און פאַר דער לבנה און פאַר די מזלות און פאַר גאָר דער הערשאַפט פון הימל.

(ו) און ער האָט דערוויטערט די אשֵרה פון גאָטס הויז אויי־סער דער שטאָט ירושלים, אין טאָל קדרון, און ער האָט זי פאַר־

ברענט אין טאָל קדרון און צעשטויסן אויף שטויב, און איר שטויב צעוואָרפן אויף די קבורות פון דעם המון.

(כא) און דער קעניג האָט באַפוילן גאָר דעם פאָלק אַזוי צו זאָגן: מאַכט דעם קרבן־פּסח פאַר יהוה אייער גאָט, ווי עס איז פאַר־שריבן אויפן דאָזיקן בונדס-בוך.

(כב) און ס'איז טאַקי נישט געמאַכט געוואָרן אַזאַ קרבן־פּסח זינט די צייטן פון די שופטים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די יידן, און אין אַלע צייטן פון די קעניגן פון ישראל און פון די קעניגן פון יהודה.

(כג) נאָר אויפן אַכצנטן יאָר פון קעניג יאשיהו איז געמאַכט געוואָרן אַזאַ קרבן־פּסח פאַר גאָט אין ירושלים.

(כד) און אויך אַלע וועלכע ריידן מיט טויטע, און אַלע צוי־בערער, און שטוב־געצן און געצן און אַלדי אומווערדיקייטן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד יהודה און אין ירושלים, האָט יאשיהו אויסגעראָטן, כדי מקיים צו זיין די רייד פון דער תורה, וועלכע זיי־נען געווען פאַרשריבן אויף דעם בוך, וואָס חלקיהו דער כהן האָט גע־פונען אין גאָטס הויז".

אויף דעם סמך פון דעם „מוראדיקן איינדרוק", וואָס עס האָט געמאַכט דערדאָזיקער „ספר הברית", און צוליב געוויסע אַנדערע סימנים איז די קריטיק געקומען צו דעם אויספיר, אַז דאָס איז אַנטדעקט גע־וואָרן בלויז דער ספר דברים, אין וועלכן עס געפינען זיך אַלע די פלוכן. דורך דעם האָט די קריטיק באַקומען די מעגליכקייט, אַריבערצוטראָגן די איבעריקע ביכער צו אַ שפּעטערדיקער צייט און אַזוי־אַרום צו באַ־זייטיקן אַלע סתירות און אומוואַרשיינלעכקייטן. אַזוי האָט מען געגעבן אַ באַוויז, אַז אין באַשטאַנד פון חומש איז אַריין זייער אַ פאַרשידנ־אַרטיקע מאַסע, וואָס איז מבטל די מיינונג, אַז אַלע דידאָזיקע ביכער שטאַמען פון איין קוואַל.

איינער פון די דילעטאַנטן פון דער ביבל־קריטיק איז פונדעסט־וועגן געוואָרן איר וועג־וויזער. דאָס איז געווען דער פראַנצויזי־שער אַרצט זשאַן אַסטרוק, ווי מען זאָגט, פון יידישער אָפּשטאַ־מונג. אין זיין ווערק „Conjectures sur les Mémoires originaux, dont il parait que Moyse s'est servi pour composer le livre de la Genêse" וואָס איז ערשינען אין 1753 י., האָט ער אמת נאָך נישט אָפּגעלייקנט משהס אויטאָרשאַפט, נאָר אָנגעגריפן די איינהייט פונם חומש און האָט געמאַכט די וואונדערלעכע אַנטדעקונג, אַז משה האָט אין ספר בראשית, וואו גאָטס נאָמען בייט זיך אַמאָל אלהים און אַמאָל

יאהווע, צוויי קוועלן, איינע אַן עלאָהיסטישע און איינע אַ יאהוויסטי־שע, צוזאַמענגעבונדן און צו זיי אויך אַנדערע פראַגמענטן און דאָקו־מענטן צוגעגעבן.

ס'איז קוים צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג דידאָזיקע הי־פּאָטעזע האָט זינט דאַן באַקומען. אמת, ווי ס'איז פריער געזאָגט גע־וואָרן, האָבן שוין אין זיבעצנטן יאָרהונדערט איינצעלנע פאָרשער, ווי: האָבעס, שפּינאָזאַ, און דער עיקר — רישאַר סימאָן, נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט ספקות בנוגע דער מסורה; אָבער ערשט ווען עס איז ערשינען אַסטרוקס בוך, איז די קריטיק אַריין אין יענער נייער סטאַ־דיע, אין וועלכער זי געפינט זיך היינטיקע צייט. אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט*) קומט־פאַר אַ מחלוקת פאַר דער הערשאַפט צווישן די צוויי היפּאָטעזעס: די ערשטע אַסטרוקס לטובת פאַרשידענע דאָקומענטן, וועלכע מען האָט, פונדעסטוועגן, שפּעטער געוואָלט פאַר־שפּרייטן אויפן גאַנצן חומש, און די פון פ אַ ט ע פאַרטראָטענע פראַגמענט־היפּאָטעזע, וואָס איר אויסגאַנגספּונקט איז נעמלעך דער, אַז אַ גרויסער טייל פונם ווערק באַשטייט פון קלענערע שטי־קער, וועלכע האָבן אָפט צווישן זיך קיין צוזאַמענהאַנג נישט און זיינען ערשט שפּעטער אין איין גאַנצעס פאַראייניקט געוואָרן. ערשט נאָך די אַרבעטן פון ד ע ו ו ע ט ע, ג ע אָ ר ג, פ אַ ט ק ע און אַנד. האָט דער היסטאָרישער עלעמענט אין דער ביבלישער קריטיק די אויבערהאַנט גענומען, ווייל איצט האָט מען אויסגעפאָרשט די נאַטור גופא פון דעם אינהאַלט פון משהס ביכער, כדי דורך דעם צו באַקומען פעסטע אָנהאַלטס־פונקטן, צו באַשטימען די צייט פונם ווערק און זיין אוי־טאָרשאַפט. דער איינציקער פעסטער פונקט, וואָס דידאָזיקע קריטיק האָט באַקומען נאָך לאַנגע און שווערע אויספאָרשונגען, האָט געקאָנט זיין די היפּאָטעזע, אַז דברים איז אַנטשטאַנען ערשט אין דער צייט ווען יאשיהו האָט געקיניגט, אַלזאָ אַן ערך פאַר דעם VII י. ה. נאָכ־דעם האָבן זיך באַוויזן אַנדערע קריטיקער, וועלכע האָבן די זאַך אי־בערגעקערט פונקט דעם היפוך אין האָבן דעם ספר דברים דערקלערט פאַר דעם עלטסטן פון משהס ביכער.

אָבער פון דער צווייטער זייט איז איצט אַרויסגעטראָטן אויך די אָרטאָדאָקסישע קריטיק, כדי צו פאַרטיידיקן די עכטקייט פונם חומש. פ. ה. ראַנקע, הענגסטענבערג, העווערניק, דרעקסלער און אַנד. זיינען

*) XIX י. ה. (איבערז.)

אָנגעפאַלן אויף די פּאָזיציעס פון זייערע קעגנער און האָבן זיך באַמיט צו רעטן זייער אַלטן גלויבן מיט שאַרפזיניקע אַרגומענטן. שפּעטער איז צו די שוין עקזיסטירנדיקע צוגעקומען נאָך איינע, די אַזוי־גערופענע דערגענצונגס־היפּאָטעזע, וועלכע האָט אָנגענומען נאָר איין „גרונטשריפט״, וועלכע איז פלומרשט דורך אַ רעדאַקטאָר על־פּי טעות דערגענצט פון אַן אַנדער קוועלשריפט, אַ יאהוויסטישער; אַלזאָ, אַ מין פאַרמיטלונג צווישן ביידע עקזיסטירנדיקע היפּאָטעזעס — וועלכע איז צום ערשטן דורכגעלייגט געוואָרן דורך טוך, עוואַלה, בלאַנק, באָלין. נאָך דער היפּאָטעזע וועגן אַ פּשוטער גרונטשריפט איז געקומען די היפּאָטעזע פון צעברעקלונג. לויט היינריך עוואַלד, האָבן אין פאַרפאַסן דעם חומש אָנטייל גענומען צען פאַרשידענע מחברים. דאָס עלטסטע היסטאָרישע ווערק, פון וועלכן עס זיינען גאַנץ פאַרבליבן זייער נישטיקע פראַגמענטן, דאָס איז „ספר מלחמות יהוה״. נאָך דעם גייט: 2) משהס לעבנסבאַשרייבונג, וועלכע איז רעפּראָדוצירט אויך אין אָרימע פראַגמענטן. מיר זיינען פאַרהיט געוואָרן 3) פון „ספר הברית״, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון שמשון, און 4) פון בוך פון אָפּשטאַמונג, וואָס איז פאַרפאַסט דורך איינעם אַ כהן אין דער צייט פון שלמה. דאַן גייט 5) דער דריטער דערציילער פון די אור־געשיכטעס, אָדער דער ערשטער נביאישער דערציילער, וועלכער האָט געלעבט און געשריבן צווישן 800 און 750 יאָרן, גלייך ווי 6) דער פינפטער דערציילער פון אור־געשיכטעס (דער דריטער נביאישער דערציילער), וועלכער האָט אָנגעהויבן שרייבן גאַנץ גיך נאָך יואלן און האָט באַאַרבעט אַלע ביז־איצטיקע קוועלן איבער דער פאָרגעשיכטע אינאיינעם. ערשט איצט הויבט־זיך־אָן 7) דאָס ריין־קינסטלערישע אויסנוצן די אור־געשיכטע, ד. ה. דידאָזיקע געשיכטע האָט גענומען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר נביאישע און געזעצגעבערישע צוועקן. אויף דעמדאָזיקן וועג איז דער ערשטער אַוועק אַן אומבאַוואוסטער מחבר אין אָנהויב VII יאָרהונדערט, נאָכדעם איז די אַרבעט פאָרטגעזעצט געוואָרן אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב דורך דעם מחבר פון ספר דברים, דעם פאָרגייער פון די נביאים און דעם פאַרענדיקער פון דעם אַלטן געזעץ, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון מנשה. לסוף, אין דער צייט פון ירמיהו, איז אַרויסגעטראָטן דער דיכטער פון „ברכות משה״. אַביסל אַ שפּעטערדיקע האַנט האָט אָבער די אַרבעט פונם מחבר פון ספר דברים, וואָס איז לכתחילה געשטאַנען אָפּגעזונדערט, און די קליינע הוספות פון ביידע זיינע חברים אינגאַנצן פאַראייניקט מיט דעם ווערק פון דעם פינפטן דערציילער. נאָר אויך איבער דערדאָזיקער היפּאָטעזע איז די וויסנשאַפט פון דעם ביבל־קרי־

טישן אַריינפיר גיך אַריבער צו דער טאַג־אָרדענונג. מען האָט ווידער
אָנגעהויבן מאַכן פּראָבעס אַרומצונעמען דאָס גאַנצע פון איין פּונקט, און
די פאָרשער האָבן אָנגעהויבן נוטה זיין צו דער מיינונג, אַז דער ספר
דברים איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לגמרי נישט נעמענדיק אין באַ־
טראַכט די איבעריקע ביכער, נאָר ער איז אַ פולקאָם זעלבשטענדיקע,
אומאָפּהענגיקע אַרבעט. אין אַלגעמיין האָט מען זיך דאָך געאייניקט אויף
אָנערקענונג פון פ י נ ף ערשטע זעלבשטענדיקע קוועלן: די פּריסטער־
שאַפט (.P), דאָס הייליגקייט־געזעץ (.H), דער עלאָהיסט (.E), דער יאַהוּ־
וויסט (.I) און ספר דברים (.D). נאָר איבער צוויי פּונקטן איז מען זיך
נאָך פונאַנדערגעגאַנגען. ערשטנס, צי האָבן דידאָזיקע פינף הויפּט־קוועלן
ביז זייער פאַראייניקונג אין איין גאַנצעס זעלבשטענדיק איינער נעבן
אַנדערן עקזיסטירט, אָדער דער יאַהוויסט מיט דעם קרובהשן עלאָהיסט
האָבן געבילדעט איין גאַנצעס, ווען דברים האָט זיך מיט זיי צונויפגע־
שמאָלצן; צווייטנס, צו וועלכע צייטן געהערן דידאָזיקע קוועלן־שריפטן.
אויף נייע וועגן האָבן זיך געלאָזן די אויספאָרשונגען פון ג ר אַ ף, וועל־
כער האָט זיך געשטיצט אויף די פאָרשונגען פון פ אַ ט ק ע, ר י י ס
און ג ע אָ ר ג און איז געשטאַנען פאַר אַ גרונטשריפט פון היסטאָרישן
אינהאַלט, אָבער ער פאַררעכנט דעם פּריסטערלעכן עלאָהיסט צום גלות
בבל אָדער נאָך שפּעטער אפילו, אַזוי אַז ער בילדעט די לעצטע
אַנטוויקלונגס־שטופע פון דעם אַזוי־גערופענעם העקזאַטעיך. די
מיינונג איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן פאַר די לעצטע יאָרן
אַדאַנק ו ו י ל ה ו י ז נ ס פאָרשונגען; מען קאָן אָבער איצט נאָך
די נייסטע אויסגראָבונגען אָננעמען, אַז אויך דידאָזיקע היפּאָטעזע וועט
אַרויסרופן אַנדערע נייע און וועט אויך צעטרייסלט ווערן. לויט דערדאָ־
זיקער קוועלן־שריפט־היפּאָטעזע, וועלכע האָט אין בוכשטעבליכן זינען
פון וואָרט אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע, קאָן מען אין דער ביבל קלאָר
אונטערשיידן דריי הויפּט־באַשטאַנד־טיילן: דעם יאַהוויסט (.I), וואָס
געהערט צו דער „גאָלדענער עפּאָכע“ פון דער העברעאישער ליטעראַטור,
פון וועלכער די עלטסטע ביי אונז פאַרבליבענע נביאישע שריפטן
שטאַמען פון דער צייט פון די קעניגען און די נביאים, וואָס פאַר דעם
פאַלן פוןביידע מלוכות; דעם עלאָהיסט (.E), וועלכער איז ייִנגער און
פאַרבונדן מיט דעם יאהוויסט ערשט דורך אַ שפּעטערדיקער צוזאַמענ־
אַרבעטונג, וועלכע איז אפשר אידענטיש מיט דער דעיטעראָנאָמישער;
דאָס דעיטעראָנאָמיום (.D) (Dt. 12 — 26), וואָס איז פאַרפאַסט אין
דער צייט אין וועלכער עס איז אַנטדעקט געוואָרן, דעם גרונדשטאַם
פון ויקרא 17 — 26, וואָס איז פאַרפאַסט אין גלות בבל, נאָך יחזקאלן,

דאָך צו אים נאָענט, — די פּריסטערלעכע גרונטשריפט (P.), וועלכע איז אָבער נישט קיין ווערק פון איין מחבר, נאָר דער רעזולטאַט פון לאַנגיעריקער אַרבעט אין און נאָך דעם גלות, וועלכע האָט אין זיך געהאַט אויך דעם אויבנדערמאָנטן טייל אין געהעריקער באַאַרבעטונג און איז שוין געווען איינגעשלאָסן אין חומש (Pt.) בשעת ס'איז פּובליקירט און איינגעפירט געוואָרן דורך עזרא אין 444 יאָר. תורת־כהנים איז אַלזאָ „דאָס געזעץ פון דער געמיינדע", אָבער נישט פון פאָלק ישראל. דידאָזיקע היפּאָטעזע ווערט געשטיצט דורך רעליגיעז־געשיכטלעכע אונטערזוכונגען לויט אירע איינצעלנע שיכטן. די געשיכטע פון קולט, די געשיכטע פון דער טראַדיציע, די געשיכטע פון ישראל און פון יידנטום ווערן אויפגעבויט אין אַ נייער קאָנסטרוקציע, און משהס תורה ווערט פאַרוואַנדלט אין עזראס תורה! נאַטירלעך האָבן אויך די היפּאָטעזעס, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן מיט פיל גייסט און שכל, באַגעגנט אַנטשלאָסענע קעגנער, וועלכע האָבן צעטרייסלט דעם בנין פון דידאָזיקע היפּאָטעזעס דורך דער אָנווייזונג, אַז דער פּריסטער־קאָדעקס איז דעם ספר דברים גוט באַקאַנט געווען, אַז זיינע תורות און חוקים זיינען דאָרט שוין פאַראַן און זיי ווערן דאָ אַפילו ציטירט, אַז אין די היסטאָרישע טיילן פון משנה־תורה איז נישטאָ גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען ברענגען צו דעם אויספיר וועגן אַזאַ אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם אינהאַלט פון תורת־כהנים, אַז פאַרקערט, אומעטום וואו מען קאָן, זיינען גענומען געוואָרן אין אַכט אַלע דערציילונגען, וועלכע געפינען זיך אין די ערשטע פיר ביכער פון חומש. ווייטער האָט מען דערוויזן, אַז אַפילו ביבלישע פּסוקים, וועלכע ווערן געבראַכט צו שטיצן דידאָזיקע היפּאָטעזע, האָבן געהאַט גאָר נישט די באַדייטונג, וואָס די נייע טעאָריע האָט זיי געוואָלט געבן, אַז דער נביא יחזקאל האָט זיך, אַ פּנים, באַנוצט מיט תורת־כהנים, און נישט פאַרקערט, אַז די דיקציע פון פאַרשידענע ביכער שטעלט־פאַר אַן אַנטשלאָסענעם ענטפער קעגן דער שיכטן־טעאָריע און, ענדליך, אַז די פאַרפאַסונג פונם ריטואַלן געזעץ אין דער צייט פון גלות און אַפילו נאָך אים איז אין ספק צוליב פיל וויכטיקע טעמים, און אין אַנדערע הינזיכטן אומוואַרשיינלעך און נישטמעגלעך.

פון אַלע דידאָזיקע היפּאָטעזעס און טעאָריעס, מיט וועלכע מיר האָבן געוואָלט אין אַלגעמיינע שטריכן אילוסטרירן די געשיכטע פון די קריטישע אויספאָרשונגען וועגן חומש, איז נישט שווער אומצוקערן זיך צו דעם אויספיר, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אין אַלע טיילן אַ פול איינהייטלעך־אויפגעבויט קינסטלעריש ווערק. מיר געפינען

שוין אפילו אין תּלמוד, און ס׳ווערט פון קיינעם נישט אָפּגעפרעגט: „די תורה איז געגעבן געוואָרן פראַגמענטנווייז״. אין דער קריטיק איז די פראַגמענטן־היפּאָטעזע אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַזוי גוט ווי די אינטערפּאָלאַציאָנס־היפּאָטעזע, און נאָר די קוועלנשריפט־היפּאָטעזע איז געבליבן. די מיינונג וועגן דער קינסטלערישער איינהייטלעכקייט פונם חומש ווערט אַלץ אָננעמבאַרער, וואָס מער הויפּטגעוויכט עס ווערט צוגעגעבן דעם ריין־מענשלעכן און פּשוטן פאַרשטיין פונם ווערק. מ׳דאַרף זאָגן איינמאָל אויף אַלעמאָל, אַז אונטער דעמדאָזיקן נאַטירלעכן פאַרשטיין דעם טעקסט מיינט מען נישט דאָס אומבאַדינגט ווערטלעכע פאַרשטיין, וואָס אַזעלכעס שליסט־זיך־אויס פון זיך אַליין אין פיל ערציילונגען.

וואָס דער חומש ציטירט פאַרשידענע קוועלן, ווי, למשל, „ספר מלחמות יהוה״, „המושלים״ און דעם ספר יהושע, דעם ספר הישר — איז אַ באַווייז, אַז צו אונז איז נישט דערגאַנגען די גאַנצע אַלט־העברעאישע ליטעראַטור.

אייניקע פון די עלטסטע ביבלישע דערציילונגען באַקומען אַ מער־ווירדיקע באַשטעטיקונג דורך די נייסטע רעזולטאַטן פון דער אשוראָלאָגישער פאָרשונג. דער שטאַרקער איינפלוס פון דער בבלישער קולטור שטייט שוין נישט מער אונטער ספק. ער באַווייזט זיך דייטלעך אין איינצעלנע מיטן און געשיכטן, אין דער צייט־רעכענונג, אין דער אָנשויאונג אויף דער וועלט און פיל אַנדערע זאַכן. וואָס מער עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דאָס בבלישע אַלטערטום, אַלץ קלערער ווערן פאַר אונז אויך די צוזאַמענהאַנגען צווישן אים מיט דער ביבל. מען דאַרף זיך אָבער היטן פאַר גוזמאות און נישט אויסצושפּרייטן איר השפּעה אויף דער גאַנצער קולטור פון כנען. די אשוראָלאָגיע און די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע האָבן פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז שוין פאַר דער איינוואַנדערונג פון די בני־ישראל האָט אין כנען עקזיסטירט אַן אייגענע כנענישע קולטור. פון דער אַנדער זייט דאַרף מען נישט פאַרקלענערן די באַדייטונג דערפון, וואָס פאַר אַ פאַרטיפערונג עס האָבן געהאַט נישט בלויז די מיטן און די דערציילונגען, נאָר דער עיקר די רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג דורך די בני־ישראל.

מיר קענען איצט אַ בבלישע לעגענדע וועגן דער וועלט־באַשאַפונג און אַ צווייטע לעגענדע וועגן מבול. ווי אָרים זיי זיינען לויט זייער אינהאַלט און פאָרם אין פאַרגלייך מיט די ביבלישע ערציילונגען! אין דער ביבלישער לעגענדע וועגן דער וועלט־באַשאַפונג באַשרייבט זיך לכתחילה דער כאָאָס, דאַן תּיכּף — די באַשאַפונג פון די געטער;

ווייטער, ווי־אַזוי די געטער האָבן מיט די כאַאָס־קרעפטן, מיט דער אור־מוטער טיאַמאַט מלחמה געהאַלטן, ווי מאַרדוק (מרדכי), דער גאָט פון בבל, האָט באַזיגט טיאַמאַט מיט אירע העלפער, זי געטויט און פון איר באַשאַפן הימל און ערד. ווייטער ווערט דערציילט וועגן דער באַשאַפונג פון די שטערן און פון די מענטשן דורך מרדכי; די לעגענדע ענדיקט זיך מיט אַ הימן לכבוד דעם באַשעפער מדרכי. אין דער בבלישער לעגענדע וועגן מבול טרעט־אַרויס דער העלד אוטנאַפישטים, מיט דעם צונעמעניש כאַסיסאַטראַ, וועלכער דערציילט אַ צווייטן, גילגאַמעש, די געשיכטע פונם מבול — ווי־אַזוי ער האָט אַרויסגעשיקט די חיות פון דער תיבה און לסוף געבראַכט זיי פאַר קרבנות, אַזוי אַז די געטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום זיין קרבן, „געגליכן צו פליגן", און איינע די אַנדערע פאַרשאָטן מיט פאָרוואורפן פאַר דעם „נישט־אויסגערעכנטן ברענגען דעם מבול". לסוף בענטשן די געטער דעם העלד פונם מבול מיט אייביקן לעבן און באַזעצן אים אין אַ וויטן לאַנד, ביי דעם „אריינגוס פון די טייכן". — פאַרגלייכט מען מיט דידאָזיקע כאַלדייאַישע לעגענדעס די ביבלישע ערציילונג אין איר פאַר אונז פרעמדער, אָבער צוגלייך אויך אַזוי צו אונזער האַרצן נאָנטער שיינקייט, אין איר לאַנגזאַמער און מאַיעסטעטיש פליסנדיקער באַשרייבונג — וועט מען געוויס שוין מער נישט פילן, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין העברעאישער עפּאָס. פאַרקערט, אין דידאָזיקע פאַסטוכישע און העלדישע געשיכטעס וועט איר געפינען קערנער פון אַ גרויסער עפּישער דיכטונג, וועלכע ווערט באַלויכטן פון דעם פרימאָרגנדיקן זונאויפגאַנג פון דער מענטשהייט.

* *

*

דיזעלביקע גרונטשריפט מיט דיביידע קוועלנשריפטן, וועלכע גייט־אדורך איבער דעם גאַנצן חומש, האָט מען זיך באַמיט איינצושטעלן אויך אין ספר יהושע בן־נון, און צוליב דעם האָט מען געוואָלט, אַז דער מחבר זיינער זאָל עס זיין דער רעדאַקטאָר פון חומש אָדער פון ספר דברים. דאָ ווערט אין פשוטע ווערטער, וועלכע רייסן זיך דאָ און דאָרט איבער מיט פּאָעטישע שטעלן, דערציילט וועגן דער דעראָבערונג און דער צעטיילונג פונם לאַנד צווישן די צוועלף שבטים דורך יהושע, וועלכער איז נאָך משהס טויט געוואָרן דער איינציקער אָנפירער פון פאָלק ישראל, — אַ דרייסטער און צוזאַמען דערמיט אַ באַ־

שיידענער העלד, וועלכער רופט מיט פרייד אויס: „איך מיט מיין משפחה ווען מיר דינען צו גאָט!“ וואָס משה'ן איז נישט באַשערט געווען איינצונעמען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, דאָס איז באַשערט געווען צו פאַרענדיקן יהושוען, באַזיגנדיק די כנענים. דערויף ענדיקט זיך די דערציילונג, אָנשליסנדיק זיך, אַלס אַ הוספה, אָן דעם חומש, פאַרענדיקנדיק דאָס בילד פון גרינדן אַ טעאָקראַטישע געזעצגעבונג. די גאַנצע אויפפאַסונג פון דעם היסטאָרישן גאַנג איז לגמרי דיזעלביקע, וואָס אין חומש. דאָס בוך האָט אין זיך אויך די דערציילונג, וועלכע האָט אַ־אַרויסגערופן פיל מחלוקתן, וועגן דעם, ווי די זון־באַוועגונג האָט זיך אָפּ־געשטעלט לויט דעם באַפעל פון יהושוע, וואָס איז שוין פון פריער מיט־געטיילט אין דעם בוך „ספר הישר“, אַלס אַ באַווייז, אַז פאַר דעם מו־טיקן העלד האָט דער הימל גופא געקעמפט.

ס'איז באַקאַנט, מיט וואָס פאַר אַ קריטישער אייפעריקייט די ראַ־ציאָנאַליסטן האָבן פאַרפאָלגט דידאָזיקע דערציילונג און מיט וואָס פאַר אַן איינגעשפּאַרטער ענגהאַרציקייט די אָרטאָדאָקסן האָבן זי פאַרטיידיקט. ס'איז אויך באַוואוסט, אַז ס'איז געבילדעט געוואָרן אַ מיטעלע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך באַמיט שלום צו מאַכן צווישן ביידע פיינטלעכע פּאַר־טייען, אויסטייטשנדיק דעם וואונדער „אַלס אַן איבערמענשלעכע דערהוי־בונג פון דרייסטקייט און שטאַנדהאַפטיקייט“. די באַמיאונג צו דערקלערן די וואונדער פון דער ביבל אויף אַ נאַטירלעכן אופן — איז זייער אַ פּרובטלאָזער פּרוב, מחמת די וואונדער זיינען ענג פאַרקניפּט מיט דעם באַגריף פון פאָלק ישראל וועגן גאָט. די, וואָס נעמען דעם מעטאָד, זיג־דיקן בנוגע דעם אינהאַלט פון דידאָזיקע וואונדערלעכע דערציילונגען מער, איידער די, וואָס לייקענען אים איינגאַנצן אָפּ און זעען אין דעם וואונ־דער אַ געוויסע מדרגה פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַ באַזונדערע פּאָ־עטישע פאָרמע פון רעליגיעזן גלויבעניש.

דאָס וואונדער, וואָס יהושוע האָט באַוויזן ביי גבעון, האָט אין אַ צייט אַרום געהאַט נאָך אַ טראַגישע געשיכטע. בשעת גאַליליי האָט קעגן דער ביבלישער אָנשויאונג אַרויסגעשטעלט דאָס געזעץ פון דער ערדס דרייען־זיך אַרום דער זון, האָט מען אים געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון זיין מיינונג און אָנערקענען, אַז די זון באַוועגט זיך. און נאָך אָפּט האָט שפּעטער די אָרטאָדאָקסיע געמאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, צו שטיצן דעם אויטאָריטעט פונם דאָזיקן וואונדער קעגן דער וויסנ־שאַפט, אָנשטאָט צו זען אין דערדאָזיקער דערציילונג אַן אַלט פּאָעטיש בילד, וואָס מ'קאָן אַזעלכע געפינען ביי די אַנטיקע און מאָדערנע שריפט־

שטעלער. אַלס באַווייז פאַר דערדאָזיקער מיינונג האָט מען מיט רעכט געבראַכט אַגאַמעמנאָנס תּפילה פון דער איליאַדע:

„לאָז נישט, אָ צעאוס, פאַרשווינדן דער זון, און דער פינסטערניש קומען,
איידער פון הויך כ'וועל צעוואַרפן פריאַמאָסעס וואוינונג״.

דאָס בוך יהושע, אַלס היסטאָריש ווערק און אַלס קוועלע פאַר דער געאָגראַפישער באַקאַנטשאַפט מיט פּאַלעסטינע, האָט נישט קיין קליינעם ווערט, וואָרום אין דעם באַריכט וועגן דער צעטיילונג פון כנען צווישן די צוועלף שבטים גיט עס אין די וויכטיקסטע שטריכן אַ ריכ־טיק און אָנשוילעך בילד פונם לאַנד, אַזוי ווי ס'האָט אויסגעזען אין די צייטן פון יהושע בן־נון; און דערביי איז פאַר אונז כמעט אַלץ איינס, צי בילדעט ווירקלעך דאָס בוך יהושע מיטן חומש איין גרופּע, די אַזוי־גערופענע „העקזאַטעיך״, וואָס פאַרענדיקנדיק זי האָט דער עלטסטער ביבלישער דערציילער זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק.

עס פאַרבלייבט אָבער מערקווירדיק, וואָס דאָס בוך ענדיקט זיך כמעט אַזוי, ווי דער ספר דברים. דאָרט זעגנט זיך מיטן פאָלק אין אַ פייערלעכער רעדע משה, דאָ — יהושע; דאָרט, ווי דאָ, שליסט זיך די דערציילונג מיטן טויט און מיט דער קבורה פונם העלד, וועלכער האָט זיין פאָלק דורכגעפירט דורך צרות און מלחמות צום נצחון.

* *

*

אָן ספר יהושע שליסט זיך ענג דער ספר שופטים, — אין אַזאַ מאָס, אַז איין פראַגמענט פון דעם ערשטן חזרט־זיך־איבער אין דעם צווייטן. שופטים נעמט־אַרום די צייט פון יהושעס טויט ביז שמשונס טויט, שילדערט די מלחמות מיט די כנענים און האַלט אין זיך איין פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן מיכה און דער מלחמה קעגן גבעה, אויך די דערציילונג וועגן רות, וואָס איז לכתחילה אַריין אין באַשטאַנד פון דעמדאָזיקן בוך.

צוועלף מענער, פאַר וועלכע די באַצייכענונג אַלס שופטים*) האָט על־כל־פּנים נישט שטענדיק געפּאַסט, גייען פאַר אונז אינם דאָזיקן

*) דאָס העברעאישע שופט, ווי סופט ביי די קאַרטאַגענער, האָט דעמאָלט באַ־טייט אַ הערשער, אַן אָנפירער פון אַ פאָלק. (אָנמערק. פון דער רוס. רעד.)

בוך פאַרביי. זיי זיינען די מנהיגים פונם פאָלק ישראל אין יענער צייט פון ווילדע מלחמות — אין אַ משך פון אַן ערך דרייהונדערט יאָר, בשעת ווען מיר זעען דאָס פאָלק ישראל אין רעכטן ברען פון זיינע אומגעצוימטע יוגנטלעכע קרעפטן און אין שטענדיקן קאַמף קעגן די ריינע אידעען פון דעם גלויבן אין גאָט, וואָס אים איז אָנגעטרויט געווען. נאָך יהושועס טויט נעמט אויף זיך די אָנפירערשאַפט מיט די שבטים עָתְנִיאֵל. ער האָט שוין פאַרן לעבן פון דעם העלד איינגע־נומען די „ביכער־שטאָט" (קרית ספר), און נאָך יהושועס טויט האָט ער דעם פאָלק געגעבן 40 יאָר רו. דער, וואָס האָט נאָך אים איבערגענומען די אָנפירערשאַפט, האָט דעם פאָלק געשענקט אַפילו גאַנצע 80 יאָר רואי־קייט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דעם קעניג פון מואָב עֶגְלוֹן. שַׁמְגַר, וואָס איז נאָך אים געקומען, האָט „באַפרייט ישראל" — דאָסמאָל פון די פלשתים, וועלכע ער האָט געשלאָגן „זעקסהונדערט איין מענש מיט אַן אָקסנ־שטעקן".

נאָכדעם טרעט אַרויס אַלס שופטת אַ פרוי דבורה, וואָס איר לעבן איז אין דער ביבל געריימט דורך אַ ליד, מיט וועלכן אונז שטייט נאָך פאָר צו באַקענען זיך. נאָך איר קומט גדעון, דער מוטיקער העלד, וועלכער צעשלאָגט די מדינים און צעשטערט די געצן, כדי אויפצו־שטעלן דעם ריינעם גלויבן אין גאָט, וואָס איז שוין כמעט פאַר־לאָרנגעגאַנגען אין דער געצנדינערישער סביבה און וואָס לאָזט שוין אין די לעצטע יאָרן פון גדעונס לעבן ווידער וואָרצלען אין שכם און אין אַנדערע ערטער, וואו די עברים וואוינען. וועגן די ווייטערדיקע שופטים תּוֹלָע, יָאִיר, אִבְצָן, אֵלוֹן און עַבְדוֹן דערציילט אונזער בוך ווייניק, דערפאַר רעדט עס מער וועגן יִפְתָּח, דעם קריגערישן העלד, פון גלעד, וועגן וועלכן די לעגענדע דערציילט, אַז פאַר זיין אַרויסטרעטן אויף מלחמה קעגן די עמונים האָט ער גע־געבן אַ שרעקלעכן נדר — ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאָט אַלץ, וואָס וועט אים באַגעגענען אויפן שוועל פון זיין הויז, ווען ער וועט מיט נצחון צוריקקערן זיך פון דער מלחמה. דער שווערער גורל פירט צו אים אַרויס זיין אייגענע טאָכטער, און ער איז מקיים זיין שרעקלעכע שבועה, ברענגענדיק פאַר אַ קרבן דאָס לעבן פון דעם בליענדיקן מיידל — אַ סימן, וואָס באַווייזט, אַז אַפילו די בעסטע מענטשן פון ישראל זיינען געווען פאַרסמט מיט דער געצנדינעריי און מיט דעם

קולט פון מענטשלעכע קרבנות. דורך דערדאָזיקער לעגענדע ווערט אָבער דערקלערט דער פייערטאָג, וואָס די מיידלעך פון גלעד פלעגן פייערן פיר מאָל אין יאָר.

מען האָט ריכטיק אָנגערופן אַ געמיש פון שאַרפן הומאָר און טיפער טראַגיק די געשיכטע פון דעם ווייטערדיקן שופט שִׁמְשׁוֹן, וועלכע שטעלט־פאָר דעם סאַמע אינטערעסאַנטסטן טייל פון בוך און איז בלי־ספק אַ פּראָזאַאישע באַאַרבעטונג פון עפּעס אַן אוראַלטן העלדן־עפּאָס. דאָס איז איינע פון די פאַרוויילנדיקסטע געשיכטעס אין דער ביבל צוליב די רעטענישן, וואָס זי האָט, און צוליב די אַוואַנטורעס, וועלכע דערמאָנען אָפט דעם ציקל לעגענדעס, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער געשטאַלט פון הערקולעס, און האָט אין זיך כמעט אַלע מאָמענטן פון עכטן פאָלקסטימלעכן עפּאָס. „דער העברעאישער פאָלקס־גייסט איז בכלל צו־ערנסט און טרוקן, צופיל פאַטעטיש און געהויבן געשטימט, עס זאָל אים גאָר געפעלן זיין דאָס, וואָס עס האָט אַ פולקאָם קאָמישן כאַראַקטער און רופט אַרויס אַ געלעכטער פון טיפן האַרצן. דערפאַר איז באַזונדער אינטערעסאַנט דערדאָזיקער העלד מיט זיין פריילעכער לוינע און געניאַלער קונדעסעריי, מיט זיין פאַרליבטקייט און מיט זיין טראַגישן סוף, וואָרום דאָ זעען מיר אַ באַווייז, אַז דאָס קאָמישע, אַלס אַלמענטשלעכער און עכטער פאָלקס־עלעמענט, איז נישט גאָר פרעמד געווען אויך די העברעאישע שטאַמען און האָט בלויז נישט געקאָנט געפינען קיין פולע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור", — נאָר דערפאַר וואָס דידאָזיקע ליטעראַטור האָט געהאַט אַן עקסט טעאָקראַטישן און טיף רעליגיעזן הינטערגרונט. בלויז אין דער געשיכטע פון יעקבן געפינען מיר נאָך עפּעס־וואָס ענלעכס צו פאָלקס־שפּאַסן; אויסערדעם איז אין דער גאַנצער ביבל זייער זעלטן פאַראַן אַן אָרט פאַר געלעכטער, און דאָס האָט געבראַכט איינעם פון די בייסטע פאָרשער־עטנאָגראַפן צו דער מיינונג, אַז די סעמיטן האָבן בכלל נישט די פעאיקייט צו לאַכן, און אַ פשיטא שוין אַזוי האַרציק, ווי עס לאַכט זיך, לייענענדיק די שפּיצלעך און העלדישע אַוואַנטורעס פון דעם שופט שמשון פון שבט, דן, — דעם שבט, „וואָס האָט געהאַט שופטים, ווי יעדער אַנדער שבט".

אין ספר שמואל, וועלכער איז אין די איבערזעצונגען געטיילט אויף צוויי ביכער, בשעת דער גרונט־טעקסט קען נאָר איין בוך, ווערט געגעבן די געשיכטע פון דער צייט פון דעם שופט און נביא שמואל ביז דער הערשאַפט פון די מלכים. דער ספר דערציילט די פאָרבערייטונגען צו דער מאָנאַרכישער רעגירונג און וועגן דעם אַנטשטיין פון קעניגלעכער מאַכט, וועלכע האָט, לויט דער פאַבל פון יותם אין ספר

שופטים, די אַמאָליקע יידן אויסגעוויזן אַלס אַ שלעכטס, און נאָכדעם וועגן דער רעגירונג פוןביידע ערשטע מלכים, ביז דעם טויט פון דוד המלך. לכתחילה ווייזט זיך פאַר אונז די אימפּאָזאַנטע דערשיינונג פון שמואל, וועלכער איז אין דערזעלביקער צייט געווען אי שופט אי כהן גדול, איינע פון די איידלסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל. ער עפנט אַ נייע עפּאָכע פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג נאָך לאַנגיעריקער ווילדקייט, אַנאַרכיע און אַלגעמיינער אויסגעלאַסנ־קייט, און צוויי העלדן־פירשטן — שאול און דוד — באַקומען פון אים די זאַלבונג צו זיין מלכים איבער ישראל. זיין אָפּשטאַמונג, אַזוי אויך זיינע באַציאונגען צום כהן גדול עלי, די תפילה פון זיין מו־טער, זיין הייליקונג פאַר גאָט — דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט רירנדיקער איינפאַכקייט און מיט פּשוטער איינציקייט. מיט דעם אַרויס־טרעטן פון די מלכים אויף דער סצענע, בייט זיך דער טאָן פון דער דערציילונג, אָננעמענדיק זינט דעמאָלט צייטנווייז אַ טונקעלע באַפאַרבונג און איבערגייענדיק אין אַ שטאַרקערן טאָן. די צייט פון די העלדן איז אַוועק. איצט הויבט־זיך־אָן דער קאַמף צווישן די כהנים און די מלכים, וועלכער שטעמפּלט זיך קלאָר אָפּ אין די דערציילונגען פון די היסטאָרישע ביבלישע ביכער און וועלכער לייגט אויף יעדן פון זיי אַרויף דעם שטעמפּל פון אַן אייגנטימלעכן שטאַנדפּונקט בנוגע דעמ־דאָזיקן קאַמף.

די נאָר־וואָס געבראַכטע באַמערקונג באַציט זיך באַזונדערס צו די דערציילונגען וועגן שאולן. די מעשות וועגן זיין באַשטימונג אַלס קע־ניג איבער ישראל און וועגן זיין באַזוך ביי דער צויבערין פון עין־דור — דאָס זיינען אויסגעצייכנטע מוסטערן פון עפּישער דערציילונג, און מיר האַלטן פאַר נישט־איבעריק צו געבן דאָ אַן אָרט דער ערש־טער פון זיי. ער איז שוין פריער געווען געוויילט פאַר אַ קעניג פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין מצפה, אָבער די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון פאָלק קומט־פאַר ערשט ווען עס האָט זיך באַקומען די ידיעה וועגן די אימות, וואָס דער קעניג פון עמון, נ ח ש, האָט אָנגעוואָרפן אויף דער שטאָט יבש, וועלכע ער האָט איינגענומען. שלוחים קומען קיין גבעה און מעלדן וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, „אין די אויערן פון פאָלק".

(ד) און די שלוחים זיינען געקומען אין גבעת שאול, און זיי האָבן די רייד גערעדט אין די אויערן פון פאָלק, און גאָר דאָס פאָלק האָבן אויפגעהויבן זייער שטים און געוויינט.

(ה) און אָט קומט שאול אָן הינטער די רינדער פון פעלד. און

שאול האָט געזאָגט: וואָס איז דעם פאָלק, וואָס מען וויינט? און מען האָט אים דערציילט די רייד פון די לייט פון יבש.

(ו) איז אַראָפּ גאָטס גייסט אויף שאולן, ווי ער האָט דערהערט דידאָזיקע רייד, און זיין צאָרן האָט זיך צעפלאַקערט זייער.

(ז) און ער האָט גענומען אַ פּאָר רינדער, האָט זיי צעשניטן, און צעשיקט די שטיקער איבער גאָר דער גרעניץ פון ישראל דורך די שלוחים אַזוי צו זאָגן: „ווער עס גייט נישט נאָך שאולן און נאָך שמואלן, וועט אַזוי געטאָן ווערן מיט זייערע רינדער. איז געפאַלן גאָטס פּחד אויף דעם פאָלק, און מען איז אַרויס אַלע ווי איין מענטש.

(ח) און ער האָט זיי אויסגעציילט אין בזק, זיינען געווען די בני ישראל — דרייהונדערט טויזנט, און די לייט פון יהודה — דרייסיק טויזנט.

(ט) און מען האָט געזאָגט צו די געקומענע שלוחים: „אַזוי זאָלט איר זאָגן צו די לייט פון יבש גלעד: מאָרגן וועט איר האָבן די הילף, ווען די זון וועט וואַרימען”.

(י) זיינען געקומען די שלוחים און האָבן דערציילט צו די לייט פון יבש, און מען האָט זיך געפרייט.

(יא) און עס איז געווען אויף מאָרגן און שאול האָט אויסגעשטעלט דאָס פאָלק אין דריי אָפּטיילונגען, און זיי זיינען אַריין אין מיטן דעם לאַגער בשעת דער פרימאָרגנדיקער וואַך, און זיי האָבן געשלאָגן עמון ביז דער טאָג איז וואַרים געוואָרן, און עס איז געווען: די פאַרבליבענע האָבן זיך צעשפּרייט, און ס'זיינען פון זיי קיין צוויי צוזאַמען נישט געבליבן.

(יב) און דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו שמואלן: ווער עס זאָגט: שאול וועט עס קיניגן איבער אונז?! — גיט דידאָזיקע מענטשן, און מיר וועלן זיי טויטן.

(יד) און שמואל האָט געזאָגט צום פאָלק: לאָמיר גיין קיין גלגל און דאָרט באַנייען די קרייגונג.

(טו) און גאָר דאָס פאָלק איז געגאַנגען קיין גלגל און דאָרט געלאָזט קיניגן שאולן פאַר גאָט אין גלגל”.

שפּעטער איז אויף דעם קעניג אַראָפּ אַ „בייזער גייסט” און ער האָט געמוזט אָפּטרעטן זיין אָרט דעם העלד דוד, וועלכער ס'האָט דער ערשטער פאַרווירקלעכט די גרויסע אידעע פון אַ גאַנצער מאָנאַרכישער גאָטס מלוכה. אָבער פון דעמאָלט אָן באַמערקט זיך אין די ביבלישע דערציילונגען בכלל און אין דער דערציילונג וועגן דודס לעבן בפרט אַ וואונדערלעכע אומפּאַרטייאישקייט, מיט וועלכער די דערציי-

לער טײלן־פונאַנדער ליכט און שאָטן, מיט װעלכער זײ גיבן־א־בער דאָס שלעכטע און דאָס גוטע, דאָס העלדישע און פאַרברעכערישע בסדר אײנס נאָכן אַנדערן. דורכדעם קאָנען מיר זיך מאַכן אַ קלאָרן באַגריף װעגן דעם כאַראַקטער פון יעדן העלד, און דאָ איבערהויפּט געפינען מיר דעם באַװײז אויף דער ריכטיקײט פון דידאַזיקע שריפטן. װען זײ װאָלטן װירקלעך געפעלשט געװאָרן דורך מאַכט־גײציקע, כיט־רע כהנים מיט היעראַרכישע צװעקן, װאָלטן מיר דידאָזיקע פעלשער געמוזט אָנערקענען פאַר זײער נישט קײן געשיקטע לײט, װאָרום זײ דערצײלן װעגן אַלע זײערע העלדן און מוסטערן אָן אויסנאַם — פון אברהמען, אַפילו פון אָדמן ביז דודן, און איבערהויפּט פון דעם לעצטן — אַזוי פיל נישט גוטעס, װאָס קאָן שוין בשום־אופן נישט פּאַסן פאַר די העכערע כהנישע צװעקן, פאַר אַזאַ געהויבענעם שטאַנדפּונקט פון דער טעאָקראַטישער װעלט־אָנשויאונג — אוודאי נישט, און װעלכעס װאָלט דורך אַ קלוגן רעדאַקטאָר לײכט געקאָנט אויסגעשטראָכן װערן אָדער װעלכעס מען װאָלט געקאָנט לגמרי פאַרשװײגן. אָבער דער טיפער גרונט־טאָן פון רעליגיעזער באַגײסטערונג, װעלכער גײט־דורך איבער אַלע דידאָזיקע דערצײלונגען, װעלכער קלינגט אַפילו אין די סאַמע פינס־טערע זײטן זײערע, װאָס זײנען פול מיט בלוט און אימה, — שטעלט די שריפטן העכער פאַר יעדן חשד. דער עיקר הערט זיך אָבער דער־דאָזיקער טאָן אין דער געשיכטע פון דודן, און דערין ליגט די סיבה, װאָס דערדאָזיקער קעניג, װאָס זײן אַרט לעבן איז כלל נישט געװען אָן פּגימות, איז פונדעסטװעגן געװאָרן דער מוסטער פון געטלעך־באַגײסטערטן לעבן, דער מענטש, װאָס פון זײן שטאַם זאָל, לויט דעם נביאס פּאָרויסזאָגן, אַמאָל אויפבליען די ישועה פון ישראל.

* *

*

מ ל כ י ם, אין גרונט־טעקסט אויך נאָר א י י ן בוך, דערצײלט די געשיכטע פון אַלע מלכים נאָך דודן ביזן גלות בבל. ער הויבט־זיך־אָן אַלזאָ פון שלמהס באַשטײגן דעם טראָן און ציט זיך ביז דעם חורבן פון דער מלוכה. איצט הויבט זיך פאַר ישראל אָן אַ פרישע קולטור־לעבן, עס הויבן־זיך־אָן באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער, װעלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדײטונג און װעלכע האָבן גורם געװען די אויפבליאונג פון קונסט, פּאָעזיע און װיסנשאַפט. דאָס מלוכה־װעזן

האָט זיך פאַרפעסטיקט פאַר דעמדאָזיקן לאַנגן פרידלעכן פעריאָד, און פאַר די עברים האָט זיך אָפּגעעפנט אַ ברייטער היסטאָרישער האָריזאָנט, וואָס דער בעסטער באַווייז דערויף זיינען טאַקי דידאָזיקע ספרים „מלכים". זייער מחבר איז זיך סומך אויף צוויי עלטערע ווערק: „דברי הימים למלכי יהודה" און „דברי הימים למלכי ישראל", וועלכע מען קאָן גאַנץ באַשטימט ווידער אויפשטעלן לויט די פאַרבליבענע ביכער „דברי הימים". אַז אין דידאָזיקע ביכער געפינט זיך אַ טענדענץ, וועלכע טרעט אין פיל היגזיכטן אָפּ פון די פריערדיקע היסטאָרישע ווערק און וועלכע האָט אין עצם אַ נביאיש־דידאַקטישן כאַראַקטער — דערין איז קיין ספק נישטאָ. נאָך דער עפּאָכע פון די העלדן קומט איצט די צייט פון די נביאים, און פון דאַן אָן שטייט זייער טעטיקייט קלאָר אויבן־אָן אין דער היסטאָרישער דערציילונג. אויך אין דידאָזיקע ווערק איז דער שטאַנדפונקט אַ טיף רעליגיעזער: דער דערציילער גלויבט אין דער געטלעכקייט פון דער וועלט־אָנפירונג – און פון איר השפּעה, רעכנט ער, הענגט־אָפּ דער גורל פון זיין פאָלק.

די פאָרם און דער סטיל פון דער דערציילונג ווערן פון איצט אָן ריין היסטאָרישע, אַמאָל אַפילו טרוקענע, און נאָר זעלטן צייכענען זיי זיך אויס מיט פּאָעטישן שוואונג — דעמאָלט ווען עס רעדט זיך וועגן דער חכמה פון קעניג און דעם גלאַנץ פון זיין הערשאַפט. וואָרום, לויט דער לעגענדע פונם דאָזיקן בוך, האָט גאָט געגעבן דעם קעניג „אַ ברייט האַרץ, אַזוי פיל שכל און פאַרשטאַנד, וויפיל עס איז פאַראַן זאַמד אויפן ברעג פון ים, אַזוי אַז שלמהס חכמה האָט איבערגעשטייגט די חכמה פון אַלע לייט פון מזרח און גאָר די חכמה פון מצרים. ער איז געווען קליגער פאַר אַלע מענטשן, און האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען ביי אַלע פעלקער. ער האָט פאַרפאַסט דריי טויזנט משלים, און די צאָל פון זיינע לידער איז געווען טויזנט און פינף. וואָרום ער האָט באַזונגען די בוימער, אָנהויבנדיק פון צעדער פונם לבנון און ענדיקנדיק מיטן מאָך, וואָס וואַקסט אויף די ווענט, און חיות, און עופות, און אינזעקטן און פיש. פון אַלע פעלקער איז מען געקומען, כדי צו הערן שלמהס חכמה, אַפילו מלכים פיל האָבן זיך געלערנט זיין חכמה".

אַזוי־אַרום האָט שלמה געהאַט אַ גרויסן און אַ זעלטענעם שכל, ברייטע בילדונג, אין וועלכער די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט די גרינדלעכע נאַטור־קענטעניש, און הויכע פּאָעטישע באַגאַבטקייט, וועגן וועלכער אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. און דאָס אַלץ האָט

ער אויסגעבויט לטובת זיין פאָלק און זיין גלויבן, צוליב וועלכן ער האָט אויסגעבויט אַ פּראַכטפולן טעמפּל אין ירושלים. די צייט פון זיין רעגירן איז די עפּאָכע פון דער העכסטער בליאונג פון ישראלס מעכטיקייט, נאָר צוזאַמען דערמיט אויך די צייט, ווען דידאַקטישע מעכטיקייט הויבט־אָן צו פאַלן. די הערשאַפט פון די כהנים ווערט אַלץ שטאַרקער, דאָס פאָלק פאַלט ווידער אַריין אין אַבערגלויבן, די אַרומיקע שונאים, וועלכע נעמען פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ, באַפאַלן כסדר דאָס לאַנד, און פון די נביאים. וואָס זינט שמואל האָט געגרינדעט די שולן פון די בני־נביאים האָבן זיי פאַרנומען דעם אָרט פון די וואָרזאָגער און טרעפער, זיינען שוין נתן און גד געשטאָרבן; און וואָס נוגע זייערע יורשים, גיט די געשיכטע וועגן זיי קיין שום ידיעות נישט.

די ירידה ברענגט אין דער צייט פון שלמהס זון, רחבעם, צו דער צעטיילונג פון דעם קעניגרייך. ירבעם שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון ישראל, און רחבעמען בלייבן געטריי נאָר דער שבט יהודה, ירושלים און דאָס לאַנד פון שבט בנימין. פון־דאַן־אָן שטייען צוויי מלוכות פיינדלעך איינע קעגן דער אַנדערער, ישראל און יהודה. די ערשטע איז די גרויסע, אָבער זי האָט נישט די רעזידענץ פונם גלויבן, און דעריבער גיט זי ביי זיך באַלד אַן אָרט פאַר דעם דינסט צו בעל און עשתורת, און פאַלט ענדליך אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון דעם אַשורישן קעניג שַלְמַנְאֶסֶר, וועלכער מאַכט חרוב די מלוכה, וואָס האָט עקזיסטירט פון 933 ביז 622 י., און פאַרטרייבט דאָס פאָלק אין גלות. מלכות יהודה ווערט דער טרעגער און דער מיטלפּונקט פון רעליגיעזער אַנטוויקלונג, וואו די סאַמע וויכטיקע נביאים האָבן געוואוינט, און אַ רייכע ליטעראַטור האָט געבליט אין דעם פּעריאָד פון 933 ביז 586 י., וועלכער איז פול מיט דער הערשאַפט פון צוואַנציק מלכים פון דודס דינאַסטיע. אָבער זיי קאָנען נישט אָפּהאַלטן די מלוכה פון פאַלן און מיט איינציקע אויסנאַמען העלפן זיי אויך מיט דער געצנדינערייי. לסוף קומט פון מזרח דער שונא, אַ כאַלדעאישער קעניג, באַלאַגערט און נעמט־איין ירושלים, מאַכט חרוב דעם טעמפּל, און פירט־אָפּ דאָס רעשט פון פאָלק אין גלות.

דאָס אַלץ דערציילט דאָס בוך, אָדער די ביכער מלכים, אַמאָל מיט עפּישער גענויקייט און אָביעקטיוויקייט, אַמאָל מיט עפּיגראַמאַטישער שאַרפקייט, אַמאָל מיט כראָנאָלאָגישער קורצקייט. די סאַמע גלענצנדע ערטער, אויסער שלמהס לעבנס־באַשרייבונג, גיט די געשיכטע פון די צוויי נביאים אליהו און אלישע, וועלכע פירן אַ פאַרביטערטן

קאַמף מיט דער שטאַרק פֿאַרשפּרייטער געצנדינעריי און טרעטן נישט אָפּ פֿאַר קיין שום מיטלען אויפֿצושטעלן און צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם אַלטען גלויבן. ווירקלעך, אין דער ביבל ווערן זיך געפֿינען ווייניק אַזעלכע דערציילונגען, וואָס זאָלן האָבן אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער און אין וועלכע די גרויסקייט און די באַדייטונג פֿון דעם העלד זאָלן אין אַזאַ מדרגה זיין פֿאַרשטאַרקט דורך דער אַרומיקער וואונדערלעכקייט, ווי מיר זעען עס אין דער געשיכטע פֿון אליהו, וואָס די געשיכטע פֿון אלישע באַציט זיך צו איר כמעט נאָר ווי אַ קאָפּיע פֿון איר. ס'איז אַלץ גרויסאַרטיק אין דעמדאָזיקן מאַן, וועלכער קעמפֿט, אויף גאָרנישט ניט־קוקנדיק, פֿאַר גאָט, דערנידעריקט און ראָט־אויס מיט גאָטס הילף די כהנים פֿון בעל, שיקט שטורמדיק זיינע תּפֿילות צום אַלהעכסטן, ווען ער זעט אַז זיינע מעשׂים זיינען פּרוכטלאָז און זיין לעבן — אין געפֿאַר, און ער באַקומט ווידער פֿון גאָט שטיצע אין זיינע גרויסע שטרעבונגען — ביז דער רגע, ווען דער פֿייערדיקער רייטוואָגן טראָגט אים ענדלעך אַרויף אויפֿן הימל. אין דידאָזיקע דערהאַבענע בילדער פֿאַראייניקן זיך געשיכטע מיט פּאָעזיע צוזאַמען אין איין וואונדערלעך בילד, — אָבער זיי וואָלטן געוויס געווען אוממעגלעך, ווען זיי וואָלטן נישט אַנטשפּראָכן אַ גרויסער ווירקלעכקייט.

מיט פֿלאַמענדיקן גייסט איז פֿול געווען אליהו, און פֿייערפֿלאַם איז געווען דער גייסט פֿון זיין שליחות. איינמאָל, ווען ער איז אַ מידער און צן אָפּגעשוואַכטער געגאַנגען צום באַרג חורב, — אַזוי אומגעפֿער קלינגט די ביבלישע דערציילונג, — און האָט זיך געלייגט רוען אין דעם זאַמדיקן מדבר אונטער איינזאַמע געוויקסן, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן: „גענוג, גאָט, נעם־אַוועק מיין נשמה, וואָרום איך בין נישט בעסער פֿון מיינע עלטערן!" און אַ מלאך פֿון גאָט האָט אַזוי געשטאַרקט זיינע קרעפֿטן, אַז ער האָט פֿאַר פֿערציק טעג דערגרייכט צו דעם באַרג, וואו גאָט האָט צו אים געזאָגט: „וואָס זוכסטו דאָ, אליהו?"

און ער האָט געענטפֿערט: „איך האָב מלחמה געפֿירט פֿאַר דעם גאָט פֿון די חיילות, וואָרום די קינדער פֿון ישׂראל האָבן פֿאַרלאָזן דיין בונד, חרוב געמאַכט דיינע מזבחות, געטויט דיינע נביאים, איך אַליין בין געבליבן לעבן, אָבער מען זוכט אויך מיין נשמה, אָפּצונעמען זי". און אַ שטים האָט צו אים געזאָגט: „גיי, שטעל זיך אויפֿן באַרג פֿאַר דעם געזיכט פֿון גאָט, און גאָט וועט פֿאַר דיר אַדורכגיין". און אַ גרויסער, שטאַרקער ווינט האָט זיך אויפֿגעהויבן, וועלכער רייסט אַרויס בערג און צעשמעטערט פֿעלזנשטיינער פֿאַר גאָטס געזיכט. אָבער נישט

אין ווינט איז גאָט. נאָכן ווינט — ערד־ציטערניש, אָבער נישט אין ערד־ציטערניש איז גאָט. נאָך דער ערד־ציטערניש — פייער, אָבער אויך נישט אין פייער איז גאָט. נאָכן פייער — אַ ווייען פון אַ שטיל ווינטל. ווען אליהו האָט עס דערהערט, האָט ער פאַרבאָרגן דאָס געזיכט, וואָרום ער האָט דערפילט די נאָענטקייט פון גאָט!

נישט ווייניקער פייערלעך איז דער סוף פון דער דערציילונג, וואו עס רעדט זיך וועגן אליהוס טויט, ווי ער צוזאַמען מיט אלישע, וואָס אים האָט ער געזאַלבט פאַר זיין יורש, גייט צום ירדן און רעדט צו זיין געליבטן תּלמיד: „פאַרלאַנג, וואָס זאָל איך טאָן פאַר דיר, איידער איך וועל פון דיר אַוועקגענומען ווערן?״ און אלישע האָט געענטפערט: „זאָל זיין צווייְמאָל מער פון דיין גייסט אויף מיר״. און בשעת זיי זיינען אַזוי געגאַנגען און גערעדט, איז אַראָפּ אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד, און האָט זיי צעשיידט, און אַוועקגעטראָגן אליהון מיט שטורם צום הימל.

די לעגענדע האָט אליהוס לעבן אויסגעשטאַט מיט אַלערליי וואונדערלעכע פּרטים. זי דערציילט, אַז זינט דעמאָלט באַזוכט ער אָפט די מענטשן, אָבער שוין נישט אין זיין פריערדיקער פייערדיקער געשטאַלט. „אומגעזען, אָדער אין אַ פרעמדער געשטאַלט, מישט ער זיך אַריין אין דעם געשפּרעך פון די מענטשן, וועלכע זוכן חכמה, און פאַראייניקט זייערע נשמות. אין משפּחה־ענינים ווענדט ער די הערצער פון די עלטערן צו די קינדער, און די הערצער פון די קינדער צו די עלטערן! ער איז מציל פון סכנות און גיט טרייסטנדיקע און דערקוויקנדיקע תּשובות צו די, וואָס בעטן גאָט״.

פון קיין שום אַנדער דערציילונג ווייעט נישט אויף אונז אַזוי מיטן אָריענטאַלישן גייסט, ווי פון דער דערציילונג וועגן אליהו.

* * *

פאַר אונזער עסטעטישער אָנשויאונג אויף דער ביבלישער ליטעראַטור איז לחלוטין אַלץ־איינס, צי אין דערדאָזיקער באַדייטנדיקער און פּרוכטבאַרער אין ליטעראַרישער הינזיכט עפּאָכע האָבן זיך ווירקלעך באַוויזן אַלע יענע ווערק, וועלכע די קריטיק פאַררעכנט צו דערדאָזיקער צייט. נאָר אַלענפאַלס, די עפּאָכע, וועלכע ווערט געשילדערט אין ספר „מלכים״, און אין וועלכער דאָס בוך האָט זייער מעגלעך געקאָנט זיין פאַרפאַסט, איז געווען אַ צייט פון שטאַרקער גייסטיקער באַוועג־

גונג. די העברעאישע היסטאָריאָגראַפיע דערגרייכט איצט צו איר העכסטער אַנטוויקלונג; די נביאות און די פּאָעזיע זיינען אין פולער בליאונג. דער רעליגיעזער און דער עפישער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור צייכנט־זיך־אויס אַלץ בולטער אין די פאַרבליבענע דעקמעלער פון דעמדאָזיקן פעריאָד. און אַזוי גרויס איז געווען די גייסטיקע קראַפט פונם פאָלק, אַז עס האָבן זי נישט געקאָנט איינברעכן אַפילו די פאַרניכטונג פון דער מלוכה און דער חורבן פון רעליגיעזן מיטלפונקט, און, פאַרקערט, דער גלות איז געוואָרן די צייט פון איבערלעבער לייטערונג, די צייט, ווען דאָס פאָלק ישראל האָט אויפגענומען מיטן באַוואוסטזיין זיין גרויסע מיסיע, נישט פאַרלירנדיק זיין שעפערישע קראַפט, וועלכע אַנטפלעקט זיך אין פיל, צו די יאָרן פון גלות געהערנדיקע, ווערק, וועלכע שטייגן אַריבער — אויב ס'איז מעגלעך — מיט דער רעליגיעזער וואַרימקייט און באַהאַרצטקייט די ווערק פון די פריערדיקע פעריאָדן. די אידעע פון גייסטיקן מאָנאָטעאיזם, אַלס די איינציקע ריכטיקע רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג, לאָזט אין דערדאָזיקער צייט פון צרות און ליידן טיפע וואָרצלען און, נאָך דעם צוריקקערן־זיך פון גלות, פילט זי דעריבער אָן אַלע געמיטער.

צו דעמאָזיקן פעריאָד פון רעליגיעזער אויפלעבונג געהערן די לעצטע היסטאָרישע ביכער פון דער ביבל: ד ב ר י ה י מ י ם, און אויך די ביכער „ע ז ר א" און „נ ח מ י ה", וועלכע האָבן לכתחילה געבילדעט איין גאַנצע זאַך און ווערן פון דער קריטיק צוגערעכנט צו איין אויטאָר. זיי דערציילן־איבער פון ס'ניי די געשיכטע פון וועלט־באַשאַפונג, ביזן אויפשטעלן דאָס יידישע געמיינדע־לעבן פאַר עזרא און נחמיה, דאָס גלייכן די געשיכטע פון דער נייער מלכות יהודה. דער אינהאַלט פון דברי הימים האָט טיילווייז אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט, ווייל ער גיט אַ וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר די אַלט־ישראלישע באַציאונגען צווישן די שטאַמען. ענדלעך, די ביכער, וואו עס דערציילט זיך וועגן דער באַנייאונג פונם טעמפל און פון ירושלים, זיינען דורכגעדרונגען מיט פריי־דיקער רעליגיעזער באַגייסטערונג, וועלכע קאָן אין אַ געוויסער מאָס אונז קאָמפּענסירן פאַר דער פראַכט פון דער פריערדיקער פאַרשוואונדענער נאַאיווקייט און רואיקייט. די שפּראַך שפּיגלט־אָפּ די יינגסטע אַנטוויקלונג פונם ביבלישן העברעאיזם, און די ווערק גופא גיבן אַ ריכטיק בילד פון די רעליגיעזע ריכטונגען, וועלכע גייען־אַדורך אין דעם נייעם יידנטום, וואָס זיינע פאָטערס, עזרא און נחמיה, ערשיינען אַלס אייפעריקע און געטרייע פאָרשטייער פון יענער תורת משה, וואָס איר ווידעראויפבויער קאָן מיט רעכט אָנגערופן ווערן דער ערשטער פון

דידאָזיקע צוויי. די גרויסע, וועלט־באַוועגנדיקע אידעע פון דערדאָזיקער תורה האָט גענומען ברענגען בליאונג און פרוכט. דאָס אַלטע געזעץ האָט געפונען טרייע נאָכפאָלגער, און די פליכטן, וואָס עס האָט פאָרגעשריבן, זיינען דערפילט געוואָרן שטרענג און פלייסיק. די תורה איז געוואָרן דורך דעם כהן עזרא פאָלקסטימלעך, פאָרלייענונגען פון איר זיינען געוואָרן אַ רעליגיעזער מנהג; דאָס פאָלקס־לעבן איז געוואָרן דער פאַרקערפּערטער געדאַנק פון דער רעליגיע

אינם פאַרלויף פון דערדאָזיקער אַרבעט קערן מיר זיך ווידער אום צו דעמדאָזיקן וויכטיקן פעריאָד פון דער אַנטוויקלונג, וועלכע האַלט־איין אין זיך דאָס קערנדל פון דער שפּעטערדיקער יידישער ליטעראַטור און אין דערזעלביקער צייט באַטייט זי דעם סוף פון די גרויסע היסטאָרישע ביכער פון אַלטן טעסטאַמענט. דערדאָזיקער היסטאָרישער עפּאָס געפינט נאָר באַשיידענע פאָרטזעצער אין יענע פּאָעטישע דערציילונגען, וועלכע עס האָט באַשאַפן און באַפּוצט מיט קינסטלערישער פרייהייט דער צווייטער אויפבלי פונ׳ם ניי־דערוואַרטן פאָלקסלעבן. געגליכן צו פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער געשיכטע גופא, קאָנען אויך דידאָזיקע דערציילונגען באַצייכנט ווערן אַלס מוסטערן פון דעם ראָמאַן און דער נאָוועלע, וועלכע זיינען ערשט פיל שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַ באַזונדערער ליטעראַטור־ריכטונג. די ערשטע פון דידאָזיקע דערציילונגען איז דאָס קליינע בוך „רות", וואָס איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, לכתחילה געווען פאַראייניקט מיטן בוך „שופטים", און ערשט שפּעטער איז עס אָפּגעטיילט געוואָרן און איינגעשלאָסן געוואָרן אין די מגילות.

דאָ דערציילט זיך אין אַ פריינדלעך־אידילישן טאָן, ווי די מואבית רות, דוד המלכס עלטער־באָבע, איז אַוועק מיט איר שוויגער קיין בית־לחם און האָט דאָרט חתונה געהאַט. קעגן דעם געשיכטלעכן אמת פון דער דערציילונג, וועלכע ווערט באַשטעטיקט אויך דורך אַנדערע באַווייזן, האָט מען אַרויסגעשטעלט גאָר ווייניק טענות; די אַרט דערציילן — איז אַ פרייע, אַ פּאָעטיש־בילדערישע. דעריבער האָט מען דאָס בוך „רות" אָנגערופן אַן אַלט העברעאישע דערציילונג פון דאָרפסלעבן, אַ אידיליש פאַמיליען־בילד, און אַזוי דאַרף מען עס באמת אויפפאַסן; אין אים געפינט זיך א תהום פון ליבליכסטער זעלבסטבאַגרעניצונג און סאַמע אויפריכטיקער איינפאַכקייט און תמימות... אַ געבענטשטער פרידן דרינגט דאָ אַלץ דורך פון אָנהויב ביזן סוף און גיט־זיך־איבער אויך צו דעם לעזער. די נשמה פון דער גאַנצער דערציילונג בילדעט אייגנטלעך דאָס געפיל פון טיפסטער משפחה־פאַרבונדנקייט, וועלכע

איז דאָ דעריבער באַזונדער זיטלעך און פּרעכטיק, ווייל איר יסוד איז די פרייע זעלבסטבאַשטימונג. דאָ האָבן מיר די מעגלעכקייט צו מאַכן זיך אַ באַגריף וועגן דער פעסטקייט און וועגן דער ערנהאַפטיקייט פון דעם העברעאישן משפחה־לעבן, צוזאַמען מיט די לעבנס־שטייגער, וועלכער איז ביי גאָר זיין איינפאַכקייט פונדעסטוועגן אַזוי רייך און אָנציענדיק.

די דערציילונג און איר קאָמפּאָזיציע זיינען איינפאַך און אָנשוי־לעך, געשטימט אויף אַזאַ עפּישן טאָן, אַז עס ווילט זיך נישט פאַר־רעכנען די פאַרפאַסונג פונם בוך צו דער צייט פון נאָך גלות בבל, וועלכע האָט געהאַט דער עיקר אַ געזעצגעבערישן כאַראַקטער, מחמת אַלץ אין אים באַווייזט קלאָר אויף דער פריילינגס־צייט פון ישראלס פאָלקס־לעבן.

עס פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז רות פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דער ליבלעכער דערציילונג, וועלכע ווייזט אַרויס בנוגע אַלע אַנדערש־גלויביקע אַ וואונדערלעכע טאָלעראַנץ, וואָס האָט מסתמא גע־הערשט אין יענער צייט און אין יענעם לאַנד, וואו און ווען עס איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע קליינינקע אידיליע, וואָס איר ערשטער טייל, וואו עס דערציילט זיך: „ווי רות לאָזט זיך אַוועק מיט איר שוויגער קיין בית־לחם", — איז אויך דער בעסטער אין קינסטלערישן זינען.

ווייטער דערציילט זיך, ווי רות קלויבט זאַנגען אין בועזס פעלד, ווי בועז זאָגט־צו מיט איר חתונה צו האָבן, ווי דאָס ווערט ענדלעך דערפילט, רות האָט חתונה, און זייער חתונה איז געבענטשט. דער דאָזי־קער סוף פון דער דערציילונג איז אויך איר היסטאָרישער אונטערגרונט, וועלכן זי האָט צו פאַרדאַנקען דערפאַר וואָס זי איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין באַשטאַנד פון די כתבי־הקודש, און מיר — אפשר דערפאַר וואָס ביז היינ־טיקער צייט איז בכלל פאַרהיט געוואָרן די דאָזיקער פּערל פון דער אַלט־העברעאישער דערציילונגס־קונסט, ווייל אַנדערש וואָלט זי אפשר פאַרפאַלן געוואָרן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אוצרות פון דער אַלטער וועלטלעכער ליטעראַטור.

די געבענטשטע פּרוכט פון בועזס חתונה מיט רותן איז, פאַר־שטייט זיך, אַ זון, וואָס ביי זיין געבוירן־ווערן זאָגן די פרויען צו נעמי: „ער וועט דיר זיין אַ טרייסט פאַר דיין זעלע און אַ שפּייזער אין דיין עלטער, ווארום אים האָט געבוירן דיין שנור, וועלכע ליבט דיך, וועלכע איז פאַר דיר בעסער איידער זיבן זין". — „און נעמי האָט גענומען דאָס קינד" — אַזוי ענדיקט זיך די דערציילונג — „און האָט

אים געטראָגן אין אירע אָרעמס, און האָט אים געפלעגט". און די שכנות האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, אַזוי צו זאָגן: „ביי נעמי איז גע-בוירן־געוואָרן אַ זון, און זיי האָבן זיין נאָמען גערופן עוֹבֵד (דינער); ער איז דער פאָטער פון ישי, דער פאָטער פון דוד".

* *

*

פיל וויניקער עפּישע ריינקייט איז אין אַ צווייטער, אויך פון אַזאַ אַרט, ביבלישער דערציילונג, אין דעם בוך יונה, — מחמת וואָס מען דאַרף טאַקי רעכענען, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרן פיל שפּעטער. דאָ איז ווידער אַרום דעם היסטאָרישן נאָמען פון דעם נביא יונה בן אֲמִתַּי אַנטשטאַנען אַ דידאַקטיש געדיכט, וואָס זיין אָבשטאַמונג איז אומבאַקאַנט, הגם מען האָט עס געוואָלט אַוועקשטעלן אין פאַרבינ־דונג מיט די פעניציִשע, גריכישע און אַנדערע זאַגעס, אָבער די טענ־דענץ און די באַדייטונג זיינע זעען זיך שוין אַרויס גענוג קלאָר פון דעם אינהאַלט.

דוקא דידאַקטישע טענדענץ, און אויך דער הומאַניש־פרייער גייסט, מיט וועלכן די דערציילונג איז דורכגעדרונגען, גיט איר אָבער צו אַ גרויסן ווערט. פריער פאַר אַלעמען האָט עס אָנערקענט די סינאַגאָגע, באַשטימנדיק ס'דאָזיקע בוך צום לייענען יום־כּיפּור צו מנחה, ווען די פּשוטע און תּמימותדיקע דערציילונג מאַכט שטענדיק אַ טיפן איינדרוק אויף דער גאָטספאָרכטיקער געמיינדע.

דער אינהאַלט איז אומגעפער אַזאַ: יונה דער זון פון אֲמִתַּי באַ־קומט גאָטס באַפעל — אַוועקצולאָזן זיך אין דער גרויסער שטאָט נִינְוֵה און פּרעדיקן פאַר אירע איינוואוינער תּשובה אויף זייערע זינד (מחמת דעם, פאַרשטייט זיך, איז דאָס בוך פאַררעכנט צו די נביאישע, מיט וועלכע, אחוץ דעם איינציקן טעם, האָט עס קיין אַלגעמיינעס נישט). יונה שטעלט זיך קעגן גאָטס באַפעל, און באַמיט זיך אויסצומיידן גאָט. די שיף, וועלכע האָט אים געזאָלט אַוועקפירן פון יפו קיין תּרשיש, טראָגט־איבער אַ קאַטאַסטראָפע, יונהן וואַרפט מען אַריין אין ים. די שיפער, — וועלכע האָבן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זיינען געצנ־דינער, אַרויסגעוויזן מער גלויבן אין גאָט, איידער דער נביא. — ווערן ניצול און ברענגען קרבנות און גיבן נדרים.

יונהן האָט איינגעשלונגען אַ ים־פיש, ביי וועלכען ער פאַרברענגט אין בויך דריי טעג און דריי נעכט. דאָ, אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע,

בעט ער גאָט, און זיין גלויבן איז אים מציל. ליגנדיק אין בויך ביי דעם פיש, זינגט ער אַ דאַנק־ליד פאַר גאָט, און דער פיש האָט אים אַרויסגעשפּיגן אַ גאַנצן און אַ געזונטן אויף דער יבשה. נאָכדעם גיט ער זיך אונטער גאָטס געבאָט אין ער גייט אַוועק קיין נינוה פּריידיקן. די איינוואוינער גלויבן זיין נביאות, אַז אין פערציק טעג אַרום וועט זייער שטאָט אומקומען. זיי טוען תשובה, און נינוה איז ניצול געוואָרן.

דאָס האָט יונהן דערצאָרנט. ער האָט זיך אויסגעבויט הינטער דער שטאָט אַ געצעלט, כדי פונדאַנען צוצוקוקן, וואָס וועט געשען מיט נינוה. דעמאָלט וואַקסט מיט גאָטס ווילן אויס אַ שאָטנדיקער בוים (קיקיון), און יונה פרייט זיך איבער אים מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער זיין פרייד ווערט פאַרוואַנדלט אין טרויער, מחמת דער בוים ווערט צעעסן פון אַ וואָרים און פאַרדאַרט איבער נאַכט. יונה בעט אויף זיך דעם טויט, אָבער גאָט גיט אים צו פאַרשטיין, אַזוי צו זאָגן: „דיר איז אַ שאָד אָט דער פּשוטער געוויקס – און דו ביסט אומצופרידן געוועז דערמיט, וואָס איך האָב געשוינט די גרויסע שטאָט מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג!".

די גענוג קלאָרע טענדענץ פון דעם פריש און לעבעדיק אָנגעשריבענעם בוך לערנט אָנשוילעך, אַז יעדע דערוויטערונג פון גאָט ברענגט מיט זיך צרות פאַר דעם מענטשן. ווען דער מענטש מיינט, אַז ער קאָן אַוועקגיין פון גאָט, קומט אויף אים גלייך די שטראָף; אָבער גאָטס גענאָד שטייגט אַריבער די שטראָף: זי ענטפּלעקט זיך צוויימאָל אויף די געצנדינער אין איינמאָל אויף יונהן גופא, וועלכער שעפּט נאָך ביים סוף אַרויס פונם וואונדער מיט דעם געוויקס אַ מוסר, אַז אַ מענטש האָט נישט קיין רעכט מתרעם צו זיין זיך, אויב ער פאַרשטייט נישט די וועגן פון גאָט, וואָס זיין גענאָד איז אויסגעשפּרייט אויך אויף געצנדינער, ווען זיי קערן־זיך־אום אויפן דרך הישר און טוען תשובה אויף זייערע זינד – וואָרום חסד און רחמנות איז די סאַמע וויכטיקסטע און די סאַמע גערימטע אייגנשאַפט פון גאָט.

דער דידאַקטישער צוועק פונם בוך זעט זיך אַרויס כמעט פון יעדן וואָרט זיינעם. סיי אין דעם אויסוואַל פונם שטאָף, סיי אין זיין באַאַרבעטונג, הערט זיך קלאָר די באַשטימטע טענדענץ – איבערגעבן דעם יונגן דור אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג געוויסע אמתן, וועלכע זיינען אים צוליב דער אָדער יענער סיבה געוואָרן פרעמד, און פאַרשטעלן זיי אַלץ מער גלויבנסווערדיקער, וואָס אָנשוילעכער די דערציילונג וועט געבויט ווערן.

האָט אָבער דער דיכטער פון דעמדאָזיקן קליינעם ראָמאַן ערטער־

ווייז די אָנשוילעכקייט אַ ביסל איבערטריבן און אַריינגעוועבט אין זיין דערציילונג שטאַרק עאַליסטישע שטריכן. מחמת דעם האָבן זיך פיל קריטיקער צו יונהס בוך באַצויגן נישט פריינדלעך — אָבער אומגערעכ־טיק! וואָרום אין איין ריי מיט אַזעלכע פּרטים, מסתמא, זייער צוגע־פּאסטע צו דעם פאַרשטיין פון יענער צייט, פאַר וועלכער דאָס איז געשריבן געוואָרן, האָט דער אויטאָר רעליעף און קלאָר אַרויסגעשטעלט און מיט גרויס קונסט איינגעשלאָסן אין זיין דערציילונג די פיינסטע מאָמענטן פון פאָלקס־שאַפונג.

זייער אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך בילדעט שוין דאָס, וואָס דאָ איז די גאַנצע לעגענדע פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון דעם נביא, וועלכער האָט מוטיק אויסגערופן: „אַ העברעער בין איך, און פאַר גאָט פון הימל, וועלכער האָט באַשאַפן דעם ים און די יבשה, פאָרכט איך מיך״. נאָך טיפער איז דער געדאַנק, אַוועקצושטעלן דאָס אומגליק און די רעטונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ים־חיה, אָן וועלכער יונה וואָלט מסתמא דערטרונקען געוואָרן. און דעריבער דאַרף בשום־אופן נישט פאַר קיין פעלער, נאָר, פאַרקערט, פאַר אַ פיינעם שטריך און פאַר אַ רעזולטאַט פון טיפער אויסגעצייכנטקייט אָנערקענט ווערן דער פּרט, וואָס יונה האָט אין דער רגע פון דער שרעקלעכסטער סכנה נישט תּפילה געטאָן וועגן רעטונג, נאָר געזונגען אַ דאַנק־ליד פאַר דער פאָרשטייענ־דיקער דערלייזונג. די נבואה, וועלכע שפּילט בכלל אינם דאָזיקן בוך זייער אַ וויכטיקע ראָלע, פייערט דערמיט איר העכסטן נצחון. ס׳דאָזי־קע ליד זאָגט אַזוי:

(ג) איך האָב גערופן אין מיין צרה צו יהוה — און ער האָט מיר געענטפערט; פון דער אונטער־ערדס בויך האָב איך געשריען — און דו האָסט דערהערט מיין שטימע.

(ד) און דו האָסט מיך געשליידערט אין דער טיפעניש, אין האַרצן פון ימים, און אַ טייך האָט מיך אַרומגענומען, אַלע דיינע אינדן און כוואַליעס זיינען איבער מיר אַריבער.

(ה) און איך האָב געמיינט: איך בין דערוויטערט פון דיינע אויגן; אָבער איך וועל ווידער זען דעם היכל פון דיין הייליקייט.

(ו) עס האָבן מיך אַרומגעשלאָסן וואַסערן ביז דער נשמה, דער תהום רינגלט מיך אַרום, טשערעט איז אַרומגעוויקלט אַרום מיין קאָפּ.

(ז) צו די פונדאַמענטן פון די בערג האָב איך געניזדערט, די ערד האָט געשלאָסן אירע ריגלען איבער מיר אויף אייביק; אָבער

דו האָסט אַרויפגעבראַכט מיין לעבן פון אונטער־ערד, יהוה מיין גאָט!

(ח) ווען מיין נשמה איז פאַרחלשט געווען, האָב איך מיך אָן יהוה דערמאָנט, און עס איז צו דיר מיין תפילה דערגאַנגען, צו דעם היכל פון דיין הייליקייט.

(ט) די, וואָס בלייבן געטריי צו די אייטעלע אָפגעטער, יענע דערווייטערן זיך אַליין פון חסד.

(י) און איך — מיט קול פון דאַנקבאַרקייט וועל איך דיר ברענגען קרבנות; וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן — וועל איך באַצאָלן. די הילף איז פון יהוה.

די כוונה פון דעם דערציילער, וועלכער האָט דאָס ליד איינגעשלאָסן אין זיין ווערק, איז, אַפּנים, באַשטאַמען אין דעם, צו באַווייזן ביי אַ איבעראַשנדיקן פאַקט די וויכטיקייט פון דער נביאות און די הייליקייט פון די נביאישע רעדעס. דאָס, וואָס די דערציילונג רייסט זיך פלוצלונג איבער — דאָס איז באַדינגט פון דער ספּעציעלער טענדענץ פון דעם בוך, וועלכע האָט געהאַט בכוונה איבערצוגעבן נאָר איין צופאַל פון יונהס לעבן, און נישט זיין גאַנץ לעבן מיט אַלע זיינע פרטים.

מיט גרויסער שיינקייט איז פול דער אַריינגעפלאָכטענער עפּיזאָד וועגן דעם וואונדערלעכן בוים, מחמת דאָ טרעט די דידאַקטישע טענדענץ אַרויס אין דרויסן נישט אַזוי בולט:

„און יהוה־גאָט האָט באַשטימט אַ קיקיון, און ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער יונה, צו זיין פאַר אַ שאָטן איבער זיין קאָפּ, צו מציל־זיין אים פון זיין לייד. און יונה האָט זיך געפרייט איבער דעם קיקיון מיט גרויס פרייד.

און גאָט האָט באַשטימט אַ וואָרים מיטן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן, אויף מאָרגן, און ער האָט געשלאָגן דעם קיקיון, און ער איז פאַרדאַרט געוואָרן.

און ווען די זון האָט אויפגעשיינט, האָט גאָט באַשטימט אַ מזרח־ווינט אַ הייסן, און די זון האָט געשלאָגן אויף יונהס קאָפּ, און ער איז שלאַף געוואָרן, און ער האָט געבעטן, זיין נשמה זאָל שטאַרבן — און ער האָט געזאָגט: בעסער מיין טויט, איידער מיין לעבן!

און גאָט האָט געזאָגט צו יונה: דו האָסט גוט פאַרדראָס וועגן דעם קיקיון? — און ער האָט געזאָגט: גוט פאַרדריסט מיר, ביז טויט!

און גאָט האָט געזאָגט: דיר איז אַ שאָדן דער קיקיון, איבער וועלכן דו האָסט זיך נישט געמיט און וואָס דו האָסט אים נישט גע־

פלעגט, וואָס דורך נאַכט איז ער געוואָרן, און דורך נאַכט — פאַר־לאָרן, —

און איך זאָל נישט שוינען נינוה די גרויסע שטאָט, וואָס אין איר זיינען פאַראַן מער איידער צוועלף צענטויזנטער מענטשן, וועלכע ווייסן נישט אונטערצושיידן צווישן דער רעכטער האַנט און דער לינקער האַנט, און פיל בהמות!״

* *

*

אַן אייגנטימלעך בוך איז די דריטע פון די פּאָעטישע דערציי־לונגען פון דער ביבל — דאָס בוך „אסתר״, וואָס, אורטיילנדיק לויט איר שפּראַך און פיל אַנדערע סמנים, איז עס דאָס שפּעטסטע בוך פון דער ביבלישער ליטעראַטור, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, נישט פריער, ווי אין דעם דריטן יאָרהונדערט פאַר קר. געב. די שפּראַך איז פול מיט אַראַמעאיזמען און מיט פּערסישע אויסדרוקן: מער איידער פופציק אַזעלכע פרעמדע ווערטער האַלט אין זיך איין ס׳דאָזיקע קליינע ביכעלע, וואָס די יידן האָבן עס פאַררעכנט צווישן די „פינף מגילות״ און איינגעשלאָסן אין די כתבי־הקודש, הגם עס זיינען געווען נישט איינמאָל קשיות דערויף.

ווירקלעך, דאָס איז נישט גאָר פאַרשטענדלעך, אויב מען זאָל נע־מען אין אַכט די אויסערלעכע פאָרם און דעם אינהאַלט פונם דאָזיקן ווערק, אויף וועלכן פיל האָבן געקוקט, ווי אויף אַ היסטאָרישן ראָמאַן. אָבער דאָס גיט נאָך פונדעסטוועגן נישט קיין רעכט אָפּצולייקענען די ריכטיקייט פון דעם פאַקט גופא, וועלכער האָט געדינט אַלס יסוד פאַר דער דערציילונג — אויב ביי אַזאַ אָפּלייקענען רעכנט מען זיך נאָר מיט די פיל פאַראַנענע דאָרט אומוואַרשיינלעכקייטן, וועלכע האָבן דאָך גע־קאָנט זיין צוגעגעבן פונם מחבר, און מיט דעם, וואָס אַלע גלייכצייטי־קע און שפּעטערע קוועלן פון דער נאָענטסטער צייט פאַרשווייגן דאָס בוך. עס איז נישט קיין יושר אַרויסצוטרעטן קעגן דער אמתדיקייט פון אַ בוך נאָר דערפאַר, וואָס דאָס בוך אַליין איז די איינציקע קוועלע פאַר זיין אינהאַלט.

דער דאָזיקער אינהאַלט איז אומגעפער אַזאַ: דער קעניג אחשורוש (מסתמא קסערקס) דערוויטערט זיין פרוי וַשְׁתִּי דערפאַר, וואָס זי אַנט־זאגט זיך צו באַווייזן איר שיינקייט אויף דעם גרויסן מאָלצייט אין

הויף, אין דער אָנוועזנהייט פֿונם גאַנצן פֿאָלק. אויף איר אָרט ווײַלט ער אויס פֿון אַלע שײנהײטן פֿון גאָר זײַן גרויסן קעניגרײַך פֿאַר אַ ווײַב און פֿאַר אַ קעניגין די יידישע טאָכטער אסתּר, די פּלעמעניצע פֿון מרדכי, וועלכער שטאַמט פֿון די יידישע גולים. אײנגיכן נאָכדעם אַנטפּלעקט איר פֿעטער און אַפּיטרופּוס אַ פֿאַרשווערונג קעגן קעניג, און דאָסדאָזיקע פֿאַרדינסט זײַנע ווערט פֿאַרשריבן אין דער כראָניק פֿון דער מלוכה.

אין דערזעלביקער צײַט מאַכט דער קעניג פֿאַר אַ מיניסטער זײַן ליבלינג המן. מרדכי אַנטזאָגט זיך אָפּצוגעבן אים דעם געהעריקן און געוויינלעכן כּבֿוד; ער וויל זיך נישט בויגן פֿאַר אַ מענטשן פֿון עמלקס שטאַם — און אַ דערצאָרנטער פֿון זײַן עקשנות, באַשליסט המן אויסצוראָטן מרדכין מיט אַלע ברידער פֿון זײַן שטאַם. אים געלינגט אַרויסצובאַקומען דעם קעניגס באַפֿעל — אין דעם דרײַצנטן טאָג פֿון חודש אדר אויסצוטויטן אַלע יידן אין דעם קעניגרײַך.

דורך איר פֿעטער דערוויסט זיך די קעניגין וועגן דעם אומגליק, וואָס דראָט איר פֿאָלק, און זי באַשליסט זיך — אמת, נאָך שטאַרקן בעטן און איבערצײַיגן פֿון איר אַפּיטרופּוס — דאָס אומגליק צו באַזײַטיקן. אויפֿן מאָלצײַט, צו וועלכן זי האָט אײַנגעלאַדן דעם קעניג און המנען, בעט זי דעם קעניג, ער זאָל שוינען דאָס לעבן פֿון איר פֿאָלק און איר אייגן לעבן. פֿאַר דעם קעניג, וועלכער האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן אסתּרס יידישער אָפּשטאַמונג, אַנטפּלעקט זיך איצט המנס נקמה־אינטריגע, און ער הייסט אים אויפֿהענגען אויף דערזעלביקער תּליה, וועלכע איז אויסגעבויט געווען פֿאַר מרדכין. מרדכי באַקומט די געהויבענע שטעל פֿון מיניסטער, וואָרום אין דער פֿאָריקער שלאָפֿלאָזער נאַכט האָט אחשוורוש, לייענענדיק די כראָניקעס, ווידער זיך דערמאָנט אָן די פֿאַרדינסטן פֿון זײַן ווײַבס פֿעטער, וועלכער האָט אַנטדעקט די פֿאַרשווערונג אויף דעם קעניגס לעבן. אסתּר האָט ווידער געבעטן דעם קעניג, וועלכער גיט איר און מרדכין די אומבאַגרעניצטע באַפֿולמעכטיקונג, מבֿטל צו מאַכן המנס פֿאַראָרדענונג און ערלויבן די יידן אין דעמזעלביקן דרײַצנטן טאָג אין חודש אדר אויסצוראָטן אַלע זײַערע שונאים*). דאָס ווערט דערפֿילט. מער איידער 75 טויזנט פֿײַנט פֿונם יידישן פֿאָלק פֿאַלן אין איין טאָג, אָבער די זיגער רירן זיך צום רויב נישט אָן. דער

*) אין דער מגילת אסתּר שטייט: „להקהל ולעמוד על נפשם”, וואָס טײַטשט: „צו פֿאַרזאַמלען זיך און צו פֿ א ר ט י י ד י ק ן ז י י ע ר ל ע ב ן” — קעגן שונא. (איבערזעצ.)

טאָג, וואָס נאָך דערדאָזיקער הריגה, ווערט אויסגערופן אַלס יום־טוב און באַקומט דעם נאָמען פורים — דער יום־טוב פון גורל־וואַרפן (פער־סיש—פור), ווייל המן האָט באַשטימט דעם טאָג פון אויסראָטן די יידן דורך אַ גורל. די דערציילונג וועגן דעם אַלעמען, וועלכע מרדכי האָט שוין פריער אָנגעשריבן, ענדיקט זיך מיט ליב־ווערטער לכבוד אים און לכבוד דער קעניגלעכער מעכטיקייט: „מרדכי דער יהודי איז געווען דער צווייטער נאָך דעם קעניג אחשוורוש און גרויס ביי די יידן און געליבט ביי די פיל ברידער זיינע. ער האָט געזוכט גוטס צו טאָן צו זיין פאָלק און גערעדט לטובת גאָר זיין שטאַם".

דערדאָזיקער עפילאָג אַליין באַווייזט שוין קלאָר די גאַנצע טענ־דענץ פון דעם ווערק, מחמת ער שטיצט זיך אויף דעם „בוך כראָניקעס פון די מלכים פון פרס און מדי" און טרעט אַלזאָ אַרויס מיט גרויסע היסטאָרישע פרעטענזיעס.

ס'איז באמת אַ משונהדיקע און וואונדערלעכע געשיכטע, קעגן וועלכער מען האָט מיט אַ גרונט אַרויסגעזאָגט אָן אַ שיעור ספקות און פראַגען' פריער פאַר אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס קנעכטישע דענקען, מיט וועלכן דאָס גאַנצע בוך איז דורכגעדרונגען. אין אים זיינען פאַראַן סך־הכל 166 פסוקים, און אין זיי ווערן דערמאָנט די ווערטער קעניג, קעניגין, קעניגרייך מער איידער צווייהונדערט מאָל, בשעת גאָטס נאָמען ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט.

ביי דער טעאָקראַטישער ריכטונג פון דער גאַנצער ביבלישער לי־טעראַטור האט עס געמוזט יעדן איבערראַשן שוין גאָר פון אָנהויב, און מען האָט זיך באַמיט דאָס צו דערקלערן מיט דער סברה, אַז די דערציי־לונג איז איבערזעצט פון פערסיש. עס ווערט אינם בוך אויך דער נאָמען ישראל נישט דערמאָנט. די גאַנצע אַקציע קומט־פאָר צווישן איין פרוי מיט דריי מענער, פון וועלכע איינער אַנטזאָגט זיך, אַפנים, אָן אַ באַזונדער סיבה אָפּצוגעבן כבוד דעם מעכטיקן מיניסטער, ד. ה. טאָן דאָס, וואָס יידן וואָלטן אין זייער געדריקטער לאַגע קוים געוואַגט בנוגע צו אַ המנען. ווייטער קומט זייער משונהדיק פאָר, וואָס די גאַנצע פערסישע באַפעלקערונג האָט אין אַ משך פון צוויי טעג מורא פאַר אַ הייפל יידן און לאָזט זיך אומגעשטעפט פון זיי אויסהרגענען. נאָר דער עיקר לאָזן זיך נישט שיקן די מעשים פון קעניג און פון זיין מי־ניסטער.

אָבער דידאָזיקע גרעסטע אומוואַרשיינלעכקייטן פאַרשווינדן פריער פאַר אַלע אַנדערע, ווען מיר באַטראַכטן דעם ענין גענויער. די גאַנצע זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם בוך „אסתר" דאַרף מען נישט

זוכן קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ געוויינלעכע פּערסישע געשיכטע פון לעבן פונם סעראַיל — פון די געשיכטעס, וועלכע אויפן מזרח האָט מען פאַרפאַסט אין אַלע צייטן און געוויס פאַרפאַסט מען זיי נאָך עד־היום אָן אַ שיעור און אין אַזאַ פאָרם, וועלכע שטייגט־איבער יעדע דרייסטע פאַנטאַזיע. ליבע־אַוואַנטורעס, פאַרשווערונגען, ווילקיר פון פאַוואָריטן און פרויען, רציחות און פייערונגען טוישן זיך שנעל איינס נאָכן צווייטן דאָ אויך, ווי אין אַלע אַנדערע אַזעלכע געשיכטעס. און ס׳דערציילט זיך גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל אויסווייזן אוממעגלעך און אומגלויבלעך אויף דעם הינטערגרונט פון אַזאַ סעראַיל־ראָמאַן.

נישט גאָר פאַרשטענדלעך בלייבט נאָר דער צוזאַמענהאַנג מיטן רעליגיעזן יום־טוב, פּורים, וועלכער עקזיסטירט דאָך אין דער ווירקלעכקייט, בילדנדיק עפּעס אַ מין יידישן קאַרנאַוואַל, און לויט דער נביאות פונם מחבר פון דערדאָזיקער דערציילונג, וועט ער אַפילו „קיינמאָל נישט אויפהערן ביי יידן און דאָס אָנדענקען וועגן אים וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן ביי זייערע קינדער“. כדי דאָס צו דערקלערן, קאָן מען נאָר משער זיין, אַז דער מחבר, וועלכער האָט דאָך געלעבט און געשריבן אַן ערך מיט אַ צוויייהונדערט יאָר שפּעטער, האָט צונויפגעמישט אַן אָרטיקע טראַדיציע, וואָס איז אין יענער צייט געווען פאַרשפּרייט, מיט דערדאָזיקער געשיכטע, און דערמיט האָט ער דעמדאָזיקן יום־טוב צוגעגעבן אַ ווירקזאַמען היסטאָרישן באַזיס. דורך אַזאַ דערקלערונג ווערן אַלע קשיות און ספקות באַזייטיקט לייכטער, איידער ווען מען נעמט־אָן די השערה פון אַ פּערסישער אָפּשטאַמונג און ווען מען קוקט אויף אסתרס געשיכטע, ווי אויף אַ ריין אויסגעטראַכטער מעשה. אין דעם לעצטן פאַל, וואָלט דאָס אויפנעמען דעמדאָזיקן יום־טוב מצד די יידן געווען לגמרי נישט־פאַרשטענדלעך, אַפילו ווען מען זאָל עס אַזוי אויסטייטשן, אַז דער פרעמדער יום־טוב האָט לכתחילה אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד מצד דער גייסטלעכער מאַכט, נאָר שפּעטער האָט ער זיך פאַרשפּרייט אין אַזאַ מאָס, אַז פאַרבאָטן אים איז געוואָרן אוממעגלעך. אין אַ סתירה צו אַזעלכע דערקלערונגען שטייט דער רעליגיעזער כאַראַקטער פונם יום־טוב און דאָס איינשליסן פונם בוך אין די כתבי־הקודש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען די געשעענישן, וועגן וועלכע עס ווערט אין אים דערציילט, האָבן נאָך געזאָלט לעבן אין זכרון ביי די מענטשן פון יענער צייט.

דער פּאָעטישער ווערט פונם דאָזיקן בוך איז נישט גרויס, די דערציילונג — איינפאַך, אָבער קונסטפול פאַררונדיקט. דער גאַנצער גאַנג פון

דער געשיכטע איז ווי אין אַ ראָמאַן. יעדער נייער מאָמענט קומט־אָן דוקא דעמאָלט, ווען ער איז נויטיק און געוואונטשן פאַר דעם דערציילער.

דער רעליגיעזער כאַראַקטער פונם בוך שיידט־זיך־אונטער פונם גרונט־טאָן, וואָס אין אַלע אַנדערע ביבלישע ווערק. דער איינציקער רעליגיעזער פרט — דאָס איז דער דרייטאָגיקער תענית פון די יידן. דערפאַר קאָן מען אָבער נישט ניט־באַמערקן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אַ געוויסן פּאַרטיקולאַריזם אין דער פירונג פון דער אַקציע. ס׳איז מערקווירדיק, וואָס דער יום־טוב, וועלכער איז פאַרבונדן מיט מגילת־אסתּר, איז פאַרבליבן אין פולן הסכּם מיטן אויבן־געבראַכטן פּאָרויס־זאָגן פון דעם אויטאָר דוקא אין זיין אורשפּרינגלעכן היסטאָרישן כאַראַקטער. און דערדאָזיקער פאַקט ווערט פאַרשטענדלעך ערשט דאַן ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די דערציילונג וועגן דער רעטונג פון די יידן האָט אונטערגעהאַלטן זייערע קינדער פונקט אין אַזעלכע צרות אין די פינסטערע מיטלאַלטערישע צייטן, נישט דערלאָזן זיי צו פאַרצווייפלונג און אַריינגעגעבן אין זיי האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. דערמאָנענדיק זיך אָן דעם המן פון מגילת-אסתּר, האָבן זיי וויינקער געטראַכט וועגן דעם פּערסישן שונא פון זייער פאָלק, איידער וועגן פיל שרעקלעכע און פון דער געשיכטע באַשטעטיקטע רעטונגען פון אָן אַ שיעור מיטלאַלטערישע המנס. בכן, איז אויך דידאָזיקע דערציילונג, ווי אַלע אַנדערע, כמעט ווי אַלע היסטאָרישע ביכער פון דער ביבל, געוואָרן פאַרן פאָלק, וועלכן ס׳דאָזיקע בוך איז געוועזן הייליק און טייער, אַ שטיצע אין די ליידן און די רדיפות, טרייסט און האָפענונג אויף דער פאַרווירקלעכונג פון יענעם גרויסן, גילדערנעם עתיד, וועלכער איז זיי פייערלעך פאַרשפּראָכן אין דער ביבל!

II. די פּאָעזיע פון דער ביבל

די פּאָעזיע פון אַ פאָלק איז נישט בלויז די בליאונג פון זיין קולטור, נאָר כמעט שטענדיק אויך דער אור־קוואַל פון זיין גייסטיקן לעבן. פאַר דער העברעאישער פּאָעזיע גילט עס אין דער סאַמע ברייטס־טער מאָס; זי דינט אַלס ראַם פאַר דער געשיכטע פון פאָלק ישראל, אָנהויבנדיק פון אירע ערשטע טעג, וועלכע פאַרלירן זיך אין דעם נעפּל פון לעגענדאַרישקייט, ביז דער צייט פון פולסטער נאַציאָנאַלער אַנט־

ווײקלונג. זי וואַנדערט מיט דעמדאָזיקן פֿאָלק אויך אין גלות און קערט זיך ווידער מיט אים צוריק אַהײם, כּדי צו זינגען אַ נײַ ליד לכּבוד גאָט אין דעם באַנײטן טעמפּל. זי איז אַלזאָ איבערהויפּט אַ נ אַ צ י אָ־נ אַ ל־ר ע ל י ג י ע ז ע פּאָעזיע, אויף וויפֿיל דער גרונט־שטריך אירער איז דער גלויבן אין גאָט, דעם הערשער פֿון דער וועלט און דעם פֿאָטער פֿון ישראל, און אויף וויפֿיל דאָס געפֿיל פֿון גאָטספֿאָרכטיקייט דרינגט־דורך אַלע אירע שאַפֿונגען. דורכדעם באַקומט זיך, אמת, אַ געוויסע איינאַרטיקייט, אָבער זיווירקט כּלל נישט אײַנמאַטערנדיק, מחמת די פּאָעטן איז געלונגען צו נעמען זייער טעמע שטענדיק פֿון נײַע זייטן און פֿאַרשפּרייטן זייער שעפּערישקייט אויף אַלע ספֿערעס פֿון מענטש־לעכן לעבן. דעריבער באַגעגענען מיר אין איין רײַ מיט דער רעלי־גיעזיער פּאָעזיע אויך אַ רײַכע נ אַ ט ו ר־פּ אָ ע ז י ע, אַ באַדײַטנדיקע ד י ד אַ ק ט י ש ע, און שפּורן פֿון פֿאָלקסטימלעכער, ו ו ע ל ט ל ע כ ע ר ליריק, וועלכע לאָזן מאַכן דעם אויספֿיר וועגן פֿאַרלאָרן־געגאַנגענע אוצרות.

דערגיין ביז צום שאַפֿן אַן עפּאָס האָט די יידישע פּאָעזיע, אמת נישט געקאָנט, מחמת בײַ איר אָנגעבונדנקייט צו דער גרויסע מאָנאָטעאיסטישער אידעע, האָט איר געפֿעלט יענע פֿרײַע באַוועגונג, מיט וועלכער דער עפּאָס לאָזט אויפֿטרעטן געטער און העלדן, און ווײַטער מחמת איר בליק איז געווען אַ ממשותדיק היסטאָרישער. אויך די דראַמע האָט צוליב דיזעלביקע טעמים אין דערדאָזיקער ליטעראַ־טור זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען, הגם אין דער ביבל געפֿינען זיך דײַטלעכע סימנים פֿון עפּישער און דראַמאַטישער פּאָעזיע.

אָבער אָנשטאָט דעם האָט די פּאָעזיע געהאַט אַן אַנדער פֿרײַ־הײַט, וועלכע האָט איר געגעבן עשירות און שפֿע — די פֿרײַהײַט פֿון די קייטן פֿונם פֿערז. אמת, דער מהות און דער יסוד פֿון יעדער פּאָעזיע באַשטייט אין דער פֿאָרם, אָבער זי מוז נישט לכתחילה זיך פֿאַרטרײַבן אין די קייטן פֿון באַשטימטע פֿערז־ און סטראָפֿן־פֿאָרמען. עס איז פֿיל נאַטירלעכער, אַז די ערשטע קלאַנגען פֿון דער פּאָע־זיע זאָלן זיך באַוועגן אין לירישע גרונט־טענער אַזוי פֿרײַ און נישט־געבונדן, ווי די מענטשן גופֿא האָבן זיך אין יענער צײַט באַוועגט איבער דער ערד, ווי זייערע שפּעטערדיקע דורות וואַנדערן נאָך הײַנ־טיקע צײַטן איבער יענע מזרח־לענדער, ערגעץ נישט באַזעצנדיק זיך פֿעסט, טראָגנדיק מיט זיך זייער פֿאַרמעגן און זייער ליד, וואָס קלינגט איבער דעם ווײַטן מדבר מיט פֿרײַען פֿון יעדערליי קייטן ריטם.

פֿאַרשטייט זיך אַליין פֿון זיך, אַז דידאָזיקע פֿרײַהייט שטערט

נישט אויפצונעמען און צו באַארבעטן אַ באַשטימטע אויסערלעכע פאָרם, מיט וועלכער דער פּאָעטישער געדאַנק צייכנט־זיך־אויס פון דעם פּראָזאאישן. מ׳דאַרף נאָר פאַרשטיין, אַז די דיכטעריש פאָרם איז טאַקי געווען ווידער־אַמאָל די איינפאַכסטע און די נאַטירלעכסטע. אין דער העברעאישער פּאָעזיע איז, וואָס ווייטער זי האָט זיך אַנטוויקלט, די אויסערלעכע פאָרם געוואָרן די אַזוי־גערופענע גלייכמעסיקייט פון די זאַץ־גלידער — אַ מין „ריטם פון געדאַנק“, parallelismus membrorum וואָס זיין קוואַל האָט מען געפונען אין דעם כסדרדיקן בייטן־זיך פון דעם געזאַנג. יענע אויסערלעכע איינהייט, וואָס עס גיבן דער גראַם און דער מעטר, האָט זיך מיט הכרעה קאָמפּענסירט דורך דער אינערלעכער האַרמאָניע פונם געדאַנק. דערדאָזיקער פּאַראַלעליזם איז באַשטאַנען פשוט אין דעם, וואָס מען האָט צוזאַמענגעשטעלט צוויי קורצע זאַצן, אין וועלכע די געדאַנקען זיינען געגאַנגען נעבנאַנאַנדער אָדער קעגנאַנאַנדער. די פּראָבעס איבערצוגעבן דעמדאָזיקן פּאַראַלעליזם אין איבערזעצונג האָבן זיך אָפטמאָל איינגעגעבן, און זיי גיבן אונז אַזוי־אַרום אַ ריכטיק בילד פון דערדאָזיקער פּאָעטישער פאָרם.

איבעריקנס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אומזיסטע אָנשטרענגונגען צו דערוויזן, אַז אין דער העברעאישער פּאָעזיע איז דאָ אַ מ ע ט ר. דאָך זיינען די אויספאָרשונגען עד־היום נאָך נישט געקומען צו קיין אַלגעמיין אָנערקענטע רעזולטאַטן. אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז דער אַקצענט שפּילט אין דער העברעאישער פּאָעזיע די אָנפירנדיקע ראָלע; דער פערז צעפאַלט גרעסטנטייל אויף צוויי האַלב־צייַלן, וואָס יעדע פון זיי האָט אַ גלייכע צאָל אַקצענטן. אַ באַזונדערע פאָרם איז דער פערז פון „איכה“, וואו אויף איין לענגערער ערשטער האַלב־צייל קומט אַ צווייטע האַלב־צייל אַ קירצערע.

אין די איינצעלנע האַלב־צייַלן הערשט אַלזאָ דער פּאַראַלעליזם, דורך וועלכן אַ מוזיקאַלישער ריטם איז בשום־אופן נישט אויסגעשלאָסן. די ווינסשאפטלעכע פאָרשונג האָט ביז־אַהער אָנגעוויזן דריי מינים פונם דאָזיקן פּאַראַלעליזם: דעם סינאָנימן, סינטעטישן און אַנטיטעטישן. אין דער לעצטער צייט האָט מען נאָך אַ פּאַלילאָגישן, פּאַראַבאָלישן, עמבלעמאַטישן און איינשפּאָרנדיקן פּאַראַלעליזם אַנטדעקט.

דער ס י נ אָ נ י מ י ש ע ר פּאַראַלעליזם, וועלכן מען רופט אויך דער ו ו י ד ע ר ה אָ ל ע נ ד י ק ע ר, דריקט אין ביידע זאַץ־גלידער אויס איינעם און דעמזעלביקן געדאַנק, דורך וואָס עס געווינט באַדייטנד דער שוואונג און די ווירקונג פון דעמדאָזיקן פּאָעטישן געדאַנק; למשל:

הער, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאטער,
נישט פארלאז די לערע פון דיין מוטער.

אין סינטעטישן אָדער **דערגאַנצנדיקן** פאַראַלעליזם ווערט דער געדאַנק פון דעם ערשטן פערז פאָרגעזעצט, דערגאַנצט, אָדער איבערגעחזרט אין דעם צווייטן; למשל:

די גוטע פרוי פרייט איר מאַן,
און זיינע יאָרן ענדיקט ער אין פרידן.

דער **אַנטיטעטישער** אָדער **קעגנזעצלעכער** פאַראַלעליזם שטעלט אַוועק דעם געדאַנק פונם ערשטן קעגן דעם געדאַנק פון דעם צווייטן פערז; למשל:

אַ קלוגער זון איז דעם פאַטערס פרייד,
אַ שלעכטער זון איז דער מוטערס טרויער.

דער **פאַליפאָנישער** פאַראַלעליזם באַשטייט אין דעם, וואָס עס חזרט-זיך-איבער נישט קיין האַלבער פערז, נאָר איין וואָרט, אָדער עטלעכע ווערטער ווערן נאָך איינמאָל אַקצענטירט, געגליכן דערצו ווי אין מוזיק – דער קאַנאָן. דורך דערדאָזיקער פאָרם ווערט אַ העכערע שפּאַנונג, און אין די פאַלן, ווען זי פאַראייניקט זיך מיט דעם סינאָנימישן פאַראַלעליזם — ווערט דערגרייכט אַ טיפערער איינדרוק.

דער **פאַראַבאָלישער** פאַראַלעליזם באַשטייט אין דעם אורטייל, וואָס ווערט געגעבן דורך אַ פאַרגלייכונג, פון זיבלעכן, אָדער פון נאַטירלעכן געביט גענומען; דער **עמבלעמאַטישער** באַשטייט אין דעם אויסשטעלן איינעם נעבן אַנדערן דעם קעגנשטאַנד; און זיין זינבילד, נישט אויסדריקנדיק די פאַרגלייכונג. לסוף דער **איינשפּאָרנדיקער** פאַראַלעליזם באַשטייט אין דעם, וואָס מען מוז צוגעבן איין וואָרט פון דער ערשטער – אין דער צווייטער שורה, אָדער פאַרקערט. אויסערדעם געפינען זיך אויך דריי- און פיר-צייליקע פערזן.

דאָס געזעץ פון גלייכמאָס נעמט אָבער אַרום אויך דאָס גאַנצע געדיכט, פאַרבינדנדיק און גרופּירנדיק איינצעלנע באַשטאַנד-טיילן. די אורשפּרינגלעכע פאָרם פון דערדאָזיקער פאַרבינדונג איז דער אַזוי-גערופענער סטראָפן-ריטם, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער פאָלגנדיקער פערז, אָדער דער פאָלגנדיקער גליד פון פערז, נעמט שטענדיק אויף איין באַגריף פון דעם פריערדיקן און ברענגט צו אַ נייער פאַרבינדונג, אַזוי אַז די איינצעלנע געדאַנקען שליסן זיך איינע אָן די אַנדערע, ווי אַ קייט. שטיצנדיק זיך דערויף, האָט מען געוואָלט דערוויזן, אַז אין פאַרשידענע העברעאישע דיכטונגען פאַרהאַלטן זיך די סטראָפן

איינע צו די אַנדערע, ווי די סטראָפע, אַנטיסטראָפע און עפּאָדע. וואו אָבער די סטראָפישע גלידערונג איז נישט מעגלעך געווען צו געפינען, האָט אַ שפּעטערדיקע צייט זיך באַמיט דורך דעם סדר פונם אלף־בית אָנשטאָט דער אינערלעכער צו געבן אַ געוויסע אויסערלעכע רעגל־מעסיקייט.

אָבער פון דידאַקטיקע קורצע אָנווייזונגען בנוגע דער פאָרם פון דער העברעאישער פּאָעזיע וואָלט נישט־ריכטיק געווען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די אַמאָליקע אַלטע דיכטער האָבן שטענדיק באַנוצט דידאַקטיק־פאָרמען באַוואוסטזיניק. זייערע שאַפונגען זיינען מער פרייע און אומבאַוואוסטזיניקע אויסערונגען פון פּאָעטישער געניאַליטעט, כמעט נאַטור־קלאַנגען, נאָר אין פאַראייניקונג מיט מוזיק, וועלכע האָט זיי שטענדיק באַגלייט, און מיט טענץ און כאָר־געזאַנג, אָן וועלכע זיי זיינען גאַנץ זעלטן געקומען, האָבן זיי שוין אַליין פון זיך געפלייצט מיט גע־הויבענע ריטמען. „וואָרום די עכטע פאָלקס־שאַפונג גיט אומעטום אינסטינקטיוו, ווי די נאַטור אַליין, פולקאָם פאַרענדיקטע פאָרמען, וואָס די באַוואוסטזיניקע קונסט־פּאָעזיע נוצט זיי נאָכדעם אויס מיט גרעסערן אָדער קלענערן ערפאָלג״.

די סאַמע אַלטע העברעאישע דיכטונג איז אָבער געווען ריינע אורשפרינגלעכע פאָלקס־פּאָעזיע. איר אָנהויב ליגט געוויס, ווי דער אָנהויב פון יעדער פּאָעזיע, אין באַוועגונגס־ריטם. אָנהויבנדיק פון די ערשטע דיכטונגען ביז דער צייט פון די מלכים, באַגעגענען מיר נאָר פאָלקס־לידער, קערנדיקע, פרישע און נישט־געקינצלטע נאַטור־קלאַנגען, פון דער יוגנט פון אַ מדבר־פאָלק, וועלכע באַווייזן שוין מיט זייער אינהאַלט זייער טיפע עלטער. די באַציאונג, אין וועלכער עס שטייט די העברעאישע פּאָעזיע צו דער בבלישער דיכטונג, צו די לעגענדן, פאַבעלן און מיטן, צו די עפּן, און באַזונדער צו די תשובה־געזאַנגען, הימנען און משלים, וועלכע זיינען אונז באַקאַנט געווען אַלס באַווייזן פון דער אוראַלטער בבלישער ליטעראַטור, דאַרף אָבער דערביי נישט איבערגעלאָזן ווערן אָן אַכט. דאָ, ווי דאָרט, זיינען עס נישט אַלעמאָל רעליגיעזע לידער, זיי האָבן אָפט אַ ריין וועלטליכן כאַראַקטער, אָבער פון זיי אָטעמט נאָך מיט ווילדער, אומבאַצוימטער קראַפט, אָדער מיט פרישער בילדלעכקייט, אָדער מיט יונגפרוילעכער צאַרטקייט, מיט וועלכע עס איז שטענדיק פול דאָס פאָלקס־ליד. זיי זיינען צע־שפרייט איבער די היסטאָרישע ביכער פון חומש, איבער די ביכער יהושוע, שופטים, שמואל, און זיי הויבן־זיך־אָן מיט אַ קליין ליד פון לֶמֶך:

עֶדָה און צִלָה, פארנעמט מיין שטימע;
לֶמֶכס פרויען, פארנעמט מיינע רייד;

א מאן וואלט איך געהרגעט פאר מיין וואונד,
א קינד — פאר מיין בייל.

זיבן מאל מער — די נקמה פאר קַיִנען,
און פאר לֶמֶכן — זיבן און זיבעציק מאל.

ס'דאַזיקע קליינע און דרייסטע נקמה־ליד האָט שוין אין זיך דעם שטרענגען פּאַראַלעליזם, אַ באַדייטנדיקע צאָל אַסאָנאַנסן, וועלכע חזרן זיך נאָך אָפּט איבער אין דער העברעאישער פּאָעזיע, אַפילו ווייטע רְמָזים אויף גראַם*). מיט מער אַ פרידלעכן און אַ ליבלעכערן טאָן קלינגט די ברכה צו יעקבן, אויך דאָס פאָלגנדיקע ברונען־ליד, וועלכע דריקט אויס די פרייד צוליב דעם, וואָס מען האָט באַקומען דאָס רעכט צו באַזיצן אייגנטום אינם לאַנד.

גיי־אויף, ברונען! זינגט צו אים!
דער ברונען, וואָס געגראָבן האָבן הארן,
אויסגעגראָבן — די איידלסטע פון פאָלק,
מיט דעם סצעפּטער, מיט די שטעקנס.

דאָס איז די ריינע, ערשטע בליאונג פון דער פאָלקס־ליריק, וועלכע ווערט נישט שוואַך אויך דעמאָלט, ווען זי הויבט־אָן דינען דער רעליגיעזער אידעע, ווי עס באַווייזן דאָס זיג־ליד אויף דער מפּלה פון חשבון, דער פראַגמענט פונם „ספר מלחמת יהוה" און דער אויפרוף אויף דער מלחמה מיט די עמלקים. אָבער די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע לידער, וועלכע געהערן צו דער יוגנט־צייט פון פאָלק ישראל, זיינען אָנגעשטעלט אויף דעמזעלביקן טאָן און דערפאַר איז זיי שווער און אַפילו אוממעגלעך אָפּצוטיילן איינעם פון דעם אַנדערן, מחמת די נאַציאָנאַלע און רעליגעזע אידעען האָבן אין דער טעאָקראַטישער ריכטונג

---

*) עדה וצלה, שְׁמַעַן קולי, נשי למך, האזנה אִמרתי, כי איש הרגתי לפצעי וילד לחַבֻּרָתִי, — צום סוף פון יעדער פּעריאָדע קלינגט די זילבע „אי" מיטן אַקצענט. ס'איז אָבער אַ ספק, צי דאָס איז גראַם. מיט אַזעלכע מינים גראַמען איז אַפילו די העברעאישע פּראָזע רייך. דאָס ליגט אין דער טבע פון דער שפּראַך. (איבערז.)

פונם דעמאָלטיקן העברעערטום איינע די אַנדערע געדעקט. שפּורן פון אַזאַ ליריק געפינען מיר אָפט אין חומש. צו דעם מין געהערט דאָס זיג־ליד פון מרים, משהס שוועסטער, וואָס איז געזונגען געוואָרן בלי־ספק אין כאָר אונטער אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק:

כ'וועל באַזינגען גאָט, ווייל ער איז הויך און העכער;
פערד און רייטער האָט ער געשליידערט אין ים.

אָדער די אוראַלטע ברכה צו דער געמיינדע פון ישראל אין דער פאָרם, ווי משה האָט זי געגעבן:

זאָל דיך גאָט בענטשן און היטן;
זאָל צו דיר גאָט זיין געזיכט טאָן לייכטן און גנעדיק זיין!
זאָל גאָט צו דיר זיין געזיכט הייבן און ער זאָל דיר פרידן געבן;

אהערצו געהערן אויך די לידער, וועלכע דאָס פאָלק האָט געזונגען, ווען דער אָרון פלעגט אַוועקגענומען אָדער צוריק אויפן אָרט געבראַכט ווערן:

שטיי אויף, גאָט, און זאָלן דיינע פיינט צעזייט ווערן,
און זאָלן דיינע שונאים פאַר דיר צעלויפן;

און דאָס צווייטע:

צוריק קער ווידער, גאָט,
די טויזנטער פון ישראלס שבטים;

מיט איינגעטימלעכער פּאָעטישער שיינקייט און מיט בולט אויסגעדריקטן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער צייכנט־זיך־אויס יעקבס ברכה, — וואָס צוליב אָט דער סיבה טאַקי פאַררעכנט זי די קריטיק צו די שפּעטערדיקע יאָרן פון דער צייט פון די מלכים. אויפן אָרט פון דער אור־שפּרינגלעכער פאָלקס־דיכטונג איז געקומען אַ האַרציקע און רעליגיעזע קונסט־דיכטונג, אָבער אַזעלכע, וואָס איז באַשטאַנען פון די עלעמענטן פון דער ערשטער. דעריבער טאַקי מאַכט אַלדאָס פּאָעטיש־רעליגיעזע, וואָס איז געשאַפן דורך די יידן, אַזאַ טיפן און שטאַרקן איינדרוק אויף דער נשמה פון איינצעלנע פּערזאָנען, פּונקט ווי אויף דער פּאָעזיע פון פעלקער.

דער גראָער פּאַטריאַרך האָט פאַר זיין טויט נאָכאַמאָל צונויפגערופן די זין צום טויטן־בעט, כדי צו בענטשן זיי. ראובן איז „זיין כוח און דאָס ערשטע פון זיין קראַפט". שמעון און לוי ווערן צעטיילט אין יעקב און צעשפּרייט איבער ישראל. יהודה — וועלן לויבן זיינע

ברידער, זבולון וועט רוען ביי די ברעגן פון ימים. יששכר וועט ליגן צווישן דורכשטראָמענדיקע וואַסערן, דן וועט ריכטן זיין פאָלק, גד וועט אָפּשטויסן דעם המון, וואָס וועט אים באַפאַלן, אָשר וועט צושטעלן קי־ ניגלעכע מאכלים, נפתלי וועט ריידן שיינע רעדעס. לסוף, בנימין — אַ גיריקער וואָלף, וועלכער וועט פון דערפרי עסן זיין רויב. אָבער אַלע ברכות זיינען צוזאַמענגענומען אויף יוספס קאָפּ. אמת, עס האָבן אים געדייצט און פיינט געהאַט די פיילנשיסער, —

אָבער פעסט איז געבליבן זיין בויגן,
און שטאַרק די מוסקלען פון זיינע הענט.
פון די הענט פון יעקבס שטאַרקן גאָט—
פון דאָרט, וואו דער פּאַסטוך איז, דער פעלז פון ישראל;
פון דיין פאָטערס גאָט—ער זאָל דיר העלפן.
פון דעם אַלמעכטיקן—ער זאָל דיר בענטשן,
מיט הימלישע ברכות פון אויבן,
מיט ברכות פון אָפּגרונט, וועלכער ליגט אונטן,
מיט ברכות פון בריסט און פון מוטערשויס,
מיט ברכות פון דיין פאָטער, וואָס שטייגן אַריבער
די ברכות פון מיינע עלטערן און די געלוסטיקייט פון די אוראַלטע בערג—
זאָלן זיי קומען אויף יוספס קאָפּ
און אויף דעם קאָפּ פון דעם אויסגעטיילטן צווישן זיינע ברידער.

אַ ענלעכקייט און אַ וויכטיקע דערגאַנצונג צו דערדאָזיקער פּאָ־ עטישער ברכה שטעלט מיט זיך פאָר משהס ברכה אין דברים, וואָס אויף איר סמך קען מען דערקענען דעם פּראָגרעס פון דער רעליגיעזער אידעע אין דער שפּעטערדיקער צייט. זי שטייגט אַריבער יעקבס ברכות אין שיינקייט, אָבער זי האָט ניט אַזאַ אורשפּרינגלעכע נאַטירלעכקייט. דערפאַר איז זי דורכגעדרונגען מיט איידעלער מילדקייט און מיט רע־ ליגיעזער וואַרעמקייט, וועלכע פילן אָן אויך דעם לעזער, באַזונדערס ווען ער האָט די מעגלעכקייט איבערצולייענען דאָס געדיכט אין העב־ רעאישן אָריגינאַל. שענער פאַר אַלץ איז דער אַריינפיר צו דער ברכה:

גאָט איז פון סיני געקומען,
אויפגעשיינט פון שֵעִיר פאַר זיי,
פון באַרג פָּארָן אַנטפּלעקט זיך,
פון מיליאַסן הייליקע געקומען,
פון זיין רעכטער האַנט — פייער־געזעץ,
ער ליבט ווירקלעך די שטאַמען,

אַלע זייערע הייליקע—זיינען אין דיין האנט,
און צו דיינע פיס ליגן זיי,
דיינע רייד פארנעמען זיי.
אַ תורה האָט משה אונז געגעבן,
אַ ירושה דער פארזאַמלונג פון יעקב.
און ער איז געוואָרן קיניג פון ישראל,
ווען די פירער פון פאָלק האָבן זיך פארזאַמלט,
צוזאַמען—אַלע שבטים פון ישראל.

ווען דעם פּאָעטישן אויסרוף פון יהושע בן־נון, וועלכער האָט געפירט דאָס פאָלק אָנשטאָט משהן, האָבן מיר שוין גערעדט, ער איז גענומען פון „ספר הישר" און זאָגט פאָלגנדיקס:

זון — אין גבעון שטעל זיך,
און לבנה — אין טאָל אַיָלוֹן!
און די זון האָט זיך געשטעלט, און די לבנה — זיך אָפּגעשטעלט,
ביז דאָס פאָלק האָט זיך נוקם געווען אָן שונא.

צווישן דערדאָזיקער מלחמה פון יהושע מיט דעם אֱמֹרִי און דעם פרייהייטס־קאַמף פון דבורה און ברק קעגן די כנענים איז אַוועק אַ משך עפּעס מער ווי צוויי יאָרהונדערטן. אָבער פאַר דערדאָזיקער צייט האָט די פּאָעזיע געמוזט דערגרייכן צו אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג, וואָס אירע שפורן זיינען, צום באַדויערן, לגמרי צו אונז ניט דערגאַנגען, נאָר זיי פאַרשטעלן זיך האָבן מיר דאָך רעכט, אורטיילנדיק לויט דער פולקומענהייט פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונג אין דער שירה פון דבורה. לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, זיינען דאָ געוועזן איבערגאַנגס־צייטן, פאַרמיטלונגס־פעריאָדן, וועלכע די קראַפט פון דער צייט האָט פאַרווייעט ביזן לעצטן שפור, וואָרעם ס'דאָזיקע מעכטיקע ליד איז ניט בלויז איינע פון די שענסטע און ענערגישסטע פון גאָר דער העבּרעאישער פּאָעזיע, נאָר אויך אַ וואונדערלעכער דענקמאָל פון עכטער פאָלקס־פּאָעזיע בכלל. דאָס לעבעדיקע גייסטפולע ליד פירט אַדורך פאַר אונזערע אויגן דעם פאַרביטערטן קאַמף און די דערמאָרדונג פון דעם פיינטלעכן חייל אין קורצע שטאַרקע שטריכן, אָבער ס'גיט אומעטום דעם סוביעקטיוון בליק אויף די געשעענישן, צו וועלכע ס'באַציט זיך, אַן אַנטשיידענעם אויסדרוק. אַ פלאַמענדיקער לויבגעזאַנג איז געווענדט צו די דרייסטע און מוטיקע, אַ בייסנדיקער פאַרוואורף פאַלט אויף די וואַקל־דיקע, אַ זידנדיקער צאָרן טרעפט די, וואָס טרעטן אַרויס קעגן. מוס־טערהאַפטער פאַר אַלץ איז דער ביטערער איראָנישער סוף פון דער

געדיכט, וועלכער פירט אונז אַריין אין דעם קרייז פון די פרויען, וועלכע וואַרטן אויף דעם זיגערישן צוריקקער פון דעם קריגס־אָנפירער, וואָס איז שוין דעמאָלט טויט. שנעל אַריבערגייענדיק פון איין סצענע צו דער צווייטער, פאַרהיט פונדעסטוועגן דאָס ליד זיין פעסטע איינ־הייט. ס׳איז זייער מערקווירדיק, וואָס ס׳דאָזיקע פייערלעכע ליד, וואָס איז בלי ספק באַשטימט געוועזן אויפגעפירט צו זיין מיט אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק, איז, ניט קוקנדיק אויף זיין קריגערישן און ריין פאָלקסטימ־לעכן כאַראַקטער, אין דערזעלביקער צייט אַ רעליגיעזער הימן, און לויבט אין ענערגישע אויסדרוקן דעם גאָט פון ישראל. מיט דעמדאָזיקן לויב צו גאָט הייבט זיך עפּעקטפול אָן און פאַרענדיקט זיך דאָס ליד. דבורה, די פרוי, מיט „פייערדיקן גייסט״, באַזינגט אַזוי איר גאָט:

גאָט, ווען דו ביסט אַרויס פון שֵׂעִיר,
ווען דו ביסט געטראָטן פון פעלד אֱדום,
האָט די ערד געציטערט און דער הימל — געטריפט,
און די וואָלקנס — פאַרגאָסן וואַסער,
בערג זיינען צערונען פאַר גאָטס געזיכט,
אויך דערדאָזיקער סִינַי — פאַר דעם געזיכט פון גאָט, דעם גאָט פון ישראל.
אין די טעג פון שַׁמְגַר, דעם זון פון עֲנָת,
אין די טעג פון יָעֵל — זיינען לער געוואָרן די וועגן,
און ווער ס׳איז געגאַנגען מיט גלייכע וועגן — גייען איצט מיט קרומע.
ס׳האָט אויפגעהערט אָנפירונג ביי ישראל,
אויפגעהערט — ביז איך דבורה בין אויפגעשטאַנען,
ביז איך בין אויפגעשטאַנען — אַ מוטער אין ישראל.

ניט קיין ריכטערין און ניט קיין העלדין, ניט קיין זינגערין און ניט קיין נביאה, נאָר פּשוט און באַשיידן — „אַ מוטער אין ישראל״ וויל דבורה זיין נאָך דעם, ווי זי האָט באַקומען פרייהייט פאַר די ברידער פון איר שטאַם, און פון דערדאָזיקער איינפאַך דערהויבענער נשמה קלינגען אַרויס די לעצטע אַקאָרדן פון איר פאָלקס־הימן:

זאָלן גיין אַזוי פאַרלאָרן
אַלע שונאים דיינע, גאָט,
אָבער די וואָס ליבן דיך,
זאָלן שיינען, ווי די זון,
ווען זי גייט אויף מיט איר קראַפט.

אויב אין דעמדאָזיקן ליד פון דבורה, פונקט ווי אין דעם ליד פון חנה, שמואלס מוטער, וואָס איז אַ גלייכן צו דבורהס, זעען זיך שוין

די ערשטע שפראָצונגען סיי פון דער עפּישער אַזוי אויך פון דער דראַמאַטישער פּאָעזיע, זעען מיר אין אַנדערע ווערק, וועלכע געהערן אויך צו דער צייט פון די שופטים, עלעמענטן פון דידאַקטישער און הומאָריסטישער ליריק, וואָס דער ערשטער פון זיי האָט שפּעטער דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה פון בליִונג, און די צווייטע איז פאַרבליבן לגמרי ניט קיין באַארבעטע. דאָס זיינען — די פאַבל, אין וועלכער יותם שילדערט פאַר די איינוואוינער פון שכם דעם מהות פון דער קיניגלעכער מאַכט, און שמשונס רעטעניש און אַוואַנטורעס.

יותמס פאַבל איז אַ איינפאַכע, אָבער אַן אויסגעצייכנטע און עכט פאָלקסטימלעכע דיכטונג, וואָס דערקלערט זיך דורך דעם דעמאָקראַטישן אַרט דענקען פונם פאָלק און זיין איינאָרדענונג, און וואָס האָט געהאַט דעם ציל אויסצוטייטשן פאַרן פאָלק די באַדייטונג פון קיניגלעכער הערשאַפט, ווי איר נויטווענדיקייט. אין איבערזעצונג איז עס אַזוי:

אַמאָל זיינען געגאַנגען דיביימער
זאַלבן איבער זיך אַ קיניג,
האָבן זיי געזאָגט צום איילבערט-בוים: „קיניג איבער אונז!"
האָט דער איילבערט-בוים געזאָגט: „זאָל איך לאָזן מיין פעטס,
וואָס מען ערט מיט אים גאָט און לייטן,
און זאָל איך גיין וואַנדערן איבער די ביימער?"
האָבן די ביימער געזאָגט צום פייגנבוים:
„גיי דו, קיניג איבער אונז!"
און דער פייגנבוים האָט זיי געענטפערט:
„זאָל איך פאַרלאָזן מיין זיסקייט,
און מיינע פרוכט מיינע געשמאַקע,
און זאָל איך גיין וואַנדערן איבער די ביימער?"
און די ביימער האָבן געזאָגט צום ווײַנשטאָק:
„גיי דו קיניג איבער אונז!"
און דער ווײַנשטאָק האָט זיי געענטפערט:
„זאָל איך מיין זאַפט פאַרלאָזן,
וואָס ער פרייט גאָט און לייטן
און זאָל איך גיין וואַנדערן איבער די ביימער?"
האָבן אַלע ביימער געזאָגט צו דעם דאָרן:
„גיי דו קיניג איבער אונז!"
און דער דאָרן האָט געזאָגט צו די ביימער:
„אויב מיט אמת זאַלבט איר מיך פאַר אַ קיניג—
קומט זשע שיצט אייך אין מיין שאָטן.

און אויב ניט—זאָל אַ פלאַם אַרויס פון דאָרי

און פאַרברענען די צעדערן פון לבנון.

אין די דערציילונגען וועגן שמשונען אָטעמט נאָך פריש און געזונט דער אָטעם פון דער בילדערישער פאָלקס-פּאָעזיע. די קלייניקע רעטענישן און זייערע באַשיידונגען זייגען אומגעווייגלעך כאַראַקטעריסטיש סיי לויט זייער אינהאַלט, סיי לויט זייער פּאָעטישער פאָרם:

פונם עסער איז אַרויס עסנוואַרג

און פונם שטאַרקן—אַ זיסקייט—

אַזוי זאָגט די רעטעניש, און דער ענטפער ווערט געגעבן אין דער פאָרם פון אַ נייער פראַגע,—ש?זא מעטאָד, וועלכער איז עד-היום פאַרבליבן ביי דעם יידישן עולם:

וואָס איז זיסער פאַר האָניק?

און וואָס איז שטאַרקער פאַרן לייב?

און שמשון ענטפערט גלייך אויפן אָרט מיט געגראַמטע פערזן:

ווען איר אַקערט ניט מיט מיין קאַלב,

טרעפט איר ניט מיין רעטעניש*).

אויך אַנדערע שפּראַכן און תפילות פון שמשון זייגען דורכגעדרונגען מיט דעמזעלביקן גייסט פון פאָלקס-פּאָעזיע און זיי האָבן דעם זעלביקן נאַאיוון, רעאַליסטישן כאַראַקטער, וואָס איז דער שטריך, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס און איז דער וויכטיקסטער סימן פון דעם גאַנצן פּעריאָד פון דער העברעאישער ליריק פון די עלטסטע צייטן ביז די טעג פון דער נאַציאָנאַלער הערשאַפט.

*

ווען עס קומט די עפּאָכע פון די מלכים, גייט די העברעאישע פּאָעזיע אַריבער פון דער אומרואיקער שטורעם-און דראַנגפולער יוגנטצייט אין דעם רייפן מאַן-עלטער. דאָס איז די ערשטע אמתע בליאונג פון דער העברעאישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, דער נייער לעבנס-פרילינג, וועלכער הייבט זיך אָן מיט דודן און האָט שפּעטער אויך זיינע פרוכט געבראַכט. אויף דודן זאָגט די מסורה פון יידנטום, אַז ער איז דער גרעסטער לירישער דיכטער. די טראַדיציע הא?ט אים פאַרן מחבר פון

*) „לוּלֵי חֲרַשְׁתֶּם בְּעֶגְלָתִי, לֹא מְצָאתֶם חִידָתִי"

דעם גאַנצן גרויסן ספר תהלים, וועלכן מיר דאַרפן איצט באַטראַכטן.

דער תּהלים האַלט אין זיך איין הונדערט פופציק מזמורים אין פינף ביכער, וועלכע זיינען, לויט דער יידישער טראַדיציע, כמעט אַלע פאַרפאַסט פון דודן, און נאָר אַ טייל פון משהן, שלמהן, אָסָפן, הֵימָנען און אֵיתָנען. און די נייע קריטיק טיילט זיי געוויינלעך אויף דריי ציק־לען, וועלכע געהערן צו דריי פאַרשיידענע פעריאָדן און פאַרנעמען די צייט פון דודן ביז ווייט נאָך גלות בבל.

די ליטעראַטור־היסטאָרישע אָנשויונג פון דער העברעאישער פּאָעזיע, געפינט, פאַרשטייט זיך, אין תּהלים לידער, וואָס, לויט זייער אינהאַלט גופא, געהערן זיי שוין צו פאַרשיידענע פעריאָדן און מחברים, אָבער זייער פונדאַמענט איז געלייגט אין דער צייט פון די מלכים, צו וועלכער עס געהערט אַ גרויסער טייל פון איינצלנע לידער.

אָבער אויב לויט דער פאָרם און דעם אינהאַלט, דאָס גלייכן לויט דער פּאָעטישער באַדייטונג, שיידן זיך באַזונדערע מזמורים וועזנטלעך אונטער איינע פון די אַנדערע, זיינען זיי דאָך אַלע אָן אויסנאַם דורכ־געדרונגען מיט גלייכן גייסט פון רעליגיעזער הארציקייט און טיפער גלויביקייט, צוליב וואָס דער תהלים איז געוואָרן ניט בלויז דער וויכ־טיקסטער דענקמאָל פון דער רעליגיעזער ליריק פונם העברעערטום, נאָר אויך דער מוסטער פאַר דער גאַנצער גאָטסדינסטלעכער פּאָעזיע פון דער צוקונפט, אַ בוך פון געבעטן און מוסר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אויף אַלע צייטן, פאַר אַלע עלטערס אין אַלע לאַגעס פון לעבן.

דידאָזיקע איינהייטלעכע רעליגיעזע גרונדשטימונג פון דעם בוך געפינט שוין דעם סאַמע ריכטיקן אויסדרוק אין דעם ערשטן מזמור, וועלכער איז אַוועקגעשטעלט, ווי אַן עפּיגראַף אין אָנהייב פון דער זאַמלונג.

וואויל דעם מאַן, וועלכער גייט ניט נאָך דעם ראַט פון רשעים,
און אויף דעם וועג פון די זינדיקע איז ער ניט געשטאַנען,
און אין דער זיצונג פון לצים איז ער ניט געזעסן.
נאָר צו דער תּורה פון גאָט איז זיין ווילן
און פון זיין לערע טראַכט ער טאָג און נאַכט.
ער וועט זיין ווי אַ בוים, געפלאַנצט אויף שטראָמען וואַסער,
וועלכער ברענגט זיין פרוכט אין דער צייט
און וואָס זיין בלאַט וועלקט ניט,
און אַלץ וואָס ער טוט, איז מיט גליק.

ניט אַזוי די רשעים, —
נאָר ווי אַ שטויב, געטריבן פון ווינט, זיינען זיי,
דערפאַר וועלן די רשעים ניט האָבן קיין תקומה אין געריכט,
און די פאַרפירער—אין דער פאַרזאַמלונג פון די צדיקים.
וואָרעם גאָט ווייס דעם וועג פון די צדיקים,
און דער וועג פון די רשעים וועט פאַרלאָרן גיין.

פונקט מיט אַזאַ גייסט פון שטאַרקן צוטרויען צו גאָט,—דעם צוטרויען, פאַר וועלכן אַלע ליידן און צרות זיינען נאָר נסיונות, וואָס גאָט שיקט צו זיינע געטרייע, און וועלכער פאַרלאָזט ניט דעם מענטשן אין קיינע לאַגעס פונם לעבן, ביי קיינע ערשיינונגען פון דער נאַטור, ביי אַלערליי היסטאָרישע איבערקערענישן, — א״ז דורכגעדרונגען דער קאַפּיטל 24, וואָס דער גרעסטער טייל מפרשים רעכנט, אַז ער געהערט צו דודן. ער שילדערט דאָס לעבן פון דעם פרומען פאַר גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט.

גאָטס איז די ערד און אַלץ וואָס פילט זי אָן,
די וועלט און אַלע, וואָס לעבן אין איר.
וואָרעם ער האָט זי אויף ימים געגריינדעט,
און אויף טייכן זי באַפעסטיקט.
ווער וועט אַרויף אויף גאָטס באַרג,
און ווער וועט שטיין אויף זיין הייליקן אָרט?
ווער עס האָט אומשולדיקע הענט און אַ קלאָר האַרץ,
ווער עס שטרעבט ניט מיט דער נשמה צו פאַלשקייט
און ווער עס שווערט ניט פאַלש!
יענער וועט באַקומען די ברכה פון גאָט
און גערעכטיקייט פון גאָט זיין דערלייזער.
אַזאַ איז דער דור פון די, וועלכע זוכן אים,
וועלכע זוכן זיין געזיכט, גאָט פון יעקב!

פאַר דעם ליטעראַטור=היסטאָריקער, וועלכער וויל זיך ניט אונטערגעבן די טראַדיציאָנעלע אָנשויונגען, נאָר ער מוז זיך ערקלערן באַזונדערע ווערק אויסשליסלעך אויפן יסוד פון דער צייט=שטימונג, פון די פּאָעטישע מאָטיוון און פון דער דיכטערישער שפּראַך, טראָגן נאָך דעמזעלביקן רעליגיעזן קאָלאָריט אויך די מזמורים ג, ו, ח, י״ח, י״ט, כ״ג, כ״ד, כ״ט, מ״ח, ס״ה, ע״ב, ע״ג, צ״א און אַנדערע, בשעת דער גרעסטער טייל פון די איבעריקע איז אויסגעוואַקסן אויף אַ ראַדיקאַל געענדערטן באָדן. אָבער פון דעם אַלעמען דאַרף מען כלל ניט מאַכן קיין אויספיר, אַז זיי שטייען נידעריקער פאַר דעם גרונד=שטאַם פון

ספר תהלים אין פּאָעטישער און אין רעליגיעזער אינטימקייט. אפילו די לידער, וועלכע דריקן אויס די שטימונג פונם פאָלק פאַר דער צייט פון גלות בבל שיידן זיך וויניק אונטער פון די עלטערע דיכטונגען. דאָס באַווייזט, למשל, דער באַקאַנטער מזמור קל״ז, וואָס זיין הויפּטייל זאָגט אַזוי:

אויף די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און געוויינט,
ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון.
אויף ווערבעס האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונזערע האַרפעס.
דאָרט האָבן אונזערע פאַנגער פון אונז געפאָדערט לידער,
און אונזערע באַדריקער — פריילעכקייט:
„זינגט אונז פון ציונס לידער!"
ווי זאָלן מיר זינגען דאָס ליד פון גאָט
אויף פרעמדער ערד?
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, —
זאָל איך פאַרגעסן מיין רעכטע האַנט.
זאָל זיך צוקלעפּן מיין צונג צו מיין גומען, —
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל ניט אויפהייבן ירושלים
העכער איבער יעדער פרייד מיינער.

דער מזמור קכ״ד, וועלכער איז הפנים אַנטשטאַנען אין דערזעלביקער צייט, רופט אויך אַזוי דאָס פאָלק ישראל צו זינגען צו גאָט לויב־געזאַנגען פאַר דער וואונדערלעכער דערלייזונג, און באַזינגט זי אליין:

ווען ניט גאָט וואָלט געווען ביי אונז, —
זאָל זאָגן ישראל, —
ווען ניט גאָט וואָלט געווען ביי אונז,
ווען לייטן זיינען קעגן אונז אויפגעשטאַנען, —
דעמאָלט וואָלט מען אונז לעבעדיקע פאַרשלונגען,
ווען זייער צאָרן האָט געברענט קעגן אונז.
דעמאָלט וואָלטן וואַסערן אונז פאַרפלייצט,
אַ שטראָם וואָלט פאַרדעקט אונזער נשמה,
דעמאָלט וואָלטן בייזע וואַסערן אונז פאַרדעקט.
געלויבט איז גאָט,
וואָס ער האָט אונז ניט געמאַכט פאַר קיין רויב צו זייערע ציין!
אונזער נשמה איז ווי אַ פויגל אַנטרונען פון דער נעץ פון די פאַנגער.
די נעץ האָט זיך צעבראָכן

און מיר זיינען אַנטרונען.
אונזער הילף איז אינם נאָמען פון גאָט,
דעם באַשעפער פון הימל און ערד!

אָבער אין קעגנזאַץ צו דידאָזיקע נאַציאָנאַלע קלאָג=לידער, געפינען מיר דאָ אויך אַנדערע, דורכגעדרונגענע מיט דעם מילדן גייסט פון עניוות און איבערגעגעבנהייט. אַזאַ איז דער מזמור ק״ג, וועלכער שילדערט די באַציאונגען פון גאָט צו מענטשן, און רופט די מענטשן צו לויבן גאָט, אַלס דעם באַרעמהאַרציקן און גערעכטיקן, אַלס דעם אַלגוטן און אַלפאַרגעבנדיקן פאָטער פון דעם מענטשלעכן געשלעכט. ס׳דאָזיקע ליד איז ווירקלעך איינע פון די שענסטע געמיינדע=לידער. עס האָט בלי ספק אין זינען דעם געזיכערטן וואוילצושטאַנד, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט ביים פאָלק, און הייבט זיך פייערלעך אָן מיט פאָלגנדיקן פערז:

בענטש, נשמה מיינע, גאָט,
און גאָר מיין אינערלעכקייט—דעם הייליקן נאָמען!
בענטש, נשמה מיינע, גאָט
און פאַרגעס ניט אַלדי הסדים זיינע,
וואָס ער האָט פאַרגעבן אַלע דיינע זינד,
וואָס ער האָט געהיילט אַלע דיינע קראַנקהייטן!

דער סוף פון דעמדאָזיקן רעליגיעזן לויב=ליד בילדעט אַן אייגנאַרטיקן איבערגאַנג און אַ הימן לכבוד גאָט און דער נאַטור, וואָס אַזעלכער איז פאָלגנדיקער מזמור, וועלכער איז דער גראַנדיעזסטער דענקמאָל ניט בלויז פון דער העברעאישער פּאָעזיע, נאָר פון דער נאַטור=פּאָעזיע פון גאָר דעם אַלטערטום און וועגן וועלכן א. הומבאָלדט, וואָס האָט מיט זיין פיינעם שכל דערקענט דאָס רייכע נאַטורלעבן אין דער העברעאישער ליריק, באַמערקט אין זיין „קאָסמאָס“: „מ׳מעג זאָגן, אַז אין דעם מזמור ק״ד אַליין איז אויסגעמאָלט דאָס בילד פון גאָר דעם קאָסמאָס. „גאָט, אַן אָנגעקליידטער אין שיין, ווי אין אַ קלייד, האָט אויסגעשפּרייט דעם הימל, ווי אַ טעפּעך. ער האָט פאַרפעסטיקט די ערד אויף אירע אייגענע פונדאַמענטן, אַזוי אַז זי רירט זיך פון אָרט ניט אויף אייביקע אייביקייטן. די וואַסערן פלייצן פון די בערג אין די טאָלן איבער די ערטער, וואָס זייען פאַר זיי באַשטימט; זיי וואַגן ניט אַריבערצוטרעטן די גרעניצן, וואָס זיינען פאַר זיי געשטעלט, אָבער זיי מוזן אָנטרינקען אַלע פעלד=חיות. לופט=פייגל זינגען פון אונטער די צווייגן. פולע מיט זאַפט שטייען גאָטס ביימער, די צעדערן פון לבנון, פאַרזעצטע מיט זיין האַנט, כדי פייגל זאָלן אין זיי בויען נעסטן און

דער בושל זאָל זיך בויען אַ וואוינונג אויף די יאָדלעס״. דאָ איז באַ־
שריבן דער גרויסער און ברייטער ים, וואָס שווימעלט און גריבלט מיט
לעבעדיקע נפשות אָן אַ צאָל, איבער אים שווימען שיפן און דער
לויתן, וועלכן גאָט האָט באַשאַפן, ער זאָל זיך שפּילן אין זיינע וואַ־
סערן. עס ווערן געשילדערט „די זריעה אויף די פעלדער, באַארבעטע
דורך מענטשלעכער מי, ווייןֿאויסאַרבעטונג, וועלכע פרייט דאָס הארץ,
דאָס גיין אַרום איילבערטביימער״. די הימלֿקערפּער פאַרענדיקן ס׳דאָ־
זיקע בילד פון דער נאַטור. „גאָט האָט באַשאַפן די לבנה, אָנצוווייזן די
צייטן, באַשאַפן די זון, וועלכע ווייס דעם ציל, צו וועלכן זי טרייבט
איר וועג. עס קומט אָן די נאַכט, און אין איר גייען אַרום ווילדע
חיות, די לייבן רופן מיט ברומען זייער רויב און בעטן ביי גאָט זייער
שפּייז. ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, לויפן זיי זיך פונאַנדער און
לייגן זיך אין זייערע וואוינונגען. דעמאָלט גייט דער מענטש אַרויס צו
זיין אַרבעט, צו זיין מי ביז אָוונט״. ס׳איז צו באַוואונדערן, ווי אין אַ לי־
רישער דיכטונג פון אַזאַ קליינעם אומפאַנג, איז מיט עטלעכע דיקע
שטריכן אויסגעמאָלט דאָס אוניווערסום, הימל און ערד. קעגן דעם איי־
ביק אין באַוועגונג זיך געפינענדיקן סטיכישן לעבן פון דער נאַטור איז
דאָ אַוועקגעשטעלט דאָס שטילע אַרבעטסלעבן פון מענטשן פון זונאויפ־
גאַנג ביז אָוונט. מיט דעם קאָנטראַסט, מיט דער אַלגעמיינקייט פון דער
אויפפאַסונג און דער קעגנזייטיקער ווירקונג פון באַזונדערע ערשיינונ־
גען, מיט דעם געדאַנק וועגן דער אומעטוםֿזיך געפינענדיקער ניט זע־
באַרער קראַפט, וועלכע „באַנייט דאָס געזיכט פון דער ערד״, אָדער
קען זי אין שטויב צעשיטן — איז באַדינגט דער פייערלעכער כאַראַק־
טער פון דער דיכטונג, ניט אַזוי אינטימער און וואַרעמער, ווי געהוי־
בענער און פאָעטישער״.

אַ ענלעכע פאָעטישע אויפפאַסונג פונם קאָסמאָס חזרט זיך אין
דער העבראַאישער פּאָעזיע איבער נאָך איין מאָל שפּעטער, אין דעם
קאַפּיטל ל״ז פון ספר איוב, וואו די נאַטורֿאָנשויאונג איז אפילו אַ הע־
כערע און די בילדער זיינען קינסטלעריש פולקומער. אָבער דער אַלגע־
מיינער איינדרוק פון דעמדאָזיקן קאָסמאָגאָנישן געדיכט איז פאָרט שוואַ־
כער פאַר דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט דער גראַנדיעזֿאיינפאַכער
104ֿטער מזמור, וועלכער הייבט זיך אַזוי אָן:

בענטש, נשמה מיינע, גאָט.

גאָט, מיין גאָט! דו ביסט וואונדערלעך גרויס,

דו ביסט אָנגעקליידט אין גרויסקייט און אין פּראַכט,

ער איז אָנגעקליידט אין שיין, ווי אין אַ קלייד,

ער פארשפרייט די הימלען, ווי א געצעלט-טוך,
ער בויט אין וואסער זיינע סאליעס,
ער מאכט די וואלקנס פאר זיין רייטוואגן,
ער גייט אויף די פליגלען פונם ווינט.
ער מאכט די ווינטן פאר זיינע שלוחים.
פלאמענדיק פייער—פאר זיינע באדינער
ער האט באפעסטיקט די ערד אויף אירע פונדאמענטן;
אייביק-אייביק וועט זי ניט אומפאלן.
דו האסט זי מיט אפגרונט באדעקט, ווי מיט א מלבוש.
אויף בערג שטייען וואסערן,
פאר דיין בייזער אנטלויפן זיי,
פאר דעם קול פון דיין דונער—נעמען זי איילן זיך.
זיי הייבן זיך איבער בערג,
לאזן זיך אראפ אין די טאלן.
צו דעם ארט, וואס דו האסט פאר זיי באשטימט.
א גרעניץ האסטו געשטעלט, וועלכן זיי זאלן ניט אריבער,
זיי זאלן זיך ניט צוריקקערן, די ערד צו פארדעקן.
ער שיקט קוואלן אריין אין די טייכן,
צווישן בערג גייען זיי,
זיי טרינקען אן אלע חיות פון פעלד,
ווילדע אייזלען שטילן זייער דארשט,
איבער זיי וואוינען פויגל פון הימל,
דורך די צווייגן לאזן זיי הערן זייער שטים.

דער דאזיקער מזמור, אן וועלכן עס שליסן זיך פיל אנדערע באדייטנדיקע געדיכטן, איז, ווי אויבן שוין געזאגט, דער אויסגעצייכנטסטער דענקמאל פון דער העברעאישער נאטור-פאעזיע, וואס איר כאראקטעריסטישער סימן לויט הומבאלדטן באשטייט אין דעם, וואס, אלס אפשפיגלונג פון מאנאטעאיזם, נעמט זי שטענדיק ארום דעם גאנצן וועלטאל אין זיין איינהייט: סיי דאס לעבן פון דער ערד, סיי די לייכטנדיקע הימלשע רוימען. זי שטעלט זיך זעלטענער אפ אויף באזונדערע איינצלנע ערשיינונגען, און פרייט זיך פיל מער אנשויענדיק גרויסע מאסן. די נאטור ווערט דא ניט געשילדערט אלס שאפונג, וועלכע עקסיסטירט אליין פאר זיך, מיט איר אייגענער שיינקייט א פארהערלעכטע; פאר דעם יידישן זינגער שטעלט זי זיך שטענדיק פאר אין באציאונג אויף א העכערער, איבער אלץ רעגירנדיקער גייסטיקער קראפט. פאר אים איז די נאטור א געשאפנס, אין ארדענונג געבראכטס.

דער לעבעדיקער אויסדרוק פון אומעטומיקער גאָטס־אָנוועזנהייט אין די ווערק פון דער פיזישער וועלט. ס'איז נאָך כדאי צו באַמערקן, וואָס דידאַקטיקע פּאָעזיע, ניט קוקנדיק אויף איר גרויסקייט, אפילו אין שוואונג פון דער העכסטער, דורכן כישוף פון מוזיק אַרויסגערופענער באַגייסטע־רונג, פאַרלירט כמעט קיינמאָל ניט די מאָס, ווי דאָס טרעפט מיט דער אינדישער פּאָעזיע. אַ פאַרזונקענע אין רייַנעם אָנשויען פון דער גאָט־הייט, אַ סימבאָלישע לויט דער שפּראַך, אָבער אַ קלאָרע און אַן אייגנ־פאַכע לויט די געדאַנקען, געפינט זי פאַרגעניגן אין פאַרגלייכונגען, וואָס חזרן זיך איבער, פאַרהיטנדיק אַ כמעט ריטמישן כאַראַקטער, שטענדיק פאַרבלייבנדיק דידאַקטיקע. אַלס נאַטורבאַשרייבונגען זיינען די ווערק פון „אַלטן בונד" אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון די אייגנשאַפטן פון דעם לאַנד, וואו דאָס פאָלק האָט זיך באַוועגט, ד. ה. פון שטענדיקן איבער־גאַנג פון מדבריות צו פרוכטבאַרע ערטער און וואַלדיקע שטחים פון לבנון, מיט וועלכע דער באָדן פון פּאַלעסטינע האָט זיך אויסגעצייכנט.

די אַלט־העברעאישע נאַטור־שילדערונגען זיינען אַלזאָ געשטאַנען אויף דער הייך פון דער דעמאָלטיקער נאַטורקענטשאַפט און מיט זייער טיפקייט און דערהויבנקייט האָבן זיי אַריבערגעשטייגט אַלע שאַפונגען פון דער פאָלקס־פּאָעזיע אין זייער צייט. מער פון אַלץ שטייען נאָענט צו זיי גראַדע אין באַציִונג צו דער נאַטורפּאָעזיע די הייליקע הימנען פון דער ריג־וועדאַ. די לידער צו וואַרענאַ, דעם גאָט פון פרידן, דערמאָנען אָפט דעם טאָן פונם תהילים. זיי שטעלן אויך פאָר גאָט אַלס דעם אַל־קליגסטן שעפער און רעגירער איבער אַלע וועלטן, אַלס דעם אַלוויסנ־דיקן באַשיצער פון אַלעם גוטן און באַשטראָפער פאַר אַלעם שלעכטן, אַלס אַ הייליקן און גערעכטיקן, דאָך פולן מיט דערבאַרעמונג צו מענטשן. און אויב אין דידאַקטיקע לידער לכבוד גאָט ווערט געזונגען:

ווען טיפער חכמה זאָגן עדות זיינע בּרואים,
אַז ער מאַכט שטיצונגען פאַר ווייטע וועלטן,
באַוועגט דעם הויך געהויבענעם הימל־געוועלב,
די אייביקע שטערן, אויסגעברייט די וועלט, —

דערמאָנט עס די שפּראַך פונם מזמור ק"ד, און מיר וואָלטן געקאָנט קו־מען צו דעם אויספיר, אַז עס איז געווען אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער פּאָעזיע פון די ביידע פעלקער, ווען די עטנאָגראַפיע און די גע־שיכטע וואָלטן ניט אַזאַ גרינדלעכן וועטאָ אַרויסגעשטעלט קעגן אַזאַ השערה. אין די לידער פון דער אַלט־אינדישער פּאָעזיע ערשיינט אויך גאָט דער אַלקליגסטער שעפער, וועלכער האָט געגעבן לעבן דעם הימל

און דער ערד, וואָס מיט זיין קראַפט האַלט זיך פעסט די גרעניצלאָזע, טיפע, טאָפּלדיקע מלוכה פון דער לופטן, וועלכע שפּאַרט אונטער דעם הימל און שטעלט גרעניצן דער ערד, פּילט אָןביידע וועלטן מיט זיין גרויס־קייט, און האָט יעדע בריאה באַשאַנקען דערמיט, וואָס גיט אים ווערט און ווערדע. זיין אָטעם טראָגט זיך אַלס ווינט מיט אַלץ באַלעבנדיקער קראַפט דורך דער לופט; זיין זיכער אויג איז די נשמה פון אַלע לע־בעדיקע און אומבאַלעבטע נפשות; אַלע באַשעפענישן טרינקט ער אָן, ווי דער רעגן טרינקט אָן די געוויקסן פון פעלד, און ביי מענטשן קוקט ער נאָך אויף זייערע גערעכטיקע און אומגערעכטיקע מעשים; ער היט די געדאַנקען פון די שטערבלעכע, ווי דער פּאַסטוך זיינע טשערעדעס; ווייט פון אים און אָן אים האָט קיינער ניט קיין רשות אַפילו איבער אַ פינטל פון זיין אויג.

אָבער ס׳איז ריכטיק, אַז ווי נאָר מיר פאַרלאָזן די קיניגרייך פון וואַרענאַ און גיבן אַ בליק אין די קרייזן פון אַנדערע געטער, אַנט־פּלעקט זיך פאַר אונז אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד צווישן דערדאָזיקער, אויף דעם שויס פון יונגן נאַטור־לעבן אויפגעבליטער און מיט זינלעכע פאָרשטעלונגען דורכגעדרונגענער נאַטורפּאָעזיע, מיט דער נאַטורפּאָעזיע פונם תהילים, וועלכער איז פון דער מאָנאָטעאיסטישער אידעע אַרויס און פון איר באַגייסטערט.

אין די מזמורים פונם תהילים זיינען אויסגעדריקט געפילן, וועלכע מענטשן וואָלטן געקאָנט אויפנעמען און פאַרשטיין אין אַלע צייטן. די לידער פון די אַלטע העברעאישע דיכטער ווערן נאָך עד היום מיט גע־בעט געזונגען אין די שולן און קירכעס. דעריבער האָט די פּאָעזיע פונם תהילים רעכט אויף אוניוועסאַליזם. כדי צו פאַרשטיין דידאָזיקע אינ־דישע פּאָעזיע, דאַרף מען דערווערבן קולטור־היסטאָרישע ידיעות. כדי דורכצופילן אַלע שיינקייטן פון דער גריכישער פּאָעזיע, דאַרף מען זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דעם קלאַסישן אַלטערטום. כדי אָבער צו באַגרייפן די פּאָעזיע פון דעם תהילים איז גענוג צו זיין אַ מענטש מיט מענטשלעכע געפילן און הומאַנע חושים.

אין דעם באַשטייט די אייביקע גרויסע באַדייטונג פון דעם לירישן האַרצאויסגיסן פון אַזוי פיל פאַרשיידענע מחברים און אַזוי פיל פאַרשיידענע עפּאָכעס, וואָס זיינען אין ספר תהילים פאַראייניקט אין איין האַרמאָ־נישע גאַנצע, אין וועלכן עס בייטן זיך איינס נאָכן אַנדערן רעליגיעזע הימנען און טעמפּל־לידער, געזאַנגען פון עולי־רגל און קאָסמאָ־גאָנישע געדיכטן, תפילות און על׳גיעס, נאַציאָנאַלע און אינדיווידועלע, לידער פון האָפענונג און יאוש, פון גלויבן און צוטרויען צו גאָט, פון

נקמה און שלום, מיט דער האָפענונג אויף דער גרויסער צוקונפט פון אַלגעמיינער מענטשלעכער ליבע, — אין וועלכן עס געפינט דעם סאַמע ריכטיקן אויסדרוק דאָס יידישע לעבן, וואָס וואָרצלט זיך אין דער סוביעקטיווקייט פון נאַציאָנאַלן גלויבן, די נשמה פון זייער רעליגיע. און איבער דעם אַלעמען שטראַלט די שיין פון גאָט אין גאַר זיין פּראַכט און מאַיעסטעט, אין זיין חסד און גרויסן דערבאַרימען צו די שוואַכע און זינדיקע קינדער פון מענטשן!

אויב די לעצטע לידער פונם ספר תהילים האָבן אונז אַריינגע־בראַכט אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, טראָגן מיר זיך אָבער ביים גע־דאַנק וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דעם בוך שנעל פון ס׳ביי אַריבער אין יענער בליאונגס־עפּאָכע פון ישראלס פאָלקס־לעבן, ווען אַ קיניג האָט געקענט שאַפן אַזוי פיל אומגעוויינלעכס, אַלס דיכטער ווי אַלס העלד, באַגרינדן די נאַציאָנאַלע איינהייט פון זיין פאָלק און אויפהייבן זיין רעליגיעזע בילדונג אויף אַזאַ הויכער מדרגה. דעריבער, אויב אַפילו פון קריטישן שטאַנדפּונקט קאָן מען אָפּלייקענען, אַז ניט דוד האָט פאַר־פאַסט דעם גרעסטן טייל פון דעם תהילים, אויב, פון דער צווייטער זייט, שטעלט מען אפשר זיין פּאָעטישע פיזיאָנאָמיע פאַר אין אַ צופיל אידעאַליסטישער באַלייכטונג, — פונדעסטוועגן דאַרפן בלייבן פאַרבונדן מיט זיין נאָמען און קלעקן צו פאַרפעסטיקן זיין רום אויף אייביקע צייטן, יענע לידער, וועלכע נעמען מיט זיך אַרום די צייט פון זיין לעבן און באַזינגען אירע וויכטיקערע מאָמענטן. צווישן זיי איז פאַראַן אַ עלעגיע אויף דעם טויט פון שאול און יהונתן, וועלכע איז אַ פּערל פון דער ריין נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, פול מיט צאַרטקייט פון געפיל:

דיין פּראַכט, ישראל, ווי איז אויף דיינע פעלדער טויט געפאַלן!
ווי זיינען העלדן געפאַלן!
דערציילט ניט אין גת, זאָגט ניט אָן אין די גאַסן פון אשקלון,
עס זאָלן ניט פריילעך זיין די טעכטער פון די פלשתים,
עס זאָלן זיך ניט פרייען די טעכטער פון די ערלים.
בערג אין גלבוע! זאָל אויף אייך קיין טוי און קיין רעגן ניט זיין,
ניט קיין פרוכטבאַרע פעלדער,
וואָרעם דאָרט איז פאַרשמוצט געוואָרן דער פּאַנצער פון העלדן,
דער פּאַנצער פון שאול, אומגעזאַלבט מיט בוימל.
פאַר בלוט פון דערשלאָגענע, פאַר פעטס פון גבורים—
איז יונתנס בויגן ניט אָפּגעטראָטן אויף צוריק,
און שאולס שווערד ניט אָפּגעטראָטן מיט ליידיקן.
שאול און יונתן, געליבטע און ליבע אין לעבן—

זיי האָבן אין טויט זיך ניט געשיידט.
פאַר אָדלערס זיינען זיי לייכטער געווען, פאַר לייבן—שטאַרקער.
טעכטער פון ישראל! באַוויינט שאולן,
וואָס ער האָט אייך געקליידט אין פורפור און געצערטלט,
וועלכער האָט גילדערנע צירונג אָנגעטאָן אויף אייער קליידונג.
ווי זיינען די העלדן אין מלחמה געפאַלן,
יונתן—אַ דערשלאָגענער אויף דיינע בערג!
ס'טוט מיר לייד אויף דיר, יונתן, ברודער מיינער,
דו ביסט מיר זייער ליב געווען,
דיין ליבע צו מיר איז וואונדערלעכער געווען פאַר פרויענליבע.
ווי זיינען געפאַלן די גבורים, און פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס קריגס-געווער!

אויך דער קלאָג אויף אַבנרס טויט איז בלי ספק דודס אַ ווערק, וואָס פאַרדינט צו שטיין אין איין שורה מיט דער געבראַכטער עלעגיע, דאָס גלייכן אויך די צוויי רעליגיעזע הימנען, וועלכע זיינען אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און פון וועלכע איינער איז אַ דאַנק-ליד צו גאָט פאַר דאָס אויסטויטן דודס שונאים, און דער צווייטער — האַלט אין זיך איין די לעצטע רייד פון דעם קיניגלעכן פּאָעט, וועלכער האָט געהאַט פולע רעכט צום אונטערגאַנג פון זיינע יאָרן אָנצורופן זיך „נעים זמירות ישראל"—דער ליבלעכער זינגער פון ישראל, וואָס דורך אים „האָט גערעדט גאָטס גייסט" און „זיין וואָרט איז געווען אויף זיין צונג".

❁ ❁
❁

פון אַנדערע דיכטוגגען פון יענער גאָלדענער צייט פון דער ליריק איז, צום באַדויערן, גאָרנישט געבליבן, אויסער דעם רירנדיקן משל פון דעם נביא נתן וועגן דעם שעפּסעלע פון אָרעמען מענטשן, — דעם משל, וואָס געפינט אומעטום אַ מאָראַלישע אָנווענדונג אַפילו אין אונזער צייט.

דאָס גלייכן זיינען אויך ניט געבליבן אַזעלכע אַלגעמיינע לידער פון דער צייט וואָס נאָך דעם, — פון דער רעגירונגס-צייט פון שלמה, וואָס זיין געשטאַלט איז ניט פעסטגעשטעלט אין דער יידישער פאָלק-געשיכטע, מחמת פון איין זייט ווערט ער געשילדערט אַלס קליגסטער און פרימסטער רעגירער, פון דער צווייטער זייט אָבער וויל מען האָבן, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט געדולדעט די געצנדינערייַ פון זיינע

ווייבער, האָט איר אפילו געגעבן שוץ, און מיטגעווירקט דער פארניכ־
טונג פון די נאַציאָנאַלע מידות טובות אין זיין פאָלק. אויפפאַסנדיק מיט
פּסיכאָלאָגישער פיינקייט די שטריכן פון זיין כאַראַקטער און פון זיין
טעטיקייט, האָט די טראַדיציע אויף זיין נאָמען פאַררעכנט דריי בי־
כער — „משלי", „שיר השירים" און „קהלת". אַז שלמה איז געווען אַ
דענקער אַ חכם — אין דעם איז קיין ספק ניטאָ. דער עראָטישער מאָ־
מענט שפּילט אין זיין לעבן אַ גרויסע ראָלע, און די ענדע פון אַזאַ
לעבן איז, בלי ספק, יענע סקעפּטישע וועלט־אָנשויאונג, וועלכע מיר
געפינען אין „קהלת". די זאַמלונג פונם בוך משלי פירט אונז אריין
אומטיטלבאַר אין דעם געביט פון דער דידאַקטישער פּאָעזיע פון דער
ביבל.

ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער דאָזיקער מין פּאָעזיע איז
דורכאויס פרעמד געווען דעם ביבלישן אַלטערטום ביז שלמהן. אַ מאַסע
שפּריכווערטער, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבערן חומש, און איבער־
הויפּט די צוויי משלים פון יותמען און פון נתנען באַווייזן שוין, אַז מאָ־
ראַלישע אַפאָריזמען, מוסר, רעטעניש און דאָס גל. האָט מען שטאַרק
געהיט, און ס'איז מעגלעך, אַז שלמה האָט זיי געזאַמלט און זיי צוגע־
געבן די כאַראַקטעריסטישע פאָרם. זיין דיכטערשטרייט מיט דער
מלכת שבא דורך רעטענישן, דאָס וואָס דער ספר „מלכים" שרייבט אים
צו דריי טויזנט משלים, און פיל ערטער אין „משלי" גופא — דאָס
אַלץ זאָגט זיכערע עדות, אַז דער דאָזיקער מין חכמה פון משל, וועלכע
קען קערנדיק און שיין אויסדריקן די לעבנסערפאַרונג און מוסר, וואָס אַמאָל
לאַכט ער אין וויציקן בילד אויס די מענטשלעכע נארישקייט, אַמאָל
קליידט ער אָן אין גראַציעזער פאָרם די ערנסטע לעבנס־לערע און או־
מעטום זוכט ער אָפּ די באַהאַלטענע ענלעכקייט צווישן נאַטור און
זיטן — האָט גראָד געבליט אין די צייטן פון שלמה, און אין דעם
דאָזיקן קיניג געפונען אַ פליסיקן שיצער. אפשר האָט ער די שפּריכ־
ווערטער פון פאָלק צוגעגעבן אַ גערעגלטע קונסט־פאָרם, און דידאַקטיש
טעטיקייט אַנטשפּרעכט פולקום יענער היסטאָרישער פאָרשטעלונג, וועלכע
מיר מאַכן זיך וועגן שלמהן, ווען מיר וואַרפן אָפּ אַלע צופּוצעכצן, מיט
וועלכע די לעגענדע און די טראַדיציע האָבן צוגעריכט די געשיכטע פון
זיין לעבן. קיינער איז ניט געווען פעאיקער פאַר אים צו מאַכן די
פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען, ערפאַרונגען, קענטענישן, רעפלעקסיעס
און אַרויסבאַקומען פון אַלע לעבנס־ספערן פאַרגלייכונגען פאַר דעם
פונדאַמענט פון אַ גנאָמישער פּאָעזיע אין אַזאַ פאָרם, וועלכע עס שטעלט
מיט זיך פאָר דער ספר „משלי". קיינער האָט אין אַזאַ מאָס ניט גע־

קענט ווערן דער שעפער פון דער פּאָעזיע, וועלכע האָט באַאַרבעט דעם משל, וועלכער איז בלי ספק אַ פּראָדוקט פון שעפערישן פאָלקסגייסט און האָט איר צוגעגעבן אַ הויכע קינסטלערישע פאָרם.

פאַר דער דאָזיקער מיינונג רעדט אויך דאָס, וואָס באַזונדערע קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך ווערן דירעקט און באַשטימט באַצייכנט אַלס ווערק פון שלמה (אַזעלכע זיינען די קאַפּיטלען 10—22, 25—29), בשעת ווען אַנדערע רעדט זיך „אויך דאָס איז פון די חכמים״. די אָנגערופענע, אויך אייניקע הוספות געהערן באמת צו דער צייט נאָך שלמה. אַז שלמה איז דער פאַרפאַסער באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע אַפאָריזמען האָט אַ ריין וועלטלעכן כאַראַקטער, פאַרנאַכלעסיקט ניט דעם הומאָר, איז ווייט פון סענטימענטאַלישקייט און רעליגיעזער טרוימערישקייט, צייכנט זיך אויס מיט ענערגישקייט און מיט דער שאַרפקייט פון אויסדרוק. דאָס זיינען על־פּי־רוב שבחים צו דער חכמה און וואָרענונגען קעגן דער נאַרישקייט, פּראַקטישע כללים פון לעבנס־חכמה, גלייך פונם לעבן געשעפּטע באַאָבאַכטונגען און באַטראַכטונגען, דורך וועלכע עס שלאָגט זיך גאָר ווען ניט ווען אַדורך די רעליגיעזע שטימונג, וועלכע ליגט אינם יסוד פון דער גאַנצער ביבלישער פּאָעזיע.

ענדלעך, וואָס נוגע דער פאָרם פון דידאָזיקע שפּרוכן, איז פאַרשטענדלעך, אַז דער פּאַראַלעליזם פון די זאַצגלידער הערשט אין זיי אויסשליסלעך, וואָרעם דאָ האָט ער געקאָנט האָבן די סאַמע פולע אָנווענדונג פאַר זיך. עטלעכע ביישפּילן פון משלי וועלן עס קלאָר באַשטעטיקן. אַזאַ איז די לויב צו דער חכמה און צו דער ערפאַרנקייט:

עס קלייבט אין זומער—דער קלוגער מענטש.
ס'שלאָפט אין שניט־צייט—דער צעלאָזענער מענטש.
נאַראָנים גייען מיט זייער אייגענעם וועגן;
קלוגע נעמען עצות פון לייטן.
נאָך גאווה גייט פאַרדאַרבונג,
און גרויסהאַלטונג קומט פאַר מפּלה.
ווער ס'שפּאָרט דעם רוט, האָט פיינט זיין זון;
ווער ס'ליבט זיין זון, שטראָפט אים קלוג
פאַראַן אויסברענגער וואָס ווערן רייך;
פאַראַן וואָס קאַרגן און ווערן אָרעם.

פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע חכמה האָט פריער פאַר אַלץ גע־

בראַכט דעם אַמאָליקן העברעאישן משלים־דיכטער צו דערקענען גאָט, פונוואַנען די חכמה קומט אַרויס, און וואו עס איז איר ענדציל.

דער אָנהייב פון דערקענטעניש איז גאָטספאָרכטיקייט;
און נאַראָנים פאַרראַטן חכמה און לערע.
מיט חכמה האָט גאָט געגרינדעט די ערד,
און מיט פאַרשטאַנדיקייט—געבויט דעם הימל.
דער אָנדענקען פונם גערעכטיקן בלייבט געבענטשט,
דער נאָמען פונם רשע—ווערט צעפוילט.

ערטערווייז פאַרוואַנדלען זיך די משלים אין גראַציעזע רעטענישן, פולע מיט שאַרפזיניקן הומאָר, אָדער אין ליבלעכע עפיגראַמען, אָדער אַפילו גאָר אין דידאַקטישער דיכטונג, פון וועלכע די „וואָרענונג קעגן וויין" אַלס כאַראַקטעריסטישער מוסטער פון וועלטלעכער ליריק, און די „לויב צו דער אשת חיל" אַלס אויסדרוק פון פאַרערונג, וועלכע מען האָט געהאַט צו דער פרוי אין ביבלישן אַלטערטום, ניט קוקנדיק אויף דער הערשנדיקער פאָליגאַמיע, פאַרענדיקן דעם קרייז פון ספר „משלי", וואָס באַווייזט די צייט פון פרייער רעליגיעזער און בליענדיקער נאַציאָנאַלער ריכטונג. בנוגע דער „וואָרענונג קעגן וויין" דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז גראָד וויין־לידער זיינען ניט פרעמד געווען דער עלטערער העברע־אישער שאַפונג, ווי יעדער פאָלקספאָעזיע. דער וויין איז געווען דער הויפט־פראָדוקט פון פאַלעסטינער באָדן, און האָט געדינט דאָרט, ווי אומעטום, אַלס אַן אָנגעלייגטער מאַטעריאַל, פאַר די וואָס האָבן ליב געהאַט דעם טרונק און פאַר פאָעטן. אָבער אויב „וויין פרייט גאָט און לייטן", איז ער לויט דעם ספר „משלי" געפערלעך פאַר פירשטן, און אויך פאַרן פאָלק שעדלעך, אויב מען נוצט אים אין אַ צו גרויסער מאָס. אָט דאָס האָט עס אין אַכט דאָס פרעכטיקע קליינע ליד.

בײ וועמען „אוי"? בײ וועמען „וויי"?
בײ וועמען קריגערײ? בײ וועמען פלוידערײ?
בײ וועמען אומזיסטע וואונדן?
בײ וועמען רויטקייט אין די אויגן?—
בײ די וואָס פאַרברענגען שפעט בײם וויין,
וועלכע קומען זוכן געטראַנק.
ניט קוק, וואָס דער וויין איז רויט,
וואָס ער גיט אין כוס זיין גלאַנץ,
וואָס ער מאַכט זיך רעכטפאַרטיק.
צום סוף בייסט ער ווי אַ שלאַנג,

און ווי אַ ברענענדיקער שלאַנג סמט ער.
דיינע אויגן זעען משונה זאַכן,
און דיין האַרץ רעדט אומגעלומפּערטקייטן.
און דו ביסט ווי אַ שלאָפעדיקער אין אַ מיטן ים,
און ווי דו וואָלסט געלעגן אויף אַ שפּיץ פון אַ מאַסטבוים.
מען שלאָגט דיך—דו ווייטאָגסט ניט,
מען שטויסט דיך—דו ווייסט ניט.
ווען דו ערוואַכסט, זוכסטו אים ווידער.

אין אַ העכערער ספּערע פירט אונז אַריין די לויב צו דער אשת־חיל, פון וועלכן שילער האָט גענומען עטלעכע פּרעכטיקע שטריכן פאַר זיין ליד „די גלאָקע", און וועלכע איז פאַרבליבן אויף אַלע קינפטיקע צייטן דאָס ליד וועגן דער געטרייהייט פון דער פרוי:

אַן אשת חייל ווער געפינט?
פאַר פּערל העכער איז איר פּרייז.
זיכער איז אין איר דאָס האַרץ פון איר מאַן,
און עס פעלט אים קיין רייכקייט ניט.
זי צאָלט אים מיט גוטס, ניט מיט שלעכטס,
אַלע אירע לעבנס־טעג.
זי זוכט אויף וואָל און פלאַקס
און אַרבעט מיט דער פלייס פון אירע הענט.
זי איז ווי ווי אַ האַנדלס־שיף,
איר ברויט ברענגט זי פון דער ווייט.
זי שטייט אויף, ווען ס'איז נאָך נאַכט,
און פאַרטיילט שפּייז צו איר הויזגעזינד, און עסן צו אירע יונגפרויען.
פאַרטראַכט אַ פעלד—באַקומט זי עס,
פון דעם פאַרדינסט פון אירע הענט פלאַנצט זי אַ ווייַנגאָרטן.
גורט מיט קראַפט אירע לענדן אָן,
און אירע אָרעמס קרעפטיקט זי.
זי האָט פאַרזוכט, ווי גוט איז איר באַשעפטיקונג,
לעשט זיך דורך נאַכט איר ליכט ניט אויס.
זי שטרעקט איר האַנט צום שפּינרעדל,
און אירע הענט—צום שפּינדל אויס.
עפנט איר האַנט פאַר דעם אָרעמאַן,
און שטרעקט צום אביון איר האַנט מיט הילף.
איז ניט אומרואיק וועגן איר שטוב פאַר דער צייט פון שניי,

ווייל ס'איז גאָר איר הויז אין פורפור אָנגעקליידט.
זי מאַכט זיך טעפּעכער,
ליינען און פורפור איז איר אָנקליידונג.
איר מאַן איז באַוואוסט אין די פאַרזאַמלונגען,
ווען ער זיצט מיט די זקנים פונם לאַנד.
שלייערס מאַכט זי און פאַרקויפט,
און גאַרטלען שטעלט זי צו די פעניציער.
איר קליידונג איז מאַכט און פראַכט,
צום מאָרגעדיקן טאָג שמייכלט זי.
איר מויל עפנט זי מיט חכמה,
מילדע לערע איז אויף איר צונג.
זי גיט אַכטונג אויף איר ווירטשאַפט,
ברויט פון פוילקייט עסט זי ניט.
שטייען אויף אירע זין און לויבן זי,
איר מאַן—רימט זי:
„פילע פרויען האָבן מצליח געווען,
דו האָסט איבערגעשטייגט זיי אַלעמען“.
חן נאַרט אָפּ, שיינקייט איז אייטל,
געלויבט איז אַ פרוי אַ גאָטספאַרכטיקע,
באַלוינט זי, ווי זי פאַרדינט,
זאָלן אירע מעשים אויף די פלעצער זי באַרימט מאַכן.

מען קאָן ניט דערלאָזן, אַז דער הימן צום לויב פון דער אשת-חיל און דער „שיר השירים“, צו וועלכן מיר וועלן זיך איצט, האָבן געקענט אַנטשטיין אין דער זעלביקער צייט. אין דעם הימן, ווי אין אַלע סענטענצן פון „משלי“, האָט בנוגע דער פרוי און ליבע די איבערהאַנט דער פולקום עטישער כאַראַקטער, אין „שיר השירים“ — דער עסטעטישער; אין דעם ערשטן איז די גרונד-שטימונג דער עיקר אַ זיטלעכע, אין דעם צווייטן — אַ טיף זינלעכער. אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות נייטן אונז צו נעמען אין דער חזקה, אַז דער הימן איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער זאַמלונג פון שפּריכווערטער ערשט שפּעטער, ווען עס האָבן געהערשט רייפערע אָנשויאונגען וועגן דער פרוי און איר באַדייטונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, בשעת די צונויפשטעלונג פון „שיר השירים“ איז וואַרשיינלעכער פאַר אַלץ פאָרגעקומען תיכף נאָך שלמהס טויט און איז פאַרשריבן געוואָרן אין צפון פאַלעסטינע.

דאָרט צווישן די שטורעמווינטן, וועלכע האָבן זיך אַדורכגעטראָגן אין פאָלקסלעבן, האָט זיך ס׳דאָזיקע ליד אַרויסגעגאָסן פון אַ האַרצן, אין וועלכן די הייטערע סביבה האָט אַריינגעוואָרפן אירע סאַמע ליכטיקע שטראַלן, און אין וועלכן עס האָט געלעבט די פעאיקייט, צו זען ווי עס גלאַנצן די בלומען, ווי דער פייגנבוים טרייבט זיינע פרוכטן, ווי דער ווייבשטאָק שפּראָצט און ווי עס לאָזט זיך פונאַנדער דער מילגרוים־בוים. ס׳דאָזיקע ווערק איז די סאַמע רייפע, די סאַמע ריינע פון אַלץ, וואָס די העברעאישע און בכלל די עראָטישע פאָעזיע פון גאָר דער וועלט האָט באַשאַפן, אַ שטאַרק ליד פון דער שטורעמדיקער ליבע, וועלכע פאַראַכט אַלע אַלעגאָרישע טונקלקייטן, און אַ דראַמאַטישע געדיכט, וואָס אָטעמט מיט קינדישער פשטות און מיט צאַרטקייט פון די חושים, פול מיט דרייסטע בילדער און פלאַמענדיקן געפיל, דורכגעדרונגען מיט אויפריכטיקער ליבע און מיט ברייטן פלי פון דער פאַנטאַזיע. סיי גריכנלאַנד, סיי דער איבעריקער אָריענט האָבן קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט און האָבן אַפילו ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַזאַ ליבע־ליד. וואָס עס הייבט זי אַזוי העכער אויף איבער אַלע אירע קרובהשע שאַפונגען, איז עס די וואונדערלעכע האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון ליידנשאַפטלעכער זינלעכקייט און ריינסטער זיטלעכקייט, וואָס בילדעט דעם פאַרבאָרגענעם דופק פון גאָר דעם דאָזיקן ליד. שילדערן טיפער און ריכטיקער די גייסטיקע איידלקייט פון ריין מענטשלעכער ליבע — איז ניט מעגלעך. דער פאָעט, וועלכער ווייס גוט דעם מהות פון דער ליבע, און וואָס אַזוינס איז דאָס פרויענהאַרץ, באַשאַפט דורך קינסטלערישע מיטלען אַ פרוי, וועלכע ער מאַכט פאַר דער פאַרקערפערונג פון ליבע, וועלכע ער האָט גרינדלעך דערקענט, אַדאַנק זיין ברייטן קענען מענטשן און זיין פעאיקייט צום פיינפילעוודיקן באַאָבאַכטן. און אַז ער פאַרשטייט ליבע ריכטיק, דאָס זעען מיר פון די פערזן, אין וועלכע שולמית ראַט די טעכטער פון ירושלים ניט צו וועקן די ליבע צו פרי און צו געאַיילט, ווייל דאָס איז אַ געפערלעכע ליידנשאַפט. די ליבע איז לויט דעם מחברס בליק אַ גליקשאַפנדיקע קראַנקהייט, אַ גן־עדן־וואונדערלעכער געמיש פון גליק און אומגליק. גליקלעך איז דער, וואָס ליבט ניט, אָבער נאָך גליקלעכער איז דער מענטש, וועלכן עס האָט באַהערשט די מחלה פון ליבע. זי ברענגט מיט זיך די גרעסטע געפאַרן, די גרויסע ליידן, אָבער אין דערזעלביקער צייט די גרעסטע אַנטציקונגען, דאָס בעסטע גליק״.

אין דער העלדין פון דער דאָזיקער דיכטונג, וועלכע פילע האַלטן פאַר אַ דראַמאַטישער אידיליע—אָדער פאַר אַ זינגשפיל—

אין דער פאַסטוך־מיידל שולמית האָט דער פּאָעט, וועלכער קאָן דאָס הארץ פונם מענטשן, פאַרגעשטעלט דעם אידעאַל פון אָט דער ריינער ערדישער ליבע. ערשט דער ספּיריטואַליזם פון דער לעצטער צייט האָט געדאַרפט אײַנשליסן דאָס פלאַמענדיקע געדיכט אין אַלעגאָרישן קלעם, צוגעבן אים דעם געדאַנק פון ליבע צו גאָט, אָדער איבערגעגעבנקייט צו דער קירך, און צושרייבן אַזאַ טענדענץ דעם קיניג שלמה, בשעת דאָ ווערט געשילדערט דווקא דער נצחון פון ריינער און געטרייער ליבע להיפך צו די נסיונות פון קיניגלעכן און הארעם־לעבן.

און אין איין שורה מיט אָט די צויבערן פון ליבע ווירקט אויף אונז אין דעמדאָזיקן געדיכט דער כּישוף, איבערהויפט פון די אידילישע נאַטור־סצענעס; מיר זעען דאָ אַזאַ צויבערלעכן פאַרזינקען אין דער אוי־סערלעכער אַרומיקער נאַטור, וועלכן מיר באַגעגענען ניט אין דער גאַנצער עראָטישער פּאָעזיע פון דער אַלטער צייט. דער פּאָעט פירט אונז אַריין אין דער בליענדיקער רייכער נאַטור. די פאַנטאַזיע פון די ליבנדיקע ציט אַריין אויך די נאַטור, ווי אַלץ אויף דער וועלט, אין איר פאַר־כּישופטן קרייז; זי שטעלט אַלץ אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געליבטן וועזן, און זעט אין דעם גאַנצן וועלטאַל נאָר די אָפּשפּיגלונג פון דעם־דאָזיקן וועזן, וואָרעם נאָר די ליבע לערנט דעם מענטשן צום ערשטן דערקענען און פאַרשטיין דאָס גאַנצע.

די פּרוּוון צו ערקלערן „שיר השירים" און אומצוקערן אים צו זיין אורערשטער קינסטלערישער פאָרם, האָבן אָפּט געמאַכט אַ דרוק אויף זיין אַראָמאַטישער פּאָעזיע. נעבעטער פאַר אַלץ צום אמת איז די אײַנטיילונג אויף זיבן דראַמאַטישע בילדער, וועלכע נייטיקן זיך, פאַר־שטייט זיך, אין דערגאַנצונגען, איבערגאַנגען און אַלערליי אַנדערע צוגאָבן, כּדי צו באַשאַפן איין קלאָרע בילד. דאָס ערשטע מאַכט אונז באַקאַנט מיט שולמיתן אין דער צייט, ווען זי מאַטערט זיך אין קיניגלעכן האַ־רעם פון דעם פאַרלאַנג צו פאַראייניקן זיך מיט איר געליבטן. אַ וואונ־דערלעכער מאָנאָלאָג דריקט אויס דידאָזיקע לירישע שטימונג:

זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל,
וואָרעם דיין ליבע איז זיסער פאַר וויין!
עס שמעקן אַזוי גוט דיינע זאַלבן,
ווי באַלזאַם צעגיסט זיך דיין נאָמען;
דעריבער האָבן דיך די יונגפרויען ליב.
צי מיך נאָך זיך, לאָמיר לויפן נאָך דיר!

דערנאָך דערציילט זי, ווי שלמה האָט זי אַוועקגעפירט אין זיינע

צימערן און פאַרזיכערט, אַז ער פילט צו איר אויפריכטיקע ליבע. די הויפפרויען באַמיען זיך מסתמא זי צו באַרואיקן און פרעגן זי אויס; דע־רויף ענטפערט זיי שולמית:

איך בין שוואַרץ און ליבלעך, טעכטער פון ירושלים,
ווי די געצעלטן פון קדר,
ווי די פאַרהאַנגען פון שלמה.
קוקט ניט, וואָס איך בין שוואַרצהנעוודיק,
וואָרעם די זון האָט מיך אָפּגעבערענט.
מיין מוטערס זין זיינען אויף מיר צאָרנדיק געוואָרן,
האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין ביי די ווייגערטנער—
מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך ניט איינגעהיט.
זאָג מיר דו, וואָס מיין נשמה האָט דיך ליב:
וואו פיטערסטו? וואו רוסטו אין האַלבן טאָג?
צו וואָס זאָל איך זיין ווי אַ בלאָנדזשענדיקע
ביי די טשערעדעס פון דיינע פריינד?

די הויפפרויען באַמיען זיך ווידער זי צו טרייסטען און רימען דעם קיניגס ליבע צו איר. שלמה אַליין פאַרגלייכט איר שיינקייט מיט אַלע אוצרות פונם מזרח. זי טראַכט אָבער נאָר וועגן איר געליבטן. ווי אַ דועט קלינגט די סצענע, אין וועלכער שלמה לויבט איר רייץ מיט אַלערליי אויסטערלישע בילדער אין אָריענטאַלעשן גייסט, אין דער צייט ווען שולמית שילדערט אָנשטאָט יעדן ענטפער די שיינקייט פון איר גע־ליבטן און ענדיקט דערמיט, וואָס זי איז זיך מודה:

איך גיי אויס פון ליבע!
זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ,
און די רעכטע — נעמט מיך אַרום.
איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים,
מיט די גאַזעלן און מיט די אינדן פון פעלד,
ניט צו רייצן און צו וועקן די ליבע—
ביז איר וועט עס געפעלן.

דאָס צווייטע בילד הייבט זיך ווידער אָן פון אַ פראַכטפולן לירישן מאָנאָלאָג פון שולמית. לויט דער צייט, קאָן מען אים רעכענען, אַז ער איז אָנגעשריבן פריער פאַר דעם ערשטן, ווייל אין אים רעדט זיך וועגן דער סיבה, צוליב וועלכער מען האָט שולמיתן צעשיידט מיט דעם פאָטערס הויז און מיט דעם געליבטן. „דער אַוטאָר איז זיך באַגאַנגען

זייער קונציק, אויסנוצנדיק די געשעענישן, וואָס קומען פאַר איידער דער הויפּטאַקציע, אַלס ערשטע פעדים פאַר דעם איבעריקן געוועב. ד׳ערביי איז די סיטואַציע אַזאַ: אין דער אַפּוועזנהייט פון דעם געליבטן מאַכט שולמית פאַר זיך אויפלעבן די פריערדיקע גליקלעכע רגעס, ווען זיי זיינען געווען ביידע צוזאַמען. ס׳קאָן גאַרנישט ניט זיין נאַטירלעכער. דיזאָזיקע הייסע ליבע־זכרונות, דערדאָזיקער המשך פונם אינערלעכן לעבן און די אומאויפהערלעכע מחשבה וועגן דעם איינציקן געליבטן מענטשן — פאַרשטאַרקט אין איר צו גלייכער צייט די פעאיקייט בייצושטיין די רייצנדיקע נסיונות פון דעם קיניג. אַזוי־אַרום געדענקט זי פריער פאַר אַלץ אָן די פאַלגן פון איר לעצטן פאַטאַלן זען זיך מיט איר ליבן און נאָכדעם גייט זי אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט״.

מיט זעלטענער צאַרטקייט און מיט פרישן אַראָמאַט איז דורכגעדרונגען דאָס מאָרגן־ליד, וואָס זי זינגט צום געליבטן און צו דעם דערוואַכנדיקן פרילינג:

האָט אָנגעהויבן מיין ליבער און געזאָגט צו מיר:
שטיי אויף, געליבטע מיינע, פיינע מיינע,
גיי אַרויס!
דער ווינטער איז אַריבער,
דער רעגן איז פאַרביי, אַוועק
בליימלעך האָבן זיך באַוויזן אויף דער ערד,
די צייט פון זינגען איז געקומען,
און די שטימע פון טורקלטויב האָט זיך געלאָזט הערן אין אונזער לאַנד.
די פייגנבוימער האָבן פונאַנדערגעלאָזן די קנאָספּן,
און די ווייַנשטאָקן האָבן געגעבן זייער בליעכץ־אַראָמאַט.
שטיי אויף, געליבטע מיינע, פיינע מיינע,
גיי אַרויס!
מיין טייבעלע אין שפּאַרע פון פעלזנשטיין,
אין דער פאַרבאָרגעניש פון שטייג,
באַווייז מיר דיין געזיכט,
לאָז מיך הערן דיין שטימע,
װאָרעם דיין שטימע איז זיס,
און דיין געזיכט איז פיין.

דאָס דריטע בילד באַשטייט אויך פון איין איינציקן מאָנאָלאָג צו

דעם געליבטן, וואָס איז געווידמעט דער ערינערונג וועגן יענע גליק־לעכע רגעס, ווען זי האָט אים געזוכט און געפונען.

אין פערטן בילד, נאָך דער באַשרייבונג פון דער קיניגלעכער פּראַכט און גלאַנץ, הערן מיר ווידער, ווי דער קיניג בעט די פּאַסטעך־מיידל, זי זאָל אים ליב האָבן, אין דער צייט, ווען דער פּאַסטעך, פון דער צווייטער זייט, רימט דאָס גליק פון קעגנזייטיקער ליבע.

עסט, פריינט, טרינקט און ווערט שיכּור פון ליבע!

דאָס פינפטע בילד דערציילט שולמיתעס חלום. פאַרשטייט זיך, אַז אין חלום באַווייזט זיך צו איר דער געליבטער. זי וויל אים עפענען די טיר, אָבער ער איז שוין פאַרשוואונדען, און דעמאָלט באַשווערט זי די טעכטער פון ירושלים:

ווען איר וועט געפינען מיין געליבטן, — וואָס וועט איר אים זאָגן?
אַז איך בין קראַנק פון ליבע!

די הויפפרויען באַמיען זיך ווידער צו באַרואיקן זי. זיי פרעגן ביי שולמיתן — וועך־זשע איז עס איר געליבטער, און זי מאָלט אים מיט דרייסטע פּראַכטפולע פאַרגלייכונגען אין דער בילדער־שפּראַך פון מזרח־לאַנד. נאָך דעם לייגן, אפנים, די פרויען שולמיתן פאָר צו העלפן איר געפינען איר ליבן.

און דאָ, אין זעקסטן בילד, באַשליסט שלמה צום לעצטן מאָל מאַכן אַן אָנגריף אויף דער ריינער אומשולדיקער ליבע פון דער פּאַסטעך־מיידל. אָבער איר דאַכט זיך, אַז זי הערט די שטימען פון די חברטעס, וועלכע גאַרן צו זען זיך מיט איר, און ווידעראַמאָל שטייט אין איר אויף די ערינערונג וועגן געליבטן, און וועגן די אָנגענעמלעכ־קייטן פון דאָרפסלעבן. פרילינג און ליבע גייען אין דידאַזיקע לירישע האַרצאויסגיסעניש כּסדר האַנט ביי האַנט איינע מיט די אַנדערע.

איך געהער צו מיין געליבטן,
און די געלוסטונג נאָך אים איז איבער מיר.
קום, געליבטער, לאָמיר אַרויס אין פעלד,
לאָמיר נעכטיקן צווישן די קיפער־בלומען,
לאָמיר גאַנץ פרי אַרויס אין די וויינגערטענער און וועלן זען,
צי האָט זיך צעבליט דער ווינשטאָק, זיך אָפּגעעפנט די קנאָספּן,
צי האָבן זיך צעלאָזן די מילגרוים־ביימער,
דאָרט וועל איך מיין ליבע דיר שענקען.

דאָס שלוס־בילד ווייזט אונז ענדלעך די ערפילונג פון דידאַזיקע

פלאַמענדיקע ליבע־פאַרלאַנגען. שולמית באַווייזט זיך פּלוצלונג ווידער אין דאָרף. די ברידער און חברטעס געריסן זי. דער געליבטער ווענדט זיך צו איר מיט דעם רוף:

דו אײַנוואוינערין פון די גערטענער!
חברים הערן דיין שטימע—
לאָמיך דיך הערן.

דערויף ענטפערט אים שולמית מיט דיזעלביקע ווערטער, וועלכע האָבן זיך ביי איר אַרויסגעריסן פריער, אין דער רגע, ווען מ'האָט זי געשיקט אין ווייגאָרטן, און דאָרט צעשיידט מיט דעם געליבטן:

אַנטלויף, מיין פריינד, און זיי געגליכן צו אַ גאַזעל
אָדער צו אַ יונגע אינדיין
אויף די בערג פון בשמים!

די גאַנצע אידיליע, דידאָזיקע פרילינגס־ליד פון ריינער און אומשולדיקער ליבע, וואָס שענער און רירנדער פאַר דעם האָט קיינמאָל און קיינעמס מויל ניט געזונגען, קלינגט אויס אין דעם שפרוך, וואָס האָט געקענט דינען פאַר אַ מאָטאָ צו דער גאַנצער דיכטונג:

דען שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע,
שווער ווי דער גהינום די אייפערזוכט,
אירע גלוטן זיינען פייער־גלוטן,
זי איז פלאַם פון גאָט.
גרויסע וואַסערן קאָנען די ליבע ניט לעשן,
און טייכן — ניט אַראָפּשווענקען.
אויב אַ מענטש וואָלט גאַר דאָס רייכטום פון זיין הויז געגעבן פאַר ליבע—
פאַראַכטן וואָלט מען אים, פאַראַכטן.

* *

*

ווי אַן ערנסטער און טרויעריקער קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער דראַמע פון דער ליבע־פרילינג ווייזט אויס דאָס גוואַלדיקע געדיכט פון דידאַקטישן כאַראַקטער, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „איוב", און האָט שוין זינט אַלטע צייטן אינטערעסירט אַלע ביבלפאָרשער. וואָס איז דער ציל פונם דאָזיקן בוך? ווער איז געווען זיין מחבר? אין וואָס פאַר אַ צייט האָט עס געקאָנט זיין פאַרפאַסט, און ווי אַזוי איז עס אַריין אין דער זאַמלונג פון די כתבי הקודש? אָט דאָס זיינען אומגעפער די

פראַגן און די רעטעניש, וועלכע ווערן אַרויסגערופן דורך ס'דאָזיקע ווערק, מיט פיל ענטפערן, אָבער קיין ענדגילטיק באַפרידיקנדיקער ענטפער איז נאָך אַלץ ניטאָ.

פאַר דעס פשוטן עסטעטישן בליק, איז איוב אַ דידאַקטיש ווערק, וואָס פאַראייניקט אין זיך לירישע, עפישע און דראַמאַטישע עלעמענטן— אַ טעאָדיצעע, וואָס העכער פאַר איר וועט זיך אפשר ניט געפינען אין דער גאַנצער פאָעזיע פון אַלטערטום, וואָס פאַרטיידיקט דעם יושר פון דער געטלעכער וועלט-אָרדענונג פון אַ הויכן עטישן שטאַנדפונקט,—אַ געדיכט מיט אַ וועלט-כאַראַקטער, וואָס שילדערט דעם קאַמף פון דער שטאַרקער נשמה, וועלכע שטרעבט מחמת די אָפט אומדערקלערלעכע ליידן פון דעם פרומען מענטשן, אײַנצוזעהן דעם גלויבן אין געטלעכן יושר.

אַזאַ געדיכט וואָלט געקאָנט אַנטשטיין נאָר אין דער צייט, ווען די וועלטאָנשויאונג פונם פאָלק, צו וועלכן עס געהערט, וואָלט שוין דערגרייכט צו יענער רייפקייט, ווען זי זאָל אין דער וועלטאָרדענונג איינזען אַ צוועקמעסיקע גאַנצע, אין גאָט — אַ אומזעבאַרן מנהיג פון דעמדאָזיקן גאַנצן, און אין זיין ערציאונגס-סיסטעם — אָנערקענען די האַרמאָניע צווישן נאַטור-און זיטן-געזעצן אַלס העכסטן פאָסטולאַט.

ניט דער שטורעמדיקער פריילינג, ניט דער פולער מיט לעבן זומער פונם פאָלק ישראל, נאָר דער מיט פרוכט רייכער האַרבסט זיינער האָט געקאָנט געבן אַזאַ ווערק, אין וועלכן די אַלטע אייביקע סתירה צווישן דער לערע וועגן דעם גליקלעכן גורל פון דעם גאָטספאָרכטיקן מענטשן און וועגן דער שטראָף, וואָס קומט אויפן בייזן, מיט דער ווירקלעכקייט, ווערט דערקלערט פון אַזאַ ריין מאָנאָטעאיסטישן שטאַנדפונקט.

אין יענער צייט פון איובס לעבן, ווען מיר באַגעגענען זיך מיט אים צום ערשטן מאָל, איז ער אַ פרומער, רייכער, אָנגעזעענער פירשט פון אַ נאָמאַדן-שבט. איינמאָל, בשעת גאָט האָט אויף דער זיצונג פון דער פמליא-של-מעלה אָנגעוויזן דעם שטן אויף אָט דעם געטרייען דינער זיינעם, האָט דער שטן אויסגעבעטן ביי גאָט די ערלויבעניש צו ברענגען איובס פרומקייט און געטרייהייט צו אַ נסיון (ס'איז באַוואוסט, אַז דידאָזיקע סצענע האָט געטע גענומען אַלס מוסטער פאַר זיין פראָלאָג צו „פאַוסט"). איוב פאַרלירט זיין פאַרמעגן, די קנעכט און די קינדער; אָבער ער פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ און בלייבט געטריי צו גאָט, האַלטנדיק זיך פאַר זיין שטענדיקן כלל:

גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען—זאָל גאָטס נאָמען געבענשט זיין.

און גלייך נאָכדעם באַקומט דער שטן די ערלויבעניש צו נעמען זיך פאַר איובן אַליין פערזענלעך, כדי צו ברענגען אים צו נאָך אַ שווע־רערן נסיון. אויף אים קומט אַ שרעקלעכע מחלה. אָבער אויך דאָ פאַר־לירט ער ניט זיין פעסטקייט און פאַלגט ניט דער עצה פון זיין ווייב — צו לעסטערן גאָט. די ידיעה וועגן זיינע ליידן פאַרשפּרייט זיך איבער גאָר דעם לאַנד, און עס קומען אים טרייסטן דריי פריינד זיינע: אֱלִיפַז פון תֵּימָן, צוֹפַר פון נַעֲמָה און בִּלְדַד פון שוּח. איובס אויסזען דערשרעקט זיי אין אַזאַ מאָס, אַז אין אַ משך פון זיבן טעג און זיבן נעכט זיצן זיי לעבן אים שווייגעדיק און וויינענדיק. לסוף האָט איוב איבערגעריסן דאָס שווייגן, און ווי אַ טייך, וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן אויף דער פרייהייט, פליט פון זיין מויל אַרויס אַ קלאָג אויף זיין טרויעריקן גורל, און אַ בעטן אויף זיך דעם טויט, אַלס סוף צו די־דאָזיקע שרעקלעכע ליידן.

דער שילדערונג פון איובס פיינען און קאַמפן איז געווידמעט ס'דאָזיקע בוך, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעוועבט די וויכוחים מיט זיינע פריינד. די וויכוחים זיינען פון אַזאַ דראַמאַטישער בילדלעכקייט, אַז דער בליק אויף דעמדאָזיקן ווערק, ווי אויף אַן עפּיש און דראַמאַטיש דידאַקטיש געדיכט, ווערט פאַרשטענדלעך. די דריי פריינד באַמיען זיך אים צו באַרואיקן און פאַרטיידיקן גאָטס גערעכטיקייט. לויט זייער מיי־נונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף זייערע רעליגיעזע פרינציפּן, איז איוב מסתמא באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער טראָגט איצט די פאַרדינטע שטראָף. איוב לייקנט עס אָפּ. ער האָט געוויסנ־האַפט אויסגעפאָרשט זיין פאַרגאַנגען לעבן און איז איבערצייגט אין זיין אומשולדיקייט. גאָטס קראַפט איז אים באַוואוסט אויך אַזוי גוט ווי זיינע פריינד, וועלכע ריידן שטענדיק וועגן איר, אָבער קיין גערעכטי־קייט זעט ער דאָ ניט. וואָס מער די פריינד טרייסטן אים, אַלץ טיפער לאָזט ער זיך אַראָפּ אין זיינע ליידן, אַלץ פעסטער ווערט אין אים די איבערצייגונג, אַז דווקא רשעים און פאַרברעכער לעבט זיך גוט אויף דער וועלט, בשעת דער צדיק מוז ליידן און מאַטערן זיך; אָבער דורך די פינסטערע וואָלקנס פון די ליידן שלאָגן זיך פאָרט פון צייט צו צייט אַדורך שטראַלן פון האָפענונג אויף דערלייזונג, דער פאָרגעפיל פון דעם געדאַנק וועגן השארת־הנפש, וועלכער האָט באַקומען זיין אַנט־וויקלונג ערשט אין שפּעטערדיקע צייטן.

נאָך דעם טרעטן שוין אַרויס די פריינד מיט אַן אָפענער באַ־שולדיקונג, וועגן וועלכער זיי האָבן ביז איצט זיך אַנטשלאָסן צו ריידן נאָר מיט רמזים — אַז איוב האָט בלי ספק אויף זיך אַרויסגערופן די

שטראָף פון הימל, מחמת די פולע זינד זיינע. איוב לייקנט עס ווידער אָפּ. ער קען און אַכט גאָטס מעכטיקייט (אַלס באַווייז דינט די פּראַכטפולע שילדערונג פון דערדאָזיקער מעכטיקייט, און איר ווירקונג אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע) — אָבער קיין גערעכטיקייט זעט ער ניט איין אין דער וועלטאָרדענונג און לויבן זי קאָן ער ניט. די פריינד ווערן אַנטשוויגן, און איוב ענדיקט דעם שמועס מיט דער מעלדונג וועגן זיין אונטערטעניקייט צו די באַשלוסן פון גאָט, ווי אומדערגרייכבאַר און ווי אומפאַרשטענדלעך עס זאָלן ניט זיין זייערע סיבות.

אַ ווענדפונקט טרעט אַריין, ווען עס ערשיינט איובס יינגסטער פריינד — אליהוא, וועלכער פאַלט שאַרף אָן אויף איובן, און שטעלט פאָר זיינע ליידן ניט מער ווי אַ נסיון פון גאָט. זיינע רעדעס, וועלכע מען איז גענויגט צו אָנערקענען אַלס שפּעטער אַריינגעשטעלטע, די סימעטריע פון דעם קונסטווערק ברעכנדיקע, זייגען פון דער פּאָעטישער זייט, צוזאַמען מיט די נאַטור־בילדער די גלענצנדסטע ערטער פונם בוך. זיי פירן אונז צו די סודות פון דער השגחה און פון דער געטלעכער גערעכטיקייט. די פּראַכטפולע בילדער פון דעם עקזאַלטירטן יונגנמאַן ווירקן אויף אונז צוויבערלעכער, איידער די קלוגע און פאַרשטאַנדיקע רייד פון די פריינד, שטאַרקער איידער איובס טרויעריקער באַקלאָגן זיך. אָבער ביז ריזיקער הייכקייט דערגרייכט די פּאָעטישע שילדערונג אין דער רעדע פון גאָט אַליין, וועלכער שטילט איין די ספקות און די קלאָגן.

די מאַיעסטעטישע ערשיינונג פון גאָט רעדט צו איובן פון „שטורעמווינט" רייד פון מוסר, טרייסט און פרידלעכקייט. איוב ווערט אָנערקענט פאַר אַ צדיק, און ער באַקומט ווידער אַלדאָס גוטס פון לעבן, און אין גוטס שטאַרבט ער שפּעטער „אַן אַלטער און אַ זאַטער מיטן לעבן".

דערדאָזיקער סוף אַנטשפּרעכט אַזוי גוט דעם עטישן ווי דעם עסטעטישן געפיל, און איז מצד דעם שטאַנדפּונקט פון דער צייטאַלטער די איינציק מעגלעכע לייזונג פון די גרויסע רעטענישן בנוגע דעם פּלאַן און דעם ציל פון דער וועלטאָרדענונג. „אַזוי אַנטפּלעקט זיך אין איובן ממשותדיק דער אוראַלטער קאַמף פון דעם גייסט קעגן דער נאַטור, פון דער פרייהייט קעגן דער אומדערבאַרעמלעכער נויטווענדיקייט, פון דער זיטלעכקייט קעגן דעם גורל. דאָ געפינען מיר דאָס העכסטע זעלבסטבאַוואוסטזיין, די שטאַרקסטע ענערגיע פונם זיטלעך פרייען ווילן,

וועלכער נעמט אויף דעם ריזנקאמף קעגן דעם נאטורגעזעץ, קעגן גאט און דער זיטלעכער וועלטאָרדענונג, און פאָדערט פון גאט — אויסגלייכונג, און שלום צווישן די קעגנזאצן, וועלכע זיינען שטארק סותר איינע די אנדערע.

דעריבער האָט מען ריכטיק איובן באצייכנט אלס פאָרשטייער פון דער פאוסטישער אידעע ביי די אמאָליקע העברעער,—וועלכער האָט מיט ברוטאלער קראפט פון א ריז זיך באמיט צו צעברעכן אלע גרעניצן, וועלכע זיינען פארן מענטשן געשטעלט דורך די געזעצן פון דער נאטור און מאכן אים פאר אן אָפהענגיקן פון א העכערער קראפט. די דאָזיקע מרידה קעגן דער אומבאזיגלעכער נויטווענדיקייט האָט אין זיך עפעס דעמאָנישעס און אורשפרינגלעכס, די פארצווייפלונג — ווי ווען דער טיטאן מוז נאָך זיין מפלה צוריקקערן זיך אין די קייטן, — עפעס אומענדלעך טראגישס און טרויעריק-אויפטרייסלענדיקס. דאָ רוישט דער קוואל, פון וועלכן עס איז ארויס גאר די פאָעזיע פון מענטשלעכן פיין און וועלטשמערץ, כדי פונאנדערצוגיסן זיך אין דער וועלטפאָעזיע.

פארשטענדלעך, אז באטראכטנדיק א קינסטלעריש ווערק מיט אזא אוניווערסאלן כאראקטער, איז די פראגע וועגן זיין אווטאָר באזונדער וויכטיק. די טראדיציע רעכנט פאר דעם מחבר פון דעם ווערק משהן, שלמהן און פיל אנדערע העלדן; די קריטיק — כמעט אלע פאָעטן און נביאים. מיר זיינען נוטה צו לוטערס מיינונג, ניט אָננעמענדיק זיין השערה, אז דער מחבר פון „שיר השירים" האָט אויך אָנגעשריבן דעם ספר איוב: „דער העברעאישער פאָעט און דער מחבר פון דעמדאָזיקן ספר, ווער ער זאָל ניט זיין, האָט געזען און געהערט, איבערגעלעבט און באשריבן אזעלכע נסיונות און געשעענישן — געגליכן דערצו, ווי ווירגילי האָט באשריבן אן אנדער העלד ענייען און דורכגעפירט אים איבער אלע ימים, וואסערן און גאסטהייזער און געמאכט פון אים א פיינעם פאָליטישן וועלטמענטש און, אפנים, אז יענער, ווער עס האָט אָנגעשריבן דעמדאָזיקן ספר, ווער ער זאָל ניט זיין, איז געווען א גרויסער אויסגעצייכנטער טעאָלאָג".

אויב אויפן ספר איוב האָט מען געזאגט, אז דאָס אין שטארקער גיפט, וועלכער האָט ניט געקענט פעלן אין דער ביבל, דערדאָזיקער גרויסער הויז-אפטייק פון דער מענטשהייט, איז עס מער שארפזיניק, איידער ריכטיק. גיכער וואלט מען אויף דעם ספר געדארפט קוקן ווי אויף א מיטל קעגן פארגיפטונג בנוגע די הערשנדיקע ביי פעלקער רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואס דאָס פאָלק ישראל פלעגט זיך מיט זיי אויך אָפט אָנשטעקן, ווייטער, ווי אויף אזא געהויבענעם דענקמאָל פון עטיש-רע-

ליגיעזער אָנשויאונג, וואָס ס'איז אַ ספק, צי מ'קאָן אַ גלייכן צו אים געפינען אין גאָר דער אַלטער ליטעראַטור. לסוף, ווי אויף אַ פּולקום קינסטלעריש ווערק פון דער ביבלישער פּאָעזיע, וואָס, אַרויסגעגאַנגען פון דעם פאָלקסליד, האָט עס דערגרייכט זיין אוניווערסאַליסטישע הייך אין דעמדאָזיקן ליד־געדיכט.

* *

*

צו דעמזעלביקן געביט און צו דערזעלביקער פּאָעטיש־דידאַקטישער ריכטונג געהער דאָס בוך „קהלת", וועלכעס מען דאַרף, אמת, צורעכענען צו אַ שפּעטערדיקער צייט און צו אַ פּראָזאיסגעשריטענער וועלט־אָנשויאונג. אין אַ משך העכער פון צוויי טויזנט יאָר האָט זיך דערדאָזיקער זעלטענער חיבור גערעכנט פאַר אַ פּראָדוקט פון דער גייסטיקער טעטיקייט פון שלמה המלך, וואָס די טראַדיציע האָט זיין אַוטאָרשאַפט געדרונגען פון די אַריינגטריטס־ווערטער: „די רייד פון קהלת, דעם זון פון דוד, קיניג אין ירושלים". און מען קאָן ניט לייקענען, אַז דידאָזיקע מיינונג האָט הינטער זיך אַ פולע וויכטיקע מאָטיוון. דער קלוגער קיניג, וועלכער האָט אַזוי פיל געזען און אַזוי פיל איבערגעלעבט, וועלכער האָט פאַרזוכט אַלדאָס גוטס פון דעם לעבן אויף דער ערד, — מאַכט צום סוף פון זיין לעבן דעם סך־הכל פון אַלע זיינע באַאָבאַכטונגען, פון זיין גאַנצער ערפאַרונג, אין דעמדאָזיקן בוך, וואָס דער שפּיץ זיינער באַשטייט אין דעם באַרימטן זאָץ: „הֲבֵל הֲבָלִים, אַלץ איז הֶבֶל".

דערצו קומט נאָך צו אַלס באַווייז, אַז שלמה איז דער מחבר: דער נאָמען, וואָס ווייזט אָן קלאָר און באַשטימט אויף שלמהן; דאָס וואָס דאָס בוך איז אַריינגעשטעלט אין די כתבי־הקודש צווישן צוויי אַנדערע ווערק, וואָס מ'רעכנט זיי פאַר שלמהס; די טראַדיציע, די ערציילונגען פון די פאָטערס פון דער קירך. אין דעם בוך ווערט דערציילט וועגן דעם קיניגס נטיות צו בויען, וועגן זיין ליבע צו פּראַכט, וועגן זיין חכמה און זיינע קענטענישן, וועגן זיינע עשירות און אוצרות, מיט וועלכע ער האָט פאַרטונקלט אַלע איבעריקע הערשער, וועגן זיינע משלים און געדיכטן, — דאָס אַלץ פּאַסט דאָך נאָר פאַר שלמהן. און ווי כאַראַקטעריסטיש איז פאַר דעם קיניגלעכן פּאָעט די אָרדענונג, אין וועלכער עס זיינען, לויט דער טראַדיציע, געגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן זיינע ווערק! אין דער יוגנט, אין דער פרילינגסצייט פון זיין גליק און

פון זיין ליבע, שרייבט ער „שיר השירים", אין רייפן עלטער — „משלי",
ביים פאַרגיין פון זיין רוישיקן, טעטיקן לעבן — „קהלת"!

צום באַדויערן, ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן דערדאָזיקער השערה זייער וויכטיקע אָפּפרעגונגען, מיט וועלכע עס איז אוממעגלעך ניט מסכים צו זיין בנוגע צו „קהלת". ערשטנס, געפינען מיר ניט אין קיין אַנדער ביבלישן בוך אַזאַ אין אַלגעמיין טונקעלע שפּראַך, — ניט קיין ריינע, אַ צונויפגעמישטע מיט פרעמדע ווערטער. צווייטנס — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — דער אינהאַלט און די רעליגיעז סקעפּטישע אַנשויאונג פון דעם מחבר ברענגען צום אויספיר, אַז דאָס בוך איז אָנגעשריבן פיל שפּעטער, אין דער צייט פון רעליגיעזע וואַקלענישן און ספקות. צו דידאָזיקע מאָטיוון קומען צו נאָך אייניקע אַנדערע, מחמת וואָס מ'מוז דערלאָזן, אַז דאָס גאַנצע בוך שטעלט פאָר דעם אָנהייב פון פּסעוודאָ-עפּיגראַפישער ליטעראַטור און שטאַמט פון שפּעטערדיקע צייטן. מיט זיין פּאָעטישן ווערט איז עס אויך הינטערשטעליק קעגן אַנדערע ווערק, אין אים איז ניטאָ יענע ליבלעכע נאַאיווקייט און יענער לירישער שוואונג, מיט וועלכע עס איז דורכגענומען די גאַנצע ביבלישע פּאָעזיע. דאָס אָרט פון דער גאָטספריידיקער סוביעקטיווקייט פונם אַלטן העברעאיזם האָט דאָ פאַרנומען דער פינסטערער פאַרביטערטער פעסימיזם, וועלכע צוטרעט אַלע בלומען פון לעבן, זעט אין יעדן אַנטשטיין נאָר דאָס פאַרגיין, אין דער גאַנצער בריאה — מער ניט ווי אַ פּוסטע שפּיל. צייטנווייז דאַכט זיך, ווי דער פאַרביטערטער קהלת הייבט אָן צו טראַכטן וועגן זיך אַליין און וועגן דעם ציל פון זיין אַרבעט. דעמאָלט הייבט ער אָן צו ‚ערנען — לעבנספריידיקייט און גאָטספאָרכטיקייט, אָבער דידאָזיקע לערע קלינגט אין זיין מויל, כמעט ווי אַ איראָניע אָדער אַ שפּאַס, און מאַכט בשום אופן ניט יענעם רושם, אויף וועלכן די לערע רעכנט אויס.

דער גרונט-געדאַנק איז דער זעלביקער, וואָס אין ספר „איוב". אין „קהלת" איז אויך אַריינגעדרונגען די דערקענטעניש, אַז צווישן שכר און עונש, צווישן דעם לעבן פונם צדיק און פון דעם רשע אויף דער וועלט, ליגט אַ טיפער תהום, אַן אומאויסגלייכלעכע סתירה. אָבער אין דער צייט, ווען אין ספר איוב פאַרענדיקן זיך די אָנגעווייטאָגטע ספקות מיט עניוות און אונטערטעניקייט צו גאָט, רייסט זיך דאָ אַדורך דער טרויער וועגן דער נישטיקייט פון קיום אויף דער ערד, וועגן דער מעלאַנכאָליע פון לעבן מיט פינסטערע קלאַנגען אַפילו דורך יענע רעפלעקסיעס, וועלכע רופן, ווי ס'שיינט, הנאה צו האָבן פון לעבן און מורא צו האָבן פאַר גאָט. די הידרע פון ספק שטעקט אומעטום אַרויס איר קאָפּ, און

ווען דער חכם האַקט איר איינעם אָפּ, וואַקסן תּיכּף אויס טויזנטער אַנדערע און פאַרגיפטן יעדן פרומן געפיל, יעדע פרייד פון לעבן. סוף־כּל־סוף קומט אויס דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער וועלט־אָנשויאונג ניט דער מוסר: „האָב מורא פאַר גאָט און זיינע געבאָטן היט, וואָרעם דאָס איז גאָר דער מענטש", נאָר דער מאָטאָ פון דעם וואונדערלעכן בוך: „הבל הבלים, אַלץ איז הבל".

ווי אַ רויטער פאָדים ציט זיך דערדאָזיקער עפּיגראַף איבער דעם גאַנצן ווערק, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ באַטראַכטונג וועגן דעם סדר אין דער נאַטור. זי קאָן ניט פאַרשאַפן קיין טרייסט, וואָרעם: „איין דור קומט, אַ צווייטער גייט אַוועק, אָבער די ערד בלייבט שטיין אייביק; וואָס עס איז געווען, דאָס וועט זיין, וואָס עס האָט פּאַסירט, וועט ווייטער פּאַסירן, קיין שום נייס ניטאָ אונטער דער זון". דער באַטראַכ־טער ווענדט זיך נאָכדעם צום לעבן און צום מענטשנס שטרעבונגען, צו דער ערקענונג פון מענטשן און צו דער וויסנשאַפט, — אָבער „אויך דאָס איז אַ בלאָנדזשעניש פונם גייסט, וואָרעם „וואו ס'איז פיל חכמה, דאָרט איז פול צער, און דאָס פאַרמערטע דערקענטעניש, פאַרמערט אויך דעם שמאַרץ". די הנאה פונם ערדישן לעבן באַלוינט נישט; אויך דאָס איז: „אייטלקייט און יאָגעניש נאָכן ווינט". און אַזוי אַרום איז דער אויספיר כמעט אַזאַ, אַז דער נאַר האָט פאָרצוג לגבי דעם חכם, דער רשע — לגבי דעם צדיק, אַז פאַר דעם מענטשן איז דאָס בעסטע „עסן און טרינקען און לאָזן דער נשמה הנאה האָבן פון גוטס אין דער גאַנצער עלנט פון לעבן", וואָרעם אויך דאָס איז אין די הענט פון גאָט, וואָס זיינע הייליקע געזעצן קאָן דאָך דער מענטש ניט צעשטערן.

ווען עס וואָלטן קיינע אַנדערע באַווייזן ניט געווען בנוגע דער צייט, אין וועלכער דאָסדאָזיקע ווערק איז געשאַפן געוואָרן, וואָלטן שוין געקלעקט, דאָס בוך פאַר אַ פּראָדוקט פון אַ שפּעטערדיקער צייט צו פאַררעכענען, די באַשטימט אַרויסגעזאָגטע אין דעם צווייטן קאַפּיטל געדאַנקען וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דער נאַטור, וועגן דער פעס־טער אָרדענונג און דעם גאַנג פון דער וועלט, וועלכע שליסן שוין לכתחילה אויס די מעגלעכקייט פון וועלכע עס איז וואונדער, אין קעגנ־זאַץ צו די הערשנדיקע אין אַלע פריערדיקע פּראָזאַאישע און פּאָעטישע ווערק טעאָלאָגישע אָנשויאונגען.

נאָר דווקא דידאָזיקע אומענדערלעכע וועלטאָרדענונג פאַרשאַפט טיפן צער קהלתן („דעם פּריידיקער"), וועלכער זעט דעם נצחון פון שלעכטס און דאָס פאַרלאָרן גיין פון גוטס, וועלכער קאָן ניט געפינען קיין פאַר־

צוג פון דעם מענטשן לגבי די חיות. די פינסטערע זייטן פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן פאַרשטאַרקן נאָך מער דעמדאָזיקן צער. עס קאָנען אים ניט אָפּשוואַכן אויך יענע פילע כּללים פון לעבנסחכמה, וועלכע קהלת נעמט אַרויס פון דעם רייכן דערפאַרונגס־אוצר פון אַ דערהויפּט רעפלעקטירנדיקער נאַטור, — דערפאַר, וואָס די איינציקע ווירקונג, וועלכע זיי זיינען פעאיק צו האָבן, דאָס איז מאַכן דאָס אומגליקלעכע לעבן עטוואָס דערטרעגלעך פאַר אונז. אַפילו „די פאַרניינונג פון דעם ווילן צו לעבן" איז ניט פרעמד אונזער קהלת. דאָך האָט ער נאָך אַ טרייסט פאַר די, וואָס לעבן אויף דער ערגסטער פון אַלע וועלטן; אָבער דידאָזיקע טרייסט קומט ניט אַלס רעזולטאַט פון אַ געדאַנקען־פּראָצעס, נאָר זי רייסט זיך אַריין ווי אַ פרעמדער עלעמענט אין די פילאָסאָ־פישע באַטראַכטונגען. נאָך אַלע פינסטערע סענטענצן און קלאָגן פון וועלטפאַראַכטנדיקן פּעסימיזם, ווייזן אונז אויס דידאָזיקע שיינע שטילע ווערטער פון טרייסט — ווי טריוויאַל דידאָזיקע פאַרגלייכונג זאָל ניט אויסזעהן — כמעט ווי פאַלשע עטיקעטקעס אויף ווייַנפלעשלעך, וואָס זייער אינהאַלט איז אַ שאַרפע סתירה צו דער אויפשריפט אויף זיי. אָט זיינען זיי לערך:

אין דער מענטש, מען זאָל אים שענקען,
יאָרן אומציילבאַרע רייך,—
מיט אַלע וועט ער זיך פרייען,
אויך די טריבע טעג געדענקען,
בישט ווייניק האָט זיי דאָס מענטשן קינד,
און אַלץ וואָס קומט—פאַרשווינדט.
פריי דיך, יונגער, מיט דיין יוגנטשאַפט!
און געניס דיין יוגנט־קראַפט,
און לויט דיין אויג דיין לעבן לענק,
און אין וועג פון האַרץ געגאַנגען,
נאָר דער מעכטיקער, געדענק,
וועט רעכנשאַפט אויף אַלץ פאַרלאַנגען.
און לאָז ניט צו קיין בייז צום האַרץ,
און ווייט פון לייב די זאָרגן האַלט!
דען יוגנטשאַפט און לאָקן־שוואַרץ
פאַרשווינדן באַלד!
און דיין באַשעפער אין זכרון
האָב יונגערהייט!
איידער עס קומט די שלעכטע צייט,

אײדער עס דערגרײכן די יאָרן,
וואָס דו טוסט שוין ניט באַגערן!
אײדער די זון וועט פינסטער ווערן,
און דאָס ליכט, מאָנד און שטערן,
און צוריקקערן
די וואָלקן נאָכן רעגן[0].

נאָך אַ קורצער אָבער אָנשוילעכער שילדערונג פון דער פינסטע-דער צייט פון דעם לעבנסווינטער, קומט דער פּאָעטישער עפּילאָג:

און וואָס עס איז נאָר העכער שרעקט[1],
און לעכער פיל אויף יעדן שריט
און די מאַנדל[2]) אָפּגעבליט,
דער היישעריק[3]) — געבויגן מיד!
די קאַפּער=בעער[4]) — די העלפט שוין ניט,
עס גייט דער מענטש צום אײביקן הויז,
און עס קומען די קלאָגער אַרויס
אין מאַרק אַרום, זאַמלען זיך גרייט!
און אײדער זיך קניפּט די זילבערנע קייט[5]),
און אײדער די גאָלדענע קויל צעפּליט,
און עס פּלאַצט דער קרוג ביים קוואַל,
ס'ראָד אין ברונען אַריינגעפאַלן!
און דער שטויב ווערט צוריקגעקערט
וואו ר'איז געוועזן — צו דער ערד!
און צוריק טוט שוועבן
דער גייסט פון גאָט, וואָס האָט'ם געגעבן![00]

און לסוף: „נישטיק פון נישטיקייטן — אייטל נישטיק!" דאָס בוך ענדיקט זיך מיט דידאַקטיק ווערטער, נאָך וועלכע עס קומען נאָך עטלעכע פּסוקים, לויט דער מיינונג פון די ביבלפאָרשער — נאָר אַן אזהרה פאַר די שפּעטערדיקע זאַמלער פון די הייליקע שריפטן, מען זאָל זיך היטן פאַר אַלערליי אַפּאָקריפישע ווערק.

[0]) פון י. ל. פּרצס קהלת-איבערז.

[00]) פון י. ל. פּרצס קהלת-איבערז. — דערביי ווערן פונם איבערזעצער געגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונגען: [1]) שוואַכע פיס. [2]) דאָס איי. [3]) דאָס מענער-גליד. [4]) מענער-קראַפט. [5]) די צעשטערונג פון מענטשן כאַרגליכן צו אַ צעשטערונג פון אַ ציסטערנע.
(א י ב ע ר ז.).

אויף „קהלת" קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז דאָס „שוואַנען־ליד" פון פאָלק ישראל, ווייל זיין אַנטשטייאונג געהערט בלי ספק צו דעם פעריאָד פון פרעמדער הערשאַפט, וועלכע האָט דאָס פאָלק ישראל גע־האַלטן אונטער אַן אייזערנער בייטש, אין אַ צייט פון יוירונג און פון רעליגיעזן סקעפּטיציזם, קאַמף און ספק, פּאַרטייען און קעגנזעצלעכע וועלטאַנשויאונגען, — צו דער צייט, וועלכע דערקלערט און מאַכט פאַר אונז פאַרשטענדלעך דעם טרויעריקן אויסגעשריי: „אויף אַלץ אַ צייט, און ס'איז פאַראַן אַ צייט פאַר יעדער זאַך אונטערן הימל". אָבער, — זאָגט קהלת, — „נישטיק פון נישטיקייטן — אייטל נישטיקייט!"

* *

*

אַזוי אַרום פאַרענדיקט מיט זיך דאָס בוך קהלת דעם ציקל פון דער ביבלישער פּאָעזיע אין איר נאַטירלעכער אַנטוויקלונג — פון פאָלקסליד ביז רעפלעקטירנדיקער דידאַקטיק, דורך דער קינסטלערישער שאַפונג. נאָר ווי יעדעס ליד, וואָס איידער עס שטאַרבט אָפּ, לאָזט עס נאָך אַ ביסל צייט ציטערן אין דער לופטן אַן אָפּקלאַנג, אַריינדרינגענ־דיק אין דעם אויער פון דעם צוהערער, — אַזוי האָט אויך דידאַזיקע אַלט־העברעאישע פּאָעזיע, אַנטשפּרעכנדיק אירע פּאָעטישע גרונטשטי־מונגען, זיך געפונען אַ נאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג אין „איכה", וואָס די מסורה רעכנט, אַז איר פאַרפאַסער איז ירמיהו הנביא.

די מאַכט און די גרויסקייט פון דער מלוכה זיינען געפאַלן, ס'זיי־נען חרוב געוואָרן די זיילן פונם טעמפּל, צעטראָטן געוואָרן די בלי־אונג פונם פאָלק, וואָס עס איז פאַרבליבן פון זיינע איידעלע און גאָטס־פאָרכטיקע זין — שמאַכט אין קנעכטשאַפט־קייטן, און אויף די חורבות פון דער אַלטער גאָטס־שטאָט ירושלים זיצט דער גראָער נביא און זאָגט דידאָזיקע קינות, וועלכע קלינגען נאָך עד היום אין די שולן פון זיין פאָלק אַלס אָנדענקען וועגן דעם חורבן פון בית־המקדש.

אַ פּאָעטיש בילד — און אפילו די קריטיק שטעלט אַרויס קעגן איר נישט קיין פיל וויכטיקע טענות, וועלכע באַציען זיך מער צו דער פאָרם, איידער צו דעם אינהאַלט, און וועלכע פאַררעכענען די פינף עלעגיעס, פון וועלכע עס באַשטייט דידאָזיקע זאַמלונג, צו פאַרשיידענע צייטן און צו פאַרשיידענע אַוטאָרן, הגם אין דער גריכישער איבער־זעצונג פון דער ביבל קומט פאַר זיי פאָלגנדיקע באַמערקונג: „און נאָך דעם גלות פון ישראל און דעם חורבן פון ירושלים איז געשען, אַז

ירמיהו איז געזעסן וויינענדיק און האָט געזונגען פאָלגנדיקע קינות וועגן ישראל און ער האָט געזאָגט". נאָך דידאַזיקע ווערטער קומט די ערשטע פון די פינף עלעגיעס, וועלכע הייבט זיך אָן מיט דער קינה:

װי זיצט זי איינזאַם די שטאָט, מיט דער צאָלרייכער באַפעלקערונג!
זי איז געוואָרן ווי אַן אַלמנה, די פּרעכטיקע אונטער פעלקער,
די פירשטין איבער לענדער איז געוואָרן צו צינזנצאָלערין!

דער אינהאַלט פון אַלע פינף עלעגיעס איז דער קלאָג אויף ציון, אויף ישראל — אַ מוסטער פון גאָר דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע פון די שפּעטערדיקע צייטן, וועלכע באַשטייט פון די אָפּקלאַנגען פון דידאָזיקע לידער, — די שילדערונג פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן גאָטס פאָלק, און די הייסע געבעט וועגן דערלייזונג פון ליידן און חרפּה. באַזונדער האַרצרייסנדיק ווירקט דערדאָזיקער קלאָג אין די לעצטע פּסוקים פון דער פינפטער עלעגיע, וועלכע איז ניט געצוימט, ווי די פיר פריערדיקע, מיט קייטן פון דעם אַלף-בית (אין אַקראָסטיך), — אַ פאָרמע, וועלכע ווערט אין דער יידישער פּאָעזיע דאָ באַנוצט צום ערשטן מאָל[1], אָבער זי האָט די פאַרבינדונג פון אַ כמעט אויסגעבילדעטן ריטם ניט צעשטערט:

אונזערע פאָטערס האָבן געזינדיקט
און ניטאָ זיי,
און מיר האָבן פאַר זייערע זינד געליטן.
קנעכט האָבן אונז באַהערשט,
ניטאָ, ווער ס'זאָל באַפרייען פון זייערע הענט.
מיט סכנות נפשות קריגן מיר אונזער ברויט,
פאַר דעם שווערד פון דעם מדבר-רויבער,
אונזער הויט איז פאַרברענט ווי אַן אויוון,
פון דעם ברענענדיקן הונגער.
פרויען האָט מען אין ציון געפּייניקט,
יונגפרויען — אין די שטעט פון יהודה.
פירשטן זיינען דורך זייערע הענט אויפגעהאַנגען,
אַלטע לייט האָט מען ניט געשוינט.
בחורים האָט מען געשלעפּט צו די מילשטיינער,

---

[1]) די אַלף-בית-פאָרם באַגעגנט זיך פיל מאָל אין „תהלים": כ"ה, ל"ד און אין פיל אַנד. אין „משלי" — די אָדע „אשת חיל". (איבערז.)

און יונגע לייט זיינען געפֿאַלן אונטערן האָלץ.
זקנים האָבן אויפֿגעהערט זייער. זיצן בײַ דער טויער,
בחורים — זייער געזאַנג.
עס איז פֿאַרשטערט די פֿרייד פֿון אונזער האַרצן,
פֿאַרוואַנדלט אין טרויער אונזער טאַנץ.
אַראָפּגעפֿאַלן די קרוין פֿון אונזער קאָפּ,
וויי צו אונז, מיר האָבן געזינדיקט.
דערויף טוט וויי אונזער האַרץ,
דערויף איז פֿינסטער אונזער אויג,
וואָס דער באַרג ציון איז וויסט געוואָרן,
פֿוקסן וואַנדלען איבער אים.
דו גאָט, בּיסט אייבּיק,
דיין טראָן איז פֿון דור צו דור.
פֿאַרוואָס האָסטו אונז גאָר פֿאַרגעסן,
פֿאַרלאָזן אויף לאַנגע יאָרן?
קער אונז, גאָט, אום צו דיר,
וועלן מיר זיך אומקערן,
באַניי אונזערע טעג, ווי פֿריער,
צי דען זיינען מיר דיר מיאוס געוואָרן,
בּיסט אויף אונז צאָרניק אָן א שיעור?

אַזוי אַרום גייט אין דער „קינה" די פּאָעזיע מיטן פֿאָלק ישראל אין גלות און בּלייבּט אים געטריי אין אַלע זיינע צרות. זי איז געשטאַנען בײַ זיין וויגבּעטל און האָט אים געזונגען די ערשטע פֿאָלקס־לידער. אין די צייטן פֿון זיין יוגנט האָט זי געזונגען זיינע העלדישע גבורות און זיין פֿרילינג־ליבּע; די רייפֿע צייט פֿון זיין נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג האָט זי באַפּוצט מיט משלים און מיט הימנען, מיט מזמורים פֿון תהילים און מיט דידאַקטישע געדיכטן, און ווען עס איז אָנגעשטאַנען די צייט, ווען וועלכער מ׳זאָגט „איך דאַרף זי ניט", ווען עס איז געקומען די עלטער פֿון פֿאָלק ישראל מיט אַלע אירע ליידן און טרויערן, דעמאָלט האָט זי אים אויסגעזונגען נאַציאָנאַלע עלעגיעס און קינות צו טרייסטן אים און אויפֿצוהייבּן די געבּראָכענע פֿאָלקס־קראַפֿט.

די פּאָעזיע — דאָס איז דאָס האַרץ פֿון דער בּיבּל, און זי אַליין ווייזט אונז אויס, ווי אַ גרויסע עפּאָפּעע, ווען מיר באַטראַכטן דעם ברייטן געבּיט פֿון אירע פּאָעטישע שאַפֿונגען און מיר קוקן זיך צו־

ווי פון די ערשטע פּאָעטישע נאַטור-קלאַנגען גרייכט זי ביז נאַציאָ-נאַלן באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער קראַפט און דערגרייכט לסוף צו דער אידעאַלער הייך פון מענטשלעך-פרייען שטאַנדפונקט, פון וועלכן אויס די ביבלישע פּאָעזיע פון פאָלק ישראל דערגייט צו דער פּאָעזיע פון דער מענטשהייט.

III. די נביאישע ליטעראַטור

ניט בלויז לויטן אינהאַלט, נאָר אויך לויט דער פאָרם איז די יידישע פאָעזיע אינגאַנצן אַ קעגנזאַץ צו דער פאָעזיע פון אַלע איבעריקע פעלקער פון דער אַלטער צייט, לפּחות, אין פאַרגלייך מיט זיי צייכנט זי זיך שאַרף אויס מיט בולטער אייגנאַרטיקייט. אַזוי איז איינער פון אירע מערקווערדיקסטע עלעמענטן יענע רייכע נביאישע פאָעזיע, צו וועלכער עס איז אין יענער צייט קוים אַ גלייכן פאַראַן, און מיט וועלכער די פילמאָל געבראַכטע עגיפּטישע פאָעזיע קאָן ווייניקער פאַר אַלץ פאַרגליכן ווערן, און וואָס זי פאַרבייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור די דראַמע און דעם עפּאָס. פון זייביידן, גלייך ווי פון דער ליריק, איז אין איר עטוואָס געקומען צום פּלאַסטישן אויסדרוק. אָבער פּאָזיטיוו פאַררעכענען דידאַקטישע נביאישע ליטעראַטור צו דעם אָדער יענעם מין פאָעזיע קאָן מען ניט. אויב ערטערווייז דאַכט זיך, אַז זי גיט זיך אונטער די ניט באַלעסטנדיקע קייטן פון דעם העברעאישן געדאַנקען־ריטם, איז אין אַ רגע אַרום וואַרפט זי שוין פון זיך אַראָפּ אויך אָט די לייכטע קייטן און פלייצט פריי און אומגעשטערט מיט מאַיעסטעטישער קראַפט. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ד. ה. מילער געמאַכט די פּראָבע אָנצווייזן אויך אין די נביאישע ביכער אַ בוי פון סטראָפן און פון רעספּאָנסן. אין דער רעספּאָנס קאָררעספּאָנדירן סטראָפע און אַנטיסטראָפע אין דעם מעטר, אין דער גלידערונג, אין די איינשניטן פון די זאַצן, אָפט אויך צווישן די געדאַנקען, און דידאַקטישע האַרמאָניע לאָזט זיך אָפט דערקענען דורך גלייכע אָדער ענלעכע קלינגענדיקע ווערטער. אַזאַ ערשיינונג געפינט מען אויך אין דער קייל־שריפט־ליטעראַטור און אין קאָראַן. דעריבער מיינט מען, אַז זי באַווייזט די פּאָעטישע און רעטאָרישע פאָרמען, וועלכע זיינען אַלע סעמיטן אייגנשאַפטלעך און דעקט אָפּ דעם סוד פון דער אַלסעמיטעשער פאָעזיע.

אַפילו דער טויש־געדאַנק פון די כאָרן אין דער גריכישער טראַגעדיע זאָל אָנווייזן אויף דער זעלביקער קוועלע — דורך פעניצישער פאַרמיט־לונג — און באַשטעטיקן די היפּאָטעזע, אַז די עלטסטע פאָרם פון דער נבואה קאָן מען דענקען אַלס כאָר מיט סטראָפע און אַנטיסטראָפע.

ניט קיין וואָרזאָגער, ניט קיין מכשף, וואָס זאָגט פאָראויס, וואָס עס וועט שפּעטער זיין, ניט קיין טרעפער־פאַנטאַסט איז געווען דער העברעאישער נביא; דאָס איז געווען אַ רעדנער (נביא — דאָס איז דאָסזעלביקע, וואָס דאָס גריכישע προφήτης, אַן אָנזאָגער, אַן אויס־טייטשער פון גאָטס ווילן), וועלכער איז באַרופן צו פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט דעם געטלעכן אמת, אויסרופן גאָטס וואָרט פאַר דער פרו־מער עדה. אויך די גריכן און די רוימער האָבן געהאַט באַגייסטערטע זעער. דאָס איינציקאַרטיקע פון די העברעאישע נביאים איז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער לכתחילהדיקער צונויפמישונג מיט דער מאַגי־טיק און געשטעלט זיך אויסשליסלעך אין דער דינסט ביי דער רעלי־גיע, — ריכטיקער — וואָס די אמתע נביאים פון גאָט זיינען בלויז צו אַזאַ דינסט באַרופן און אויסגעריכט געוואָרן פון זייער גאָט.

די אויפגאַבע פון די נביאים איז געווען אַ צווייאיקע און אַ שווערע. אין דער צייט פון רעליגיעזער ירידה, ווען די קרבנות און די כהונה זיינען געווען דער עיקרשטער מהות פון דער רעליגיעזער פּראַק־טיק, סיי ביי די געצנדינער, סיי ביי די העברעער, — איז זייער זאַך געווען אָפּצוהיטן די ריין־גייסטיקע אינסטיטוציעס פון מאָזאַאיזם, און פון דער צווייטער זייט — פירן די טעאָקראַטיע פונם פאָלק ישראל צו איר גרויסן ציל. דעריבער זיינען עונש, כפרה און תשובה די עיקרשטע מאָמענטן פון דער נביאות ביי ישראל.

די נביאים זיינען געווען פון איין זייט באַגייסטערטע פאָלקסרעד־נער און פאָלקספירער און אויך דער הויכקלינגענדיקער געוויסן פון העברעאישן פאָלקסגייסט, מענטשן, וועלכע האָבן געקוקט אויף די פאַר־העלטענישן פון זייער צייט מיט שכל און פאַרשטאַנד, אַ מין „געטלעכע דעמאַגאָגן". פון דער צווייטער זייט זיינען עס געווען דערהויבענע זעער און גאָטס מענטשן, וועלכע זיינען אין אַ צייט פון אַנטאַרטונג געווען באַרופן צו פאַרטיידיקן די אידעע פון גייסט און פון מאָראַלישער פרייהייט אַלס געטלעכן אמת. שוין אויפן שוועל פון דער געשיכטע פון פאָלק ישראל שטייט דער גרעסטער פון דידאָזיקע נביאים, משה, דער פּראָטאָ־טיפּ און דער מוסטער פון אַלע צוקינפטיקע נביאים, אויף וועלכן עס רוט גאָטס גייסט, וועלכער באַווייזט זיך צו אים, אַ שרעקעדיקן און אַן אומאַנטשלאָסענעם, אין דעם סְנֶה, וואָס ווערט ניט פאַרברענט, כּדי

אים צו מוטיקן פאר זיין שליחות. און ביזן סוף פון זיין לעבן בלייבט משה געטריי דערדאָזיקער שליחות: צו לערנען גאָטס קראַפט און גרויס־קייט און דער עיקר זיין איינהייט און די אויפגאַבע פון ישראל. אין זיין לעבן און לערע איז שוין פון פאָראויס באַשטימט די דעמאָקראַטישע גרונט־אידעע פון דער נביאות. עס דאַרף נישט זיין קיין באַזונדערע קאַסטע, קיין שום פריווילעגירטער שטאַנד. משהס הייסער שטרעבן באַשטייט אין דעם, אַז גאָר דאָס פאָלק פון גאָט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין נביאים. און דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי פיין און באַשיידן אויסגעפירט זיין שליחות, האָבן די שריפטן פאַר אים געבראַכט אַ לויב אין פאָלגנדיקע פילבאַדייטנדיקע ווערטער: „און פון יענער צייט אָן איז ניט אויפגעשטאַנען ביי ישראל אַזאַ נביא ווי משה, וועלכער זאָל האָבן געזען גאָט פנים אל פנים", ד. ה. וועלכער זאָל האָבן פאַרדינט די העכסטע אַנטפּלעקונג.

די אייגנטלעכע באַדייטונג אירע באַקומט די נביאות ערשט אין דער עפּאָכע פון די מלכים, ווען די נביאים פון טאַט, צום אונטערשייד פון די נביאים פון וואָרט, האָבן פריער פאַר אַלץ ניט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע מיסיע געהאַט צו ערפילן. די אויפבליאונג פון זייער ווירקן הייבט זיך אָן אומגעפער אין דעם ניינטן יאָרהונדערט, פאַרכאַפּט די צייט פון גלות בבל און דויערט ביז דער צייט פון בית שני, וואָס טי־פער די רעליגיעזע ירידה, וואָס שטאַרקער דאָס אומגליק פון פאָלק, אַלץ געהויבענער און גרעסער איז דער נביא, וועלכער וואַרפט די מלכים און די פירשטן אין פנים די סאַמע ביטערע אמתן, וועלכער רופט זיי אָן „בוגדים און גנבים", וואָס אין זייערע פּאַלאַצן „ליגט דער רויב פון אָרעמעלייט", און וועלכע „צעטרעטן מיין פאָלק", וועלכער זאָגט צו די כוהנים פון בית־המקדש: „איר פאַרמיאוסט מיין נאָמען, די כוהנים זיינען אויך אַזוי זינדיק ווי דאָס פאָלק" — לסוף, מיט וואָונ־דערלעכער מוטיקייט און פרייהייט איז ער מזהיר און וואָרנט און לערנט זיין פאָלק, האַלט עס איין און שטראָפט עס.

און ווען זיי דערנעענטערן זיך צעבראָכענע צום בית־המקדש מיט זייערע קרבנות, שטייט דער נביא אויף זיין פּאָסטן און רופט צו זיי: „צי דען פאַרלאַנגט גאָט די טויזנטער יונגע ציגעלעך, צענטויזנטער שטראָמען אייל?" „צו וואָס טויג מיר די פולע קרבנות אייערע? איך בין איבערזעטיקט מיט דעם פייעראָפּפער פון ציגעלעך, מיט דעם פעטס פון געשטאָפּטע חיות און פאַרלאַנג ניט דאָס בלוט פון לעמער און פון בעק". „דו ווילסט מיר ברענגען אַ קרבן? צי דען בין איך הונגעריק? און אויב איך בין אַפילו הונגעריק, דאַרף איך דיר דען דערציילן וועגן דעם?

צי דען ניט מיר געהערן אַלע חיות אויף טויזנטער בערג!" „ווען איך האָב אייערע עלטערן אַרויסגעפירט פון מצרים, האָב איך צו זיי ניט גערעדט און ניט באַפוילן וועגן עולות און שלמים".

אָבער אַנשטאָט דעמדאָזיקן קולט פון קרבנות און אַנשטאָט דעם־דאָזיקן ריטואַל פאָדערט דער נביא אין גאָטס נאָמען עפּעס אַנדערש, און רופט הויך אויס דידאָזיקע פאָדערונג צו זיין פאַרוואונדערטן דור, צו די קיניגין און די הערשער, צו די נביאים, כּוהנים און פעלקער: „היט גערעכטיקייט, האָט ליב ענווה און צדקה, און גייט באַשיידן אין גאָטס וועג און מיט גאָט". דאָס איז דער מאַניפעסט פון די נביאים, וועלכער קלינגט שטענדיק דורך אַלע זייַנע רעדעס און וואַריאַציעס אָן אַ צאָל.

און ווען ישראל איז אַדאַנק דעם אַלעמען ענדלעך געקומען צו דער זיטלעכער גאָט־פאַרערונג, הייבן די נביאישע רייד אָן צו קלינגען אין אַ ברייטערן קרייז, ווייל די נבואה דאַרף אויך אַנדערע פעלקער, אפילו די גאַנצע מענטשהייט ברענגען צו איין אַלגעמיינעם ציל, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז „גאָט זאָל זיין קיניג איבער דער גאַנצער ערד", אַז „אין יענעם טאָג זאָל ער זיין איינער און זיין נאָמען איינער", אַז „אַלע פעלקער זאָלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקער־אייזנס, און זייערע שפּיזן אין שניידמעסער, און איין פאָלק זאָל ניט אויפהייבן קיין שווערד אויף דעם צווייטן", „אַז זיי זאָלן ניט טאָן קיין שלעכטס, און זאָלן נישט ווּיסט מאַכן אויף מיין הייליקן באַרג, וואָרעם עס וועט פול ווערן גאָר די ערד מיט גאָט־קענען, ווי דאָס וואַסער דעקט פול דעם ים".

אין דעמדאָזיקן פייערלעך־פריידיקן אַקאָרד פון דער מענטשהייטס צוקונפט געפינט אפילו אַן ענדגילטיקן אויסדרוק די גאַנצע יידישע נביאות. מיט מוטיקער ענערגיע מאָלט דעם הייליקן שלום צווישן פעלקער ישעיהו, מיט גליענדיקער פאַנטאַזיע — יחזקאל, מיט צאַרטער אינטימקייט — ירמיהו, מיט רעליגיעזער וואַרעמקייט — חבקוק און אַנדערע נביאים, וועלכע זייַנען פול מיט איינעם און דעמזעלביקן גייסט, און דורך דעם יאָגן זיי אַריבער ניט בלויז זייער צייט, נאָר אַ פולע יאָרהונדערטן.

וואָס אַזעלכע נביאים זייַנען גערודפט געוואָרן מצד דעם אַנטאַר־טיקטן פאָלק, די עגאָיסטישע כּוהנים, די אַכזורישע הערשער — דערויף איז זיך ניטאָ וואָס צו וואונדערן. אָבער קיינע סכּנות, קיינע פיינדלעכע מעשים האָבן זיי ניט געקענט נויטן אָפּצוזאָגן זיך פון זייער גרויסער מיסיע, אַלס די וואַכער איבער דעם פאָלקס פרייהייט, די אָנזאָגער פון

גלויבן אין גאָט. „אין ירושלים האָט מען שטענדיק געטריבן און געטויט די נביאים!״ — קלאָגט זיך נאָך מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער דער עוואַנגעליסט, און דער נביא דערציילט אויך: „מיין רוקן האָב איך אונטערגעשטעלט די שלעגער; מיינע באַקן—פאַר די פליקער, מיין פּנים האָב איך ניט באַהאַלטן פאַר מורא און חרפה״. און ער האָט אין דעם פאַל גערעדט ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלע איבעריקע נביאים, וועלכע האָבן מיט פרייד אַריבערגעטראָגן ליידן און רדיפות, תפיסה און טויט, ניט פעלשנדיק אין דער זיטלעכער אידעע, וועלכע האָט דורכגעדרונגען זייער גאַנצן וועזן, און באַגייסטערט זיי: צו רימען די פאַרגאַנגענהייט, דערקענען די קעגנוואַרט און אין געהייבענע בילדער אָנצוזאָגן די צוקונפט.

די בליאונגסצייט פון דער העבּרעאישער נבואה, וועלכע ציט זיך זינט דעם אָנהייב קאַמף צווישן ישראל און יהודה ביז דעם בנין בית־שני, האָט דריי פאַרשיידענע פּעריאָדן, וואָס זיינען שריפטלעכע דענקמע־לער זיינען פאַר אונז פאַרבליבן אין דער נביאישער ליטעראַטור. אַ פּנים, אַז פאַר דערדאָזיקער צייט האָבן די נביאים געהאַלטן זייערע רעדעס מונדלעך, און נאָכדעם ערשט פלעגן זיי זיי פאַרשרייבן, אָדער אפשר איז עס געטאָן געוואָרן דורך אַנדערע. צו דעם ערשטן פּעריאָד אַן ערך פון 900—700 י. פאַר קר. געב. געהערן יואל, עמוס, הושע ישעיה I און מיכה. אין דעמדאָזיקן סאַמע גלענצנדסטן פּעריאָד פון דער נביאישער ליטעראַטור געפינען מיר פריער פאַר אַלץ „דעם קלאָרסטן באַוואוסטזיין פון די מאָראַלישע חסרונות, גלייך ווי די אויפגאַבן און די צילן פון זיין קיום, וועלכע וואַרטן אויף לייזונג, די שטאַרקסטע שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פאַראייניקטקייט און זעלבשטענדיקייט, אין וואונדערבאַרן לעבנסמוט, אומצוברעכלעכן גלויבן אין דעם, אַז ישראל וועט ניט פאַר־ניכטעט ווערן, אַז פריער צי שפּעטער דערוואַרט אים דערלייזונג״. אין דעם צווייטן קורצן פּעריאָד (אַן ערך פון 640—568 י. פאַר קר. געב., ווייל פאַר אַ משך פון אַ יאָר 60 זיינען ניטאָ קיין קוועלן), ווירקן די נביאים ירמיהו, צפניה, נחום, עובדיה, חבקוק און יחזקאל. דער כאַראַקטער פון דער נביאות פאַר דעם פּעריאָד איז דער עיקר אַ נאַציאָנאַלער. מיט ברענענדיקע פאַרבן ווערט געמאָלט דער טרויער וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאַרלאָרן דאָס פאָטערלאַנד און דער בית־המקדש, און מיט פלאַ־מענדיקער ליידנשאַפט ווערט געבעטן וועגן צוריקקער אַהיים און דערלייזונג. טרויער און חרטה פילן אָן מיט זיך דידאָזיקע צייט פון דעם דריטן פּעריאָד, צו וועלכן עס געהערט ישעיה II, חגי, זכריה און מלאכי, און וועלכער ציט זיך ביז 430 י. פאַר קר. געב., פאַרענדיקט

מיט זיך די צייט פון נביאות, וועלכע הייבט זיך איצט נאָך אַמאָל אויף ביז איר פולער גייסטיקער הייך, כדי נאָכדעם לגמרי צו פאַרשווינדן און אָפּצורוימען דעם פּלאַץ פאַר נייע פאָרמען פון רעליגיעזן באַוואוסטזיין, וועלכער פאַרבייט די נביאים אויף חכמים.

* *

*

דער עלטסטער נביא יואל בן פתואל האָט זיך באַוויזן אין דער צייט, ווען מענגעס היישעריקן האָבן שרעקלעך וויסט געמאַכט דאָס לאַנד און שטאַרק באַאומרואיקט דאָס פאָלק. זיינע פאָראויסזעאונגען פאַרנעמען איינגאַנצען די פיר קאַפּיטלען פון זיין קליינינקער שריפט, אָבער זיי האָבן אַ באַזונדער ווערט און אַ באַזונדער אינטערעס, אַדאַנק דער האַרמאָנישער פאַראייניקונג פון נביאישער קראַפט מיט פאָעטישער שיינקייט, ווי דער אָנגעהעריקייט צו דעם טיפען אַלטערטום. דעריבער קאָן מען מיט רעכט יואלן אָנרופן דער נביא פון נביאים.

יואלס בוך צייכנט זיך אויס מיט איינהייטלעכקייט פונם כאַראַק־טער און הייבט זיך אָן מיט אַ רוף צו חרטה און אויסבעסערונג אין אַ שווערער צייט, וועלכע האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון אומ־גערעכטע צרות, וואָס דאָס פאָלק האָט געליטן פון מצרים, אדום און פלשתים, אין אַ צייט, וואָס איר ווייטאָג און אירע צרות זיינען דאָ פאָעטיש געשילדערט, עס ענדיקט זיך מיט דער האָפענונג אויף די טעג, ווען גאָט וועט ווידער שלום מאַכן מיט זיין פאָלק. אַ גרויסאַרטיקן מוס־טער פון נביאישער ליטעראַטור שטעלט פאָר די זעאונג פון דעם צווייטן קאַפּיטל פון ספר יואל.

בלאָזט מיט אַ שופר אין ציון,
און שאַלט אומרו אויף מיין הייליקן באַרג!
זאָלן פאַרציטערט ווערן אַלע איינוואוינער פון דער ערד,
ווייל עס קומט אָן גאָטס טאָג,
ווייל ער איז נאָענט.
אַ טאָג פון חושך ואפלה,
אַ טאָג פון וואָלקן און פון נעפּלען;
ווי דער פרימאָרגן־אויפגאַנג איז פאַרשפּרייט איבער די בערג
קומט אַ פאָלק אַ צאָלרייכס און אַ שטאַרקס,

אזא ווי דאָס איז ניט געווען פון אייביק אָן,
און נאָכדעם וועט ניט זיין ביז אייביקע דורות.
אים פאָראויס פרעסט אַ פייער,
און הינטער אים פלאַקערט אַ פלאַם,
אים פאָראויס איז די ערד ווי אַ גן־עדן,
און הינטער אים—אַ פוסטע וויסטעניש,
און קיין אַנטרינונג בלייבט פון אים ניט,
ווי דאָס אויסזען פון פערד איז זיין אויסזען
און ווי רייטער אַזוי לויפן זיי.
זיי שפרינגען איבער די שפּיצן בערג ווי מיט דעם געראויש פון רייטוועגן,
ווי מיט דעם קנאַק פון פייערדיקן פלאַם,
ווי אַ שטאַרק פאָלק, וואָס איז אויסגעשטעלט צום שלאַכט.
פאַר זיין אָנזיכט ציטערן פעלקער,
יעדער פנים ווערט פארפינסטערט.
ווי גיבורים לויפן זיי,
ווי זעלנער מוטיקע הייבן זיי זיך אויף די ווענט,
יעדער גייט מיט זיינע וועגן,
און זיי קערן זיך ניט אָפּ פון זייערע שטעגן.
און איינער דעם צווייטן שטופּן זיי ניט,
יעדער גייט מיט זיין וועג,
זיי פאַלן אויפן שווערד און ווערן ניט צעשניטן.
זיי רוישן איבערן שטאָט,
לויפן אויף די מויערן,
הייבן זיך אויף די הייזער,
קומען אריין דורך די פענסטער, ווי אַ גנב.
אים פאָראויס ציטערט די ערד,
טרייסלט זיך דער הימל,
די זון און די לבנה ווערן פינסטער,
און די שטערן באַהאַלטן זייער שיין.
און גאָט לאָזט זיין שטימע פאַר זיין חייל,
ווייל זייער צאָלרייך איז זיין מחנה,
ווייל מעכטיק איז דער אויספירער פון זיין ווילן,
ווייל גרויס איז גאָטס טאָג
און שרעקלעך זייער—
און ווער קאָן אים אויסהאַלטן?

אָבער אַפילו דערביי נעמט נאָך דער נביא ביים פאָלק ניט אָפּ די האָפּענונג און די טרייסט. און נאָך דער שרעקלעכער זעאונג קומט דער רוף צו חרטה אין אַ טרייסט־רעדע, וועלכע שילדערט אין באַזוּ־ניקטע געשטאַלטן און פאַרגלייכונגען דאָס גליק און דעם וואוילשטאַנד פונם פאָלק, און וועלכע ענדיקט זיך מיט דער הבטחה, אַז נאָך די צרות, וועלכע עס ברענגען אויף ישראל די נאַטור און די שונאים, וועט פאַר אים אָנקומען אַ צייט פון פרידן און פון גליק, אויב ער וועט תשובה טאָן, און וועט זיך ווידער ווענדן צו גאָט.

פּונקט אַזאַ קינסטלערישע פאַרטיילונג פון די באַשטאַנדטיילן פון דער רעדע, ווי דידאַזיקע עלטסטע נבואה, וואָס איז אָנגעשריבן אַרום 870 י., טרעפט מען אויך אין די ווייטערדיקע נביאים. צוערשט ווערט געוויינלעך אַרויסגעשטעלט די סיבה, צוליב וועלכער דער נביא ווענדט זיך צום פאָלק, אָדער עס ווערט געשילדערט גאָטס רופן צום נביא, וואָס דאַרף אים דינען אַלס לעגיטימאַציע אין די אויגן פון זיין דור. דערנאָך קומט די תשובה־פריידיקט, וועלכע האָט אין זיך, געוויינלעך, די שילדערונג פון גאָטס עונש, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געקענט בלייבן אָן ווירקונג אויף דעם צעבראָכענעם פאָלק. אָבער קיין נביא ענדיקט דערמיט ניט זיין ווערק, ביי יעדן קומט נאָך דעם מוסר אַ רוף צו מאָראַלישער רייניקונג און צו דערהויבונג פון גייסט, און כּמעט אַלעמאָל ענדיקט זיך די נבואה מיט אַ געהויבענער זעאונג, אין וועל־כער עס ווערט מיט זיכערקייט פאַרקינדיקט דאָס גליק פון ישראל און דער פרידן פון פעלקער.

* *

*

נאָר גאַנץ אומאָפּהענגיקע מענטשן, פאַר וועלכע די איינציקע און אויסשליסלעכע לעבנספראַגע איז די פרייהייט פון זייער שטאַם און די רייכקייט פון זייער גלויבן, האָבן זיך געקענט אַזוי דרייסט באַגיין מיט קיניגן, כּוהנים און מיט פעלקער. זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי קעמפן פאַר אַ גערעכטיקער און הייליקער זאַך, און דעריבער האָבן זיי זיך ניט געשראָקן מכריז צו זיין די ווער־טער, וואָס גאָט האָט זיי איבערגעגעבן סיי פאַר דעם קיניגלעכן געצי־דינער, סיי פאַר די ווילדע צערייצטע פאָלקסמאַסן. דערדאָזיקער לחלוטין דעמאָקראַטישער גרונט־שטריך פון דער ישראלשער נבואה, וועלכע איז אין דערדאָזיקער ריכטונג כּמעט אַן אומפאַרגלייכלעכע אין דער געשיכ־

טע, איז ביי קיינעם ניט אַרויסגעטראָטן שאַרפער און כאַראַקטעריסטי־שער, איידער ביי דעם נביא וואָס נאָך יואלן, ביי דעם פּאַסטעך פון תּקוע, עָ מ ו ס, וועלכער האָט אַרום דעם 800 יאָר געהאַלטן זיין שטראָפרעדע איבער דעם לעבן פון ישראל און פון אַנדערע פעלקער. „איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא, — אַזוי רעקאָ־מענדירט ער זיך פאַר דעם כּוהן אַמַציה, — נאָר אַ פּאַסטעך, וועלכער קלייבט שִׁקְמִים. אָבער גאָט האָט מיר גענומען פון די שאָף, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: „גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל!‟ ער, וואָס האָט פריער געפיטערט די שאָף אויף די פּוסטע פּיטערערטער, וועלכע רינגלען אַרום תּקוע, און וועלכער האָט אַרום זיי געקליבן איילבירטן און פייגן, זאָגט איצט אָן צו פעלקער, און פריער פאַר אַלץ צו זיין אייגן פאָלק ישראל, וועגן גאָטס שטראָף־געריכט. סיריער, פּלשתּים און צוֹרים, אדומים, עמונים און מואבים גייען דורך נאָך דער ריי אין זיי־נע רעדעס, אַלץ ענגער און ענגער ווערט דער קרייז און ער שליסט זיך לסוף מיט ישראלן:

אָט וועל איך אייך צודריקן,
ווי עס דריקט צו דער וואָגן, אַ פולער מיט גאַרבן.
און דער שנעלפיסיקער וועט ניט האָבן קיין כּוח צו אַנטלויפן,
און דער שטאַרקער וועט ניט האָבן זיין קראַפט,
און דער גיבור וועט זיין לעבן ניט מציל זיין
און דער וואָס שיסט מיטן בויגן וועט ניט קענען בייַשטיין,
און דער שנעלפיסיקער וועט ניט אַנטרונען ווערן,
און דער וואָס רייט אויפן פערד וועט זיין לעבן ניט מציל זיין,
און דער מוטיקסטער פון גיבורים, וועט אַ נאַקעטער אַנטלויפן
אין יענעם טאָג, — זאָגט גאָט.

מיט אמתער שרעק האָבן די, וואָס צו זיי האָט זיך דידאָזיקע נבואה באַצויגן, געמוזט הערן דעם פּאַסטעך פון תּקוע, וואָס אין זיינע ווערטער „דונערט גאָט פון ציון און לאָזט הערן זיין שטים פון ירושלים‟, אַזוי אַז „עס וויינען די געצעלטן פון די פּאַסטעכער, און עס טריקנט דער שפּיץ פון כּרמל‟, און וועלכער שרייט אויס: „דריי מאָל און פיר מאָל ווייַ צו די זינד פון דמשק, עזה, צור און אדום, עמון און מואב, יהודה און ישראל!‟

אָבער אויך ער זאָגט אָן וועגן דעם טאָג פון גאָט, ווען דער איינגעפאַלענער געצעלט פון דוד וועט ווידער אויפגעשטעלט ווערן,

אַלע געפאַנגענע וועלן זיך צוריקקערן אַהיים, די פאַרוויסטע שטעט וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן.

און זיי וועלן שוין מער ניט זיין אַרויסגעשטויסן פון דעם לאַנד,
וואָס איך גיב זיי, זאָגט גאָט דיין גאָט!

❋ ❋

❋

געגליכן צו עמוסן איז הושע (אַרום 790 י.), וועלכער איז, הפנים, געווען תיכף נאָך אים, אויך אַ פשוטער איינפאַכער מענטש, „דער זון פון בְּאֵרִי", מסתמא אַ בירגער פון לאַנד אפרים, און מער גאָר נישט — ניט קיין כוהן, ניט קיין עשיר, ניט קיין זון פון אַ נביא. אָבער דווקא דערפאַר, וואָס ער איז אַרויס פון פאָלק, איז קיינעם דאָס פאָלק ניט נאָענט אַזוי באַקאַנט, ווי אים, און ער האָט עס ליב מער, ווי יעדער אַנדערער, און שטראָפט עס שטרענגער, ווי אַלע אַנדערע. הושע איז ניט קיין קינסטלערישער געני, גיכער אַ נאַטור-פּאָעט, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, וואָס זיין פרישע אומטיטלבאַרע קראַפט אַנטפּלעקט זיך אין בילדער און פאַרגלייכונגען, פולע מיט אמתן געפיל און מיט ריינער פּאָעזיע. הושע איז דערפאַר אַן אמתער פאָלקס-נביא. ישראל שטעלט זיך אים פאָר ווי די אומגעטרייע כלה פון גאָט, און דערדאָזיקער משל גייט אַדורך איבער גאָר זיין נביאישער זעאונג. היות ווי דאָ איז די פאַרגלייכונג באַוויזן דאָס ערשטע מאָל אין דער נביאישער פּאָעזיע, האָט עס געבראַכט צו אַ פּאַראַלעל מיט שיר השירים, — אַ פּאַראַלעל, וואָס ווערט נאָך כאַראַקטעריסטישער דערפאַר, וואָס, אַ פנים,ביידע ווערק זיינען אַנטשטאַנען אין צפון-פּאַלעסטינע. „די ריין מענטשלעכע ליבע פון צוויי געשלעכטן, וואָס ביי איר אַלצבאַזיגנדיקער קראַפט האַלט זי אין דערזעלביקער צייט איין אין זיך די גרעסטע געטרייקייט און די ריינסטע מאָראַל, איז אין שיר השירים דערהייבן אויפן שענסטן און געהייבנסטן אופן. וואָס דערדאָזיקער „שיר" איז אויף דעם געביט פון וועלטלעכער פאָלקספּאָעזיע, דאָס איז הושע אויף דעם געביט פון דער ריין רעליגיעזער, דערביי בילדעט ביי אים די ליבע אויך דעם סאַמע איניקסטן, אַלץ באַוועגנדיקן און אַלץ באַלעבנדיקן דופק. אמת, ביידע ווערק זיינען אין פיל הינזיכטן גאַנץ קעגנזעצלעך איינס צום צווייטן, אָבער צווישן זיי איז פאַראַן אַ שייכות, און זיי באַצייכענען דעם אייביקן פּאַראַלעליזם צווישן הימל און ערד". און די אַלעגאָרישע

אויפפאַסונג, וועלכע איז שפּעטער אַריבער אויף שיר השירים, האָט זיך אַ פּנים געשטיצט אויף די שיינע ווערטער פון דעם נביא הושע:

און איך וועל מיך פאַרקנסן מיט דיר אויף אייביק
און איך וועל דיך פאַרקנסן מיט מיר דורך אמת און גערעכטיקייט
מיט צדקות און מיט רחמים,
און איך וועל דיך פאַרקנסן מיט מיר דורך גלויבן —
און דו וועסט דערקענען גאָט.

מיט באַזונדער פּראַכט צייכענען זיך אויס ביי הושען, ווי אין שיר השירים, יענע בילדער, וועלכע ער שעפּט פון דער אַרומיקער נאַטור, כדי צו באַפּוצן מיט אים די ליבע, דעם קנס־מאָל און די חופּה צווישן ישראל מיט גאָט. מילד און ליבלעך פאַרענדיקט זיך דידאָזיקע פּאָעטישע באַשרייבונג מיט די ווערטער:

איך וועל זיין ווי אַ טוי פאַר ישראלן;
ער וועט בליען ווי אַ ליליע,
טיף לאָזן די וואָרצלען, ווי דער לבנון.
אויסברייטערן זאָלן זיך זיינע צווייגן,
און זיין מיט זיין שיינקייט, ווי אַן איילבערטבוים,
און אַ ריח זאָל זיין פון אים, ווי פון לבנון.

* *

*

אין איין צייט כמעט מיט הושען, אָדער מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער, האָט געלעבט דער נביא מיכה, וועלכער האָט אויך מיט טרויעריקע קלאַנגען באַוויינט דעם פאָרשטייענדיקן אונטערגאַנג פון יהודה און ישראל. געגליכן צו זיינע פאָרגייער, האָט ער זיך ניט גע־שראָקן צו „זאָגן יעקבן וועגן זיין שולד, און ישראלן — זיינע פאַרברעכנס". געגליכן צו זיי, באַשולדיקט ער די כוהנים, אַז זיי זיינען פאַרקויפטע, די נביאים באַשולדיקט ער אין ליגן און פאַלשקייט, די שופטים און דאָס פאָלק — אין זוכן אייגננוצן און אין באַדריקן די אָרעמע.

דעריבער וועט צוליב אייך ציון צעאַקערט ווערן ווי אַ פעלד,
און ירושלים וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות
און דער באַרג פון בית־המקדש וועט זיין ווי אַ וואַלדהיגל.

און דעמדאָזיקן שרעקלעכן גורל, וואָס ווערט דאָ צום ערשטן

מאָל באַוויזן אין אַזאַ נאָענטקייט, קאָן מען ניט באַזייטיקן דורך רייכע קרבנות, וואָרעם, זאָגט דער נביא:

עס איז דיר געזאָגט געוואָרן, מענטש, וואָס עס איז גוט,
און וואָס גאָט פאָדערט פון דיר —
נאָר טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גוטס
און אין באַשיידנקייט גיין מיט דיין גאָט.

*   *

*

דעם זעלביקן גרונדגעדאַנק געפינען מיר אויך אין די דערהויבענע וויזיעס פון דעם גרעסטן און געניאַלסטן פון אַלע העברעאישע נביאים, אין די רעדעס פון ישעיהו, דעם זון פון אָמוץ, ביז צו דער העכסטער זיטלעכער מדרגה אַנטוויקלט, און געגעבן אין דער רייכסטער קינסטלערישער פּערפעקטקייט. דאָס בוך, וועלכן אונזער ביבל באַפּוצט מיט דעם נאָמען פונם דאָזיקן נביא, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין דעם יאָר, ווען ס'איז געשטאָרבן עוזיהו, ד. ה. אין 740־טן, האָט אָבער אין זיך אַ צוגאָב 26 קאַפּיטלען פון אַ שפּעטערדיקן אומבאַקאַנטן נביא, וועלכער האָט אפשר אויך געהייסן ישעיהו און געלעבט אַרום דעם סוף פון גלות בבל און האָט געהויבן דעם מוט פון פאָלק ישראל אין זיינע טיפע ליידן דורך דערדאָזיקער טרייסט־שריפט. אים האָט מען אָנגערופן ישעיה דער צווייטער, אָדער דער בבלישער, אונטערצושיידן אים פון אונזער נביא ישעיה דעם ערשטן, אָדער ירושלמישן. די קריטיק האָט אים מיט רעכט אַוועקגעשטעלט אין דער פאָדערשטער ריי, און ווען מען רעדט וועגן נביאים פון דער ביבל, שטייט פאַר אונז ישעיה'ס געשטאַלט אין דער ערשטער ליניע. ביי אים זיינען אין אמתער קלאַסישער האַרמאָנישקייט פאַראייניקט מילדקייט און ליבשאַפט, ווי ערנסט און שטרענגקייט, די הויכע זיטלעכע וועלטאָנשויאונג און די טיפע פרומקייט פון האַרצן. ער איז אַ נביא, וואָס אין זיין צייט און נאָך אים איז נאָך אַזאַ ניט געווען ביי ישראל, „מיט אַ געזיכטסקרייז, וואָס האָט צוויי וועלטטיילן אַרומגענומען, מיט דער מתנה פון פּאָליטישער דיווינאַציע, וועלכע האָט קיינמאָל קיין טעות ניט געהאַט, מיט אַ ענערגישן כאַראַקטער, פאַר וועלכן אפילו מלכים האָבן געציטערט, און מיט אַ פּאָפּולערן רעדנער־טאַלאַנט, וואָס האָט געווירקט אויף זיין פאָלק סיי אין גליק סיי אין אומגליק".

אויך פון דעם לעבן פון דעמדאָזיקן נביא איז דאָ ווייניק זיכערע

ידיעות. דריי קיניגין — יותם, אָחָז און חזקיהו האָט ער באַגלייט אין לעבן מיט זיינע שטראָף-רייד און מיט זיינע וואָרענונגען. שווערער פאַר אַלץ איז פאַר אים געוועזן די נביאישע מיסיע אין דער צייט פון אָחָז, וועלכער האָט זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט אַשור. אומזיסט האָט דער נביא געוואָרנט אָחָזן פאַר דעמדאָזיקן בונד, מחמת אַשור גופא איז נאָענט צום פאַלן. דאָס בילד, וואָס ישעיהס שטראָף-רייד פון דער צייט פון דעמדאָזיקן קיניג און דעם צושטאַנד פון פאָלק יהודה מאָלן אונז, איז שרעקלעך. אומעטום פעלשונג און פאַרראַט, געצנדינעריי און שלעכטע מידות, לוקסוס און אויסגעצערטלטקייט — בשעת דער פיינד איז שוין געשטאַנען פאַרן טויער! און דאָך דערקענט דער נביא דאָס אייביקע אין אַלעם ענדערלעכן, ער זעט מיט זיין פאָרפילנדיקן גייסט דעם אויפגאַנג פון אַ ווייטער גליקלעכער צוקונפט, וואו „דער בער מיט דער קו פיטערן זיך צוזאַמען, און די שעפּס לעבן דעם וואָלף דרעמלט, און דאָס זויגקינד שפּילט ביי דער נאָרע פון שלאַנג, וואו די מענטשן אַלע אין פריידן זיצן אונטערן וויינשטאָק און פייגנבוים און די ערד וועט פול זיין מיט קענען גאָט, ווי דער ים איז פול מיט וואַסער".

בעסער איז געוואָרן די לאַגע פון דעם נביא פאַר דעם פאָלגנדיקן פרומען קיניג יחזקיהו. די רעפאָרם פון דער רעליגיע, וועלכע איז פאַר דעמדאָזיקן קיניג אָנגעהויבן און דורכגעפירט, דאָס איז דערהויפּט די זאַך פון ישעיה, וועלכער שטייט אומדערמידלעך אויף זיין פּאָסטן און וואָרנט דאָס פאָלק יהודה פאַר דעם נאָענטן אומגליק און פאַר יעדן בונד מיט די אַרומיקע פעלקער. די הייליקע במות ווערן איינגעוואָרפן, די זיילן — צעבראָכן, די בילדער און שלאַנגען — חרוב, און דער געלייטערטער מאָנאָטעאיזם, וועלכן דער נביא לערנט, דער גאָט פון ליבע און חסד, ווערט דער גלויבן פון פאָלק.

אָבער דידאָזיקע נייס דויערט ניט לאַנג. גלייך ווענדט זיך דאָס פאָלק ווידער צו די געצן, און אויפסניי הייבט אָן צו קלינגען דאָס דונערוואָרט פונם נביא, וועלכער זאָגט אָן די מפּלה פון יהודה דורך בבל און די פאַרניכטונג פון בבל דורך מָדי. נאָך אין זיינע לעצטע רעדעס, וועלכע פאַלן געוויס צונויף מיט די לעצטע יאָרן פון קיניג יחזקיהו, רופט דער נביא דאָס לאַנד צו תשובה, און די פעלקער צו פרידן און צו קענען גאָט. די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע איינהייט פון פאָלק ישראל, דער אַלגעמיינער שלום צווישן פעלקער — דאָס זיינען זיינע הייסע אידעאַלן, דאָס זיינען די צילן, וועגן וועלכע ער רעדט אין זיינע נביאות. פון דידאָזיקע אידעאַלן איז אַנטשטאַנען די משיחישע אידעע, פון דאַנען האָבן זיי צוערשט אַרויסגעשפּראָצט

און פאַרבליט. וואָס טריבער עס ווערט די לאַגע, אַלץ העלער שטראַלט פאַר דעם נביא דאָס בילד פון דער פאַרשפּראָכענער צוקונפט, אַלץ העלער אַנטוויקלט זיך פון אים די דרייסטע אידעע פון משיח, וועלכער וועט קומען, אַלס שליח פון גאָט, און פאַראייניקן ישראל און די פעלקער אין די שפּעטערדיקע גליקלעכע טעג צו איין גרויסן אַלגעמיינעם מענטשנבונד.

עס ווערט אָנגעמערקט אַלס כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער העברעאישער פּאָעזיע, וואָס אין קעגנזאַץ צו די קלאַסישע פעלקער פון אַלטערטום שטעלט זי די גאָלדענע צייט צום סוף פון אַלע צייטן, און אויף אַזאַ אופן פּראָקלאַמירט זי דעם שטענדיקן פּראָגרעס, די פּערפעקציע פון דעם מענטשנמין און זיין ענדלעכע פולקומענהייט, בשעת די קלאַסישע פעלקער שילדערן מיט טרויעריקער רעזיגנאַציע די גאָלדענע צייט אַלס לאַנג פאַרגאַנגענע. ערגעץ טרעט דער דאָזיקער געהויבענער און טרייסטלעכער געדאַנק ניט אַרויס קלערער, איידער אין די רעדעס פון ישעיהו, וועלכע ענדיקן זיך מיט פלאַמענדיקע וויזיעס וועגן יענער גליקלעכער צייט פון אַלגעמיינער מענטשלעכער ברידערשאַפט.

כדי צו געבן אפילו אין גאָר קאַרגע שטריכן אַ בילד פון דעם דאָזיקן נביא און פון זיינע רעדעס, וועט נייטיק זיין צו געבן פון זיין בוך צוויי פראַגמענטן, אין וועלכע זיין שטרענגער אַרט שטראָפן און וואָרענען, ווי אויך אָנזאָגן זיין טרייסט און גליק, טרעטן אַרויס באַזונדער בולט. אַלס באמת גרויסער מייסטער פון אַ נביאישער שטראָף-פּרייִדיקט קען דינען ישעיהס רעדע קעגן די טעכטער פון ציון.

און גאָט האָט געזאָגט:
דערפאַר וואָס ציונס טעכטער זיינען גרויס ביי זיך,
און זיי גייען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער,
און מיט עזותדיקע אויגן,
מיט באַוועגונגען פון תאווה גייען זיי,
און מיט קייטעלעך פון זייערע פיס קלינגען זיי:
וועט גאָט קאַל מאַכן דעם קאָפּ פון ציונס טעכטער,
און יהוה וועט זייער שאַנד אַנטפּלעקן.
אין יענעם טאָג וועט גאָט אַראָפּנעמען דעם פּוץ פון די פוסקייטלעך,
די שטערנדלעך און די לבנהלעך,
די אויערינגלעך, און די קייטעלעך, און די שלייערס,
די היטעלעך, די בראָנזעלעטן און די גאַרטלען,
די בשמים-פלעשלעך און די אַמולעטן,

די רינגען און די נאַזרינגען,
די פעסטקליידער און די איבערמאַנטלען,
די טיכער און די טאַשן,
די טייערע געוואַנטן און די פּראַכטליוונטן,
די טורבאַנען און די שפּיצנקליידער,
און עס וועט זיין: אַנשטאָט בשמים—אייטערונג,
און אַנשטאָט אַ גאַרטל—אַ שטריק,
אַנשטאָט געלאָקטע האָר—אַ פּליך,
אַנשטאָט געפּוצטע קליידונג—געגאַרטלט מיט אַ זאַק,
וואונדן—אַנשטאָט שיינקייט.
דיינע מענער וועלן דורכן שווערד פאַלן,
און דיינע שטאַרקע—דורך מלחמה,
און עס וועלן זיפצן און קלאָגן אירע טויערן,
און אַ פאַרלאָזענע וועט זי אויף דער ערד זיצן,
אין יענעם טאָג וועלן זיבן פרויען אָנכאַפּן איין מאַן, אַזוי זאָגנדיק:
אונזער אייגן ברויט וועלן מיר עסן
און אונזער אייגן קלייד וועלן מיר אָנטאָן,
זאָלן מיר נאָר אויף דיין נאָמען רופן זיך,
נעם אַראָפּ אונזער חרפה.
אין יענעם טאָג וועט גאָטס שפּראָצונג זיין צו פּוץ און גלאַנץ,
און די פרוכט פון לאַנד צו שטאָלץ און פּראַכט
פאַר דעם רעשט פון ישראל.
און ווער ס׳איז פאַרבליבן אין ציון,
און ווער ס׳איז פאַרבליבן אין ירושלים
אויף יענעם וועט מען זאָגן: הייליקער!

פונקט אַזוי ווי דידאַזיקע שטראָפרעדע ענדיקט זיך מיט אַ טרייסט־לעכן צוזאָג אויף אַ בעסערער צייט, אַזוי געפינען זיך אָבער אויך גאַנצע רעדעס, אין וועלכע אַלע צרות און פורעניות פון דער צייט זייַנען פאַרגעסן, און נאָר די אידעאַלע צוקונפט אַליין מיט איר גאַנצער משיחישער הערלעכקייט ווערט געשילדערט. אַזאַ רעדע איז דער באַ־רימטער קאַפּיטל י״א, אין וועלכן די קירך האָט שפּעטער געזען די ערפילונג פון אירע אידעאַלן. דאָרט ווערט געשילדערט דער אידעאַל פון אַ צוקינפטיקער מלכות בית דוד אין דרייסטע און באַגייסטערטע בילדער:

און ס׳וועט ארויס אַ צווייג פון ישיס שטאַם,
אַ צווייג וועט אויפגיין פון זיין וואָרצל,

און גאָטס גייסט וועט אויף אים רוען,
דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנדיקייט,
דער גייסט פון עצה און פון גבורה,
דער גייסט פון וויסן און פון גאָטספאָרכטיקייט.
ניט נאָך דער שיין פון זיינע אויגן וועט ער משפטן,
און ניט אַנטשיידן נאָך דעם, וואָס זיינע אויערן הערן.
ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע,
און מיט יושר — די באַשיידענע פון לאַנד,
און ער וועט שלאָגן די טיראַנען מיט דעם רוט פון זיין מויל,
און מיט דעם אָטעם פון זיינע ליפן—טויטן דעם רשע.
און די גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל פון זיינע לענדן,
און די טרייקייט וועט אים אומגאַרטלען ווי זיינע געוואַנטן.

נאָך דעם קומט אַ פּרעכטיקע שילדערונג פון נאַטורפרידן, וואָס קומט פאַר יענער צייט, מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דער אַלגעמיי־נער פרידן פון די פעלקער, ווען „מען וועט ניט זינדיקן און קיין שלעכטס ניט טאָן אויף גאַר מיין הייליקן באַרג". צום סוף ווענדט זיך דער נביא צו ישַׁיס שטאַם גופא, צו זיין פאָלק ישראל און רופט אויס:

און דו וועסט זאָגן אין יענעם טאָג:
איך לויב דיך, גאָט, ווייל דו האָסט געצאָרנט אויף מיר,—
גייט דיין צאָרן אַריבער—און דו טרייסט מיך.
אָט איז גאָט מיין הילף,
בין איך זיכער, און איך שרעק מיך ניט,
דען מיין קראַפט און מיין געזאַנג—איז גאָט,
און ער איז מיר געווען צו הילף.

❀ ❀

❀

מיט ישעיהו פאַרענדיקט זיך דער ערשטער פעריאָד פון דער נבואהשאַפט, וועלכע האָט מיט קראַפט און ענערגיש גערופן צו זיטלע־כער לייטערונג, צו רעליגיעזער דערהויבונג, און פאָראויסגעזאָגט דעם נאָענטן חורבן. דערווייל איז דאָס אומגליק געקומען, צוערשט אויף ישראל, נאָכדעם אויף יהודה. דער נביא **נחום האלקושי** (670 י.), וועלכער איז געווען אויף דער גרענעץ פון דער אַשורישער און העבראַישער

עפּאָכע, האָט דעריבער זיינע גייסטרייכע רעדעס געוועגדט קעגן דעם פיינט פון ישראל, קעגן אשור, און זיין הויפּטשטאָט נינוה. זיין נבואה באַשטייט פון דריי קורצע קאַפּיטלען, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער מפּלה פון נינוה פאַר אירע פולע זינד. ווי אַ שאַלן פון פרידן זאָל די ידיעה וועגן דערדאָזיקער מפּלה קלינגען אין ירושלים און לאָזן ווידער אויפלעבן די האָפענונג אויף רעטונג און באַנייאונג פונם פאָטערלאַנד.

* *

*

צי איז דעמדאָזיקן דרייסטן און פייעריקן נביא באַשערט געווען צו דערלעבן די פיין פון יהודה, איז ניט באַוואוסט, אָבער זיין נאָענט־סטער נאָכפאָלגער צפניה (630) האָט שוין וועגן דעם אומגליק פון יהודה גערעדט אַלס אַזוינס, וואָס שטייט שוין אוממיטלבאַר פאָר. זיינע נביאישע רעדעס, ווי די רעדעס פון זיין פאָרגייער און פון זיינע נאָכ־פאָלגער, אָטעמען נאָך אַלע מיט דעמזעלביקן גייסט פון רעליגיעזער דערהויבונג, מיט וואָס עס צייכענען זיך אויס די נביאים פון ערשטן פעריאָד. אָבער זייער דיכטערישע באַדייטונג איז אַ נידעריקערע. די שפּראַך איז שוין ניט אַזוי לעבעדיק און ריין, די בילדער שוין ניט אַזוי דרייסט און פרעכטיק; גלייך, ווי דאָס אומגליק פונם פאָלק האָט צעבראָכן אויך די קראַפט פון זיינע נביאים. דאָך זאָגן אויך דידאָזיקע נביאים אָן אַ טאָג פון הילף, וואָס מוז נאָך אַלע צרות אוןליידן קומען.

„צו יענער צייט, — אַזוי פאַרענדיקט צפניה כמעט שוין אין פּראָזאַישער פאָרם, — ברענג איך אייך צוריק, און צו יענער צייט זאַמל איך אייך ווידער, און איך וועל אייך מאַכן צו רום און צו לויב צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, ווען איך וועל צוריקקערן אייערע געפאַנגענע פאַר זיי אין די אויגן, — זאָגט גאָט“.

* *

*

אינגיכן נאָך צפניה טרעט אויף חבקוק (ca 604), אין וועלכן דער העלדישער גייסט פון די אַלטע נביאים האָט ווידעראַמאָל אויפגע־פלאַקערט. ער שטייט אויף דער וואַך און זעט די פאַרדאַרבונג, אָבער אויך די שטראָף פאַר די שולדיקע אין דער פאַרדאַרבונג. זיין נביאות

איז געווענדט אויף דעם אונטערגאַנג פון דער שטאַרקער מלוכה פון בבל, און גאָט האָט אים באַפוילן די זעאונג זיינע אויפצושרייבן און אויף טאָוולען אויסצוקריצן, „כדי מען זאָל זי געלויפיק קענען לייענען". ווירקלעך, דאָס בוך, וואָס רופט זיך אויף דעם נאָמען פון דעמדאָזיקן נביא, געהערט מיט איינקע זיינע לירישע טיילן צו די באַדייטנדסטע שאפונגען פון דער ביבלישער ליטעראַטור. פאָרם און אינהאַלט שטייען ביי חבקוקן אין ריינסטער האַרמאָניע, קלאָג און טרייסט, לייד און פריידגעשריי דערגאַנצן איינע די אַנדערע. די שיינע מאָס און די ריינע קלאָרקייט איז ביי אים פאַרבונדן מיט דער גליענדסטער פאַנטאַזיע, און מען קאָן זאָגן, אַז פון דידאָזיקע רעדעס אָטעמט מיט גריכישער שיינ-קייט, וועלכע איז אויסגעגאָסן באַזונדער איבער דער תפילה פונם נביא אין לעצטן קאַפּיטל פונם בוך, וועלכע די נייע קריטיק האַלט פאַר אַ געמיינדע-ליד פון דער צייט וואָס נאָכן גלות:

גאָט! איך האָב געהערט מיט מורא דיין רוף,
גאָט! לאָז דיין ווערק לעבן צווישן די יאָרן,
מאַך צווישן די יאָרן וויסן,
אַז אין צאָרן געדענקסטו ערבאַרימען.
פון דרום קומט גאָט אָן,
דער הייליקער—פון באַרג פּאָרן. סֶלָה!
דעם הימל באַדעקט זיין פּראַכט,
מיט זיין לויב איז פול די ערד.
אַ גלאַנץ ווערט ווי די ליכטיקייט,
שטראַלן פון זיין אייגענער האַנט,
און אין דעם איז דער אוצר פון זיין קראַפט.
פאַר זיין געזיכט גייט מגפה,
און נאָך זיינע פוסטריט—פונקען,
ער שטעלט זיך—צעטרייסלט ער די ערד,
ער טוט אַ בליק—און מאַכט ציטערן די פעלקער.
און עס צעברעקלען זיך אייביקע בערג,
און עס צעפאַלן אייביקע היגלען,
די פירונג פון דער וועלט געהערט אים.
צעדריקטע האָב איך געזען די געצעלטן פון כושן,
פאַרציטערטע—די ביידלעך פון מדין,
צי אויף די טייכן האָט גאָט געצאָרנט,
צי אויף די טייכן איז דיין כעס,
צי אויף דעם ים—דיין גרימצאָרן,

וואס דו האסט זיך געזעצט אויף דיינע פערד,
אויף דיינע זיגרייכע רייטוועגן,
וואס דו האסט נאקעט אנטבלויזט דיין בויגן
לויט דיין צוזאג, צו די שבטים געשווארן? סלה׳
דו האסט מיט שטראמען געשפאלטן די ערד,
דערזעען דיך—און ס׳ציטערן די בערג,
דער שטראם פון וואסער—אנטלויפט,
דער ים-אפגרונט—שרייט הויך,
די הויכענישן—שטרעקן די הענט אויס;
זון און לבנה—בלייבן אין זייער וואוינונג
פאר דער ליכטיקייט פון דיינע פליענדיקע פיילן,
פאר דער שיין פון דיינע בלאנקעדיקע שפיזן.
אין צארן שפרייזטו איבער דער ערד,
אין צארן צעטרעטסטו פעלקער,
דו גייסט ארויס צו רעטן דיין פאלק,
הילף צו ברענגען פאר דיין געזאלבטן.
דו פארוואונדעסט דעם שפיץ פונם רשעס הויז,
שטעלסט אים נאקעט פונם פונדאמענט ביזן האלז. סלה.
דו פארפלוכסט זיינע שבטים,
די עלטסטע פון זיינע פירער,
וועלכע שטורעמען, מיך צו צעשטויבן,
און פרייען זיך, אויפצועסן דעם ארעמאן אין פארבארגעניש.
נאר דו האסט זיי צעטראטן אין ים מיט דיינע פערד,
אין דער טיפעניש פון גרויסע וואסערן.
איך האב עס געהערט, און מיין אינגעווייד ציטערט,
פון דעם קלאנג האבן געציטערט מיינע ליפן,
א פוילעניש איז ארייין אין מיינע ביינער,
און אויף מיין ארט האב איך מיך געטרייסלט,
וואס איך דארף רוען קעגן דעם טאג פון צרות,
ווען מען באפאלט דאס פאלק מיט מחנות.
אפילו דער פייגנבוים זאל ניט בליען,
און אויף די וויינשטאקן זאל קיין פרוכט ניט זיין,
און דער איילבערטבוים זאל פארראטן,
און די פעלדער זאלן ניט ברענגען קיין נערונג,
עס זאל קיין שאף ניט זיין אין שטאל,
און קיין אקסן זאלן אין שטאל ניט זיין,—

נאָר איך וויל מיך מיט מיין גאָט פרייען,
כ'וויל מיך פרייען מיט גאָט מיין דערלייזער,
יהוה, גאָט—איז מיין קראַפט,
ער מאַכט מיינע פיס, ווי די הינדן,
און אויף מיינע הויכקייטן וועט ער מיך לאָזן טרעטן.
לויב גאָט מיט מיינע געזאַנגען.

* *

*

אן אייגנטימלעכער היפוך פון דערדאָזיקער פאָעטישער שֶפע און קלאָרקייט זייגען די נבואות פון ירמיהו פון ענָתות (568 — 626) מיט זייער טיפער ערנסטקייט און טונקעלער באַפאַרבונג, וואָס זיי כמעט אַלע טראָגן אויף זיך. ירמיהו איז אונז דורך זיין לעבן אייגנטלעך נעענטער, איידער דורך זיין ריידן. אין זיינע נביאישע וויזיעס שטייט ער הינטער ישעיהו און חבקוק, מיט זיין לעבן און ווירקן אָבער שטייגט ער אַריבער אַלע נביאים פון דער ביבל. אין אַ שווערער צייט האָט ער געוואַגט מיט זעלטענעם פרייהייט אַרויסצוזאָגן פירשטן און פעלקער זייערע בייזע און פאַרברעכערישע מעשים און רופן זיי תשובה צו טאָן. ער האָט געהאַט אַריבערצוטראָגן פאַרפאָלגונגען און ליידן מער פאַר אַלע נביאים. ער האָט זיי אַריבערגעטראָגן מיט רואיקייט און מיט אַיבערגעגעבנקייט צו גאָט, און ווייזט זיך אַרויס אַלס איינער פון די שטאַרקסטע און שענסטע כאַראַקטערן, וועלכע די ביבל האָט אונז געגעבן. צום סוף פון אַ גרויסער היסטאָרישער אַנטוויקלונג האָט ער נאָך איינמאָל לעבעדיק געמאַכט אַלץ, וואָס די אַלטע צייט האָט פאַרמאָגט גרויסעס און גוטעס און וואָס איז איצט אויף אייביק פאַרלאָרן.

ביט איינגאַנצן אין איינקלאַנג מיט זיין לעבן שטייט זיין דיכטונג. מען קאָן זאָגן, אַז מיט ירמיהו פאַרענדיקט זיך דער פעריאָד פון פאָלקסקרעפטיקער נאַטירלעכקייט אין דער נביאישער פאָעזיע, כדי אָפצורייניקן דאָס אָרט פאַר אַ קונסטמעסיקן שאַפן. ער איז דער ערשטער פון די נביאים, וואָס האָט אַליין צונויפגעשטעלט אַ זאַמלונג פון זיינע רעדעס, וואָס דיקטירט זיי זיין שרייבער ברוך און לאָזט זיי אים אפילו אַמאָל פאָרלייענען אין בית־המקדש, ווען אים אַליין שטערט עפּעס אהין צו קומען. אָבער די אַנטשטייאונג פון דעם היינטיקן בוך ירמיהו ווערט דורך די קריטיקער אין פינף רעדאַקציאָנסשטאַדיען איינ־

געשטעלט, וואָס די ערשטע פיר פון זיי ווערן דורך דעם בוך גופא באַשטעטיקט.

ווען דער קיניג האָט געהייסן דעם שרייבער פאַרזעצן און די מגילה מיט דעם נביאס רעדעס צעשניידן, נעמט זיך ירמיהו תיכּף צו־נויפצושטעלן אַ נייע זאַמלונג, צו וועלכער ער האָט שפּעטער נאָך נייע רעדעס צוגעגעבן. שטאָף האָט ער דאָך געהאַט פיל מער, איידער אַלע זיינע פאָרגייער און נאָכפאָלגער. ער קומט צום קיניג אין פּאַלאַץ און פאָדערט פון אים, אָנצונעמען אַ נייעם רעזשים אין רעליגיעזן גייסט, ער שטעלט זיך אויף דער גאַס און פּריידיקט קעגן די פאַלשע נביאים, ער גייט צום בית־המקדש, און ער — דער זון פון כּוהנים — דונערט קעגן די כּוהנים. אין הויף פון דער תּפיסה, ווי אין דער פרעמד אַ פּאַרטרי־בענער, בלייבט ער געטריי זיין גאָט, זיין פאָלק און זיינע טיפע רע־ליגיעזע אָנשויאונגען. קיין שום פלעק לייגט זיך ניט אויף זיין רייכן מיט מעשים לעבן, וועגן וועלכן מיר ווייסן פון זיינע רעדעס. און ווי קיינער פון די נביאים, שטייט ער, איינער פון די לעצטע, אויף דעם באָדן פון יענעם ריינעם מאָזאַאיזם, וואָס עס האָט שוין געלערנט די משנה־תּורה, וועלכע איז פאַר ירמיהו פריער איידער אַלע אַנדערע שריפטן געווען אַ וועגפירערין און אַ באַלייכטערין.

ס'איז מערקווערדיק, וואָס דערדאָזיקער כאַראַקטערפעסטער, שטאַרקער מענטש איז געווען אַזאַ ווייכער און עלעגישער דיכטער. דורך אַלע זיינע רעדעס גייט דורך אַ טריבער, טיף עלעגישער טאָן פון קלאָג אויף דעם, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן, מיט ווייטאָגדיקער, כּמעט ייִדישער באַפאַרבונג. בלויז ערטערווייז דערהויבט זיך זיין דיקציע צו אַ העכערן שוואונג און צו גרעסערער ענערגיע — דאָרט, וואו מען קאָן די אידעען צוגעבן פאַרב און געשטאַלט, וועלכע ער טראָגט ביי אַריין אין דער וועלט, און וועלכע ער וויל מאַכן פאַר אַ קנין פון פאָלק ישראל. אַזאַ מאָמענט, וואָס אַנטוויקלט די נביאישע אידעע אָבער פאַרשמעלט זי אויך, איז דער „נייער בונד", וואָס ישראל וועט שליסן מיט גאָט, ווען דער גלות, וואָס אין זיינע שלעכטע צייטן האָט דער נביא דידאָזיקע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט, וועט אָפּטרעטן פאַר בע־סערע צייטן.

אָט קומען אָן טעג, — אַזוי זאָגט גאָט,
און איך שליס מיט בית יהודה און מיט בית ישראל אַ נייעם בונד,
ניט ווי דער בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן,
אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיי פאַר דער האַנט גענומען,

אַרויסצופירן זיי פונם לאַנד מצרים, —
יענעם בונד מיינעם, וועלכן זיי האָבן געבראָכן,
בשעת איך בין זייער שיצער געווען, זאָגט גאָט. —
נאָר אַ בונד, וואָס איך וועל מיט ישראלס הויז שליסן
נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט.
איך וועל אַריינטאָן מיין תורה אין זייער אינגעווייט,
און איך וועל זי אויף זייער האַרצן פאַרשרייבן,
און איך וועל דעמאָלט זייער גאָט זיין,
און זיי וועלן מיר זיין מיין פאָלק,
און זיי וועלן דאַן ניט לערנען אַ מאַן זיין פריינט
און אַ מענטש זיין ברודער, אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט!
וואָרעם אַלע וועלן זיי מיך קענען, פון קליין ביז גרויס, זאָגט גאָט,
וואָרעם איך וועל זיי פאַרגעבן זייער שולד,
און זייערע זינד וועל איך מער קיינמאָל ניט געדענקען.

אין דערדאָזיקער רעדע קאָן מען געפינען אַ פרייזיניקן אויספיר פון דעם ביבלישן וואָרט, אַז פון גאָטס לערע איז צו זען, אַז זי שטייט ניט צו הויך און ניט צו ווייט פון דעם מענטשן, אַז זי געפינט זיך ניט אין הימל און ניט מעבר לים, נאָר זי איז נאָענט צום מויל און צום האַרצן פונם מענטשן. אָבער ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דער נביא האָט דידאָזיקע ווערטער גערעדט אין גלות, מוז מען אין דעם איינזען פריער פאַר אַלץ די שטרעבונג דורך זיי צו קרעפטיקן די אמונה פון פאָלק ישראל. און מען וועט דאַן ווייטער קאָנען מסכים זיין, אַז ירמיהו האָט מער פאַר אַלעמען געווירקט אויף די זיטלעכע לייטערונג און דער רעליגיעזער דערהויבונג פון זיינע גלות־חברים. אין קעגנזאַץ צו זיינע קאָסמאָפאָליטישע פאָרגייער, האָט ער פאַרטראָטן די פאָדערונגען פון גלויבן, וועלכער האָבן זיך באַלד נאָך דעם געדאַרפט אַנטוויקלען און פאַרשפרייטן אַלס יידנטום.

אָבער אויך ער באַציט זיך צום צערעמאָניאַל־געזעץ, צו די כּוהנים און צו די קרבנות, אַזוי פריי, ווי אַלע פריערדיקע נביאים. די כּוהנים און די געלערנטע האָבן פון אים געמוזט אויסהערן שאַרפע זידלרייד. זיינען עס דידאָזיקע אָפט ציטירטע ווערטער:

איך האָב מיט אייערע עלטערן ניט גערעדט און זיי ניט באַפוילן,
אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים,
וועגן פייעראָפּפערן און וועגן שלאַכטאָפּפערן, —

נאָר דאָס האָב איך זיי באַפוילן:
הער צו מיין שטים, וועל איך אייער גאָט זיין,
און איר וועט זיין מיין פאָלק,
און גייט אין די אַלע וועגן, וואָס איך באַפויל אייך,
כּדי עס זאָל אייך גוט זיין.

דעריבער קאָן מען קוים זאָגן, אַז מיט ירמיהו, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין אַזאַ שאַרפער אָפּאָזיציע צו די קרבנות, און האָט אַזוי שאַרף פאַראורטיילט יעדע אויסערלעכע פרומקייט, זאָל די קאַסטע פון די כּוהנים האָבן געפונען אַ צוטריט אין די רייען פון די נביאים.

דערפאַר אָבער איז ירמיהון אייגנטימלעך נאָך אַן אַנדער געדאַנק, וואָס קיינער פון זיינע נאָכפאָלגער האָט אַזוי קלאָר ניט אַרויסגעזאָגט, און וועלכער איז ענגער, ווי ס'דוכט זיך, פאַרבונדן סיי מיט דערדאָזיקער אָפּאָזיציע קעגן די כּוהנים, סיי מיט דער משיחישער אידעע. דעמדאָזיקן געדאַנק האָט ער צום ערשטן אַרויסגעזאָגט אין דער הערלעכער טרייסטרעדע, וועלכע ער האָט געווידמעט, אַלס פאַרבליבענער אויף די חורבות פון ירושלים, צו די, וועלכע זיינען אַוועק אין גלות.

אַזוי האָט געזאָגט גאָט צבאות,
דער גאָט פון ישראל, צו אַלע פאַרטריבענע,
וועלכע איך האָב פון ירושלים פאַרטריבן קיין בבל:
בויט הייזער און וואוינט אין זיי,
און פלאַנצט גערטענער און עסט זייער פרוכט,
און נעמט פרויען און האָט זין און טעכטער,
און נעמט פרויען פאַר אייערע זין,
און אייערע טעכטער גיט צו מענער,
און זאָלן זיי געבוירן זין און טעכטער.
און פאַרמערט אייך דאָרט און ניט פאַרמינערט זיך,
זוכט פרידן פאַר דער שטאָט, וואוהין איך האָב אייך פאַרטריבן,
און טוט פאַר איר תפילה צו גאָט,
דען איר פרידן וועט אויך אייער פרידן זיין.

אַ האַרציקערער, וואַרעמערער טרייסטוואָרט האָט ניט געקאָנט געגעבן ווערן די פאָלקסברידער אויף זייער טרויעריקער וואַנדערונג. און אויך פאַר דער שפּעטערדיקער צייט, וואַרשיינלעך, אַפילו פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון זיין שטאַם, האָט דער נביא אַרויסגעזאָגט מיט די-

דאָזיקע ווערטער דעם גרונדגעדאַנק פון זיין קיום און די באַדינגונגען פון דעמדאָזיקן קיום אויף שפּעטערדיקע צייטן.

* *

*

אַפּנים צו דער צייט פון ירמיה איז אויך אַנטשטאַנען די „זעאונג" פון עובדיה (750) קעגן אֶדום, דעם אַלטן שונא פון יעקב, די זעאונג, וועלכע האָט געזאָגט צו אדום: „פאַר דאָס שלעכטס טאָן דיין ברודער יעקב, וועט דיך פאַרדעקן שאַנד, און דו וועסט זיין אויסגעראָטן אויף אייביק.

און יעקבס הויז וועט זיין פייער, און יוספס הויז—פלאַם,
און עשוס הויז—שטרוי און זיי וועלן עס אָנצינדן און פאַרברענען.

דאָס איז דער עיקר אינהאַלט פון דער זעאונג פון דעמדאָזיקן, בכלל אומבאַקאַנטן נביא.

* *

*

א מענטש פון ירמיהוס צייט איז אויך געוועזן יחזקאל, דער דריטער פון די גרויסע נביאים, וועלכער האָט צוגלייך מיט ירמיהו געלעבט אין גלות מיט זיינע לאַנדסלייט און האָט זיי דאָרט געטרייסט און געלערנט. ער האָט אויך געשטאַמט פון כוהנים, אָבער אויך ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַלשער פרומקייט און האָט געפּריידיקט דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם פון דער אַלטער נביאותשאַפט. אמת, אים איז שוין פרעמד די פרישע קראַפט און די אורשפּרינגלעכע באַגייסטערונג פון די ערשטע נביאים, ער איז ווירקלעך מער שריפטשטעלער, איידער דיכטער, עס פעלט אים אָפט דער דיכטערישער שוואונג, דער אוממיטלבאַרער פרישער געפיל און זייער באַגייטערטער אויסדרוק אין בילד און אין וואָרט. דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווען מען נעמט אין אַכט די טרויעריקע פאַרהעלטענישן, אונטער וועלכע ער האָט געלעבט און גאָטס וואָרט גערעדט. אָבער וואו גאָטס גייסט לאָזט זיך אויף אים אַראָפּ, אָדער „גאָטס האַנט טראָגט אים אַוועק", דאָרט דערהויבט ער זיך צו גוואַלדיקער וויזיאָנערישער הויכקייט, צו אַ נביאישער דערהויבנקייט, וואָס האָט קיין גלייכן ניט. אַ מאַסע סודות און אַלעגאָריעס,

זעלטזאַמע בילדער און צייכנס גייען אַדורך איבער דעם גאַנצן בוך, און זיי האָבן עס שפּעטער געבילדעט דעם גרונדטאָן פון אַפּאָקאַליפּסיס־ניט געקוקט דערויף, האָט גראָד יחזקאל געהאַט דעם שטאַרקסטן באַ־וואוסטזיין פון דעם מהות און די גרענעצן פון דער אמתער נביאות־שאַפט, און ער זאָגט עס דייטלעך אַרויס אומעטום ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט. אַ טיפער זיטלעכער ערנסט איז אין אים פאַראַן. זיין קענען די וועלט און זיין פאַרשטאַנדיקייט מאַכט אים פאַר דעם מיטלפּונקט פון די גולים, צו וועלכע ער זאָגט אָן טרייסט און רעטונג.

זיבן יאָר פאַר דער צעשטערונג פון ירושלים האָט ער אָנגעהויבן זיין נביאישע מיסיע דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט די פּאַסטעכער, אַז גאָט וועט מיט זיי גיין צום געריכט, ווייל זיי פּיטערן ניט די שאָף. נאָך דעם איז ער אַוועק מיט דעם רעשט פון פאָלק יהודה אין גלות, און דאָרט איז זיין אויפגאַבע געוואָרן לגמרי אַן אַנדערע. דאָ האָט ער גע־האַט צו טרייסטן זיינע ברידער און צו פאַרשטאַרקן אין זיי די פרישע איבערגעגעבנקייט צום געזעץ פון גאָט. דער נייער בונד, וועגן וועלכן ירמיה האָט דער ערשטער געטראַכט, איז ביי אים שוין ווייטער אַנט־וויקלט, און די משיחישע אידעע פון אַ צוקונפטיקן ירושלים האָט ער געגעבן אין אַלעגאָרישע וויזיעס, ווי למשל יענע „פאַרטריקנטע ביי־נער", אין וועלכע אַלע קינדער פון פאָלק ישראל דערוואַכן דורך גאָטס באַלעבנדיקן גייסט.

„עס איז געווען אויף מיר גאָטס האַנט, און גאָט האָט מיך מיט גייסט אַרויסגעפירט און געשטעלט אין דעם טאָל, וועלכער איז פול געווען מיט ביינער, און ער האָט מיך אַרומגעפירט אַרום זיי, אַרום־אַרום, און זיי זיינען זייער פיל אויף דעם טאָל, און זיי זיינען זייער טרוקן. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנזון, צי קענען דידאָזיקע ביינער אויפלעבן? — און איך האָב געזאָגט: מיין האַר גאָט, דו ווייסט! און ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות וועגן דידאָזיקע ביינער, און זאָגן זאָלסטו צו זיי: טרו־קענע ביינער! הערט גאָטס וואָרט! אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו דידאָזיקע ביינער: איך וועל אין אייך אַריינברענגען אַ גייסט, און איר וועט אויפלעבן. און איך וועל אייך אַרומלייגן מיט אָדערן, און כ'וועל אויף אייך אַרויפברענגען פלייש, און וועל אי־בער אייך פאַרציען אַ הויט, און כ'וועל אין אייך אַריינגעבן אַ גייסט, און איר וועט אויפלעבן און וויסן, אַז איך בין גאָט.

און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי מיר איז באַפוילן געווען.

און עס איז געוואָרן אַ גערודער, ווען איך האָב נביאות געזאָגט, און באַלד אַ שטורעם, און עס האָבן זיך דערנענטערט די ביינער, אַ ביין צו זיין ביין. און איך האָב געזען: באַלד איז שוין אויף זיי אָדערן און פלייש אויפגעגאַנגען, און עס האָט זיך באַצויגן איבער זיי אַ הויט פון אויבן, אָבער קיין גייסט איז נאָך אין זיי ניט געווען. האָט גאָט צו מיר געזאָגט: רייד צום גייסט, זאָג נביאות, מענטשנזון, און זאָלסט זאָגן צום גייסט: אַזוי האָט גע-זאָגט גאָט: פון אַלע פיר זייטן קום גייסט, און אָטעם אַריין אין דידאָזיקע הרוגים, און זאָלן זיי אויפלעבן. און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי ער האָט מיר באַפוילן, און אין זיי איז אַריין אַ גייסט, און זיי האָבן אויפגעלעבט, און געשטעלט זיך אויף זייערע פיס—זייער אַ גרויס חייל.

און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנזון! דידאָזיקע מענטשן — דאָס גאַנצע הויז ישראל זיינען זיי. אָט זאָגן זיי: אויסגעטריקנט זיינען אונזערע ביינער, און פאַרלאָרן איז אונזער האָפענונג. מיר זיינען פאַרפאַלענע. דערום זאָג נביאות און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט-יהוה: אָט עפן איך אָפּ אייערע קברים, און איך וועל דיך אַרויסברענגען פון דיינע קברים, מיין פאָלק, און איך וועל אייך ברענגען אויף דאָס לאַנד פון ישראל. און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה, ווען איך וועל אָפּעפענען אייערע קברים, און ווען איך וועל אייך אַרויסברענגען פון אייערע קברים, קינדער פון מיין פאָלק. און איך וועל אין אייך אַריינגעבן אַ גייסט, און איר וועט לעבן, און איר וועט וויסן, אַז איך, גאָט, האָב עס געזאָגט און געטאָן. אַזוי רעדט גאָט".

איז עס געמאָלט, אַז נאָך אַזאַ נביאישע זעאונג זאָל מען האַלטן יחזקאלן פאַר אַ קאַבינעט-נביא, פאַר אַ ניכטערן, פּראָזאַאישן, געלערנטן שריפטשטעלער? און פון דער צווייטער זייט, פון וואַנען נעמען מיר דאָס רעכט צוצושרייבן אים אַ ריין געזעצלעכן לעוויטישן אַרט דענקען? אים, וואָס ער האָט צו די פּאַסטעכער פון ישראל נביאות געזאָגט אין ערשטערנ-דיקע בילדער דערפאַר, וואָס "זיי האָבן דאָס שוואַכע ניט געשטאַרקט, דאָס קראַנקע ניט געהיילט, דאָס פאַרוואונדעטע ניט איבערגעבונדן, און דאָס פאַרבלאָנדזשעטע ניט צוריקגעקערט און דאָס פאַרלאָרענע ניט געזוכט". אויב דאָס איז לעוויטישער אַרט דענקען, וואָלט עס געוויס געווען גוט, ווען דערדאָזיקער לעוויטישער גייסט זאָל קיינמאָל ניט פאַרשווינדן, און ווען ער איז פאַרשוואונדן, זאָל ער צוריקקומען מיט יענעם פּאַסטעך פון יחזקאל,

וועלכער „ברענגט צוריק די פארבלאנדזשעטע אויף גוטן פיטער-ארט, זוכט אויף דאס פארלארענע, היט אויף דאס פארוואונדעטע און היילט אויס דאס קראנקע“.

* *

*

אויב יחזקאל שטייט ניט נידעריקער פאר קיינעם פון זיינע פאר-גייער אין דער הינזיכט פון נביאישער באדייטונג און זיטלעכן ערנסט, שטייגט אים דאך אריבער דער יינגערער פאר אים נביא פון זיין צייט, דער אזוי גערופענער צווייטער ישעיהו (540), צו וועלכן מען שרייבט צו די קאפיטלען 66—40 פונם ספר ישעיה, מיט דער פאעטי-שער קראפט און מיט דער שיינער הארמאניע פון זיין רעדע. אמת, יחזקאל האט געלעבט אין דער צייט פון גרויסע צרות, און דער „גרוי-סער אנאנים“ האט געווירקט אין די טעג פון נייער לעבנס-האפענונג און האט אנגעזאגט זיין פאלק וועגן דעם אויפגייענדיקן מארגן פון זייער פרייהייט. דעריבער איז זיין שפראך באלעבט, קרעפטיק, מיט איבערצייגנדיקער שטארקייט און מיט מיטרייסנדיקער פלאמיקייט. און זיין נביאות באצייכנט דעם הויך-פונקט פון דער נבואהשאפט און פאר-אייניקט אין זיך אלע מעלות פון זיינע פארגייער, סיי פון דער אידע-אלער, סיי פון דער פארמעלער זייט. ישראלס פארגאנגענהייט, קעגנווארט און צוקונפט זיינען דא פאראייניקט אין איין גרויס וועלטבילד, וואס באווייזט אונז אין דער גאנצער קראפט דעם גייסט פונם אלטן העב-רעערטום שוין ביי דעם ציל פון זיין גייסטיקער און רעליגיעזער אנט-וויקלונג; באווייזט דעמדאזיקן גייסט צום לעצטן מאל, איידער ער פאר-שווינדט און מאכט פריי דעם פלאץ פאר נייע בילדער און געשטאלטן.

נאך איינמאל הערן מיר מעכטיק אין דער וועלט קלינגען דאס דונערווארט פון דער נבואה קעגן יעדער אויסערלעכער פרומקייט — און גראד אין דעם מאמענט, ווען מען האט שוין אפשר געטראכט וועגן אויפבויען דעם צווייטן בית-המקדש.

אזוי זאגט גאט: דער הימל איז מיין טראן,
און די ערד — דער אונטערלען פון מיינע פיס,
וואו איז א הויז, וואס איר קאנט מיר בויען?
און וואו איז דאס ארט פון מיין רוען?
אלץ אט דאס האט דאך מיין האנט געמאכט,

און אַלץ אַט דאָס איז געוואָרן, זאָגט גאָט.
אָבער איך קוק אויף אים, אויף דעם אָרעמען,
און אויף דעם, וואָס מיט געבראָכענעם געמיט,
און וואָס אײַלט צו דערפילן מיין וואָרט.

אָבער קעגן דער געפאַלנקייט פון מוט, וואָס אַזעלכע ווערטער האָבן געקאָנט אַרויסרופן אין די רייען פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צוריק אומצוקערן זיך, האָט דער נביא אַרויסגעשטעלט דאָס דערהויבענע בילד פון די צוקונפט־האָפענונגען פון פאָלק ישראל, — אַ בילד „פול מיט ריח פונם מאָרגן און מיט קראַפט פון הימל“, וואָס באַצויבערט אונז נאָך עד היום אויסשליסלעך מיט זיין פאָעטישער באַדייטונג און ניט מיט דער אידעע, וואָס אין אים איז אַרייַנגעלייגט.

שטעל זיך און לייכט, ס'איז געקומען דיין ליכט,
גאָטס פראַכט האָט איבער דיר אויפגעשיינט,
פינסטערניש דעקט די ערד, נעפל — די פעלקער,—
איבער דיר שטראַלט גאָט, זיין פראַכט שיינט איבער דיר.
פעלקער יועלן גיין פאַר דיין ליכט,
קיניגן — פאַר דער שיין פון דיין שטראַל.
הייב אַרום דיינע אויגן און זע, אַלע האָבן זיך צו דיר פאַרזאַמלט,
דיינע זין פון וויטן געקומען, דיינע טעכטער—אויפן קאַרק געטראָגן,—
קוק און שיין אויף, דיין האַרץ זאָל וואַקסן פון פרייד,
די רייכקייט פון ים גייט צו דיר, די רייכקייט פון פעלקער קומט צו דיר.
מענגעס קעמלען פאַרדעקן דיך, יוגגע קעמלען פון מדין און עיפה,
אַלע פון שבא קומען זיי, גאָלד און ווייראַך טראָגן זיי,
און גאָטס לויב זאָגן זיי...
... ניט די זון וועט דיר שוין זיין צו ליכט בייטאָג,
און לייכטן וועט דיר ניט די שיין פון דער לבנה—
גאָט וועט דיר זיין צום אייביקן ליכט,
דיין גאָט — דיר צו פראַכט,
דיין זון וועט שוין ניט אונטערגיין,
דיין לבנה—ניט באַהאַלטן זיך.
ווייל גאָט וועט דיר זיין צום אייביקן ליכט,
און די טעג פון דיין טרויער וועלן זיך ענדיקן.

* *
*

די טעג פון טרויער האָבן זיך ווירקליך געענדיקט, ווייל די פּאַרטריבענע האָבן דורך דער ערלויבעניש פון כורש באַקומען די מעג־לעכקייט אומצוקערן זיך אין פאָטערלאַנד. אָבער די קעגנוואַרט האָט נאָך ווייט ניט באַפרידיקט דעם אידעאַל פון דער צוקונפט, וועלכן די לעצטע נביאים האָבן נאָך אָנגעמערקט. פּונקט ווי די נביאות האָט מיט דעם פאָלק אין גלות אויסגעוואַנדערט, אַזוי האָט זי זיך איצט מיט אים צו־ריקגעקערט אין דער נייער היימאַט. אמת, וועזנטליך פאַרענדערט. די נביאים האָט געפעלט די פרישע דרייסטקייט, די מעכטיקע באַגייסטע־רונג, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט ישעיה און חבקוק; דעם פאָלק האָט געפעלט דער פרייער געדאַנק און יענע פריידיקע האָפענונג, וואָס האָבן עס אַמאָל אָנגעפילט. דערפאַר אָבער זיינען דאָס פאָלק און זיינע נביאים געווען פול מיט ריינער און טיפער רעליגיעזישקייט, וועלכע האָט אירע מילדע שטראַלן געוואָרפן אויך אויף די רעדעס פון די דריי לעצטע פאַרטרעטער פון דער נביאות, אויף ח ג י, ז כ ר י ה און מ ל א כ י. דער ערשטער (אין יאָר 520) האָט גערופן דאָס פאָלק אויפצובויען דעם בית המקדש, וועלכער זאָל זיין פּרעכטיקער פאַר דעם ערשטן, פאַר שלמה המלכס, ווייל גאָט וועט שוין פון איצט אָן געבן פרידן צו זיין פאָלק. אין פיר נביאישע רעדעס שילדערט ער די מלוכה פון גאָט, וועלכע ווערט געבויט, און לערנט זיינע ברידער צו זיין פעסט אין דער טרייהייט, וועלכע זיי האָבן צוגעזאָגט צו היטן פאַר גאָט און פאַר זיין וואָרט.

* *
*

אין דערזעלביקער צייט האָט געלעבט אויך דער נביא זכריה, וואָס די קריטיק איז געניגט זיין בוך צו טיילן אויף צוויי טיילן, פון וועלכע דער צווייטער, די קאַפּיטלען 14—9, געהערט צו אַ צווייטן, אַ פיל עלטערן נביא, אפשר פון עמוסעס צייט, בשעת די קאַפּיטלען 8—1 קאָן מען צושרייבן דעם נביא מיט דעם נאָמען, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון זרובבל. אין דער אמתן זיינען די דאָזיקעביידע טיילן פאַרשיידענע ווערק סיי לויט דער פאָרם, סיי לויט דעם אינהאַלט. אפשר האָט דער נביא מחמת פּאָליטישע טעמים זיינע נביאות פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון געהיימניס און אָנגעקליידט אין אַ פרעמדער פאָרם. אויטאָריטעטע קריטיקער האָבן געזוכט אין דער דאָזיקער צווייטער העלפט פונם בוך אַ אַרכאַאיזירנדיקן נביאישן סכעמאַטיזם, וועלכער זאָל אַנט־

שפּרעכן דער צייט, וואָס אוממיטלבאַר נאָך דעם צוריקקערן זיך פון גלות. אין יעדן פּאַל ווייזן זכריהוס „זעאונגען" אַ געהויבענע וועלט־אַנשויאונג, אַ באַוועגלעכקייט פון לעבן, און צייטנווייז אויך עשירות אין פּאָעטישע בילדער. דער פרייד־אויסגעשריי:

פייער, טאָכטער פון ציון,
פריי׳דיך, ירושלים,
זע, דיין קיניג קומט צו דיר, —

פּאַסט זייער וואויל פּאַר דער צייט פון דעם צוריקקערן זיך פון גלות צו די פעלדער פון פאָטערלאַנד, פּונקט אַזוי ווי דאָ איז אויפן אָרט דאָס ליבלעכע צוקונפטסבילד פון דער פאַרווירקלעכונג פון גאָטס צוזאָג, אַז פון איצט אָן „וועט יעדער זיצן אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים", און נאָך מער דאָס שטאָלצע וואָרט, וואָס דער נביא האָט אויסגערופן, און וואָס האָט באַדאַרפט אויף דער ווייטערדי־קער צייט זיין דער לאָזונג און דער לעבנסאינהאַלט פון זיין פאָלק: „נ י ט ד ו ר ך ק ר אַ פ ט א ו ן נ י ט ד ו ר ך כ ו ח , נ אָ ר מ י ט מ יי ן ג ײ ס ט , ז אָ ג ט ג אָ ט צ ב א ו ת".

אַלזאָ קאָן מען ריידן וועגן אַ מידיקייט פונם פּאָעטישן שוואונג, אָבער בשום אופן ניט וועגן אַ זינקען פון נביאישן גייסט און פּאָלק ישראל, ווייל אויך דידאָזיקע נביאים, וואָס נאָכן גלות, האָבן נאָך אַלץ געשטעלט די ריינקייט פון האַרצן, די איידעלע מחשבות, די מענטש־לעכקייט, און דעם גייסט פון גאָט העכער פּאַר דער דערפילונג פון דער תורה, וועלכע האָט זיי איצט אַוודאי געמוזט באַזונדער טייער זיין. אויך ביי זיי איז פריער פון אַלץ וויכטיק, אַז ירושלים זאָל ווערן אַ שטאָט פון אמת, דער הר־הבית — אַ „הייליקער באַרג פון גאָט", און ישראל — אַ פאָלק פון אמת און גערעכטיקייט. און זיי זיינען שאַרף אַרויסגע־טראָטן קעגן דער אויסערלעכער פרומקייט, און דער זכריה וואָס פון נאָכן גלות שטעלט אַרויס אָנשטאָט טעג פון תעניתים — טעג פון שמחות מיט דעם תנאי, „מען זאָל ליב האָבן פרייד און אמת, און אַז קיין הענדלער זאָל מער אין גאָטס הויז ניט זיין".

* *

נאָך דעם לעצטן נביא, האָט מ ל א כ י (אום 430) הויך און דייט־לעך געלערנט דאָס פאָלק: „עס זיינען מיר גאָרניט אָנגענעם אייערע קרבנות, וואָרעם פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג איז

מיין נאָמען געאַכפּערט צווישן די פעלקער, איר אָבער פאַרשוועכט עס". און אויך צו די כוהנים און צו די לווים איז געווענדט זיין שטראָף: זיי זאָלן היטן "דעם בונד פון לעבן און פון פרידן". דער כוהנישער אידעאַל פון מלאכי, וואָס ער שילדערט אים מיט גרויס באַגייסטערונג, איז דער אידעאַל "פון אַ מענטשן, וואָס אין זיין מויל לעבט די לערע פון אמת, און וואָס פון זיינע ליפּן גייט ניט אַרויס קיין אומרעכט; ער גייט פאַר מיר אין פרידן און אין רעכטפאַרטיקייט און קערט פיל מענטשן אָפּ פון זינד, וואָרעם די ליפּן פונם כוהן מוזן היטן דערקענטעניש, און לערע זאָל מען פון זיין מויל הערן, וואָרעם ער איז דער שליח פון גאָט".

אזא אָנשויאונג אויף דער כהונה איז אויך די אָנשויאונג פון די עלטערע נביאים. אָבער דער נייער וויטערשאַפנדיקער עלעמענט, וואָס די נביאים פון נאָכן גלות האָבן פאַרוועבט אין זייערע רעדעס, איז געווען דאָס "געזעץ", דער שוץ פון ישראל אין גלות און אין די טעג פון דער נייער גרינדונג פון זיין פאָלקסטום. מיט דעם מוסר צו היטן און צו ערפילן דאָס דאָזיקע געזעץ האָט דער לעצטער נביא געשלאָסן זיינע נביאות, מילד און פייערלעך, עלעגיש און דאָך ווידעראַמאָל טרייסטלעך קלינגט דערדאָזיקער מוסר פון וויטע צייטן צו אונז: "געדענקט די תורה פון משה מיין קנעכט, וועלכע איך האָב אים געגעבן אויפן באַרג חורב, חוקים און משפטים. אָט וועל איך צו אייך שיקן דעם נביא אליהו, איידער עס וועט קומען גאָטס טאָג, דער גרויסער און דער שרעקלעכער. ער וועט אומקערן די הערצער פון די פאָטערס צו די קינדער, און די הערצער פון די קינדער צו די פאָטערס, איך זאָל ניט קומען וויסט מאַכן דאָס לאַנד".

דאָס איז אַ פיינער און אַ פּאָעטישער שטריך, וואָס דער לעצטער פון די נביאים פאַרענדיקט זיין טעטיקייט מיט דער ערינערונג וועגן דעם ערשטן און דעם גרעסטן, און מיט אַ בליק אין דער משיח-צייט פון דערפילונג פון דעם נביאישן אידעאַל און פון גאָטס גרויסן טאָג.

* *

*

אז דאָס בוך דניאל געהערט ניט צו די אייגנטלעכע נביאים, באַווייזט שוין דאָס, וואָס ער איז איינגעשלאָסן אין די כתובים פון דער העברעאישער ביבל, בשעת אין קריסטלעכן קאַנאָן קומט ער מחמת דאָגמאַטישע טעמים דירעקט נאָך דעם נביא יחזקאל. יאָרהונדערטן זיינען אַריבער, און קיין נביאישע רעדעס האָבן זיך שוין מער ניט געלאָזט

הערן, און די איבערצייגונג, אַז די נבואה איז אויף אייביק אוועק פון יהודה, איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע. אָבער דאָס גאַרן נאָך איר איז נאָך אַלץ פאַרבליבן לעבעדיק אין די געמיטער, און איז אַלץ געוואָרן שטאַר־קער, וואָס טרייסטלאָזער עס איז געוואָרן די לאַגע, און וואָסליידנשאַפט־לעכער דער בליק האָט זיך געמוזט ווענדן צו דעם פון די אַלטע נביאים צוגעזאָגטן עתיד.

יאָ, פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן העברעערטום איז מיט דער צייט געוואָרן אַ ספּיריטואַליסטישער יידנטום, וועלכער האָט אין גאָטס מלוכה פון יענער וועלט געזוכט דאָס, וואָס זיינע עלטערן האָבן פאַר־צייטן, געפונען דאָ אויף דער ערד. דעמדאָזיקן דואַליזם שטעלט פאָר דאָס בוך דניאל, וואָס באַשטייט פון צוויי העלפטן, און איז געשריבן טיילווייז אַראַמיש און טיילווייז העברעאיש. אפנים, אַז דאָס ווערק איז אין זיין איצטיקער געשטאַלט אַנטשטאַנען אין דער צייט פון אנטיוכוס עפּיפאַנעס (164—175 פאַר קר. געב.). כדי צו הייבן דעם געבראָכענעם מוט פונם פאָלק, האָט דער דיכטער אָנגעקליידט זיינע זעאונגען אין דער קליי־דונג פון די אַלט־העברעאישע נביאים און באַצירט זיי מיט דעם נאָמען פון דעם פרומען דניאל, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם קיניג נבוכדנאצר, און וואָס זיין אָנדענקונג איז ביי דעם פאָלק געווען פאַרהייליקט.

דאָס מערקווירדיקע בוך פאַרלירט גאָרנישט פון זיין רייץ, ווען מען הייבט אויף דעם שלייער פון די זאָרגזאַם פאַרהילטע ביל־דער, און מיר נעמען גערן אָן דעמדאָזיקן פאַקט, וועלכן מ׳קאָן קוים אָפּפרעגן. אַפילו ווען מען נעמט אָן, אַז אַלס גאַנצע איז עס פאַרשריבן געוואָרן ערשט אין די צייטן פון דער פרעמדער סירישער הערשאַפט, בלייבט דאָס בוך דניאל אַלץ נאָך אַ מערקווירדיק ווערק, וואָס שיל־דערט מיט פּאָעטישער פרייהייט די אייגענע פילבאַדייטנדיקע צייט אין אַ ווייטער שפּעטערדיקער, ער „מאַכט די פאַרגאַנגענהייט צו קעגנוואַרט״, און די קעגנוואַרט צו פאַרגאַנגענהייט, ניט מיט דער כוונה צו מאַכן אַ פּוסטע שפּיל מיט די צייטן, נאָר אויף אַ וויפל נאָר מעגלעך ווירקזאַמסטן אופן צו דערהויבן און אויפצוריכטן די קעגנוואַרט, און דורך דער אויפלעבונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיט די האָפענונגען אויף דער צוקונפט אָנצוצינדן אין איר די שטרעבונג צו גרויסע מעשים.

ניט פון היסטאָרישן, נאָר פון רעליגיעזן און פון פּאָעטישן שטאַנד־פּונקט מוז מען דאָסדאָזיקע בוך אָפּשאַצן, און מען וועט דאַן אין אים דערקענען אַ ירושה־ווערק פון די אַלטע נביאים. אין פאַנטאַסטישע ביל־דער און אין טונקעלע וויזיעס, וועלכע האָבן דאָך אַלע אַ באַדייטונגס־

פולן הינטערגרונד, ווערן אַרויסגעפירט די פיר גרויסע מלוכות פון דער וועלט: די בבלישע, די מָדַי־פערסישע, די מאַצעדאָניש־גריכישע און די סירישע, — גלייך ווי פירווילדע חיות, וואָס די לעצטע פון זיי האָט צען הערנער. דידאָזיקע צען הערנער — דאָס זיינען צען מלכים, פון וועלכע דעם לעצטן ווערן צוגעשריבן די „גרוילן פון פאַרוויסטונג״, וועלכע דויערן ביז אַ צוגעשיקטער מלאך פון גאָט גרינדעט אויף דער ערד די מלוכה פון הימל. דאָס באַטייט אַפּנים אַ רמז אויף אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וואָס אין זיין צייט האָט דער דיכטער געלעבט און וואָס זיין גורל האָט ער געשילדערט אין אַ מערקווירדיקן חלום.

ווען מען נעמט אָבער אין אַכט די היסטאָרישע זייט, און ווען מען אָנערקענט די באַלערנדיקע רעדעס נאָר ווי פאַרשטעלטע שילדע־רונגען פון אַ טרויעריקער צייט פון אַלגעמיינער מוטלאָזיקייט און צע־מישונג, ווי פּאַטריאָטישע שטראָפרייד און וואָרענונגען פון אַ באַגייס־טערטן פרומען מענטשן, און דאָסגלייכן ווי אַ טרייסטנדיקע הבטחה אויף נאָענטער מלכות שמים — אָנשטאָט צו טאָן ווי די גלויביקע טע־אָלאָגיע, וועלכע האָט זיי אויסגעטייטשט, אַז זיי גייען אויף נאַפּאָלעאָ־נען, אויף דער דייטשער מלוכה און אַנדערע דערשיינונגען פון דער נייער צייט, — דאַן וועט מען אין דעם בוך דניאל זען איינע פון די אָריגינעלסטע שאַפונגען, וועלכע איז פול מיט אויפריכטיקער רעליגיע־זישקייט, פייערדיקער פאַנטאַזיע און מיט קינסטלערישער פאַרענדיקט־קייט אין די בילדער, דערציילונגען און וויזיעס. די אימה פון דער געהיימניספולקייט, וואָס אָטעמט אַדורך דאָס גאַנצע גאַנצע בוך, שאַפן אַ זעלטענע שיינקייט, און דאָס פאַרכאַפּנדיקע בילד פון בלשצארס מאָל־צייט אין פינפטן קאַפּיטל, מיט דער אויפשריפט, וועלכע איז אַלעמען באַקאַנט „מנא מנא תקל ופרסין״ (געציילט, געציילט, געוואויגן און גע־פונען פאַר צו־לייכט) ווערט אָנערקענט אַלס פּראַכטפול ווערק פון דער ביבלישער פּאָעזיע.

דאָס בוך דניאל האָט אָבער אחוץ זיין צייט אַ גרויסע היסטאָ־רישע באַדייטונג דערפאַר, וואָס אין אים זעען מיר די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די משיחישע אידעען און האָפענונגען, וועלכע זיי־נען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די שריפטן פון די פריערדיקע נביאים. פון דעם בוך איז אַרויס די אַפּאָקאַליפּסישע ליטעראַטור, וועלכע האָט געדינט אַלס בריק צווישן קריסטנטום און דער צווישן־צייט, ווען עס זיינען קיין נביאים ניט געווען, און פאַראייניקט דעם געשיכטלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם נייעם מיט די נביאות פון דעם אַלטן טעסטאַמענט.

מיט דעם פרומען אויפרוף צו ישראל: „דו אָבער גיי צו דיין ענדע און באַרואיק דיך און שטיי אויף צו באַקומען דיין שכר צו דער ענדע פון די טעג‟. ענדיקט זיך דאָס זעלטענע געהיימניספולע בוך און מיט אים צוזאַמען דער קרייז פון דער ביבלישער ליטעראַטור, — די ביבל גופא, וועלכע הייבט זיך אָן מיט דער קינדהייט פון דעם מענטשן־מין און באַגלייט אים ביז דעם סוף פון די טעג אין דער מלכות־שמים, — וועלכע איז ניט נאָר אַ פאָלקסבוך, נאָר, ווי געטע באַמערקט: „דאָס בוך פון די פעלקער, ווייל עס האָט דעם גורל פון יידישן פאָלק פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון אַלע איבעריקע פעלקער; פאַרבינדט זייער געשיכטע מיט דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט און דורך אַ טרעפּ־ריי פון ערדישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, פון נויטווענדיקע און צופעליקע געשעענישן פירט עס זיי אַרויס אין די ווייטסטע ספערן פון דער סאַמע עקסטער אייביקייט‟.

IV. דער קאַנאָן.

ווען איז דידאַזיקע זאַמלונג פון ביכער, וועלכע מיר רופן היינט די ביבל, געשלאָסן, דורך וועמען און אויף וואָס פאַר אַן אופן? דידאַזיקע פראַגן האָט זיך שוין געוויס יעדער אויפמערקזאַמער לעזער פון דער ביבל פאָרגעלייגט און, אָפּהענגיק פון זיין רעליגיעזן שטאַנדפּונקט אויף דערדאָזיקער שריפט, אַליין געזוכט זיי צו פאַרענטפערן.

די אויפקלערונג, וועלכע ער קאָן וועגן דעם געפינען ביי דער ביבל-קריטיק, באַשטייט אין דעם, וואָס, אַנטשפּרעכנדיק די פיר שיכטן, פון וועלכע די ביבל באַשטייט, דעם חומש, די נביאיש-היסטאָרישע און פּאָעטישע ווערק, ווי די איבעריקע ביכער,—איז אויך איר אַלגעמיינע אָנערקענונג און אָנגענומענקייט אַלס ריכטשנור (קאַנאָן) פון לעבן פאָרגעקומען ביס-לעכוויז אין פאַרשיידענע פּעריאָדן. אָבער קעגן דערדאָזיקער אַלגעמיי-נער הנחה, לויט וועלכער דער קאַנאָן פון דער ביבל איז געשלאָסן געוואָרן אַן ערך צום סוף פון צווייטן יאָרהונדערט פאַר קר. געב., שטייט דאָס וואָרט פון דעם היסטאָריקער, וואָס איז געשריבן קוים מיט איין יאָרהונדערט שפּעטער:

„עס איז באַקאַנט, מיט וואָס פאַר אַ גלויבן מיר גלויבן אין די הייליקע ספרים. אין דעם גרויסן משך פון דער פאַרגאַנגענער צייט וואָלט זיך קיינער ניט ערלויבט צו זיי עפּעס מוסיף צו זיין, אָדער זיי צו פאַרמינערן, אָדער עפּעס אין זיי איבערצושטעלן. עס איז אַלע יידן פון זייער אָנהייב אָן איינגעבוירן צו האַלטן זיי פאַר דער לערע פון גאָט, געטריי זיי צו בלייבן און, אויב דאָס איז נייטיק, מיט ליבשאַפט אָפּצוגעבן פאַר זיי דאָס לעבן".

לאָזט זיך עס דען גלויבן, אַז אַזעלכע ווערטער האָט מען גע-קאָנט שרייבן וועגן אַ בוכזאַמלונג, וועלכע איז ערשט מיט איין יאָר-הונדערט פריער קאַנאָניזירט געוואָרן, און וועגן וועלכער מיר האָבן די עדות פון בן-סירא, „אַז זיין זיידע האָט פלייסיק געלערנט די תורה,

די נביאים, און די איבעריקע דורך די פּאָטערס אָנגעשריבענע ביכער"?

ווען מען זאָל אָבער, שטיצנדיק זיך אויף דעם אַווטאָריטעט פון יענער עדות, רעכענען, אַז איינציקע ווערק פון דער ביבל זיינען ניט אַזוי שפּעט אַנטשטאַנען, וואָלט מען געקאָנט פולקום באַפרידיקן זיך מיט דער ערקלערונג, אַז די תורה, אַלזאָ דער חומש, איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין דער צייט פון עזרא, די עלטערע געשיכטע-ביכער און די נביאים — פון עזראס פאָרגייער און די חברים פון זיין צייט, און די שפּעטערדיקע שריפטן—פון זייערע נאָכפאָלגער. אַז נאָכדעם איז נאָך לויט אַ שפּעטערדיקן באַשלוס דאָס אָדער יענץ בוך, צוליב זיין נאַציאָנאַלן גייסט, איינגעשלאָסן געוואָרן אין קאַנאָן, — דאָס לאָזט זיך שיקן. אַלנפאַלס וועלן מיר מוזן לפּחות אויף איין יאָרהונדערט גיין אויף צוריק, ד. ה. אין מיטן דעם דריטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט, כּדי עס זאָל מעגלעך זיין אויסצוגלייכן די צווייטע קאַנאָנישע זאַמלונג מיט די היסטאָרישע עדות פון יענער צייט און פון די דורות, וועלכע האָבן געלעבט אוממיטלבאַר נאָך זיי.

ווער זיינען געווען די זאַמלער פון קאַנאָן — דאָס האָבן מיר שוין אָנגעמערקט. עזראס און נחמיהס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער נאַציע זיינען שוין אָפּגעשאַצט געוואָרן בעתן באַטראַכטן די שריפטן, וועלכע טראָגן זייער נאָמען, און דעריבער בלייבט אונז נאָר צו ריידן וועגן יענער „גרויסער סינאַגאָגע" (כּנסת הגדולה), וועלכע ערשיינט פּלוצלונג און אָן פאַרמיטלונג, כּדי תּיכּף פונקט אַזוי שנעל ווידער צו פאַרשווינדן אין דער פינסטערניש פון דער געשיכטע. ווער זיינען עס געווען דידאָזיקע „מ ע נ ע ר פ ו ן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר פ אַ ר זאַ מ ל ו נ ג", וועלכע האָבן די רעקאָנסטרואירונג פון יידנטום אָנגעהויבן, געפירט און אויסגעפירט? אָדער איז דאָס ווירקלעך געווען נאָר אַ „פיקציע מצד די תּלמידי-חכמים, כּדי די געשיכטלעך פוסטע צייט פון עזרא ביז דעם סנהדרין אויסצופילן, און דער גאַנצער היסטאָרישער יסוד פון דערדאָזיקער פיקציע זאָל זיין נחמיהס דערציילונג, אַז אין עזראס צייט איז די תּורה פייערלעך אָנגענומען געוואָרן פון אַ „גרויסער פאָלקספאַרזאַמלונג"? ניט קוקנדיק אויף די שאַרפזיניקע אונטערזוכונגען פון א. קינען, איז נאָך די מחלוקת איבער דערדאָזיקער פראַגע ניט געענדיקט. מען האָט אָבער אונטער „כּנסת הגדולה" אָן ספק פאַרשטאַנען אַלע יענע געלערנטע, וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון דער תּורה פאַר דעם משך פון דער צייט, וועלכע פאַרענדיקט די קייט פון דער מסורה, וואָס ציט זיך פון משה צו יהושוע, פון יהושוע צו די זקנים, און פון די זקנים צו די נביאים.

אויף זיי איז געלעגן דער חוב צו נאָרמירן פאַר דער נייער גע־מיינדע די גאָטסדינסטלעכע און אַלע איבעריקע רעליגיעזע באַדערפע־נישן, זיי האָבן געדאַרפט פאַרענטפערן אַלע פראַגן, ערליידיקן אַלע ספקות, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען ביי די נייע אָרדענונגען, און אפשר זיינען זיי עס אויך געווען די, וואָס האָבן אונטערגענומען די הגהה, די דערפילונג און די קאַנאָניזירונג פון די ביבלישע ביכער. משונה איז, וואָס פון די אַלע איז ביי אונז געבליבן נאָר איין נאָמען, דער נאָמען פון שמעון הצדיק, וועלכער איז געוויס אידענטיש מיט דעם כּוהן גדול שמעון I. זיין מימרא: „זייט פאָרזיכטיק אויפן געריכט, שטעלט אויף וואָס מער תּלמידים, און מאַכט אַ צאַם צו דער תּורה״ — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט און אירע שטרעבונגען.

ווי אָבער דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן דאָס פאַרבלייבן, דאָס פאַר־היטן, דאָס איבערקוקן און דאָס קאַנאָניזירן פון די ביבלישע שריפטן? דאָס איז די לעצטע און די שווערסטע פראַגע; וואָרעם אַן אומדורכ־דרינגלעכע טונקלקייט ליגט איבער דעמדאָזיקן קאַנאָן, און קוים אַ שוואַכער היסטאָרישער שטראַל רייסט זיך דורך איר אַדורך. דאָ האָט די היפּאָטעזע אַ פריי פעלד, אויף וועלכן זי קאָן טאָן, וואָס זי וויל, ניט באַצוימט מיט קיינע היסטאָרישע קייטן און רעליגיעזע טעמים.

ווען מיר זאָלן וועלן פּשוט ערקלערן דעם פאַקט, וואָס איידער ר׳איז פאַרדרייט געוואָרן דורך היפּאָטעזעס, איז ער באמת פשוט און איינפאַך געוועזן, דאַן וואָלט אפשר בעסער פאַר אַלץ זיין אָנצונעמען, אַז דידאָ־זיקע שריפטן זיינען רעשטן פון אַלטע דאָקומענטן, וועלכע די כּוהנים האָבן געזאַמלט אין בית־המקדש.

אַ טעמפּל־ביבליאָטעק איז שוין פריער געוועזן. דאָס איז דערוויזן דורך דעם ריכטיקן אויסטייטש פון היסטאָרישע באַמערקונגען אין די ביבלישע ביכער. בעת דעם חורבן פונם ערשטן בית־המקדש איז אויך די ביבליאָטעק פון די יידן פאַרברענט געוואָרן, — אַזוי דערציילן שפּעטערדיקע גלויבווערדיקע שרי־פטשטעלער. ערשט פאַר עזראַן איז ווי־דער אויפגעשטעלט געוואָרן דערדאָזיקער אַרכיוו, וועלכער האָט זיכער אָין זיך געהאַט אַ פולע שריפטן, איבער וועלכע מיר געפינען אין חומש ווי אין אַנדערע היסטאָרישע שריפטן פון דער ביבל פאַרשיידענע באַ־מערקונגען, און וועלכע האָבן געבילדעט אַ הייליקע נאַציאָנאַלביבליאָטעק, וואָס מען האָט אין יענער צייט איינגעאָרדנט און געזאַמלט.

די ס ו פ ר י ם (שרייבער, געלערנטע), וועלכע האָבן, צום באַ־וואונדערן, גאָר נישט אָנגעשריבן, האָבן דעמאָלט איבערגעקוקט דידאָ־

זיקע דאָקומענטן און קאָפּיעס און אויסצוגן פון זיי פאַרשפּרייט אין
פאָלק, כדי צו קרעפטיקן און צו שטאַרקן דעם רעליגיעזן געפיל. דאָס
פעסטשטעלן פון דעם ביבלישן טעקסט, וועלכער איז נאָך שפּעטער אויך
פיל מאָל געענדערט געוואָרן, איז זיכער זייער גרויסער פאַרדינסט גע=
וועזן. ס'איז נאַטירלעך, וואָס דידאָזיקע שריפטן, די טייער געהאַלטענע
רעשטן פון דער אַלטער טראַדיציע האָט מען פאַרהייליקט און הויך
געשעצט. און דידאָזיקע רעליגיעזע אַכטונג, וועלכע האָט, נאַטירלעך,
אַנטשפּראָכן זייער אינהאַלט, האָט זיי שטרענג אויסגעטיילט פון דער
גענוג רייכער ליטעראַטור פון די העברעאישע שריפטן, וועלכע האָבן
נאָך דעמאָלט בלי ספק עקסיסטירט, אַזוי אַז זיי האָבן לויט זייער אויס=
זען און אינהאַלט אַליין זיך אייגע די אַנדערע געפונען.

מען האָט נאָר געבראַכט אין אַ געזעצלעכער נאָרם דאָס, וואָס
האָט שוין פון לאַנג אָן געלעבט אין באַוואוסטזיין פונם פאָלק, און איז
שוין אַזוי טיף געווען אייַנגעוואָרצלט, אַז אַפילו שריפטן, וואָס מען האָט
שוין זייער באַדייטונג מער ניט פאַרשטאַנען, האָט מען אַריינגענומען
אין דערדאָזיקער זאַמלונג נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געפונען
אינם אַרכיוו פון בית=המקדש. אַזוי קאָן מען זיך אומגעפער קלאָר מאַכן
די אַנטשטייאונג פונם קאַנאָן. דידאָזיקע השערה ליידט ניט אויך דער=
פון, וואָס די נייערע פאָרשער קוקן אויף דער עקסיסטענץ פון דער
כנסת=הגדולה מער ניט ווי אויף אַ לעגענדע, ווי אויף אַן עקזעגעטישן
מיטאָס. ביי אַלע „בוך=רעליגיעס" איז עס אין אַלטערטום געוואָרן אַ נאַ=
טירלעכער געזעץ, אויף אַ געוויסן פונקט פון זייער אַנטוויקלונג צו=
באַפעסטיקן...

אַז נאָכדעם, אין דער צייט פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועלכער
האָט זיך באַמיט „יעדעס הייליקע בוך צו פאַרניכטן" און האָט באַ=
שטראָפט יעדן, ביי וועמען אַזאַ בוך האָט זיך געפונען, איז דידאָזיקע
גרויסע זאַמלונג פון ס'ניי צעשטערט געוואָרן—דאָס איז מער ווי וואַר=
שיינלעך. אָבער איר אינהאַלט האָט מען שוין מער ניט געקענט לגמרי
פאַרניכטן, ער האָט שוין געלעבט צו שטאַרק אין פאָלק, און זיינע
וויכטיקסטע טיילן זיינען שוין אין דעם פריערדיקן פעריאָד אומעטום פאַר=
שפּרייט געווען. דעריבער האָט מען געקאָנט באַלד נאָך דעם חנוכת=הבית
אונטער די מאַקאַבעער ווידער אין אָרדענונג ברענגען די זאַמלונג פון
די הייליקע שריפטן.

אַלע איבעריקע ווערק, אַנאַלן און געזעצן, בביאישע ביכער און געדיכטן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען און חוץ אייניקע נעמען איז פון דער גאַנצער, אויסער דעם קרייז פון דער ביבל אַרויסגייענדיקער, העברע־אישער ליטעראַטור גאָרנישט איבערגעבליבן. מיר ווייסן נאָר פון „ספר מלחמות יהוה”, פון בוך „המושלים” און פון „ספר הישר”, פון מלוכה־אַנאַלן, פון נתנס און גדס געשיכטע־ביכער, דריי טויזנט שלמהס משלים און טויזנט פינף הונדערט שלמהס לידער, פון שמעיהס, אחיהס, עידוס און יהואס געשיכטע־ביכער, פון ישעיהוס אַ כראָניק, אָבער אַחוץ אייניקע פערזן, וועלכע די ביבל זעלבסט ברענגט, זיינען קיינע שפורן ניט געבליבן פון דעמדאָזיקן שריפטטום.

עס איז צווישן די געלערנטע, באַטירלעך, אַנטשטאַנען אַ לעב־האַפטער שטרייט, צי זאָל אין דערדאָזיקער הייליקער זאַמלונג אַריין דאָס אָדער יענס בוך, וואָס זיין אינהאַלט איז ניט אינגאַנצן פאַרשטענד־לעך געוועזן. דערויף ווייזן אָן אויך די נאָטיצן פון דער שפּעטערדיקער שריפטטום, וועלכע מען האָט אַזוי אָפט געוואָלט אָנווענדן אויף דער ערשטער ביבל־זאַמלונג.

די געלערנטע און די כוהנים, וועלכע זיינען בנוגע פראַגן פון רעליגיע געוועזן די העכסטע אויטאָריטעטן, פלעגן אויך אין דעמדאָזיקן שטרייט אַנטשיידן, און נאָר יענע ביכער זיינען אָנערקענט געוואָרן, וועלכע מיר האָבן נאָך איצט, און וועלכע האָבן געקענט פאַררעכנט ווערן פאַר ריכטיקע קאָמפּענדיען און קאָפּיעס.

דידאָזיקע סברא דאַרף מען נאָך ברענגען אין הסכם מיט דער מיינונג, אַז די פאָרשטעלונג וועגן אַן אָפיציעלער הייליקונג פון די קאַ־נאָנישע ביכער איז איבערגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור נאָר פון דער דאָגמאַטיק און האָט קיין געשיכטלעכן יסוד ניט. דידאָזיקע ביכער זאָלן האָבן, פאַרקערט, באַקומען זייער כאַראַקטער ביסלעכווייז אויף אַ פרייען אופן, און די אָפיציעלע אַפּראָבאַציע איז שוין געקומען שפּעטער, אפשר מיט דעם ציל, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די אָנגרייפן אויף זייער אומבאַ־דינגטן אויטאָריטעט.

יוסף פלאַוויוס ברענגט שוין די נעמען פון איינצלנע ביכער, און באַשטימט זייער צאָל, לויט דער צאָל פון די אותיות פונם אלף־בית 22, דערביי רעכנט ער איכה אַלס אַ טייל פון ירמיה, און רות אַלס אַ טייל פון שופטים. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג די גאַנצע זאַמלונג האָט געהאַט, און ווי הויך דאָס פאָלק האָט עס געאַכט און געשעצט אָן אַ באַזונדער פייערלעכן אַקט פון קאַנאָניזירונג, — דאָס האָבן מיר שוין געהערט פון דעם דערמאָנטן היסטאָריקער, „וועלכער האָט געזען

אין די עפנטלעכע שפּילן די פּיינען און די פאַרשיידענע מיתות משונות פון פילע יידישע געפאַנגענע, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער תורה און פון דעם, וואָס דאָרט איז פאַר זיי אָנגעצייכנט".

אַזוי אַרום קאָן מען באַהויפּטן, אַז קיין קאַנאָן אין אייגנטלעכן זינען איז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן און פונדעסטוועגן האָבן די ביבלישע ביכער אַדאַנק זייער אינהאַלט און זייער אָפּשטאַמונג זיך אויסגעצייכנט און זיינען פאַרבליבן אַלס הייליקע דענקמעלער פון אַ גרויסער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט.

צווייטער פעריאָד

די יידיש=העלעניסטישע ליטעראַטור

פון 200 פאַר ביז 100 נאָך קר. געב.

אַריינפיר.

אין דעם פאָלק, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל קיין פּאַלעסטינע, איז פאָרגעקומען אַן אייגנאַרטיקע ענדערונג. אַרויסגעגאַנגען אין גלות זיינען זיי אַלס געצנדינער און נאַטורפאַרערער און צוריקגעקומען זיינען זיי אַלס פרומע געזעלשאַפט. פונם פאָלק איז געוואָרן אַ געמיינדע. צי דער דרוק פונם גלות האָט דידאָזיקע פאַרוואַנדלונג געבראַכט, צי האָבן דאַמאָלסט די פּאַטריאָטישע מענטשן זיך ענג צוזאַמענגענומען און געשאַפן אַזאַ געמיינדע, אין וועלכער די ירושה פון די עלטערן איז פאַרהיט געוואָרן, צי האָבן דעם רוף צוריקצוקערן זיך אַהיים דעמאָלט ווירקלעך געהערט און געפאָלגט נאָר די טעאָקראַטיש-געזאָנענע מענטשן, די כוהנישע משפחות, — דאָס אַלץ איז אומבאַקאַנט געבליבן, פאַרבאָרגן אין דער טונקלקייט פון די צייטן. וואָרעם קיין פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע און אין דער געשיכטע פונם יידישן גייסטיקן לעבן איז ניט געבליבן אַזוי לגמרי אומבאַקאַנט, ווי דערדאָזיקער. מחמת דעם בלייבן אויך די וויכטיקסטע געשעענישן פון דערדאָזיקער צייט אין ספק. אָבער איר פולקומע געשיכטלעכקייט ווערט איצט פון דער היסטאָרישער פאָרשונג כמעט אַלגעמיין אָנערקענט. בלויז דער קאַנאָן בלייבט נאָך דער ריכטשנור פאַר דעם אָנהייב פון דעם פעריאָד; ער שיידט פונאַנדער צווישן דעם אַלטן פאָלק ישראל און צווישן דעם נייעם יידנטום, וואָס זיין געשיכטע און ליטעראַטור הייבן זיך איצט ערשט אָן, פאָרטזעצנדיק די אַלטהעברעאישע.

נאָר מיט פעלקערפּסיכאָלאָגישע מאָטיוון לאָזט זיך ערקלערן דער מערקווערדיקער פאַקט פון יענער היסטאָרישער וואַנדלונג, וועלכע האָט פונם העברעערטום געשאַפן דאָס נייע יידנטום. די צוריקגעקערטע איז געלונגען צו שאַפן אַ נייע רעליגיעזע געמיינדע, ווייל זיי האָבן אויפגעהיט זייער אייגנאַרטיקייט אויך אין דער פרעמד, און ווייל זיי זיינען געווען פול מיט אַ גרויסער גייסטיקער אידעע, וועלכע האָט אין זיך

געהאַט דעם קערן און דעם יסוד פון דעם נייעם בנין. גאָר ווייניק און ניט מַמָשותדיקס האָבן זיי מיט זיך אַהיים געבראַכט פון דעם פּאַרסיזם, אפשר אַפילו ניט די היעראַרכיע פון די מַלאכים, וועלכע האָט, איבעריקנס, אין יידנטום קיינמאָל צו קיין דאָמינירנדיקע ראָלע ניט דערגרייכט. אָבער די גרונדגעדאַנקען פון זייער גלויבן זיינען געבליבן לגמרי אויסער דער השפעה פונם פּאַרסיזם, און קעגן דעם אָרמוזד און אַחרימַן פונם פּאַרסנטום האָט דער נביא, וואָס האָט געלעבט און געלערנט דאָס פּאָלק אין גלות, אַנטשלאָסן אַרויסגעשטעלט „דעם גאָט, וואָס שאַפט ליכטיקייט און פינסטערניש, מאַכט פרידן און בייז, וועלכער שאַפט אַלץ".

די גרונדשטימונג, וועלכע האָט באַהערשט די נייע געמיינדע, איז געווען שטרענג אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון תורת משה. דעריבער האָבן אַלע פרעמדע עלעמענטן געמוזט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יונגער קאָלאָניע. עס איז באַקאַנט דער הייסער קאַמף, וועלכן זי האָט געמוזט אויסשטיין קעגן די פאַרבליבענע אין שומרון אֶפְרַיִמיטן, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען גֵרים, אַ גרויסער געצנדינערישער עֶרֶב־רַב. דערדאָזיקער קאַמף האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער שפּאַלטונג און צו דער ערשטער אַנטשטייאונג פון סעקטעס אין יידנטום. די שומרונים, וואָס זייער הייליקע שטאָט איז געווען שכם און זייער הר־הבית — גריזים, האָבן זינט אַן ערך דעם 409 יאָר פאַר קר. געבילדעט אַן אומאָפּהענגיקע געמיינדע, וועלכע איז אָבער קיינמאָל ניט אויסגעוואַקסן און איז פאַרבליבן אין זייער אָרעמע רעשטן; דאָס גלייכן האָט אויך זייער ליטעראַטור קיינמאָל קיין שום באַדייטונג ניט געהאַט.

אָבער וואָס ענערגישער יעדער פרעמדער עלעמענט איז אָפּגעשטויסן געוואָרן, אַלץ שטרענגער האָבן זיך אַנטוויקלט די רעליגיע און דער קולט פון דער יונגער געמיינדע אין זייער אייגנאַרטיקייט. די כּוהנים, וועלכע זיינען נאַטירלעך, זינט מען האָט זיך אומגעקערט פון גלות, געוואָרן דער אָנפירנדיקער עלעמענט, האָבן געשטרעבט שריפטלעך צו פאַרפיקסירן דאָס געזעץ, כּדי צו פאַרזיכערן זיין קיום אויף אַלע צייטן, און קיין נייער עלעמענט זאָל אין אים ניט קאָנען אַריינדרינגען. דעריבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעליגיעזע פּאָלקסערציאונג, וועלכע איז מיט דער צייט אריבער די גרענעץ פון דעם כּוח פון דער כהונה, און האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען דאָס יידנטום אין אַ נייער ריכטונג. די לעוויטישע היעראַרכיע פון די כּוהנים איז ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען, אָבער דאָס יידנטום איז פאַרבליבן און האָט ווייטער געלעבט אין זיין לערע. דעם אָרט פון די כּוהנים האָבן פאַרנומען די-

וואָס האָבן געוואוסט די תורה, וועלכע האָבן געדאַרפט ערקלערן און אויסטייטשן דאָס געשריבענע וואָרט, די שוין דערמאָנטע סופרים, אַזוי אַז דעם משך צייט פון עזראן ביז דעם ערשטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט קאָן מען אייגנטלעך אָנרופן דער פעריאָד פון די ס ו פ ר י ם.

ווען מיר וואָלטן אין דעמדאָזיקן ווערק ניט פאַר מאָסגעבנדיק געהאַלטן ריין ליטעראַרישע מאָטיוון, וואָלטן מיר באַדאַרפט דעם ערשטן פעריאָד פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרענדיקן מיטן גלות בבל, און דעם צווייטן אָנהייבן פון די אַגיאָגראַפן. אָבער מחמת פיל טעמים שיינט אונז צוועקמעסיקער צו באַהאַנדלען די ביבלישע ליטעראַטור צוזאַמען אין איר גאַנצער אַנטוויקלונג, און נאָכדעם ווידער אומקערן זיך צו יענער צייט, וואו, לעבן דעם נביאישן און דידאַקטישן עלעמענט פון די לעצטע ביבלישע שריפטן, הייבט זיך שוין אָן יענע נייע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט אין דעמדאָזיקן צווייטן פעריאָד דערגרייכט צו אויסשליסלעכער הערשאַפט: די ט ר אַ ד י צ י אָ נ ע ל ע אַנטוויקלונג פון דעם יידנטום. אין די לעצטע שריפטן פון דער ביבל געפינען זיך שוין די די זריעה-קערנער פון דערדאָזיקער ליטעראַרישער באַוועגונג, און אין די קינות פון די לעצטע נביאים לאָזן זיך שוין קלאָר הערן די לערעס פון די ערשטע שריפטגעלערנטע, וועלכע זיינען אונז באַקאַנט אַלס די וויכטיקסטע טרעגער פון דער ווייטערדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דידאָזיקע טראַדיציע בילדעט „די קראַפט פון דער אַנטוויקלונג, וועלכע עקסיסטירט כסדר אין יידנטום אַלס אַן אומגעזעענע שעפערישע, אַלס אַ באַשטימטער יֵש, וואָס באַקומט קיינמאָל ניט זיין פולן אויסדרוק, אָבער וואָס ווירקט און שאַפט שטענדיק". זי איז אין דעם יידנטום די נשמה, וועלכע באַלעבט דעם קערפער און פאַר דער יידישער ליטעראַטור—דער טרייבנדיקער עלעמענט פון דער גאַנצער ווייטערדיקער שאַפונג. אָבער פונקט אַזוי ווי זי באַקומט קיינמאָל ניט איר פולקומע באַשטימטקייט, אַזוי איז זי אויך ערשט גאָר שפּעט געקומען צום שריפטלעכן אויסדרוק. פאַר יענעם פעריאָד פון רעאָרגאַניזאַציע פונם פאָלק איז, אפנים, גראַדע דער וויכטיקסטער פרינציפ געווען ניט צו פאַרשרייבן גאָרנישט פון דעם, וואָס איז אַרויס פון דער „געטלעכער באַגייסטערונג". רעליגיעזע אינסטיטוציעס, און ניט שריפטלעכע דאָקומענטן, זיינען די באַווייזן אויף דער אַנטוויקלונג אין אַ משך פון מערערע יאָרהונדערטן, אין וועלכע דאָס יידנטום האָט צייט געהאַט זיך צו אָרגאַניזירן און פאָרמירן אין זיינע נאַטירלעכע גרעניצן אויפן יסוד פון געזעץ. אידעען, און ניט קיין ביכער, זיינען דער אויסדרוק פון דעמדאָזיקן פעריאָד, וועלכער האָט אָבער אויך פאַר דער ליטעראַטור געהאַט ניט קיין

קליינע באַדייטונג, ווי שווער עס זאָל ניט זיין נאָכצופאָלגן דעם גאַנג פון דידאַזיקע אידעען ביז צו זייער שריפטלעכער פיקסירונג. שילדערן אַ ליטעראַטור, וועלכע איז ניט אויפגעשריבן געוואָרן, אָדער אַ ליטע־ראַטור, וואָס עקסיסטירט ניט מער, איז געוויס ניט קיין לייכטע אַרבעט, ווען מען וויל ניט בויען קיין לופטשלאָס אויף פונדאַמענטן פון פאַנ־טאַזיע, נאָר אָביעקטיוו איבערגעבן די גייסטיקע אַנטוויקלונג וועדליק די פאַקטן. ס'איז אָבער אויך אומזיסט די מי, צו פאָרשן דעם אַנטוויק־לונגסגאַנג פון די גייסטיקע אידעען, ווען מען האָט ניט אויסגעשטודירט דאָס רעליגיעזע און קולטורלעבן, און דער עיקר — דאָס לעבן פון די פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט אויסגעבילדעט אין יידנטום און באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דעם פעריאָד.

דער סוף פון דער פּערסישער הערשאַפט באַצייכנט צוגלייך די באַנייאונג פון געשיכטלעכן לעבן אין יהודה, אויף וויפיל דער סימן פון אַזאַ לעבן איז געווען די פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג פון די פּאַר־טייען. וואָרעם וואָס שטאַרקער עס איז די באַוועגונג פון דעם פּאַרטיי־לעבן אין פאָלק, אַלץ געזינטער און קרעפטיקער אַנטוויקלט זיך דער גייסט פונם פאָלק. די אַלץ צעדריקנדיקע הערשאַפט פון די פּערסער האָט געהאַט דעם איינפלוס אויפן יידישן פאָלק, וואָס עס האָט זיך ענג צוזאַמענגעצויגן אין זיינע רעליגיעזע גרענעצן און אויפגעשטעלט אַ צאַם אַרום זיין תּורה. די כּוהנים זיינען נאָך געגאַנגען מיט די שריפט־געלערנטע האַנט ביי האַנט. זיי האָבן דאָס פאָלק ערצויגן צו אַ ניכ־טערן און גאָטספאָרכטיקן לעבן. ערשט זינט דעם אָנהייב פון דער גרי־כישער צייט האָבן זיך זייערע וועגן געשיידט. אָבער די גייסטיקע קראַפט פונם פאָלק האָט געדרעמלט, און עס זיינען בייטיק געווען גוואַלדיקע שטויסן, כּדי די איינגעשלאָפענע רואיקייט אַרויסצוטרייבן פון די מוחות. מיט דעם אָנהייב פון דער גריכישער הערשאַפט קומט תּיכּף אָן אַ נייע ווענדונג. די הערשנדיקע שטאַמען דערפילן די ערשטע, אַז עס איז אָנגעשטאַנען אַ נייע צייט. צום ערשטן מאָל טרעטן אַרויס איינע קעגן די אַנדערע יידנטום און העלעניזם. דער רעזולטאַט איז אַ נייע פאָרם: די יידיש־העלעניסטישע ליטעראַטור, וואָס וועגן אירע ניט וויכטיקע רעשטן וועלן מיר נאָך שפּעטער ריידן און וואָס עקסיס־טירט שוין ניט מער אין דער מענגע פון אירע באַדייטנדסטע שאַפונ־גען. אָבער די צייט פון בילדן נייע פאָרמען איז אויך אַ צייט פון געפאַר פאַר דאָס קוים געקרעפטיקטע יידישע לעבן. וואָרעם יידן הייבן אָן צו געפינען, אַז דאָס גריכישע מהות איז גלענצנדער, דאָס גריכישע לעבן — רייכער און שענער ווי זייערס. אויך זיי ציט דאָס נייע צו. זיי

ווילן ניט נאָר אַליין דערפון געניסן, זיי ווילן אויך זייער פאָלק אַריינ־פירן אין דער נייער געדאַנקענוועלט. אָבער צום אומגליק האָט דאָס גריכנטום אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן און זיינע העלדישע מאַרשן פאַרטראָטן ניט נאָר דאָס שיינע און דערהויבענע, עס איז שוין געווען צעעסן פון דער אויסגעלאַסנקייט, וואָס אַזאַ איבערגעזעטיקטע בילדונג און קולטור ברענגען. און ווען די יידישע גרויסע מענטשן האָבן אַריינגעקוקט אין די שימערירנדיקע פּאַלאַצן פון די העלענער, האָט זיי פון דער צווייטער זייט אַ בליק אין די קליינע אינטערעסן פון זייער אייגענעם פאָלק געמוזט באַווייזן, אויף וויפיל העכער זייער אייגן פאָלק שטייט אין דער היגזיכט פון מידות, וויפיל געזינטער עס איז זיין נשמה, איידער יענער שטראַלנדיקער, אָבער פונדעסטוועגן שוין אין אַ גרויסער מאָס אָנגעפוילטער העלעניסטישער וועזן.

מיט וואַקסנדיקער מורא האָבן די פירער פון פאָלק און די פאַר־טרעטער פון דער תורה באַלד באַמערקט, וואוהין דאָס שטרעבן פון זייערע גרויסע לייט פירט. זיי האָבן שוין געזען די אומזיטלעכע געצנ־דינעריי פון יֶפֶת פאַרפלאַנצט אין די געצעלטן פון שֵם און אויף זיין באָדן פאַרשפרייט. די שפּאַלטונג איז אָנגעקומען. די געהויבענע משפחות פון די כוהנים זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרזונקען אין דער דע־מאָלטיקער גריכישער לייכטזיניקייט און אויסגעלאַסנקייט; די שריפטגע־לערנטע און די פאַטריאָטיש געשטימטע האָבן זיך אַלץ מער אין זיך מצמצם געווען און שטרענג אָפּגעשטויסן פון זיך יעדע באַרירונג מיט דעם פרעמדן העלעניסטישן וועזן. צי יענע אַריסטאָקראַטישע משפחות האָבן זייער נאָמען באַקומען אַדאַנק אַ כוהן גדול, וואָס זיין נאָמען איז געווען צדוק, צי צוליב עפּעס אַן אַנדער סיבה, — נאָר דעם נאָמען צדוקים באַגעגענען מיר אין דער ליטעראַטור אין יענעם פעריאָד, בשעת די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פון די שריפטגעלערנטע האָט זיך גערופן פרושים (אָפּגעזונדערטע).

ווי אַלעמאָל, ווען עס ברעכט אויס אַזאַ קאַמף, אַזוי טרעטן אויך דאָ תיכף די קעגנזעצלעכע אָנשויאונגען אַרויס אין זייערע עקסטרע־מען, און אַזוי איז אויך מעגלעך געווען, אַז מצד דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי זאָלן אַרויסגעשטעלט ווערן גוזמאות. מען האָט ניט בלויז זייער שעדלעכן איינפלוס, נאָר די פרעמדע בכלל ניט געוואָלט קענען, און מען האָט געוואָלט קעגן דער געפערלעכער השפעה פונם העלעניזם שאַפן אַ קעגנ־געוויכט אין דעם אויסערסט סקרופּולעזן, אַפילו פאָרמעל אַסקעטישן בליק אויף דער תורה. די, וועלכע האָבן דערצו באַזונדער געשטרעבט, האָט מען גערופן חסידים אָדער איסיים. שפּעטער, ווען דער פרינ־

ציפיעלער שטרייט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן זיי זיך מער און מער אין זיך זעלבסט איינגעשלאָסן און זייענן, אַזוי ווי די טעראַ־פּעווטן פון מצרים, מיט זייערע אָנשויאונגען אַרויס מחוץ דעם יידנטום. זיי זיינען געוועזן גיכער אַן אָרדן, איידער אַ פּאַרטיי.

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן פון די יידן קעגן די העַ־לענער און זייערע אָנהענגער. דאָס ערוואַכטע פאָלק האָט מיט ריזנקראַפט אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס אויף זייער הייליקסטער זאַך, אויף דער רעליגיע, אונטער דער אָנפירונג פון דער העלדישער מחנה פון די מאַקאַבעער, — אַ משפחה, וואָס איז ביז דאַן אומבאַקאַנט געוועזן אָבער אויך אומבאַ־רירט געבליבן פון דער אַלגעמיינער אויסגעלאַסנקייט. מיט דעם זיג פון די מאַקאַבעער האָבן די משפחות, וועלכע האָבן פריער אויסשליסלעך פאַרנומען די העכסטע אַמטן, געמוזט אָפּטרעטן אָן אַ זייט. אָבער דאָס פאָלק, וואָס טראַכט שטענדיק בלויז וועגן דעם סאַמע נאָענטסטן, און וואָס זיינע צילן זיינען אויך טיילווייז ניט קלאָר, האָט ניט געקאָנט אונטערהאַלטן די מאַקאַבעער אין זייערע גרויסע רעפאָרמפּלענער. זיי זיינען נייטיק געווען מענטשן ענערגישע און באַוואוסטזיניקע, וועלכע זאָלן פעאיק זיין די קעגנוואַרט צו באַגרייפן און די צוקונפט ניט צו פאַרזעען. אַזעלכע אָבער האָבן זיך געפונען נאָר אין די רייען פון די אַריסטאָקראַטישע משפחות, פון וועלכע זייער פיל זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון די שונאים און טיילווייז פאַרניכטעט געוואָרן, טייל־ווייז צוריקגעקערט זיך צום פאָלק. די צדוקים האָבן איצט פאַרנומען די פּאָליטישע, מיליטערישע און פּריסטערלעכע אַמטן, אַנטקעגן זשע האָבן די פּרושים געבילדעט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון די אויסטייטשער און לערער פון דער תורה. דער קעגנזאַץ צווישן די אָנגעזעענע כּוהנים מיט די חכמים פון דער תורה איז כּסדר געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער.

ביסלעכווייז ווערט טונקל דער גלאַנץ פון חשמונאים הויז. בלוטי־קער בירגערקריג און לסוף די הערשאַפט פון שרעקלעכן טיראַן, הורדוס דעם אדומי, מאַכן אַן גרויסע צרות אין די רייען פון דער אַריסטאָ־קראַטיע, ברעכן די קראַפט פון דעם פאָלק, וואָס דער שווערער יאָך פון די מעכטיקע רוימער איז שוין אויף אים געלעגן. לעבן דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע בילדעט זיך צוזאַמען מיט דער דורך הורדוס געשאַפענער אַ נייע אַריסטאָקראַטיע, די בייתוסים, וועלכע האָבן זייער נאָמען באַקומען פון דער פאַמיליע פונם כּוהן־גדול ביתוס. דידאָזיקע האָבן זיך נאַטירלעך אָנגעשלאָסן אָן דער קיניגלעכער הויז און אָן די רוימער, און פון זייערע רייען שטאַמען יענע באַוואוסטע כּוהנים גדולים, וועלכע

האָבן פאַרגיכערט די ירידה פון דער כהונה. מיט דער צייט האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעשטעלט פאַר די פלייסיק שאַפנדיקע פּרושים דער אויסזיכט אויף אַ ענדלעכן נצחון. אין דעם קאַמף פון דער טיראַנענ־מאַכט קעגן אירע צאַלרייכע פיינדלעכע עלעמענטן אין יידישן פאָלק האָט נאַטירלעך די פּאַרטיי פון די צדוקים פאַרלאָרן מער איידער די פאַרטיי פון די פּרושים. דער צעשמעטערנדער בליץ, וואָס גייט אַרויס פון דעם דעספּאָט, פאַרניכטעט מערער און פריער פאַר אַלץ די העכסטע שפּיצן פונם פאָלק. דערצו האָבן נאָך די פּרושים, אַלס דעמאָקראַטישער עלעמענט, שטענדיק רעקרוטירט זיך פונם פאָלק. מחמת דעם, און ווייל די שטרעבונגען פון די פּרושים האָבן מער אַנטשפּראָכן דעם יידנטום, האָט זיך דידאָזיקע פּאַרטיי מיט דער צייט קאָנסאָלידירט; דער עיקר אָבער מחמת דעם, וואָס זי האָט איבערגענומען די גייסטיקע אוצרות פון דער מסורה, און האָט זיי געוואוסט אָפּצוהיטן מיט אַזאַ ענערגיע, וועלכע וואָלט געקענט אַרויסרופן באַוואונדערונג אפילו מצד די שונאים און געבן די פּרושים אַ בעסערע רעפּוטאַציע, איידער זיי באַקומען אין דער ווירק־לעכקייט, צוליב די שלעכט פאַרשטאַנענע ערטער אין די ווערק פון שפּעטערדיקע שריפטשטעלער.

אָבער דער קעגנזאַץ צווישן קאָנסערוואַטיוון כוהנים־אַדל מיט די דעמאָקראַטישע שריפטגעלערנטע האָט זיך איצט אינגאַנצן אויסגעביל־דעט, און די מאַסע פונם פאָלק איז געגאַנגען מיט די לעצטע. די אַרט האַנדלונג פון די שריפטגעלערנטע האָט מער פאַר אַלץ אַנטשפּראָכן דעם פאָלקס באַדערפענישן און טראַדיציעס. אין דידאָזיקע צייטן פון אַלגע־מיינער צעמישונג, דראָענדיקער ירידה, וואַקסנדיקער אויסגעלאַסנקייט, לויערנדיקן פאַרראַט און אומדערטרעגלעכער טיראַניע האָט דאָס פאָלק אין זיי געזען די שטיצער און די היטער פון דער תורה. די תורה און די האָפענונג אויף משיחן זיינען געווען די טייערסטע עשירות פון דער געמיינדע.

לאַנג שוין האָבן עקסיסטירט אין ירושלים העכערע שולן, אין וועלכע מען האָט טעאָרעטיש באַאַרבעט דאָס רעכט און שטודירט די תורה. מען דאַרף אָבער דידאָזיקע שולן, וועלכע האָבן איבערגענומען און ווייטער אַנטוויקלט די ירושה פון די סופרים, ניט דענקען אַלס פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע, ווייל די טראַדיציע פירט שטענדיק אַרויס פּאָרן פון די תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן איינער לעבן דעם אַנדערן אָדער צוזאַמען געלערנט מיט זייערע תלמידים.

מיט איינער אַזאַ פּאָר, מיט הלל און שמאי, הייבט זיך אָן אַ נייער פּאַזיס אין דעם גייסטיקן לעבן. די צייט, ווען הלל טרעט אויף,

איז אזא אומרואיקע, קאָכיקע, פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַזאַ באַשטימענדיקע, אַז זי האָט ממילא געמוזט האָבן אַן איינפלוס אויף אויף דעם גייסטיקן לעבן פונם פאָלק. מיר פאַרשטייען די גרויסקייט פון די מענער, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעפירט מיטן פאָלק, ווען מיר זעען, ווי אַזוי זיי האָבן זייער צייט און אירע באַדערפענישן אויפגע־פאַסט. אומאויפהערלעכע שרעקלעכע קלעפּ האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די מאַקאַבעער, און דער נייער, פון רוים געשטיצ־טער, קיניגלעכער משפחה געלינגט מיט כיטרעקייט און מיט אײַזערנער קאָנסעקווענץ צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון אַלץ. טרייסטלאָז האָט די צוקונפט געמוזט אויסזען אין די אויגן פון יענע גרויסע מענטשן פון פאָלק און פון די ישיבות. ניט בלויז די אומאָפּהענגיקייט אַליין, נאָר אויך די מידות טובות, אַפילו די אמונה גופא אין אירע פונדאַמענטן זייַנען געווען באַדראָט. ווידער האָט, ווי אין די טעג פון די מאַקאַבעער, גע־הערשט אַ פרעמד געצנדינעריש פאָלק, וואָס האָט אָוועקגעזעצט אויפן טראָן אַ הערשער, וועלכער איז אויס דאַנקבאַרקייט גרייט געווען אַלץ אַוועקצוגעבן, כּדי צו מאַכן זיינע אונטערטאַנען פאַר געטרייע דינער צו רוים, און האָט געוואוסט צו דערשטיקן יעדן ווידערשטאַנד דורך פאַר־שיקונגען און פאַראורטיילונגען. אין יענער אומרואיקער קריטישער צייט האָבן די געלערנטע און פריער פאַר אַלעמען הילל געעפנט ניי־ע וועגן פאַר דעם קעמפנדיקן גייסט פון פאָלק און מיט אומגעווייגלעכער ענערגיע אַרויסגעפירט אויף אַזאַ פעלד פון טעטיקייט, וואָס זיין באַאַר־בעטונג האָט אים געגעבן קראַפט בייצושטיין אין אַלע סכנות און צו פאַרהיטן זיינע גייסטיקע גרויסע אידעען פאַר דער צוקונפט.

הילל, און שפּעטער לעבן אים זיין חבר שמאי, האָבן דאָס שטו־דירן די תורה און איר אויסטייטשונג דערהויבן צו אַזאַ הייך, און אַזוי ברייט עס פאַרשפּרייט אין פאָלק, טיילווייז דורך אַ נייער סיסטעם און אַ גייסטיקערע אויפפאַסונג פון דעם קעגנשטאַנד, און זיי האָבן אין די פילע תלמידים זייערע איינגעפלאַנצט אַזאַ טיפע ליבע פאַר דעם תורה־לערנען, — אַז באַלד נאָכדעם האָט מען דאָס לערנען דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ זעלבסטציל און טיף זיך אַריינגעטאָן אין אים. די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער אַרבעט זיינען דאַן געווען באַשטימענדיק אויף פאַר דעם פּראַקטישן לעבן פונם פאָלק, וואָס האָט זיך באַצויגן צו זיינע לערער מיט פאַרדינטער אַכטונג און האָט זייער רעליגיעזע לערע פונקט אַזוי פלייסיק אָפּגעהיט, ווי עס האָט אויפגענומען זייער מאָראַל. איצט איז אויך פאָרגעקומען אַווירקלעכע רעפאָרם אין דעם שולוועזן. פון די צוויי געלערנטע זיינען אויסגעוואַקסן צוויי פאַרשיידענע לער־

סיסטעמען, — אָבער זיי פירן שוין אַריין אין דעם פאָלגנדיקן פעריאָד.

דאָס איז איינע פון די גייסטיקע שטרעמונגען פון יענער שטורעמדיקער צייט, וועלכע איז פול מיט קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן, אין וועלכער אַלע יסודות פונם סאָציאַלן לעבן האָבן זיך געשאָקלט, אַלע רעליגיעס האָבן זיך אין זייערע פונדאַמענטן צעטרייסלט, ווען מיר באַגעגענען אין איין שורה מיט צווייפל און אומגלויבן — אָבערגלויבן און פרומען גלויבן, ווען אונטער דעם געלעכטער פון די רוימישע סאַטירישע דיכטער פאַלט די אַלטע וועלט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייער וועלטאָרדענונג און פאַר אַ נייער וועלטרעליגיע.

אָבער פריער איידער דידאָזיקע פריילעכע אַלטע געטערוועלט איז אונטערגעגאַנגען, האָט דער העלעניזם נאָך איבערגעלעבט אַ שפּעטיקע אָבער אַ שיינע בליאונגסצייט אין אַלעקסאַנדריע. דאָרט האָט דער גרויסער מנצח אויסגעבויט אַ מעכטיקע וואוינונג פון קולטור, און דאָס יידנטום, וואָס האָט אין דער היים ביי זיך אָפּגעשטויסן דעם העלעניזם, האָט זיך דאָרט אָנגעפילט און פאַרבונדן מיט דעם גייסט פון די גריכן. די ליטעראַטור פון די אַפּאָקריפן, די גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל, און דער עיקר די יידיש־אַלעקסאַנדרינישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, —דאָס זיינען געווען די פרוכט פון דעמדאָזיקן שידוך, די פאַרמיטלער צווישן צוויי קעגנזאַצן, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן איינער מיטן אַנדערן און האָבן זיך געניייטיקט אין אַ נייעם דריטן עלעמענט, וואָס זאָל צווישן זיי שאַפן אַ אינערלעכן אויסגלייך. לעבן דעם טראַדיציאָנעלן תורה־לערנען, טיילווייז דורך דעם באַלעבט, טיילווייז דעם געבנדיק לעבן, גייט דידאָזיקע צווייטע גייסטיקע שטרעמונג דורך דער עפּאָכע, וועלכע האָט איר דעם נאָמען געגעבן, ווייל די באַדייטנדסטע ריכטונג אירע האָט געהאַט אַזאַ רייכן מיט רעזולטאַטן איינפלוס אויף דער נייער פאָרם פון לעבן, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דעמדאָזיקן יאָרהונדערט.

וואָרעם פון די עלעמענטן פון יענעם פאַרטיילעבן, וואָס איז שוין דאָ געווען באַשריבן, פונקט אַזוי ווי פון די לערעס פון דערדאָזיקער פילאָסאָפיע און פריער פאַר אַלץ אויף דעם באָדן פון תורת משה אין דער אידעאַלער פאָרם פונם נביאישן משיחיזם, איז אַרויסגעוואַקסן יענע שפּראָצונג, וועלכע האָט זיך אינגיכן פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ מעכטיקן בוים: אין קריסטנטום. און אויך דידאָזיקע שטרעמונג גייט דורך דערדאָזיקער צייט, אמת נאָך שטיל און אומבאַמערקט, אָבער זי לאָזט

שוין אויך איבער אירע שפּורן און באַאיינפלוסט אין פאַרשיידענע ריכטונגען דאָס גייסטיקע לעבן[1].

אַלע דידאָזיקע שטרעמונגען מוז מען נאָכגיין ביזן סוף און אַלע דידאָזיקע ריכטונגען פאַראייניקן אין איין גאַנצע, כדי צו באַקומען אַ אָנשוילעך בילד פון יענעם אויך אין דער יידישער ליטעראַטור מערקווערדיקן פּעריאָד, ווען דאָס גייסטיקע און קולטור-לעבן פונם יידישן פאָלק האָט באַקומען אַזאַ אומדערוואַרטע אַנטוויקלונג, ווען דאָס אַמאָל ווילדע נאַטורפאָלק איז געוואָרן אַ רעליגיעזע עדה, וועלכע האָט אונטערן אַיינפלוס פון משהס און די נביאימס רעליגיעזע אידעען און אונטערן אַיינפלוס פון דער טראַדיציע, וועלכע האָט נאָך אַלץ מעכטיק געווירקט, — אויסגעאַרבעט יענם פאָרם, וואָס האָט דאָס יידנטום פאַרהיט אין רעליגיעזער אומאָפהענגיקייט און צענטראַליזירונג, הגם עס האָט פאַרלאָרן זיין מוט און מאַכט, זיין היים און שפּראַך.

נאָך אַ קאָנזעקווענטע און אַ צילבאַוואוסטע נאַציאָנאַלע ערציאונג האָט געקענט דערגרייכן צו אַזאַ ערפאָלג. דידאָזיקע ערציאונג האָט זיך אָנגעהויבן שוין זינט עזראס צייט דורך פּעריאָדישע פאָרלעזונגען פון דער תורה און פון די נביאים אין די בתי-כנסיות — סינאַגאָגעס, וואו דאָס פאָלק פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין שבת און יום-טובים. דער חומש איז אַיינגעטיילט געוואָרן אין 154 פּ ר ש י ו ת (סדרהס) און צו די פאָרלעזונגען פון די סדרהס פון חומש זיינען צוגעגעבן געוואָרן פראַגמענטן פון די נביאים (ה פ ט ו ר ו ת), וועלכע פלעגן נאָכדעם איבערגעזעצט און ערקלערט ווערן אין אַרמיש (ת ר ג ו ם), מחמת דאָס פאָלק האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרגעסן די העברעאישע שפּראַך. דערצו פלעגט נאָך קומען אַ ד ר ש ה מיט מוסר.

האַנט ביי האַנט מיט דער פאַרשפּרייטונג און דער סאַנקציאָנירונג פון דידאָזיקע אינסטיטוציעס איז נאַטירלעך געגאַנגען אַ שטאַרקע באַגרעניצונג פון די קרבנות. וואָס מער עס איז געוואַקסן דאָס גייסטיקע לעבן אין דער רעליגיע, אַלץ ווייניקער איז געווען די ווייטיקייט נאָכצוגעבן דער אָפּגעלעבטער נאַטור-רעליגיע. אין אַלע שטעט זיינען געגרינדעט געוואָרן סינאַגאָגעס, אין וועלכע דער ריטואַל פון די תפילות

---

[1]) אַפּנים דער אַוטאָר געפינט זיך דאָ אונטער דעם אַיינפלוס פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן, מחמת פונם שטאַנדפּונקט פון יודאַאיזם האָבן זיך די ווערק פון דער אַלעקסאַנדריינישער שול פון די העלעניסטן גערעכנט פאַר פרעמדע אָנוואוקסן, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט אַקלימאַטיזירן אויפן יידישן באָדן.

(באַמערקונג פון דער רעד. פון דער רוס. איבערז.).

האָט זיך אויסגעאַרבעט לויט די נאָרמען פון דער מסורה, און די פאָרלעזונגען פון דער תורה זיינען געוואָרן דער מיטלפונקט פון דער גאָטסדינסט. די העכערע רעליגיעזע אינסטאַנץ איז געוואָרן דער העכסטער ראַט אין ירושלים — דער סנהדרין, וועלכער איז באַשטאַנען פון 71 מיטגלידער און האָט געהאַט אַלע מאַכטפולקומענהייטן. ער האָט געקאָנט פאָדערן צום געריכט דעם כוהן־גדול און דעם פירשט און באַשטראָפן זיי. ער האָט איינגעאָרדנט די גענעאַלאָגישע טאַבעלן פון די שטאַמען און איינגעשטעלט דעם יאָר־לוח. די פסקים פון דעמדאָזיקן אויבערגעריכט האָבן געאָטעמט מיט גייסט פון מילדקייט און קלוגהייט, בשעת די מערהייט פון דער אַנשטאַלט זיינען געווען די פרושים. ס'האָבן דאָ אָבער אויך ניט געפעלט קיין דעמאָנסטראַציעס קעגן די פאַרהאַסטע צדוקים, וועלכע האָבן פון זייער זייט אַרויסגעגעבן די שטרענגסטע פסקים, ווען די מאַכט פלעגט אַריבערגיין אין זייערע הענט. די שטרייטן אין סנהדרין גופא האָבן אָבער סוף־כל־סוף געבראַכט צו דעם נצחון פון דער פאַרטיי פון די פרושים. אין די צייטן פון דעם רוימישן יאָך זיינען אַפּנים ביידע פאַרטייען געווען גלייך פאַרטראָטן.

אויך די אונטערריכט פון דער יוגנט איז פאָרגעקומען אין יענער צייט מעטאָדיש לויט דעם עלטער פון די תלמידים. זי איז נאַטירלעך געווען איבערהויפּט אַ רעליגיעזע לויטן כאַראַקטער און געגרינדעט אויף דער תורה, וועלכע האָט געדאַרפט מיט איר גאַנצן אומפאַנג ווערן די ירושה פון „יעקבס געמיינדע". דערביי האָט מען איינגעזעען און אָנגעוויזן אין דער מערקווערדיקער געשיכטע פון פאָלק די אָנפירונג פון דער השגחה, וועלכע האָט אַזוי וואונדערבאַר געפירט דאָס פאָלק ישראל איבער אַלע וועגן און וועלכע וועט עס אין דער צוקונפט ווידער אויסלייזן פון אַלע צרות. ניט קוקנדיק אויף אַלע ערקלערונגען און טעמים, וואָס מען האָט וועגן דעם געבראַכט, איז דאָך משונה, וואָס אין דערדאָזיקער צייט פון רעליגיעזן פלייס האָט די העברעאישע שפּראַך געקאָנט אַזוי ווייט פאַרגעסן ווערן, אַז אַפילו פאַר דעם גאָטסדינסטלעכן געברויך האָט מען פריער מונדלעכע און נאָכדעם אויך שריפטלעכע איבערזעצונגען נייטיק געהאַט, און די יידן אויסער פאַלעסטינע האָבן זיך כמעט אויסשליסלעך באַנוצט מיט דער גריכישער שפּראַך.

די העברעאישע שפּראַך איז געבליבן נאָר די שפּראַך פון די געלערנטע, אָבער אַפילו אַלס אַזעלכע ניט אין ריינקייט, נאָר אויסגעמישט מיט אַרמיש, און מיט אַ פולע גריכישע, לאַטייגישע און פערסישע ווערטפאָרמען. אַזוי איז אַנטשטאַנען די ניי־העברעאישע

אָדער די ר ב ָ נ י ש ע שפּראַך, אין וועלכער עס איז זינט דעמאָלט אין אַ משך פון פיל יאָרהונדערטן פאַרשריבן געוואָרן אַלץ, וואָס דער יידי-שער גייסט האָט געשאַפן.

אַז דאָס קולטורלעבן אין פּאַלעסטינע, אויף וויפיל עס איז באַ-איינפלוסט געוואָרן פון די גריכן און שפּעטער פון די רוימער, האָט אין יענער צייט זיך שטאַרק אַנטוויקלט — וועגן דעם איז שוין געווען דערמאָנט. גריכישע מידות און גריכישע נעמען זיינען פאַרשפּרייט גע-וואָרן אַלץ מער און מער, אין פּאַלעסטינע גופא — ביי הייסן קאַמף מיט די פריערדיקע טראַדיציעס, אין אַנדערע לענדער, וואו די יידן האָבן געוואוינט — לייכטער און וייטער. איבערהויפּט אין אַלעק-סאַנדריע, וואו דער העלעניזירנדיקער מאָמענט האָט געהאַט די איבער-מאַכט, און וואו עס האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אַ רייכער האַנדלס-פּלאַץ, אין וועלכן די יידן האָבן אויסגעמאַכט כמעט אַ פינפטן טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דאָרט האָבן זיי זיך אין אַ גרוי-סער מאָס פאַרנומען מיט האַנדל און מיט נסיעות איבער די ימים, זיי זיינען דאָרט געווען קינסטלער, דיכטער, באַאַמטע, בעלי-מלאכות און אַז. וו. די פּראַכט פון דער אַלעקסאַנדריער סינאַגאָגע ווערט ניט איין מאָל און מיט ליבע באַשריבן אין שפּעטערדיקע יידישע קוועלן. אין דער שפּיץ פון די מצרישע יידן איז געשטאַנען אַן אַלאַבאַרך, וועלכער האָט געהאַט די ערשטע דעה אין רעליגיעזע פראַגן.

ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז די יידן האָבן צוזאַמען מיט די גוטע איבערגענומען אויך די גריכישע שלעכטע מידות. גימנאַזיעס, צירקן, פּאַלעסטרעס האָבן זיך ביי די יידן איינגעבירגערט, און פלעגן שטאַרק באַזוכט ווערן פון די יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער רע-ליגיע. די יום-טובים און די וואַקכאַנאַליעס פון אַטען האָט מען נאָכ-געמאַכט אַפילו אין ירושלים, ווי אין אַלעקסאַנדריע. ניט געענדערט איז עס געבליבן, ווען פּאַלעסטינע איז אַריבער אונטער דער רוימישער הערשאַפט, ווייל רוים אַליין איז דעמאָלט געווען אַ שטאַרקע פאַרערע-רין פון דער גריכישער ציוויליזאַציע. נאָר מען האָט די גריכישע נע-מען אומגעביטן אויף רוימישע, און ביים ברעג ים אויפגעשטעלט אַ נייע שטאָט, צעזאַרעאַ, וועלכע איז געווען די רעזידענץ פון די רוימישע הערשער, און פון וואַנען עס פלעגן זינט דעמאָלט אַרויסגיין אַלע באַ-פעלן צו באַדריקן און צו דערשטיקן דאָס אָרעמע פאָלק.

וואָרעם סיי אונטער דער פּערסישער, סיי אונטער דער מאַצע-דאָנישער הערשאַפט, אָדער אונטער די פּטאָלאָמעער און אַפילו אונטער

די סעלעווקידן האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געהאַט אויסצושטיין אַזוי־פיל צרות און ליידן, ווי אונטער דעם סצעפּטער פון רוים.

ווען דידאָזיקע צרות זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך און אויך די איבערלעכע עניגים פון דער מלוכה זיינען געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער; ווען די פּאַרטייען האָבן שוין מער ניט געקענט די סיטואַציע באַהערשן, ווייל די פירונג האָבן איבערגענומען נייע פּאַרטייען, די זעלאָטן (קַנָאים), די סיקאַריער, די גוילאַניטן, וועלכע האָבן דרייסטער און ענערגישער פאַר די פריערדיקע געפאָדערט אַן אָפענעם אַרויסטריט קעגן דער טיראַניי, — דאַן האָט אויפגעפלאַקערט יענער אומגליקלעכער אויפשטאַנד, וועלכער האָט אינגאַנצן פאַרניכטעט דאָס יידישע מלוכה־לעבן און ד, יידן אַרויסגעטריבן אין גלות. מיט זיך האָט דאָס פאָלק נאָר זיין תורה גענומען, בשעת עס האָט אָנגעהויבן זיין גרויסע וועלטגעשיכטלעכע וואַנדערונג, און אַזוי אַרום איז דורך אַלע יאָרהונ־דערטן פון פאַרשפּרייטונג דאָס פאָלק געלייטערט און אויפגעהאַלטן גע־וואָרן דורך זיין ליטעראַטור.

I. די אויסשטייטשונג פון די שריפטן.

מיט דעם כּוהן־גדול שמעון I, „הצדיק", שליסט די טראַדיציע — אַן ערך אין אָנהייב פון דריטן יאָרהונדערט פאַר קר. געב. — די ריי פון די סופרים (שרייבער). דער געליבטער אַפאָריזם פון דעמדאָזיקן מאַן איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר אים אַליין און פאַר זיין פאַרהאַלטן זיך צו די אומרועז פון זיין צייט, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך פיל באַדייטנד פאַר דער טעטיקייט גופא פון די סופרים, וועלכע האָבן געווירקט גלייכצייטיק אָדער אוממיטלבאַר נאָך די נביאים, האָבן איבערגענומען און אָנגעהויבן אַנטוויקלען די גייסטיקע ירושה פון די עלטערן אויפן ווענד־פונקט פון דער יידישער געשיכטע. „אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט, — אַזוי האָט געלערנט שמעון הצדיק, — אויף תורה, אויף עבודה (גאָטסדינסט) און אויף גמילות־חסדים (גוטס טאָן מיט לייטן).

פאַרגלייכט מען דעמדאָזיקן אַפאָריזם מיט די אַלגעמיינע אָנשוי־אונגען, וועלכע האָבן באַהערשט יענע צייט, דאַן וועט מען ניט נאָר געוון מסכּים זיין, אַז די סופרים האָבן געלעבט אין אַ אידעאַלער ספערע, וועלכע איז וויט געווען פון דעם ווילדן הבל פון דער דעמאָל־טיקער וועלט, נאָר מען וועט אויך אָנערקענען, אַז די סופרים האָבן גע־האַט דעם באַוואוסטזיין פון זייער הויכער מיסיע און פאַרשטאַנען, וואָס איז נייטיק דערפאַר, אַז ביי די אייבפלוסן און פאָדערונגען פון דער נייער צייט זאָל דאָס יידנטום און זיין תורה פאַרבלייבן אומבאַשעדיקט.

דאָס וואָס יענע צייט איז געבליבן פאַרהילט אין אַזאַ טיפער טונקלקייט, קאָן ניט זיין קיין טעם קעגן דידאָזיקע גייסטיקע פירער פון דער נאַציע. פאַר זיי איז פּאַרקערט צוגעפּאַסט דער שפּרוך: „נאָך זיי־ערע פּרוכט זאָלט איר זיי דערקענען" אין זיין טיפסטן אידעאַלסטן זינען. אַ וועזנטלעכע פרוכטבאַרע פאָרטזעצונג און אַנטוויקלונג פון דעם נביאישן יידנטום הייבט זיך אָן אין דעמדאָזיקן סופרימשן פעריאָד, וואָס ביים אַרויסגאַנג פון אים שטייען ווי דענקמעלער פון זייער שאַפונג די גע־בראַכטע עכט־פריסטערלעכע ווערטער פון שמעון הצדיק.

מיר האָבן שוין געהערט פון די נביאים ירמיהו און יחזקאל, ווי זיי לויבן און רימען דעם „נייעם בונד" און די הייליקייט פון דער תורה. אין משך פון דער אַנטוויקלונג און מיט דעם אָפּשטאַרבן פון דער נביאות האָבן דידאַזיקע אידעען און טענדענצן אַלץ מער זיך אָפּגעשטעמפּלט, און צום סוף פון דעם פּעריאָד זיינען זיי געוואָרן דער עיקרשטער לעבנסקערן פון דער געמיינדע. דאָס גייסטיקע שאַפן ווי דאָס רעליגיעזע לעבן איז פון זיי אָנגעפילט און באַהערשט. אָבער ביידע האָבן זיי באַזירט אויף דעם וואָרט פון דער תורה.

נאָר אין באַציאונג צו דער תורה קאָן מען דעריבער ריכטיק באַגרייפן און פאַרשטיין די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, איבערהויפּט אָבער די פּעריאָדן, ביז די יידן זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם אייראָפּעאישן קולטורלעבן. אין דערדאָזיקער באַציאונג און אָפּהענגיקייט ליגט אַלץ, וואָס האָט די יידישע ליטעראַטור געטריבן פאָראויס און אָפּגעהאַלטן, אירע מעלות און אירע חסרונות. דורך דעם, וואָס די סופרים האָבן די ביבל געמאַכט פאַר דעם מיטלפּונקט פון זייער גייסטיקער טעטיקייט, איז פאַר זיי די וויכטיקסטע נויטווענדיקייט געוואָרן די אַלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט דער ביבל, דאָס גרינדלעכע פאַרשטיין פונם ביבלישן וואָרט, זיין לייטערונג אָדער מאָדיפיצירונג.

די ערשטע צוויי צילן זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך עפנטלעכע פאָרלעזונגען און דורך די מיט זיי געבונדענע פאַראַפראַסטישע פאַרטראָגן. דאָס פאָלק האָט זיך געלערנט קענען און שעצן די תורה, און אין די שווערע צייטן געפונען מוט אין די משיחישע הבטחות פון די דיכטער און פון די נביאים. מען קאָן ניט דערלאָזן, אַז ביי דידאָזיקע פאָרלעזונגען איז ניט איבערגעזעצט געבליבן און דורכגעלאָזן געוואָרן גראָדע דער איינציקער פסוק פון דער ביבל: „זייט גאָרנישט מוסיף צו דעם וואָרט, וואָס איך גיב אייך, און מינערט אין אים גאָרנישט"; ווען מיר זעען, ניט קוקנדיק דערויף, אין יענעם פּעריאָד אַ פליייסיקע, אַנטוויקלענדיקע און דערגאַנצנדיקע טעטיקייט, וועלכע שטיצט זיך טיילוויז אויף דער אייגענער מאַכטפולקומענהייט, דאַן איז קיין ספק ניטאָ אין דער הנחה, אַז דער כוח פון דערדאָזיקער השפּעה האָט זיך געשטיצט אויף אַ טראַדיציע, וועלכע האָט אין פאָלק געלעבט יאָרהונדערטן, וועלכע האָט ניט בלויז די געשריבענע, נאָר אויך אַ מינדלעך איבערגעגעבענע תורה פיקסירט. צו דערדאָזיקער הנחה באַרעכטיקט ניט בלויז די געשיכטע, נאָר אויך די זיכערע פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט. דאָס שריפטלעכע געזעץ איז געווען דאָ, אָבער מען האָט עס געדאַרפט מסביר זיין און אויסטייטשן. עס האָט געמוזט אָנגעוויזן ווערן, ווי אַזוי די געזעצן אויס־

צופירן און דערפילן. אויך האָבן דידאָזיקע געזעצן געמוזט מאָדיפיצירט ווערן לויט די געענדערטע באַדערפענישן פון דער צייט. ענדלעך, האָט מען נאָך פון דעם גייסט פון די געזעצן געדאַרפט קענען אַרויספירן אַ פולע נייע פאַר שריפטן און כּללים, דורך וועלכע עס זאָלן רעגולירט ווערן די נייע באַדינגונגען פון געמיינדע־לעבן. אַזאַ טראַדיציאָנעלע ערקלערונג האָט זיך שוין אַפּנים געצויגן זינט אַלטע צייטן; לויט די טעאָלאָגישע גרונטאָנשויאונגען האָט שוין משה אין איין ריי מיט דער שריפטלעכער (תּורה־שבכתב) באַקומען אויך די מונדלעכע תּורה (תּורה־שבעל־פּה), וועלכע איז, ווי שוין דערמאָנט אויבן, אַריבערגעגאַנגען פון אים צו יהושע, פון יהושע צו די שופטים, פון די שופטים צו די מלכים, דאַן צו די זקנים, דאַן צו די אנשי־כּנסת־הגדולה. אָבער ערשט אין דער צייט פון די סופרים, נאָכדעם ווי דער שעפערישער גייסט פון דער נביאות איז אויסגעלאָשן געוואָרן, איז עס אַרויסגעטראָטן אָפן גאַנץ באַשטימענדיק און באַוואוסטזיניק אַלס לייטנדיקע נאָרמע אין לעבן פון דעם פאָלק.

רעזומירן מיר, נאָך דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט, די טעטיקייט פון די סופרים אין ווייניקע קורצע פּונקטן, דאַן ווייזט זי זיך אַרויס ערשטנס אין דער פאַרשפרייטונג פון דעם ביבלשטודיום, און נאָכדעם אין דער ערקלערונג פונם געזעץ. אָבער היות ווי ביידע פאַלן זיינען פאָרגעקומען נאָר דורך מונדלעכן פאָרטראָג, און פאַר־שרייבן עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן (די טראַדיציע האָט געמוזט איבערגעגעבן ווערן, ווי מען האָט זי באַקומען—פון מויל צו מויל),— האָבן זיך דעריבער די אינדיווידועלע מיינונגען און אָנשויאונגען אַלץ מער און מער צונויפגעשמאָלצן אין אַ קאָלעקטיוו־ליטעראַטור, וועלכע איז מער ווי טויזנט יאָר געבליבן די הערשנדיקע און טאָן־געבנדיקע, אָבער וואָס מוסטערן פון איר קאָן מען שוין געפינען אין דער ביבלישער ליטעראַטור. די סופרימשע ערקלערונגען (שעורי סופרים), זייערע אויסבעסערונגען און מאָדיפיקאַציעס (תּיקוני סופרים), און פון דעם ווידער אַנטשטאַנענע אויסטייטשונגען (דקדוקי סופרים) האָבן געבילדעט יענעם „צאַם" (סיָג) צו דער תּורה, וואָס זיין אויפבויען האָבן די אנשי כּנסת הגדולה געהאַלטן פאַר דער הייליקסטער אויפגאַבע פון זייער לעבן. און אָט אין דעם־דאָזיקן צאַם פון די סופרימשע פאַראָרדענונגען (דברי סופרים) האָט זיך אין די נאָענטסטע פּעריאָדן אַנטוויקלט דידאָזיקע קאָלעקטיוו־ליטעראַטור.

די טעאָלאָגיש־יידישע געלערנטקייט, וואָס שליסט זיך אָן אָן דעם סופרימשן פּעריאָד, האָט שוין ניט געהאַט קיין ממשותדיקע נייע אויפ־

גאַבע. זי האָט נאָר געהאַט צו ערקלערן און צו דערגאַנצן. דעריבער רופן זיך שוין די לערער פון געזעץ באַשיידן ניט מער סופרים, ש ר י י בער, נאָר תַּנָּ א י ם, דערציילער, לערער. דער פאָרשטייער און דער פירער פון דער שול רופט זיך שפּעטער רַבָּן, אָדער רַ ב, מחמת וואָס מען האָט דערדאָזיקער ליטעראַטור געגעבן דעם נאָמען די ר אַ ב י נ י ש ע, און דער גאַנצער סיסטעם — דעם עפּיטעט ר אַ ב י נ י ז ם; די קאָלעגן פון דעם רב הייסן חברים, די איבעריקע געלערנטע, וואָס האָבן קיין אָפיציעלן טיטל ניט געהאַט — ת ל מ י ד י־ח כ מ י ם — שילער פון די חכמים. די שול פון די געלערנטע, אין וועלכער די לערער און די תּלמידים האָבן צוזאַמען געפאָרשט די תורה, האָט געהייסן ב י ת ה מ ד ר ש — די הויז פון פאָרשונג, די גייסטיקע אַרבעט גופא — מ ד ר ש, אויסטייטשונג, פאָרשונג, ערקלערונג, פאָרטראָג.

דער נאָמען „מדרש" איז נאָך דעם פאַרבליבן אַלס טיפּישער פאַר דער ווייטערדיקער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, און מיר וועלן זיך נאָך מיט אים ניט איינמאָל באַגעגענען אויף אונזערע וואַנדערונגען אין פאַרשיידענע זיינע טייטשן. אָבער די פאָרשונג, וועלכע איז געבונדן מיט דעמדאָזיקן נאָמען, איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. פונקט ווי אין דער ביבלישער ליטעראַטור טרעטן אַרויס אַמאָל איינס לעבן צווייטן אַמאָל איינס נאָכן צווייטן געזעץ און נביאות, אַזוי זעען מיר אויך ווי אין דער שריפטפאָרשונג טיילט זיך אָפּ די ערקלערונג פון דער אויסטייטשונג פונם געזעץ: ה ל כ ה (כלל, געזעץ) שיידט זיך אונטער פון דער עטישער אָדער פּאָעטישער איבערגעבונג פון ביבלישן וואָרט: אגדה (געזאָגטס, ערציילונג). אין די צוויי ליטעראַטור־קרייזן קאָנצענטרירט זיך זינט דעמאָלט דאָס גאַנצע גייסטיקע שאַפן.

געזעץ און פרייהייט זיינען איןביידע ליטעראַרישע ריכטונגען געווען פאַרקערפּערט. אויב די הלכה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם געזעץ גופא, איז די אַגדה געווען די פרייהייט, וועלכע איז פון געזעץ רעגולירט געווען און האָט אַנטשפּראָכן דער זיטלעכקייט. „דאָס וואָס אין דער הלכה איז דער אַוטאָריטעט פון געזעץ, די שול, דאָס טרעט אין דער אַגדה אַרויס אַלס די הערשאַפט פון דער פערזענלעכער מייבונג און פון דער זיטלעכקייט". דעריבער נעמט די הלכה אַרום סיי די טראַדיציאָנעלע, דאָס וואָרט פון די שריפט־אויסטייטשנדיקע אָדער אַנטוויקלענדיקע הנחות, וועלכע גייען מונדלעך לעבן דעם שריפטלעכן געזעץ, סיי אויך די דיסקוסיעס, וועלכע זיינען אַרויסגערופן געווען ביים פעסטשטעלן דידאָזיקע הנחות. פאַרקערט, די אַגדה שפּאַרט זיך פריי אָן אויף דעם וואָרט פון ביבל, און ערקלערט עס דורך זאַגן, לעגענדן,

משלים, עטישע און היסטאָרישע באַמערקונגען. פאַר איר איז ס'דאָזיקע וואָרט פון די שריפטן געווען ניט אַזוי די לעצטע געזעצלעכע אינסטאַנץ, ווי אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס „דער גילדערנער האַקן, אויף וועלכן זי האָט אויפגעהאַנגען די בונטע פראַכט פון איר געוועב, — אַלזאָ נאָר אַן אַרייַנפיר אין איר פּאָעטישן קאָמענטאַר, זיין צושפּיל, טעקסט און גרונדסטראָפע פון איר דיכטונג. די הלכה האָט געדאַרפט באַאַרבעטן דאָס געטלעכע געזעץ אין אַלע ריכטונגען, כדי עס זאָל פעסט און אומבאַשעדעקלעך קאָנען בייַשטיין אַנטקעגן אַלע שטורעמס פון דער צייט, און פעסטצושטעלן עס ביז אין זיינע לעצטע קאָנסעקווענצן, ניט דאַגהנדיק וועגן דער נויט און דער פּיין פון דער געגנוואַרט. אָבער די שיינע און הויכע אויפגאַבע פון דער אַגדה איז געווען צו טרייסטן און צו וועקן דאָס ליידנדיקע פאָלק, וואָס האַלט ביי גייסטיקן און קערפּערלעכן אונטערגאַנג, צו מוסרן און לערנען עס, פון דער שטראַלנדיקער פאַרגאַנגענהייט אָנצוזאָגן אים די משיחישע צוקונפט, די קעגנוואַרט גופא מיט איר גאַנצן אינהאַלט אויסצוטייטשן און פון די שריפטן צו דערווייזן, אַז די קעגנוואַרט איז שוין לאַנג אין גאָטס ראַט באַשטימט געווען. דעריבער האָט מען זייער ריכטיק פאַרגליכן די הלכה צו אַן אייזערנער פעסטונג פון פאָלק ישראל, — פאַר וועלכער יעדער איינציקער מיטגליד פון דעם שטאַם איז גרייט געווען אייַנצושטעלן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, בשעת די אַגדה ווייזט אויס פאַר דעם פאַרוואונדערטן בליק, ווי אַ לאַבירינט פון בלומען=אַלעען אינעווייניק צווישן דידאָזיקע מויערן.

אויב מחמת דעם האָט אין דער אגדה נאַטירלעך געהערשט די גרעסטע פרייהייט פון אויסטייטשן, אַזוי אַז אַפילו וועגן סותרדיקע אָנשויאונגען האָט מען געזאָגט: „אי די, אי יענע —ביידע זיינען גאָטס ווערטער[1] (אלו ואלו דברי אלהים חיים), און מען האָט זיך באַמיט אויף אַ האַרמאָנישן אופן זיי צו פאַראייניקן, אָדער אָפּצולייגן זייער לייזונג אויף שפּעטערע צייטן, האָט די הלכה תיכף געפאָדערט אַן ענדגילטיקע אַנטשיידונג און גענויע פיקסירונג פון דעם ביבלישן געזעצלעכן אינהאַלט. אין דער אגדה איז דער אינהאַלט ניט געווען געגעבן און די אויסטייטשונג איז געווען אַ פרייע, די הלכה פאַרקערט האָט געהאַט איר אינהאַלט, זי האָט געוואוסט די געזעצן, פאַרשריפטן און מנהגים און זי האָט זיי געמוזט ווידער אָפּזוכן אין דער ביבל. זי האָט אָבער ניט געטאָרט צופיל ווילקירלעך באַגיין זיך מיט דעם וואָרט פון דער

---

[1]) דידאָזיקע מימרא האָט זיך באַצויגן ניט בלויז צו דער אגדה, נאָר צו דער הלכה אויך. (באַמערק. פון דער רעד. פון דער רוס. איבערז.)

ביבל, ווייל אירע פרינציפּן און אָנשויאונגען וואָלטן געקאָנט ברענגען צו מיספאַרשטענדעניש, ווען מ'וועט ווענדט זיי אָן צו אַנדערע ערטער אין דער ביבל. אַלס נאָרם פאַר דער פּראַקטיק האָט זי ניט געטאָרט, ווי די אגדה, איין אָרט צוגעבן פאַרשיידענע אויסטייטשונגען, נאָר זי האָט געמוזט אירע מיינונגען פעסט אַרויסזאָגן. דעריבער אויב זי האָט דורך שווערער מי אין איין אָרט אויסגעפונען דאָס, וואָס זי האָט לויט דער טראַדיציע און די מנהגים געהאַט נייטיק צו געפינען, און דורך אַלערליי אויסטייטשונגען צוגעגעבן דעם טעקסט, — דאַן האָט זי שוין פון דער צווייטער זייט געמוזט זען, אַז עס זאָל ניט שלעכט ווירקן אויף אַנדערע ערטער. אַזוי אַרום איז די הלכה געוואָרן פונקט אַזוי טיף און שאַרפזיניק, ווי גייסטרייך. מיט דער צייט האָט זי זיך אויסגעביל־דעט אין אַ פולשטענדיקער עקזעגעטישער סיסטעם, וועלכע האָט גע־מוזט אַלע געזעצן (מען האָט אויסגערעכנט 613 מצוות — תרי״ג — דערונטער 248 — רמ״ח — געבאָטן, און 365 — שס״ה — פאַר־באָטן) אויסטייטשן און ערקלערן פון דער תורה גופא. דער צאָל־סימבאָל (בגימטריא) פון דעמדאָזיקן בנין איז דער כאַראַקטעריסטישער שפּראַך „די תורה איז אַ קריין” (כתר[1] תורה).

נאָך דער פיקסירונג פון דער הלכה האָט זיך דאָס געזעץ גע־טיילט אויף דריי קלאַסן. דער ערשטער האָט אַרומגענומען די פאַראָר־דענונגען און די מנהגים, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס באַזיס פאַרן גאַנצן, די יסודות און די גרונדפּרינציפּן פון דער רעליגיעזער לערע; די צווייטע—דאָס זיינען די געזעצן, וועלכע קומען אַלס אוממיטל־באַרער רעזולטאַט פון דידאָזיקע פּרינציפּן; לסוף די דריטע זיינען יענע געזעצן, וועלכע האָבן זיך אויסגעאַרבעט לויט די פאָדערונגען פון דער צייט אין פאַרשיידענע פאַלן.

דער ערשטער קלאַס נעמט אַלזאָ אַרום אַלע געזעצן, וועלכע זיינען די ירושה פון יידישן פאָלק זינט דעם אָנהייב פון זיין קיום. זיי זיינען געווען אָדער דייטלעך און אויסדריקלעך אָנגעצייכנט אין דער ביבל, אָדער פון משהן אָן כּונדלעך איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און הייסן דעריבער „געזעץ צו משה פון סיני” (הלכה למשה מסיני). די מנהגים און די געזעצן פון דעם קלאַס בילדן דעם יסוד, אויף וועלכן עס ווערט געבויט דער גאַנצער בנין פון ראַבינישן יידנטום.

דער צווייטער קלאַס האָט אַרומגענומען אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך, לויט דער מיינונג, וואָס האָט געהערשט און איז פון

[1]) כתר = 620, דערונטער 613 פון דער תורה, 7 פון די חכמים.

די שריפטגעלערנטע געוועזן פארטראטן, אויפגעהאלטן אין דעם גייסט פון דער ביבלישער געזעצגעבונג און פלעגן זיך ארויסשטעלן געלעגנ־הייטלעך. מ׳האט זיי גערעכנט, אלס געגעבענע פון משהן, אבער צוליב פארשיידענע סיבות זיינען זיי פובליקירט געווארן ערשט שפעטער. מען האט ערקלערט, אז משה האט באוויזן איינצופירן דידאזיקע אינסטיטו־ציעס, ווען עס וועט קומען זייער צייט. דידאזיקע מנהגים האבן זיך מיט דער צייט אנטוויקלט פון דעם גייסט און דער אידעע פון משהס תורה, דעריבער האט מען זיי אנגעשלאסן אן די גרונדגעזעצן און די אורערשטע מנהגים, וועלכע זיינען אין דער ביבל אויסדריקלעך פאר־צייכנט געווארן. מען האט זיי גערופן תורה־שבעל־פה, מונדלעכע געזעצן.

ענדלעך אין דעם דריטן קלאס זיינען אריין אלע מנהגים, וועלכע זיינען ארויס פון דעם לעבן און פון דעם פאלקס־נאציאנאלן כאראקטער, אלס זייער וויטערדיקער רעזולטאט. דאס זיינען גרעסטנ־טייל געוועזן מאסמיטלען, וועלכע האבן געזאלט פארהיטן, אז קיין ביב־ליש געזעץ זאל ניט ווערן פארנאכלעסיקט, איבערגעטראטן אדער פאלש אויסגעטייטשט. אייניקע פון זיי זיינען איינגעפירט געווארן צוליב איינצלנע געשעענישן און זיינען אויף ווייטער פארבליבן אויך דאן, ווען די סיבה, וואס האט זיי ארויסגערופן, האט שוין מער ניט עקסי־סטירט. זיי האט מען גערופן פאראָרדענונגען אדער החלטות, און גראד דערפאר, וואס זיי זיינען ארויסגערופן געווארן דורך דער צייט, האט מען פון זיי באזונדער געהאלטן. אין קעגנזאץ צום ביבל־ווארט, וואס האט פארבאטן „צו דער תורה מוסיף זיין און פון דער תורה פארמינערן״, איז אויסגעשטעלט געווארן דער פרינציפ: „ווען מען דארף טאן פאר גאט, מעג מען צעשטערן די תורה״, און דערביי האט נאך געגאלטן אלס פעסטע נארמע: „אלץ וואס די חכמים האבן געלערנט, האבן זיי געלערנט לויט דעם געזעץ פון דער תורה״.

אבער דידאזיקע איינטיילונג איז, ווי געזאגט, געוועזן נאר א פארמעלע, ווארעם אלע געזעצן און באשלוסן זיינען געוועזן גלייך צווישן זיך און האבן גלייך געפאדערט אפגעהיט צו ווערן. נאר בנוגע צו דער עקזעגעטיק פון דער תורה האט געהערשט א געוויסער אונטער־שייד, מחמת די געזעצן פון ערשטן קלאס זיינען שוין געוועזן פארשריבן, די געזעצן אבער פון דעם דריטן קלאס האבן ניט געטארט זיין פאר־שריבן, און פאר דעם צווייטן קלאס האט מען געדארפט זוכן א „שטיצע״ אין דעם ביבלישן ווארט.

די הלכהשע פארשונג האט זיך אלזא וועזנטלעך באשעפטיקט

מיט דעמדאָזיקן „מונדלעכן געזעץ“, שטרעבנדיק אַרויסצובריינגען עס דורך מער אָדער ווייניקער שאַרפזיניקער עקזעגעטיק פון דעם אות, אָדער פון דעם גייסט פון דער ביבל. איינגיכן האָבן זיך אויסגעאַרבעט גרונט־כּללים (מידות), לויט וועלכע עס האָט געדאַרפט געפירט ווערן די אויספאָרשונג, און וועלכע אַנטשפּרעכן אין זייער מהות דער מעטאָדע פון יעדער עקזעגעטיק.

פאַר דיזעלביקע מעטאָדעס האָט זיך געהאַלטן די הלכהשע עקזעגעטיק. זי איז אָדער אַ *הערמענעווטישע*, ערקלערנדיק דעם טעקסט לויט דעם פשוטן זין פון די שריפטן און נאָך דער נאַטירלעכער באַטראַכטונג פון דעם באַגריף, וואָס ער האַלט אין זיך איין; אָדער אַ *דעדוקטיווע*, וועלכע זוכט אויסצוטייטשן דעם אָביעקטיוון אינהאַלט דורך אויספירן מסקנאָס, אונטערזוכונג און אויסגלייכונג צווישן די סתירות; אָדער אַ *קאָמענטאַטאָרישע*, ווען זי ווענדט אָן דעם סובייעקטיוון אינהאַלט צום טעקסט, און פון ווערטער, צייכנס און זאַצן, פון זאַצבילדונג, פאַרמיטלונג און פאַרגלייכונג, וויל זי שאַפן אַ נייע אויסטייטשונג; אָדער, ענדלעך, אַ פאַראַפראַסטישע, ווען זי וויל דורך קאָניעקטוראַלע פרווון שאַפן פאַר דעם אינהאַלט, וועלכער ווערט גערעכנט אַלס נויטווענדיקער, אַן אַנטשפּרעכנדיקן טעקסט, וואָס זאָל אָנגעפאַסט זיין צו דעמדאָזיקן אינהאַלט.

מיר וואָלטן צו ווייט אַוועק, ווען מיר וואָלטן דעמדאָזיקן הלכהשן מדרש אויספאָרשן אויף באַזונדערע ביישפילן, ובפרט, אַז דעמאָלט פלעגט עס געמאַכט ווערן מונדלעך, און מיר וועלן עס אין אַ שפּעטערן פעריאָד נאָך אַמאָל באַגעגענען אַלס אַ שריפטלעך פיקסירטע הלכה. דעריבער קאָנען מיר דאָ נאָר אָנמערקן דעם היסטאָרישן גאַנג פון דעראָזיקער פאָרשונג, וועלכע האָט אין אַזאַ שטורעמדיקער צייט מיט מאָראַלישער ענערגיע געזוכט אויפצובויען דעם בנין פון דער רעליגיע און באַשיצן אים קעגן די אַרומיקע שטורעווינטן.

מען דאַרף אָבער פון דעם כאַראַקטער פון דעראָזיקער עקזעגעטיק ניט מאַכן קיין אויספיר, אַז זי האָט אַריינגעטראָגן עפּעס אַ פרעמדן עלעמענט אין דעם יידנטום, אָדער אַז די פאָרשונג האָט זיך אַפילו אויף אַ האָר דערווייטערט פון דער טראַדיציע, וואָס אויף איר באָדן איז זי אַנטשטאַנען און ווייטער זיך אַנטוויקלט אין ענגער צוזאַמענגעבונדנקייט מיט דעם וואָרט פון די שריפטן.

פאַר דעראָזיקער פרומער איבערצייגונג האָבן אַלע רעטענישן און טונקלקייטן פון דער תּורה, פונקט ווי אַלע פראַגן און אומרואיקייטן פון דער צייט, געפונען אַ באַשיידונג אין אַ העכערער איינהייט:

אין דעם אומבאַדינגטן צוטרויען צו גאָט. אַ פולע זאַכן, — פלעגט מען זאָגן, ווען עפּעס אַן אָרט פון דער שריפט האָט אויסגעוויזן טונקל און אומדערקלערלעך, — זיינען אומפאַרשטענדלעך און אומדערקלערלעך פאַר דעם מענטשנס אויג, וואָס איז נאָך אַמאָל מיט טרערן פאַרגאָסן, און פאַר דעם מענטשנס גייסט, וועלכער זעט אומעטום וואונדער און באַגרייפט זיי ניט. דעריבער מעגן פילע אומפאַרשטענדלעכע ערטער בלייבן אויך אין דער ביבל. זיי פאַרבאָרגן דאָס גרויסע פונם אויג. עס וועט אָבער אַמאָל די זון העלער אָנהייבן שיינען אויף דער ערד, די טרערן וועלן ווערן טרוקן, דער בליק — געשאַרפט און געשטאַרקט, דעמאָלט וועט אַלץ ווערן קלאָר און דייטלעך. ווען דער דערלייזער וועט קומען, און גאָט וועט הערשן איבער דער ערד, דעמאָלט וועלן אַלע טונקעלע ערטער פון דער שריפט באַלויכטן ווערן, און אַלע סודות אַנטפּלעקט ווערן. און ביז דעמאָלט — געטריי, גלויב אין וואָרט!

דאָס איז שוין ווידער אגדה, וועלכע קומט אוממיטלבאַר נאָך דער הלכה, דערגאַנצט און פאַרברייטערט זי.

זי איז פריי פון די תּנאים, וועלכע בינדן איר ערנסטערע שוועסטער, די הלכה. זי האָט געמוזט פריי זיין אין איר שטאָף, ווי אין דעם אופן איבערצוגעבן דעמדאָזיקן שטאָף, כּדי זי זאָל קענען זאָגן אַלץ, וואָס זי האָט צו זאָגן. איר געביט איז ניט נאָר די געזעצגעבונג פונם חומש, נאָר די גאַנצע ביבל פון בריאת העולם ביזן חורבן מיט אַלע זיינע טעגער און פאַרבן, קלאָגן און לידער, פון וועלכע יעדער פּסוק גיט איר אַ לאַנגע שורה טעמעס פאַר די וואונדערבאַרסטע און זעלטנסטע וואַריאַציעס. אַ רייכער געביט פון פּאָעזיע, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט פיל דורות אין משך פון כּמעט אַ יאָרטויזנט, עפנט זיך אָפּ פאַר אונזער פאַרוואונדערטן בליק ווען מיר קוקן אַריין אין די בלומענגערטנער פון דער אַגדה. יעדעס וואָרט און יעדער פערז שפּראָצט דאָ אויס ווי אַ בלום, ווי אַ בוימל; זיי אַלע שמעקן און [illegible]קסן און שפּרייטן דעם ריח פון מאָרגנלאַנד. און בשעת מיר קוקן זיך אַלץ טיפער און טיפער אַיין, שטייגט אַרויף ווי פון דעם פּורפּורנעם גרונט פונם ים, אַ מענגע געשטאַלטן: די גאַנצע פאַרזונקענע פּראַכט פון ציון, דער באַרג מוריה מיט דעם הייליקן טעמפּל אין זיין שטראַלנגלאַנץ, די כּוהנים ביי דער עבודה, די פייערלעכע כאָרן פון די לוויים, די ליכטיקע מחנה פון די נביאים און בני הנביאים, די מלכים מיט גילדערנע קרוינען, די בלייכע געהויבנע געשטאַלטן פון די אָבות און די אָמהות, ירושלים, די געהויבענע, אין חורבות, איינזאַם זיצנדיק ביידערנאַכט און וויינענדיק,

אַלץ וויינענדיק, ענדלעך ציון אין שפּעטערדיקע צייטן, ווען די פּאָן פון גאָט צבאות וועט ווידער זיגרייך פלאַטערן פון זיינע בערג, און אַלע פעלקער וועלן זיך צו אים צוריקקערן, כדי אים צו דינען און זיין נאָמען צו הייליקן אויף אייביק. דאָס אַלץ און נאָכמער זעען מיר אין דעמדאָזיקן גאָרטן פון דער אגדה. אָבער אויף דעם גאַנצן וועג באַגלייטן אונז און קלינגען, ווי אַ דערשראָקענער און טרויעריקער כאָר, די ווערטער: „אויף די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און האָבן געוויינט, און אונזערע האַרפעס האָבן מיר אויפגעהאַנגען אויף די ווערבעס"...

צו אַזאַ פרייער קונסט, ווי עס איז געווען די אַגדישע דיכטונג, פּילט זיך באַרופן יעדער, אין וועמען עס ליגט „גאָטס וואָרט", און ווער עס איז פעיִק צו דער רעכטער צייט אויסצודריקן דאָס רעכטע וואָרט. דעריבער זיינען די קינסטלער און די זינגער, גרעסטנטייל אָן אַ נאָמען אָדער פּסעוודאָנימען, ווי אין יעדער פאָלקספּאָעזיע, און דאָס גלייכן די דיכטער און די דיכטונגען — אומענדלעך פיל. יעדער פּסוק פון דער ביבל איז געלעגן פאַר יעדן פריי, יעדער דור האָט געזוכט זיין בילד אין דעם שפּיגל פון דער ביבל, יעדער האָט געוואָלט אַרויסרופן די אורעלטערן פון די קברים, זיי זאָלן אויך זען זייערע ליידן, אויך מיט זיי וויינען, אויך פאַר זיי מתפּלל זיין. אַזוי איז אַנטשטאַנען אין דער אגדה אַ פאָלקספּאָעזיע פון אַ גוואַלדיקן פאַרנעם, וועלכע האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט אין די שולן און אין די בתי־מדרשים און וועלכע מען האָט, ווידעראַמאָל, ווי יעדער פאָלקספּאָעזיע, גענומען פאַרשרייבן מיט יאָרהונדערטן שפּעטער, ווען איר קוואַל האָט גענומען אויסגעטריקנט ווערן און עס איז געווען אַ סכנה, אַז אירע לידער און משלים זאָלן פאַרגעסן ווערן.

נאַטירלעך זיינען פאַר דער אַגדה גאַנץ אַנדערע נאָרמען געווען מאָסגעבנד, הגם עס איז ניט געווען אויסגעשלאָסן, אַז די נאָרמען פון איינער זאָלן אָנגעווענדט ווערן ביי דער צווייטער. די באַציאונג פון די ביידע ריכטונגען צווישן אַנאַנד ווערט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט דורך אַ שפּעטערדיקער דערציילונג, לויט וועלכער אַ לערער פון דער הלכה און אַ לערער פון דער אַגדה האָבן זיך צופעליק צוזאַמענגע־טראָפן אין איין שטאָט, וואו זיי האָבן געוואָלט האַלטן פאָרטראָגן. די מאַסע איז אַוועק צו דעם אַגדיסט, בשעת דער הַלכיסט איז געבליבן במעט איינזאַם. דער דרשן האָט דאַן געטרייסט דעם געלערנטן מיט פאָלגנדיקן משל: „צוויי סוחרים זיינען געקומען אין אַ שטאָט און האָבן דאָרטן פאַרגעלייגט זייערע סחורות. איינער האָט אַרויסגעלייגט פּערל

און טייערע שטיינער, דער צווייטער — בונטע צירונג, — אַ קייטעלע, אַ רינג, אַ האַלזבאַנד, — צו וועלכן וועט זיך דער עולם שפּאַרן? אַמאָל, ווען דאָס לעבן פון דעם פאָלק איז נאָך ניט געווען אַזוי שווער, האָט ער געהאַט גענוג צייט צו פאַרטיפן זיך אין דעם פאַרבאָרגענעם זינען פון דער תורה, איצט אָבער, אין דידאָזיקע פינסטערע טעג נייטיקט זיך דאָס פאָלק אין די טרייסטרייד פון דער אַגדה".

וואָס נוגע דער אַגדישער עקזעגעטיק, איז זי, אַנטשפּרעכנדיק איר ציל, איבערהויפּט סוביעקטיוו אָדער אָביעקטיוו, געווענדט אָן דעם, וואָס זי האָט אַרויסגעשטעלט אין פאָדערגרונט: די איינפאַכע זאַכלעכע זייט, צי די האָמילעטישע אָנווענדונג. אַמאָל וויקלט זי איין אַ טעמע, וועלכע עס איז ניט צו דערקלערן פאַר אַ ברייטערן עולם, אַלס סוד. גרעסטנטייל באַטירלעך איז די האָמילעטישע אָנווענדונג פונם ביבלוואָרט גענוג באַליבט אין אַלע פאָרמען און וואַריאַציעס, און זי אַנטשפּרעכט אויך די גאַנצע ריכטונג, וואָס די אַגדה האָט אָנגענומען אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, אַזוי אַז ניט אומזיסט האָט מען זי באַצייכנט אַלס די ערשטע יידישע האָמילעטיק. זי האָט זיך אויך אַנטוויקלט מונדלעך, לכתּחילה קוים אָפּגעשיידט פון דעם הלכהשן אַרט איבערגעבן, און ערשט שפּעטער, מחמת דער שפע פונם שטאָף, האָט זי זיך פון אים אָפּגעטיילט; פאָרגעקומען איז עס דער עיקר דורך רעדעס, דרשות און דיסקוסיעס, וועלכע האָבן געצילט מאַכן אַ רושם ביים ענדיקן אַ הלכה און שאַפן דערביי אַ פייערלעכע שטימונג; אָדער אום יום־טובים פלעגט יעדער, "וועמען עס האָט דערצו גאָטס גייסט באַוואויגן", פאַרטראָגן די אַגדה, וועלכע האָט ערשט שפּעטער אָנגענומען יענע קינסטלערישע פאָרם, אין וועלכער זי איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַגדהשן מדרש.

ביי דעם אַלעמען שיינט עס דאָך, אַז צווישן דעם מונדלעכן און שריפטלעכן עלעמענט פון דער אַגדה איז פאַראַן אַן אונטערשייד, וועלכער כאַראַקטעריזירט די אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער ליטעראַרישער ריכטונג. די ערשטע שפּראָצלינגען פון אַגדה האָט די קריטישע פאָרשונג אַנטדעקט שוין אין דברי־הימים און אין איוב, בשעת ביי די לעצטע נביאים האָט זי געפונען עלעמענטן פון הלכה, און אין ספר דניאל — שפּורן פון גאָטסדינסטלעכע פאָרמאַליטעטן. שפּעטער האָט זיך די אַגדה אַנטוויקלט פּאַראַלעל מיט די עפנטלעכע פאָרלעזונגען פון דער ביבל און מיט דער פאָרשונג פונם געזעץ. אויב די הלכה האָט רעגולירט די פּראַקטיק, האָט די אַגדה איר אויפמערקזאַמקייט געלייגט דער

עיקר אויף דער טעאָריע. אָבער ביידע האָבן זיך נאַטירלעך געשטיצט אויפן וואָרט פון דער ביבל.

ניט קוקנדיק דערויף, דאַרף מען שוין אין יענעם פעריאָד אונטערשיידן אַן אַלגעמיינע אַגדה, וואו דער אינהאַלט איז געשטעלט העכער פאַר דער באַציִונג צו דער ביבל, פון אַ ספעציעלער, וואו די אויסטייטשונג פון דער ביבל טרעט אַרויס אויבנאָן. וואָרעם אַ טיפערער אויספאָרשונג פון דערדאָזיקער ריזיקער קאָלעקטיוו-ליטעראַטור איז ענדלעך געלונגען אַריינצוברענגען אָרדענונג און סיסטעם אין דעם כאַאָס פון דער אַגדה, און פעסטצושטעלן זעקס הויפט-גרופן פון דער אַגדהשער ליטעראַטור, פון וועלכע די אַלגעמיינע אַגדה אַנטהאַלט דריי זעלבשטענדיקע, לויט די טעמעס, וואָס זי באַהאַנדלט — עטישע, מעטאַפיזישע, אָדער היסטאָרישע. נאָכדעם גייען זיי אַריבער אין ספעציעלער אַגדה, וועלכע איז געווידמעט אויסשליסלעך דער ביבל-ערקלערונג; זיי האָבן אָבער פון איין זייט באַציונגען אויך צו דער הלכה, פון דער צווייטער זייט — צו דער וואָרטלעכער איבערזעצונג, צום תּרגום.

ווי אַזוי זיינען אַנטשטאַנען דידאָזיקע גרופן און ווי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט, און וואָס פאַר אַ געשטאַלט האָבן זיי אָנגענומען שפעטער ביי זייער פאַראייניקונג אין שריפטלעכע דענקמעלער, — דאָס איז, ביי דער שטענדיקער באַוועגונג פון דערדאָזיקער קאָלעקטיוו-ליטעראַטור אין אַ משך פון כמעט אַ יאָרטויזנט, בעסער פאַר אַלץ צו שילדערן אין צוזאַמענהאַנג מיט די גייסטיקע שאַפונגען פון דעם פאָלגנדיקן פעריאָד.

בנוגע צום פעריאָד פון די ערשטע תּנאָים קלעקט בכלל אָנצווייזן אויף דעם פאַקט פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג איבערהויפט און אויף דער ריכטונג, וואָס זי האָט אָנגענומען, כּדי צו באַקומען די איבערצייגונג, אַז דער קוואַל פון גייסטיקן לעבן אין יהודה האָט קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט, און דער גאַנג פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג האָט זיך קיינמאָל ניט אָפגעשטעלט. אויב דער שפרוך, וואָס די מסורה האָט פאַרהיט פון שמעון הצדיק, ערלויבט שוין צו מאַכן זיך אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער גייסטיקער ריכטונג, — טרעט דערדאָזיקער כאַראַקטער שאַרפער און בולטער אַרויס אין די, צום גליק, פאַרבליבענע שפרוכן פון די געזעצלערער, וועלכע האָבן שפעטער איבערגענומען די הנהגה. אַלס דער עלטסטער שריפטגעלערנטער ערשיינט אַנטיגנוס איש סוכו, דער ערשטער, וואָס טראָגט אַ גריכישן נאָמען, און וואָס אין זיין שפרוך האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט דער פראָגרעס אין דער וועלטאָנשויאונג אַפילו בנוגע צו

די לעצטע ביבלישע ווערק. ער זאָגט: „זייט ניט ווי קנעכט, וועלכע דינען זייער האר מיט דעם תנאי צו באַקומען שכר, נאָר זייט ווי קנעכט, וועלכע דינען זייער האר אָן דעם תנאי צו באַקומען שכר. און די מורא פאר גאָט זאָל זיין אויף אייך". אין פארגלייך מיט דער דע־מאָלט הויך געאַכטער לערע וועגן שכר און עונש דריקט דערדאָזיקער שפרוך אויס אַ זעלטענע רייפקייט פון דער מאָראַלישער אָנשויאונג אי־בער שכר און עונש.

אויב שמעון האָט געלערנט אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט דעם געזעץ, און אַנטיגנוס — דעם פרינציפּ פון דער מענטשלעכער ווילנס־פרייהייט, זעט מען אין די רייד פון די נאָך זיי געקומענע טרעגער פון דער מסורה — פון איצט אָן קומען זיי כסדר פּאָרווייז — פינף פּאָר — די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג אין דער רעליגיעזער ריכטונג, צוגלייך אַ שאַרפע אָפּאָזיציע צום פרעמדן גריכישן עלעמענט, און דערביי פונ־דעסטוועגן אַ טיף זיטלעכע וועלטאָנשויאונג, וועלכע שטייט הויך איבער די מחלוקתן פון די פּארטייען און די רדיפות פּונם שונא. יוסי בן יועזר איש צרדה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים זיינען גע־ווען די נאָענטסטע, וועלכע האָבן ווייטער געפירט די טראַדיציע. ביידע האָבן געלעבט אין אַ צייט, ווען דאָס גריכנטום האָט ארויסגעלייגט די האַק אויף דער יידישער אמונה און האָט זי געוואָלט פארניכטן. דאָס יידנטום איז אויך קעגן דעמדאָזיקן אָנפאַל בייגעשטאַנען און אין אים האָט זיך אויסגעבילדעט יענער גייסט פון די אַלטע פרומע לייט (חסידים), וועלכער האָט געהאַט אַ ממשותדיקן איינפלוס אויף דער שפּע־טערדיקער צייט. פון די דאָזיקע חסידים זיינען געוויס ארויסגעקומען אויך די ביידע פּאָרשער, וואָס דער ערשטער האָט באַקרעפטיקט זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען מיט זיין טויט על קידוש השם. יוסי בן יועזר, „דער פרימסטער צווישן די כוהנים", וועלכער האָט געזאָגט: „דיין הויז זאָל זיין אַ זאַמלאָרט פאר חכמים, קוש דעם שטויב פון זייערע פיס, און טרינק מיט דאָרשט זייערע רייד" — איז געקרייציקט געוואָרן צו־ליב דער מסירה פון זיין פלימעניק אַלקימוס. יוסי בן יוחנן האָט גע־לערנט דעם פרינציפּ: „זאָל דיין הויז זיין ברייט געעפנט, און זאָלן אָרעמע לייט זיין די איינגייער פון דיין הויז, און פלוידער ניט פיל מיט פרויען".

דער גייסט, וועלכער האָט געלעבט אין די דאָזיקע אַפּאָריזמען, דער גייסט פון הומאַנישקייט און וויסנשאַפט, ווי פון רעליגיעזן ערנסט, האָט געמוזט אָנצינדן און אָנרעגן צו נאָכאַמונג, אַפילו אין אַזאַ

געדריקטער און טרויעריקער צייט, ווי עס איז געוועזן די צייט פון די סירישע מלחמות. הגם עס ווערט געזאָגט, אַז נאָך דעם טויט פון דידאָזיקע צוויי לערער האָבן זיך איבערגעריסן די עפנטלעכע פאָרטראָגן, אָבער די לערע זעלבסט און איר אַנטוויקלונג האָבן ניט אויפגעהערט. אינגיכן באַגעגענען מיר ווידער אַ פּאָר מנהיגים, וואָס זייערע רייד זייַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט פון דער צייט. דאָס זייַנען יהושע בן פרחיה און נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי. זיי האָבן געלעבט אין דער צייט פון דעם כּוהן=גדול פון דער מאַקאַבעער=משפחה, שמעון, און די שטרעבונג זייערע איז געוועזן צו פאַרטיידיקן די תורה=שבעל=פּה קעגן דער מעכטיקער אין יענער צייט פּאַרטיי פון די צדוקים, וועלכע האָבן זי אָפּגעלייקנט. יהושע בן פרחיה האָט געלערנט: „נעם זיך אַ לערער, קריג זיך אַ חבר און זיי יעדערן דן לכף זכות". מען האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז דאָס שווערגעוויכט פון דעמדאָזיקן שפּרוך ליגט אין אין דער באַקאַנטשאַפט מיט דער מסורה, וועלכע דער לערער דאַרף פאַרשפּרייטן און דער חבר — דערפילן, וועלכע דאַרף אָבער אונז ניט לאָזן שטרענג פאַראורטיילן יעדע אַנדערע מיינונג. נִתַּאי, פאַרקערט, האָט געלערנט, פאַרשטייט זיך, נעמענדיק אין אַכט די הערשנדיקע דעמאָלט אַרט דענקען: „דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן, ביט זיי קיין חבר מיט פאַרברעכער און זיי שטענדיק גרייט אויף צרות". דידעמאָלטיקע מאַניר אויסצודריקן אַ טיפן געדאַנק אין קורצע ראַפּסאָדישע זאַצן, באַווייזט אונז די וויכטיקע באַדייטונג און דעם זינען פון דידאָזיקע ווערטער, וועלכע זייַנען געוויס ריכטיק אויפגעפאַסט און פאַרשטאַנען געוואָרן פון די, צו וועמען זיי זייַנען געווענדט. אין די וויטערדיקע יאָרן פון דער חשמונאישער הערשאַפט, ווען די מחלוקת צווישן די פּאַרטייען האָט אַ צייט לאַנג אויפגעהערט, ווערן ווידער באַקאַנט שפּרוכן פון די חכמים, וועלכע בייטיקן זיך שוין מער ניט אין אַזעלכע אויסטייטשונגען, ווייל זיי דריקן קלאָר אויס דאָס, אויף וואָס זיי לייגן די גרעסטע אַכט אין זייער צייט. דאָס זייַנען יהודה בן טַבַּאי און שמעון בן שטח — דער לעצטער — אַ העלד פון דער אגדה, וועלכער ווערט גערימט אין פיל זאַגן און לעגענדעס. זייער ביידנס ציל אין לעבן איז געוועזן — ווי אַרום אויפצושטעלן דעם כבוד און די באַדייטונג פון דעם רעכט, וואָס איז אַזוי אָפט פון דער אומגערעכטיקער הערשאַפט געבראָכן געוואָרן. שטרענגע, רעכטלעכע מענטשן, האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט פאַר דעם צאָרן פון די הערשער און האָבן זיך מיט מוטיקייט געשטעלט צו שיצן די ווערדע

פונם סנהדרין און פון דער תּורה קעגן יעדן אָנפאַל. „אַלס ריכטער שטעל זיך ניט אַיין פאַר איין צד קעגן דעם צווייטן; כּל-זמן די צדדים שטייען פאַר דיר, באַטראַכט זיי ביידע ווי שולדיקע. ווען אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעפאַרטיקט און אָנגענומען דעם פסק-דין, זאָלסטו זיי ביידן באַטראַכטן ווי גערעכטיקע", — אַזוי לאָזט הערן יהודה בן טבאים שפּרוך. די צייט פון אַלעקסאַנדער ינאי און פון דער קיניגין שלומית האָט געוויס געפאָדערט אַזאַ מוסר, ווי יהודה בן טבאים, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפן פאַר דעם קיניג קיין אַלעקסאַנדריע. אַזוי האָט אויך שמעון בן שטח, דער קיניגינס ברודער, אַ לאַנגע צייט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם צאָרן פונם גרויזאַמען קיניג, וועלכער האָט פאַרט זיין ערלעכן כאַראַקטער ניט געקענט איינברעכן. פיל מער איידער זיינע ווערטער: „פאָרשט פיל אויס די עדות, און זיי פאָרזיכטיק מיט דיינע רייד, דורך זיי זאָל מען זיך ניט אויסלערנען צו לייגן", — וועלכע האָבן זיך באַצויגן דער עיקר צו די תּלמידים, כאַראַקטעריזירן דעמדאָזיקן מענטשן די שפּעטערע דערציילונגען וועגן זייןווירקן און שאַפן, וועלכע באַווייזן אַלע אויף פעסטער ערלעכקייט. מערקווערדיקער פאַר אַלע אַנדערע אָבער איז די ערציילונג וועגן דעם איסיער חוני, וועלכער גיט אונז די מעגלעכקייט צו דערקענען דעם גייסט פון שמעון בן שטח.

חוני המעגל האָט געהאַט אַ שם פון אַ מענטשן, וועלכער קאָן דורך זיין תּפילה אַרויסרופן און אָפּשטעלן אַ רעגן. שמעון בן שטח האָט גלייך פאַרשטאַנען, ווי געפערלעך עס איז אַזאַ אָבערגלויבן דווקא אין יענע צייטן, ווען די פאַרטייען האָבן זיך אַזוי געקריגט צווישן זיך. האָט ער געשיקט צו חוני און געהייסן אים זאָגן: „ווען דו וואָלסט געווען ניט חוני, וואָלט איך דיך מחרים געווען, אָבער וואָס קאָן איך מאַכן? דו ביזט ווי גאָטס אַ צעפּיעשטשעטע קינד. מען טוט, וואָס דו ווילסט, און מען באַפרידיקט דיינע קאַפּריזן". דערזעלביקער חוני איז אָבער געווען אַ פרומער און אַן איידעלער מאַן — דאָס איז נייטיק צו וויסן, כּדי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון שמעונס רייד, — און ווען אין דעם ברודערקריג צווישן הורקנוסן און אַריסתּובולן האָבן הורקנוסעס קריגער באַלאַגערט דעם הר-הבית, האָבן זיי געפאָדערט, ער זאָל פאַרשילטן אַריסתּובולס אָנהענגער און די כּוהנים, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין בית-המקדש. ער האָט אָבער ניט געוואָלט, און ווען מען איז צו אים צוגעשטאַנען פון אַלע זייטן, האָט ער מתפּלל געווען הויך: „רבונו של עולם! דאָ שטייט דיין פאָלק, און דאָרטן דיינע כּוהנים, זיי זיינען איינע קעגן די אַנדערע פאַרביטערט; הער זשע ניט, פאָטער אין הימל,

די תפילה פון יענע קעגן די, און ניט די קללות פון די קעגן יענע!" דאָס פאָלק האָט אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער.

דידאַקטיק — דאָס איז די פרוכט פון יענעם גייסט פון מענטשנליבע און פאַטערלאַנדסליבע, וואָס די לערער פון די הויכע שולן האָבן געלערנט און וואָס איז פיל מאָל איבערגעחזרט געוואָרן סיי אין דער הלכה, סיי אין דער אַגדה פון יענע צייטן. מיט דעם זעלביקן גייסט זיינען אויך דורכגעדרונגען שמַעיה און אַבטַליון (סאַמאַיאַס און פּאָליאָ), וועלכע שטעלן פאַר די וויטערדיקע פאַר. זיי ביידע שטאַמען פון געצנדינער, אָבער דאָס האָט אויף קיין האָר ניט געמינערט פון דער אַכטונג, וואָס דאָס פאָלק און די תלמידי־חכמים האָבן צו זיי געפילט, ווייל זיי זיינען ביידע געווען אויסגעצייכנטע געזעצלערער. און ווען איינמאָל האָט אַ כוהן־גדול, אויס קנאה פאַר דעם כבוד, וואָס דאָס פאָלק טוט זיי אָן, אומפריינדלעך געענטפערט אויף זייער באַגריסונג, ווען ער איז אַרויס צום פאָלק אום יום־כיפור, מיט אַ רמז אויף זייער אָפּשטאַמונג: „זאָלן די פרעמדע גיין אין שלום", — האָבן זיי ביידע איינשטימיק געענטפערט: „די פרעמדע גייען אין שלום, וואָרעם זיי טוען די זאַך פון שלום, אָבער ניט אַזוי טוט אַהרונס קינד, וועלכער טוט ניט נאָך זיין שטאַמפאָטער".

צו דעם פאַסט אויך דאָס, וואָס אונז איז פון זיי ביידן פאַרבליבן אַלס גרונדאַנשויאונגען; שמעיה האָט געזאָגט: „ליב די מלאכה, האָב פיינט דאָס הערשן, און חבר זיך ניט מיט דער וועלטלעכער מאַכט". און אַבטליון האָט געזאָגט: „זייט, חכמים, פאָרזיכטיק אין אייערע רייד, כדי איר זאָלט ניט דאַרפן אַוועקוואַנדערן און קומען אויף אַן אָרט פון שלעכטן וואַסער (ד. ה. פון שלעכטן איינפלוס), טאָמער וועלן טרינקען פון אים די שילער, וועלכע וועלן קומען נאָך אייך, און וועלן שטאַרבן, און דאַן וועט גאָטס נאָמען פאַרשוועכט ווערן". ס'איז ניט שווער צו טרעפן, קעגן וועמען האָבן געצילט דידאַקטיקע ווערטער, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז די אויסוואַנדערונגען פון די פרומע געזעצלערער זיינען נאָך פריש געווען אין זכרון, אַז שמעיה און אַבטליון האָבן שוין געלעבט אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די אַדומים, און אַז דער ערשטער האָט אַפילו געהאַט דעם מוט פאַרן גאַנצן סנהדרין אין די אויגן צו טאַדלען דעם אויפטריט פונם יונגן הורדוס. נאָך דער גרייזער שמעיה האָט פאָרגעפילט, וויפיל זיין פאָלק וועט מוזן אויסשטיין פון דעם כיטרען אַדומי, און זיין פאָרגעפיל איז מקויים געוואָרן, ווען הורדוס איז אַרויף אויפן טראָן.

די מיטגלידער פונם סנהדרין און די תלמידי־חכמים זיינען פאַר־

פאָלגט געוואָרן; עס האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס שטודירן די תורה זאָל אין לאַנד פון דער תורה בטל ווערן. אָבער עס האָט ווידער צו נייעם לעבן אויפגעוואַכט דורך איינעם אַ מענטשן פון בבל, הילל, וועלכער האָט איבערגענומען די פירערשאַפט לכתחילה מיט אַ געוויסן מנחם און נאָכדעם מיט שמאיען.

מיט היללן איז אַריין אַ נייער גייסט אין דעם רעליגיעזן לעבן. זיינע קענטעניש און ערפאַרונגען, זיין מילדקייט און גוטסקייט זיינען מיט ליבע באַפוצט געוואָרן דורך דער לעגענדע. נאָר די געשיכטע האָט אים אויך אָנערקענט אַלס איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פערזענלעכ־קייטן צווישן די געלערנטע. און זאָל זיין, אַז הילל איז ניט געווען קיין רעפאָרמאַטאָר, אָבער אַ רעאָרגאַניזאַטאָר אין לערנען און אין דער פּאָלקסערציאונג איז ער אַלנפאַלס געווען און זיין השפעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם יידנטום איז אין לשער גרויס. די צייט, ווען ער האָט געלעבט, און די אַלגעמיינע באַדייטונג, וואָס ער האָט גע־האַט, איז אונז גוט באַקאַנט, דאָס גלייכן, אויף וואָס פאַר אַן אופן איז פון דיביידע לערנאָנשויאונגען, הייללס און שמאיס, געוואָרן צוויי פאַר־שיידענע לערנסיסטעמען.

מיט היללן הייבט זיך אָן אין דער געשיכטע פון דעם פאָרשן די תורה, פון דער הלכה, אַ נייע ערע. פריער האָט ער אויסגעשטעלט פאַר דער אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה־שבעל־פה אויפן סמך פון דער ביבל זיבן כללים, וועלכע שטעלן פעסט אויף ווייטער דעם מע־טאָד פון דער פאָרשונג. דידאָזיקע לאָגישע כללים זיינען באַשטאַנען: 1) אין אַרויסגיין פון ווייניקער וויכטיקן צום מער וויכטיקן, און פאַר־קערט, 2) אין דער שטאָפּענלעכקייט פון די געזעצן, 3) אין דעם אַל־געמיינעם פּרינציפּ, וואָס אַנטשפּרעכט דער שריפט, 4) אין דער הנחה, וועלכע קאָן געדרונגען ווערן פון מערערע ערטער אין דער ביבל, 5) אין איינע לעבן די אַנדערע שטייענדיקע אַלגעמיינע הנחות, מיט דער אָנווענדונג אויף באַזונדערע, 6) אין דער אינערלעכער גלייכ־קייט פון פאַרשיידנאַרטיקע שטרעמונגען, 7) אין דעם צוזאַמענהאַנג פונם אינהאַלט.

שפּעטער זיינען דידאָזיקע כללים דערגאַנגען ביז 13 און אַפילו ביז 32. אָבער אין דער צייט, ווען זיי זיינען אַנטשטאַנען, האָבן זיי אין דער ראַבינישער לערע געשאַפן אַ מעטאָדישן סדר, און געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרם דער אידעע פון דער טראַדיציע.

אָבער אויך אויפן פאָלק האָט הילל מיט זיינע גרונדפּרינציפּן גע־מאַכט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס. אַ גוטער עדות דערויף זיינען די

פילע היללס מימראס. ס׳וועט קלעקן צו ברענגען עטלעכע פון זיי, כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם געהויבענעם גייסט פון דעמדאָזיקן דענקער: „זיי פון אהרון הכוהנס תּלמידים, אַ פריינד פון שלום, אַ פריינד פון מענטשן, און דערנעענטער זיי צום געזעץ”. „ווען איך בין ניט פאַר מיר — טאָ ווער זשע? און אויב איך אַליין טו ניט פאַר זיך אַליין — טאָ וואָס בין איך? און אויב ניט איצט — טאָ ווען דען?” „שייד זיך ניט אָפּ פון דער געמיינדע”. „משפּט ניט דיין חבר, ביז דו וועסט זיך ניט שטעלן אין זיין לאַגע”. „זאָלסט זיך אַליין ניט גלויבן ביזן טאָג פון דיין טויט”. „דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין מאַן, באַמי זיך דו צו זיין דער מאַן”. „ווער ס׳האָט באַקומען אַ גוטן נאָמען — יענער האָט עס באַקומען פאַר זיך זעלבסט; ווער עס האָט באַקומען קענטעניש אין דער תּורה, יענער האָט באַקומען אייביק לעבן”. „אַ גראָבער מענטש קאָן ניט מורא האָבן פאַר זינד; אַן עם-הארץ קאָן נישט זיין קיין פרומער; אַ פחדן קאָן זיך גאָרנישט אויסלערנען; אַ קפּדן טויג ניט פאַר קיין לערער; דער, וואָס פאַרנעמט זיך פיל מיט האַנדל, קאָן ניט זיין קיין חכם”.

אָבער אויך שמאי, וועלכער איז געווען לערער לעבן היללן און האָט פאַרטראָטן דעם שטרענגן פּרינציפּ אין דער אויפפאַסונג און דער ערפילונג פונם געזעץ, האָט געשאַפן אַזעלכע אַפאָריזמען, הגם ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שאַרפן און שטרענגן כאַראַקטער. ער האָט געזאָגט: „זאָל די תּורה זיין דיין שטענדיקע באַשעפטיקונג, רייד ווייניק און טו פיל, און נעם יעדן אויף פריינדלעך”; הגם דאָס אַנטשפּרעכט ניט אינגאַנצן דער פאָרשטעלונג פון אומפריינדלעכקייט, וואָס מיר קאָנען האָבן וועגן דעמדאָזיקן חכם.

די טעטיקייט פון זייביידן אַלס אָנפירער פון דער שול האָט געבראַכט פיל פּרוכט. ווי דידאָזיקע צוויי מענטשן זאָלן ניט געווען זיין פאַרשיידן אין זייערע אָנשויאונגען, זיינען זיי דאָך אין זייערע צילן געווען אייניק. קיין זאַך קאָן ניט אַזוי כאַראַקטעריזירן דעם מהות פון זייער טעטיקייט, ווי די דערציילונג וועגן דעם געצנדינער, וועלכער האָט זיך געוואָלט מגייר זיין, מיט דעם תּנאי, מען זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תּורה פאַר דער צייט, וואָס ער וועט אויסשטיין אויף איין פוס. שמאי האָט אים אַוועקגעטריבן. ער האָט געזען דעם קערן פון דער יידישער רעליגיע נאָר אין דער שטרענגער געזעצגעבונג. הילל, פאַרקערט, האָט אים פריינדלעך אויפגענומען און האָט צו אים געזאָגט: „וואָס פאַר דיר אַליין איז שלעכט, זאָלסטו ניט טאָן צו דיין חבר — דאָס איז דער גרונד און דער שורש פונם יידנטום, און

דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פּירוש און אַ סמך דערצו. גיי און לערן עס״.

צי דאַרף מען דען נאָך דערדאָזיקער דערציילונג ברענגען נאָך פּרטים פון הילל׳ס לעבן, כדי צו באַווייזן זיין באַדייטונג אין דער אמתער שיין און דאָס אומבאַוועגלעכע ראַביניזם פון יענעם פּעריאָד אין אַ שע־נערער באַלייכטונג איידער די, אין וועלכער מיר זיינען שוין לאַנג גע־וויינט זיי צו זען? געוויס ניט. דידאָזיקע סענטענץ קלעקט שוין צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ לעבעדיקע אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג פון יידישן גייס־טיקן לעבן עס האָבן געבראַכט יענע טרעגער פון דער ראַביניסער טראַדיציע, און וואָס פאַר אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דעם ווייטער־דיקן גאַנג פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג האָט דער פאַקט, וואָס כמעט ביי אַלע דיפערענצן צווישן די שולן פון הילל און שמאי, האָט דער מילדער, דערלייכטערנדער פּרינציפּ פון דעם ערשטן מנצח געווען די שטרענגע און באַלאַסטנדיקע אויפפאַסונג פון דעם צווייטן, אַזוי אַז די שפּעטערדיקע לערער האָבן מיט רעכט געקאָנט באַהויפּטן: ווען די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען עזרא פון בבל און האָט זי ווידער אויפגעשטעלט; און אַ צווייטן מאָל איז זי פאַרגעסן געוואָרן, איז אָבער געקומען הילל פון בבל, און האָט זי אויפסניי באַגרינדעט.

אין אַ צייט פון רואיקער אַנטוויקלונג וואָלט געווען ניט אָפּצו־שאַצן דעם איינפלוס פון הילל׳ס אידעען אויפן יידנטום. אָבער אַזאַ צייט איז דעם יידישן פאָלק ניט באַשערט געווען, ווארעם עס זיינען פאַרגעקומען צוויי גרויסע וועלטגעשעענישן, וועלכע האָבן באַשטימענדיק געווירקט אויף זיין אַנטוויקלונג. דאָס זיינען די אַנטשטייאונג פונם קריסטנטום, און דער חורבן פון דער יידישער מלוכה.

פילע קאָנען ניט באַגרייפן, ווי איז עס מעגלעך, אַז אין די טעג, וועלכע זיינען פאָרגעגאַנגען דידאָזיקע גרויסע געשעענישן, בשעת אין דרויסן האָט געברענט דער ווילדער קאַמף פאַרן קיום, האָבן זיך די געזעצלערער אָפּגעזונדערט אין זייערע בתי־מדרשים און זיך דאָרטן גע־אַמפּערט וועגן די באַגריפן פון „ריין״ און „אומריין״, פון „כשר״ און „טרפה״. און דאָך וועט מען ביי אַ נענטערער באַקאַנטשאַפט מיט דעם מהות פון דעם באַרעדטן ראַביניזם מוזן הויך אַכטן דידאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט העכער פאַר די אינטערעסן פון זייער צייט, און האָבן ניט געקוקט אויף דער פינסטערער פּערספּעקטיוו פון דעם נאָענטן עתיד, און די גאַנצע טעטיקייט זייערע געווידמעט אויסשליסלעך דער פאָרשונג פון דער תורה. „דאָס יידנטום איז ניט געווען בלינד לגבי די געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אַרום זיי. נאָר עס האָט זיך אונטערגעגעבן אונטער דעם אומפאַרמיידלעכן בייז, וואָרטנדיק מיט

זיכערקייט אויף דער גאולה, וועלכע עס האָט אָבער געהאָפּט צו פאַר־דינען נאָר דורך אַ שטרענגן געזעצלעכן לעבן. עס האָט געוואָלט לעבן און שטאַרבן מיט דער תורה אין די הענט". פונדעסטוועגן זיינען דאָ זיכערע היסטאָרישע באַווייזן, אַז אין דער צייט פון די גרויסע איבער־קערענישן האָבן דווקא דידאַזיקע געלערנטע פּרושים טיפער איידער אַלע אַנדערע פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געניייטיקט, און וואָס עס האָט געמוזט געשען. דער פאַרפאַסטער דורך אליעזר בן חנניה זיג־קאַלענדאַר, מגילת תענית, פונקט ווי די פאַרפאַסונג פון מגילת חשמונאים, ווייזן דירעקט אויף דער שטרעבונג, צו פאַרפעס־טיקן דאָס פּאַטריאָטישע באַוואוסטזיין אין דעם קריטישן מאָמענט.

היללס מילדער אַרט דענקען איז איבערגעגאַנגען בירושה אויף צו זיין זון שמעון, צו זיין תּלמיד יוחנן בן זכאי און צו זיין אייניקל גמליאל I. דערדאָזיקער איז געווען אַן עדות פון גרויסע וועלט־געשעענישן און אַ מענטש פון קריסטוסעס דור. דאָס, וואָס די קוועלן דערציילן וועגן זיי און וועגן דעם זון פונם לעצטן, שמעון בן גמליאל, וואַרפט אויף דעם כאַראַקטער און אויף די וועלט־אַנשויאונגען פון דידאָזיקע מענטשן אַ גינסטיק ליכט. אין דערדאָזיקער אומרואיקער צייט פון יידישן פאָלקסלעבן, אין דער צייט פון חורבן ירושלים און נאָך אים, ווען, דאַכט זיך, נאָר קריגס־העלדן און מאַרטי־רער האָבן געקאָנט שפּילן אַ ראָלע, זעען מיר אין דידאָזיקע מענטשן דערהייבענע און מילדע דענקער, ערנווערדיקע לערער. גמליאל, וועלכער האָט דער ערשטער באַקומען דעם טיטל „רבי", האָט געלערנט: „ווייל זיך אויס אַ לערער, דערווייטער זיך פון ספקות, און גיב ניט קיין מעשר, שאַצנדיק מיטן אויג". און שמעון בן גמליאל, זיין זון און היללס אור־אייניקל, האָט אין יענער שטורעמדיקער צייט אַרויסגעזאָגט אַזאַ גע־דאַנק: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף יושר, אויף אמת און אויף פרידן". יוחנן בן זכאי איז געווען דער רעגענעראַטאָר פון דער תורה אין די טעג פון אַלגעמיינער ירידה, און זיין טעטיקייט וועט נאָך אויסקומען ווייטער אַרומצורייידן אין דעם פּעריאָד, וועלכער האָט געזען, ווי די תורה האָט ווידער אויפגעלעבט אויף די חורבות פון דעם בית־המקדש. קראַפט און ענערגיע האָט אַרויסגעוויזן איינער, מילדקייט און סבלנות — דער צווייטער.

אַן ערנסטער פאַרשערגייסט, און אַ גרויסע לעבנסאַנשויאונג, אמתע פרומקייט און אַ שטרעבונג נאָך אַן אומאויפהערלעכער אַנטוויק־לונג, דאָסגלייכן אַ ווייטער בליק אין די צייטן און פאַרהעלטענישן מאַכן די ערשיינונגען פון דידאָזיקע מענטשן פון דעם תּנאים־פּעראָדי

אַזוי באַדייטנד, אַז פאַר אונז ערשיינט די גאַנצע צייט זייערע אין אַ העלערן ליכט. די תּורה איז נאָך אַלץ אַרויס פון ציון און גאָטס וואָרט פון ירושלים, כּדי באַלד נאָך דעם אַנטשוויגן צו ווערן אין דעם אָרט, און דעם חרוב געוואָרענעם טראָן אויפצוריכטן אויף אַן אַנדער אָרט. אָבער יענע געלערנטע האָבן זיכער געקאָנט דינען פאַר די קומענדיקע דורות אַלס לייכטנדער מוסטער און וועקער צו דרייסטן און מוטיקן שטרעבן פאָרווערטס אויפן וועג פון גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידנטום. און ווען יוחנן בן זכּאי און היללס תּלמידים האָבן זיין לערע מיט זיך אַוועקגענומען אין גלות, האָט זיי באַגלייט די ליכטיקע ערינע־רונג וועגן יענע גרויסע לערער, וועלכע האָבן געטראָגן די קריין פון דער תּורה, פון גוטן נאָמען און פון עכטע בירגערלעכע מידות טובות אויף זייערע קעפּ.

II. די אַפּאָקריפן.

זינט דאָס הייליקטום פון דער רעליגיע האָט זיך געפונען אין סכּנה אין דער צייט פון די מלחמות מיט די סיריער, האָט אין יידנטום אויפגעוואַכט אַ לעבהאַפטע גייסטיקע באַוועגונג, וואָס איר ציל איז געווען אָפּצוהיטן ס׳דאָזיקע הייליקטום פון דעם אָנגריף מצד דעם אַריינדרינגענדיקן פיינדלעכן העלעניזם. כּדי דעמדאָזיקן ציל צו דערגרייכן, האָט מען פריער פאַר אַלץ געמוזט אויפהאַלטן דעם געזעץ, אַלזאָ די ביבל, אין פולקומער אומבאַרירלעכקייט, און פאַרהיטן זי פון נייע צוגאָבן אָדער פאַרמינערונגען. פאַרהיטן ס׳דאָזיקע קאַנאָניזירטע הייליקטום — איז געוואָרן די ערשטע זאָרג פון דעם ערוואַכנדיקן ראַביניש יידנטום. די ירושה — וואָרעם אַזוינס איז די ביבל געווען פאַרן פאָלק — איז באַשטאַנען פון חומש, נביאים און כּתובים. דאָס איז שוין אַלץ דעמאָלט פאַראייניקט געווען אין איין זאַמלונג פון כּתבי־הקודש, וועלכע זיינען זייער פאַרערט געווען, ניט געקוקט אויף גאָר דער פרייהייט, וואָס די שולן האָבן געהאַט ביים אויסטייטשן זיי.

עס איז ניטאָ קיין זיכערערער באַווייז פאַר דעם אמת פונם דאָזיקן פאַקט, ווי דער אומשטאַנד, וואָס אַלע אַנדערע שריפטן פון רעליגיעזער ריכטונג, וואָס שיידן זיך קוים אונטער לויט זייער אינהאַלט און שפּראַך פון אייניקע ביכער פון דער ביבל, זיינען פון דעמדאָזיקן קאַנאָן אומבאַדינגט אויסגעשלאָסן געוואָרן. מען האָט אין זיי געפילט אַ ריכטונג, וועלכע ווייכט אָפּ פון דעם ביבלישן גייסט, און די באַזאָרגלעכקייט פון די געזעצלערער איז אין דער הינזיכט דערגאַנגען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז זיי האָבן נאָך אַמאָל געגנוי רעווידירט אייניקע אַלטע שריפטן, ווי שיר השירים, קהלת, איוב א. אַנד., כּדי פעסטצושטעלן זייער קאַנאָניציטעט. אָבער דידאָזיקע שטרענגקייט האָט געהערשט נאָר ביי די פּרושים. די מצרישע יידן האָבן צו זייער גריכישער איבערזעצונג פון דער ביבל צוגעגעבן נאָך פיל אַנדערע שריפטן פון רעליגיעזן

כאַראַקטער; אויך די איסיער האָבן לעבן דער ביבל געהאַט נאָך גע־
היימע שריפטן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען לערעס פון רעליגיע
און הייליקע פאַרשריפטן.

ס׳דאָזיקע שריפטטום, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט כמעט אין אַ
משך פון איין יאָרהונדערט, און איז טיילווייז געווען געשריבן אין
העברעאיש, טיילווייז אין גריכיש, האָט מען געגעבן דעם אַלגעמיינעם
נאָמען „גנוזים“, פאַרבאָרגענע, אין געהיים געהאַלטענע. דערדאָזיקער
נאָמען האָט אין גריכיש אַנטשפּראָכן דעם באַגריף ἀπόκρυφοι, פונ־
וואַנען עס זיינען אַנטשטאַנען די אַ פּ אָ ק ר י פ ן. אייניקע פון דידאָזיקע
שריפטן האָט מען אמת ערלויבט צו לייענען, אָבער אין אַלגעמיין איז
דער ראַביניזם פרעמד געבליבן צו די אַפּאָקריפן.

און דאָך פאַרדינען דידאָזיקע שריפטן צוליב זייער רעליגיעזן און
זיטלעכן אינהאַלט, מען זאָל זיך מיט זיי באַקענען. אמת, עס ווייעט
טאַקע אַ פרעמדער, און ניט דער לויטערער ביבלישער גייסט פון איי־
ניקע פון דידאָזיקע שריפטן, און זייער געשיכטלעכער טייל טראָגט אַ
שטאַרקן לעגענדענהאַפטן כאַראַקטער, אָפטמאָל קאָן מען אַפילו דאָס
אויסגעטראַכטע ניט אונטערשיידן פוןווירקלעך געשעענע פאַקטן. ניט
קוקנדיק דערויף, פאַרדינען די אַפּאָקריפישע שריפטן, שוין צוליב זייער
רעליגיעזן כאַראַקטער, מער אויפמערקזאַמקייט, איידער זיי האָבן געפו־
נען אין די קרייזן פון די געזעצלערער.

ביי דער קירכע קומען די אַפּאָקריפן אין דער גריכישער איבער־
זעצונג צוזאַמען מיט דער ביבל, און פון 2טן יאָרהונדערט נאָך קר.
קוקט מען אויף זיי ווי אויף ביבלישע שריפטן. אין דעם IVטן יאָרהונ־
דערט האָט אַווגוסטין אויף דער פאַרזאַמלונג אין היפּפּאַ דורכגעפירט,
אַז די אַפּאָקריפן, וואָס די פאַרזאַמלונג אין לאַאָדיצעאַ האָט זיי אויס־
געשלאָסן, זאָלן ווידער אַריין אין קריסטלעכן קאַנאָן (דערביי אַ באַ־
מערקונג — אַ וואָרט וואָס איז דאָס ערשטע מאָל געברויכט געוואָרן
פון אָריגענעס). דער פויפּסט אינאָקענט האָט באַשטעטיקט דעמדאָזיקן
באַשלוס, און די טרידענטישע פאַרזאַמלונג, ווי אויך דער וואַטיקאַני־
שער סינאָד, האָבן שפּעטער דערויף געגעבן זייער סאַנקציע.

אַנדערש איז די זאַך אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע. לוטער,
וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דעם געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, האָט
זיי אָנגערופן פּונקט אַזוי ווי אַן אַלטער יידישער געזעצלערער — „שריפטן,
וועלכע מען קאָן ניט האַלטן ווי די הייליקע שריפט, אָבער זיי זיינען
נוצלעך און גוט צום לייענען“. שפּעטער האָט די פּראָטעסטאַנטישע אָר־
טאָדאָקסיע, צום באַדויערן, פאַרלאָזן דעמדאָזיקן שטאַנדפּינקט, וועלכער

ווייזט זיך אַרויס נאָך אָביעקטיווער אויספאָרשונג אַלס איינציק ריכ־טיקער, בנוגע צו אַ שריפטטום, וועלכע אַנטהאַלט אַזוי פיל פּרעכטיקע ערציילונגען, אַזוי פיל האַרציקע זאַמלונגען פון שפּרוכן, אַזוי פיל וויכ־טיקע געשיכטע־ביכער און הוספות צו די קאַנאָנישע שריפטן, ווי די אַפּאָקריפן.

צו דידאָזיקע אַפּאָקריפן פאַררעכנט מען געוויינלעך די פאָלגנדיקע שריפטן: יהושע בן סירא, דאָס ספר החכמה, אָדער חכמת שלמה, דאָס ספר ברוך, טוביה, יהודית, דאָס דריטע בוך עזרא, הוספות צו די ביכער אסתר און דניאל, דריי ביכער חשמונאים. אין עסטעטישער הינזיכט געהערן זיי טיילווייז צו דער דידאַקטישער פּאָעזיע, טיילווייז צו דער היסטאָרישער ליטעראַטור.

* *

*

צו דעם געביט פון דידאַקטישער דיכטונג געהערט נאָך פולשטענ־דיק דאָס בוך פון יהושע בן סירא, וואָס איז אָנגעשריבן כמעט אין אָנהייב פונם צווייטן יאָרהונדערט און אפשר נאָך פריער אין פּאַ־לעסטינע. דער פאַרפאַסער איז געווען אַ פרומער מענטש, אפשר אַ באַנטער צו די קרייזן פון די כוהנים, וועלכער האָט נאָך ווייניק געגאַסן פון די ווינטן פון דער נייער צייט און איז מיט זיינע אָנשויאונגען גע־שטאַנען פולקום אויפן באָדן פון די נביאישע און פּאָליטישע ווערק פון דער ביבל, זיין בוך איז כמעט ווי אַ פאָרזעצונג פון משלי, אויף וועלכן ער שטיצט זיך, און וועלכן ער ציטירט אפשר.

ס'איז לכתחילה געווען געשריבן אין העברעאיש. גרויסע פראַג־מענטן פון דעם אורטעקסט זיינען געפונען אין דער גניזה פון קאַירע און פאַרעפנטלעכט געוואָרן (די קאַפּיטלען 3, 6—16; 18, 31—19, 3. 20—5—7, 13; 25, 8, 13, 17—24; 26, 1—2; 30, 11—33, 3, 35, 11 ביז 33, 27; 39, 15—51, 30). דאָס בוך איז מיט פופציק יאָר נאָך זיין אַנטשטיין (130 פאַר קר.) איבערגעזעצט געוואָרן דורך אַן אייניקל, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען, אויף דער גריכישער שפּראַך. דער העב־רעאישער אָריגינאַל איז אין משך פון דער צייט, ווי אַלע העברעאיש געשריבענע אַפּאָקריפן, פאַרלאָרן געוואָרן און עס זיינען פאַרבליבן נאָר די גריכישע און די סירישע איבערזעצונגען, וועלכע זיינען ביידע געמאַכט געוואָרן פון דעם העברעאישן טעקסט; עס איז נאָך געבליבן זייער טאָכ־טער, די אַראַבישע איבערזעצונג, און אַ לאַטיינישע פון פאַר העראָנימו־

סעס צייטן, אַ קאַפּטישע און אַ עפּיאָטישע, ביז אַן ערך צום סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען אַנטדעקט געוואָרן די דערמאָנטע פראַגמענטן פון דעם העברעאישן טעקסט.

אַ מילדער און אַ הומאַנישער גייסט ווייעט דורך דעמדאָזיקן בוך פון בן־סירא, און שטעלט עס מיט זיין עטישן ווערט אוממיטלבאַר נאָך די הייליקע שריפטן, וואָס זייער וועלטאַנשויאונג איז אין אַלע פּרטים אויך זיינע. זיין פּאָעטישע באַדייטונג איז אָבער אַ פיל קלענערע. אויב ערטערוויז הערן מיר נאָך דאָ אויך קרעפטיקע לירישע קלאַנגען, די לויב צו גאָט אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע, אַ לויב צום אמת און צו דער חכמה, טיפע אַפאָריזמען, וועלכע דערמאָנען די בליאונגס־צייט פון דער דידאַקטישער פּאָעזיע, — בלייבט דאָך אָבער פּאָרט אי־בער צום סוף דער אַלגעמיינער איינדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ געלערנטער קונסטדיכטונג, וואָס אירע מאָטיוון שטאַמען טאַקע נאָך פון דער בליאונגס־פּעריאָד, אָבער איר אויספירונג פאַלט אויס אין אַ צייט, ווען די פּאָעזיע האָט איר גלאַנצעפּאָכע ווייט הינטער זיך, און אירע עפּיגאָנען נערן זיך מיט די ערנערונגען פון אַמאָליקער שענע־רער צייט.

דער דידאַקטישער טייל איז זיכער דער בעסטער פונם בוך. ער איז אויך דער הערשנדיקער. אייניקע לידער און תפילות, ווי אויך היס־טאָרישע אָנווייזונגען זיינען וויכטיק פאַר דער צייט, אין וועלכער דאָס בוך איז אַנטשטאַנען, ווי אויך פאַר דעם גייסט פון יענער צייט, אָבער די האָבן כמעט קיין זעלבשטענדיקן ווערט ניט.

אָבער לויט דער מאָראַלישער ריכטונג שטייט דאָס בוך, ווי גע־זאָגט, אין איין ריי מיט די בעסטע ביבלישע ווערק. אין זיין וועלטאַנ־שויאונג ווייזט עס אַרויס אפילו אַזאַ רייפקייט און אַזאַ ליבעראַלישקייט, וואָס אַזוינס באַגעגענען מיר ניט אַלע מאָל אין דער ביבל, און באַווייזט דעריבער אַן אַנטוויקלונג צו אַן אוניווערסאַלערן מענטשלעכן שטאַנד־פּונקט, וואָס מען האָט געוואָלט אָפּלייקענען גראַדע בנוגע יענע קרייזן, פון וועלכע דער אוטאָר שטאַמט. און דידאָזיקע וועלטאַנשויאונג האָט נאָך ווייניק אויפגענומען פון דעם גריכישן גייסט. זי שטייט לגמרי אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעמאָלטיקן יידנטום, און דערווייטערט זיך כמעט ניט פון דעם אידעענקרייז, מיט וועלכן עס זיינען געווען דורכגעדרונגען די חכמים פון יענער צייט.

וואָרעם אין דעם קרייז פון דידאָזיקע מענטשן און פון זייערע תלמידים דאַרפן מיר זוכן אונזער מחבר. בן־סירא איז אויך אַ געלערנ־טער מענטש, „וועלכער האָט געגוי באַאָבאַכט און שטודירט דעם

וועלטלויף, די זיטן און דעם גורל פון מענטשן, און מיט געזונטן און מיט ליכטיקן שכל האָט ער געזאַמלט און פאַרפאַסט משלים פון מידות און פון חכמה פון ריינסטן און טיפסטן אינהאַלט. כמעט אַלע לעבנס־פאַרהעלטענישן זיינען דאָ באַרירט, די העכסטע ווי די נידעריקסטע, די גייסטיקע ווי די גשמיותדיקע, די נאַציאָנאַלע ווי די פרעמדע, אַזוי אַז בן־סירא איז דורך דער שפע און דער אינהאַלטסרייכקייט פון זיינע געדאַנקען געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע פראַקטיש פאַרשטענדיקע באַטורן".

אויב מען זאָל ניט אָננעמען, אַז אין יענער צייט איז שוין דער קאַנאָן געשלאָסן געוואָרן, דאַן איז עס קוים צו באַגרייפן, פאַרוואָס זאָל ס'דאָזיקע בוך פון דעם קאַנאָן זיין אויסגעשלאָסן, ווייבאַלד אַז עס שטייט אַזוי פעסט אויפן באָדן פון געזעץ און איז פול מיט ליוב צו דער תורה און צו די כּוהנים. דער אומשטאַנד, וואָס דאָס איז אַ בוך פון אַ פּריוואַטער פערזאָן קאָן דאָ ניט זיין קיין טעם. ווייל דאָס בוך איוב איז אויך פון דעמזעלביקן מין. און דאָס וואָס מען האָט דעם בוך פון בן סירא ניט צוגעשריבן קיין רוח־הקודש, — דערויף האָבן געמוזט זיין היסטאָרישע טעמים, ווייל דאָ וואָלט מען געוויס געקענט געפינען מער באַגייסטערונג, איידער אין דעם גריבלערישן קוהלת.

די מאָראַל און די לעבנסקלוגהייט, וואָס בן סירא לערנט, האָבן אים ערוואָרבן אַ גרויסן אָרט אין דער קירכע. דער "עקלעזיאַסטיקוס" — אַזוי הייסט ער אין דער ווולגאַטאַ — האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ווערטפול בוך, וואָס זיין מוסר און זיין חכמה האָט מען געפונען פאַר באַזונדערס פּאַסיק פאָרגעלייענט צו ווערן פאַר דער געמיינדע (ecclesia).

דאָס האָט אַ באַזונדער באַדייטונג, ווייל דער אַוטאָר איז ביי גאָר זיין קאָסמאָפּאָליטיזם געבליבן אויף אַ שטרענג נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און אומעטום שטעלט ער דאָס אַרויס מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ. זיינע לויבן צום כּוהן־גדול שמעון, ווי אויך צו יענע געלערנטע, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז גראַנדיעז. אַ רעליגיעזע באַגייסטערונג, וועלכע איז אויף אַ זעלטענעם אופן סותר דער געוויינלעך רואיק־קלאָרער און פרייליך־ניכטערער מאַניר פון דעם קלוגן שריפטשטעלער, גייט אויף אים אַראָפּ, ווען ער שילדערט דעם כּוהן־גדול און זיין עבודה אין בית־המקדש.

"ווי גלענצנד ער איז געווען, אַן אַרומגערינגלטער מיטן פאָלק אין יענע מאָמענטן, ווען ער איז אַרויס פון הינטער דעם פאָרהאַנג! ווי דער מאָרגן־שטערן פון אונטערן וואָלקן, ווי די לבנה אין איר גאַנצ־

קייט, ווי די זון, ווען זי שיינט איבער דעם היכל פון דעם אייבערשטן, ווי דער שטראַלנדיקער רעגנבויגן אין די פּרעכטיקע כמאַרעס! ווי אַ בליענדיקע רויז אין די טעג פון פרילינג, ווי אַ ליליע אויף די ברעגן פון קוואַלן, ווי די שמעקעדיקע אויסדעמפונגען אין די טעג פון זומער! ווי אַ פלאַם און ווי קטורת אין אַ פייערפאַן, ווי אַ כלי פון געגאָסענעם גאָלד, באַפּוצט מיט אַלערליי טייערע שטיינער! ווי אַן איילבערטבוים מיט בליענדיקע פּרוכטן; ווי אַ קיפּאַריס, וועלכער הייבט זיך צו די וואָלקנס. ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין וואונדערלעכן מאַנטל, ווען ער האָט אויף זיך אָנגעקליידט זיין רייכע קליידונג, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ פון הייליקן מזבח — איז דער גאַנצער בית־המקדש אַרום אים באַשיינט געוואָרן. אָבער ווען ער האָט גענומען די כלי־השרת פון די הענט פון די כוהנים, און אַליין איז ער געשטאַנען ביים פייער פונם מזבח, אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ פון זיינע ברידער, — דעמאָלט איז ער געגליכן געווען צו אַ צעדערבוים פון לבנון, און זיי האָבן אים אַרומגערינגלט ווי צווייגן פון אַ טייטלבוים. און אַלע אַהרונס זין אין זייער גלאַנץ, און גאָטס קרבן אין זייערע הענט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער געמיינדע ישראלס".

מער אין דעם טאָן פון „משלי" קלינגט אין דעם ערשטן טייל פונם בוך די לויב צו דער חכמה.

וואויל צו דעם מענטשן, וועלכער ענדיקט אין חכמה,
און ווער עס ווערט אָפּגערופן אַלס פאַרשטענדיקער,
ער באַטראַכט אירע וועגן אין זיין הארצן,
און דענקט וועגן אירע סודות,
ער גייט געטריי אין אירע שפּורן,
און לויערט אויף אַלע אירע גענג,
ער קוקט אַריין אין איר פענסטער,
און וואַרט זי אָפּ ביי אירע טירן.
ער ווילט נאָענט צו איר הויז,
און בויט זיין געצעלט לעבן איר.

לעבן דידאַזיקע עטישע און דידאַקטישע משלים געפינען זיך אין בוך פון בן־סירא אויך לידער פון געהויבענער שטימונג, פון אַזאַ טיפער פרומקייט, אַז זיי ברעכן דורך דעם צוים פון יעדער רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט און געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אַלע גלויביקע נשמות. אַזאַ איז יענער הימן, נאָך וועלכן עס איז פאַרפאַסט

דאָס באַקאַנטע עוואַנגעלישע קירכנליד: „דאַנקט זשע אַלע גאָט״ (Nun danket alle Gott).

בענטשט היינט אַלע גאָט, וועלכער טוט אומעטום גרויסעס.
וועלכער באַגליקט אונזערע טעג פון דער מוטערס בויך אָן,
און באַגייט זיך מיט אונז לויט זיין באַרעמהאַרציקייט,
זאָל ער אונז געבן אַ פריילעך האַרץ
און זאָל פרידן זיין ביי ישראל אין אונזערע טעג,
ווי אין די אַלטע אַמאָליקע צייטן.
זאָל ער ביי אונז ניט אַוועקנעמען זיין חסד
און זאָל ער אונז אויסלייזן באַצייטנס.

דער תהילים־טאָן פון דעם ליד און פון פיל אַנדערע לידער פון בן סירא באַווייזט אויף אַ טיפרעליגיעזן גייסט, וועלכער האָט דאָך דעם פאַרפאַסער ניט געטריבן צו אַסקעטישער פרומקייט. אויך ער דריקט אויס אין שיינע לידער און אין פרעכטיקע אַפאָריזמען די לוסט און די פרייד פון לעבן, און קוים וואָס מען באַמערקט, אַז כמעט אַ האַלבער יאָרטויזנט כון פּאָליטישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג איז אַריבער זינט די ערשטע און וויכטיקסטע ווערק פון דער העברעאישער דידאַקטישער פּאָעזיע, ווען מען הערט בן סיראס ליבלעכן מוסר:

זע, ווען מען זינגט לידער, זאָלסטו דערביי ניט פּלוידערן,
און שפּאָר דיין חכמה ביז אַ פּאַסיקער צייט.

ווי אַ רובין שטראַלט אין גאָלד, אַזוי באַשיינט אַ ליד דעם מאָלצייט,
און ווי אַ סמאַראַגד צו גינגאָלד, אַזוי פּאַסט געזאַנג צום וויין.

אין אַזוינע שפּרוכן ערשיינט בן סירא אַלס ווערדיקער נאָכפאָלגער פון דעם דיכטער פון משלי, וועגן וועלכן ער אַליין זאָגט:

גאָר די ערד האָט דיין גייסט באַדעקט, און דו פילסט זי אָן מיט
רעטזלהאַפטע שפּרוכן, —

און מיט וועלכן ער קאָן זיך פאַרמעסטן, — אויב ניט אין דער פרישקייט און אין דער אינהאַלטסרייכקייט פון זיינע שפּרוכן, איז זיכער אין איידלקייט פון שכל און אין רעליגיעזער באַגייסטערונג. אין מיטלאַלטער איז פון בן סיראס חכמה געמאַכט געוואָרן אַ זעלטזאַם פאַבל־בוך, דער אַזויגערופענער אלף־בית פון בן סירא.

* *

*

צו דער דידאַקטישער פּאָעזיע געהערט נאָך דאָס בוך פון חכמה, אָדער חכמת שלמה, אַ ווערק, וואָס די צייט פון זיין פאַרפאַסונג איז פאַרזונקען אין אומדורכדרינגלעכער טונקלקייט און וואָס די קריטיק רעכנט, אַז עס זאָל זיין אַנטשטאַנען צווישן 150 און 50 פאַר קר. געב. אַ פּנים, אַז דאָס בוך איז אַנטשטאַנען אין דערזעלביקער צייט, וואָס בן-סיראס בוך, און איז זיכער פאַרפאַסט געוואָרן אין דער גריכישער שפּראַך אין אַלעקסאַנדריע.

די פאָרשטעלונג, אַ ס'דאָזיקע בוך איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין העברעאיש, האָט שוין העראָנימוס אָנערקענט פאַר אַ פאַלשע: ער האָט עס אָנגערופן פּסעוודאָעפּיגראַפיש, ווייל עס איז אַרויס אונטער דעם נאָמען פון שלמה, און וועגן דער עצם שריפט זאָגט ער: „Quin et ipse stylus Graecam eloquentiam redolet“. די העברעאיזמען, וועלכע באַגעגענען זיך דאָ ערטערווייז, פלעגן דעמאָלט זיין געברויכלעך ביי די יידן, וועלכע האָבן גערעדט גריכיש, און מיר געפינען זיי אויך אין פיל אַנדערע שריפטן פון יענער ליטעראַטור, צו וועלכער דאָס בוך פון חכמה געהערט לויט זיין גאַנצן געדאַנקענקרייז.

ווען מיר וואָלטן ניט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיקער יעדע ליטעראַרישע ריכטונג פון דעם יידישן שריפטטום אויסצופאָרשן אין איר פולן פאַרנעם און אַנטוויקלונג, וואָלטן מיר ס'דאָזיקע בוך, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אויף די אָנשויאונגען פון די עלטערע יידישע אַלעקסאַנדריגער, געדאַרפט באַטראַכטן ביים באַשפּרעכן יענע פילאָסאָפישע אָנשויאונגען, אָנשטאָט צו שטעלן עס צווישן די אַפּאָקריפן, צווישן וועלכע עס איז אַריינגעפאַלן אויף אַ מערקווירדיקן, היינט לגמרי ניט ערקלערלעכן אופן.

דאָס בוך פון חכמה באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די חכמה איז דער קוואַל פון גוטס, אַז זי פירט צו אומשטערבלעכקייט, און אַז אירע קעגנער וועלן סוף-כל-סוף באַקומען זייער שטראָף. עס טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם פילאָסאָפישן שטעמפּל אויף זיך, און באַשטימט, אַז דער טויט שטאַמט פון די בייזע מחשבות, וועלכע ברענגען דעם מענטשן צום נסיון. דער גלויבן אין אומשטערבלעכקייט טרעט שוין אין דעמדאָזיקן בוך אַרויס פולשטענדיק אַנטוויקלט און שטאַרק באַטאָנט, אַזוי אַז מען האָט מיט רעכט געזוכט דעם אויטאָר אין יענע קרייזן פון די איסיער-

אָדער טעראַפּעווטן, וועלכע האָבן דעמדאָזיקן גלויבן אין זייער שטילער איינזאַמקייט געהאַלטן פאַר דאָס העכסטע גוטס.

די אידעען פון דעם בוך שטאַמען נאָך טיילווייז פון דער ביבל. דער גרעסטער טייל פון דעם אינהאַלט ווייזט אָן די השפעה פון די פּלאַטאָנישע, אָדער די סטאָאישע אָנשויאונגען, וועלכע דער פאַרפאַסער האָט צונויפגעשמאָלצן מיט זיינע יידישע אידעען און פאַראייניקט אין איין גאַנצעס.

שלמה טרעט אַרויס בנוגע די פירשטן פון דער וועלט, אַלס דער געשיכטלעכער לערער פון חכמה, און ער רימט אירע מעלות, ווייל נאָר זי אַליין קאָן שאַפן גליק פאַר דעם איינצעלן מענטשן, ווי פאַר גאַנצע פעלקער. דערביי איז דאָס אמתע גליק ניט אין פאַרבייגייענדיקן, אין ערדישן, נאָר אין דעם בעסערן לעבן פון יענער וועלט. דאָס, וואָס עס איז גליק דאָ אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט אַ צרה, און דחקות און ליידן, וואָס מ'האָט אויף דער וועלט, ווערן אויף יענער וועלט באַלוינט. „די צדיקים לעבן אייביק, און גאָט איז זייער שכר, ער זאָרגט שטענדיק וועגן זיי. זיי באַקומען אַ מלוכה פון פּראַכט און אַ קרוין פון שיינקייט פון גאָטס האַנט, און ער באַשירמט זיי מיט זיין רעכטער האַנט און באַשיצט זיי מיט זיין אָרעם״.

אויב אין די און אין ענלעכע אָנשויאונגען ווייזט זיך נאָך אַרויס דער ביבלישער גייסט, איז אין אַנדערע, וועלכע הייבן יענע וועלט אויף דעם חשבון פון דער וועלט, און האַלטן פאַר דאָס גרעסטע גוטס דאָס קיינמאָל ניט געבאָרן ווערן, פילט זיך בפועל ממש די גריכישע השפעה, און עס ווייזט אויס ווי אַ משונהדיקע מיספאַרשטייעניש, וואָס אייניקע קריטיקער האָבן אָפּגעלייקנט יעדע שייכות צווישן דעמדאָזיקן בוך מיט דער יידיש-אַלעקסאַנדרינישער רעליגיע־פילאָסאָפיע, באַהויפּטנדיק, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין פּאַלעסטינע. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז אייניגע האָבן פאַר דעם מחבר פונם בוך געהאַלטן פילאָנען, אַנדערע — שלמה המלך. דאָס בוך איז אָבער לויט דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג צופיל יידישלעך, אַז מען זאָל עס צושרייבן פילאָנען, פון דער אַנדער זייט איז עס צופיל גריכיש, אַז מען זאָל עס קאָנען צושרייבן שלמהן. דאָס לעצטע, איבעריקנס, איז אויסגעשלאָסן פאַר יעדן לעזער, וואָס גייט צו צו דעם בוך אָן פאָראורטיילן.

דאָס בוך פון חכמה באַטייט גיכער דעם איבערגאַנג פון דער אַלט-העברעאישער וועלטאָנשויאונג צו דער העלעניסטישער פילאָסאָפיע; עס שטייט אינמיטן צווישן דידאָזיקע צוויי גרויסע גייסטבאַוועגונגען.

מיט לגמרי א גריכישן כאראקטער איז געשטעמפלט דער אבסטראקטער באגריף פון דעם אוטאר וועגן דער חכמה (σοφια)׳ וועלכע ער רופט אן „דער אפגלאנץ פון אייביקן ליכט״, „דער אומפארפלעקטער שפיגל פון געטלעכן ווירקן״, „די געשטאלט און די ענלעכקייט פון גאטס גוט־קייט״. און וואס עס קלינגט אפילו כמעט אומגלויבלעך, אויב אין העברע־איזם לייקנט מען אפ דעם באגריף פון דער העכסטער אידעע אלס „איי־ביקע ליכט״, פארגעסנדיק — מיר ברענגען גאר איינעם פון פיל ביי־שפילן — יענע נביאישע רעדע, וואו עס רעדט זיך וועגן גאט אלס „דיין אייביקע ליכט״, — מוז מען דאך פון דער צווייטער זייט אנער־קענען, אז אזעלכע אבסטראקטע באצייכענונגען, ווי דאס אנרופן גאט „דער ערשטער שעפער פון שיינקייט״, ווייזט אוממיטלבאר אן אויף דער השפעה פון פלאטאנס אידעען. אויך די באגריפן פון „כאאס״ און פון „וועלטזעלע״ געהערן צו דער פלאטאנישער און צו דער סטאאישער פילאסאפיע, פונקט ווי דער דואליזם פון גייסט און מאטעריע, וועלכער פאררעט ניט ווילנדיק סיי יענע פילאסאפיע, סיי ס׳דאזיקע בוך, בשעת אנדערע אידעען, למשל די אידעע וועגן דער הערשאפט פון גהינום, וועגן אמבראזיע אנשטאט מן, פירן אונז אריין דירעקט אין דער גריכישער מיטאלאגיע.

דער הויפטאונטערשייד צווישן דער העברעאישער ליטעראטור און יענער, וועלכע ס׳דאזיקע ווערק הייבט מיט זיך אן, באשטייט אין דער גרעסערער אביעקטיוויטעט פון דער ערשטער, וואו באהויפטונגען שטעלן זיך לעבן באהויפטונגען, און וועלכע זוכט ניט קיין באוויזן, שטיצנדיק זיך אויף איר געטלעכער אפשטאמונג, בשעת די צווייטע זוכט דאס סוביעקטיווע דענקען דיאלעקטיש צו ערקלערן און פילאסאפיש צו באגרינדן. ערגעץ טרעט דערדאזיקער אונטערשייד ניט ארויס אזוי בולט, ווי אין דעם קאפיטל וועגן דער חכמה גופא, וועלכע ער פירט ארויס מיט איינאונצוואנציק, דאס רוב פלאטאנישע שולאויסדריקן, און וועלכע ער האלט, ווי געזאגט, פאר דעם קוואל פון אלדאס גוטס. Sapientia Solomonis איז אזוי ארום א פולשטענדיקע העלעניזירונג פון דער יידישער לערע וועגן חכמה, און דאס איז טאקע די הויפטבאדיי־טונג פון דעמדאזיקן בוך, וואס מ׳האט טיילווייז צופיל איבערגעשאצט, טיילוויין שלעכט פארשטאנען.

אבער כדי צו באגרינדן דעמדאזיקן אורטייל, מוז מען מאכן א קורצן איבערזיכט איבער די קרובהשע לערעס פון דער גריכישער פי־לאסאפיע. ווירקלעך, צווישן דער לערע פון דער ביבל וועגן דער חכמה און צווישן דער העלענישער דאקטרין וועגן νοῦς אדער λόγος איז פא־

ראַן אַ גרויסע קרובהשאַפט. העראַקליט האָט שוין אונטערשיידט צווישן דער מאַטעריע און דעם νοῦς. נאָך מער באַשטימט האָט עס געטאָן אַנאַקסאַגאָראַס, מחמת וואָס מען האָט אין זיין פילאָסאָפישער סיסטעם געמיינט צו געפינען שפורן פון סעמיטישן איינפלוס. ער טיילט שאַרף פונאַנדער די ביידע באַגריפן, און דער νοῦς שטייט ביי אים צווישן דער מאַטעריע, וואָס איז דורך אים אָרגאַניזירט, און צווישן דער גאָטהייט, צו וועלכער ער געהערט.

צו פולער אויסבילדונג איז דער דערדאָזיקער גרונדגעדאַנק געקומען ביי פּלאַטאָנען. ער דערקלערט דעם νοῦς פאַר געטלעכער אינטעליגענץ! דער וועלטבאַוועגנדיקער און אַלץ אין אים רעגולירנדיקער פּרינציפּ איז די „וועלטזעלע״. אָבער דער צוזאַמענהאַנג צווישן גאָט און νοῦς איז אויך אין זיין סיסטעם ניט קלאָר אויסגעדריקט, וואָרעם דאָ אידענטיפיצירט ער דעם νοῦς מיט גאָט, און באַלד רעדט ער וועגן אים ווידער, אַלס אַ צו גאָט אָנגעהעריקן. אויב מען האָט דאָס אומפאַרשטענדלעכע און געהיימניספולע פון זיין לערע פאַרשריבן אויפן חשבון פון זיין ריכטיקערן גאָטסערקענען, כּדי מען זאָל קענען אַלץ וואָס איז טונקל און געהיימניספול אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אָננעמען פאַר אַ ריכטיקערן גאָטסדערקענען, — איז עס פון טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט פאַרשטענדלעך. פאַר די צוועקן פון דער ליטעראַטורגעשיכטע קלעקט צו דערוויזן די קרובהשאַפט צווישן דעם פּלאַטאָנישן νοῦς און דער העברעאישער „חכמה״, כּדי צו מאַכן באַגרייפלעך, אַז די העלעניסטישע ריכטונג אין יידנטום האָט גערן אָנגענומען פּלאַטאָנס לערע און האָט זי געזוכט צונויפצושמעלצן מיט די טראַדיציאָנעלע באַגריפן וועגן חכמה, אַלס אַ אינטעגרירנדיקער טייל פון דער גאָטהייט.

דאָ איז דער קוואַל, פון וועלכן אויס מען קאָן ערקלערן דאָס בוך פון דער חכמה, וואָס באַשרייבט σοφια אַזוי געגוי, ווי די דערמאָנטע גריכישע פילאָסאָפן באַשרייבן νοῦς, און וואָס באַנוצט געלעגנהייטלעך אָנשטאָט דעמדאָזיקן וואָרט דעם זעלטענער געברויכלעכן ביי די גריכן באַגריף λόγος אַלס סובסטראַט פון דער חכמה. די אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן באַגריף וועט אונז נאָך באַשעפטיקן שפּעטער, ווען מיר וועלן ריידן וועגן פילאָן און וועגן דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. איצט איז געגוג, וואָס מיר באַגעגענען צום ערשטן מאָל אויפן יידישן באָדן אין בוך פון חכמה יענע לאָגאָס-לערע, וועלכער עס איז באַשערט געווען אַזוי שטאַרק משפיע צו זיין אויף דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיעזער אידעע אין דער צוקונפט, און וואָס מיר אָנערקענען ס׳דאָזיקע ווערק אַלס אַ פּראָדוקט פון דעם יידישן העלעניזם אין דער ער-

שטער צייט פון זיין עקסיסטענץ, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אויפן באָדן פון דער העברעאישער וועלטאַנשויאונג, וואָרעם דער פארפאסער איז קיינמאָל ניט אומטריי דער ביבלישער לערע; ער זוכט זי נאָר צו פארטיפן און צו פארגייסטיקן.

מחמת דעם געפינען זיך אין זיין ווערק פיל אָפּקלאַנגען פון די יידישע אידעען פון יענער צייט, אזוי ווי זיי זיינען אין דער אַגדה געקומען צום אויסדרוק, — וואָס באווייזט אַ קעגנזייטיקע באַפרוכטונג פון דער פאַלעסטינישער און אַלעקסאַנדרינישער ביבלפאָרשונג.

אַלזאָ, ניט פאַרטונקלענדיק די יידישע לערע דורך דער גריכי־שער פילאָסאָפיע, פירט ס'דאָזיקע בוך אַרויס פון דער פאַרבינדונג צווישן דעם קערן פון די ביבלישע אידעען מיט די בלומען פון דער העלעניסטישער בילדונג אַ מאָסע נייע, פרוכטבאַרע אידעען און פילאָ־סאָפישע באַגריפן, און דעריבער איז עס ריכטיק „די טאַדללאָזע שפּראָ־צונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן פון דעם אומבאַפלעקטן זיווג צווישן יידנטום און העלעניזם. פון דעם ערשטנס לייב איז זי באַשאַפן גע־וואָרן, און פון דעם צווייטן האָט זי באַקומען איר געשטאַלט".

אָבער אין דער עסטעטישער הינזיכט האָט זי פון דערדאָזיקער העלעניסטישער געשטאַלט וויניק באַקומען, נאָר זי שטייט אין דער שורה פון יענע ביבלישע שריפטן, וועלכע פאַרנעמען דעם מיטן צווישן ריטאָ־רישער פראָזע און דידאַקטישער פּאָעזיע. די ערשטע העלפט פון דעם בוך האָט נאָך אָפט דעם Paralellismus membrorum פון דער העברע־אישער פּאָעזיע, וועלכער געווינט אין ריטמישקייט ביי דער אָנווענדונג אין דער גריכישער שפּראַך. דער סטיל איז גלאַטער און פליסיקער, איי־דער אין די ביבלישע ווערק פון דעמזעלביקן כאַראַקטער, דערפאַר איז ער ניט אַזוי פריש, קרעפטיק און אורשפּרינגלעך. די צווייטע העלפט פונם בוך איז אָנגעקליידט אין דער פאָרם פון אַ תּפילה, אָבער ביי דער ברייטקייט פון דעם אינהאַלט טרעט זי ניט אַזוי בולט אַרויס און צעשטערט ניט דעם אַלגעמיינעם עסטעטישן איינדרוק. אין אַלגעמיין, אמת, קאָן מען דאָס בוך „חכמת שלמה" ניט שטעלן אַזוי הויך, ווי עס האָבן געוואָלט די קריטיקער, וועלכע זוכן אין דידאָזיקע ווערק רעליגיעזע טענדענצן, יעדנפאַלס דאַרפן מיר אויף דעם קוקן, ווי אויף אַן ערווירדיקן דענקמאָל פון די רעליגיעזע אָנשויאונגען און ווי אויף אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידנטום אין יענער צייט.

שלמהס תּפילה, אַז גאָט זאָל אים געבן חכמה, הייבט זיך אין דעם ניינטן קאַפּיטל אָן מיט פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן רוף צו גאָט:

„גאָט פון מיינע עלטערן און הערשער פון מיין רעטונג, דו וואָס דו האָסט אַלץ באַשאַפן מיט דיין וואָרט!

און מיט דיין חכמה האָסטו באַשאַפן דעם מענטשן, אַז ער זאָל הערשן איבער אַלע דיינע באַשעפענישן,

און אַז ער זאָל רעגירן איבער דער וועלט אין הייליקייט און אין גערעכטיקייט, און ער זאָל טאָן צדקות מיט דער ערלעכ־קייט פון זיין נשמה.

טייל מיר איין פון דער חכמה, וואָס רוט ביי דיין טראָן, און שליס מיך ניט אויס פון דיינע קינדער,

ווארעם איך בין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט, אַ שוואַכער, שטערבלעכער מענטש, וועלכער איז אָרעם מיט פאַר־שטאַנד פון רעכט און געזעץ.

און ווען עס וואָלט זיך צווישן די זין פונם מענטשן געפי־נען אַפילו איינער אַ פולקומער, איז ער דאָך אַלץ ווי גאָר־נישט, ווען אים פעלט דיין חכמה.

דו האָסט מיך אויסדערוויילט פאַר דעם קיניג פון דיין פאָלק, און פאַר דעם שופט פון דיינע זין און טעכטער,

דו האָסט מיר באַפוילן אויפצושטעלן פאַר דיר אַ היכל אויף דיין הייליקן באַרג, אין דער שטאָט פון דיין רוען, אַ מזבח לויט דעם געשטאַלט פון משכן, וועלכן דו האָסט פאַרצייטן אויסגעבויט.

מיט דיר וואוינט די חכמה, וועלכע קען דיינע מעשים, וועלכע האָט זיך געפונען נאָענט לעבן דיר אין דער צייט, ווען דו האָסט באַשאַפן די וועלט; זי ווייס וואָס איז וואוילגעפעלן אין דיינע אויגן, און וואָס איז רעכט לויט דיינע געזעצן.

שיק זי אַראָפּ פונם הייליקן הימל, און פון דיין כסא־הכבוד שיק זי צו מיר, כדי זי זאָל מיר העלפן, און איך זאָל וויסן, וואָס דיר איז וואוילגעפעלן.

ווארעם זי ווייס און פאַרשטייט אַלץ, זי וועט מיך פירן מיט פאַרשטאַנד איבער מיינע וועגן, און מיט איר פראַכט וועט זי מיך באַשיצן.

מיינע מעשים וועלן רעכטפאַרטיק זיין אין דיינע אויגן, און איך וועל מיט גערעכטיקייט משפטן דיין פאָלק, און איך וועל ווערט זיין צו זיצן אויף דעם טראָן פון מיין פאָטער.

ווארעם וועלכן מענטשן זיינען באַוואוסט די באַשלוסן פון גאָט, וועמען איז פאַרשטענדלעך, וואָס גאָטס ווילן איז צו טאָן?

דעם מענטשנס געדאַנקען זיינען אייטל, און אויף אונזערע מחשבות קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן.

דער קערפּער, וואָס איז צום פוילן, באַלעסטיקט די נשמה, און דאָס קלייד פון דער ערד באַגרענעצט דעם ברייטדענקענדיקן שכל.

קוים וואָס מיר דערקענען דאָס, וואָס אויף דער ערד, און מיט מי — דאָס וואָס ביי אונז אין די הענט; אָבער ווער קאָן פאַרשטיין דאָס וואָס געפינט זיך אויפן הימל?

ווער האָט דען דערקענט דיין באַשלוס, אויב דו האָסט אים ניט געגעבן קיין חכמה, און ניט אַראָפּגעשיקט דיין הייליקן גייסט פון אויבן?

נאָר אַזוי ווערן אויסגעטראָטן די וועגן פאַר די איינוואוי־נער פון דער ערד, און מענטשן לערנען זיך, טוענדיק דיין ווילן, און ראַטעווען זיך דורך דער חכמה".

דאָס בוך פון חכמה איז באמת דאָס סאַמע נאַציאָנאַלסטע ווערק פון דער יידיש־גריכישער פּאָעזיע; עס איז אַ נאָכאַמונג פון דער אַלטער פאָרם פונם משל און אָנשטאָט דער מעטריק באַנוצט עס דעם פּאַראַלע־ליזם פון די זאַצן.

ס'איז נאָר אין באַדינגטן זינען ריכטיק די מיינונג פון איינעם אַ נייעם קריטיקער וועגן דער אַלט־העברעאישער ליטעראַטור, אַז זי האָט זיך זעלבשטענדיק אַנטוויקלט נאָר בנוגע דעם אינהאַלט, אָבער וואָס איז שייך צו דער פאָרם, איז זי דורכגעגאַנגען דיזעלביקע אַנט־וויקלונגסשטופן, וועלכע מיר געפונען אויך אין אַלע אַנדערע ליטעראַ־טורן. בשעת ביי אַנדערע פעלקער קומט שטענדיק נאָך דער ליריק — דער עפּאָס, און נאָך דעם עפּאָס — די דראַמע, אַלס די העכערע פאָרם פון פּאָעזיע, — איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע האָט, אמת, געהאַט אַ פּעריאָד פון בולטער לירישער סוביעקטיוויטעט, און אויך אַן עפּישן פּעריאָד, ווען עס זיינען מיט גרויסער גענויקייט פאַרשריבן געוואָרן די לעגענדעס און די געשיכטעס פון די ערשטע צייטן, ניטאָ קיין איבערגאַנג דורך דער קינסטלערישער פאָרם פון נאַציאָנאַלן עפּאָס צו דער דראַמע. ביי דעם פעלן פון אַ מיטאָלאָגיע,

וועלכע זאָל קאָנען געבן טראַגישע העלדן פאַר אַזעלכע עפּישע ווערק, ביי דער געבונדנקייט פונם רעליגיעזן לעבן, ביים פעלן פלאַסטישן זין און אָביעקטיוויטעט פון קינסטלערישער שאַפונג, — האָט אין דער העברעאישער ליטעראַטור ניט געקאָנט אַנטשטיין קיין נאַציאָנאַלער עפּאָס.

דערפאַר האָט אין איר, ווי כמעט אין אַלע אַנדערע סעמיטישע ליטעראַטורן, דער עפּאָס שוין גאַנץ פרי אָנגענומען די פאָרם פון אַ פּראָזע-דערציילונג, און אָנשטאָט דער קינסטלערישער עפּאָפּעע באַגעג-נען מיר אין איר אַ סך אָפטער דעם קרובהשן צו איר ראָמאַן, אָבער אין דידאָזיקע ערציילונגען ווייזן זיך אַרויס אַזאַ עפּישע קראַפט, אַזאַ באַאיווע איינפאַכקייט און אַזאַ ריינע נאַטירלעכקייט, וועלכע קאָן גע-שאַפן ווערן נאָר פונם ריינעם אורקוואַל פון יעדער פּאָעזיע — פון דער נאַטור גופא. אַזעלכע פּאָעטישע ווערק האָט די ביבלישע ליטע-ראַטור אין די שוין פונאַנדערגעקליבענע ביכער יונה, רות און מגילת אסתּר. די אַפּאָקריפישע ליטעראַטור גיט צו דער שורה צו נאָך צוויי קלייניקע ראָמאַנען פון אמתער עפּישער אָנשוילעכקייט—די ביכער טוביה און יהודית. אין דידאָזיקע ביידע דערציילונגען אַנטוויקלט זיך שוין דער ראָמאַן צו אַ זעלבשטענדיקן מין ליטעראַטור. דאָס זיינען — היסטאָרישע אָדער פּאַטריאָטישע ראָמאַנען, וועלכע גיבן אין דער דערציילונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען דורך דער מסורה, פולע פּאָ-עטישע פרייהייט, פאַרהיטנדיק פונדעסטוועגן די שטריכן, נעמען און פאַקטן פון דער ווירקלעכער געשיכטע.

לאָמיר זיך פריער אָפּשטעלן אויף דעם בוך טוביה, וואָס איז דאָס עלטסטע לויט דער צייט צווישן די אַפּאָקריפן. ווען מען זאָל אומבאַדינגט געטרויען די קריטישע אונטערזוכונגען, באַציט זיך די צייט פון זיין אַנטשטיין צו דעם מיטן פון דריטן פאָרקריסטלעכן יאָרהונדערט. יעדנ-פאַלס האָט דער אַוטאָר געלעבט ניט פיל שפּעטער פאַר דערדאָזיקער צייט, און אַלס לעצטע גרענעץ קאָן דאָ אַוועקגעשטעלט זיין דער סוף פון דעם דריטן, אָדער דער אָנהייב פון דעם צווייטן יאָרהונדערט פאַר קר. געב.

טוביה, דער העלד פון דער דערציילונג, איז געווען איינער פון שבט נפתלי, וועלכן שלמנאסר דער קיניג פון אשור האָט אַרויסגעפירט אין גלות. אויפן וועג קיין נינוה האָט ער איבערגעלאָזן ביי זיין פריינט גבאל אַ געוויסע סומע געלט, נאָר שפּעטער קאָן ער זי צוריק ניט באַ-קומען צוליב די שלעכטע וועגן. אין נינוה פירט ער אַ לעבן פון זיינע פרומע עלטערן און ער טוט גמילות-חסדים גאָטפאָרכטיק און אָפן פאַר

אַלעמען. אַזוי, למשל, איז ער מקבר לויט די מנהגים פון זיין גלויבן די קערפּערס פון די מענטשן, וואָס די קיניגלעכע זעלנער האָבן געטויט. דער קיניג פאַרפאָלגט אים דערפאַר, און טוביה מוז אַנטלויפן. ערשט פאַר דעם פאָלגנדיקן קיניג באַקומט ער, אַדאַנק דער השתדלות פון זיין פּלימעניק אחיעזר, די מעגלעכקייט אומצוקערן זיך אין זיין היימאַט צו זיין פרוי חנה.

דאָ נעמט זיך טוביה ווידער פאַר זיין באַליבטער אַרבעט — באַגראָבן די קערפּער פון די הרוגים, און דורך דעם ברענגט ער אויף זיך ווידער צרות. אַ טמא לויטן געזעץ, ווייל ער האָט זיך אָנגערירט צו איינעם אַזאַ קערפּער, וויל ער זיך ניט אומקערן אַהיים, און ער לייגט זיך שלאָפן אין הויף ביי דער וואַנט. דאָ פאַלט אים אַריין די צואה פון אַ שפּערלינג אין די אויגן און ער ווערט בלינד אָן שום האָפענונג אויסגעהיילט צו ווערן. היות ווי די מאַטעריעלע לאַגע זיינע ווערט אַלץ ערגער און ערגער, קומט אויס, אַז די ווייב מוז אים אויסהאַלטן. צוליב דעם הייבט זיך אָן צווישן מאַן און ווייב, וועלכע האָבן פריער געלעבט פרידלעך, אַ קריגעריי, וואָס אירע מאָטיוון דערמאָנען כמעט די געשפּרעכן צווישן איובן מיט זיינע פריינד, וואָרעם חנה, זעענדיק, ווי גאָט האָט איר מאַן אַזוי שווער געשטראָפט, הייבט אָן צו צווייפלען אין זיין פרומקייט. טוביה, אַ פאַרזונקענער אין טיפן טרויער, בעט גאָט, ער זאָל אים שיקן דעם טויט.

פונקט מיט אַזאַ תפילה און פונקט אין דערזעלביקער שעה ווענדט זיך צו גאָט אין דער ווייטער שטאָט פון מָדי עקבאַטאַנע די איינציקע טאָכטער פון רעואל, שרה. זיבן מאָל האָט זי חתונה געהאַט, און אַלע זיבן מאַנען אירע זיינען געשטאָרבן דורך דעם בייזן גייסט, דעם אַשמדאי, אין דער ערשטער נאַכט פון דער חופה. דער הייליקער פאַרמיטלער, דער מלאך רפאל, ברענגט טוביהס און שרהס תפילות צו גאָטס כסא־הכבוד, און ער ווערט געשיקט דורך גאָט אויף דער ערד צו געבן הילף און רעטונג זיי ביידן.

טוביה דערמאָנט זיך אָן דעם געלט, וועלכן ער האָט אַמאָל געגעבן פאַר אַ פּיקדון צו גבאלן, און באַשליסט זיך אַוועקצושיקן קיין רגוש זיין זון טוביה. דערדאָזיקער טוביה נעמט זיך פאַר אַ חבר אין וועג אַריין עזריהן, אַ פרומען יונג פון אַ קרובהשער משפחה. טוביה באַשטימט עזריהן אַ גוטן לוין, און ער לאָזט זיי ביידן אָפּ מיט גוטע עצות און מיט פרומע ברכות. אַ פולע פאַרשיידענע געשעענישן קומט מיט זיי פאַר אין וועג. אַזוי, למשל, ווען זיי האָבן זיך איינמאָל געבאָדן אין טייך הידקל, איז טוביה שיר ניט אַריינגעפאַלן אין מויל צו אַ גרויסן

פיש. עזריה איז אים מציל, נעמט פון דעם פיש אַרויס דעם לעבער, די קישקעס און די גאַל, און נאָכדעם ראָט ער טוביהן חתונה צו האָבן מיט דער פריער דערמאָנטער שׂרהן, ראועלס טאָכטער, און מבטל מאַכן די בייזע מחשבות פון דעם אשמדאי, נעמענדיק פאַר אַ סגולה די קישקעס פון דעם געטויטן פיש.

רעואל נעמט די יונגעלייט זייער פריינדלעך אויף. עזריה אָרדנט איין די חתונה צווישן טוביהן מיט שׂרהן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איר פאָטער איז קעגן דעם, און טוביה פאַרטרייבט דעם בייזן גייסט. אַזוי אַז רעואל מוז פאַרשיטן דעם קבר, וועלכן ער האָט שוין אויסגעגראָבן מחמת מורא, אַז עס וועט זיך ענדיקן מיטן טויט פון חתן, ווי אַלעמאָל. דער אַשמדאי אַנטלויפט אין אויבער-מצרים און דאָרט פאַרשמידט אים רפאל אין קייטן.

נאָר כדי טוביה זאָל ניט דאַרפן תיכף שיידן זיך מיט דער יונ-גער פרוי, שיקט מען עזריהן קיין רגוש נאָך טוביהס געלט. ער קומט צוריק מיטן געלט און ברענגט מיט זיך גבאלן אויך קיין עקבאַטאַנאַ.

און דאָרט וואַרטן טוביה און חנה אויף זייער זון מיט אומגע-דולד. זיין צוריקקערן זיך איז אַ פריילעכער יום-טוב אין דער הויז פון דער משפחה. דערדאָזיקער יום-טוב פאַרענדיקט זיך נאָך אַחוץ אַלע-מען דערמיט, וואָס עזריה קערט דעם אַלטן טוביהן צוריק די שיין פון זיינע אויגן דורך דער גאַל פון דעם דערמאָנטן פיש. ווען דער פאָטער מיטן זון ווילן באַלוינען עזריהן פאַר זיין דינסט, אַנטפּלעקט ער זיך פאַר זיי אַלס דער מלאך רפאל און פאַרשווינדט.

טוביה האָט נאָך לאַנג געלעבט אין פרידן און אין רואיקייט און דערגרייכט ביזן עלטער פון 158 יאָר. נאָך זיין טויט וואַנדערט זיין זון אַריבער, לויט זיין צוואה, קיין עקבאַטאַנע צוזאַמען מיט דער מוטער. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן באַקומט ער נאָך די ידיעה, אַז נינוה איז חרוב געוואָרן, ווי זיין פאָטער האָט פאָראויסגעזאָגט, שטיצנדיק זיך אויף דער נבואה פון יונה. ער שטאַרבט ווען ער איז אַלט 128 יאָר. דאָס איז דער אינהאַלט פונם בוך.

דאָס בוך טוביה דאַרף פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, צוליב זיין שיינעם עפּישן כאַראַקטער. דאָס איז אַ פאַמיליענאידיליע אין דעם ריינסטן זין פון דעם וואָרט, אַ דענק-מאָל פון יענעם פאַמיליענגעפיל, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט און וועלכן עס האָט ניט פאַרלאָרן ביי אַלע געפאַרן און פאַרפאָלגונגען. מחמת דעם איז דאָס בוך טוביה אין דער ליטעראַטור אַ ווירדיקער חבר צו דער אידיליע רות, מיט וועלכער עס

קאָן זײַן פאַרגליכן לויט דער אויפריכטיקייט און דער וואַרעמקייט פונם געפיל.

ווייניקער ריין און ניט־צעבויטעט איז די רעליגיעזע וועלטאַנשוי־אונג פון דעם בוך, וואָס ווייזט אַרויס אַ היבשן אייַנפלוס פון פּאַרסיזם. די לערע וועגן מלאכים און דעמאָנען שפּילט דאָ צום ערשטן מאָל אַ וויכטיקע ראָלע; דאָס גלויבן, אַז די מלאכים קומען מציל זיין מענטשן פון אַלערליי צרות און פאַרפאָלגונגען מצד בייזע גייסטער, געפינט אין דעם ווערק זיין הויפּטשטיצע. רפאלס גאַנצע מיסיע — אָנהייבנדיק פון דער רגע, ווען ער ווערט געשיקט צו היילן טוביהן און שרהן, ביז וואַנען ער קומט צוריק אין פאָטערס הויז, באַווייזט, אין וואָס פאַר אַ מאָס עס האָבן אין דער צייט פון גלות געווירקט די פרעמדע גלויבנס אויף דער מיינונג וועגן דעם, אַז מלאכים באַשיצן די גוטע מענטשן פון שלעכטס. דער ביבלישער ליטעראַטור איז דידאָזיקע אָנשויאונג אין אַל־געמיין פרעמד; וואָרעם די ערטער אין בראשית, אין יעקבס ברכה, פון וועלכע דאָס קאָן געדרונגען זיין, זיינען ריין פּאָעטישע וויזיעס, וועלכע באַטייטן אָדער די געטלעכע קראַפט, אָדער אפשר פּערזאָניפי־צירטע אידעען. אָבער אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור, פאַרקערט, ווייזט זיך עס אַרויס אין אַלע פאַרמען[1].

אין נאָך אַ שטאַרקערער פאָרם באַווייזט דעמדאָזיקן אייַנפלוס פון פּאַרסיזם די דעמאָנאָלאָגיע פון דעם בוך טוביה. וואָרעם אַז דעמאָ־נען זיינען לגמרי פרעמד געווען דעם ביבלישן יידנטום, וועט קוים עמע־צער אונטערנעמען זיך אָפּצולייקענען. מיט דעם בייזן גייסט פון אַשמדאי טרעט דידאָזיקע לערע אַריין אין דעם קרייז פון דער יידי־שער ליטעראַטור, אין וועלכער זי דערגרייכט שפּעטער צו אַ רייכער פּאָעטישער באַאַרבעטונג, אָבער ניט באַאייַנפלוסנדיק דערביי די רע־ליגיעזע ריכטונג פון יידנטום, — וואָרעם באַהויפּטן, אַז די יידן האָבן אין דעם אַשמדאי מורא געהאַט פאַר דעם „ראש פון די טייוואָלים" — דאָס קאָן נאָר אַזאַ בוך ווי „דאָס אַנטדעקטע יודנטום"[2], און נאָכזאָגן

[1] בנוגע דעם גלויבן פון די אַלטע העברעער, אַז גאָט שיקט זיין הילף דורך מלאכים, מוז מען זאָגן מחמת דאָס באַווייזן פיל פּראָזאַישע ערטער אין בראשית, וואו עס האַנדלט זיך וועגן דעם (למשל בראשית, קאַפּ. XVI, XIX, XXII, XXXI און אַזוי ווייטער), אַז דעם מחברס מיינונג איז קוים ריכטיק. צו דעם אייַנפלוס פונם פּאַר־סיזם געהערן די נעמען פון די מלאכים. אָבער די אויסטייטשונג פון זיי גופא אַלס פּערזאָניפיצירטע אידעען איז שוין אַ פועל־יוצא פון דעם דענקען פון די שפּעטערדיקע פילאָסאָפישע שולן (באַמ. פון דער רעד. פון דער רוס. איבערז.)

[2] „Entdecktes Judentum" פון באַרימטן אייזענמענגער.

דאָס קאָן נאָר די פּאָלקומע אומוויסנהייט. דער אשמדאי פון טוביה איז ניט מער ווי דער פּערסישער אַעשמאַ, דער פירשט פון פינסטערניש אין דער איראַנישער גלויבנסלערע.

נאָר אַפנים גראָד צוליב דידאַזיקע פרעמדע אָנשויאונגען איז דאָס בוך טוביה ניט אַריינגענומען געוואָרן אין קאַנאָן, צו וועלכן עס וואָלט געדאַרפט געהערן שוין צוליב זיין עלטער און צוליב זיין רעליגיעזן אינהאַלט, בשעת שפּעטער אַנטשטאַנענע שריפטן זיינען נאָך איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער זאַמלונג פון די כתבי הקודש.

וועגן אַ היסטאָרישן ווערט פון דער דערציילונג קאָן נאַטירלעך ריידן נאָר דער, וואָס גלויבט אַליין אין מלאכים און אין טייוואָלים. אָבער ס׳איז פאַר דעם עסטעטישן כאַראַקטער פון דעם קליינעם ראָמאַן גאַנץ גלייכגילטיק, צי ער איז באַגרינדעט אויף היסטאָרישע פאַקטן צי ניט, מחמת אויף זיין פּאָעטישן ווערט קאָן דאָס קיין השפּעה ניט האָבן.

דאָס בוך טוביה איז אַ דיכטערישע ערציילונג, וועלכע איז פול־קום פריי סיי אין דער קאָמפּאָזיציע, סיי אין דער שילדערונג פון די כאַראַקטערן און דערגרייכט אין ביידע הינזיכטן צו הויכער פולקומענ־הייט. די ערציילונג איז אַ איינהייטלעכע, און די קאָמפּאָזיציע איז דורכ־געפירט מיט קינסטלערישן געפיל, די כאַראַקטערן זיינען פּשוטע און איינפאַכע, אָבער פול מיט אמת פון לעבן און געמאָלט נאַטירלעך, טייל־ווייז אַפילו מיט רעאַליזם, וועלכע זיינען ביז אַהער דערדאָזיקער ליטע־ראַטור פרעמד געווען.

די נייסטע ביבל־קריטיק האָט זיך מיט דער טענדענץ פון דעמדאָ־זיקן בוך פיל באַשעפטיקט. אָבער מער פאַר אַלץ איז אַפנים וואָרשיינ־לעך דיזעלבע משונהדיקע און דעם ראָמאַנהאַפטן כאַראַקטער פון דעם בוך אַנטשפּרעכנדיקע היפּאָטעזע, וועלכע זעט אין „טוביה״ איין אַ טענ־דענציעזע ווערק, וואָס איז אָנגעשריבן, כדי צו באַשטעטיקן די הייליג־קייט פון דעם מנהג צו באַגראָבן טויטע, און אַזוי אַרום אַנטדעקט זי אין דעם קליינעם פּאַטריאַטישן ראָמאַן פון די העלעניסטישע יידן אַ פאַר צו דער סאָפאָקלישער „אַנטיגאָנע״.

דאָס בוך טוביה איז אַפנים אָנגעשריבן אין גריכיש, הגם דער טעקסט באַווייזט אין פיל ערטער דייטלעכע העברעאיזמען. אַלנפאַלס איז דער גריכישער טעקסט פון דעם ווערק — דער עלטסטער. אויסער דער גריכישער ווערסיע איז נאָך לעצטנס געפונען געוואָרן אַן אַראַמישער טעקסט, אָדער אַ באַאַרבעטונג פון אַזעלכן. ווייטער — אַ לאַטייניש און אַ סירישע. פון דער לאַטיינישער איז שוין שפּעטער — אַן ערך אין צענטן יאָרהונדערט, — געמאַכט געוואָרן אַ גוטע העברעאישע

איבערזעצונג, פון דעם גריכישן טעקסט איז געמאַכט געוואָרן אַ סירישע איבערזעצונג און אַ באַארבעטונג; אָבער זיי אַלע צוזאַמענגענומען שטייען לויט דער ריינקייט און דער האַרבקייט פון די אויסדרוקן ווייט הינטער דעם ערשטן גריכישן טעקסט.

לויט פיל זיכערע סימנים האָט דער מחבר אַפּנים געלעבט אין מצרים. גראָד די הויכע פאַרערונג, וועלכע ער פילט צו ציון און די באַגייסטערונג, מיט וועלכער ער דערציילט וועגן דעם עולה־רגל־זיין קיין ירושלים, באַווייזט, אַז ער האָט געלעבט אויסער פּאַלעסטינע. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די שפּראַך פון דעם אָריגינאַל, אָדער פון דעם עלטסטן פאַראַנענעם טעקסט, די פרעמדע אַנגעלאָגישע און דעמאַנאַלאָגישע פאַרשטעלונגען, דאָס פאַרטרייבן דעם אשמדאי אין די „הויכע געגנטן פון מצרים", און דעם מערקווירדיקן פאַקט, וואָס דאָס בוך איז אַזוי גוט ווי אומבאַקאַנט געווען אין פּאַלעסטינע ניט בלויז אין דער צייט, ווען עס איז ערשינען, נאָר אַפילו אַ גאַנצן יאָרהונדערט שפּעטער, און אויך דאָס, וואָס יוסף פלאַוויוס האָט אין זיין געשיכטע פון יידישן פאָלק גאָרניש מיטגעטיילט ניט וועגן דעם בוך, ניט וועגן דער דערציילונג, וואָס אין דעם בוך איז באַשריבן.

אַזוי האָבן מיר אפשר אין דעם מחבר אַ מצרישן צייט־חבר פון דעם פּאַלעסטינער יהושע בן סירא, און באמת ווייזט די רעליגיעזע האַרציקייט סיי פון דעם, סיי פון יענעם, אַז זיי זיינען ביידע אַנטשטאַנען אין איין צייט, ווען אַזאַ אוצר פון זיטלעכע אידעען און פרומע געפילן האָט נאָך אין יידישן פאָלק געלעבט און געגעבן פרישע שפּראָצונגען.

* * *

אַז די פּאָליטישע אומרוען פון דעם ווייטערדיקן פּעריאָד פון די חשמונאים און די אדומים האָבן ניט פאַרהאַלטן די גייסטיקע שאַפונג אין פּאַלעסטינע, ווערט דערוויזן ניט בלויז דורך די פאָרשונגען פון די שריפטן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אין די דעמאָלטיקע שולן, נאָר אויך דורך די אַפּאָקריפישע שריפטן, וועלכע געהערן צו דעמדאָזיקן פּעריאָד, און צווישן וועלכע דאָס בוך „יהודית" פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

דאָס איז ווידער אַ ראָמאַן, וואָס ווערט אין דעמדאָזיקן בוך דערציילט, און אַ ווירדיקער גלייכן צו דעם בוך פון „אסתר", נאָר העכער פאַר „אסתר" אין דער עסטעטישער הינזיכט.

אַ פּעריאָד פון דער יידישער פאָלקסגעשיכטע איז גענומען אַלס ראַם פאַר אַן אויסגעטראַכטער, צו זיטלעכע צוועקן און רעליגיעזע

טענדענצן באַשטימטער, דערציילונג; אין די מלחמות פון די אַשורים, וועלכע זיינען דאָ באַשריבן, ווערן סימבאָליש געריכטעט די העלדנטאַטן פון די חשמונאים.

נבוכדנצאר דער קיניג פון אשור — אַזוי דערציילט זיך אין דעם בוך — האָט געפירט אַ זיגרייכן קאַמף מיט אַרפַּכְשַד דעם קיניג פון מָדַי. גרויס מיט זיין ערפאָלג, שיקט ער זיין פעלדהער הוֹלוֹפֶרְנוּשׁ איינצונעמען אַלע פעלקער פאַר דעם אַשורישן טראָן. און הולופרנוש נעמט ווירקלעך איין אַלע שטעט, וועלכע ער טרעפט אויף זיין וועג, און פאַרשקלאַפּט זייער באַפעלקערונג. נאָר דאָס קליינע לאַנד יהודה שטעלט זיך העלדיש אַנטקעגן, און שוין מצד דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט בתול, וואָס שטעלט פאַר דעם פאָדערהויז פון פאַלעסטינע, באַגעגנט ער אַ מוטיקן ווידערשטאַנד.

הולופרנוש איז אויסער זיך פון דערדאָזיקער עקשנות פון די יידן, און ער באַראַט זיך מיט די אָנפירער פון די שכנישע פעלקער, וועלכע קענען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק. איינער פון זיי, דער פירשט פון די עמונים, אַכיוֹר, דערציילט אים וועגן די יידן און זייער געשיכטע, ער מעלדעט אים, אַז כל־זמן זיי בלייבן געטריי זייער גאָט, איז ניט מעגלעך זיי גובר צו זיין, און אַז זיי פאַרלירן זייער קראַפט ערשט נאָך דעם, ווי זיי פעלשן אין זייער גאָט. דידאָזיקע ידיעה רופט ביי הולופרנושן אַרויס אַ גוואַלדיקן פאַרלאַנג צו נויטן אויך דאָס דאָזיקע פאָלק, אַז עס זאָל דינען צו זיין קיניג, אַלס צו דעם איינציקן גאָט. ער באַלאַגערט בתול און לאָזט ניט צופירן קיין וואַסער אין שטאָט אַריין. אַ משך פון פירצונדרייסיק טעג ווייזט דאָס פאָלק אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ניט געקוקט אויף די גרויסע פיינען און ליידן פון הונגער און דאָרשט. ענדלעך קאָן דאָס פאָלק שוין מער ניט אַריבערטראָגן און פאָדערט פון זיינע אָנפירער, אַז מען זאָל זיך אונטערגעבן דעם שונא. דער כהן עוזיה באַשליסט זיך, נאָך אַ לאַנגן קאַמף, צו ערפילן די פאָדערונגען פונם פאָלק, אויב אין אַ משך פון פינף טעג וועט גאָט ניט שיקן קיין דערלייזונג. דידאָזיקע רייד דערגייען צו יהודיתן, אַ פרומער, אַ שיינער און אַ רייכער אַלמנה. זי מאַכט פאַרוואורף די אָנפירער פאַר זייער שוואַכן מוט, און זאָגט, אַז גאָט האָט איר באַוויזן אַ וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די שטאָט. זי האָט זיך צוגעגרייט מיט תפילה און מיט פאַסטן, אָנגעטאָן זיך אין די יומטובדיקע קליידער און, באַגלייט פון איר דינסט, לאָזט זי זיך אַוועק אין דעם לאַגער פון דעם שונא, צו הולופרנושן, און זי ערקלערט אים די סיבה, פאַרוואָס זי האָט פאַרלאָזן די שטאָט: דער דערמאָנטער אַכיור (וועלכן

הולופרנוש האָט געלאָזט שמידן אין קייטן און געוואָרפן הינטערן שטאָט, און די יידן האָבן אים גענומען צו זיך) האָט געזאָגט אמת, אַז מען קאָן די יידן ניט באַזיגן נאָר כל־זמן זיי בלייבן געטריי זייער גאָט. אָבער די באַפעלקערונג פון בתול האָט זיך אין דער הינזיכט פאַרשולדיקט, וואָרעם פאַר דער צייט פון דער באַלאַגערונג האָבן זיי פיל מאָל עובר געווען אויף דעם געזעץ, ניצנדיק פאַרבאָטענע טרפה שפייז. דעריבער וועט זי, יהודית, הולופרנושן באַווייזן אַ וועג אין שטאָט אריין, און דערנאָך וועט זי אים אַדורכפירן מיט טריאומף איבער גאַר דעם לאַנד. דער אַשורישער פעלדהער, באַצויבערט סיי פון יהודיתס פערזענלעכקייט, סיי פון אירע רייד, ערלויבט איר צו פאַרבלייבן אין זיין לאַגער אָבער מיט דעם רעכט, זי זאָל קאָנען אירע רעליגיעזע פליכטן ערפילן אויסערן לאַגער. אויסער דעם גיט ער איר דאָס וואָרט, אַז אויב איר צוזאָג וועט דערפילט ווערן, נעמט ער אָן איר גלויבן.

דריי טעג האָט יהודית פאַרבראַכט אין דעם שונאס לאַגער. הולופרנוש, וועלכער האָט זיך פאַר דער צייט אָנגעצונדן מיט פלאַמענדיקער ליבע צו דער וואונדערלעכער שיינהייט, האָט זי אויפן דריטן טאָג איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ מאָלצייט. היות ווי ער האָט איר ערלויבט צו קומען מיט אירע אייגענע מאכלים, נעמט זי אָן די איינלאַדונג. און הולופרנוש, וועלכער איז באַרוישט פון זיינע נצחונות, שיכורט זיך דאָ אָן אויך מיט וויין. ווען ער איז איינגעשלאָפן, איז יהודית צוגעטראָטן צו איר נקמה, און מיט דער תפילה: „גאָט פון ישראל, שטאַרק מיך אין דערדאָזיקער רגע!" האַקט זי הולופרנושן אַראָפּ דעם קאָפּ. נאָך דעם גייט זי אין דער באַגלייטונג פון איר דינסט, וועלכע טראָגט דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ אין אַ טיכל, צוריק אין שטאָט אַריין, כדי צו פועלן ביי די אָנפירער פון שטאָט, זיי זאָלן אין דער פרי אַרויסגיין און מאַכן אַן אָנפאַל אויפן שונא. די יידן פאַלגן איר, אָבער דער שונא לאַכט פון זיי, און ערשט ווען עס ווערט אַלעמען באַוואוסט וועגן הולופרנושעס טויט, פאַלט אָן אַ פחד אויף דעם אשורישן לאַגער. דאָס חייל לאָזט זיך שנעל לויפן, די יידן יאָגן אים נאָך ביז דמשק. בתול איז ניצול געוואָרן, און יהודית זינגט אַ זיג־ליד לכבוד גאָט.

קיין היסטאָרישן כאַראַקטער האָט ניט דידאָזיקע ערציילונג, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ פולע אַנאַכראָניזמען און טעותן. אָבער עס איז דאָך מעגלעך, אַז זי שטיצט זיך אויף אַ געשיכטלעכער געשעעניש פון דער צייט פון דעם פערסישן קיניג אַרטאַקסערקסעס III. אָכוס (338—359), וועלכער האָט נאָך צו יענער צייט געלעבט אין זכרון פונם פאָלק. איר טענדענץ איז אָבער די זיטלעכע קרעפטיקונג פונם פאָלק

אין יענע שווערע טעג, ווען די סיריער האָבן עס שטאַרק געדריקט און געוואָלט נויטן, צו פאַרגעסן אָן זיין גאָט. אין יענער צייט פון די מאַקאַבעאישע העלדישע גבורות איז ס'דאָזיקע בוך אַנטשטאַנען, און די שוין פאַרשוואונדענע צייטן האָבן נאָר געזאָלט דינען פאַר אַ מאַסקע פאַר די קאַמפן פון דער טונקעלער קעגנוואַרט, כדי צו הייבן אין דער ביטערער צייט דעם מוט פונם פאָלק און אָנצוצינדן עס דורך די גרויסע ביישפּילן צו אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם שונאס קראַפט.

דאָס, וואָס יהודיתעס טאַט איז קעגן אונזערע עטישע באַגריפן, קאָן ניט דינען אַלס פאָרוואורף קעגן דער דערציילונג גופא, וואָס איר אויסגאַנגס-פּונקט איז דער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער. אין קאַמף פאַר די העכערע גיטער מיט אַזאַ פאַרביסענעם שונא גילטן ניט אַזעלכע עטישע באַגריפן, ובפרט אין יענער צייט, וועלכע לא די, וואָס זי האָט זיך ניט אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג פון אַזאַ טאַט, נאָר פאַרקערט, זי האָט יהודיתן געריַמט אַלס מוסטער פון נאַציאָנאַלער טוגנד. אויך אין דער מסורה פון דער אגדה געפינט זיך דעריבער דידאָזיקע לעגענדע, וועלכע געהערט צו יהודיתעס טאַט, הגם די יידן האָבן דעמאָלט דאָס בוך ניט געקענט, באַפּוצט מיט פאַרשיידענע צוגאָבן און אַריבערגעטראָגן צו דער צייט פון די מאַקאַבעער. די אשורים זיינען דאָרט די גריכן, און יהודיתעס טאַט איז דאָרט פאָרגעשטעלט אַלס אַ טעם צו דעם יום-טוב פון חנוכה, וועלכער איז געגרינדעט צום אָנדענקען פון דער דערלייזונג פון דער סירישער הערשאַפט און פון דעם חשמונאישן פעריאָד.

אָבער אַ אַנאַלאָגיע צו דעמדאָזיקן טאַט האָט דעם אַווטאָר געגעבן דאָס ליד פון דבורה, וואו אַ ענלעכער מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן ביי ווייניקער פאַרגעבלעכע אומשטענדן, ווערט שטאַרק געריַמט. יָעֵלס טאַט, וועגן וועלכן דבורה זינגט באַגייסטערט, אַז „זי זאָל איבער אַלע פרויען אין געצעלט געבענשט זיין", איז דאָך דאָ פאָרגעקומען ביי גאַנץ אַנדערע אומשטענדן, אַפילו ווען זי האָט אויך געהאַט דערביי אַ נאַציאָנאַלן אינטערעס. וואָרעם סיסרא איז געווען דער פריינד פון איר שטאַם און פון איר מאַן, און זיין ערמאָרדונג האָט פאַרשוועכט דאָס הייליקע רעכט פון הכנסת-אורחים, בשעת יהודית האָט זיך נאָר נוקם געווון. אמת, די נקמה באַווייזט אויף אַ נאָך ניט קיין אַנטוויקלטן עטישן באַוואוסטזיין, זי קאָן אָבער די והותר ערקלערט ווערן מיט דעם קאַמף פאַרן קיום און פאַרן גלויבן. די זיטלעכע שטרעבונגען אין דער צייט, אין וועלכער דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, האָבן זיך נאָך צונויפגעגאָסן מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צו זעלבשטענדיקייט און פרייהייט, און אַזוי איז יהודית געוואָרן און געבליבן די יידישע זשאַנאַ

ד׳אַרק, וואָס ניט בלויז די פּאָעזיע פון איר פאָלק, נאָר אויך די דראַמאַטישע ליטעראַטור פון די שפּעטערדיקע, אַנטוויקלטערע צייטן האָט בערימט און געלויבט אין קינסטלערישע געשטאַלטן.

אַלס אויסדרוק פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזן גייסט איז דאָס בוך יהודית אַ שיינער דענקמאָל פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. דער כאַראַקטער פון דער העלדין גופא דערשיינט אין דער גינסטיקסטער ליכט, און די איבעריקע כאַראַקטערן זיינען אָן גוזמאות און נאַטירלעך געשילדערט. פון די פאַרבן, מיט וועלכע דער מחבר האָט געמאָלט הולופּרנושן און אַכיורן, האָבן די בייסטע פּאָעטן, אין אַ יאָרטויזנט אַרום, געשעפּט דאָס בעסטע פאַר זייערע שילדערונגען פון יענער צייט און פון די מענטשן פון יענער צייט. דאָס גאַנצע בוך איז גוט פאַרטראַכט און אויסגעפירט, אַ חוץ אייניקע ערטער, ווו ער איז מאריך, זייער פיין קאָמפּאָנירט, סיי אין דעם אַריינפיר, סיי אין דער כסדר שטייגערנדיקער שפּאַנונג ביז צום הויכפּונקט פון דער האַנדלונג, און דאַן ווידער פון דער קאַטאַסטראָפע און אירע רעזולטאַטן ביז צו דעם פרידלעכן סוף פון דער דערציילונג און ביז דעם אַפּאָטעאָז פון דער העלדישער פרוי, וואָס דער סטימול פאַר איר העראָאיזם איז ניט אַזוי דער דראַנג פון די אומשטענדן, ווי די ענערגיע פון איר כאַראַקטער. און גראַדע דערפאַר פּאַסט דידאָזיקע געשטאַלט אַזוי גוט פאַר פּאָעטישער באַהאַנדלונג.

אַזאַ בוך האָט געקאָנט אָנגעשריבן ווערן נאָר אויף דעם באָדן פון פּאַלעסטינע פאַר דעם אָנגעזיכט פון די גרוילן פון די מלחמות מיט די סיריער און פון דעם פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד קעגן דעם שונא, אָדער לפּחות ביי דער ערינערונג פון יענע געשעענישן. דעריבער האָט די קריטיק, אַפּנים מיט רעכט באַשלאָסן, אַז די פאַרפאַסונגסצייט פון דעם בוך געהערט צו דעם פּעריאָד, וואָס נאָכן טויט פון יוחנן הורקנוס, דאָס הייסט צום סוף פון לעצטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט.

דער אורטעקסט פונם בוך איז לויט אַלע סימנים געווען אויף העברעאיש אָדער אַראַמיש. אָבער דער אָריגינאַל איז פרי פאַרלאָרן געגאַנגען, און עס איז פאַרבליבן נאָר אַ גריכישע, פיל מאָל איבערגעאַרבעטע רעדאַקציע, צו וועלכער עס זיינען נאָך צוגעקומען אַ לאַטיינישע און אַ סירישע איבערזעצונג. זאָל מען גלויבן העראָנימוסן, האָט ער אויך ס׳דאָזיקע בוך, ווי דאָס בוך טוביה, איבערזעצט פון אַ כאַלדעאישן טעקסט.

דאָס וואָס די יידן האָבן, ווי געזאָגט, ניט געוואוסט פון דעמדאָזיקן בוך, איז באַזונדער מערקווערדיק, מחמת דעם, וואָס דאָס בוך שטייט דורכאויס אויף אַ יידישן שטאַנדפּונקט, און פאָדערט צו היטן די תורה ביי די סאַמע שווערסטע מניעות פיל שטרענגער נאָך איידער

די הלכה. דעריבער האָט מען געוואָלט זוכן דעם פאַרפאַסער אין די קרייזן פון די פרושים, וועלכע האָבן ענערגיש געפאָדערט, עס זאָל אַלדאָס פרעמדס דערווייטערט ווערן, און האָבן אויסגעאַרבעט יענע קאָנסעקווענטע לעבנסאָנשויאונג, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר דאָס בעסטע זיך מוסר נפש צו זיין פאַר דעם גלויבן פון די עלטערן. אָבער אַלץ שפּעטערדיקע איבעראַרבעטונגען פון דער לעגענדע וועגן יהודית שטיצן זיך אויף אונזער בוך דירעקט, און זיי באַפּוצן רייך און פאַנטאַסטיש מיט די בלומען פון דער אַגדישער לעגענדע־פּאָעזיע די אידעאַלע פרויענפיגור, וואָס שטייט אין מיטלפּונקט פון דער דערציילונג.

* *
*

ביי אַ נאָרמאַלן אַנטוויקלונגסגאַנג פון אַ ליטעראַטור קומט געווינלעך די פרייע דיכטערישע דערציילונג נאָך דער ריין היסטאָרישער. אויף די חורבות פון דער געשיכטע בויט זי גרעסטנטייל די בנינים פון איר פאַנטאַזיע, און דעם אָנהייב פון דער דיכטערישער רעכנט מען פאַר דער ירידה־צייט פון דער היסטאָרישער דערציילונג. אַנדערש איז עס אין דער יידישער ליטעראַטור, וואו וואונדערלעכע ענדערונגען און קאַטאַסטראָפעס אין דער געשיכטע פונם פאָלק האָבן ניט דערלאָזן קיין נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. דעריבער איז די באַציאונג צווישן דער עפּאָפּעע און דער געשיכטע דאָ אויף אַזוי פיל פאַרקערט, אויף וויפיל עס ווערט אויך אין גייסטיקן לעבן זייער אָפט צעשטערט און געדריקט דורך בלינדע צופעליקייטן און פאַרשיידענע ערשיינונגען פונם נאַציאָנאַלן לעבן דער צושטאַנד פון יענער טאָמע לעבעדיקער און אַלגעמיינסטער זיגלעכער באַטראַכטונג, וואָס פאָדערט, אַז דער עפּאָס זאָל זיין אַ פּאָעטישע שילדערונג פון דער האַנדלונג דורך דערציילונג, און די ריינע אָביעקטיווקייט און דערהייבנקייט איבער דעם שטאָף, וואָס איז איינגעשלאָסן אין אַ געוויסער פאָרם. אַזוי אַז עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די זעלביקע צייט, וועלכע האָט געזען די אַנטשטייאונג פונם בוך „יהודית", האָט אויך אַרויסגעבראַכט אַ ווערק ווי דאָס אַזויגערופענע ערשטע בוך פון די מכבים, אַזוי אַז ראָמאַן און געשיכטע, אָנשטאָט זיך צו ביטן, גייען אין דעם פעריאָד, וואָס קומט נאָך די גרויסע עפּאָכעס, בשלום איינער לעבן צווייטן. אַזעלכע גרויסע עפּאָכעס האָבן דאָך געמוזט געבן נערונג און שטאָף דער פאַנטאַזיע אין אַ משך פון יאָרהונדערטן, סיי אין זייער סך־הכל, סיי אין איינצעלנע סטודיעס פון דעם גרויסן קאַמף פאַר באַפרייאונג. אַזוי אַרום אויב אין

יהודית האָבן מיר פאַר זיך אַ פּאָעטיש פאַרמאַסקירטע עפּאָפּעע פון חשמונאישן קאַמף מיט די סיריער, — געפינען מיר אין דעם ערשטן בוך פון די מאַקאַבעער אַווירקלעכע היסטאָרישע שילדערונג פון יע־נער גרויסער צייט, אין אַ פּשוטער, ניט געפוצטער, דעם ביבלישן דערציילונגסטאָן נאָענטער פאָרם. אָבער ביידע ווערק האָבן באַשיינפּער־לעך איינע און דיזעלביקע מאָטיוון און זיינען אָנגעשריבן מיט איינעם און דעמזעלביקן ציל.

מיט וואַרעמקייט, מיט לעבהאַפטיקייט, מיט געשיכטלעכער גע־טרייקייט, הגם ניט אָן פיל טעותן, דערציילט דאָס בוך וועגן די מלחמות פון די מאַקאַבעער, זינט דעם ערשטן אויפשטאַנד פון מתתיהו כוהן־גדול קעגן דעם טיראַן אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, ביז דעם טויט פון כוהן־גדול שמעון (135—175 פאַר קר. געב.). מיר זעען יענע העלדישע מחנה אַרויסרייסנדיק זיך פון די בערג און אויפוועקנדיק דאָס פאַראו־מערטע פאָלק צום ווידערשטאַנד, מיר קוקן נאָך מיט אינטערעס די העלדישע מאַרשן פון יהודה המכבי, וועלכער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די סירישע טיראַנען, און אונזערע נאַטירלעכע סימפּאַטיעס באַגלייטן דאָס פאָלק אין זיינע באַפרייאונגס־מאַרשן, ביז עס קערט זיך גליקלעך צוריק אַהיים, און ביז דער רייניקונג פונם בית־המקדש, און ביז זיין פולקומער אומאָפּהענגיקייט. די דערציילונג ענדיקט זיך מיט דעם איבערנעמען פון דער מאַכט דורך יוחנן הורקנוס, וועגן וועלכן דער מחבר שיקט אָפּ צו זיין „הויכפּריסטערישער כראָניק".

די וואָוילטועדיקע וואַרעמקייט, וועלכע דרינגט אַדורך דאָס גאַנצע בוך, האָט ניט אויסגעשלאָסן אַ קענטיקע אָביעקטיוויקייט, מיט וועלכער דאָס ערשטע בוך פון די חשמונאים שטייגט אַריבער אַלע אַפּאָקריפן. דער מחבר האָט פון טיפן האַרצן ליב זיין פאָלק און איז איבערגעגעבן די פירשטן פון חשמונאיס הויז; ער איז אָבער אויך ניט בלינד בנוגע די זינד פון זיין פאָלק און ער פאַרשווייגט אויך ניט די פעלערן פון זיינע פירשטן. נאָך אַ מעלה פון דעם בוך איז די רעליגי־עזע אָנשויאונג, וועלכע איז פריי פון אָבערגלויבן און וואונדערגלויבן, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט, עס ווייס אַפילו ניט פון דעם גלויבן אין יענער וועלט, וועלכע האָט דעמאָלט אָנגעפילט אַלעמענס הערצער. מען האָט דעריבער געזוכט דעם מחבר אין די רייען פון די צדוקים, וועלכע האָבן זיך צו דעמדאָזיקן גלויבן באַצויגן מיט פיינדלעכקייט. און דידאָזיקע השערה קלינגט ניט אומ־וואָרשיינלעך, וואָרעם די אידעען, וועלכע זיינען געווען אייגנטימלעך פאַר יענער פּאַרטיי, באַגעגענען זיך אויך ביי אונזער פּאַרפאַסער.

און פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט קאָן מען שוין ערקלערען די ליבע און די געטריישאַפט פון דעם מחבר צו די פירשטן פון חשמונאים הויז.

דעריבער איז לייכט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דאָסדאָזיקע בוך איז געוועזן אומבאַקאַנט אין די ראַבינישע קרייזן, אָדער לפּחות, וואָס ער ווערט ביי זיי ניט דערמאָנט, הגם זיין אינהאַלט איז אַזוי באַלערעוודיק און זיין טענדענץ אַזוי פיין. גאַנץ ניט קלאָר האָבן די חכמים געוואוסט דעמדאָזיקן אינהאַלט פון ניט קיין דייטלעכע מסורות, וועלכע שרייבן צו די פאַרפאַסונג פון דעם בוך די שולן פון הילל און שמאי, נאָר אַלץ איז קעגן אַזאַ השערה[1]. אַלנפאַלס איז דאָס בוך פון העברעאישער אָפּשטאַמונג, הגם דער אָריגינאַל איז פרי פאַרלאָרן געוואָרן. לויט העראָנימוסעס רייד, זאָל ער אַפילו נאָך האָבן באַנוצט זיך מיט דעם העברעאישן, אָדער דעם אַרמישן טעקסט; אָבער דאָס קלינגט עפּעס אומוואָרשיינלעך, וואָרעם יוסף פלאַוויוס האָט שוין אויסגענוצט אַ בוכשטעבלעכע, הגם ניט גאַנץ געלונגענע גריכישע איבערזעצונג. דער כאַלדעאישער טיטל, אונטער וועלכן דאָס בוך ערשיינט ביי די קירכענפאַטערס, *Σαρβήθ Σαβανειέλ*, איז, ניט געקוקט אויף אַלע כּוחות פון חריפות, וואָס מען האָט דערויף אָנגעווענדט, עד-היום נאָך ניט גענוג דערקלערט. לויט איינער אַ נייער אויספאָרשונג זאָל ער טייטשן „די ווידערשפעניקייט פון גאָטס קעגנער" און באַציען זיך קודם-כּל צו די סיריער. די עכטקייט פון די דאָקומענטן, ווי אויך פון די כראָנאָלאָגישע אָנווייזונגען לויט דער אַזויגערופענער סעלעווקידישער צייטרעכענונג און פון די לירישע האַרצאויסגיסונגען, וואָס אין ערשטן בוך חשמונאים, איז פיל מאָל געשטעלט געוואָרן אונטער אַ ספק. די לירישע ערטער זיינען, אַפּנים, עלטערע לידער, וועלכע האָבן דעמאָלט געלעבט אין פאָלקס מויל. דער קוואַל פון דער ליריק איז שוין געוועזן אויסגעטריקנט. אָבער די היסטאָרישע טרייהייט און די איינפאַכע אָביעקטיווקייט פון דעם בוך, וועלכע באַווייזט אונז, ווי אין דער עפּאָכע פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט האָט ווידער אויפגעלעבט די עכטע היסטאָריאָגראַפיע, איז זעלטן געשטעלט געוואָרן אונטערן ספק.

---

[1]) לויט צונצס מיינונג, איז דאָס ספר חשמונאים, וועלכן מען שרייבט צו דער שול פון הילל און שמאי, צו אונז גאָרניט דערגאַנגען (רעד פון דער רוס. איבערז.).

* *

*

אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער טראָגט דאָס אויך אַפּאָקריפישע אַזוי געררופענע צווייטע בוך חשמונאים, וואָס שיידט זיך אונטער ניט צום גוטן פון דעם ערשטן בוך חשמונאים, מיט וועלכן עס האָט אי-בעריקנס קיין שום אינערלעכן צוזאַמענהאַנג ניט.

אין דעמדאָזיקן בוך ווערט ברייט און מיט מליצה דערציילט וועגן די חשמונאישע מלחמות, זינט סעלעווקאָס IV פּילאָפּאַטאָר ביז ניקנורס טויט אין דער שלאַכט ביי הדסה און ביז דעם יום-טוב, וואָס ווערט זינט דעמאָלט געפייערט יעדן דרייצנטן אדר אונטער דעם נאָמען "יום-ניקנור" (161—176). די צוזאַמענזעצונג פון פאַרשיידענע באַשטאַנד-טיילן, די אומזיכערקייט פון די היסטאָרישע און כראָנאָלאָגישע דאַטן מאַכן דאָס בוך פאַר גאָר אַ שלעכטן קוואַל.

שוין דער אָנהייב גופא איז אַ געפּעלשטער: ער אַנטהאַלט צוויי בריוו פון די פּאַלעסטינער יידן צו די אַלעקסאַנדרינער, אין וועלכע די לעצטע ווערן אויפגעפאָדערט צו פייערן די צוויי ערינערונגס-יום-טובים — חנוכה דעם 25 כסלו און דעם ניקנור-טאָג, דעם 13 אדר, און וועלכע דערציילן לעגענדאַרישע מעשיות וועגן דעם, ווי ירמיהו הנביא האָט געפונען דאָס הייליקע פייער; דאָס ערשטע בריוו טראָגט די דאַטע 125 פאַר קר. אויך דער צוזאַמענהאַנג פון דידאָזיקע בריוו מיט דעם בוך גופא איז זייער אַ שוואַכער. דידאָזיקע פאַרבינדונג צווישן דיביידע, אָפּט איינע די אַנדערע ווידערשפּרעכנדיקע, טיילן וואָלטן געדאַרפט שאַפן אַ זינלאָזעס "אָבער" (δε).

דאָס בוך גופא שטעלט פאָר אַן אויסצוג פון אַ גרעסערן געשיכטע-בוך, וואָס האָט באַהאַנדלט דיזעלביקע עפּאָכע, פון איינעם אַן אומבאַ-קאַנטן יאַזאָן פון קירענע; פון דעמדאָזיקן בוך זיינען איינציקע פראַג-מענטן רעסטאַווירט געוואָרן דורך דעם אַזוי גערופענעם פערטן בוך חשמונאים, און דעריבער איז שווער פעסטצושטעלן, ווער איז דער שול-דיקער אין די פולע אומקלאָרקייטן און אומריכטיקייטן, — צי יאַזאָן, צי די שפּעטערדיקע איבעראַרבעטער. אָבער סיי אין דער געשיכטלעכער פּינקטלעכקייט, סיי אין דער עטישער טענדענץ, איז דאָס צווייטע בוך חשמונאים שאַרף קעגנזעצלעך צו דעם ערשטן. אַ גייסט פון פאַנטאַסטי-שער טרוימערישקייט, פון אומגעלומפּערטן אָבערגלויבן, פון פאַר זיך אָפּגעזונדערטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גליענדן פּאַטריאָטיזם פאַרנעמט דאָ דאָס אָרט פון מילדן, פרומען און וואָרהאַפטיקן אַרט דענקען, מיט

וועלכן עס צייכנט זיך אויס דאָס ערשטע בוך. דער גלויבן אין יענער וועלט איז דאָ צום ערשטן מאָל צונויפגעמישט מיט גראָבזינלעכע פאָר־שטעלונגען, און די אידעע פון אומשטערבלעכקייט איז דאָ אריינגע־פירט אין דעם קרייז פון מיטאָלאָגישער פאָרשטעלונג. דער פּראָפעסער ווייס צו דערציילן וועגן א „טויטן אָפּפער", וואָס יהודה המכבי האָט געבראַכט פאַר די געפאַלענע יידישע קריגער, און דערביי באַמערקט ער, אַז דער העלד האָט דעמדאָזיקן קרבן געבראַכט, כדי אָפּצורייניקן די מתים פון זייערע זינד. אויך געפינען מיר דאָ אין א „טרוים־זעאונג", וואָס יהודה האָט געהאַט, און אין וועלכן צו אים באַווייזן זיך דער כוהן־גדול חוני און דער נביא ירמיהו, קלאָר און דייטלעך אויסגע־דריקט דעם גלויבן אין דער שתּדלנות פון דער רעליגיע[1]) פאַר די לע־בעדיקע. עס איז אָבער קוים צו גלויבן, אַז דער פּראָפעסער האָט מיט אַזעלכע אידעען איבערגעגעבן די רעליגיעזע אַנשויאונגען פון די פרומע יידן פון זיין צייט, מחמת די געלערנטע אויסטייטשער פון דער תּורה פון יענער עפּאָכע דערמאָנען לגמרי ניט סיי די לערע וועגן קרבנות פאַר מתים, סיי די שתּדלנות פון די געשטאָרבענע פאַר די לעבעדיקע.

דאָס צווייטע בוך חשמונאים, וואָס שטיצט זיך דער עיקר אויף העלעניסטישע פאָרשטעלונגען, איז אַפּנים לכתחילה אָנגעשריבן גע־וואָרן אויף גריכיש, פונקט ווי איר קירענישע קוועלע, און לויט אַלע סימנים — אין מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט פאַר קר. אין פּאַלעסטינע. צוליב זיין מאַרטיראָלאָגישן אינהאַלט איז ס'דאָזיקע בוך געוואָרן איינס פון די באַליבטסטע מוסר־ספרים ביי דער קירכע, און די שיינע לע־גענדע וועגן דעם טויט פון דער מוטער מיט אירע זיבן זין באַגעגנט זיך אויך אין דער אַגדתא.

❀ ❀

❀

צוליב דער געוואוינהייט, אַלע מערקווערדיקע דערציילונגען וועגן דעם, ווי די יידן זיינען ניצול געוואָרן פון דעם שונאס הענט, צו באַ־צייכענען מיט דעם נאָמען „חשמונאים", לויט דער אַנאַלאָגיע מיט

---

1) די רעדאַקציע פון דער רוס. איבערז. מאַכט דערביי אַזאַ באַמערקונג: אין דייטשן אָריגינאַל איז אַפּנים דאָס וואָרט Religion א גרייז; געוויס דאַרף מען לייענען Seligen (מתים), ווי אין סוף פונם פאָלגנדיקן זאַץ. — אָבער די רוסישע איבערזעצונג איז געדרוקט אין יאָר 1896, נאָכדעם איז דאָס בוך איבערגעאַרבעט

דעם ערשטן בוך „חשמונאים“, האָט אויך די לעגענדאַרע דערציילונג וועגן דער מערקווערדיקער רעטונג פון די מצרישע יידן פון טויט אין דער צייט פון פּטאָלאָמעאוס IV פילאָפּאַטאָר (204—221) באַקומען דעם נאָמען „דאָס פערטע בוך חשמונאים“. ס׳דאָזיקע בוך איז צוליב דער ניט פּינקטלעכקייט פון זיינע מיטטיילונגען און צוליב דער באָמבאַסטישער פאָרם זיינער, נאָך נידעריקער לויט זיין ווערט פאַר דעם צווייטן בוך „חשמונאים“.

די געשעענישן, וואָס ווערן דערציילט אינם דאָזיקן בוך, געפינען ניט קיין היסטאָרישע באַשטעטיקונג, הגם יוסף פלאַוויוס, אמת, מיינענדיק אַ שפּעטערדיקן פּטאָלאָמעער און נעמענדיק אין אַכט אַנדערע מאָטיוון, דערציילט אויך וועגן זיי. לויט דעם דריטן בוך חשמונאים, זאָל פּטאָלאָמעאוס פילאָפּאַטאָר, דערפאַר וואָס מען האָט אים ניט געלאָזן אַריינדרינגען אין קודש־קדשים, ווען ער איז געווען אין ירושלים, וועלן נקמה נעמען פון די מצרישע יידן, און ער האָט זיי אַלעמען פאַרשפּאַרט אין צירק און דאָרט געוואָלט לאָזן אומברענגען דורך העלפאַנדן, וועלכע ער האָט צוליב דעם דאָזיקן שיינעם ציל צערייצט מיט שאַרפע געטראַנקען. אין אַנטשיידענעם מאָמענט האָבן זיך די העלפאַנדן אַ לאָז געטאָן אויף די, וואָס האָבן זיי אַרויסגעלאָזן און אויף די מצרישע צושויער פון דער פאָרשטעלונג, די יידן אָבער זיינען וואונדערבאַר ניצול געוואָרן.

ס׳דאָזיקע זעלטזאַמע בוך האָט מען געוואָלט פאַררעכענען צו דעם צווייטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט. אָבער דער פאַקט, וואָס דאָס בוך איז אַריין אין דער גריכישער ביבלאיבערזעצונג און אָוועקגעשטעלט נאָך דעם צווייטן בוך „חשמונאים“, און נאָך מער דער אינהאַלט פונם בוך, זאָגן עדות אויף אַ שפּעטערער צייט, צווישן דעם לעצטן פאַרקריסטלעכן און דעם ערשטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערטן. דער דאָזיקער אינהאַלט, ווי אויך די פאָרם, מאַכן מעגלעך די השערה, אַז דאָס בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן אין מצרים, הגם עס זיינען פאַראַן וויכטיקע טעמים קעגן אַזאַ השערה. ניט דער לעצטער פון דידאָזיקע טעמים איז דער אַרט און דער אופן פון גאָטס־באַגרייפן, וועלכן דער מחבר פאָרמולירט געטרוי לויט דער ביבלישער לערע און אָן שום צונויפמישונג מיט העלעניזם. עס קלינגט כמעט ווי בוכשטעבלעך איבערגעגעבן די אָנשוי־

געוואָרן און די טעותים פאַרריכט דורכן מחבר אין דער אויסגאַבע פונם יאָר 1908. מיר האָבן פאַר זיך דעם דייטשן אָריגינאַל אין דער אויסגאַבע פון יאָר 1920, און דאָס וואָרט Religion איז פאַרבליבן ווי אַמאָל. דאָך שיינט, אַז די באַמערקונג פון פון דער רוסישער רעדאַקציע איז געווען אַ ריכטיקע. (איבערז.).

אונג פון די נביאים, ווען ער באַקרעפטיקט גאָטס פּערזענלעכקייט און אומענדלעכקייט און אויך די געטלעכע השגחה אויף אַזאַ אופן, אַז דער הימל איז גאָטס וואוינאָרט, אומצוטריטלעך פאַר די מענטשן, אַז גאָט האָט זיך געהייליקט אַ רואָרט אין בית־המקדש וואָס אין ציון נאָך פאַר דעם זעבאַרן טראָן פון זיין הערלעכקייט, און אַז די השגחה פון גאָט איז שטענדיק בייגעשטאַנען די יידן, וועגן וואָס עס ווערט נאָך אַמאָל דערמאָנט צום סוף פונם בוך דורך די ווערטער: „געלויבט זאָל זיין דער, וואָס איז מציל די יידן אין אַלע צייטן".

די קירכע האָט ס'דאָזיקע בוך ניט אַריינגענומען אין קאַנאָן און צוליב דעם מסתמא איז פון אים קיינמאָל קיין לאַטייניש איבערזעצונג ניט געמאַכט געוואָרן. איבעריקנס, אַחוץ דעם גריכישן אורטעקסט איז נאָך פאַראַן אַ סירישער.

* *

*

אויב מיר קאָנען נאָך פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט „דאָס דריטע בוך חשמונאים" באַקומען דעמדאָזיקן נאָמען, איז אָבער גאַנץ אומדערקלער־לעך, ווי אַזוי האָט „דאָס פערטע בוך חשמונאים" באַקומען זיין טיטל, ווייל ס'דאָזיקע בוך געהערט צו אַ פיל שפּעטערדיקער צייט און צו לגמרי אַן אַנדערן געדאַנקענקרייז. בלויז צוליב דעם אויסערלעכן צוזאַ־מענהאַנג געהערט דאָס בוך צו דער באַהאַנדלונג פון דער אַפּאָקריפי־שער ליטעראַטור, וואָס פון אירע ראַמען טרעט עס לגמרי אַרויס לויט זיין אינהאַלט.

דער אומשטאַנד, וואָס ס'דאָזיקע בוך געהערט גלייכצייטיק צו צוויי זאַמלונגען, גיט אים צו אַ באַזונדערע קריטישע וויכטיקייט. דאָס בוך געפינט זיך אין דער גריכישער ביבלאיבערזעצונג און צווישן די שריפטן פון יוסף פלאַוויוס מיט דעם כאַראַקטעריסטישן טיטל „אַ פריי־דיקט וועגן דער הערשאַפט פון שכל". אין דערדאָזיקער דאָפּלטקייט דריקט זיך שוין קלאָר אויס די מיינונגספאַרשיידנהייט, וועלכע האָט גע־הערשט זינט דעם IV יאָרהונדערט בנוגע דעם מחבר און דער פאַרפאַ־סונגסצייט פונם בוך.

פאַר עוסעביוס איז פלאַוויוסעס אַווטאָרשאַפט אַ געוויסע זאַך. ערשט אין דער נייסטער צייט איז באַשיינפערלעך דערוויזן געוואָרן, אַז דערדאָזיקער שריפטשטעלער האָט בשום אופן ס'דאָזיקע בוך ניט

געקאָנט פאַרפאַסן, און עס איז גיכער אַ פריידיקט, וועלכע געהערט צו דעם ערשטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט.

אין אַלגעמיין איז עס אַ פילאָסאָפיש-מאָראַלישע באַטראַכטונג וועגן די מאַרטירערגעשיכטעס פונם צווייטן בוך חשמונאים, וועלכע טראָגט אויפן שטערן די חתימה פון אַלעקסאַנדרינישער אָפּשטאַמונג. נאָר דאָס באַשטענדיקע וואַקלען זיך צווישן דער אַלעגאָרישער מעטאָדע און דער געשיכטלעכער דערציילונג שליסט אויס דאָסדאָזיקע בוך פון דעם קרייז פון דער אַלעקסאַנדרינישער ליטעראַטור און באַשווערט די אויספאָרשונג וועגן זיין אָפּשטאַמונג.

די חכמה ווערט דאָ דעפינירט לויט די טעאָסאָפישע באַגריפן פון יענער צייט אַלס „די קענטעניש פון געטלעכע און מענטשלעכע זאַכן". אָבער אַלס רעזולטאַט פון דעררדאָזיקער דערקענטעניש ערשיינט תּורת משה, וועלכע ווערט פון איר זייט גייסטיק אויפגענומען. די אידעען פון שכל און מידות טובות, פון פרומקייט און זיטלעכקייט אַנטשפּרעכן גענוי די אָנשויאונגען פון יידישן אַלעקסאַנדריניזם. אָבער אין דערזעלביקער צייט געפינען מיר אין דער פריידיקט אָנשויאונגען, וועלכע שיידן זיך שטאַרק אונטער פון דער אַלעקסאַנדרינישער פילאָסאָפיע; אַזאַ איז דערהויפּט דער גלויבן אין השארת הנפש, דערנאָך דער כּלל, וואָס חזרט זיך אָפּט איבער און שטעלט פאַר דעם צענטראַלן פונקט פון דער פריידיקט, אַז די אמתע פרומקייט באַשטייט אין דעם, בעסער איבערצוטראָגן אַלערליי ליידן, איידער עובר צו זיין אויף איינע פון די געבאָטן פון תּורת משה.

וואָרשיינלעך איז דאָס בוך פאַרפאַסט געוואָרן אין פּאַלעסטינע פאַרן חורבן, הגם זיין סוף האָט אַרויסגערופן ספקות בנוגע צו דער עכטקייט. אין דער עסטעטישער הינזיכט אַנטהאַלט דידאָזיקע שריפט אין איין שורה מיט פיל געשמאַקלאָזיקייטן און אַבסאָלוטע סתירות אויך פיל פיינע און געלונגענע באַמערקונגען. אין אַלגעמיין איז עס אַן אויפרוף פון אַ פּאַטריאָטישן מענטשן, וועלכער פאָדערט אויף זיין פאָלק צו פאַרלאָזן די פּאָליטישע און זיטלעכע שלעכטע וועגן פון דער בעגנוואַרט און דערהייבן זיך צו דער גלויביקער באַטראַכטונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. צו גלייכער צייט איז דער איינציקער פאַרבליבענער דענקמאָל פון דער יידיש-גריכישער רייד-קונסט, וועלכע איז דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג.

* *

*

אַ גרעסערן געשיכטלעכן ווערט איידער די דריי לעצטע ביכער חשמונאים און אויך פיל מער אינערלעכן ווערט האָט דאָס אַזוי גערו־פענע „דריטע בוך עזרא“, וואָס ווערט אין דער סעפּטואַגינטאַ אָנגערופן דאָס ערשטע, מחמת די ביבלישע ביכער עזרא און נחמיה זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס צווייט און דריט בוך עזרא. ס'דאָזיקע בוך האָט געהאַט דעם ציל צו דערציילן און צו באַפּוצן די געשיכטע פונם בית־המקדש פאַר און דער עיקר נאָך גלות בבל. לויט זיין מהות איז עס אָבער נאָר אַ באַאַרבעטונג פון די די ביבלישע ביכער עזרא און נחמיה און פון די צוויי קאַפּיטלען מלכים II, 35 און 36, נאָר מיט אייניקע ענדערונגען און פעלערן.

וואָרשיינלעך האָט דער גריכישער טעקסט, אין וועלכן דאָס בוך איז היינט פאַראַן, לכתחילה געהאַט אַן אורשריפט פון פיל גרעסערן אומפאַנג, וועלכע האָט אפשר די אָנגערופענע צוויי ביבלישע ביכער פולשטענדיק פאַראַפראַזירט. אַז דאָס בוך איז בלויז אַ טייל פון אַ גאַנצן, באַווייזט זיין סוף, וועלכער איז ניט פאַרבונדן מיט די פריער־דיקע טיילן, אויך דאָס, וואָס נחמיה ווערט דאָ ניט דערמאָנט, הגם פון זיין בוך זיינען גענומען געוואָרן אייניקע שטעלן.

צו דערדאָזיקער באַאַרבעטונג איז אָבער צוגעגעבן אַ הוספה אין צוויי קאַפּיטלען—אַ פּאָעטישע לעגענדע וועגן זרובבלן, וועלכע מיר געפינען אין קיין אַנדער בוך ניט און פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט צוליב איר אייגנטימ־לעכקייט. דערדאָזיקער זרובבל, דעם קיניג דריוושעס אַ פּאַזש, זאָל, לויט דער לעגענדע, ביי אַ געוועטשטרייט „ווער איז דער שטאַרקסטער“, האָבן אָפּגעהאַלטן דעם נצחון און, אַלס פּריז פאַר אים, האָט ער אויסגעבעטן ביי דריוושן, ער זאָל דערפילן זיין נדר, וואָס ער האָט געגעבן, ווען ער איז געוואָרן קיניג, פון ס'ניי אויפצובויען דעם בית־המקדש אין ירושלים. אַדאַנק זיין חכמה, באַקומט זרובבל, וועלכער ווערט אין דער ביבל דער־מאָנט נאָר אין דעם בוך פון נביא זכריה, די באַוויליקונג פונם קיניג צו ערפילן זיין בקשה און די דערלויבעניש אומצוקערן זיך קיין ירושלים, און דריוויש האָט געלאָזט ווידער אויפבויען דעם טעמפּל אויף זיינע קאָסטן.

די השערה, אַז ס'דאָזיקע בוך איז לכתחילה געשריבן אין העבּ־רעאיש, האָט פיל וואָרשיינלעכקייט פאַר זיך, פּונקט ווי די סברא אַז דאָס בוך, ווי אויך די לעגענדאַרע הוספה, זיינען פאַרפאַסט געוואָרן

אין פאַלעסטינע דורך אַ דאָרטיקן העלעניסט. פאַר דעם אווטאָר פון דער לעגענדע, וועלכע האָט דעמאָלט וואָרשיינלעך געלעבט אין זכרון פונם פאָלק, ווערט גערעכנט, ניט אָן אינערלעכער באַריכטיקונג, דער גריכישער איבערזעצער פון דעם בוך. די גאַנצע טענדענץ באַווייזט אויף אַ מענטשן, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט די אַלעקסאַנדרינישע אי־דעען און וויל די חכמה פון יהודה העכער שטעלן פאַר דעם וויץ פון מזרח, ווייל קעגן יעדער אַנדערער ווירקזאַמער מאַכט שטעלט זי די קראַפט פון אמת, אַלס די העכסטע און די שטאַרקסטע. אויך ער ענדיקט זיין באַטראַכטונג מיט די ווערטער: „געלויבט זאָל זיין דער גאָט פון אמת".

בנוגע דער צייט, ווען דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, קאָן מען מאַכן בלויז ניט קיין זיכערע השערות. דער איינציקער אָנ־האַלטס־פונקט איז, חוץ דעם אינהאַלט גופא — דער פאַקט, וואָס יוסף פלאַוויוס האָט עס שוין געקענט און באַנוצט. עס האָט אַלזאָ געמוזט לפחות מיט איין יאָרהונדערט פריער אָנגעשריבן זיין. אָבער ניט געקוקט אויף זיין אינהאַלט, האָט דאָס בוך ניט געפונען קיין מיטגעפיל ניט ביי די רבנים, ניט ביי דער קירך און האָט דעריבער ניט באַקומען קיין קאַנאָנישע באַדייטונג. פאַרקערט־זשע אין דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטע־ראַטור פאַרנעמט עס אַ וויכטיק אָרט. עס באַווייזט דעם אויסגאַנג פון דער יידישער אַפּאָקאַליפּטיק, וואָס איר אָנהייב איז דאָס בוך דניאל, און איר בליאונגס־פּעריאָד, די יידישע סיבילע און דער ספר חנוך. אַלס גרונדאויסזיכט פון אַלע דידאַזיקע שריפטן קאָן מען רעכענען די האָפע־נונג אויף דער באַפרייאונג פונם יידנטום פון אונטער דעם יאָך פון די היידנישע טיראַנען דורך דעם אויפקומען פון אַ יידישער וועלטהער־שאַפט און דורך מלכות המשיח. אין זיבן טונקעלע און שווערע צו ער־קלערן אַנטפּלעקונגען זאָגט דער מחבר פונם בוך אַרויס זיין ליידנשאַפט־לעכן וואַרטן אויף משיחס קומען, וועלכע האָבן אין די טעג פון דער שווערער אַדומישער הערשאַפט זיכער אָנגעפילט אַלע איידעלע געמיטער אין פאַלעסטינע.

* *

*

אַ סך אַ קלענערן ווערט האָבן די הוספות צום בוך אסתר, וועלכע מען האָט שפּעטער אפילו געוואָלט איינטיילן אין אַ צווייטן, דריטן און פערטן בוך פון אסתר. כמעט אַלע האָבן זיי דעם אַפּאָלאָגעטישן

ציל צו פאַרטיידיקן די ביבלישע דערציילונג און צו שיצן זי קעגן די אָנפאַלן, וועלכע זיינען שוין דעמאָלט קעגן איר אַנטשטאַנען. דאָס איז אָבער אויסגעפירט געוואָרן אין אַזאַ שלעכטער פאָרם, אַז גלייך באַמערקט זיך די אומעכטקייט פון דער שריפט.

ניט מרדכיס חלום, ניט דער אויסראָטונגס-עדיקט פון המנען, אויך ניט די דראַמאַטיש באַלעבטע סצענע צווישן אסתר מיט דעם קיניג, אָדער מרדכיס עדיקט האָבן ניט דעם כּוח צו פאַרהוילן זייער שפּעטערע אַלעקסאַנדרינישע אָפּשטאַמונג. דאָס גלייכן קאָנען די אַפּאָקריפישע ביילאַגעס און הוספות צום ספר דניאל אונז ניט פאַרפירן בנוגע זייער ציל און אָפּשטאַמונג. סיי די געשיכטע פון שושנה, סיי די געשיכטע פון בּל, סיי די געשיכטע פונם דראַקאָן זיינען לכתחילה אָנגעשריבן אויף גריכיש פון אַ העלעניסטישן יידן אין אַלעקסאַנדריע אַן ערך אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר קר. געב. פאַר דעם אַווטאָר פון דעמדאָזיקן „אומעכטן צווייג“ פון דניאלשן לעגענדענשטאַם האַלט מען, אויפן סמך פון דעם נאָמען פון איין קאַפּיטל, איינעם אַ חבקוק פון שבט לוי.

❁ ❁

❁

פונקט אַזוי איז אַן אומעכטער צווייג פון דער אַלטער נבואהשאַפט דאָס בוך ברוך. ברוך בן נריה איז געווען דער שרייבער ביים נביא ירמיהו. אים אין מויל ווערט אַריינגעלייגט אַ שטראָף- און טרייסט-רייד צו ישראל, טיילוויז אַ צונויפגעשטעלטע פון ביבלישע פראַזן, וועלכע ענדיקט זיך, ווי אַלע אמתע נבואות, מיט דעם אויפבויען פון ציון און דער רעטונג פון ישראל. די אומעכטקייט פונם בוך האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן גאַנץ פרי. עס איז וואָרשיינלעך אַנטשטאַנען אויפן פּאַלעסטינישן באָדן אין דערזעלביקער צייט, ווי דאָס רוב אַפּאָקריפישע ביכער, און האָט אין זיין אָפּהענגיקייט פון דער אַלטער נבואהשאַפט און פון זיין העברעאישער גייסט-ריכטונג געבילדעט אַ קעגנזאַץ צו יענער משונהדיקער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געשטעלט צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער געגנוואַרט, צווישן געשיכטע און נבואה, און וואָס איר הויפּטאַרבעט איז געווען „אויסצוגלייכן די סתירה פון דער געשיכטע צו דעם באַוואוסטזיין פון דעם יידנטום דורך דער נבואה, אַז די האָפענונגען פון די יידן וועלן ערפילט ווערן“.

*　　*

*

די טיפגייענדיקע רעליגיעזע און פּאָליטישע שטרעבונגען אין פּאַלעסטינע גיבן די מעגלעכקייט משער צו זיין, הגם מיר האָבן ניט גענוג אַזעלכע באַווייזן, אַז אַמאָל האָט זיך געפונען אַ רייכער קוואַל פון מאַטעריאַלן בנוגע יענער מערקווירדיקער צייט. אין די ביבלישע ביכער איז דאָך געגעבן געוואָרן אַ מוסטער פון אַ ריכטשנור, נאָך וועלכע און פון וועלכע עס וואָלט זיך געקענט אַנטוויקלען אַ גאַנצע ליטעראַטור. דערצו זיינען נאָך דעמאָלט געקומען יענע גרויסע וועלטגעשעענישן, וועלכע האָבן בנוגע צו זיך אַרויסגערופן אַ אידעאַליזירנדיקע באַהאַנדלונג און פערמלעך גערייצט צו אַפּאָקאַליפּטישע פּאָראויסזאָגונגען. אין פעריאָד פון דעם סוף סירישער הערשאַפט ביז די לעצטע טעג פון דער אַפּאָסטאָלישער צייט איז די אַפּאָקאַליפּטיק אין דערווירקלעכקייט געווען די אייגנטלעכע פאָרם פון די רעליגיעז-פּאָליטישע פּאַרטיישריפטן, און אירע שפּורן באַגעגענען זיך ביז אין מיטאַלטער אַריין.

אין דער עסטעטישער הינזיכט האָט די גאַנצע אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור ווייניק צוציענדיקס. אמת, דאָרט וואו זי טרעט אַרויס אין גראַנדיעזע בילדער און אין דרייסטע פּאָעטישע וויזיעס, איז זי נאָך בכוח צו געווינען אינטערעס און צו רייצן דעם געמיט. אָבער אין ווייטערדיקן לויף פון איר אַנטוויקלונג ווערן די בילדער שוואַכער און לאַנגווייליקער, די וויזיעס ווערן מאַט און איינטעניק, דאָס גאַנצע פאַרלירט זיך אין שפּיל פון מיסטיש-סימבאָלישע צאָלן און בילדער, פון וועלכע די טעאָלאָגיע האָט אמת געקאָנט שעפּן אירע ערלייזונגס-„וואָרהייטן", און וואָס זייערע פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען האָבן שפּעטער געקאָנט פאַרשאַפן פיל פאַרגעניגן דער קריטיק, זיי האָבן אָבער קיין באַדייטונג ניט פאַר דעם עסטעטישן געפיל.

פון דידאַקטיקע שריפטן, וועלכע געהערן כמעט אַלע צו די לעצטע פּאָרקריסטלעכע יאָרהונדערטן און זיינען מסתמא אויך אַלע אַנטשטאַנען אין פּאַלעסטינע, קאָנען נאָר דריי קומען אין באַטראַכט, ווייל זיי שטייען נאָך אויף דעם באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען די ביכער חנוך, תפילות שלמה און דער ספר היובלים.

דער ספר חנוך איז פאַרבונדן מיט דעם פּאַטריאַרך פון דעמזעלביקן נאָמען, וועגן וועלכן עס דערציילט זיך אין בראשית, אַז גאָט האָט אים צוגענומען צו זיך. אַ מלאך פון גאָט האָט אים דורכגעפירט

דורך דער אונטערוועלט און אַנטפּלעקט פאַר אים אַלע סודות פון דער נאַטור און פון יענער וועלט. מ׳האָט מיט רעכט געקוקט אויפן דאָזיקן בוך, ווי אויף דעם ערשטן פּרווו צו פאַרטיידיקן די ביבלישע וועלטאַנשויאונג קעגן דעם אַריינדרינגען פון דעם העלעניזם. ווייניקער ריכטיק איז די באַהויפּטונג, אַז די דאָזיקע פּראָבע איז געווען אַ געלונגענע. און גראָד פאַרקערט שיינט עס, ווען מען וויל אין דער דאָזיקער געקינצלטער און בלאַסער קאָמפּילאַציע אַיינזען „דעם גייסט פון דער אַלטטעסטאַמענטישער פּאָעזיע און נבואה מיט זיין דערהויבענעם שוואונג און אומערשעפּלעכער עשירות פון טיפזיניקע רעליגיעזע בילדער״. אַזאַ אויפפאַסונג וואָלט געווען גאָר אומפאַרשטענדלעך, ווען מען זאָל ניט בעמען אין אַכט, אַז זי שטאַמט פון טעאָלאָגישע קרייזן און האָט פאַרפאָלגט דעם ציל צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון די משיחישע און עסכאַטאָלאָגישע אידעען פונם דאָזיקן בוך קעגן דעם „אין קליינלעכער קאַזואיסטיק פאַרשטיינערטן האַרץ פון די פרושים״.

מחמת דעם האָט מען געהאַלטן, אַז דער אַווטאָר, אָדער די אַווטאָרן פון דעם ספר חנוך, איז אַ איסיער. און עס איז טאַקע מעגלעך, אַז די דאָזיקע שריפט געהערט צו די „געהיימע ביכער״ פון יענער פאַרטיי, צו וועלכער מען קאָן, צוליב זייער געהיימגעהאַלטן זיין, צורעכענען אַלץ, פאַרוואָס מען קאָן קיין אַנדער אָרט ניט קריגן.

מען דאַרף אָבער פון דער אורשפּרינגלעכער טענדענץ פונם בוך בשום אופן ניט מאַכן דעם אויספיר, אַז עס איז אַנטשיידן פיינטלעך צו די העלעניסטישע אידעען און פאָרשטעלונגען. פאַרקערט, דאָס בוך איז אָנגעפילט מיט אַ מאַסע פילאָסאָפישע און טעאָלאָגישע עלעמענטן פון העלעניזם, צו וועלכע עס זיינען שפּעטער נאָך צוגעקומען קריסטלעכע עלעמענטן, כדי צו פאַרגרעסערן דעם פלאָנטער. אַזוי זיינען די משיחישע אידעען, צוליב וועלכע די טעאָלאָגן האַלטן אַזוי פון דעם ווערק, גראַדע פון קריסטלעכער אָפּשטאַמונג, און זיי זיינען אַ שפּעטערדיקע הוספה פון אַ פרומען יידישן קריסט. די טערמינען „מענטשלעכער זון״ און „זון פון אַ פרוי״ און אַנדערע פון דעם מין באַווייזן קלאָר דווקא אויף אַזאַ אָפּשטאַמונג. ניט ווייניקער באַווייזן, אַז דאָס בוך איז פון גריכישער אָפּשטאַמונג, די שילדערונגען פון דער מלכות השמים און פון דער וועלטקאַטאַסטראָפע, פון גן־עדן און פון גהינום. דער גהינום געפינט זיך אויפן מזרח, אויף יענער זייט פונם עריטרעאישן ים; דער גן־עדן, נאַטירלעך — אויפן עק מערב. אַ פייערדיקער שטראָם פלייצט דאָרט, די פאַרגייענדיקע זון טוקט זיך אין אים טעגלעך אָפּ, און אַהין קומען די נשמות פון די מתים. די פאָרשטעלונג וועגן גן־עדן מישט צונויף

יידישע און היידנישע אָנשויאונגען צוזאַמען און קומט צו דעם אויספיר, אַז די צדיקים זיינען אין גן-עדן צוזאַמען מיט די מלאכים מתפלל פאַר די רשעים.

ניט קוקנדיק דערויף דאַרף מען אויפן ספר חנוך קוקן, ווי אויף אַ ווערק פון פּאַלעסטינישן יידנטום אין דער ערשטער העלפט פון דעם לעצטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט. אויף פּאַלעסטינע באַווייזט ניט בלויז דאָס קענען און דאָס נעמען כסדר אין אַכט די ביבל, נאָר אויך די נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט די אָרטיקע אָנגעלעגנהייטן, און דער עיקר אויף דער פיל מאָל אַרויסגעזאָגטער ליבשאַפט צום הייליקן לאַנד. דאָס בוך איז בלי-ספק דאָרט אָנגעשריבן אין העברעאישער אָדער אַרמישער שפּראַך. אַ לאַנגע צייט איז ס׳דאָזיקע בוך באַקאַנט געווען פולשטענדיק נאָר אין דעם עטיאָפּישן טעקסט, וועלכן דער ענגלענדער בריוס (Bruce) האָט אין 1773 אַראָפּגעבראַכט פון אַביסיניע קיין אייראָפּע. ערשט שפּעטער זיינען געפונען געוואָרן פראַגמענטן פון אַ גריכישער איבערזעצונג, וועלכע דערלאָזן די השערה, אַז עס איז געווען אַ העברעאישער אורטעקסט. אויסערדעם עקסיסטירט נאָך אַן אַלטסלאַווישע ווערסיע. דער ספר חנוך הייבט מיט זיך אָן די ריי פון די פּסעוודאָעפּיגראַפן, ד. ה. די ליטעראַרישע ווערק, וועלכע שטייען נאָענט צו די קאַנאָנישע שריפטן, אָבער וועלכע האָבן ביי דער קירכע ניט געפונען אַזאַ אָנערקענונג ווי די אַפּאָקריפן. אין קעגנזאַץ צו דער גוטער רעפּוטאַציע, וואָס ס׳דאָזיקע בוך האָט געהאַט, אַדאַנק זיינע געדאַנקען וועגן מלאכים און טייוואָלים, וועגן דעם עתיד און וועגן משיחן, איז די באַמערקונג פון איינעם אַן אָביעקטיוון פאָרשער זייער אַ ריכטיקע: „מען דאַרף באַטראַכטן ווי אַ גליק, וואָס די אַלטע קירך האָט ס׳דאָזיקע בוך פאַרוואָרפן און עס איז לסוף פאַרגעסן געוואָרן. וואָרעם דער איינפלוס פון זיינע משונהדיקע אידעען וואָלט געקאָנט האָבן זייער אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם אַרט דענקען פונם מיטלאַלטער, ווען ס׳בוך וואָלט באַקומען אַ ביסל קאַנאָנישע הייליקייט".

* *

*

לענגער באַקאַנט און עסטעטיש וויכטיקער, איידער דער ספר חנוך, איז דער ספר תהלות שלמה, אַ זאַמלונג פון אַכצן רעליגיעזע לידער, וועלכע האָבן שוין, אמת, ניט דעם לירישן כאַראַקטער פון די ביבלישע תהילים-מזמורים, אָבער זיי זיינען דאָך געשטימט אויף

דעם זעלביקן טאָן און שפּיגלען אָפּ די אָנשויאונגען פון די פרומע יידישע קרייזן, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער באַלאַגערונג פון ירושלים דורך דעם רוימישן פעלדהער פּאָמפּעאוס און אויף דער פאַרשוועכונג פון בית־המקדש, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן אומגליק.

פון יענער צייט שטאַמען דידאַקטיקע לידער, וואָס, כדי צו באַציי־כענען זיי אַלס פּסאַלמען פון דער צווייטער מדרגה, און אונטערצושיידן פון דודס תהילים, האָט דער שפּעטערדיקער זאַמלער זיי אָנגערופן תהילות שלמה. פאַר דער לירישער אָרעמקייט פון יענער צייט, ווען די פּאָעטן האָבן זיך נאָר מיט זכרונות געגנערט, און פון וועלכער קיין אָנ־דערע דענקמעלער זיינען ניט געבליבן, זיינען די האַרצאויגיסונגען פון אַ פרומער נשמה כאַראַקטעריסטיש. צו דעם מוסר און צו די וואָרענונ־גען, אַז ישראל זאָל זיך היטן פאַר אָפּטריניקייט, צו די שילדערונגען פון גאָטס שטראָף פאַר דער שלעכטער אויפפירונג פון די לעצטע פירשטן פון די חשמונאים שליסן זיך אָן עלעגישע טענער, און דאָן ווערן ווײ־טער אַרויסגעזאָגט ליידנשאַפטלעכע האָפענונגען אויף דער צוקונפט, און געמאָלט גלוטיקע משיחישע בילדער, וועלכע זיינען אָבער דערקלערט געוואָרן פאַר געפעלשטע, מחמת זיי האָבן ניט קיין אַנאַלאָגיע אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט.

אַ שפּעטערדיקע אויסבעסערנדיקע האַנט זעט זיך אין די בילדער פונם „הייליקן גייסט״ און פון דעם „זינדלאָזן מלך המשיח״, „וואָס זיינע ווערטער זיינען פייערדיקער, איידער דאָס בעסטע גינגאָלד, און זיינע רייד זיינען, ווי די רייד פון די הייליקע צווישן די געהייליקטע חיילות״. ס׳איז אמת, אַז וואָס ערגער עס איז געוואָרן די לאַגע, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער דאָרשט פון די יידן נאָך אַ משיח, אָבער דאָס איז ניט אויסגע־דריקט געוואָרן אין אַזעלכע פאַרגייסטיקטע בילדער און אין אַזעלכע ספּירי־טואַליסטישע אידעען, ווי אין די פּרקים 17 און 18 פון „תהלות שלמה״.

אויך דידאַקטיקע זאַמלונג איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פּאַלעסטינע און, מסתמא, לכתחילה אויף העברעאיש. מיר האָבן נאָר אַ גאַנץ געניע גריכישע איבערזעצונג.

* *

*

ניט גאַנץ צו דער אַפּאָקאַליפּטישער, אָבער צו דער פריער דער־מאָנטער פּסעוודאָעפּיגראַפישער ליטעראַטור געהערט אויך דאָס בוך „ס פ ר ה י ו ב ל י ם״, אָדער דער אַזויגערופענער „קליינער ספר בראשית״,

וועלכער איז ערשט אין אונזער צייט געפונען געוואָרן אין עטיאָפּישן טעקסט פון דער אַביסינישער קירכע און טיילוויז אויך אין לאַטייני־שער איבערזעצונג. דאָס דאָזיקע בוך איז געבונדן מיט דעם ביבלישן ספר בראשית און דערציילט די געשיכטע פון די אורצייטן אין אַ לע־גענדאַרער פאָרם, איינטיילנדיק זיי אין צייטפּעריאָדן און אין יאָרוואָכן. די אָפּווייכונגען פון דעם ביבלישן גרונדטעקסט שטיצן זיך צום גרעסטן טייל אויף די ערקלערונגען און די אויסטייטשונגען פון דער אַגדתא, פון וועלכער ס'דאָזיקע בוך אין אַן אומבאַדינגטער המשך; דערפון איז צו זען, אַז דאָס בוך שטייט נאָך דורכאויס אויפן יידישן באָדן. צי דאָס איז געווען אַ איסיאישע טענדענצשריפט קעגן די פּרושים, כּדי צו ברעכן זייער איינפלוס, וואָס זיי האָבן אויסגעאיבט אויפן יידישן קאַ־לענדאַרוועזן דורך דעם באַשטימען די יום־טובים לויט זייערע אַסטראָ־נאָמישע אויסרעכענונגען, צי טראָגט עס אויף זיך דעם שטעמפּל פון דאָסיטעאיש־סאַמאַריטאַנישער אָפּשטאַמונג, אָדער צי איז עס, ניט קוקנ־דיק אויף זיינע אָפּווייכונגען פון דער פּאַלעסטינישער הלכה, אַ בוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פּאַלעסטינע אַן ערך 30, אָדער 60 יאָר נאָך קר. געב. דורך אַ העלעניסטישן יידן מיט אַן אויסגעשפּראָ־כענער יידיש־טראַדיציאָנעלער, דאָך אָבער אַנטיפאַריסעאישער טענ־דענץ — דאָס האָט די קריטיק עד היום ניט געקאָנט פעסטשטעלן.

די גראָב־זיניקע אידעע וועגן גאָט, די געשמאַקלאָזע לערע וועגן מלאכים און טייוואָלים, די פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען וועגן די שטראָפן אין גהינום — דאָס אַלץ באַווייזט אויף דער אַנטאַרטונג, אין וועלכער די דאָזיקע ליטעראַטור האָט זיך דעמאָלט געפונען. אַלע רעליגי־עזע אידעען ווערן פאַרקריפּלט, אַלע פילאָסאָפישע אָנשויאונגען — צע־קרימט, אומעטום הערשט אַ ווילסטער כאָאָס פון יידישע און גריכישע פאָרשטעלונגען, אין וועלכע די פון ס'ביי צוגעקומענע קריסטלעכע אידעען מאַכן נאָך גרעסער דעם תהו ובהו. נאָר דורך די אַלע פאַרווילסטונגען שיינט זעלטן דורך אַ בליצשטראַל פון העלן ליכט, פון פּאָעטישן חוש, ווי אין דער שילדערונג, וועלכע שטעלט פאָר די הערלעכקייט פון משיחס צייט, און וועלכע ווערט דאָ געבראַכט אַלס כאַראַקטעריסטישע פאַר דעם בעסערן טייל פון דערדאָזיקער ליטעראַטור.

„און די קעפּ פון די קינדער וועלן ווייס זיין פון גרויע האָר, און אַ קינד פון דריי וואָכן וועט אַלט אויסזען, ווי אַ הונדערטיעריקער, און זייער צושטאַנד וועט ביזן גרונט פאַלן דורך נויט און דחקות. און אין יענע טעג וועלן די קינדער בעמען פאַרלאָזן זייערע געזעצן און זוכן די געבאָטן און זיך צוריקקערן אויף דעם וועג פון גערעכטיקייט. און

די טעג וועלן אָנפאַנגען גרעסער צו ווערן, און די מענטשנקינדער וועלן ווערן אַלץ עלטער פון דור צו דור און פון טאָג צו טאָג, ביז זייער לעבנסצייט וועט זיך דערנעענטערן צו טויזנט יאָר... און עס וועט שוין מער ניט זיין קיין אַלטער און קיין איבערגעזעטיקטער מיט לעבן, נאָר אַלע וועלן זיין, ווי קינדער און ווי יונגען, און זיי וועלן פאַרברענגען אַלע זייערע טעג אין שלום און אין פריידן, און זיי וועלן לעבן ניט זעענדיק לעבן זיך קיין שטן, אָדער קיין אַנדער בייזן מחבל. וואָרעם אַלע זייערע טעג וועלן זיין טעג פון ברכה און דערלייזונג. אין יענער צייט וועט גאָט אויסלייזן זיינע דינער, און זיי וועלן זיך דערהויבן, און זיי וועלן שטענדיק זען טיפע פריידן, און זיי וועלן זייערע פיינט ווידער פאַרטרייבן. און זיי וועלן עס זען און דאַנקען און זיך פרייען מיט פריידן און אייביקייט. און זיי וועלן זען אויף זייערע פיינט אַלע זייערע משפטים און אַלע זייערע פלוכן, און אַפילו ווען זייערע ביינער וועלן רוען אין דער ערד, וועט אָבער זייער גייסט האָבן פיל פרייד, און זיי וועלן וויסן, אַז גאָט איז עס דער, וואָס האַלט משפט און טוט חסד צו הונדערטער און צו טויזנטער, און צו אַלעמען, ווער עס האָט אים ליב. און דו, משה, פאַרשרייב ס'דאָזיקע וואָרט, וואָרעם אַזוי איז עס פאַרצייכנט אויף די הימלישע טאָוולען אַלס עדות פאַר אייביקע דורות".

* *

*

עס איז ניט אומבאַדינגט נייטיק אין אַזעלכע וויזיעס אַיינצוזען די פאָראויסגעכאַפּטע קריסטאָלאָגיע פון די יידישע לערער פון יענער צייט. ס'איז אָבער קלאָר, אַז זיי האָבן דורכגעלייגט דעם וועג צום קריסטנטום, אַלס דערפילינג פון דידאָזיקע נביאות. און אַזוי אַרום שטייט דידאָזיקע ליטעראַטור, ווי למשל די „עליה פון משה אויפן הימל", די „אַפּאָקאַליפּסן פון אברהם", „דער בונד פון די צוועלף פּאַטריאַרכן", די „עליה פון ישעיה הנביא" און אַנדערע — אויף דער גרעניצשייד צווישן יידישער און קריסטלעכער וועלטאָנשויאונג, אָדער אינגאַנצן אויפן באָדן פון קריסטנטום.

אַלע דידאָזיקע שריפטן אָטעמען מיט דעמזעלביקן גייסט, אַלע זייבען זיי געווידמעט דעם וואָרטן אויף משיחס קומען און מיט דעמזעלביקן טעם און צוליב די זעלביקע צוועקן אָנגעשריבן אויף דעם פּאַלעסטינישן באָדן. נאָר איבער גאָר דערדאָזיקער ליטעראַטור לאַגערט אַ

דומפע אטמאָספערע, ווי פאַר אַ נאָענטן שטורעמווינט, און אַ גייסט פון שמערצלעכער רעזיגנאַציע, וועלכע האָט געמוזט באַהערשן די מענטשן אין יענער צייט, ווען רעליגיעס האָבן געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, און אויף זייערע חורבות האָט זיך דערהויבן אַ נייער גלויבן, וואָס קעגן זיין זיגערישער מאַכט האָבן די אַמאָל פאַרערטע געטער געמוזט ביז פולקומער פאַרבלאָזיקייט אויסגעבלייכט ווערן.

מיט דידאַקטישע ווערק פון אַפּאָקאַליפּטישן כאַראַקטער, מיט די לעצטע ניט-קאַנאָנישע פּראָדוקטן פון דער גאַנצער ריכטונג פאַרענדיקט זיך די ליטעראַטור פון די אַפּאָקריפן. נאָך אַמאָל אַרומקוקנדיק זיך אויף דעמדאָזיקן געביט, דערמאָנען מיר זיך אָן דעם אָפּט אָנגעווענדטן און אָפּט אויסגעלאַכטן, און ניט קוקנדיק דערויף שטענדיק ווידערקומענדיקן משל, אַז די אַפּאָקריפן זיינען גלייך צו דעם גאָלדענעם רינג, וועלכער פאַראייניקט דעם נייען טעסטאַמענט מיט דעם אַלטן בונד. צוויי וועגן פירן פון דער ביבלישער ליטעראַטור אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער שפּעטערדיקער צייט. איינער גייט דורך די אַפּאָקריפן אין האַרצן פונם נייעם טעסטאַמענט, דער אַנדערער גייט דורך דער יידישער ליטעראַטור מיט אירע פאַרצווייגונגען פון הלכה און אגדה, וואָס צו זייער ווייטערער אַנטוויקלונג וועלן מיר זיך איצט ווענדן.

III. די העלעניסטישע ליטעראַטור.

עס איז געווען דאָס ביבלוואָרט, וואָס האָט צוערשט צונויפגעבונדן די ביידע הויפּטפאַקטאָרן פון דער מענטשלעכער קולטור, דאָס יידנטום און דעם העלעניזם. לויט דער הבטחה פונם דאָזיקן וואָרט, האָט גאָט געזאָלט יֶפֶתן אויסברייטן און לאָזן אים רוען אין די געצעלטן פון שם. אַ שפּעטערדיקע קלוגע אויסטייטשונג פון דידאָזיקע ווערטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן יֶפֶתן צוגעשריבן דעם חוש פאַר שיינקייט און שֵׁמען — די רעליגיעזע דערקענטעניש; דערמיט איז אויסגעדריקט געוואָרן דער אַלטער אייגנטימלעכער מהות פון די ביידע פעלקער, וועלכע האָבן זיך שוין אין די אַלטע מיטישע צייטן דורך האַנדל און וואַנדל געפונען אין גייסטיקן פאַרקער, און, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַ לאַנגע צייט געגאַנגען אין באַזונדערע וועגן, האָבן זיי זיך אויף איין פונקט פון דער וועלטגעשיכטע ווידער צוזאַמענגעטראָפן. פון דעמדאָזיקן גייסטיקן פאַרקער ווייס די געשיכטע גאָרנישט, אָדער נאָר זייער ווייניק. די לעגענדע אָבער ווייס פיל מער צו זאָגן: געשעפטיק באַגלייט זי די גריכישע פילאָסאָפן אויפן מזרח, און דאָרט ברענגט זי זיי מיט די דענקער פון מזרח אין אַ געדאַנקענאויסטויש, פון וועלכן עס אַנטשטייען שפּעטער באַדייטנדיקע פילאָסאָפישע סיסטעמען. אָבער נאָך מער, איידער אַזעלכע שאַפונגען פון דער לעגענדע, ריידן היסטאָרישע פאַקטן פאַר אַזאַ וועלטפאַרקער פון יענע צייטן, וואָס פאַר זיינע צוזאַמענהאַנגען און איינפלוסן שטייט נאָך פאָר צו אַנטפּלעקן אַ ניי־ע געאָגראַפיע פון דענקען. די פעדים פון דערדאָזיקער גייסטאַנטוויקלונג לויפן אַהער און אַהין, ווי די פעדים פון דעם וועבערשיפל; אויב עס וועט געלינגען זיי פונאַנדערצופלאָנטערן, דאַן וועט אויך דער סוד פון יענע איבערוואַנדערונגען זיך אַנטפּלעקן אין שיינענדיקער קלאָרקייט פאַר די פאַרוואונדערטע אויגן פון דעם פאָרשער. און אַלץ, וואָס ווייזט איצט אויס ווי אָפּגעריסן פונאַנאַנדער און ניט צוזאַמענגעבונדן, וועט ווערן פאַרשטאַנען און דערקלערט אין זייערע געמיינזאַמע באַציאונגען: די אויפבליאונג פון דער אַלטער קולטור אין יהודה און אין העלאַדע,

די אוראַלטע ערטער פון די צוויי אויסגעצייכנטע פעלקער פון דער סעמיטישער און פון דער אינדאָגערמאַנישער ראַסע, וואָס פון זיי איז אַרויס אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע, און וואָס אין זיי האָט דער טיפּישער קעגנזאַץ פוןביידע וועלט־ראַסעס דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אויף וויפיל עס איז דער היסטאָרישער פאָרשונג געלונגען פעסט־צושטעלן די וועגן פון דעמדאָזיקן פאַרקער, זיינען עס געווען די פּעניציער איבערהויפּט, ס'דאָזיקע ים־רייזנדיקע און האַנדלטרייבנדיקע פאָלק, וועלכע האָט דורך דער מאַטעריעלער קולטור פאַרמיטלט אויך די גייסטיקע קולטור ביי די אַלטע העלענער. אַ ענלעכקייט צווישן די רעליגיעזע לערעס פון די מצרים, פעניציער און גריכן איז שוין אָנערקענט געוואָרן גאָר פון אָנהייב און נאָכדעם באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון דער קלאַסישער מיטאָלאָגיע. די אַלטע לעגענדעס וועגן דאַנאַאָס דעם מצרישן און קאַדמאָס דעם פעניצישן אויסוואַנדערער, די מסורה, וועלכע ווערט איבערגעגעבן ביי איינעם פון די שפּעטערדיקע היסטאָריקער, אַז די עלטסטע דאָרישע פירשטן זיינען לויט דער אָפּשטאַמונג געווען מצרים, ענדלעך די פון דעמזעלביקן שריפטשטעלער מיטגעטיילטע ידיעות וועגן די „רעליגיעזע איבערנעמונגען", וואָס די העלענער האָבן געמאַכט אין דעם לאַנד פון נילוס, — דאָס אַלץ באַווייזט אויף צווייפללאָזע, הגם אין פּרטים נאָך קוים באַשטימבאַרע איינפלוסן פונם סעמיטישן מזרח אויף דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג און אויף דער אויסבילדונג פון דער גריכישער מיסטעריע. ווען עס זאָל זיך באַשטעטיקן די השערה, אַז די פּעלאַסגער זיינען דאָס געווען די פעניציער־פלשתים, וואָלט דער מעדיום, וועלכער פאַראייניקט דידאָזיקע איינפלוסן, געווען היסטאָריש אויסער יעדן ספק. וואָס מער די העלענער האָבן שפּעטער דורך קינסטלערישער דורכבילדונג פאַרברייטערט זייער פאַנטעאיסטישן גלויבנסקרייז, אַלץ שאַרפער האָבן זיי זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו דעם ספּיריטואַליזם פון דער מאָנאָטעאיסטישער רעליגיעזער אידעע.

אַזוי שטייט שוין אין דער גראָער אַלטער צייט קעגן די דרייסיק טויזנט אומשטערבלעכע געטער פון העסיאָד דער אייביקער גאָט, וועלכער איז „אייבציק און אַליין", דער גאָט פון משה. און אויף דווידס לויבגעזאַנג: „האַר, אונזער גאָט, ווי שיין איז דיין נאָמען אויף גאָר דער ערד", ענטפערט פינדאַר טרויעריק: „איינס איז דער געשלעכט פון מענטשן, איינס איז דער געשלעכט פון די געטער; מיר אָטעמען אָבער אַלע פון איין מוטער". די אָנשויאונגען קומען צו נעענטער איינע צו די אַנדערע, ווען מיר הערן גלייך נאָך עוריפּידעסעס וואָרט: „פילפאַר־

שיידן זיינען די געשטאַלטן פון דעם געטלעכן" — די קלאָגן פון קוהלת אויף דער „פאַרגאַנגלעכקייט פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט", אויסערן גייסט, וועלכער קערט זיך ווידער צו גאָט, פון וועלכן ער איז גע־קומען.

די גריכן האָבן געהאַט אין זייער קולט די אין זיך פולקומע האַרמאָנישע נאַטור; די יידן — דעם גענעזיס, די געשיכטע פון דער־דאָזיקער נאַטור און דעם קולט פון דעם גאָט, וואָס האָט די נאַטור באַשאַפן: „יענע זיינען אַרויס פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט, די — פון דער איינהייט פונם לעבן, פאַר יענע איז די וועלט געווען אַן אייביק „זיין", פאַר די — אַן אייביק „ווערן". די פולקומע יצירה פון דער נאַטור האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם גריכישן; די געשיכטע פון איר ווערן סיי אין קאָסמישן און אָרגאַנישן, סיי אין לעבן פון דעם מענטשנ־געשלעכט — האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין יידישן גייסט". ביידע ריכטונ־גען זיינען געווען טיפּיש פאַר דער קולטוראַנטוויקלונג פון דער מענטש־הייט; באַגעגנט זיך נאָך לאַנגער פינסטערניש אין דעם שטראַלנדיקן גלאַנץ פון מאַצעדאָנישן צעזאַריזם, האָבן ביידע געהאַט די מעגלעכקייט צו באַשאַפן אַ דריטע, וועלכע זאָל ברענגען ביידע וועלטאַנשויאונגען, דעם קולט פון נאַטור און דעם קולט פון געשיכטע, צו איין האַרמאָני־שער וועלטאיינהייט.

אָבער פאַרשטייט זיך, אַז דער שווערד פונם העלד און עראָבע־רער האָט געקענט באַצווינגען פעלקער, נאָר ניט דעם גייסט. אַגב זיי־נען די העלענער אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן פונקט אַזוי ווייניק די גריכן פון האָמער און פינדאַר, ווי די יידן אין דער־זעלביקער צייט — די בני ישראל פון משה און ישעיה. אַן ערשעפּטער, בלאַסער העלענענטום האָט זיך באַגעגנט מיט אַ מידן, אין זיך אָפּגע־שלאָסענעם יידנטום. פונדעסטוועגן האָט דידאָזיקע באַרירונג געבראַכט נייע שפּראָצונגען פון גייסטיקן לעבן און באַפרוכפּערט דעם באָדן פון ביידע וועלטאַנשויאונגען.

די גריכישע דענקער האָבן געמוזט מיט באַוואונדערונג קוקן אויף דער וואָרהייט און אויף דער ריינקייט פון משהס גאָטסגלויבן, וואָרעם אַלץ, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך זייערע טונקעלע חלומות אַלס היי־ליקע אַנונגען, איז דאָ פאַר זיי אַרויסגעטראָטן אַלס לעבעדיקעווירק־לעכקייט. די יידן פון זייער זייט האָבן געמוזט באַגייסטערט און אַנטציקט ווערן פון דער גרויסער הייטערקייט און צו גאָט־גלייכער שיינקייט פונם העלעניזם, וועלכער האָט פאַר זיי אָפּגעפּנט אַ נייעם יסוד פון לעבן. אמת, די גריכן זיינען געווען געבוירענע פילאָסאָפן, און מיט דעם

מאָמענט, ווען זיי האָבן דערגרייכט זייער גייסטיק־נאַציאָנאַלע איינהייט, האָט ביי זיי דאָס פילאָסאָפישע דענקען אין די שולן און אין די סיסטעמען געבליט און גערייפט ביז דער העכסטער מדרגה פון פולקומענהייט. דעריבער, ווער עס וויל נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון פילאָסאָפישער דערקענטעניש ביז איר אורקוואַל, יענער מוז גיין צו די יאָנישע פיזיאָלאָגן, ווער עס וויל אָבער די אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע באַגריפן אויספאָרשן, יענער וועט זייערע קוועלן און אָנהייב געפינען אין דעם ביבלישן שריפטטום. די יידן זיינען ניט געווען קיין ספעקולאַטיוו פאָלק, און מען קען רעכענען, אַז ישעיה און שלמה האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט פון די טיפקייטן פון דער מעטאַפיזישער פאָרשונג, אין וועלכער די גריכישע דענקער האָבן זיך דרייסט אַריינגעלאָזן. די יידן האָבן אָבער געהאַט די רעליגיעזע אידעע, און ערשט ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט די גריכישע פילאָסאָפן, האָבן זיי אָנגעהויבן איבער דערדאָזיקער אידעע און אין איר צו פאָרשן, אין דער צייט ווען די גריכן האָבן באַהערשט דידאָזיקע אידעען, האָבן געשטרעבט איינצושטעלן אַ שייכות צווישן זיי, אַנטוויקלען זיי דורך פילאָסאָפישער ספעקולאַציע און דיאַלעקטיש פאַרבינדן מיט דעם נאַטירלעכן דענקען.

דערביי האָט זיך אָבער אויך אַרויסגעוויזן אַ פאַרדאַרבלעכער איינפלוס פון דעם גריכישן אויף דעם יידישן לעבן. די אַלטע ריינהייט פון די זיטן איז פאַרשוואונדן פאַר דעם רייכן לעבנסגענוס. אָנשטאָט די בתי־מדרשים האָט מען גענומען באַזוכן גימנאַזיעס, צירקן און אַמפיטעאַטערן. אָנשטאָט די רעליגיעזע טעג, האָט מען געפייערט געצנדינערישע יום־טובים און ווילדע וואַקכאַנאַליעס. דאָס אַלטע ביבל־וואָרט האָט געפונען אַ נייע אויסטייטשונג: יפת האָט זיך ביז אין די געצעלטן פון שם אַריינגעצויגן און האָט זיך דאָ באַזעצט. די שטרענגע מידות פון דעם אַלטיידישן לעבן זיינען אַלץ מער אָפגעטראָטן פאַר דעם גלענצנדן אומזיטלעכן לעבן, וואָס די פרעמדע האָבן אַריינגעבראַכט קיין פאַלעסטינע. גריכישע זיטן און גריכישע נעמען האָבן אַרויסגעטריבן די היימישע, און ביז אין די טיפענישן פון פאָלק איז אַריינגעדרונגען דערדאָזיקער העלענישער גייסט, וועלכער האָט צוליב דער שיינער און הייטערער לעבנסאויפפירונג פאַרגעסן די אידעאַלן פון רעליגיע און פאַרנאַכלעסיקט די אַלטע געזעצן.

פאַר דערדאָזיקער דערשיינונג האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן די לערער פונם געזעץ. זיי האָבן שוין געזען די קוים דערגרייכטע רעליגיעזע איינהייט אַ פאַרניכטעטע; דעם צאַם, וועלכן זיי האָבן מיט מיע אויפגעשטעלט אַרום משהס תורה — אַן איינגעפאַלענעם. פונדאַנען

נעמט זיך זייער שנאה צו דעם העלעניזם, פונדאַנען שטאַמט אויך זייער אָפּקערן זיך פון די שיינע און דערהויבענע לערעס פון דער גריכישער חכמה און פון דער גריכישער פּאָעזיע. אַ הייסער קאַמף האָט זיך אין פּאַלעסטינע אָנגעצונדן צווישן יידנטום און העלעניזם און ביידן צעשיידט לענגער איידער אַ יאָרהונדערט אויף צוויי גרויסע פיינדלעכע לאַגערס. אַמאָל האָט איינע, אַמאָל האָט די צווייטע פּאַרטיי מנצח געווען; קיין פולשטענדיקן נצחון האָט קיינע פון זיי ניט געהאַט. ניט דער ראַביניזם האָט זיך געקאָנט פּאַרשליסן פאַר די העלעניסטישע אידעען, ניט דער העלעניזם האָט געקאָנט פּאַרניכטן דעם ראַביניזם, אָבער אויך צו קיין שלום האָט עס אויף דעם פּאַלעסטינישן באָדן ניט געקענט קומען צווישן די ביידע קולטורמאַכטן; קוים וואָס עס פלעגט אין צייטן פון אַלגעמיינער צעמישונג אָדער פון אַלגעמיינער איינגעמאַטערטקייט דערגיין צו אַ קורצן וואַפנשטילשטאַנד.

דער שלום צווישן די ביידע גרויסע וועלטאַנשויאונגען איז דער עיקר געשלאָסן געוואָרן אויף אַן אַנדער באָדן, אויף דעם אוראַלטן קולטורבאָדן פון מצרים, וואו די פּטאָלאָמעער האָבן געשאַפן פאַר ביידן אַ נייע היימאַט, און וואו די אַמאָליקע שקלאַפן פון דעם לאַנד האָבן איצט געלעבט אין רואיקייט און אין פרידן.

פונקט ווי די פּטאָלאָמעער האָבן זיך גינציק באַצויגן צו דער איינוואַנדערונג פון די יידן אין דעמדאָזיקן לאַנד, אַזוי האָבן זיי אויך געשיצט די וויסנשאַפטן און די אַלגעמיינע בילדונג, וואָס זייער מיטלפונקט איז געווען די שטאָט אַלעקסאַנדריע דריי יאָרהונדערט פאַר און כמעט צוויי יאָרהונדערט נאָך דער איינשטעלונג פונם קריסטנטום. די פּרעכטיקע שטאָט איז געווען אַ לאַגער פאַר אידעען און סחורות, אַן אָרט פאַר דער פיינסטער בילדונג און פאַר עסטעטישע לעבנסגענוסן דער איינפלוס און דאָס געלט פון די פּטאָלאָמעער האָבן דאָרט געגרינדעט די ערשטע גרויסע ביבליאָטעק פון דער וועלט — מיט 700,000 מגילות, און אין מוזעאום האָבן זיי אָנגעזאַמלט אַלע באַרימטהייטן פון דער וויסנשאַפט און פון דער ליטעראַטור צום געמיינזאַמען שאַפן.

צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן ביי דעם יידישן פאָלק אַ נייע זייט, וועלכע האָט געזאָלט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג: דער פלייס, מיט וועלכן עס שליסט זיך אָן אָן דער נייער בילדונג, נעמט אין זיך אַריין אַ פרישע גייסטיקע אַנטוויקלונג, וואו ער באַקומט ליכט און לופט, און וואו מען לאָזט עס ניט פאַראומערן אין נויט און אין עלנט. די יידן האָבן גלייך באַ־

הערשט די גריכישע שפראך און שנעל זיך איינגעלעבט אין דעם אידע-
ענקרייז פון דער ארומיקער העלעניסטישער וועלט. אן אויפריכטיקע,
זעלטן צעשטערטע פארבינדונג פון די גייסטער און א וויסנשאפטלעכע
טעטיקייט זיינען אנטשטאנען פון דידאזיקע באציאונגען, וואס פון זיי
איז ארויסגעוואקסן די יידיש-העלעניסטישע ליטעראטור. נאך איין יאר-
הונדערט איז דידאזיקע העלעניזירונג אזוי ווייט דערגאנגען, אז זיי
האבן שוין די קוועלן פון זייער רעליגיע מער ניט געקענט לייענען אין
דער העברעאישער שפראך, אז זיי האבן זיך אין פארשיידענע שטעט
אויסגעבויט אייגענע טעמפלען, און זיי געמאכט כמעט אומאפהענגיק
פון דער מעטראפאליע. דורך דעם איז די באציאונג צווישן פאלעסטינע
און מצרים געווארן אלץ שוואכער און שוואכער. זיי וואלטן זיך אפשר
גאר אינגאנצן איבערגעריסן, ווען אינמיטן דעמדאזיקן גאנצן בילדונגס-
שטרעבן וואלטן פיינטלעכע אנגריפן, מיאוסע חשדים און צייטנווייז אויך
פארפאלגונגען ניט דערמאנען די העלעניזירטע יידן אן דער רעליגיע
פון זייערע עלטערן און אן דער אלטער שטאט ציון. אזוי ארום איז
דער רעליגיעזער עלעמענט אויך אין דער פרעמד געבליבן טעטיק און
ווירקזאם אין שטודירן דעם אינהאלט פון דער אמונה ווי אין דער פאר-
טיידיקונג אירער מצד די אנפאלן פון דרויסן. ווארעם די גריכן האבן
מיט אומצופרידנקייט געקוקט, ווי די יידן אנטוויקלען זיך לעבן זיי אלס
גלייכבארעכטיקטע, און די גריכישע שריפטשטעלער האבן געקאנט ווארטן
אויף ערפאלג, ווען זיי זיינען אנגעפאלן אויף די סעמיטישע פרעמדע
פאר זייער קריכעריי, באשעפטיקטקייט, פאר זייער משונהדיקן אויסזען,
בשעת די אמתע סיבה פון דער אנטיפאטיע איז געווען די מורא פון
די גריכן, אז דידאזיקע פרעמדע זאלן זיי ניט אריבערשטייגן אין גיי-
סטיקער הינזיכט. דעריבער האבן די יידן שטענדיק געמוזט שיצן די
ירושה פון זייער רעליגיע קעגן וויץ און שפאט, ווי קעגן האס און
רכילות מצד די גריכן. דעריבער איז דער גרונדכאראקטער פון דער
יידיש-העלעניסטישער ליטעראטור געווארן און געבליבן דער עיקר אן
א פ א ל א ג ע ט י ש ע ר.

היות אבער ווי די יידן האבן צוזאמען מיט דער גריכישער ביל-
דונג איבערגענומען אויך דעם שארפן אנאליז פון באגריפן, וואס איז
געווען דער כאראקטעריסטישער שטריך פון דעם העלענישן גייסט אין
דער פאעזיע און אין דער פילאסאפיע, איז דערפון ארויסגעקומען דער
פועל-יוצא, וואס זיי האבן, ניט ווי זייערע פאלעסטינישע גלויבנסברי-
דער, דעם גאנצן אינהאלט פון משהס תורה אנגענומען שטילשווייגנדיק,
אן נאכצודענקען איבער אים, נאר זיי האבן געזוכט אים צו דערפארשן

ביזן גרונט, פילאָסאָפיש צו דערקלערן, סימבאָליש אויסצוטייטשן, און וואו מעגלעך צו ברענגען אים אין איינקלאַנג מיט די גריכישע אידעען. מיט דרייסטער פאַנטאַזיע האָבן זיי זיך אויפגעהויבן צו די סודות פון דער געטלעכער וועלטרעגירונג, האָבן אויסגעטאָן די מלאכים און די דעמאָנען פון זייער אינדיווידואַליטעט און געמאַכט זיי פאַר אידעען און בילדער לויט דעם מוסטער פון דעם געטלעכן פלאַטאָן. פונדאַנען נעמט זיך די סינקרעטיסטישע ריכטונג, וועלכע גייט דורך איבער דער גאַנצער ליטעראַטור, און וועלכע האָט, משפטנדיק לויט אירע ווייניק פאַרבליבענע רעשטן, אין איר בליאונגסצייט אַפילו איבערגעשטייגט די מאָס.

דערנעענטערנדיק זיך צו דערדאָזיקער ליטעראַטור, מוזן מיר, אַלס דערגאַנצונג צו איר, שטענדיק האָבן אין אַכט די גלייכצייטיקע אַנטוויקלונג פון דער גריכישער אַלעקסאַנדרינישער ליטעראַטור. ניט געקוקט אויף גאָר דעם גלאַנץ און דער געלערנטקייט, איז אויך דער געווען נאָר אַ עפיגאָנענפעריאָד, אין וועלכן די טעאָריע האָט נאָכגעהונקען נאָך דער פראַקטיק, בשעת דער געני איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. אין אַזעלכע צייטן אַנטשטייט געוויינלעך דער פאַרלאַנג נאַטירלעך צו דערקלערן מעשים און וואונדער. מען גיט זיך דעמאָלט אָפּ אַ ווייסנשאַפטלעכן חשבון, אונטער וועלכע באַדינגונגען און באַציאונגען האָט דער געני געקאָנט אויסשפרייטן זיין צויבער, און מען גיט זיך איבער דער פרומער האָפענונג, אַז אַזאַ וועט פריער אָדער שפעטער ווידער קומען און אויפטרעטן לויט די אַבסטראַקציעס און כללים, וואָס די צייט האָט אים פאָראויס אָנגעמערקט. אַזוי אַנטשטייט אין פעריאָדן, ווען דער געני פעלט, די טעאָריע, דאָס וויסן, די געלערנטקייט, וועלכע ווילן אים ערקלערן און העלפן. אָבער פונקט ווי זיי זיינען, אָן זייער שולד דערביי, דער סימן פון ירידה פאַר דעם נאַציאָנאַלן גייסט און פאַר דער דיכטערישער קראַפט, אַזוי זיינען זיי דאָך, פון דער אַנדער זייט, ווידעראַמאָל דער רעזולטאַט פון דער פולקייט און קלאָרקייט פון דער אַלגעמיינער בילדונג און פון גייסטיקן פראָגרעס. אַזאַ פעריאָד פון ערשעפטן גייסטאויפשוואונג און בליאונג פון געלערנטקייט איז געווען דער אַלעקסאַנדרינישער פעריאָד, און דאָס איז דער כאַראַקטער פון אַלע זיינע שאַפונגען.

די פלעיאַדע פון די אַלעקסאַנדרינישע פאָעטן, אין וועלכע מען האָט אַפילו געוואָלט אַיינזען די אויפלעבונג פון דער האָמערישער דיכטונג, איז געווען בלויז אַ שוואַכער נאָכקלאַנג פון דער גריכישער וועלטפאָעזיע, און אַלע אירע עפישע ווערק, הימנען, אידיליעס און דידאַקטי-

שע געדיכטן האָבן ניט געקאָנט ווידער אויפוועקן דעם געני פון די אַלטע צייטן. אויך די שולן פון די נעאָפּלאַטאָנישע פילאָסאָפן האָבן מיט זייערע פאַנטאַסטישע און מיסטישע אַגשויאונגען ניט געקאָנט פאַרשטעלן דעם גרויסן מייסטער פון דער וויסנשאַפט פון אידעען, און די פלייסי- קע פאַרשער פון די אַלעקסאַנדרינישע גראַמאַטיקער האָבן אויך קיין האָר ניט געקענט באַנייען די בליאונגסצייט פון די וויסנשאַפטן און דער היסטאָריאָגראַפיע פון העלאַדע.

פונדעסטוועגן האָט אויך דידאַקטישע עפּיגאָנענצייט אירע גרויסע פאַרדינסטן. די מיסט-אָפּראַמער, וועלכע קומען נאָך די גרויסע בויענדיקע קיניגן, זיינען ניט ווייניקער וויכטיק און נייטיק, ווי יענע. דאָס, וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע דורך די פאָרשונגען, ער- קלערונגען, אונטערזוכנגען און באַשפרעכונגען, יענע העכערע פילאָלאָ- גישע קריטיק, וועלכער הייבט זיך פון דאָרט אָן, די פילאָסאָפישע אי- דעע פון סוביעקטיוון גייסטלעבן, וועלכע איז דאָרט אַנטשטאַנען — דאָס אַלץ האָט געהאַט זייער וויכטיקע רעזולטאַטן פאַר דער צוקונפט, און גיט יענער עפּאָכע צו אַ הויכן ווערט און אַ אומפאַרגלייכלעכע באַדייטונג.

אין אַלע דידאַקטישע אַרבעטן האָבן די אַלעקסאַנדרינישע יידן אַ לעבהאַפטן און טעטיקן אָנטייל, געגעבן און גענומען, געלערנט לייטן און אַליין זיך געלערנט, אין זעלבשטענדיקע שריפטן, אין געמיינזאַמער אַרבעט, און אין כסדרדיקער טעטיקייט פאַר דער ירושה פון דעם פאָ- טערלעכן גלויבן, וואָס עפענען זיינע אוצרות פאַר זייערע גריכישע מיט- בירגער איז געווען זייער וויכטיקסטע זאָרג.

* *

*

אויס די מאָטיוון און וואַרשיינלעך דירעקט פון די איבערזעצונגען, וואָס די יידישע פאַרלייענער פון דער ביבל (מתורגמן) פלעגן שבת ביים לייענען די תורה געבן אין אַלעקסאַנדריע, איז שוין גאָר פרי אַנטשטאַנען די ערשטע גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל, די אַזוי- גערופענע ס ע פּ ט ו אַ ג י נ ט אַ, וועלכע בילדעט אין דערזעלביקער צייט אויך דאָס טירל ביים אַריינגאַנג אין דער יידיש-העלעניסטישער ליטעראַטור. די לעגענדע האָט פּאָעטיש באַפּוצט איר אָנהייב, וועלכן די נעשיכטע לאָזט איבער אין טונקלקייט. לויט דערדאָזיקער לעגענדע זאָל פּטאָלאָמעי II פילאַדעלף (246—285) געהאַט באַקומען אַ ידיעה

פון זיין ביבליאָטעקאַר דעמעטרי פאַלערעאוס, אַז אין דער גרויסער אַלעקסאַנדרינישער ביבליאָטעק זיינען נאָך ניטאָ די יידישע הייליקע ביכער. דאַן האָט דער קיניג, וועלכער איז געווען אַ ליבהאָבער פון ביכער, אָוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע קיין ירושלים צום כּוהן־גדול אליעזר, ער זאָל אים צושיקן געלערנטע מענטשן, וואָס זאָלן פאַר אים מאַכן די איבערזעצונג פון תנ"ך. אין דערדאָזיקער דעפּוטאַציע זאָל זיך כּלומרשט האָבן באַטייליקט אויך דער ערשטער, וואָס האָט דידאָזיקע לעגענדע פאַרשפּרייט, דער מחבר פון דעם אַזויגערופענעם אַריסטעאַס־בריוו. דער כּוהן־גדול האָט מסכּים געווען צו באַפרידיקן דעם קיניגס בקשה, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט, אַז דער קיניג האָט קורץ פאַר דעם געהייסן באַפרייען הונדערט טויזנט יידישע שקלאַפן אין מצרים, אויך נאָכדעם ווי ער האָט געזען די מתּנות, וואָס פּטאָלאָמעוס האָט געשיקט פאַרן בית־המקדש. ער האָט אָוועקגעשיקט צו דעם קיניג 72 חכמים, צו 6 פון יעדן שבט, און אַ מאַנוסקריפּט פון דער תורה. די חכמים זיינען אָנגעקומען קיין מצרים אין אַ טאָג, וואָס מען האָט געפייערט עפּעס אַ מיטישן ים־נצחון איבער אַנטיגנוסן; דער קיניג האָט זיי אויפגענומען פריינדלעך און געלאָזט זיי אונטערוואַרפן אַ פילאָסאָפישן עקזאַמען, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן אים גוט אויסגעהאַלטן, האָט ער זיי געגעבן דעם שטילן אינזל פאַראָס, זיי זאָלן דאָרטן אויספאַרטיקן די איבערזעצונג. יעדער איבערזעצער האָט פאַר זיך געאַרבעט, און דאָך זיינען די איבערזעצונגען, ווי דורך גאָטס ווירקונג, אַלע געווען פולשטענדיק גלייכע. דער קיניג האָט זיך געפרייט מיט דעם ערפאָלג פון דער אַרבעט, און האָט די חכמים פירשטלעך באַשאָנקען. חוץ דעם האָט ער ערלויבט די אַלעקסאַנדרינישע יידן צו מאַכן אַ קאָפּיע פון דערדאָזיקער איבערזעצונג, וועלכע האָט צוליב דער צאָל 72 אָדער 70 איבערזעצער באַקומען דעם נאָמען ס ע פּ ט ו אַ ג י נ ט אַ.

עס איז זייער שווער צו זאָגן, וויפיל לעגענדע און וויפיל היסטאָרישער אמת עס איז פאַראַן אין דערדאָזיקער דערציילונג, וועלכע געפינט זיך אויך אין דער אגדה, און עס האָט אַזעלכע אומפּינקטלעכקייטן ווי, למשל, דאָס, וואָס לויט איר איז דער ביבליאָטעקאַר ביי פּטאָלאָמעוס פילאַדעלפוס געווען דעמעטריוס פאַלערעוס. לויט דעם נוסח פון דער אגדה, האָט פּטאָלאָמעוס די 72 געלערנטע איינגעלאַדן, ניט זאָגנדיק זיי פריער, וואָס איז דער ציל פון דער איינלאַדונג, און נאָכדעם ערשט האָט ער זיי באַפוילן: „שרייבט מיר אָן די תורה פון אייער לערער משה". און די צוויי און זיבעציק חכמים האָבן לויטן אַלגעמיינעם הסכּם געענדערט דרייצן ערטער אין דעם ביבלישן טעקסט.

דער איינציקער היסטאָרישער אמת, וואָס שיינט צו זיין אין דערדאָזיקער לעגענדע, איז דער פאַקט, וואָס אין דער צייט פון פטאָלאָמעוס פילאַדעלפוס האָט מען אָנגעהויבן די גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל. די אַלעקסאַנדרינישע יידן האָבן אַזאַ איבערזעצונג געהאַלטן פאַר אַ מיטל קעגן דעם, וואָס די העברעאישע שפראַך איז אַלץ מער פאַרגעסן געוואָרן ביי זיי, און קעגן די אָנפאַלן מצד זייערע געצנדינערישע שונאים. ווי מען זאָל אָבער ניט דערקלערן דידאָזיקע לעגענדעס, איז עס אַ פאַקט, אַז אינמיטן דעם דריטן יאָרהונדערט איז שוין פאַרטיק געווען אַ גריכישע איבערזעצונג פון חומש, און די שריפטשטעלער פון יענער צייט האָבן זיך מיט איר באַנוצט. נאַטירלעך איז די איבערזעצונג ניט פאַר אַמאָל אויסגעפירט געוואָרן, און עס האָט געדויערט מער ווי צוויי הונדערט יאָר, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן. דורך דעם איז נאַטירלעך אַנטשטאַנען אַ ווערק, וואָס איז אין זיינע באַזונדערע טיילן זייער פאַרשיידנאַרטיק, און נאָר דער חומש האָט געהאַט דעם געהעריקן אַווטאָריטעט, אַלס געמיינזאַמע אַרבעט פון די אַלעקסאַנדרינישע יידן.

לויט נייערע אויספאָרשונגען, וועלכע שטיצן זיך אויך אויף אַ מסורה פון דער אגדה, זאָל די איבערזעצונג פון דער סעפטואַגינטאַ זיין אויסגעפירט ערשט מיט אַ גאַנצן יאָרהונדערט שפעטער, אין דער צייט פון פטאָלאָמעוס פילאָמעטאָר, אַרום דעם יאָר 150, דורך פינף יידישע געלערנטע. אָבער צו דערדאָזיקער מיינונג שטייט אין סתירה ניט בלויז דער אינהאַלט פון דער געבראַכטער לעגענדע, אין וועלכער עס רעדט זיך מסתמא נאָר וועגן דעם פאַרבאָט איבערצושרייבן דעם העברעאישן טעקסט מיט גריכישע בוכשטאַבן, ווי עס פלעגן טאָן די העברעאיש אומוויסנדיקע יידן אין יענער צייט, און ניט וועגן אַ גריכישער איבערזעצונג, נאָר דער עיקר, דער זיכערע פאַקט, אַז מיט דער סעפטואַגינטאַ האָבן זיך באַנוצט שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געלעבט אין מצרים אין דעם לעצטן פערטל פון דריטן יאָרהונדערט.

וואָרשיינלעכער קלינגט די היפאָטעזע, אַז די איבערזעצונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהייבן אין דער צייט פון פילאַדעלפוס, איז מיט אַ יאָרהונדערט שפעטער, אין דער צייט פון פילאָמעטאָר רעווידירט, דערגאַנצט אָדער אָפגעשלאָסן געוואָרן. נאָך דעם אַלעמען בלייבט דער געביט פון דער סעפטואַגינטאַ פאַרהילט אין חושך. פיל ווייטער זיינען אַוועק די פאָרשונגען פון דער קריטיק איבער דעם ווערט פון דער איבערזעצונג און איבער דעם גייסט, וועלכער דריקט זיך אין איר אויס, ווייל זיי קאָנען זיך שטיצן אויף טעקסטן, וועלכע זיינען נאָך אינגאַנצן פאַרבליבן.

לויט דידאַזיקע אונטערזוכונגען האָבן די איבערזעצער פון דער סעפּטואַגינטאַ געאַרבעט נאָך אַ ביבל-טעקסט, וואָס ווייכט ערטערווייז אָפּ פון אונזערן. אָבערווירקלעך גרויסע אונטערשיידן ווייזן זיך אַרויס נאָר ביי דער באַאַרבעטונג פון דעם ספר ירמיהו.

די שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן דאָס ווערק באַאַרבעט, און וועלכע דאַרף האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דעם שטודירן דאָס ביבלישע וואָרט, איז געווען יענער העלעניסטיש-דאָרישער אידיאָם, אויף וועלכן מען האָט דעמאָלט גערעדט אין אַלעקסאַנדריע, אָבער בשום אופן ניט קיין יידנגריכיש, ווי מען האָט געמיינט אַ לאַנגע צייט. דידאָזיקע שפּראַך איז געוואָרן מאָסגעבנד פאַר דער גאַנצער העלעניסטישער ליטעראַטור און איז אויך ניט אָן איינפלוס געבליבן אויף דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער גריכישער ליטעראַטור און אומגאַנגסשפּראַך. זי האָט דורך די ווערטלעכע איבערזעצונגען פון דעם קריסטלעכן איבערזעצער אויף לאַטיין געהאַט אויך אַ טיפערע ווירקונג, אַזוי אַז אַ דאַנק יענער לאַטיינישער קירכנשפּראַך און די נייערע ביבל-איבערזעצונגען, וועלכע זיינען דורך דערדאָזיקער לאַטיינישער קירכנשפּראַך באַאיינפלוסט געווען, זיינען וויכטיקע עלעמענטן פון דער סעפּטואַגינטאַ אַריין אין די נייע אייראָפּעאישע שפּראַכן, דהיינו אין דייטש און אין ענגליש.

ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען דער גייסט פון דער סעפּטואַגינטאַ, אין וועלכן מען קאָן שוין געפינען די ערשטע שפּורן פון דער יידיש-העלעניסטישער פילאָסאָפיע. עס איז פאַלש די באַהויפּטונג, אַז מען האָט די איבערזעצונג געמאַכט ניט פאַר די געבילדעטע גריכן, וואָס די יידן האָט ווייניק געאַרט פאַר דעם ערפאָלג ביי זיי. פאַרקערט, די שטרעבונג נושא-חן צו זיין ביי די געבילדעטע גריכן הערשט ניט בלויז אין דער גאַנצער ליטעראַטור, נאָר זי לאָזט זיך שוין דייטלעך מערקן אין דערדאָזיקער איבערזעצונג. פריער פאַר אַלץ באַטירלעך אין דעם באַמיען זיך די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען פון דער ביבל צו דערווייטערן, צו מילדערן, אָדער צו פאַרבייטן מיט די דעמאָלט הערשנדיקע אין אַלעקסאַנדריע געלייטערטע מעטאַפיזישע באַגריפן. עטלעכע ביישפּילן וועלן קלעקן דעם פאַקט צו באַשטעטיקן. ווען עס שטייט אין דער ביבל, אַז גאָט האָט גערעדט מיט משה „מויל צו מויל“, גיט די סעפּטואַגינטאַ פאָרזיכטיק צו: „אין דער פאָרשטעלונג“, דורך וואָס די גאַנצע דערציילונג ווערט אַ וויזיע. ווען עס ווערט אין דער ביבל דערציילט וועגן „זען די גאָטהייט“, ווערט עס אין דער איבערזעצונג פאַרוואַנדלט אין אַ בילד פון אָ ר ט, וואו די גאָטהייט איז ערשינען.

די מיטטיילונג פון דער ביבל, אז משה איז אַרויף צו גאָט, און גאָט האָט צו אים גערעדט פונם באַרג, זעצט די סעפּטואַגינטאַ איבער מיט די ווערטער: „משה איז אַרויף אויף גאָטס באַרג", דעם שקלאַף, וועלכער וויל ניט באַפרייט זיין און וויל אויך אויף דעם זיבעטן יאָר פאַרבלייבן אויף דינסט ביי זיין באַלעבאָס ביזן סוף פון לעבן, לאָזט ניט די איבערזעצונג, ווי אין ביבלישן טעקסט, ברענגען אוממיטלבאַר „פאַר גאָט", נאָר „פאַרן געריכט פון גאָט", וועלכן זי רופט אַגב אויך ניט „מאַן פון שלאַכט" (איש מלחמה), ווי די ביבל, נאָר „זיינע פיינד צעטרעטנדיקער".

נאָר דייטלעכער טרעט אַרויס די באַמיאונג אויסצומיידן אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע אויסדריקן אויף וויפיל נאָר מעגלעך — וואָרעם אינגאַנצן זיי צו באַזייטיקן האָט דעמאָלט אויסגעוויזן אַזוי גוט ווי אוממעגלעך — אין די לעצטע ביכער פון דער ביבל, וועלכע זיינען איבערגעזעצט געוואָרן שפּעטער און אין די צייטן, ווען די גאָט־אידעע פון דער העלעניסטישער טעאָסאָפיע האָט זיך שוין געשטעלט אויף אַ פיל פּראָגרעסיווערן שטאַנדפּונקט איידער ביים אָנהייב פון דער איבערזעצונג.

אויב מען קען זיכער זאָגן, אַז אין מיטן פון צווייטן יאָרהונדערט איז שוין די איבערזעצונג פון די ביכער מלכים, דברי הימים, איוב און יהושע געווען פאַרטיק און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אין מצרים, דעמאָלט וועט געוויס זיין פאַרשטענדלעך, וואָס דער איבערזעצער פון דעם לעצטן בוך זאָגט אָנשטאָט „דער שטאַרקער האַנט פון גאָט" בעסער „גאָטס שטאַרקע מאַכט", וואָס דער איבערזעצער פון ישעיה שטעלט אָנשטאָט אָנשויען די גאָטהייט אויף דער ערד, דעם אַבסטראַקטן באַגריף פון אָנשויען די געטלעכע דערלייזונג, וואָס אָנשטאָט „די אָנקליידונג פון גאָט" פּילט ער אָן דעם בית־המקדש מיט גאָטס הערלעכקייט, וואָס ער רופט גאָט אָן ניט „דער העלד", נאָר פאַרבייטנדיק עס מיט „גאָט פון די מאַכטן". אַזוי אַרום ווייזט זיך אין דער סעפּטואַגינטע סיי אין די ערשטע, סיי אין די לעצטע טיילן, כּמעט אומעטום גלייך די שטרעבונג: אויפצופּאַסן און אויסצודריקן דעם באַגריף וועגן גאָט דורך אַבסטראַקציע אין העכערער ריינקייט.

אָבער די איבערזעצער פון דער סעפּטואַגינטע האָבן זיך אויך וויפיל מעגלעך באַמיט צו רעכענען אויך מיט די אומשטענדן, פאָדערונגען און פאַרהעלטענישן פון דער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. זיי האָבן געוויס געזוכט ערפאָלג ביי די געבילדעטע גריכן, וויבאַלד זיי האָבן אַזוי אַכט געלייגט אויף די פאַראורטיילן, וואָס האָבן געלעבט אין פאָלק, אַז זיי האָבן זאָרגזאַם אויסגעמיידט אייניקע ווערטער און

אויסדרוקן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אַרויסרופן שפּאָט אָדער שלעכטן פאַרשטיין, ווי למשל, די באַצייכענונג פונם אייזל אַלס חיה צום רייטן, וועלכע באַגעגנט זיך אָפט אין דער ביבל, אָבער וועלכע וואָלט ניט אויפן אָרט געווען אין מצרים.

פונקט אַזוי האָבן זיי אויסגעמיטן אַלץ, וואָס האָט געקענט אָנטרעטן דאָס קיניגלעכע הויז. זיי זעצן למשל איבער „די האָז“ (אַרנבת), וואָס ווערט עטלעכע מאָל אין דער ביבל דערמאָנט ביי די פאַרבאָטענע שפּייזן, און וואָס וואָלט אין גריכיש באַדאַרפט איבערגעזעצט צו ווערן דורך דאָס וואָרט *λαγώς* מיט דעם וואָרט *δασίπους*, כדי ניט צו באַליידיקן די קיניגלעכע פאַמיליע פון די ל אַ ג י ד ן, אַזוי אַז די לעגענדע וועגן אַ שייכות פון דעם קיניג פּטאָלאָמעי פילאַדעלף צו דערדאָזיקער איבערזעצונג באַקומט פון ס'ניי עפּעס אַ שאָטן פון וואָרשיינלעכקייט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער קיניג, וועלכער האָט אייפעריק געשיצט דאָס גייסטיקע לעבן אין אַלעקסאַנדריע, האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער אונטערנעמונג פון דערדאָזיקער ביבלאיבערזעצונג און איין עקזעמפּליאַר פון איר אַריינגענומען אין יענער גרויסער ביבליאָטעק פון אַלקסאַנדריע, וועלכע האָט דעמאָלט פאַראייניקט אַלע ליטעראַרישע אוצרות פון אַלטערטום, אַזוי אַז די לעגענדע באַרוט זיך דאָך אויף עפּעס אַ געשיכטלעכן יסוד.

אַלנפאַלס אָבער האָט די איבערזעצונג באַגעגנט מיטגעפיל מצד די גריכישע ליבהאָבער פון וויסנשאַפט און האָט געשאַפן יענע קעגנזייטיקע גייסטיקע ווירקונג, וועלכע האָט זיך שפּעטער איינגעשטעלט צווישן די גריכן און די יידן און האָט געפונען אויסדרוק און ערקלערונג אין פילע לעגענדאַרישע בילדער. אַזוי זאָל אַריסטאָטעלעס האָבן אומגעקערט זיך אויפן רעכטן וועג דורך די יידישע לערער, אַזוי זאָלן אויך פיל אַנדערע גריכישע פילאָסאָפן האָבן געשעפּט זייער חכמה פון אַ שוין נאָך פריער געוועזענער גריכישער איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן; און נאָך אַנדערש דערגלייכן, וואָס מען דאַרף אויפפּאַסן מצד זייערן טיפערן זין און אַלס עפּעס היסטאָרישס, וואָס זאָל דינען אַלס טעם צו ווייטערע הנחות און אויספירן.

די סעפּטואַגינטע וואָלט אָבער קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכן צו איר גרויסע באַדייטונג, ווען דער כאַראַקטער פון דער איבערזעצונג וואָלט עס ניט האָבן פאַרדינט. אמת, דערדאָזיקער כאַראַקטער איז טאַקע אין באַזונדערע ביכער, וועלכע שטאַמען פון פאַרשיידענע צייטן און פון פאַרשיידענע איבערזעצער, אַ גאַנץ פאַרשיידענער. אין אַלגעמיין אָבער קאָן מען די איבערזעצונג אָנערקענען פאַר אַ געטרייע. פאַר דעם

חומש איז עס—חוץ די דערמאָנטע ענדערונגען, שוין דערוויזן. דערפאַר האָט קיין שום אַנדער איבערזעצונג ניט געקענט האָבן אַזאַ ווערט ווי די, וועלכע האָט געוואוסט צו ברענגען אין איינקלאַנג די אויפפאַסונג פון דער צייט מיט דעם העברעאישן טעקסט.

די שפּעטערדיקע איבערזעצונגען זיינען טיילווייז שקלאַפיש ווערט־לעך, ווי די איבערזעצונג פון „שיר־השירים" און פונם נביא ישעיה, און טיילווייז שוין צופיל פריי, ווי די איבערזעצונג פונם ספר „איוב", וועלכע פאַרדינט, איבעריקנס, באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. וואָרעם ווען אַלע אַנדערע איבערזעצונגען האָבן בלויז געשטרעבט מער אָדער ווייניקער ווערטלעך איבערצוטראָגן דעם טעקסט אין גריכיש, טרעט ביי דעמדאָזיקן בוך דייטלעך אַרויס אַ עסטעטישע כוונה. דער איבערזעצער וויל פּאָעזיע איבערגעבן דורך פּאָעזיע, אַריינטראָגנדיק אין זיין איבער־זעצונג אַלערליי באַפּוצונגען פון די גריכישע פּאָעטן, וועלכע טיילן זיך, אמת, אַ ביסל מאָדנע אויס אין דער יידיש־גריכישער שפּראַך, וועל־כע ער האָט אָנגעווענדט. דערביי לאָזט ער איבער אַזעלכע שטעלן, וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער וועלכע געפעלן אים ניט, אָדער ער ענדערט זיי לויט דעם גייסט פון דער צייט. אויף וויפיל אַזעלכע עסטעטישע כוונות דאַרפן געלויבט ווערן, אויף אַזויפיל איז עס אים ווייניק געלונגען. ווען דער איבערזעצער אָדער דער נאָכדיכטער שטעלט אָנשטאָט גאָט דעם מלאך־המות און פאַרבייט אַלע פּאָעטישע אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדריקן מיט פילאָסאָפישע, באַווייזט עס נאָר, אַז ער האָט געלעבט אין אַ שפּעטערדיקער צייט, מסתמא, אין דער ערשטער העלפט פון דעם ערשטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט.

בעסער און ווערטלעכער זיינען איבערגעזעצט די נביאישע און געשיכטלעכע ביכער פון דער ביבל, נאָך ערגער און ווילקירלעכער — די אַגיאָגראַפן, און באַזונדער אסתר און דניאל, הגם די איבערזעצער זיינען נאָר דורך אַ קורצן משך אָפּגעטיילט פון דער צייט, ווען דידאָ־זיקע ווערק זיינען פאַרפאַסט געוואָרן, און האָבן דערפאַר געזאָלט טי־פער קענען אויפפאַסן זייער גייסט און זייער שפּראַך.

פון דער אַנדער זייט דינען גראָד די דאָזיקע איבערזעצונגען פאַר אַ באַווייז, אַז די ביכער זאָבן נאָך דעמאָלט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע רעליגיעזע באַדייטונג, ווי די איבעריקע ביכער, וואָרעם אויב ס'וואָלט אַנדערש געווען, וואָלט מען ניט געוואַגט אַזוי פריי מיט זיי צו באַגיין זיך, ענדערן, פאַרקירצן און צוגעבן. „אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ ווערק, וואָס האָט ווייניק אַנטשפּראָכן דעם אורטעקסט און איז פון אַלע צאָלרייכע גריכישע איבערזעצונגען פון דער ביבל, חוץ ספר דניאל—די ערגסטע".

אַזאַ איז די מיינונג וועגן דער איבערזעצונג פון אסתּר, און די איבערזעצונג פונם ספר דניאל ווערט גאַנץ ריכטיק נאָך שטרענגער פאַראורטיילט, דהיינו — אַז קיין בוך פון דער ביבל איז ניט אַזוי אויבערפלעכלעך און אומבאַפרידיקנד איבערגעזעצט געוואָרן אין גריכיש, ווי ס'דאָזיקע.

בנוגע צו די צוגאָבן, וועלכע געפינען זיך דאָ אַזוי פיל, איז מען אין מצרים זיך באַגאַנגען מיט אַזאַ פרייקייט, וועלכע איז פונקט דער היפוך פון דער שטרענגער סקרופולאָזיטעט, מיט וועלכער מען האָט דעם טעקסט פון דער ביבל אָפּגעהיט אין איר געבורטסלאַנד פאַלעסטינע. יעדעס בוך, וואָס זיין רעליגיעזער אינהאַלט האָט נאָר עפּעס וואָס אַ שייכות געהאַט מיט דער ביבל, האָט מען איבערגעזעצט און אַריינגענומען אין דער „סעפּטואַגינטאַ“. אַזוי זיינען אין דער סעפּטואַגינטאַ אַריין אויך יענע ביכער, וועלכע מיר האָבן שוין באַטראַכט אַלס אַפּאָקריפן, און וועלכע זיינען אין פאַלעסטינע פון דער ביבל שטרענג אויסגעשלאָסן געוואָרן, אַלס פרעמדאַרטיקע, בשעת אין מצרים האָט מען, אַפּנים, צווישן זיי און די קאַנאָנישע שריפטן קיין אונטערשייד ניט געמאַכט.

אויב דערדאָזיקער אומשטאַנד וואַרפט אַ מאָדנע ליכט אויף דער קריטישער אַרבעט פון די איבערזעצער, פון וועלכע אונז זיינען נאָר צוויי באַקאַנט: דער אייניקל פון יהושע בן סירא, וועלכער האָט איבערגעזעצט זיין זיידנס בוך, און דער איבערזעצער פון אסתּר, ליזימאַכוס פון ירושלים, — דאַרף מען דאָך, אַפּנים, פון דער צווייטער זייט דערדאָזיקן אומשטאַנד דאַנקען דערפאַר, וואָס די אַפּאָקריפישע שריפטן זיינען בכלל פאַרהיט געוואָרן, וואָרעם ווען ניט, וואָלט זיי געטראָפן דער זעלבער גורל, וואָס האָט געטראָפן דעם גרעסטן טייל פון דער יידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור: זיי וואָלטן פאַרלאָרן געגאַנגען און פאַרגעסן געוואָרן.

אַז די סעפּטואַגינטע איז שוין פריי שטאַרק פאַרערט געווען ביי די העלעניסטישע יידן, איז באַוואוסט און לייכט ערקלערלעך. אין דערדאָזיקער איבערזעצונג האָבן זיי דאָך געהאַט דאָס גרונדבוך פון זייערע רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואָס לויט זיין עטישן און פּאָעטישן אינהאַלט האָבן זיי עס מיט שטאָלץ געקאָנט פאַרגלייכן מיט די הייליקע שריפטן פון אַנדערע פעלקער. די גריכישע איבערזעצונג האָט אויף אַ לאַנגע צייט געמוזט כמעט אינגאַנצן אַרויסשטויסן דעם העברעאישן אורטעקסט,

וואָרעם אַלע שריפטשטעלער פון יענער עפּאָכע האָבן זי באַנוצט און ציטירט, און עס זיינען בכלל ווייניק סימנים פאַרבליבן, אַז מען איז באַקאַנט געווען מיטן אורטעקסט.

אַזוי אַרום שטיצט זיך אויף דער סעפּטואַגינטע די גאַנצע יידיש-העלעניסטישע ליטעראַטור סיי לויט איר גייסט, סיי אָפטמאָל אויך לויט איר וואָרטקלאַנג. פון איר איז דידאַזיצע ליטעראַטור באַאיינפלוסט און פון איר אויס אַנטוויקלט זי זיך. צי איז די איבערזעצונג אויך באַקאַנט געווען די היידן—דאָס איז נאָך עד-היום ניט גענוג דערוויזן; אָבער מיט דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום האָט זי באַקומען אַ נייע באַדייטונג און אַ הויכן אַווטאָריטעט.

אַזוי אַרום שטייט די סעפּטואַגינטע אַלס מערקווירדיקער דענקמאָל פון דעם יידיש-העלעניסטישן גייסטיקן לעבן ביים אַריינגאַנג אין יענער ליטעראַרישער עפּאָכע. נאָך מער וויכטיק דערשיינט זי, ווען מען זאָל ניט רעכענען די איבערזעצונגען פון די אַלטסומערישע הימנען אין דער בַּבְלִישער שפּראַך, אַלס דער ערשטער פּרוּוו אין דעם אַלטערטום איבערצוזעצן אַ בוך פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. מער ווי צוויי יאָרהונדערטן האָבן געאַרבעט אַרום דעמדאָזיקן ווערק, וואָס האָט אַ גרויסע, נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצטע באַדייטונג פאַר דאָס קענען און פאַרשטיין די ביבלישע ליטעראַטור, און וואָס האָט דאָס ערשטע דאָס יידנטום אַריינגעפירט אין דער וועלטליטעראַטור.

* *

*

אַ מערקווירדיקע שפּיל פונם צופאַל איז דאָס, וואָס די סעפּטואַגינטאַ איז צו אונז כמעט פולשטענדיק דערגאַנגען, בשעת די ליטעראַטור פון די יידישע העלעניסטן, וועלכע שליסט זיך אָן איר, איז גרעסטנטייל פאַרלאָרן געוואָרן. גאַנץ אָרעם איז די ירושה, וואָס איז אונז פאַרבליבן פון די יידישע העלעניסטן. מען מוז זי צוזאַמענגעמען פון ניט לויטערע פאַרשיידענע קוועלן, פון זאַמלשריפטן און איבערזעצונגען פון שפּעטערדיקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט גענומען אין אַכט איר ווערט און איר באַדייטונג. אויב עס איז מעגלעך און ערלויבט לויט אַזעלכע אָרעמע רעשטן צו מאַכן אַ קריטישן אורטייל, וואָלט ער קוים געווען לטובה פון יענער ליטעראַטור. ווען מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז דידאָזיקע ווערק האָבן דורך איבערשרייבער און קאָמפּילאַטאָרן פיל געליטן, אַפילו ווען מען זאָל נעמען אין דער חזקה, אַז אין זייער

פולשטענדיקייט וואָלטן דידאַזיקע ווערק געשאַפן אַ וועזנטלעך גינסטי-
קערן איינדרוק, — וואָלט עס דאָך בשום אופן גאָרנישט געענדערט
אין דעם אורטייל, וועלכער שרייבט דערדאָזיקער ליטעראַרישער
ריכטונג אינגאַנצן גענומען צו בלויז אַ גאָר קליינע פּאָזיטיווע באַדייטונג,
אַדרבה, אַ באַדייטנדיקן נעגאַטיוון ווערט, מחמת זי באַקענט אונז מיט
דעם געדאַנקענגאַנג פון יענע אַווטאָרן און וואַרפט אַ געוויסע שיין אויף
זייערע צילן און שטרעבונגען און אויף זייערע אַפּאָלאָגעטישע טענדענצן.
אָבער דאָס, וואָס דער כאַראַקטער פון איינצלנע העלעניסטישע שריפט-
שטעלער ערשיינט פאַר אונז גראָד ניט אין קיין גינסטיקער באַלייכטונג,
גיט אונז נאָך ניט דאָס רעכט זיטלעך צו פאַראורטיילן די גאַנצע ריכ-
טונג. די שטרעבונג פון יענע מענטשן איז געווען בלי-ספק פולבאַרעכ-
טיקט און אַכטונגסווערט. אויף די אָנפאַלן פון די יידנפיינדלעכע גרי-
כישע שריפטשטעלער, ווי מאַנעטאָ, אַפּיאָן, כיירעמאָן, ליזימאַכוס, פאָסי-
דאָניוס, אַפּאָלאָניוס מאָלאָ, אַגאַטאַרכידעס א. אַ., האָבן זיי געוואָלט דאָ-
קומענטאַל דערווייזן די ריינקייט און די דערהויבנקייט פון זייער גלויבן,
און די אייגענע ברידער, וועלכע האָבן אין דער פרעמד גערן פאַרגעסן
זייער אָפּשטאַמונג, האָבן זיי געוואָלט באַאיינפלוסן, זיי זאָלן זיך באַקע-
נען מיט דער ביבל, אַכטן דאָס יידנטום און באַקומען אַ געוויסע
זעלבשטענדיקייט. מצרים איז דאָך געווען די היימאַט פון ליטעראַרי-
שער שנאה צו יידן, וואו מען האָט, באַלד נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט
דער אַנטשטאַנענער דאָרט גריכישער ביבל, אָנגעהויבן אין איר צו גע-
פינען אַ באַליידיקונג פאַר דעם נאַציאָנאַלן געפיל, מחמת די מצריים
האָבן אין דער געשיכטע פון דעם פאָלק ישראל געשפּילט אַזאַ ניט
קיין פיינע ראָלע. פון דאַנען האָט זיך די יידנפיינדלעכע ליטעראַטור
פאַרשפּרייט אויף רוים, און פון דאָרט — אויף אַלע אַנדערע לענדער
פון דער וועלט דורך אַלע יאָרהונדערטן. דאָס אַלץ טאָר מען ניט פאַר-
זען ביים באַטראַכטן יענע ליטעראַטור, וועלכע מוז מער איידער יעדע
אַנדערע דערקלערט ווערן מצד דעם גייסט פון דער צייט, אין וועלכער
זי איז באַשאַפן געוואָרן. דעמאָלט אָבער וועט מען אויך מיט רעכט
דאַרפן פאַר אַלע טעותן און פעלערן פון יענער ליטעראַטור ניט די
יידן, נאָר דעם גייסט פון דער צייט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.
דידאָזיקע אינערלעכע קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן דעם גייסט פון
גריכישן און יידישן העלעניזם קען קיין שום זאַך אַזוי שאַרף ניט אויס-
דריקן, ווי די פאָלגנדיקע אַרגומענטן, וואָס עס האָט אַרויסגעשטעלט
קעגן דער פאַלשער באַאורטיילונג א"בער יענעם פעריאָד איין געלערנ-
טער פאָרשער, וועלכן מיר האָבן צו דאַנקען פאַר אונזערע גענויערע

ידיעות וועגן יענער פריער צייט פון דער יידיש-העלעניסטישער ליטעראַטור: „דאָס גאַנצע שריפטטום פון דעם יידישן העלעניזם האָט געשטאַמט פון דעם שטרעבן צו ברענגען אין איינקלאַנג דאָס פרעמדע און היימישע, הייִדנטום און יידנטום, גריכישע און אַלטהעבּרעאישע פאָרמען, לערעס און אָנשויאונגען. פון וואָס פאַר אַ מין איז געווען דער וועג, וואָס די היסטאָריאָגראַפיע האָט באַקומען פון די גריכן? ניט אין דער שפּע פון זיין אַלטער פראַכט האָט זיך דאָס גייסטיקע לעבן פון גריכישן פאָלק באַוויזן פאַר דעם אָריענט, ווען ער האָט אויפגענומען אין זיך די גריכישע בילדונג... אין יענער צייט האָט די גייסטיקע קראַפט פון די גריכן געהאַלטן אין שנעלן פאַלן... אויך די היסטאָריאָגראַפיע איז טיף געזונקען. עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט מודה צו זיין, אַז די אַלעקסאַנדרינישע צייט האָט אויך געגעבן באַדייטנדיקע היסטאָריקער, און ניט צו אָנערקענען דעם גרויסן ווערט פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל געשטרעבט אַרומצונעמען די גאַנצע נאַטור מיט די געשיכטלעכע פאַקטן צוזאַמען. עס איז אָבער ניט אָפּצולייקענען, אַז די לייסטונגען פון עראַטאָסטענעסן, דעם ערשטן כראָנאָלאָג, פון פּאָלעמאָנען, דעם זיכערסטן פאָרשער פון די גריכישע אַלטערטימלעכקייטן, פון פּאָליביאָסן, דעם צווייטן פון די גרעסטע גריכישע געשיכטעשרייבער, זיינען שטאַרק פאַרטומלט געוואָרן דורך די אומענדלעכע ליטעראַרישע ווערק פון קליינע גייסטער; ריטאָרישע עפּעקטשאַפעריי, אומגעלומפּערטע ראָמאַנען, די תאווה צו סקאַנדאַלן האָבן געהאַט די אויבערהאַנט. דער גייסט פאַר געשיכטלעכן אמת איז כמעט פאַרשוואונדן מחמת דעם שטרעבן נאָך פאַרוויילנדיקן, לוסטיק מאַכנדיקן, און מחמת דעם קאַמף פון די פּאַרטייען און קרייזן. די ערנסטע געשיכטע איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ לייכטע דערציילערין, וועלכע האָט געמוזט דינען דער פּערזענלעכער איטלקייט אָדער די פּאָליטישע טענדענצן, ביי וועלכע מען האָט קיין ערלערנונג און קיין ערהאָלונג ניט געזוכט און ניט געפונען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די היסטאָריאָגראַפיע פון די יידישע העלעניסטן, וועלכע איז געווען אומזעלבשטענדיק, האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער הערשנדיקער שטרעמונג. אין דערדאָזיקער שול האָט מען געלערנט די קונסט, ווי די געשיכטע צו פאַרוואַנדלען אין אַ ראָמאַן, און דעם ראָמאַן — צו דערהויבן ביז געשיכטע. פון דידאָזיקע לערער האָט מען זיך געלערנט פאַרדאַרבן דעם אמת צוליב די אינטערעסן פון אייגענעם פאָלק, די חסרונות פון די עלטערן צו פאַרדעקן, די בלויזן פון דער טראַדיציע צו דערפילן מיט גרונדלאָזע השערות, אפילו מיט צוטראַכטן

עפּעס אַזוינס, וואָס איז גאָר ניט אמת. ביי די גריכן האָט מען איבערגענומען די גרונדשטריכן פון די פאַבלען, וועלכע זיינען צעזייט אין דער אַלטער געשיכטע... אָבער מען האָט זיך פון די גריכן אויסגעלערנט ערגערס, איידער פאַרטונקלען און קאַליעטשען די געשיכטע; אויך די פאַלשע שריפטשטעלעריי איז פון די גריכן אַריינגעדרונגען אין דעם יידישן העלעניזם. ביי די גריכן איז די קונסט פון ליטעראַרישע פעלשונגען אַזוי אַלט, ווי זייער פּראָזע-ליטעראַטור. דער ערשטער, וואָס האָט זיי געמאַכט, איז געווען ניט קיין ווייניקער וויכטיקערע פּערזאָן, ווי דער איידעלער סאָלאָן אַליין, וועלכער האָט צוליב פּאַטריאָטישע צוועקן געפעלשט האָמערן ... עס איז קוים מעגלעך צו געפינען אַ געביט פון דער ליטעראַטור, אויף וועלכן דידאָזיקע פעלשונגען זאָלן ניט זיין פאָרגעשטעלט, וועלכע זאָל ניט זיין פאַרוואַקסן מיט דעמדאָזיקן גיפטגראָז".

דאָס איז דאָס בילד, טריי און ריכטיק געמאָלט, וואָס עס שטעלט פאָר דער העלעניזם פון יענער צייט. און מיר דערקענען אין אים אויך אַלע שטריכן, וועלכע פאַרשמוצן דעם יידישן העלעניזם, אויף וועלכן די פּוסטע פּראַזעס, די תאווה צו פעלשונגען און רמאותן האָט באַזונדער שטאַרק און גיך געקאָנט אַריבערגיין, ווייל ער איז דאָך פון דעם גריכישן מוסטער געווען לחלוטין אָפּהענגיק און אויף אים אָנגעוויזן. דעריבער איז ניט צו פאַרשטיין, מיט וועלכן רעכט האַלט מען נאָר די יידן פאַר שולדיקע אין זייערע ליטעראַרישע און עטישע חסרונות, ובפרט אַז פון די באַשולדיקונגען און פעלשונגען קאָנען ניט באַפרייט זיין אויך היידן און קריסטן, הגם זיי האָבן אויך דעם פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן דידאָזיקע שריפטן פאַרהיט. וואָרעם די פאַרבליבענע פראַגמענטן פון דער פריסטער ליטעראַטור פון די יידישע העלעניסטן האָבן מיר פריער פאַר אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם פלייס פון אַלעקסאַנדער פּאָליהיסטאָר (80 פאַר קר.), וועלכער האָט מיט נאַאיווער אָנפּניותדיקייט צוזאַמענגעקליבן אייַנצלנע בוישטיינער אין אַ ווערק „איבער די יידן", און וואָס זיינע זאַמלונגען זיינען נאָך יאָרהונדערטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דעם געלערנטן עווסעביוס אין זיין Preparatio ewangelica, און טיילווייז פון דעם ניט ווייניקער געלערנטן קלעמענס אַלעקסאַנדריניוס אין זיין בוך Stromata (טעפּעכער). וויפיל איז אויף דעמדאָזיקן לאַנגן וועג פאַרלאָרן געגאַנגען, וויפיל איז פאַרגעסן געוואָרן, דורכגעלאָזן און געפעלשט געוואָרן, דאָס קאָן מען קוים היינט אויסמעסטן. אָבער שוין די פאַראַנענע פראַגמענטן, וואָס דער קריטישער שאַרפער שכל האָט זיי אָנערקענט פאַר טרייע קאָפּיעס פון די

אַלטע אָריגינאַלן און וואָס זייער טעקסט איז, אויף וויפיל מעגלעך, ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן, גיט די מעגלעכקייט צו מאַכן זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ ריי פון שריפטשטעלער און דיכטער פון דער יידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור אַלס וועגן מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַגייסטערט און הייס באַצויגן צו זייערע טענדענצן, וועלכע זיינען אָבער געווען אומזעלבסטשטענדיק און האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאַט אַלע חסרונות פון זייערע צייט־חברים.

❁ ❁

❁

אָבער פון דעמדאָזיקן שטרענגן נאָר גערעכטן משפט וועט דאָך מוזן אויסגעשלאָסן זיין דער עלטסטער באַקאַנטער שריפטשטעלער פון דער יידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור, דער כראָנאָגראַף ד ע מ ע ט ר י א ו ס[1]. ער האָט טאַקע ניט די חסרונות פון די שפעטערדיקע, אָבער אויך ניט זייערע מעלות. די פראַגמענטן, וועלכע זיינען אונז פון אים געבליבן, אַנטהאַלטן נאָר כראָנאָלאָגישע און ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן פערזאָנען און געשעענישן פון דער ביבלישער פאָרצייט, וועגן יעקב און משה, וועגן משה און יתרו, וועגן די וואַנדערונגען פון ישראל איבערן מדבר און וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה. צי זיינען דידאָזיקע נאָטיצן נאָר צעוואָרפענע טיילן פון אַ גרויסן ווערק וועגן די קיניגן אין יהודה (געשיכטע פון יידישן פאָלק), דאָס קאָן מען פון זיי ניט פעסטשטעלן. אָבער דאָס קאָן מען שוין יאָ זאָגן, באַטראַכטנדיק דידאָזיקע פראַגמענטן, — אַז נאָר פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע האָבן זיי עפעס אַ באַדייטונג, אָבער זיי האָבן ניט קיין שום אינערלעכן ווערט; „זיי זיינען ניכטער, אָן פרעטענזיעס, אָרעם אין געדאַנקען, האָבן ניט קיין שיינעם סטיל, אָן פרישקייט און שוואונג אין דער דערציילונג“, און זיינען דער היפוך פון דעם גלאַנץ און דער בלו־

[1]) מען דאַרף צוגעבן, אַז ס'איז נאָך אַ ספק, צי איז געווען אַ יידישער כראָנאָלאָג ד ע מ ע ט ר י א ו ס. די פראַגמענטן פון כראָנאָלאָגיע, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען אין די העלעניסטישע ליטעראַרישע קרייזן, געהערן וואָרשיינלעך דעם אַטענישן שטאַטמאַן און ליטעראַט ד ע מ ע ט ר י אָ ס פ אַ ל ע ר ע א ו ס, ווי עס באַשטעטיקט עווסעביוס פאַמפיליוס און אַנד. דערמיט ווערט דערקלערט די אָנפניותדיקייט און ניכטערקייט פון די אָנגעוויזענע פראַגמענטן, אויף וועלכע עס ווייזט שפעטער אָן אויך דער אויטאָר פונם דאָזיקן ווערק (אָ:מ. פון דער רוס. רעדאַקציע).

מיקייט פון דער שפּעטערדיקער יידיש-העלעניסטישער היסטאָריאָגראַפיע. פון דער צווייטער זייט, צייכענען זיך דידאַקטישע פראַגמענטן אויס מיט אַ פשוטער און נאַטירלעכער אויפפאַסונג, וועלכע איז גלייך פריי פונם יאָגן זיך נאָך אַגדות און לעגענדעס, ווי פון דער שטרעבונג פאַרצו-שטעלן די ביבלישע צייט אין פאַלשן גלאַנץ, אפילו ווען מען זאָל דער-פאַר דאַ־פן באַצאָלן מיט דעם אמת פון דער געשיכטע. דעמעטריוס האָט זיך אַזוי שטאַרק ערנסט באַצויגן צו זיין אויפגאַבע — אָנצושרייבן אַ כראָניק, אַז ער האָט אפילו ניט אַכטונג געגעבן אויף דער אויסער-לעכער פאָרם, און האָט נאָר געגעבן טרוקענע נאָטיצן און דאַטן אָנ-שטאָט אַ לעבעדיקער געשיכטע-דערציילונג. די הויפּט-פאָדערונגען פון אַ כראָנאָלאָגיע, דהיינו: די גענויע באַקאַנטשאַפט מיטן קעגנשטאַנד און די געווויסנהאַפטע באַציאונג צו די קוועלן, — זיי באַפרידיקט ער זיכער.

דערביי ווייזט זיך אַרויס אויך דער מאָמענט, וועלכער איז כאַ-ראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער ריכטונג: דעמעטריאוס, דער עלטסטער פון אירע אונז באַקאַנטע שריפטשטעלער, וואָס האָט געלעבט אַפנים אין דער צווייטער העלפט פונם דריטן יאָרהונדערט, און דערביי אין מצרים, איז שוין אַזוי אָפּהענגיק אין זיינע פאָרשונגען און באַריכטן פון דער סעפּטואַגינטאַ, ווי די שפּעטסטע אַוטאָרן פון דערדאָזיקער ליטעראַטור. אָבער די אָפּהענגיקייט גייט נאָך ביי דעמעטריוסן ניט אַריבער אין בלינדן גלויבן. ער האָט נאָך דעם מוט אויסצובויען אייגענע קאָמבינאַ-נאַציעס, וועלכע זיינען אָפט סותר דער גריכישער איבערזעצונג, און אויסצופילן גענעאַלאָגישע בלויזן לויט אייגענע השערות. אמת, זיין ביבלישע עקזעגעטיק האָט איבערהויפּט אַ טעאָלאָגישן כאַראַקטער און דיזעלביקע אַפּאָלאָגעטישע טענדענץ, ווי ביי זיינע נאָכפאָלגער. זי האָט אפילו אַ וואונדערלעכע ענלעכקייט מיט דער אַגדישער עקזעגעטיק פון דעם פאַטערלאַנד, אַזוי אַז עס ווערט פאַרוואַנדלט אין וואָרשיינלעכקייט די השערה, אַז עס האָט לעבן דעם פּאַלעסטינישן עקסיסטירט אויך אַ העלעניסטישער מדרש, וועלכער איז, ווי יענער, און נאָך מער איידער יענער, געווען אַ זעלטזאַמע פאַראייניקונג פון נאַציאָנאַלע און פרעמדע אידעען, פון יידישע און היידנישע זאַגעס, פון ביבלישע און גריכישע פאָרמען; וועלכער האָט זיך לעבן יענעם גאַנץ זעלבשטענדיק פאַרהיט, אין באַשטימטע טיילן געלאָזט זיך פון יענעם באַאיינפלוסן, אין וויכטיקע מאָמענטן צוריק יענעם באַאיינפלוסט. בלאָנדזשענדיק זיי-נען געגאַנגען די פעדים צווישן דער פּאַלעסטינישער און מצרישער אגדה אַהין און אַהער; געפינען דעם סוד פון זייער צוזאַמענהאַנג —

דאָס וועט זיין די זאַך פון דער פאָרשונג, וועלכע האָט פאָרלויפיק קאָנסטאַטירט די עקסיסטענץ פון אַזאַ העלעניסטישער שריפט־אויסטייטשונג, און וויכנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז דידאַזיקע אויסטייטשונג האָט זיך ניט בלויז געפונען אונטער דערווירקונג פון דעם ראַבינישן, נאָר אויך אויף אים געווירקט אויף אַ פאַרבאָרגענעם, אָבער אַקטיוון און נאָך עד היום קענטיקן אופן. ווען מען זאָל פון דערדאָזיקער העלעניסטישער עקזעגעטיק באַזייטיקן דעם גרעציזירנדיקן עלעמענט, וואָס בילדעט איר באַזונדעראַטיקייט, דאַן טרעט אַרויס זייער דייטלעך די ענלעכקייט מיט דער פּאַלעסטינישער, וועלכע וואַרפט זיך שוין אין די אויגן אין איינצלנע עקזעגעטישע פּרוּוון ביי דעמעטריוסן. עס איז שווער צו זאָגן, וואו האָט זיך דערדאָזיקער איינפלוס צום ערשטן באַוויזן און פון וואַנען ער איז געקומען; ס׳קלעקט שוין, וואָס אין דעמעטריוסעס כראָנאָלאָגישע פראַגמענטן, אַלזאָ אין דריטן יאָרהונדערט, איז ער שוין דאָ פאַראַן און איז ווירקזאַם.

אַלס באַווייז דערויף, האָבן דידאָזיקע פראַגמענטן אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט. אָבער ניט בלויז אין דעם אַליין ליגט זייער באַדייטונג; זי ליגט נאָך אויך אין דעם זיכערן פאַקט, וואָס אין דעמעטריוסן האָבן מיר אַ שריפטשטעלער, וואָס, ווירקנדיק מיט איינפאַכע מיטלען און מיט איידעלע צילן, לאָזט ער זיך ניט באַהערשן פון דעם כישוף פון דעם אַרום אים גלאַנצנדיקן העלעניזם און, ניט גייענדיק מיט דער סינקרעטיסטישער ריכטונג פון זיין צייט, האָט ער געשריבן, כדי צו לערנען זיינע ברידער, און אפשר אויך כדי אָפּצוּווערן די אָנפאַלן מצד די שונאים; „בעסער אַן אָרעמע, אָבער אַ וואָרהאַפטיקע כראָניק אָדער אַ בלומיקע און אַ ליגנערישע געשיכטע".

אַ גרויסע צייטשטרעקע טיילט דעמעטריוסן אָפּ פון די נאָענטסטע העלעניסטישע שריפטשטעלער, אַ גרויסער מהלך ליגט אויך צווישן די אָנשויאונגען, פון וועלכע זיין שריפט איז אַרויס, און יענע, וועלכע קומען נאָך אים כמעט אין אַ משך פון אַ יאָרהונדערט. אין איין ריי מיט דער שטרעבונג צו פאַרברייטערן דעם ה י ס ט אָ ר י ש ן אינהאַלט פון דער ביבל, אויסצוטייטשן פילאָסאָפיש און אויך צו פאַרטיידיקן פון די פיינטלעכע אָנפאַלן איר ר ע ל י ג י ע ז ן אינהאַלט, טרעט דערווייל אַרויס אויך אַ נייע ריכטונג, וואָס, אָפּהיטנדיק די געטרייהייט צום ביבלישן וואָרט, פרוּווט זי צו געבן אויך אַ פּאָעטישע באַאַרבעטונג פון איר אינהאַלט. כדי ניט איבערצורייסן איר צוזאַמענהאַנג, וועלן מיר, איידער מירן איבערגיין צום באַטראַכטן דידאָזיקע אינטערעסאַנטע עסטעטישעטעטיקייט, פריער אין אַלגעמיינע הויפּטשטריכן אָנמערקן די אַזויגערו־

פענע היסטאָרישע ריכטונג—אויף וויפיל ביי דידאַקטיקע אַלעקסאַנדרינישע שריפטשטעלער קאָן גערעדט ווערן וועגן היסטאָריע אין דעם אמתן זי=נען פונם וואָרט.

וואָרעם ניט קיין געשיכטעשרייבער, ווי למשל יאָזאָן פון צירענע, וועלכער האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון יידן אין פינף ביכער, פון וועלכע דאָס צווייטע בוך חשמונאים, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַטראַכט, איז אַן אויסצוג און וואָס פון די איבעריקע איז היינט קיין שפור ניט געבליבן, נאָר אַ געשיכטעפעלשער איז יענער אַווטאָר, וועלכן מען האָט אָנגערופן פסעוודאָ=אַריסטעאַס, און וואָס זיין שאַפן גיט אונז די טרויעריקע באַקאַנטשאַפט מיט דער ליטעראַרישער פאַלסיפיקאַ=ציע פון יענער צייט. זיין דערמאָנטע מיטטיילונג אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו פילאָקראַטעסן וועגן דער אַנטשטייאונג און די סיבות פון דער גריכישער ביבל=איבערזעצונג, איז מער גאָרנישט ווי אַ ראָמאַן, אמת אַלס אַזעלכער ניט אָן שכל און געשיקטקייט אויסגעטראַכטער און קונ=ציק אויסגעפירטער. אָבער די דרייסטקייט, מיט וועלכער דער אַווטאָר שטעלט זיין פאַנטאַזיע אַרויס אַלס געשיכטע, און פאָדערט פולן גלויבן צו זיינע מיטטיילונגען, איינשליסנדיק אין זיין שריפט געפעלשטע בריוו און אַרויסשטעלנדיק זיי אונטער אַ פאַלשן נאָמען — וואָרעם דער אמתער אַריסטעאַס איז געווען אַ הייד און האָט אין דער ווירקלעכקייט געלעבט כמעט מיט אַ יאָרהונדערט פריער ביים הויף פון פטאָלאָמעס פילאַדעלפוס—דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט גוט זיין ליטעראַרישן שטרעבן.

ערשט אין פאָריקן יאָרהונדערט איז געלונגען אויפצודעקן דעם פעלשער און אַראָפצורייסן די מאַסקע פון זיין פנים, בשעת מען האָט זיינע אויסגעטראַכטע פאַקטן און זיינע כראָנאָלאָגישע פעלערן פאַרגליכן און דערפון מיט פולקומער זיכערקייט דערוויזן די פאַלשקייט פון זיינע מיטטיילונגען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן בלי ספק אין צווייטן יאָר=הונדערט אַן ערך, אין די לעצטע יאָרן פון די פטאָלאָמעער, און וועלכע האָבן ערשט שפעטער דערגרייכט צו דער הויכער מדרגה פון אַ היסטאָרישער קוועלע, אַזוי אַז די נייערע היסטאָריקער האָבן די פאַרפאַסונג פון דעם ווערק צוגעשריבן אַפילו צו דער צייט פון טיבעריוס.

מען האָט דאָס בוך אָנגערופן „אַ פראָדוקט פון יידישער אייטל=קייט“, ווייל אין אים איז באַשיינפערלעך קענטיק געווען די שטרעבונג צו דערהויבן די יידישקייט און צו גלאָריפיצירן די ביבלישע בי=כער. די גריכן האָבן פון זיי טאַקע געקענט שפּאָטן, ווען אַ קיניג, ווי פטאָלאָמעוס פילאַדעלפוס, אַ געלערנטער, ווי דעמעטריוס פאַלע=רעאוס, האָבן זיך אַזוי וואָרעם באַצויגן צו די יידישע שריפטן און האָבן

ביידע אַזאַ לעבהאַפטן אינטערעס אַרויסגעוויזן פאַר דעם יידישן געזעץ, ווען דידאַזיקע אויסגעלאַכטע יידישע לערע איז ענדלעך אַרויס אַלס זי־געריין פון דעם פילאָסאָפישן דיספוט; אָבער עס איז דאָך פאַרט געווען מצד דעם יידישן העלעניזם אַ פאַלשע גאווה, וועלכע מיר ווען נאָך אָפט באַגעגענען אויף אונזער וועג, און וועלכע בילדעט מער ווי ערגעץ וואו אַנדערש דעם גרונדמאָטיוו אין דעמדאָזיקן ווערק, וואָס איז זייער אָנגענומען געווען פון פילאָן און פון יוסף פלאַוויוס, ווי פון אַלע פאַ־טערס פון דער קירך. צי קאָן מען אָבער ניט דערקלערן דידאַזיקע אייטלקייט מיט די באַרימטע מוסטערן פון די גדולים פון יענער צייט, און צי איז זי ניט פאַרציילעך צוליב דעם מאָטיוו, וועלכער באַווייזט דייטלעך דאָס שטרעבן צו פאַרטיידיקן די רעליגיעזע לערע פון די יידן קעגן די כסדר זיך שטאַרקנדיקע אָנגריפן מצד די גריכן? האָט זיך דאָך אַרויסגעזאָגט דער כהן־גדול אליעזר וועגן די שפייזגעזעצן פול־קום אינם גייסט פון די גריכישע שולבאַגריפן, און ווען די אויסגע־טראַכטע זאַכן פון דעם מיסטיפיקאַטאָר, וועלכער באַהאַלט זיך אונטער דער מאַסקע פון אַריסטעאַס, זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט צוטרויען, איז דאָס דען געווען זיין שולד, אָדער מער די שולד פון די פאַרפירטע צייט־חברים און פון די געלערנטע פון דער שפעטערדיקער צייט, וועלכע וואָלטן ביי אַ רואיקערער באַטראַכטונג לייכט געקאָנט דערקענען די מיסטיפיקאַציע. ווען ער וואָלט קיין אַנדער פאַרברעכן ניט באַגאַנגען אויסער דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן דידאַזיקע שריפט אונטער אַ פאַלשן נאָמען, וואָלט מען עס אים, הגם ער פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערן אין העכערן זינען, דאָך געקענט מוחל זיין. ער איז שולדיק אין פיל שווערערע ליטעראַרישע זינד, און אַדאַנק די אויפדעקונגען פון דער קריטיק, ווייזט זיך דער מיסטיפיקאַטאָר אַרויס פשוט פאַר אַ פעל־שער. וואָרעם דידאָזיקע קריטיק האָט מיט גרויסער פילאָלאָגישער חריפות אַנטדעקט צווישן דעם באַריכט פון אַריסטעאַס און אַ פראַגמענט, וואָס איז פאַרבליבן אונטער דעם נאָמען פון איינעם בכלל אַ אומבאַקאַנטן אַרטאַפּאַן און צווישן פיל אַנדערע פסעוודאָעפּיגראַפישע שריפטן פון יענער צייט אַזאַ וואונדערלעכע פאַמיליענעלעכקייט סיי בנוגע דער טענ־דענץ, סיי בנוגע דער אויספירונג, אַז זי האָט אויך דידאָזיקע שריפטן געקאָנט פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דעם פסעוודאָאַריסטעאַס. וויבאַלד אָבער די עקסיסטענץ פון אַזאַ ליטעראַרישן פעלשער איז איינמאָל מיט זיכערקייט דערוויזן געוואָרן, איז שוין ניטאָ קיין גרונד מצד דעם שכל־הישר אים ניט צוצושרייבן אויף אַלע איבעריקע, זיינע צילן און מעטאָדן אַנטשפּרעכנדיקע פסעוודאָעפּיגראַפישע דאָקומענטן, בריוו און

פערזן, וועלכע געפינען זיך אין די ווערק פון די שפעטערדיקע, בכלל, אַזעלכע, וואָס מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן, ערלעכע שריפטשטעלער.

וואָס נוגע דער געפעלשטער שריפט פון אַרטאַפאַן, האָט דעם חשד וועגן איר פאַלשקייט אַרויסגערופן אַן אָרט אין דעם באַריכט פון אַריסטעאַס, וואו ער רעדט וועגן אַ שריפט פון די מצרישע פריסטער „וועגן דעם יידישן פאָלק", וועלכע ער האָט כלומרשט באַקומען „פון די געלערנטע אויבערפריסטער פון דעם העכסט געלערנטן מצרים", און אין וועלכער עס ווייזט זיך אַרויס אַן אַנטשיידענע פאַנעגירישע טענדענץ. דידאָזיקע שריפט האָט אָבער געמוזט זיין ניט אַנדערש ווי די אַרטאַפאַנישע, וועלכער דער אַוטאָר האָט, צוליב זיין טענדענץ, געגעבן אַ גרויסע עלטער און אַ מצרישע אָפשטאַמונג. וואָרעם די ביידע ווערק ווייזן סיי מיט זייער ציל און אַרט דענקען, סיי מיט דער לאַגע, וועלכע זיי פאַרנעמען בנוגע דער גריכישער ליטעראַטור אין דער געשיכטע פון מצרים, אַז זיי שטאַמען זיכער פון איין קוואַל. ביידע באַגייען זיך מיט דער געשיכטע פולקום ווילקירלעך, ביידע לאָזן זיי געצנדינער אַרויסטרעטן מיט שבחים צו דער תורה פון ישראל, ענדלעך, ביידע גייען אַרויס פון דיזעלביקע אַרגומענטן און קומען גענוי צו די זעלבע אויספירן, אַזוי אַז עס איז קיין ספק ניט, אַז דער מחבר פונם פאַלשן אַריסטעאַס־בוך איז אויך געווען דער מחבר פון אַרטאַפאַנס בוך וועגן יידן,—אַ בוך, וואָס האָט באַהערשט אַזוי די קונסט צו פאַרפלאָנטערן די געשיכטע און צונויפצומישן מצרישע מיט יידישע לעגענדעס, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג און מאַכט פאַרשטענדלעך דעם צוטרויען, וואָס די געלערנטע פון יענער צייט האָבן געפילט צו דידאָזיקע פסעוודאָעפיגראַפישע ווערק.

אַזאַ מיט אַוואַנטורעס פולער ראָמאַן, ווי אַרטאַפאַן האָט אים אויסגעטראַכט פון משהס לעבן, איז אַפילו אין דער העלעניסטישער ליטעראַטור פון יענער צייט קוים אַ צווייטן מאָל צו טרעפן. משה איז דאָ אַן אַנדער באָמען פאַר מוזעאָס, וועלכער איז אָבער געווען ניט דער תלמיד, נאָר דער לערער פון אָרפעוס. דערדאָזיקער משה, אָדער מאָיזעס, זאָל זיין דער ערפינדער ניט בלויז פון דער פילאָסאָפיע, דער היעראָגליפנשריפט, פון פילע כלים און אינסטרומענטן, נאָר אויך אַ מעכטיקער העלד, וועלכער האָט באַזיגט די עטיאָפן, און אַ באַרימטער גרינדער פון שטעט. ביז דאַנען איז נאָך דער ראָמאַן אידענטיש מיט איינציקע יידישע לעגענדע־ציקלען. יעדע קרובהשאַפט פאַרשווינדט אָבער, ווען פסעוודאָאַרטאַפאַן, מחמת ער איז דאָך פון מצרישער, און דערצו נאָך פון פריסטערלעכער אָפשטאַמונג, נעמט די מצרישע לעגענדעס צו

גלאָריפיצירן זיין העלד און מישט זיי מיט די יידישע צונויף אין איין
קאַשע. אַזוי ווערט דערזעלבער מאָיזעס אידענטיפיצירט מיט דעם מצרישן
הערמעס⸗טאָט און געלויבט אַלס דער גרינדער פון דעם קולט פון אי⸗
ביס און אַפּיס; די יידישע געשיכטע האָט ער לחלוטין עגיפּטיזירט און
געשטעלט אין ענגע אויסגעדיכטעטע באַציאונגען מיט דער מצרישער,
אַזוי אַז די טענדענץ איז גאַנץ קלאָר: להכעיס אַלע אָנפאַלן אויף די
יידן, צו רימען אין זייער גרעסטן נביא משה דעם באַגרינדער גופא
פון דעם רעליגיעזן קולט און פון דער מלוכה⸗איינאָרדענונג אין
מצרים.

דידאָזיקע שריפט איז, נאַטירלעך, ווי יענע מיטטיילונג פון אַריס⸗
טעאַס אַנטשטאַנען אויפן אַלעקסאַנדריגישן באָדן. ביידע פעלשונגען
באַווייזן, אויף וואָס דאָס רמאישע גריכנלאַנד האָט געוואַגט אין דער
געשיכטע, ביידע ווייזן אויך אויף איין אַווטאָר, וועלכער האָט געלעבט
אין דער ערשטער העלפט פונם צווייטן יאָרהונדערט און האָט זיך נאָך
פאַרשולדיקט אין פיל אַנדערע פעלשונגען, אַזוי אַז מיר וועלן אים
מוזן נאָך איינמאָל באַזוכן אין זיין פעלשער⸗וואַרשטאַט.

* ❁

❁

ווירקלעך, שוין די איינלייטונג צו די פראַגמענטן פון אַ יידיש⸗
העלעניסטישן געשיכטע⸗שרייבער עופּאָלעמוס באַווייזט ווידעראַמאָל
אויף דער אַרבעט פון דער געשיקטער פעלשערהאַנט פון דעם פסעוודאָ⸗
אַריסטעאַס. דידאָזיקע איינלייטונג באַשטייט פון פיר בריוו צווישן דעם
קיניג שלמה און די קיניגן חירם און אואַפרעס פון פעניציע אין מצרים.
דידאָזיקע בריוו, וועלכע זיינען דיקטירט פון דער זעלבער אייטלקייט,
וועלכע האָט אַרויסגערופן די גאַנצע פסעוודאָעפּיגראַפישע ליטעראַטור,
דערהויבט, נאַטירלעך, אין שלמה המלך אַ „גרויסן קיניג" און אין
פאָלק ישראל אַ נאַציע, פאַר וועלכער די היידן האָבן אָפּשיי און מורא.
דער גאַנצער אינהאַלט פון דידאָזיקע פיר בריוו, אין וועלכע די ביידע
קיניגן ענטפערן דעם חכם שלמהן כמעט מיט די זעלביקע פראַזן, ברענגט
אונז ניט ווילנדיק צום פסעוודאָ⸗אַריסטעאַס⸗אַרטאַצאַן, וואָס זיין טענדענ⸗
ציעזער שריפטשטעלעריי האָבן ניט געקענט פרעמד זיין אַפילו אַזעלכע
גראָבע פעלשונגען.

אויב אָבער דעם אינהאַלט האָט געגעבן פסעוודאָ⸗אַריסטעאַס, איז
די סטיליסטישע אָנקליידונג און באַאַרבעטונג געוויס די אַרבעט פון

עופּאָלעמוס, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן ד י י י ד י ש ע מ ל כ י ם און צו אים אַלס הקדמה יענע פיר בריוו צוגעלייגט. וואָרעם בשעת אַריסטעאַס האָט געשריבן אין אַ גלאַטער און געלויפיקער גריכישער שפּראַך, אַפילו מיט רייכקייט פון דער פּראָזע, פול מיט באַפּוצונגען און מיט פּאַטאָס, איז די אַרטאַפּאַנישע שריפט אַזוי ווי דידאָזיקע בריוו געשריבן אין אַן אָרעמען און שלעכטן סטיל, אַזוי אַז דאָס וויכטיקסטע אין דעם מוז מען צושרייבן אויסשליסלעך דער אַרבעט פון עופּאָלעמוס, וועלכער איז געווען אַזאַ אומגעשיקטער שלימזלדיקער שרייבער, און וואָס זיין שווערער לשון באַווייזט, ניט קוקנדיק דערויף וואָס מען באַהויפּטעט דעם היפּוך, אַז ער האָט געלעבט ניט אין מצרים, נאָר אין פּאַלעסטינע, און האָט זיין ווערק איבער דער יידישער געשיכטע געענדיקט אַרום דעם 158 יאָר לערך.

פאַר דערדאָזיקער מיינונג זיינען נאָך דאָ אַנדערע באַווייזן, פריער פאַר אַלץ, דאָס אָפּטמאָליקע באַנוצן זיך מיט דעם העברעאישן ביבלטעקסט לעבן דער סעפּטואַגינטע, און נאָכדעם אויך דער ניכטערער אופן פון עופּאָלעמוסעס ביבלעקזעגעטיק. וואָס אָנבאַלאַנגט דער עקזעגעטיק, ווייזט זיך אין איר צוזאַמען מיט דער טרוקנקייט אַרויס אַזאַ פרייקייט, אַפילו אַ ווילקירלעכקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַרן אַוטאָר, נאָר פיל מער פאַר דער צייט, אין וועלכער אַ יידישער געשיכטעשרייבער ענדערט טעקסט און אינהאַלט נאָך זיין איינזען און פאַרלאַנג, דערפילט און פאַרדרייט זיי אַפילו, אַזוי ווי דאָס האָט געוואַגט צו טאָן עופּאָלעמוס, וואָס אין זיינע מיטטיילונגען וועגן דער כראָנאָלאָגיע, וועגן די ביבלישע העלדן און וועגן דעם בנין פון בית־המקדש געפינען זיך אַזעלכע משונהדיקע, די קוועלן ווידערשפּרעכנדיקע פּרטים, און דעם גרונדטאָן בילדעט אַ געמיש פון גריכישער מיטאָלאָגיע מיט יידישע לעגענדעס, וועלכע באַגעגענען זיך טיילווייז אין דער שפּעטערדיקער אגדה.

אויב אָבער עס איז ריכטיק די השערה, אַז דערדאָזיקער עופּאָלעמוס איז אידענטיש מיט דער פּערזאָן, וועלכן יהודה המכבי האָט צוזאַמען מיט אַ געוויסן יאַזאָן געשיקט אַלס שליחים קיין רוים, כּדי צו בייגן די רוימער צו שליסן אַ בונד מיט דער יידישער מלוכה, וואָלט אונז דער פאַקט, וואָס איינער און דערזעלביקער מענטש האָט געקאָנט זיין אַ יידישער פּאַטריאָט און אַ העלעניסטישער שריפטשטעלער, באַוויזן, אַז שוין אין יענער צייט איז אין פּאַלעסטינע געווען אַ העלעניסטישע שטרעמונג, וועלכע האָט ניט אָפּגעלייקנט דאָס יידנטום, ניט אָפּגעשטויסן פון זיך די העלעניסטישע ציוויליזאַציע. דערדאָזיקער באַ־

ווייז האָט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אַ גרעסערן ווערט, איידער עופּאָלעמוסעס שריפט גופא. עס מאַכט אונז באַקאַנט אין פּאַלעסטינישן גייסט־לעבן מיט אַ נייער שטרעמונג, וועלכע איז ניט ווייניקער וויכ־טיק, איידער די שוין געשילדערטע שריפט־אויסטייטשונג פון די תנאים. ווייטער ערקלערט עס די מעגלעכקייט, וואָס עס זיינען אַנטשטאַנען העלעניסטישע אַפּאָקריפן, ווי אויך די גריכישע איבערזעצונג פון די אַפּאָקריפישע ביכער; דאָס באַשטעטיקט ענדלעך די ידיעות וועגן גריכי־שע געבעט־הייזער, גריכישע מטבעות און אויפשריפטן אויפן פּאַלעסטי־נישן באָדן. דער פאַקט, וואָס אין יענער צייט האָט אין פּאַלעסטינע געלעבט און געשאַפן אַ פּאַרטיי פון רעליגיעז־געשטימטע און יידיש־פּאַטריאָטישע העלעניסטן, וועט שוין קלעקן לגמרי אָפּצוּוואַרפן די אָנ־גענומענע פאָרשטעלונג, אַז „יעדער פּאַלעסטינישער העלעניסט האָט געמוזט זיין אַ פאַררעטער פון זיין פאָטערלאַנד, און יעדער פּאַ־לעסטינישער פּאַטריאָט האָט געמוזט זיין אַ שונא פון דער גריכישער בילדונג".

אָבער די פראַגמענטן, וועלכע זיינען אונז איבערגעבליבן אונטער דעם נאָמען פון עופּאָלעמוס, האָבן נאָך אַן אַנדער היסטאָרישן ווערט. צוויי פון זיי ווערן צוליב פאַרשיידענע וויכטיקע אַרגומענטן אָפּגענומען פון דעם יידישן עופּאָלעמוס און פאַררעכנט צו אַ ס אַ מ אַ ר י ט אַ נ י ש ן בעשיכטע־שרייבער, וועלכער האָט געלעבט נאָך דער צייט פון די מאַ־קאַבעער און וואָס זיין טענדענץ איז באַשטאַנען אין אויסבאַרימען די סאַמאַריטישע לערע דורך זייער פאַרמישונג מיט יידישע און נאָך מער מיט גריכישע פאָרשטעלונגען. צוליב דעמדאָזיקן צוועק ווערט אין דער דערציילונג אַריינגעפירט דער הייליקער באַרג פון די שומרונים, גרי־זים, און אַלס ערשטער כּוהן זייערער ווערט פאַרגעשטעלט דער שטאַמ־פאָטער פון די העברעער, דער פּאַטריאַרך אַבּרהם. בבלישע, גריכישע און אַלטהעברעאישע לעגענדעס ווערן אָנגעשליידערט איינע אויף די אַנדערע, אין זייער מיטיילונגען וועגן די בני־הענקים (גיגאַנטנגעשלעכט) אין בבל און אין זיין געשיכטע וועגן אַברהמען, אַלס אַ שטערנזעער אַ חכם. דידאָזיקע דערציילונגען האָבן כּמעט קיין זאַכלעכן ווערט ניט, און זייער היסטאָרישע באַדייטונג איז נאָר אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפיל זיי גיבן זיכערע, הגם די איינציקע, באַווייזן אויף דעם פאַקט, אַז אויך צווישן די סאַמאַריטאַנער מיט די יידישע העלעניסטן איז געווען אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג, און אַז אויך דידאָזיקע סעקטע האָט געהאַט אַ העלעני־סטישע ליטעראַרישע שטרעמונג. ניט פּסעוודאָ־עופּאָלעמוס אַליין גיט דע־רויף באַווייזן; נאָך פיל אַנדערע שריפטן באַווייזן, אַז עס איז געווען

אַ סאַמאַריטאַניש-העלעניסטישע ליטעראַטור, וואָס איר גרונדשטריך איז געווען — די פיינטלעכע שטימונג קעגן יידנטום און די שטרעבונג צו אַ דערנענטערונג מיט די היידן.

❀ ❀

❀

דידאַקטישע באַמערקונג גילט דער עיקר פאַר די פראַגמענטן פון מ אַ ל כ ו ס - ק ל ע אָ ד ע מ ו ס, וועלכע באַשטייען, אמת, סך-הכל פון אַכט שורות, אָבער זיי גיבן פונדעסטוועגן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ ריכטיקן אויספיר וועגן דער אָפּשטאַמונג און דעם אָרט-דענקען פון דעם אַוטאָר, וועלכער טראָגט דעם בכבודיקן טיטל „נָביא". פונקט ווי דער דאָזיקער טיטל גופא באַווייזט שוין די ניט-יידישע אָפּשטאַמונג, וואָרעם זינט דעם נביא מלאכי האָט אים קיינער אין יהודה ניט געהאַט, אַזוי ווייזט אַרויס אויך זיין אויסטייטשן די הייליקע שריפטן סאַמאַריטאַנישע שטריכן. ער פאַרבינדט די געשיכטע פון אברהם מיט דער פעניצישער לעגענדע וועגן ה ע ר אַ ק ל ע ס אין אַ בנין פון פולקום מיטישן כאַראַקטער, וועלכער לאָזט אונז משער זיין, אַז דאָ זיינען אויסגענוצט געוואָרן אַלטע היידנישע קוועלן. אַלנפאַלס באַווייזן אויך די פראַגמענטן פון דעם-דאָזיקן געשיכטע-בוך די עקסיסטענץ פון אַ סאַמאַריטאַניש-העלעניסטישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף די זעלביקע ניט ריינע סינקרעטיסטישע יסודות און האָט פאַרפאָלגט די זעלביקע שטאַרק בולטע אַפּאָלאָגעטישע טענדענצן, וואָס די יידישע העלעניסטישע געשיכטע-פאָרשונג.

דעמזעלביקן שטעמפל טראָגט אויך דער פראַגמענט, וועלכער באַשטייט פון 17 שורות, פון דעם בוך וועגן יידן, וואָס ווערט אין דער זאַמלונג פון אַלעקסאַנדער פּאָליהיסטאָר צוגעשריבן אַ יידישן שריפטשטעלער אַ ר י ס ט ע אַ ס, וועלכן מען דאַרף דאָך ניט פאַרבייטן מיט דעם פסעוודאָ-אַריסטעאַס. דאָס איז אַ פראַגמענט פון איובס געשיכטע, וועלכע איז, אַחוץ אייניקע פונקטן, געטריי איבערדערציילט נאָך דער ביבל, און וועלכע שטיצט זיך אויף דער גריכישער איבערזעצונג פון ספר איוב, וואָס איז געמאַכט אַפּנים אויך אין צווייטן יאָרהונדערט, אָבער די עטלעכע איבערגעבליבענע שורות גיבן ניט די מעגלעכקייט פאַר וויטערע פאָרשונגען.

אין אַלגעמיינעם סך-הכל גיבן ניט די פאַרטרעטער פון דער יידיש-העלעניסטישער געשיכטע-פאָרשונג אין מצרים, ווי אין פּאַלעסטינע

און ביי די שומרונים, קיין דערפרייענדיק בילד און דערלויבן ניט קיין גינסטיקן אורטייל וועגן דעם אויסוואַל פונם שטאָף, וועגן די מיטלען און די טענדענצן פון זיין באַאַרבעטונג. עס האָט זיי געפעלט די אינערלעכע וואָרהאַפטיקייט, וואָס נאָר זי אַליין קאָן שאַפן גרויסעס און דערהויבנס.

* *

*

אַ ביסל, הגם ניט'זייער, אַ פרייליכערער בילד, איידער די היסטאָריקער, גיבן די פּאָעטן פון דער יידיש-העלעניסטישער ליטעראַטור. אמת, פאַר דער עסטעטישער קריטיק איז, לויט די קנאַפּע פראַגמענטן, וועלכע עס שטעלן פאָר די דערמאָנטע זאַמלונגען, נאָך שווערער צו שאַפן זיך אַ בילד און אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל וועגן זיי. אויך קען דער צופאַל, וועלכער האָט פאַרניכטעט די שירים, ניט אָנגענומען ווערן פאַר אַ באַוויז פון זייער קליינער באַדייטונג. אַזוי אַרום קאָן מען לויט די פּאָעטישע פראַגמענטן, וועלכע בילדן די רעשטן פון אַ וואָרשיינלעך רייכער שיינער ליטעראַטור, דערקענען ניט די פּאָעטישע באַגאַבטקייט פון די שריפטשטעלער, נאָר העכסטנס די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון יענער צייטריכטונג. אויב די העלעניסטישע פּאָעטן האָבן געוואָלט דורך דער גינסטיקייט פון די חכמים דערגרייכן דאָס, וואָס די היסטאָריקער האָבן געוואָלט פאַרפעסטיקן דורך קליאָ'ס גריפעל, דהיינו — די אָנערקענונג פון דעם יידנטום, — דאַן האָבן זיי, נאַטירלעך, ווי יענע, געמוזט אויך אַזוי ווענדן זיך צו דער ביבלישער אַלטער צייט און פון דאָרט נעמען זייערע העלדן.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. היות אָבער ווי זיי האָט געפעלט די באַקאַנטשאַפט מיט יידנטום, האָבן זיי זיך נאָך שטאַרקער אָנגעלענט אויף דער סעפּטואַגינטע, און די גאַנצע ליטעראַטור בילדעט אַזוי אַרום דאָס אומגעקערטע בילד פון אַ נאַטירלעכער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. די געשיכטע-פאָרשער אוורפירן די דיכטערישע פרייהייט, און די פּאָעטן — די היסטאָרישע גענויקייט. ביי די ווערט די געשיכטע פאַרוואַנדלט אין דיכטונג, ביי יענע ווערט די פּאָעזיע פאַרוואַנדלט אין ווערסיפיצירטער געשיכטע.

קיין ווירקלעך פּאָעטישן ווערט האָבן דידאַקטישע ווערק ניט געקענט האָבן, ווייל עס האָט זיי פריער פאַר אַלץ געפעלט די פרוכפערנדיקע קראַפט פון ליבע. חוץ דעם האָט זיי נאָך געפעלט יעדער ווירדי-

קער מוסטער, וואָרעם די גריכישע פּאָעזיע איז דעמאָלט אויך געוואָרן מאַט און קראַפטלאָז, און נאָר ווי אַן אָרעמער נאָכשפּיל פון אַן אונטערגעגאַנגענער העראָענוועלט קלינגט אין אונזערע אויערן דער געלערנטער עפּאָס פון אַפּאָלאָניוס, אָדער די גייסטלאָזע הימנען און עלעגיעס פון אַ קאַלימאַכוס, אַפילו די אידיליעס פון אַ טעאָקריט, די געפילזאַמע עראָטישע לידער פון אַ אַלעקסאַנדער און בפרט די אומגעלומפּערטע רעטענישן פון אַ ליקאָפראָן. די בליאונגס צייט פון דער אַנטיק־קונסט איז אַריבער, און דעם דור פון די עפּיגאָנען האָט געפעלט כּוח זי ווידער צו באַלעבן. עס האָט זיי געפעלט די נאַטירלעכע פרישקייט, דאָס אינדיווידועלע לעבן, די דיכטערישע גרויסקייט פון האָמערט גייסט. דעריבער האָבן זיי נאָר געקענט איבער דעם עבר אויסשפּרייטן דאָס ליכט פון שיינער און גלענצנדער ערינערונג, די שפע פון געשעענעם און פאַרשוואונדענעם פונאַנדערצוּוויקלען און מאַכן דערפון געמיטלעכע, שפּילעוודיקע, אויך אָנשוילעכע בילדער. אַזוי־אַרום איז זייער פּאָעזיע געוואָרן אַ געלערנטע און אַ געדריקטע געקינצלטע פּאָעזיע, וועלכע מאַכט נאָר זעלטן ניט קיין שלעכטן איינדרוק.

און אַזוי זיינען אויך די איבערגעבליבענע רעשטן פון דער יידיש־העלעניסטישער דיכטונג אָנגעפילט נאָר מיט אומפּרייען, נאָכגעקינצלטן גייסט, ניט קענענדיק דערגרייכן ניט צו דער דערהויבענער סוביעקטיוויטעט פון דער ביבלישער, ניט צו דער געוואַלטיקער אָביעקטיוויטעט פון דער גריכישער פּאָעזיע. זיי האָבן קיין טיפערן עסטעטישן ווערט ניט, העכסטנס אַ באַדינגטן היסטאָרישן, און די קללה פון עפּיגאָנענטום ליגט ווי אַ שווערע לאַסט אויף זייערע עפּישע ווערק און דראַמען.

* * *

אַזאַ שאַרף אויסגעדריקטע סוביעקטיווקייט, ווי אין דער העברעאישער פּאָעזיע, האָט געמוזט, ווי שוין פריער דערמאָנט, פרעמד בלייבן דעם דראַמאַטישן עלעמענט אין לעבן. אַזעלכע שטאָפן, וועלכע זיינען געלעגן אויסערהאַלב פון זיין סוביעקטיוון אָנשויען, האָבן יענע זינגער ניט געקאָנט ניט משיג זיין, ניט פאַרקערפּערן אין געשטאַלטן. אויך האָט די דראַמע געפאָדערט אַ נאַציאָנאַלע בליאונגסצייט, וועלכע האָט זיך פאַר די יידן געענדיקט מיטן גלות בבל, און פאַר העלאַס — מיט דעם שלאַכט פון בעראָנעאַ. עס לאָזט זיך דעריבער גלויבן, וואָס די

דראַמע פון דעם יידיש-העלעניסטישן פּאָעט יחזקאל (עזעקיעלוס) אפשר דער, וואָס רופט זיך אין אַריסטעאַס-בריוו טעאָדעקטעס, איז, ניט געקוקט אויף איר גוטן פּלאַן און אויף איר פליסנדיקן פערז, אין וועלכע זי איז געשריבן, דאָך ניט געוועזן קיין מייסטערווערק. די 270 פערזן פון פאַרשיידענע אַקטן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון דער טראַגעדיע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען Ἐξαγωγή, אָדער „יציאת מצרים", באַווייזן אונז, אַז עזעקיעלוס האָט געמוזט אין זיין ווערק אויסדריקן נאָך דעם מוסטער פון עוריפּידעס אַ מוסר טענדענץ, אַ נייגונג צו רעפלעקסיע, און אַ באַזונדערע ליבע, וועלכע איז דעם העלעניזם אייגנשאַפטלעך, צו פאַרמענטשלעכן די העלדן און די העראָען פון דער זאַגע. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר דעם נאָכמאַכער פון עוריפּידעס, סיי פאַר דעם יידישן העלעניסט, וועלכער האָט אַרום 150 פאַר קר. זיין דראַמע געשריבן אין מצרים און איז אַלזאָ געווען אַ בן-דור פון עופּאָלעמוס און האָט אייגנטלעך אויך נאָר אַרויסגענומען די העלדנגעשטאַלט פון משה, און אין זיין דיאַלאָגיזירטער געשיכטע זי אַוועקגעשטעלט אין דעם פאָדערגרונט פון דער האַנדלונג.

לויט דעם דערהאַלטענעם סצענאַריום איז קוים מעגלעך פאָרצושטעלן זיך דאָס בילד פון דערדאָזיקער האַנדלונג, אין וועלכער עס טרעטן אַרויס פאָלגנדיקע פּערזאָנען: משה, צפורה, חוש, רעואל, אַ שליח, אַ אַנזאָגער, און ענדלעך גאָט אין דאָרנקוסט. משה טרעט צו-ערשט אויף אין לאַנד פון די מדינים. ער דערציילט וועגן די געשעענישן פון זיין יוגנט און וועגן זיין אַנטלויפן, דאָ דערזעט ער פאַר זיך זיבן יונגפרויען, פון וועלכע איינע ערקלערט אים, אין וועלכן לאַנד ער געפינט זיך. דערנאָך קומט פאָר זיין חתונה מיט צפורהן. ער דערציילט זיין שווער אַ חלום, וועלכער ווערט באַשיידט צום גוטן. אין אַ ווייטערדיקן אַקט ווערט איבערגעגעבן גאָטס ערשיינונג און זיין געשפּרעך מיט משהן, אין וועלכן גאָט דערציילט אים פאָראויס די וואונדער, וואָס ער וועט אויפטאָן אין מצרים. דער ווייטערדיקער פראַגמענט פירט אונז צום רויטן ים, וואו אַ מצרישער שליח דערציילט וועגן דעם איבערגאַנג פון די בני ישראל איבערן ים, — וואָס איז מסתמא פאָרגעקומען ניט אויף דער אָפענער סצענע, נאָר אין אַ צווישנאַקט. דאַן טרעט נאָך אַרויס אַ אַנזאָגער, וועלכער באַשרייבט פאַר משהן צוועלף קוואַלן און זיבעציק פּאַלמענביימער לעבן אֵלים, און אויך דעם וואונדערפויגל פעניקס.

הגם די פּיעסע איז געשריבן אין דעם מעטער פון דער גריכישער

דראַמע, אין יאַמבן, — איז דאָך דאָס גאַנצע געווג פּראָזאַאיש, און כּמעט בוכשטעבלעך נאָכגעשריבן פון דער סעפּטואַגינטאַ.

* *

*

אויסער דעם פראַגמענט פון יחזקאלס דראַמע באַזיצן מיר נאָך, אַדאַנק דעם זאַמלערישן פּלייס פון דעם „פּילוויַסער" אַלעקסאַנדער, אַנדערע פראַגמענטן, בסך הכל 23 העקזאַמעטערן, פון צוויי עפּישע געדיכטן, וועלכע מען קאָן אין אַ געוויסער מאָס אָננעמען אַלס קעגנזעצלעכע ווערק. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז קעגן דער פּאָעמע פון פּילאָן דעם עלטערן „וועגן ירושלים" אַרויסגעשטעלט די סאַמאַריטאַנישע פּאָעמע שכם פון טעאָדאָטוס — ביידע פּאָעטישע לויבגעזאַנגען און באַשרייבונגען פון די הויפּטשטעט פון די יידן און פון די שומרונים.

פּילאָנס פּאָעמע, וועלכע איז באַשטאַנען, — אויב דאָס איז ניט קיין טעות פון דעם איבערשרייבער, — פון 14 ביכער, און האָט אָבער, אַפנים, געהאַט מער ניט ווי פיר, ערלויבט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז דער אַווטאָר האָט גענוי געקענט די הייליקע שטאָט, אַז ער האָט אַלזאָ איבערהויפּט דאָרט געלעבט, אָדער יעדנפאַלס לענגער זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, — אַ נייער באַווייז פאַר דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן פּאַלעסטינישן און אַלעקסאַנדרינישן העלעניזם. דער פאַרפאַסער איז אוודאי איינער פון די עלטסטע שריפטשטעלער פון דער יידיש-העלעניסטישער ליטעראַטור. פון די קנאַפּע טונקעלע פערזן פון זיין עפּאָס, וועלכע זיינען צו אונז דערגאַנגען, איז גענוג קלאָר די טענדענץ צו רימען ירושלים און דעם בית-המקדש אויפן באַרג מוריה לויט זייער היסטאָרישער באַדייטונג, דער טאָפּאָגראַפישער לאַגע, און דער רעליגיעזער וויכטיקייט. צוליב דעם הייבט ער אָן מיט דעם עפּיזאָד פון אברהמס לעבן, מיט דער עקדה, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויפן באַרג מוריה. דער צוזאַמענהאַנג פון די דריי פראַגמענטן איז נאָך פילאָלאָגיש ניט פעסטגעשטעלט; די פּאָלעמישע טענדענץ אָבער קעגן דעם סאַמאַריטאַנישן עפּאָס איז אויסער ספק.

* *

*

דער עפּאָס פון טעאָדאָטוס טראָגט אַפילו דעם נאָמען περι Ιουδαιων

(וועגן די יידן); אָבער כמעט אַלע אויסצוגן פון אַלעקסאַנדער פּאָליהיסטאָר האָבן דאָס זעלבע קעפּל, וועלכע איז אפנים געווען אַ זאַמלנאָמען. דער אינהאַלט פון די פּאַרבליבענע פערזן פון דער פּאָעמע באַווייזט, אַז ניט די געשיכטע פון די יידן, נאָר די געשיכטע פון שכם, דער „הייליקער שטאָט" פון די שומרונים, האָט געמוזט זיין דער קעגנשטאַנד פון זיין העלדנגעדיכט, וועלכע באַזינגט זי אין פּאָעטישע פערזן:

צווישן צוויי הויכע, מיט וואַלד און מיט גראָז רייכע הייכן
שיינט דאָס געהויבענע שכם,
די הייליקע שטאָט, וועלכע איז צופוסנס דעם באַרג אויסגעבויט,
מיט מויערן פון גלאַטע שטיינער אַרומגערינגלט.

אויך אין דעמדאָזיקן געדיכט באַגעגענען מיר די אַלגעמיין באַליבטע צונויפמישונג פון גריכישע און יידישע לעגענדנציקלען, וועלכע די פּאָעטן און היסטאָריקער פונם יידישן העלעניזם האָבן אָנגעווענדט אין אַ גלייכער מאָס, און שפּורן פון דעם העלעניסטישן מדרש, וועלכע געפינען זיך אויך אין דעם ראַבינישן מדרש. ווען מען זאָל אָבער אָננעמען די קלוגע היפּאָטעזע, אַז דערדאָזיקער טעאָדאָטוס איז דיזעלביקע פּערזאָן, וועלכע ווערט אויך דערמאָנט אין יידישע קוועלן, און אַפילו אַלס אָנטיילנעמער אין אַ רעליגיעזן דיספּוט צווישן די יידן מיט די שומרונים, וואָס פּטאָלאָמעוס פילאָמעטער האָט איינגעאָרדנט, און וואָס ביידע פּאַרטייען האָבן זיך נאָך אים געהאַלטן פאַר זיגער, דעמאָלט וועט מען אויך מוזן ווייטער גיין, אַז זיינע שילדערונגען פון די מלחמות פון יעקבס זין מיט שכם איז געמאַכט געוואָרן ניט אין קיין פריינדלעכן פאַר יידן גייסט.

* *
*

פון אָן אַ שיעור גרעסערן פּאָעטישן ווערט, הייל זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די אַפּאָקאַליפּטישע מוסטערן פון דער ביבל, זיינען די סיבילינישע ביכער, וועלכע רעפּרעזענטירן אפשר אַ צווייטן פּעריאָד פון דער ליטעראַטור פונם יידישן העלעניזם. די לעגענדע וועגן דער סיבילע אַלס נביאה און וואָרזאָגערין איז געקומען צו יידן פון רוים. זי באַצייכנט אַ גייסטיקן פּראָגרעס לגבי דער אידעע פון דעם גריכישן אָראַקל, און איז אין יענער צייט געוואָרן אַ באַקאַנטער

מיטל מַכריז צו זיין אין פרעמדער קליידונג וועגן דעם אָנקומען פון משיח, וועגן סוף פון דער וועלט און וועגן דער הערלעכקייט פון גאָטס קיניגרייך, אָבער נאָך מער צו רימען די מעלות פונם יידנטום און צו קעמפן קעגן דעם געצנדינערישן פּאָליטעאיזם. דאָס וואָס די העלעניסטישע פּאָעטן האָבן אונטער דעם אייגענעם נאָמען אַלס יידן ניט געקענט וואַגן צו זאָגן, האָבן זיי אַריינגעלייגט דורך קלאַסישע פערזן אין מויל פון דער געצנדינערישער סיבילע, זי זאָל עס זאָגן די פעלקער פון דער ערד. און אַזוי אמתדיק און איבערצייגנדיק האָבן געקלונגען די זעאונגען פון דער סיבילע, אַז ניט בלויז זייער צייט, נאָר אַפילו שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע אָנזאָגן און אין זיי געפונען רוח־הקודש.

די אימה פון דעם סוד איז פאַרשוואונדן, ווען די אידעען, וואָס ווערן דאָ אין מיסטישער פאַרהילונג אַרויסגעזאָגט, זיינען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַלגעמיינעם קנין פון דער מענטשהייט, און אַזוי אַרום איז די סיבילע פאַרגעסן געוואָרן. ערשט אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז אַ טייל פון די סיבילישע ביכער ווידער געפונען געוואָרן, און גלייך האָט מען דערקענט זייער ניט־עכטקייט. אונזער יאָרהונדערט איז באַשערט געווען דאָס געפינס צו דערפילן מיט צוויי טיילן און אָפּצושאַצן די פערצן ביכער פון דער סיבילינישער נביאות לויט זייער אמתן ווערט און היסטאָרישער באַדייטונג.

אָבער אויף וויפיל עס איז אַיינשטימיק דער קריטישער אורטייל איבער דעם ווערט און דער טענדענץ פון דעמדאָזיקן משונהדיקן כאַאָס פון יידישע און קריסטלעכע נביאות אויף דעם יסוד פון דער העלעניסטישער טעאָסאָפיע, אויף אַזויפיל זיינען פאַרשיידן די מיינונגען וועגן דער פאַרפאַסונגס־צייט פון אייצלנע ביכער, זייער היימאַט און רעליגיעזער אָפּשטאַמונג. מיט היסטאָרישער זיכערקייט קאָן מען נאָר דאָס ד ר י ט ע בוך, די אַזוי גערופענע ע ר י ט ר ע א י ש ע סיבילע, פאַרשרייבן אויפן חשבון פון אַ יידישן אַוטאָר, וועלכער האָט דאָ צונויפגעזאַמלט עלטערע היידנישע אָראַקעלן און מסורות, טיילווייז זיי איבערגעאַרבעט און צונויפגעשמאָלצן מיט די ביבלישע נבואות; מיט זיכערקייט ביז אַ געוויסער מדרגה קאָן מען רעכענען פאַר יידן די מחברים פון דעם פ ע ר ט ן און פ י נ פ ט ן, איינצלנע טיילן פון דעם ערשטן, צווייטן, אַכטן און די לעצטע דריי ביכער. די נבואות פון דער עריטרעאישער סיבילע רימען דעם טיפן אינהאַלט פון יידנטום, און דער דיכטער איז בלי ספק איינער פון די העלעניסטישע פּאָעטן אין אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט געלעבט אַן ערך אין סוף פונם לעצטן, און לויט אַנ־

דערע — אין מיטן פון דעם צווייטן יאָרהונדערט. שווער און שרעקע־דיק, ערנסט און פייערלעך קלינגט דער טאָן פון דערדאָזיקער סיבילע, וועלכע גיט זיך ארויס אלס געליבטע פון גאָט, כדי צו רופן די זינ־דיקע מענטשן צו תשובה און חרטה. די מענטשן הערן אָבער ניט, און דעריבער גייען זיי אונטער. פאַרביי אונז גייען דורך די דורות פון פאַרצייטן, און עס ווערן אַרויסגעפירט די מלוכות פון דער צוקונפט. אויך זיי וועלן פאַרדאַרבן ווערן, און נאָר די הייליקע דורות פון גאָטס־פאַרכטיקע מענטשן, וועלכע לעבן אין גערעכטיקייט און אין ליבע, וועלן נאָך פיל סכנות און פיינען גאַנץ בלייבן און זיך שטאַרקן. שרעק־לעך איז דאָס בילד פונם לעצטן יום־הדין, צו וועלכן עס וועלן גערופן ווערן די פעלקער פון דער ערד.

אָבער ווען אויף אייך וועט אָנקומען דער צאָרן פון דעם אַלמעכטיקן גאָט,
דאַמאָלסט וועט איר דערקענען דאָס געזיכט פון דעם גרויסן גאָט.
אָבער די נשמות פון די מענטשן וועלן דאַן שרעקלעך זיפצן,
און צו דעם הימל, צו דעם גרויסן, וועלן זיי אַרויף די הענט הייבן,—
און מען וועט אָנהייבן אָנצורופן אַ העלפער דעם מעכטיקן קיניג,
און פון אומעטום צו בעטן, עס זאָל אָפּגעקערט ווערן דער שרעקלעכער צאָרן.

אין קעגנזאַץ צו דעמדאָזיקן שרעק־בילד פון פייער־גלוט און פון וואַסער־פאַרפלייצונג, פון נויט און מלחמה און פאַרדאַרבונג מאָלט די סיבילע נאָכדעם, נאָכמאַכנדיק געלונגען דער פאַרענטפערישער מאַניר פון די אַלטע נביאים, אַ ליבלעך בילד פון אייביקן פעלקערפרידן און פון דער שיינקייט פון מלכות־המשיח, ווען דאָס פאָלק ישראל וועט ווידער פריי זיין און אַלע פעלקער וועלן בעטן און קענען „דעם אומשטערב־לעכן קיניג, גאָט, דעם גרויסן און דעם העכסטן"...

הער זשע דאָך אויף, עלנטע העלאַס, זיך אַזוי שטאָלץ צו דערהויבן,
צו דעם אומשטערבלעכן בעט, צו דעם גרויסמוטיקן, און נעם דיר אין אַכט.
שיק אין יענער שטאָט אוועק דאָס פאָלק, וואָס ווייס ניט קיין ראָט,
דאָס פאָלק, וואָס שטאַמט פון דעם הייליקן לאַנד פון דעם גרויסן גאָט;
דין צו דעם מעכטיקן גאָט, כדי אויך דיר זאָל עפּעס אָנקומען אויף דיין חלק,
ווען אויך דאָס וועט דערגרייכן צו זיין סוף, און דער טאָג פון באַשטימונג
וועט אויף די מענטשן אַראָפּקומען, אויף די גוטע, לויט דעם באַפעל פון גאָט.
דאַרעם די נערנדיקע ערד וועט צו די שטערבלעכע אין שפע
געבן די בעסטע פרוכט אירע אין ווייץ און אין וויין און אין אייבערטן,
אויך דעם זיסן געטראַנק, דעם ליבלעכן האָניק פון הימל,

ביימער און פרוכטן פון בוים און אויך געשטאָפּטע שאָף,
אָקסן און לעמער פון שאָף, און אויך פון ציגן די בעק.
זי וועט לאָזן אומעטום פליעצן קוואַלן פון מילך, פון ווייסן און זיסן,
אויך וועלן זיך פון ס'ביי מיט אַלדאָס גוטס די שטעט אָנפילן,
און דער באָדן וועט זיין פעט, ס'וועט ניט זיין קיין קריג אויף דער ערד, ניט
קיין ליאַרעם פון שלאַכטן,
אויך וועט די ערד, טיף קרעכצנדיק, מער זיך ניט אויפטרייסלען,
עס וועט מער קיין מלחמות ניט זיין, און קיין טרוקנקייט וועט ניט קומען
אויף דער ערד,
און ניט קיין הונגער, און ניט קיין פרוכט־פאַרדאַרבנדיקער האָגל,
נאָר אַ גרויסער פרידן וועט הערשן אומעטום אויף דער ערד,
און ביזן סוף פון דער צייט וועלן אַלע קיניגן פריינד זיין צווישן זיך,
און נאָך איין געזעץ וועט איבער אַלע מענטשן אויף דער גאָרער ערד
דער אומשטערבלעכער גאָט געוועלטיקן אין דעם שטערנדיקן הימל,
נאָך איין געזעץ, וועלכן עס וועלן אייביק היטן די אָרעמע מענטשן:
וואָרעם ער איז דער איינציקער גאָט, און ניטאָ קיין אַנדערער אויסער אים.

„אַזוי זאָג איך, די סיבילע", — מיט דעמדאָזיקן עפּילאָג ענ־דיקט זיך די וויזיע, — „וואָס איך בין פונם אַשורישן בבל געקומען קיין העלאַס, כדי צו לערנען די שטערבלעכע מענטשן די סודות פון גאָט, וואָרעם מיר האָט גאָט אַנטפּלעקט, וואָס אַמאָל איז געווען, וואָס אין דער צוקונפט וועט זיין, און מיר אין מיין געדאַנק געגעבן, איך זאָל עס מאַכן וויסן אַלע שטערבלעכע".

אויך די סיבילע פונם פערטן בוך טרעט אַרויס מיט דעם זעל־ביקן ציל, ריידנדיק אין נאָמען פון גרויסן גאָט, און אָנזאָגנדיק, אַז די פאַרערער זיינע לאָזן זיך ניט פאַרפירן פון דעם פאַלשן נביא אַפּאָלאָ, דערוויטערן זיך פון דינען צו שטיינער, נאָר זיי ליבן דעם אומזיכט־באַרן באַשעפער פון דעם גאַנצער וועלט און צו אים ברענגען זיי זייער פרומע אַכטונג.

אויך זי הייבט אָן באַשרייבן פון דער צייט פונם מבול, אַלס אַזאַ, אין וועלכער זי, די טאָכטער פון דעם מענטשן, וואָס איז איינער ניצול געוואָרן פון דער פאַרפלייצונג, איז צום ערשטן מאָל אַרויסגע־טראָטן; נאָכדעם באַשרייבט זי צען דורות ביזן אָנקומען פון דעם לעצטן יום־הדין און דעם אָנהייב פון דער משיחישער מלוכה פון לעתיד לבוא. אויך זי רופט די אומגליקלעכע תשובה צו טאָן, איידער עס וועט אָנקומען דער גרויסער יום־הדין, דורך וועלכן די וועלט וועט צעשטערט

ווערן, און נאָך וועלכן עס וועט אָנקומען די שיינע מלוכה פון גאָט.

דער פאַרפאַסער פון דעמדאָזיקן שיינעם געדיכט, וואָס שטייט ניט אָפּ אין דערהויבנקייט און אין טיפן זינען פון דעם דריטן בוך, הגם עס מעג משונה קלינגען, ווען מען רופט עס אָן „די ליבלעך־צאַרטע סיבילן־אידיליע", האָט אָבער געלעבט שפּעטער איידער יענער, אפּנים אַרום אַכציק יאָר נאָך קר. געב., אין סיריע אָדער אין קליין־אַזיע. „אין דעם צעשטערנדיקן קלאַפּ, וואָס האָט מיט צען יאָר פריער געטראָפן זיין פאָלק און אין די שרעקלעכע נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע זיינען נאָך דעם אָנגעקומען (די ערדציטערנישן אויפן אינזל קיפּראָס און דער אויסברוך פון וועזוף) האָט ער געזען סימנים, אַז אינגיכן קומט דער יום־הדין, וואָס די נביאים און די סיבילן האָבן פאָראויסגעזאָגט, און דעריבער האָט ער גענומען די מענטשן פון זיין צייט דרינגלעך צו וואָרענען פון צו לעבן אין דער זינדיקייט פון געצנדינעריי און אין שלעכטע מידות. אָבער די געבראָכענע פון חרטה חברים האָט ער געטרייסט און אָנגעוויזן אויף דער צוגעזאָגטער צייט פון אומבאַטריבטן גליק, וואָס וועט אַנטשטיין נאָך דעם וועלטגעריכט.

צו גאָר אַ שפּעטערדיקער צייט געהערן,—לויט אייניקע קריטיקער — אַפילו צום זיבעטן יאָרהונדערט,—די דריי לעצטע ביכער פון די סיבילישע נביאות, וואָס וועגן זייער קריסטלעכער אָפּשטאַמונג איז די נייערע קריטיק פון איין מיינונג, און וועלכע זיינען אפּנים אויך אין מצרים פאַרפאַסט געוואָרן אין דריטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט.

* * *

אין די סיבילישע ביכער, נעמלעך אין פינפטן, — איז אויך אַריין אַ פראַגמענט פון יענעם דידאַקטישן ליד, וואָס איז צו אונזער צייט דערגאַנגען אונטערן נאָמען פון דעם אַלטן מילעזישן גנאָמיקער: דאָס אַזוי גערופענע פ אָ ק י ל י ד ע א י ש ע ג ע ד י כ ט. ערשט דער מאָדערנער פילאָלאָגיע איז עס געלונגען מיט איבערציַיגנדיקער געוויסהייט איינצושליסן ס'דאָזיקע געדיכט אין דעם יידישן שריפטטום. דאָס איז אַ ביבליש־מאָראַלישע אַנטאָלאָגיע, וועלכע איז פאַרפאַסט אין אַלעקסאַנדריע אַן ערך אין דער צייט פון די רוימישע קייסאָרים, און וועלכע איז נאָך אין מיטלאַלטער באַנוצט געוואָרן, צוליב איר עטישער טענדענץ, אַלס אויסדערוויילטע לעקטור פאַר קינדער. אין דער פאָרם פון מוסר צו די געצנדינער פירט פסעוודאָ־פאָקילידעס פאַר זיי אַרויס די געזעצן פון משה,

וועלכע זיינען שייך צו דער מאָראַל פון פּריוואַטן אָדער עפנטלעכן לעבן פון יענע צייטן, וועלכע באַציען זיך ניט צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. און דערצו האָט ער צוגעגעבן אַ זאַמלונג פון שפּרוכן פון אַלגעמיין עטישן כאַראַקטער, אויסגעשטעלט אין דער אָרדענונג לויט די הויפּט־מידות־טובות, ווי זיי פלעגן אָנגערופן און באַהאַנדלט ווערן אין די גריכישע פילאָסאָפישע שולן. דער גאַנצער מהות פון דעם געדיכט און זיין אויסשליסלעכער ציל צו געבן, „אמת טאַקע אַ געשיכטע פון ביבלישע קוועלן, אָבער אַ פרייע פון יעדן פּאָזיטיוו־ביבלישן עלעמענט לערע פון זיטלעכן לעבן", פירן עס אַריין אין דעם געביט פון דער יידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור, וועלכע האָט צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער ביבלישער מאָראַל גענומען דעם נאָמען און דער אַווטאָריטעט פון די גריכישע דיכטער און פילאָסאָפן. דאָס, וואָס די הומאַניסטן פון דעם זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן ס'דאָזיקע ווערק געהאַלטן אַלס פּאַסנדיק פאַר שול־לעקטור, איז לייכט צו דערקלערן דערמיט, וואָס דאָס האָט זיי געגעבן די געלעגנהייט צו פּריידיקן די ביבלישע מאָראַל אין קלאַסישער פאָרם מיטן מויל פונם אַלטן מילעזיער. פונקט אַזוי איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איז דאָס דאָזיקע מוסר־געדיכט סיי ביי יידן, סיי ביי קריסטן שפּעטער פאַרגעסן געוואָרן און האָט, ווי די גאַנצע פּסעוודאָ־עפּיגראַפישע ליטעראַטור, קיינמאָל ניט געהאַט קיין טיפן און פעסטן איינפלוס.

* *

*

אויב אָבער מען האָט נאָך צו די ס י ב י ל י ש ע נ ב י א ו ת זיך באַצויגן אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, האָט מען דערפאַר מיט נאָך אַ ברייטערער האַנט באַשולדיקט אין פעלשונגען דעם ערשטן פאַרטרעטער פון דער יידיש־העלעניסטישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, אַ ר י ס ט ו ב ו ל ן. נאָכדעם ווי דער ערשטער ביאָגראַף זיינער האָט אים שוין אָנגערופן „ליגנער און רמאי", האָבן די שפּעטערדיקע קריטישע נאָכפאָלגער דידאָזיקע עפּיטעטן פאַרשפּרייט אויך אויף דאָס פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט אַרויס, און דידאָזיקע „אומערלעכע רמאות" באַגרינדעט אַלס שטריך, וואָס ליגט „אין דער נאַטור פון די העברעער". לסוף איז אויסגעקומען די שפּעטערדיקע פאָרשער מער ניט ווי בכלל אָפּצולייקענען די עכטקייט פון די פראַגמענטן פון דעמדאָזיקן שריפטשטעלערס בוך „דערקלערונגען פון דעם הייליקן געזעץ", וועלכע זיינען אויך פאַרבליבן נאָר אין די זאַמלונגען פון די קירכנפאָטערס, און אַריבערצוטראָגן די צייט

פון זייער פאַרפאַסונג אין דעם צווייטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט. אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן. נאַטירלעך האָט נאָכדעם געמוזט קומען דער פרווו ווידער אויפצושטעלן דעם כבוד פון דעמדאָזיקן באַרעדטן מענטשן. נאָר עס איז לייכט געווען פאָראויסצוזען, אַז דערדאָזיקער צוריקוועג וועט ווידער פירן דורך דעם וואַרשטאַט פון יענעם פעלשער, וועלכער האָט אָנגעשריבן די מיטטיילונג פון אַריסטעאַס און די פאַלשע שריפט פון אַרטאַפּאַן, אַפּנים אויך די בריוו פון עופּאָלעמוס און דאָס ווערק וועגן די יידן, וואָס איז על-פּי טעות צוגעשריבן צו העקאַטעאַס פון אַבדעראַ, און וואָס האַלט אין זיך אַיין די פּסעוודאָ-סאָפאָקלישע פערזן, כדי פעסטצושטעלן אַריסתּובולס „רעאַביליטאַציע“.

אַריסתּובול, געבוירן אין פּאַנעאַס, ביי די קוואַלן פון ירדן (150—170 פאַר קר.), האָט געלעבט אין דער צייט פון פּטאָלאָמעוס VI פילאָמעטאָר און איז פון אים געאַכט געווען. לויט דעם פאָרשלאָג פונם פירשט האָט ער אָנגעשריבן זיין ווערק, אין וועלכן ער האָט געטריי איבערדערציילט די גאַנצע געשיכטע פון פּסעוודאָ-אַריסטעאַס וועגן דער גריכישער איבערזעצונג פון פּטאָלאָמעוס פילאַדעלפוס און די לעגענדע וועגן אַ פריערדיקער פאָר-אַלעקסאַנדרינישער איבערזעצונג פון אייניציקע טיילן, ווי למשל וועגן יציאת מצרים, וועגן דער עראָבערונג פון פּאַלעסטינע און וועגן משהס תורה. ער האָט אויך באַנוצט די מיטטיילונג פון צריסטעאַס און bona fide זי נאָכגעשריבן, ובפרט אַז זיין טענדענץ איז אויך געווען דיזעלביקע — פאַרטיידיקן דאָס יידנטום מצד די אָנפאַלן פון די היידן. אַזעלכע באַשולדיקונגען, ווי די מעשהס פון מאַנעטאָ, אַגאַטאַרכידעס און אַנדערע יידנפיינדלעכע שריפטשטעלער, אַז די יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מצרים צוליב אַ שרעקלעכער צרעת, אַז זיי האָבן אין טעמפּל פון ירושלים געדינט צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל, אַז זייער שבת-פייערן איז זייער לעכערלעך, ענדלעך, אַז זיי זיינען גאָר גאָטלאָז אפילו,—האָבן געמוזט די געשיכטע פאַרוואַנדלען אין אַפּאָלאָגעטיק, וועלכע האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַריבערכאַפּן די מאָס, ווען זיי האָבן געלאָזן פלאַטאָגען באַנוצן זיך מיטן יידישן געזעץ און אַפילו פּיטאַגאָראַסן שעפּן זיין חכמה פון די ביבלישע ביכער. אָבער אַז אַריסטובול האָט געגלויבט אין דעם, וואָס ער דערציילט און אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שעפּט זיינע ידיעות פון היסטאָרישע קוועלן, דאָס באַווייזט זיין גאַנצע טעטיקייט, אויף וויפיל זי איז אונז באַקאַנט. אַזוי אַז מיר קאָנען דערין קיין ספק ניט האָבן. אויך וואָלט דער יידישער העלעניסט קוים געוואַגט צו ווידמען זיין קיניג אַ ווערק, וואָס איז פול מיט ליגנס, מעשהלעך

און פעלשונגען, ווען ער וואָלט ניט אַליין געווען פאַרפירט.
וואָרעם ניט אין אַלע דידאַקטיקע ערציילונגען ליגט דאָס שווערגע-וויכט פון זיין באַדייטונג, נאָר אין זיין טעטיקייט אַלס פילאָסאָפישער פאָרשער און אַלס אויסטייטשער פון די הייליקע שריפטן. זיין פילאָסאָפישע אָנשויאונג איז געווען נאָענט צו דער וועלטאָנשויאונג פון די פעריפּאַטעטיקער, און ער האָט זיך מיט באַזונדער ליבע באַשעפטיקט מיט אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע, וועלכע האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסן חן אין די אויגן פון דעמדאָזיקן שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען באַגייסטערט מיט די קונסטווערק פון העלאַס, און איז אָבער אויך פול געווען מיט די רעליגיעזע אידעען פון זיין פאָלק. ער האָט דאָך וואָרשיינלעך געוואוסט, אַז אַריסטאָטעלעס האָט אין אייגעם זיינעם אַ פאַרגייער און אַ גלויבנס-ברודער שטאַרק געלויבט „דאָס עכט גריכישע אַרט דענקען, זיין אויסגעהאַלטנקייט און זיין זעלבסטבאַהערשונג" און ער האָט דאָך געפונען גראָד אין דער מעטאַפיזיק פון דעמדאָזיקן דענקער יענע פאָרשטעלונגען וועגן גאָטהייט, אַלס אַן אייביקן איבערזינלעכן און אומפאַרענדערלעכן וועזן, וואָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו מצד דער גריכישער פילאָסאָפיע צו געבן דעם טעאיזם אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג, און וואָס איז אַזוי לייכט געווען צו ברענגען אין אַ געוויסן הסכם מיט זיינע אייגענע אידעען וועגן גאָטס איינהייט, לויט ווי עס לערנט אונז די ביבל. אָט דידאַקטיקע האַרמאָניע האָט ער עס געוואָלט איינשטעלן דורך זיין פאָרשונג, און מחמת דעם זוכט ער פריער פאַר אַלץ אויסצוטייטשן די בילדלעכע באַדייטונג פון אַלע גשמיותדיקע אויסדריקן אין די יידישע הייליקע שריפטן. אַלס נאַטירלעכער פּועל-יוצא פון דערדאָזיקער שטרעבונג איז אַנטשטאַנען די אַ ל ע ג אָ ר י ש ע אַ ר ט א ו י ס ט י י ט ש ן, וועלכע איז פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן העלעניזם טיפּיש, אָבער ביי די היסטאָריקער פון דערדאָזיקער ליטעראַטור אין איר ערשטן פעריאָד האָבן מיר זי נאָך ניט געטראָפן. אַריסטובול גייט אָבער לגמרי אין די שפּורן פון דער סעפּטואַגינטאַ, ווען ער ערקלערט אַלע אַנטראָפּאָמאָרפיזמען פון דער ביבל סימבאָליש און ענטפערט דעם קיניג אויף זיין פראַגע, אַז די ביבל דאַרף מען פאַרשטיין ניט בוכשטעבלעך, נאָר איבערהויפּט אַלע-גאָריש. אָבער די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון אַ יאָרהונדערט האָט אים שוין געגעבן מוט אויף אַ דרייסטערע אויפפאַסונג, איידער יענע ערשטע איבערזעצער, אַזוי אַז, צום ביישפּיל, גאָטס ערשיינען אויפן באַרג סיני וויל ער פאַרשטיין אַלס אַראָפּגעשיקטע פון גאָט דייטלעכע צייכנס פון זיין הערלעכקייט, אָבער ניט אַלס אַ זען פון אַ ממשותדיקער זאַך, און אַזוי

אויך פארשטייט ער גאָטס ריידן ניט לויט דער מענטשלעכער פאָרשטעלונג, נאָר אַלס העכערן מין פון געטלעכן ווירקן. זיינע דערקלערונגען וועגן שבת — אפשר א דירעקטער ענטפער אויף די אָנפאַלן פון אגאטארכידעסן, זיין אויסטייטשן די היילִיקע צאָל זיבן, — פירן אונז אריין אוממיטלבאר אין יענעם אַלעגאָרישן מעטאָד, וועלכן מיר געפינען ביי אים שוין א פולקום אַנטוויקלטן, אָבער ער איז שוין פריער פאר אים אָנגעווענדט געוואָרן.

אָבער אויך ניט אויף די דערציילונגען און אויף די פאַבלען, וועלכע אַריסתּובול האָט גענומען ביים פסעוודאָ-אַריסטעאס, בארוט זיין הויפּט-פאַרברעכן, נאָר אויף דעם, וואָס אין דריטן, אויך אים צוגעשריבענעם פראגמענט, ווערן אַלס פאַראַלעלן צו זיינע פילאָסאָפישע אידעען געבראַכט פערזן פון אָרפעוס, אַראַטוס, לינוס, אַפילו פון האָמער און העזיאָד, וועלכע זאָלן דערוויזן די באַקאַנטשאַפט פון דידאַזיקע פּאָעטן מיט די ביבלישע אידעען, אָבער זיי זיינען געפעלשטע אָדער געענדערטע (Pseudoorfhica). און דאָס זאָל זיך האָבן דערוועגט צו טאָן דער מענטש, וואָס, ברענגענדיק א פערז פון אַראַטאָס, אַנטשולדיקט ער זיך פאר דער ענדערונג פון צוויי זילבן, וועלכע שטערן לגמרי ניט דעם זינען, און ער זאָל זיך גאָרניט האָבן פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז זיין פעלשונג פון די אַלגעמיין געלעזענע ווערק פון די קיניגן פון די פּאָעטן, קאָן זייער לייכט דערוויזן ווערן? און הונדערטער יאָרן לאַנג האָבן זיך דידאַזיקע אינטערפּאָלאַציעס געקאָנט האַלטן אין דער געבילדעטער אַלעקסאַנדריע, און קיינער זאָל עס ניט אויפדעקן? אַזאַ השערה איז קוים מעגלעך אָנצונעמען. איז דען ניט פיל פּשוטער צו גלויבן, אַז אַריסתּובול האָט אַלע דידאַזיקע פערזן בלויז ציטירט, אַז ער האָט זיי אַרויסגענומען אַלס באַווייזן פון האַנטשריפטן, וועלכע האָבן דעמאָלט אַזוי עקסיסטירט, און ערשט די שפּעטערדיקע צייט פון פילאָלאָגישער קריטיק האָט זיי פון דאָרט באַזייטיקט; אָדער נאָך בעסער, אַז ער האָט גאַנצע פערזן איבערגעשריבן ביי דעם פסעוודאָ-אַריסטעאַס, וואָס זיין געוויסן איז אין דער הינזיכט געווען זייער אַן עלאַסטישער, און ער האָט נאָך לייכטער געקענט אינטערפּאָלירן פערזן פון האָמער און אָרפעוס, איידער ער האָט אַפנים געפעלשט פערזן פון סאָפאָקלעס און בריוו פון קיניגן און פון כּוהנים גדולים. נאָר פון וועלכע עס איז שריפטן פון דעמדאָזיקן פעלשער, וועלכן אַריסתּובול האָט זיכער געוואוסט, האָט ער גענומען די פערזן מיט דעם גוטן גלויבן אין זייער עכטקייט, און האָט זיי אָנגעווענדט אַלס א באַזונדער באַפוצונג פאר זיין פאַרטיידיקונג פון די ביבלישע אידעען און

די יידישע יום־טובים. זיכער, אַז אַזאַ ערקלערונג איז פיל וואַרשיינלע־כער, איידער די השערה, אַז אַריסתּובול איז אַליין געווען דער פעל־שער. נאַטירלעך, האָבן די פערזן פון טיף אַלטערטימלעכע גריכישע דיכטער, וועלכע האָבן געקענט משהס תּורה און געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר איר, געמוזט האָבן אַ באַזונדער ווערט פאַר זיינע צילן: פּאַרטיי־דיקן דאָס יידנטום קעגן די אָנפאַלן מצד די גריכן, און ברענגען עס אין האַרמאָנישן הסכּם מיט דער לערע פון די גרויסע קינסטלער.

דאָס, וואָס ער האָט דערביי צוגעשריבן די דענקער פון דער גריכישער בליאונגסצייט די באַקאַנטשאַפט מיט דעם יידישן געזעץ, און זיין פאַרטיפונג פון דער פילאָסאָפישער זייט, האָט טאַקע געשטימט מיט זיין טענדענץ און קאָן אים כּלל ניט גערעכנט ווערן פאַר אַ פאַרברעכן, בפרט, אַז ער האָט נאָר איבערגעחזרט דאָס, וואָס געלערנטע גריכן זעלבסט האָבן שוין געזאָגט פריער פאַר אים און אין איין צייט מיט אים. וואָרעם נאָך פאַר אַריסתּובולן האָט שוין מעגאַסטנעס דערקלערט, אַז די גאַנצע חכמה פון די גריכן איז שוין לאַנג דורך די יידן געלערנט געוואָרן, קלעאַרכוס און טעאָפראַסטוס האָבן גערימט די יידישע זיטן און מנהגים, הערמיפּוס האָט גערעדט וועגן דער יידישער השפּעה אויף דער לערע פון פּיטאַגאָראַס.

* *

*

ווען מען רעכנט דעם גערייניקטן פון קריטישע פּאָרוואורפן אַריסתּובולן פאַר דעם באַגרינדער פון דער יידיש־העלעניסטישער רע־ליגיעזער פילאָסאָפיע, אָדער פאַר איר ערשטן פאַרטרעטער, וועלכער איז אונז באַקאַנט, דאַן דאַרפן מיר, זייענדיק קאָנזעקווענט, אין דעם פריער געשילדערטן אַפּאָקריפישן בוך פון חכמה זען די מיטעלע שטופע פון דערדאָזיקער טעאָסאָפיע, „דאָס געוויקס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויף דעם אַריסתּובולישן באָדן", און אין די ווערק פון פילאָן אָנער־קענען איר העכסטן בליאונגסצושטאַנד. וואָרעם וועגן די ווערק פון די ביידע פילאָסאָפן אַגאַטאָבולוס און מוזעאוס האָבן מיר קיינע ידיעות ניט. געבוירן צווישן 20 און 10 פאַר קריסטוס געב. האָט פילאָן געלעבט נאָך אין די צייטן פון דעם קייסער קאַליגולאַ, צו וועלכן ער איז אין 39 אָדער 40 יאָר נאָך קר. געב. געפאָרן קיין רוים אַלס שליח פון זיינע אַלעקסאַנדרינישע גלויבנסברידער.

אין פילאָנען פאַרקערפּערט זיך דער יידישער העלעניזם מיט

אַלע זיינע מעלות און חסרונות. ער האָט געבראַכט אין אַ פולשטענדי־
קער סיסטעם די טעאָסאָפיע, וועלכע איז צוזאַמענגעזעצט פון אָריענטאַ־
לישער און גריכישער פילאָסאָפיע, און דורך אים ווערט די אַלעגאָרישע
ביבלאויסטייטשונג דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פילאָסאָפיש־העלע־
ניסטישן מדרש. כדי אָבער צו פאַרשטיין זיין שאַפן און זיין וועלט־
אָנשויאונג, מוז מען זיך ריכטיק פאָרשטעלן די צייט, ווען פילאָן איז
אויפגעטראָטן, און וועלכע איז שטאַרק אַנדערש, ווי די צייט פון זיינע
העלעניסטישע פאָרגייער. דער בראָך צווישן אידעע און מאַטעריע,
וועלכער האָט נאָך פאַר דעם אויסגעזוויזן ווי פאַרהוילן, איז אַלץ מער
אַרויסגעטראָטן; אומבאַפרידיקט פון די דערשיינונגען פון דער צייט און
גלייכגילטיק צו דער אָביעקטיווער וועלט, האָט זיך די פערזענלעכקייט
קאָנצענטרירט אין זיך זעלבסט, ווייל ביי דער ירידה פון יעדן רע־
ליגיעזן לעבן, ביי דעם חורבן פון אַלע לעבנסבאַציאונגען און דעם
פלאָנטער פון אַלע זיטלעכע באַגריפן, האָט זי אין דער רעאַלער וועלט
ערגעץ קיין ממשותדיקן אָנהאַלט ניט געפונען. בלויז די האָפענונג אויף
דער צוקונפט האָט פאָרגעשטעלט אַן ערזאַץ פאַר דער פינסטערער
קעגנוואַרט, און דידאַזיקע האָפענונג האָט ביסלעכווייז זיך פאַרוואַנדלט
אין אַ ליידנשאַפטלעכן שטרעבן צו אַ העכערן מין פאַרשטיין, צו אי־
דעאַלער דערלייזונג און באַפרייאונג, וועלכע האָבן געמוזט זייער אייגנ־
טימלעכן אויסדרוק געפינען אין אַ טראַנסצענדענטאַלער פילאָסאָפיע,
וואָס איר ציל איז געווען ניט דאָס דענקען, נאָר דאָס באַטראַכטן
(הסתכלות), וואָס איר וועג איז ניט געווען דער וועג פון רעאַלע אידעען,
נאָר פון מיסטישן עקסטאַז, און וואָס האָט אין דעם מענטשן מיט אַזאַ
טיפער רעליגיעזער שטימונג, מיט אַזאַ ווארעמקייט פון דער נשמה, און
מיט אַזאַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר פילאָסאָפישער שפעקולאַציע, אָבער אויך
פאַר מיסטיק — ווי פילאָן, געוואונען איר באַדייטנדסטן פאַרטרעטער.

אַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע אַנטשטייט נאָר דאָרט, וואו די רעליגיע
ווערט געשטעלט צו אַ דיסקוסיע. גלויביקע פעריאָדן פאַרשן ניט די
רעליגיע און פילאָסאָפירן ניט וועגן איר, נאָר זיי דערפילן אירע פאָר־
שריפטן, ניט פיל טראַכטנדיק וועגן זיי. אויך קאָן אַן אַלעגאָרישע
אויסטייטשונג נאָר דאַן אויפטרעטן, ווען דער דערקלערער געפינט זיך
שוין אין אַ געוויסן ווידערשפרוך מיט זיין טעקסט, וועלכער פאָדערט
ניט קיין ווערטלעכע, נאָר אַ סימבאָלישע ליינונג. אַזאַ צייט פון זוכונגען
און וואַקלונגען, פון צעפאַלן און פון פלאָנטערן איז געווען די צייט פון
פילאָן און פון קריסטוס. די שמערצלעכע ליידנשאַפט, וועלכע האָט אַלע
איידעלע נשמות פון יענער צייט דורכגעדרונגען, האָט געקאָנט אויך

פיל הערצער אין די בתי-מדרשים פון די רבנים מאכן ציטערן. אייניקע שטראלן פון דער נייער אידעע האבן געקאנט באלייכטן אויך די נשמות פון זייערע תלמידים, אבער זיי האט קעגן דעם ארייגדרינגען אין דעם קודש-הקדשים פון דער דערקענטעניש געשיצט דאס געזעץ און דער צאם צום געזעץ. זיי האבן מיט גלויבן געפארשט אין געזעץ, בשעת זייערע העלעניסטישע ברידער האבן געזוכט דאס געזעץ על-פי-שכל צו באגרינדן און סימבאליש אויסצוטייטשן.

אויך פאר די העלעניסטישע יידן איז דאס יידנטום געווען הייליק און טייער, אבער זיי האבן עס געוואלט אויפהייבן אויף די שפיצן פון פילאסאפישער ספעקולאציע, און אנשטאט בלויז געשיכטלעך אנצונעמען זיינע געזעצן, האבן זיי געוואלט דערקענען זיינע אמתן. אזוי איז אנטשטאנען די גנאסטיק פון דער יידישער העלעניסטישער פילאסאפיע, וואס איר איידלסטער פארשטייער איז פילאן. אין זיין סיסטעם בילדעט די יידישע לערע דעם אינהאלט, די גריכישע פילאסאפיע — די פארם. ער שטייט אויף דעם זעלביקן באדן, ווי די ניי-פלאטאנישע און ניי-פיטאגארישע חברים פון זיין צייט, אויף דעם באדן פון דער פלאטאנישער און סטאאישער פילאסאפיע און פון דער קלאסישער אלטערטימלעכקייט, וועלכע ער פארערט, בשעת די יידישע תורה איז פאר אים הייליק, און ער דערפילט זי. דערדאזיקער דאפלטער איינפלוס ווייזט זיך ארויס אויך אין דער אויסערלעכער פארם פון זיין שרייבן, וואס צייכנט זיך אויס מיט מעלות לגבי אלע אנדערע יידישע העלעניסטן. די גריכישע שפראך איז פאר פילאנען א אינסטרומענט, וועלכן ער ניצט אויס מיט גרויס פיינקייט און געשמאק, אזוי אז עס איז אפט שווער צו באשליסן, „צי די קונסט פון אויסדרוק, צי די טיפקייט און די שיינקייט פון געדאנק פארדינט גרעסערע באוואונדערונג". צוזאמען דערמיט אבער באפליגלט זיין שרייבן דער פאעטישער שוואונג פון דער ביבלישער פאעזיע, מיט וועלכער ער האט זיך לכתחילה באקענט פון דער גריכישער איבערזעצונג, און נאכדעם געוויס אויך פונם אורטעקסט[1].

ווירקלעך, פילאן שטייט דורכאויס אויפן יידישן באדן, הגם זיין פילאסאפיע גייט אייגנטלעך ארויס פון דעם גבול פון יידנטום אין פרעמדע גייסטיקע געביטן. תורת משה איז פאר אים דער סך-הכל פון יעדער חכמה און אמת. אבער אויך די גריכישע לערעס זיינען פאר

[1]) די באהויפטונג איז אין ספק, מחמת פילאן ווייזט ארויס אלנפאלס שוואכע ידיעות אין דער העברעאישער שפראך (אנמ. פון דער רוס. רעד.).

אים עדות אויף דעם אמת פון די אייביקע אידעען. דעריבער האָט ער מיט פלייס אויפגעזוכט אין דער ביבל די לערעס פון די גריכישע פי־לאָסאָפן, וועלכע האָבן דאָך דאָ געמוזט זיך געפינען, אויב ביידע זיי־נען אמת. נאַטירלעך, האָט עס ניט געקאָנט געשען אָן אַלעגאָרישער אויסטייטשונג, וועלכע זאָל פאַרמיטלען און צונויפשמעלצן די אָנשוי־אונגען.

די אידעע פון גאָט האָט ביי פילאָן געטראָגן אַ שאַרפן פילאָסאָ־פישן שטעמפל. ער איז „דער גייסט פון אוניווערס", „דאָס אורליכט", וואָס קאָן אָנשוילעך דערקענט ווערן נאָר דורך די שטראַלן, וועלכע האַלטן אויף די וועלט. ער איז דער שעפער פון אַלע זאַכן, און זאָרגט פאָטערלעך פאַר זייער קיום און וואוילשטאַנד. אַלס שעפער פון דער וועלט, גייט גאָט פון זיין אייגענער זעלבסטקייט, און אידענטיפיצירט זיך מיט דעם לאָגאָס. דערדאָזיקער אויסדרוק, וועלכער באַצייכנט אין גריכיש צוגלייך אי וואָרט, אי בילד, האָט שוין אין דער יידיש־העלע־ניסטישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע נאָך פאַר פילאָנען געדינט אַלס סו־ראָגאַט פאַר דער „חכמה" פון דער ביבל און פאַר νοῦς פון פלאַטאָ־נען. אָבער דורך פילאָנס פאַרמיטלונג האָט דער באַגריף פון לאָגאָס באַקומען אַ רייכע מיט רעזולטאַטן אַנטוויקלונג. ער איז געוואָרן דאָס מיטלגליד צווישן ביידע געטלעכע אייגנשאַפטן — פון דער מאַכט און פון דער גוטסקייט, „פאַרבינדנדיק זיי דורך זיך מיט גאָט אויבן און אַנטפּלעקנדיק זיי אונטן דורך זיין טעטיקייט אויף דער וועלט". דער לאָגאָס איז אָבער פון גאָט זעלבסט אַרויסגעקומען, פון אים באַקומען זיין געשטאַלט, און געוואָרן, ווי עס שיינט, צו אַ פערזענלעכן מיטל־ווען, וואָס שטעלט זיכטבאַר פאָר די קראַפט פון גאָט, אָדער דעם ווירקזאַמען געטלעכן שכל אין אַ שוואַכערער פאָרם.

דערדאָזיקער לאָגאָס, דאָס אָפּבילד, דער געדאַנק, די אידעע פון דער גאָטהייט איז געוואָרן דער דעמיורג, דער וועלט־באַשעפערישער גאָט, און צוגלייך אויך דער נאַטירלעכער פאַרמיטלער צווישן גאָט און דער וועלט, אָדער, ווי פילאָן האָט אים מיט פאָעטיש פרייען אויסדרוק אָנ־גערופן „דער איינציק געבוירענער (μονογενής) זון פון גאָט". דער־דאָזיקער לאָגאָס, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, קאָן זי נאַטירלעך פון ס'ניי באַשאַפן, אָדער די צוקינפטיקע וועלט פאַרווירקלעכן; ער איז דאָך געווען דער איינציקגעבוירענער זון פון גאָט, ער איז אַלזאָ געווען דער משיח. דאָ עפענען זיך אָפּ די קוואַלן פון קריסטנטום, און זיין אָנהייב פון דער פילאָסאָפישער לערע שטעלט זיך פאַר אונז פאָר דייטלעך אין דער אידעע פון לאָגאָס.

אָבער דעם לאָגאָס ווערן אויך צוגעגעבן שאַפנדיקע כּוחות, וועלכע מען מוז משיג זיין אַלס אידעען אין דער גייסטיקער וועלט, די מלאכים, וועלכע זיינען טיילוויז אורגייסטער און ליכט־געשטאַלטן, טיילוויז אונטערטעניקע וועזנס, מלאכים משרתים, פון וועלכן עס שטאַמט דאָס שלעכטס, וואָס לעבט אין דעם מענטשן אינעווייניק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד איז אין די ערשטע זיבן יאָר פון זיין לעבן אומשולדיק, און זיין נשמה איז געגליכן צו אַ ווייכן וואַקס. אָבער מיטן וואַקסן פון באַוואוסטזיין הייבט זיך אין אים אָן דער קאַמף צווישן רוח און גשם, וועלכן ער קאָן אויסשפּילן נאָר מיט דער הילף פון גאָט און פון די גוטע מלאכים. דעמדאָזיקן באַגריף וועגן דעם נצחון פון דער גשמיות דורכן לעבן פונם גייסט האָט פילאָן אַנטוויקלט ביז אַ ספּעקולאַטיוון ספּיריטואַליזם, וועלכער פירט אוממיטלבאַר אַרויס מחוץ די פילאָסאָפישע אָנשויאונגען פון יידנטום.

אָבער ער אָנערקענט נאָך אַפילו די אַנטפּלעקונג, הגם זי איז לגמרי סותר זיינע גרונדאָנשויאונגען. אָבער אויסער דערדאָזיקער איינציקער הנחה — ווייל ער האַלט עס פאַר אַ יידישע דאָגמע — איז דער גאַנצער איבעריקער אינהאַלט פון יידנטום פאַר פילאָנען אַ סימבאָל פון אידעען און באַגריפן, פאַר וועלכע די טערמינאָלאָגיע מוז גענומען ווערן פון די לערעס פון פּלאַטאָן און פון די סטאָאיקער; טעמפּל און כּוהן, געזעצן פון קרבנות און פון שפּייז, יום־טובים און אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען. אַזוי־אַרום בילדן כּמעט אַלע זיינע ווערק — וועלכע ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן אין דער צאָל פון פופציק — אַ כּסדר גייענדיקן פּירוש צו דער ביבל, אָדער ריכטיקער, צו די ערשטע צוויי ביכער פון דער ביבל, וועלכער שיידט זיך אונטער פון דעם פּאַלעסטינישן מדרש נאָר דורך דער שטאַרקער אינדיווידואַליטעט פונם פאַרפאַסער, דורך דער שטאַרקערער אָנווענדונג פון דער אַלעגאָריע און דורך דער קינסטלערישער באַפּוצונג פון דער שפּראַך. נאָר צוויי פון זיינע ווערק קעגן פלאַקוס און די שליחות צו קאַיוס האָבן אַ היסטאָרישן און אַ אַפּאָלאָגעטישן כאַראַקטער. די איבעריקע געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון די ביבלישע שריפטן און ס'איז דעריבער קוים נייטיק צו ברענגען דאָ זייערע נעמען; די עכטקייט פון דעם לעצטן אָנגערופענעם בוך ווערט ניט ריכטיק געשטעלט אונטער אַ ספק.

הגם פילאָנס ווערק אָטעמען מיט אויפריכטיקער ליבע און מיט טיפער גאָטספאָרכטיקייט, זיינען זיי דאָך ביי די רבנים ניט געאַכט, און אפשר האָבן זיי זיי גאָר ניט געקענט, און דעריבער זיינען זיי גע־

בליבן אָן השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.
אין דער צייט וואָס אויף דער אַנטוויקלונג פונם קריסטנטום האָבן זיי
שטאַרק געווירקט. פונדעסטוועגן באַגעגענען זיך אַ פולע פילאָנס אָנ=
שויאונגען און אידעען, דהיינו זיין משונהדיקע, ביי די פיטאַגאָריער
איבערגענומענע צאָלן=מיסטיק, אין דער שפּעטערדיקער יידישער
געהיימער לערע פון קבלה, אַזוי אַז יעדעס וויפיל עס איז פאַר=
שטענדלעך קבלה=בוך גיט אין דערזועלביקער צייט אויך אַן אומגעפערן
באַגריף וועגן דער פילאָנישער סימבאָליק. זיין סימבאָליש=אַלעגאָרישער
אַרט דערקלערן די ביבל קאָן אָפּגעשאַצט ווערן נאָך זיין עקזעגע=
טישן ווי נאָך זיין עטישן ווערט דורך צוויי קליינע ביישפּילן. די
שבת=רו, וועלכן ער גיט אַ באַזונדער וויכטיקייט, באַטייט פאַר אים די
ריינסטע נשמה=רו אָן שום שטערונג. „דערויף גייט דאָס אָרט: „ווען
גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד, וועלכע ער האָט געשוואָרן צו
דיינע עלטערן, און ער וועט דיר געבן גרויסע און שיינע שטעט,
וועלכע דו האָסט ניט געבויט, הייזער פולע מיט שפּייז, וואָס דו האָסט
ניט געזאַמלט, ברינעמער, וועלכע דו האָסט ניט געגראָבן, וויין און
איילבערטן, וועלכע דו האָסט ניט געפלאַנצט..." אַלזאָ דורכאויס גיטער,
וועלכע דינען צום געניסן און צום באַפרידיקן די באַדערפענישן: —
דאַרף מען אונטער דעם וואָרט שטעט פאַרשטיין אַלגעמיינע, וויט=גייענ=
דיקע מידות טובות, און אונטער דעם וואָרט הייזער — באַזונדערע, ענגער
באַגרענעצטע, אונטער ברינעמער — איידעלע געמיטער, מיט אַ באַזונדער
הויך פאַר חכמה, אונטער פלאַנצונגען — די רעזולטאַטן און די פרוכטן;
די פרוכט פון דער דערקענטעניש איז דאָס הסתכלות=לעבן, וואָס פרייט,
ווי דער וויין, און שפּרייט ליכט, ווי דאָס בוימאייל, דאָס זיינען די גי=
טער פון גאָט, בשעת די שטעט, וועלכע זיינען געבויט דורך מענטש=
לעכע הענט, זיינען פול מיט אומרו און מיט תאוות".

אין דער צייט ווען זיינע ביבל=אויסטייטשונגען בינדן זיך גרעסטנ=
טייל אין קאַפּיטלען און אין פערזן, באַגעגענען זיך ביי אים אָפטמאָל
אויך אַלעגאָרישע באַטראַכטונגען וועגן עפּעס אַ וואָרט, אָדער אַ באַ=
גריף, וועלכע ווערן דעמאָלט באַטראַכט נאָך אַלע זייערע באַדייטונגען.
אַזוי צום ביישפּיל האָט דאָס וואָרט „זון" אַ פולע פאַרשיידענע העכערע
באַדייטונגען אין דער ביבל.

„ערשטנס ווערט די זון געבראַכט אַלס בילד פון מענטשלעכן
שכל. וואָרעם אַזוי ווי די זון באַהערשט דעם ערדקויל, אַזוי פירט דער
שכל אָן מיט אונזער קערפּער. ווער עס וויל באַהערשן קערפּערלעכע
זאַכן, יענער מוז זיך, ווי יוסף, נעמען פאַר אַ שווער דעם כוהן פון דער

זונענשטאָט (העליפּאָליס, און) אָדער דעם אָנפירער פון שכל, כּדי זיך מיט דעם שׂכל אויפריכטיק צו פאַרבינדן. אָבער אויך דער אויסערלעכער קערפּערלעכער געפיל ווערט אָפּטמאָל אויסגעדריקט דורך דעם וואָרט זון. אין דעם זיבען קומט דער פּסוק: „די זון האָט אָנגעהויבן צו שיינען, ווען ער (יעקב) איז דורכגעגאַנגען פאַרביי גאָטס פּנים". וואָרעם ווען מיר זיינען ניט אימשטאַנד פלייסיק צו באַשעפטיקן זיך מיט די הייליקסטע אידעען און מיט אומקערפּערלעכע בילדער, נאָר דורכגייענדיק פאַרביי זיי, מוזן מיר זיך דעמאָלט באַנוצן מיט אַן אַנדער גשמיותדיקן ליכט, וואָס, פאַרגליכן מיט דעם ליכט פון גייסט, שיידט עס זיך דאָך קוים אונטער פון דער פינסטערניש. ווען דאָס ערדישע ליכט גייט אויף, וועקט עס אויף די זון פון איר שלאָף, בשעת די קלוגקייט, די גערעכטיקייט, דאָס דערקענטעניש און די חכמה, וועלכע זיינען פריער וואַך געוועזן, שלעפערט עס איין. דעריבער דערלאָזט דאָס הייליקע וואָרט בעפאָר זונאונטערגאַנג קיינעם ניט ריין ווערן, ווייל יעדע אויפגערעגטע באַוועגונג פון די חושים שטערט די טעטיקייט פונם שׂכל. אַזוי זאָל אויך דער כּוהן ערשט נאָך זונאונטערגאַנג עסן פון קדשים[1]). וואָרעם ווער עס ליבט ערדישן גלאַנץ, יענער איז אויסגעשלאָסן פון געניסן די העכערע גיטער פון דער רעליגיע. נאָר דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון ערדישן גלאַנץ, דער וועט פון יענעם העכערן פאַרגעניגן געניסן. צי דען ברענגט די אויפגייענדיקע זון ניט קיין אַנדערע השפּעות, דער היפּוך פון דער אונטערגייענדיקער זון? ווען די זון גייט אויף, ווערט אויף דער ערד אַלץ העל, אָבער די הימלישע ליכטער ווערן בלאַס; גייט זי אונטער, ווערט אויף דער ערד טונקל, אָבער אין הימל באַווייזן זיך די פינקלדיקע שטערן. אַזוי פאַרלעשט זיך אין אונז דאָס העכערע הימלשע ליכט, ווען מיר גיבן זיך איבער אין דער מאַכט פון די חושים. ערשט ווען די ערדישע פּראַכט ווערט בלאַס, צינדן זיך אָן די שטראַלן פון דער העכערער הימלשער טוגנד, אָבער אויך גאָטס וואָרט ווערט אָנגערופן זון, ווייל דאָס איז דאָס אָפּבילד פון דער זון, וועלכע לייכט אין הימל. ענדלעך, ווערט אויך אויף גאָט אַליין די באַצייכענונג זון אַריבערגעטראָגן, ווייל גאָט — איז די אורליכט, ווייל ער זעט אַלדאָס פאַרבאָרגענע, און די געהיימסטע מעשים אַנטפּלעקט ער פאַר דער שיין פון טאָג. דעריבער איז אין די הייליקע הימנען געשריבן: „גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף".

אויף אַזאַ אופן האָט אויסגעטייטשט די ביבל פילאָן, וועלכער

[1]) וועלכע דער כּוהן מעג עסן נאָר אין צושטאַנד פון ריינקייט.

האָט דערפירט צו דעם העכסטן פונקט און אָפּגעשלאָסן די יידיש־העלעניסטישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון זיין סיסטעם איז אויף דעם יידישן באָדן געווען כמעט ווי אוממעגלעך. דערפאַר האָט זי געפונען אַן אָרט אויף אַן אַנדער באָדן, און די צווייגן פון זיין לאָגאָס־אידעע האָט ניט בלויז געהאָלפן אַנטוויקלען זיך דעם קריסטנטום, נאָר זיי האָבן אויך אין מיטלאַלטער באַפרוכטיקט און גענערט מיט זיך די פילאָסאָפישע וועלטאָנשויאונג, און מען קען לייכט געפינען אירע שפורן אין מאַנכע פילאָסאָפישע סיסטעמען פון דער נייער צייט.

אין זייער צייט האָבן זיי אָבער די גריכן און די רוימער געגעבן אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט די אידעען פון יידנטום און געגויט זיי גערעכטיקער אָפּצושאַצן עס. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, ווען הויכע מלוכה־לייט און וויכטיקע פרויען פון רוים האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דידאָזיקע אידעען. די אַלטע געטער האָבן זיך דעמאָלט גענומען גרייטן אונטער דעם געלעכטער פון די מענטשן צו פאַרלאָזן דעם אָלימפּ; דער אַלטער פאַן איז געווען טויט. וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס דער אומזעבאַרער און איינציקער גאָט פון די העברעער, וועלכן די העלעניסטן האָבן באַוויזן אין פילאָסאָפישער באַלייכטונג און אין דערזעלביקער צייט אין סודותפולער טונקלקייט, האָט געהאַט איבער די גייסטער אַ צוציאונגסקראַפט, קעגן וועלכער מען האָט ניט געקענט ביישטיין?

* *

*

אַן אוממיטלבאַרע באַקאַנטשאַפט מיט דערדאָזיקער טעאָסאָפיע האָט דער רוימישער געזעלשאַפט געגעבן דער פּאַלעסטינישער העלעניזם, וואָס די היסטאָרישע פראַגמענטן פון עופּאָלעמוס און פילע אַפּאָקריפישע שריפטן באַווייזן שוין, אַז ער האָט עקסיסטירט אין דער נאָכמאַקאַבעאישער צייט, און וואָס זיין הויפּטפאָרשטייער איז דער היסטאָריקער פלאַוויוס יוסף, וועלכער איז געבוירן אין 38 יאָר נאָך קריסטוס אין ירושלים. ער איז פונקט דער היפוך פון דעם וויכטיקסטן פאַרטרעטער פון אַלעקסאַנדרינישן העלעניזם, פון פילאָן, וועמעס ווערק ער האָט זיכער געקענט און אויסגעניצט, אָבער ער דערמאָנט אים נאָר איין מאָל. אין דער צייט, וואָס פילאָן איז געווען אַ מענטש פון לויטערער פרומקייט, און מיט אַ זויבערן כאַראַקטער, איז יוסף געוואָרן דער פאַררע־

טער פון זיין פאָלק און דער אָפיציעזער היסטאָריקער, הגם ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס פרושי.

יוסף האָט געשריבן זיינע ווערק ביים רוימישן הויף, וואו ער האָט אין דער צייט פון דריי קייסאָרים — וועספּאַסיאַן, טיטוס און דאָמיציאַן — געזוכט צו מאַכן פאַרגעסן דורך זיין פלייסיקער ליטעראַרישער טעטיקייט זיין רומלאָזע פאַרגאַנגענהייט אַלס מלוכה־מאַן; אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרהיטן, אַז זיינע אייגענע ווערק זאָלן קעגן זיין ווילן ניט ווערן שטאַרקע באַשולדיקער פון זיין כאַראַקטער. פון זיינע ווערק זיינען געבליבן פיר: די יידישע מלחמות אין זיבן ביכער, די געשיכטע פון חורבן ירושלים און די רוימישע מלחמות אין יהודה, וועלכע זיינען לכתחילה געשריבן אין העברעאיש, ווייטער צוואַנציק ביכער פון יידישע אַלטערטימער, אין וועלכע ער דערציילט די געשיכטע פון זיין פאָלק זינט די עלטסטע צייטן ביז 26 יאָר נאָך קר. נאָכדעם אַן ענטפער צו די גריכן, געמלעך קעגן אַפּיאָן, אַ פאָלעמיש ווערק, וועלכע איז צו אונז ניט אינגאַנצן דערגאַנגען. און לסוף דאָס לעבן פון יוסף פלאַוויוס, אַן אַוטאָביאָגראַפיע, וואָס איז אַרויסגערופן דורך דאָס ווערק פון אַ פאָליטישן און ליטעראַרישן קעגנער, יוסטוס פון טיבעריע, דעם סעקרעטאַר פונם קיניג אַגריפאַ, וועגן דער געשיכטע פון די יידישע מלחמות, און האָט אַנטהאַלטן שטאַרקע אָנפאַלן קעגן יוספן. די אַוטאָביאָגראַפיע איז באַשטימט געוועזן צו דערקלערן אָדער צו פאַרענטפערן זיין דאָפּלטשפּיל און זיין צווייִדייטיקייט.

דערזעלביקער יוסטוס האָט אויך אָנגעשריבן אַ געשיכטע פון די יידישע מלכים פון משהן ביזן דעם יאָר 100; אָבער פון זיינע ווערק איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן.

אין אַלע זיינע שריפטן שטעלט יוסף אַרויס זיין וואַרעמע ליבע צו זיין פאָלק און צו זיין גלויבן. דאָס האָבן אַפילו זיינע גרעסטע שונאים ניט געקענט אָפּלייקענען. דערצו קומט נאָך צו זיין געניויע קענטעניש פון די פריערדיקע שריפטן און פון דער געשיכטע פון יידנטום, אויך זיינע אומגעוויינלעכע שריפטשטעלערישע פעאיקייטן, אַזוי אַז זיינע שריפטן זיינען ניט בלויז די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע קוועלע פון דערדאָזיקער געשיכטע, נאָר זיי זיינען געוואָרן דער מוסטער פון דערציילונגסקונסט, מחמת זייער שיינעם היסטאָרישן סטיל, וועלכער האָט יוספן פאַרשאַפט דעם נאָמען פון אַ גריכישן ליוויוס.

אַנדערש שטייט עס מיט זיין געטרייקייט צום אמת און מיט דער זיכערקייט, מיט וועלכער מען זאָל קאָנען זיך אויף אים פאַרלאָזן; דאָס

איז ביי אים ניט אַלע מאָל פעסט, הגם טאַציט אָנערקענט אים אויך אַלס היסטאָרישע קוועלע, מחמת ער נוצט אויס עלטערע קוועלן און צוליב דער אָביעקטיוויקייט פון זיין באַשרייבונג, קעגן וועלכער מען האָט געררעכטע טענות דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן זיין אייגענער פאַרטיידיקונג, אָדער וואו עס רעדט זיך וועגן דער רוימישער קייזער־לעכער משפחה. זיין געשיכטע פון די יידישע מלחמות, וועלכע ער האָט נעקענט טיילוויז שילדערן אויך דורך זיינע אייגענע באָאַבאַכ־טונגען, איז לכתחילה באַשטימט געווען אַרויסצושטופּן פון די יידישע קרייזן אַנדערע באַאַרבעטונגען פון דעמזעלביקן שטאָף, חוץ דעם אָבער אויך צו געבן די גריכן און די רוימער אַ גינסטיקערן באַגריף וועגן די יידן. די יידישע אַלטערטימער פאַרקערט זיינען אָנגעשריבן געוואָרן דער עיקר פאַר די געצנדינער. זייער טענדענץ באַוויזט אַ טיפע קרובה־שאַפט צווישן יוספן מיט די אַלעקסאַנדרינישע העלעניסטן, מיט וועלכע ער האָט געמיינזאַם אויך דעם מעטאָד פון אַלעגאָרישן אויסטייטשן די הייליקע שריפטן. איינמאָל דערציילט ער אַפילו ביי אַ געלעגנהייט, אַז ער האָט בדעה אָנצושרייבן אַ פילאָסאָפישן פירוש אויף מעשה־בראשית, דאָס הייסט אַלזאָ אַ פּאַלעסטיניש־העלעניסטישן מדרש. אָבער דאָס איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און דאָס ווערק מיט דער זעלבער כוונה: פריידיקט וועגן דער הערשאַפט פון פאַרשטאַנד, דאָס אַזוי גערופענע פערטע בוך חשמונאים, איז על־פּי־טעות פאַררעכנט אויף יוספס נאָמען.

זיין שטאַנדפּונקט איז בכלל אַ שטרענג רעליגיעזער, און זיין וועלטאָנשויאונג — אַ טיף יידישע, אמת, אַ באַאיינפלוסטע פון היידנישע פאָרשטעלונגען. אָבער זיין אידעע וועגן געטלעכער באַשאַפונג, קיום און אָנפירונג פון דער וועלט איז ניט „אין גייסט פון דער אַלעק־סאַנדרינישער וועלטזעלע“, נאָר אין ביבלישן זינען אויפגעפאַסט און פיל מאָל איבערגעחזרט. דאָס, וואָס ניט קוקנדיק דערויף, צאָלט ער מס די אָנשויאונגען און די אָבערגלויבנס פון זיין צייט, זאָגט עדות דערויף, אַז אים האָט געפעלט קאָנסעקווענטקייט און פעסטקייט פון דענקען, און באַוויזט אויך דעם כאַאָטישן צושטאַנד פון דער אַלגעמיי־נער בילדונג, וואָס פאַר אירן אַ טיפּ קאָן מען אים רעכענען אין זיין צייט. אַזוי דערציילט ער אין זיינע ידיעות וועגן אַלטערטום, אַז די קונסט אַרויסצוטרייבן בייזע גייסטער שטאַמט פון שלמה המלך; זי איז נאָכדעם אַריבער בירושה דורך יאָרהונדערטן און איז נאָך אויסגעניצט געוואָרן אין זיין צייט. דאַן שילדערט ער אַ השבעה פון אַ רוח, דורך וועלכער אַ געוויסער אליעזר האָט אין וועספּאַסיאַנס קעגנוואַרט

מיט אַ רינג אַרויסגעצויגן בײַ אַ מענטשן אַ דעמאָן פון דער נאָז.

פון דער צווייטער זייט איז יוסף אַ זעלטן אויפגעקלערטער מענטש, און ער האַלט זיך ניט אָפּ נאַטירלעך צו ערקלערן די וואונדער פון תנך, אַפילו צו שטעלן זיי אונטער ספק, ער באַשיצט זיך אָבער פאָרזיכטיק מיט דעם שפּריכוואָרט: „זאָל יעדער טראַכטן וועגן דעם, ווי ער וויל“. דאָס וואָס ער האָט פּסעוודאָ-אַרטאַפּאַנס ראָמאַן וועגן משהן איבערדערציילט און נאָך באַפּוצט אַפילו, איז גראָד ניט קיין באַזונדער באַווייז אויף זיין היסטאָרישן געשמאַק, וועלכן אַנדערע זיינע ווערק וועגן דער געשיכטע פון די מלחמות און אַלטערטימער, ווי זיין פּאָלעמיק קעגן אַפּיאָן און זיין אַוטאָביאָגראַפיע, באַווייזן אין אַן אַנדער שיין.

פאַר זיין שטעלונג צו די רעליגיעזע דענקמעלער און אָנשויאונגען פון זיין נאַציע קאָן אַלס כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל גילטן די רעדע, וועלכע ער לייגט אַריין משהן אין מויל פאַר דער אַנטפּלעקונג אויפן באַרג סיני. יוסף לאָזט משהן אין דערדאָזיקער רעדע אַזוי זאָגן:

„אָ, העברעער! גאָט האָט מיך ווי פריער גנעדיק דערהערט, און ער אַליין געפינט זיך איצט אין אייער לאַגער, כדי צו געבן אייך מצוות און געזעצן, ווי איר זאָלט קענען פירן אַ גליקלעך לעבן און בעסער איינצואָרדענען און צו פירן אייער געמיינדע. דעריבער באַשווער איך אייך ביי אים אַליין און ביי זיינע הערלעכע מעשים, אַז איר זאָלט ניט פאַרנאַכלעסיקן די רייד, וועלכע איך וועל אייך איצט זאָגן, ווייל איר ווערט אפשר קוקן אויף מיין פּערזאָן אָדער דערויף, וואָס צו אייך רעדט אַ צונג פון אַ מענטשן. וואָרעם ניט משה דער זון עמרם און יוכבד גיט אייך דידאָזיקע געבאָטן, נאָר יענער, וואָס האָט צוליב אייך דעם נילוס פאַרוואַנדלט אין בלוט, מיט אַלערליי פּלאָגן געבראָכן די האַרטנאַקיקייט פון די מצריים, דורכגעלייגט פאַר אייך אַן אָפענעם וועג דורך דעם ים-סוף, פאַר די הונגעריקע אַראָפּגעשיקט שפּייז פון הימל און פאַר די דאָרשטיקע געעפנט פון פעלזנשטיין רייכע קוואַלן פון געטראַנק; יענער, וואָס האָט אָדמען געמאַכט פאַר דעם הערשער איבער דער ערד און איבערן ים, נוחן מציל געווען פונם מבול; וואָס האָט דעם היימלאָז-וואַנדלענדיקן אַברהמען אָפּגעגעבן דאָס לאַנד כנען, דורך וועלכן יצחק איז דורך באַיאָרנטע עלטערן אויף דער וועלט געקומען, וועלכער האָט יעקבן געבענטשט מיט צוועלף פרעכטיקע זין, און יוספן אין די הענט געגעבן די הערשאַפט איבער גאַנץ מצרים. דער איז עס יענער, וואָס גיט אייך איבער דורך מיר, זיין טאָלמאַטש, דידאָזיקע געבאָטן. דידאָזיקע געבאָטן זאָלן פאַר אייך זיין

הייליק, זיי זאָלן אייך זיין ליבער פאַר ווייב און קינד. אויב איר וועט זיי היטן, וועט איר אומעטום זיין גליקלעך. די ערד וועט פאַר אייך זיין פרוכט־באַר, דער ים—רואיק, איר וועט געבענשט זיין מיט גוטע קינדער, און אייערע פיינט וועלן פאַר אייך מורא האָבן. איך בין מיט גאָט אליין געגאַנגען, און האָב זיין אומענדלעכע שטימע אליין געהערט. אזוי זאָרגט גאָט שטארק וועגן אייך און וועגן אייער שטאַם".

אַזאַ מין רעדע האָט געקענט אַנטשפּרעכן דעם געשמאַק פון דער צייט, הגם דער וואָס רעדט דאָ, איז מער יוסף, איידער משה. אָבער פאַר אַ רייפערן געשמאַק באַשטייט די באַשרייבונגס־קונסט פון יוספן ניט אין דעמדאָזיקן בוימלדיקן טאָן פון לעגענדע, נאָר אין די קורצע און מצומצמדיקע, דאָך אָבער מערקווירדיק־אָנשוילעכע בילדער, וועלכע ער מאָלט באַשרייבנדיק די יידישע מלחמות, די מחנה פון די רוימער, די מעשים פון די קנאים, אויך פון יענער ווילד אויפגעבראַוזטער צייט בכלל. איינער פון די שענסטע שטעלן אין דערדאָזיקער הינזיכט איז דער עפּיזאָד וועגן רוימישן חייל אין דריטן בוך פון די יידישע מלחמות. נאָכדעם ווי ער האָט באַשריבן גאָר די קלאָגן און די צע־מישונג אין דעם פאָלק גופא מיט היסטאָרישער קינסטלערישקייט, דער־זעט מען אין זיין ווערק פלוצלונג די רוימישע לעגיאָנען אין זייער פּראַכט, ווי זיי קומען אָן פונם ים מיט פעסטע, טריט כדי צו פאַרניכטן דאָס קליינע פאַנאַטישע פאָלק. „אין קינסטלערישע קורצע שטריכן מאָלט ער אויס פאַר אונזערע אויגן די לעגיאָנען, דידאָזיקע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען פון יוגנט אָן צוזאַמענגעוואַקסן מיט זייער וואָפן, דידאָזיקע איינגעבאָרענע וועלטבאַצווינגער, פאַר וועלכע די צייט פון פרידן איז אָן אָנבלוטיקע מלחמה, און די מלחמה—אַ בלוטיקע פאַרטזעצונג פון זייערע פרידלעכע איבונגען. דידאָזיקע קריגער, וועלכע טראָגן אַריבער יעדן קלימאַט, ביי וועלכע מגפות און קדחת זיינען געווען אָן אומגע־הערטע זאַך; מען זעט די גלענצנדע היעראַרכיע פון אַ צאָלרייכן אָפי־צירן־קאָרפּוס, וועלכע פירט אין יעדן לעגיאָן דורך 64 שטופן פון אַ צענטוריאָ ביי דעם לעצטן מאַניפּעלס ביז דעם גראָען, מיט כבוד און ווערדע באַדעקטן פרימיפּילוס; מען באַגרייפט די כבוד־גייציקייט, וועלכע האָט געזאָלט דידאָזיקע מענטשן טרייבן דורך מעשים צו שטייגן פון איין שטופע צו אַ העכערער; מען דערזעט די אייזערנע שמידעכץ, מיט וועלכער דידאָזיקע מענגע מענשטן זיינען צוזאַמענגעשמידט אין איין רי־זיקן קערפּער; מען באַוואונדערט די דורך קיין זאַך ניט צעשטערטע אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער אַלע וואַרטן אויף דעם וואונק פון דעם פעלדהער; מען פאַרשטייט ענדלעך, אַז מען האָט פאַר זיך דעם

העכסטן און גרעסטן וועלטוואונדער פון דעם אַלטערטום, דאָס שווערד פון די עראָבערער, וועלכע איז אַנגעפירט דורך דער סאַמער געשיקטער האַנט. יאָ, יוסף האָט אין דעם אייגנבליק דערזען דעם סוד פון דער רוימישער גדולה און די שוואַכקייט פון זיין נאַציע, וואָס אירע משוגענע האָפענונגען האָבן זי געמוזט פאַרדאַרבן.

און ווען מען טוט אַ טראַכט, אַז אָט דערזעלביקער מענטש איז געוואָרן דער פאַררעטער פון זיין אָרעמען פאָלק, וואָס זיין שיינער מספיד איז ער געוואָרן שפּעטער; ווען די חורבות פון היכל און פון ציון האָבן זיך נאָך געריכערט, האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם פילאָסאָפישן בעטלערמאַנטל פון די שמאַטעס פון גריכישער געלערנטקייט און פון רוימישער טוגנד, כדי צו באַווייזן דאָס אומגליק פון זיין פאָלק מיט די קונצן פון זיין רעדנערטאַלאַנט! — דאָס איז עס, וואָס, ניט געקוקט אויף יוספס קונסט און זיין גלענצנדן טאַלאַנט, מאַכט אים אַזוי מיאוס, — אָט דעם מענטשן, וואס אינמיטן אַלע צרות, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען אויף זיין פאָלק, האָט ער צוגעפּאַסט די דערהויבענע משיחישע וויזיעס פון די נביאים צו דעם ערגסטן שונא, צו דעם צעשטערער פון ירושלים, צו וועספּאַסיאַנען, און דערמיט זיך געקויפט לעבן און פרייהייט; וואָס אַלס ערשטער אָפיציעלער שריפטשטעלער האָט ער אויף זיין בוך, וואָס ער האָט געשריבן אין רואיקייט און זאָרגלאָזיקייט ביים קייזערלעכן הויף, געמוזט באַקומען אַ הסכמה אַלס די ריכטיקסטע באַשרייבונג פון טיטוסן, — פון דעם טיטוסן, וועלכער האָט דאָס פייער אַריינגעוואָרפן אין בית־המקדש, וואָס זיין חורבן באַוויינט ער, יוסף אַליין, מיט טרערן פון חניפה.

❁ ❁

❁

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען וואַרפן יוספס ווערק, באַטראַכטנדיק זיי מצד דעם היסטאָרישן ווערט פון זייערע קוועלן, דאָס העכסטע ליכט אויף יענער שטורעמדיקער צייט, אין וועלכער די צווי דערהייבנסטע און שרעקלעכסטע טראַגעדיעס פון דער וועלטגעשיכטע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן שפּיץ פון גאָלגאָטע און אויף דעם באַרג מוריה. אמת ניט יוסף, ניט פילאָן ווייסן גאָרנישט צו זאָגן וועגן קריסטוס — אַיין אָרט אין די ווערק פון דעם לעצטן, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות דערצו, האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעוויזן פאַר אַ געפעלשטן — נאָר יוסף

דערציילט וועגן א נייעם מין פילאסאפיע, וועלכע איז דעמאלט אויפגעקו־מען, — א פילאסאפיע „פון פארפירער, וועלכע פארכאפט דאס נארי־שע פאלק מיט א צוזאג אויף גאטס הילף". אבער ניט פילאן, ניט יוסף, וועלכע האבן ביידע קריסטוסן איבערגעלעבט, ווייכן גארנישט וועגן א משיח, וואס זאל באהויפטן, אז ער וועט פארווירקלעכן די היי־ליקסטע האפענונגען. ווארעם פילאן האט געלעבט נאך 49 און יוסף נאך 94 יאר נאך קר. געב. אבער די יארן, ווען זיי זיינען געשטארבן, זיינען ניט באקאנט, און מסתמא וועט מען זיי שוין קיינמאל ניט קע־נען פעסטשטעלן.

ווען מען זאל ניט אננעמען די השערה, אז די קריסטלעכע אי־בערשרייבער, דורך וועלכע יוספס ווערק זיינען צו אונז דערגאנגען, האבן ארויסגעווארפן אלץ, וואס עס איז געווען קעגן זייער גלויבן, אלזא אלץ, וואס עס איז געווען אין זיי אנגעשריבן וועגן יעזוס און וועגן די קריסטן, דאן וואלט ס׳דאזיקע שווייגן געקאנט דינען פאר א קלארן סימן אויף דעם פאקט, אז דער גרינדער פונם קריסטנטום איז ניט אנערקענט און ניט געאכטעט געווארן פון זיין צייט. ניט ארפצו־ווארפן די תורה איז ער געקומען, און ער האט מערניט געוואלט זיין ווי א פרושי, וועלכער גייט אין היללס וועגן און היט אפ אלע מצוות. עס געהערט ניט צו דעם געביט פון דעמדאזיקן ווערק, ווי אזוי פון זיין אויפטריט האט זיך אנטוויקלט די גרויסע גייסטיקע באוועגונג פון דער אפאסטאלישער צייט, וועלכע האט אין די שריפטן פונם נייעם טעסטאמענט געפונען איר ליטערארישן אויסדרוק, וועלכע האט לויט די ווערטער פון דעם יוחנן־עוואנגעליום: „אין אנהייב איז געווען דאס ווארט"— די פילאסאפישע אידעע פון לאגאס גאנץ דייטלעך איבערגעטראגן אויף דעם משיח, וואס זיין מלוכה איז געווען ניט פון דער וועלט, און וועלכע, א געוויקס פון דודס שטאם, איז געקומען צו באגרינדן די מלכות השמים. דערדאזיקער לאגאס איז דעמאלט פארוואנדלט גע־ווארן אין פלייש און האט זיך באוויזן אויף דער ערד, כדי אויסצולייזן די זינדיקע מענטשן אלס די קינדער פון גאט. דא איז עס גע־ווען דער פונקט, וואו די אנשויאונגען פון דער גריכיש־יידישער פילא־סאפיע האבן זיך אנגעהויבן צו באפרייען פון יידנטום, כדי אין א דרי־טער פאזע, דורכן גלויבן אין דעם הייליקן גייסט, וואס האט זיך אויסגעגאסן איבער דער מענטשהייט, צו גרינדן א נייע רעליגיע, וועלכע האט קעגן דער פאליטעאיסטישער פאלקס־רעליגיע פון געצנדי־נערישן אלטערטום געלערנט און געפריידיקט דעם ריינעם מאנאטעאיזם פון די יידן און דער תורת משה.

עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע ווי די אָנשויאונגען פון די יידן און פון די יידן־קריסטן — אַזוי האָט זיך גערופן איין העלפט פון די ערשטע קריסטן, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער נייער רעליגיע געוואָלט פאַר־היטן אויך משהס תורה — האָבן געמוזט אַרויסרופן אַ גרויסע צערודע־רונג אין דער פאַרדאָרבענער, אינערלעך פוסטער רוימישער געזעל־שאַפט. אין רוים זיינען גלייך אַרויסגעטראָטן פריינט און פיינט פונם יידנטום, און דער אומשטאַנד, וואָס דער כיטרער ציצעראָן האָט מורא געהאַט פאַר זייער שנאה, קאָן דינען פאַר אַ באַווייז, ווי גרויס עס איז געווען זייער באַדייטונג, וועלכע ווערט אגב אויך דערוויזן דורך די אָנפאַלן פון די רוימישע דיכטער יוּוועַנאַל, פערסיוס און אַנדערע. דער יידישער שריפטשטעלער טעאָדאָר, וועלכן מאַרציאַל האָט ניט גאָר קלוג אויסגעלאַכט, דער פאָעט און האָראַציס פריינד פוסקוס אַריסטיוס און פיל אַנדערע דעמאָלטיקע מענטשן מיט שיינע גייסטער קאָנען דינען אַלס באַווייז פאַר דעם פאַקט, אַז די יידן אין רוים זיינען דעמאָלט געווען ליטעראַריש טעטיק, וועגן וואָס מיר דערוויסן זיך אויך פון אַנדערע קוועלן, וועלכע שטאַמען, אמת, פון אַ שפּעטערדיקער צייט.

❀ ❀

❀

אָבער דער יידישער העלעניזם האָט זיך מיט פילאָנען און מיט יוספן ניט געענדיקט. אויב דווקא די העלעניסטישע יידן, ווי דער דרך־הטבע איז מחייב, וועלכע האָבן געלעבט אויסער דעם באַרימטן צאַם פון דער אויסטייטשונג פון די הייליקע שריפטן, האָבן זיך די ערשטע אַ קער געטאָן צו דער נייער לערע, וואָס עס האָט פאַר זיי געפריי־דיקט דער תּלמיד פון דעם שוין דערמאָנטן גמליאל — פּ אַ ו ל ו ס, האָט דאָך אַ טייל פון זיי געטריי אָפּגעהיט די לערע פון די עלטערן, ניט געקוקט אויף קיינע אָנפאַלן און נסיונות, וועלכע זיינען אַרויסגע־גאַנגען סיי פון היידן, סיי פון היידן־קריסטן.

פאַר דעמדאָזיקן קרייז פון געטרייע אָנהענגער האָט זיך מיט דער צייט אַרויסגעשטעלט די באַדערפעניש אין אַ נייער איבערזעצונג פון דער ביבל, ווייל די אַלטע איבערזעצונג פון דער סעפּטואַגינטאַ האָט שוין מער ניט באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דער געענדערטער צייט. פאַר די רבנים איז די סעפּטואַגינטאַ געווען ניט קיין סימפּאַטיש ווערק בכלל, און דעריבער האָבן זיי געשטיצט די אונטערנעמונג פון אַ ק־ ו י ל אַ (אַקילאַס) פון פּאָנט, וועלכער האָט אַ צווייטן מאָל אין 90 יאָר

נאָך קר. איבערגעזעצט די ביבל אויף גריכיש לויט דער עקזעגעטיק פון זיין צייט. אַקווילאַ איז געווען אַ פאַרגעמער הייד, וועלכן די לע־גענדע שטעלט אַפילו אין קרובהשער שייכות מיט דעם קיסר אַדריאַנוס, און וועלכער איז געוואָרן אַ קריסט, און נאָכדעם אַריבער אין יידנטום.

אויף וויפיל די ווייניק פאַראַנענע, און ערשט ניט לאַנג דורך די אוצרות פון דער גניזה אין קאַאיר און פון דער אַמבראָזיאַנאַ אין מאַילאַנד, דערגאַנצטע פראַגמענטן גיבן די מעגלעכקייט צו אור־טיילן, האָט זיך זיין איבערזעצונג אונטערגעשיידט פון דער סעפטואַגינטאַ מיט פיינלעכער בוכשטעבלעכקייט. אַזאַ גענויקייט האָט זיך אַלץ מער געפאָדערט, וואָס ווייטער דער איבערגענומענער פון די קריסטן, שטאַרק פאַרדאָרבענער טעקסט פון דער סעפטואַגינטאַ האָט זיך דערווייטערט פון די יידישע אָנשויאונגען. אָבער אַקווילאַס איבערזעצונג האָט נאָך די מעלה, וואָס זי האָט זיך געקאָנט שטיצן אויף דעם פעסטגעשטעלטן העברעאישן טעקסט און אָנווענדן דעם אויסטייטשונגס־מעטאָד פון זיין צייט. די שול פון יענער ביבל־אויסטייטשונג, פון וועלכער אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן, און וועלכע האָט דעם אות פון דער תורה אַזוי געפּרעסט, ביז זי האָט אין איר געפונען איר עכטן געדאַנק און נאָכדעם אין יעדן וואָרט געזוכט אַ זייטיקן זינען און אַ רמז אויף דער טראַדיציע, — האָט אין דעמדאָזיקן גר געהאַט אַ געהאָרכזאַמען תלמיד. דעריבער האָט טאַקע זיין איבערזעצונג באַקומען די הסכמה פון די צוויי גרעסטע געלערנטע אליעזר בן הורקנוס און יהושע בן חנניה, וועלכע האָבן אויף אַקווילען געזאָגט דעם פסוק פון תהילים „און חן איז אויסגעגאָסן אויף דיינע ליפּן", און זי איז פיל מאָל ציטירט דורך די חכמים סיי אין דער אגדה סיי אין דער הלכה. אַזוי ווייט איז געגאַנגען די באַגייסטערונג, וואָס מען האָט פון ס'ניי זיך גענומען צום אַלטן ביבלישן פּערוז, און מען האָט ווידער געזען אין דערדאָזיקער אי־בערזעצונג יֶפֶתעס גייסט פון דעם גריכישן חן, וועלכער האָט זיך באַ־זעצט אין די געצעלטן פון שֵׁם.

צי איז אַזאַ אורטיילונג געגרינדעט אויף דער אָפּאָזיציע קעגן דער אַלטער גריכישער איבערזעצונג פון דער ביבל, אָדער אויף דער ווירקלעכער אָנערקענונג פון דעם אינערלעכן ווערט פון דער נייער אי־בערזעצונג, איז שווער צו באַשליסן אויף דעם סמך פון די ווייניקע פראַגמענטן אירע, צו וועלכע מען דאַרף, לויט איינער אַ שאַרפזיניקער היפּאָטעזע, צוגעבן אויך די איבערזעצונג פון קהלת, וועלכע האָט זיך ביז אַהער גערעכנט פאַר אַנגעהעריק צו דער סעפּטואַגינטע־איבערזעצונג. אפשר איז אַקווילאַס איבערזעצונג געמאַכט נאָך דער נייער אויסטיי־

טשונג־סיסטעם פון רבי עקיבא, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, און אַדאַנק איר האָבן זי די תּלמודישע חכמים אין אַזאַ הויכן גראַד אָנערקענט, אַז זיי האָבן זיך ניט געשטערט צו ציטירן פון איר פאַרשיידענע וואַריאַנטן. אומאָפּהענגיק אָבער פון דידאָזיקע פראַגמענטן זיינען די טיילן פון אַ ביבלישער איבערזעצונג פון איינעם אַן אַקווילאַ II, וועלכע געפינט זיך אין דער מאַרקוס־ביבליאָטעק אין ווענעציע, און וועגן וועלכער קאָמפּעטענטע קריטיקער זאָגן, אַז זי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער צייט, מיט באַהאַוונטקייט אין דער סעפּטואַגינטאַ, אָבער בכּיוון האַלטנדיק זיך ווייט פון איר, אויפן גרונט פון דעם שפּעטער פעסטגעשטעלטן טעקסט און באַנוצנדיק זיך מיט די יידישע מיטלאַלטערישע גראַמאַטיקער.

דיזעלביקע באַדערפעניש האָבן אויך אַרויסגערופן צוויי ווייטערע איבערזעצונגען פון דער ביבל אויף גריכיש אין אַ ביסל אַ שפּעטערדיקער צייט, — פון ס י מ אַ כ ו ס און טעאָדאָטיאָן פון עפעס אין קליינאַזיע; די ערשטע — אין אַ ביסל אַ פרייער אויפפאַסונג, די צווייטע — אין אַ שטרענג וואָרטלעכער לגבי דעם העברעאישן טעקסט פון דער ביבל. אויך דידאָזיקע איבערזעצונגען זיינען פאַרבליבן נאָר אין צעוואָרפענע שטיקער, אַזוי ווי אייניקע קליינע פראַגמענטן, וועלכע זיינען געבליבן פון ענלעכע אונטערנעמונגען פון אַנאָנימע יידישע העלעניסטן. פון טעאָדאָטיאָנס ביבלאיבערזעצונג איז נאָך געבליבן דער ספר דניאל, וועלכע מען האָט שוין אין פריע צייטן געברויכט אָנשטאָט דער שלעכטער און פאַרפלאָנטערטער באַאַרבעטונג פון דעמדאָזיקן בוך אין דער סעפּטואַגינטאַ. די עלטערע איבערזעצונג איז מחמת דעם פאַרפאַלן געוואָרן און מען האָט זי ערשט אין פאָריקן יאָרהונדערט צוריק געפונען.

די איבערזעצונג פון סימאַכוס האַלט אין זיך איין דעם גאַנצן כאַראַקטער פון זיין צייט, מחמת דער איבערזעצער ברענגט אין איר צום אויסדרוק זייער דייטלעך זיינע דאָגמאַטישע איבערצייגונגען. באַזונדער אינטערעסאַנט און ווערטפול מאַכט זיינע פראַגמענטן דער אופן, ווי אַזוי ער גיט איבער זיין אויפפאַסונג פון גאָטס ריינער גייסטיקייט, פון תּחית המתים, פון אייביקן לעבן, ווי אַזוי ער מיידט אויס אַנטראָפּאָמאָרפיזמען און פאַרבייט זיי מיט אַנדערע אויסדרוקן, ווי אַזוי ער באַנוצט זיך טריי מיט די אויסטייטשונגען פון די יידישע שולן פון זיין צייט סיי בנוגע די פאָרשריפטן פון דער הלכה, סיי אויך בנוגע אַנדערע פראַגן, ענדלעך ווי אַזוי זיין איבערזעצונג איז פאַרבונדן מיט דער דעמאָלטיקער יידישער שפּראַכקענטעניש. דעריבער איז עס נאָך מערקווערדיקער, וואָס ער איז אין יידישע קוועלן ניט דערמאָנט, —

אויב ער איז ניט יענער סימאַכוס, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אַלס וועגן רבי מאירס אַ תלמיד, — לויט מען זאָגט, ווייל ער איז געווען קנאַפּ באַליבט, און מען האָט ניט געוואָלט, אַז זיין איבערזעצונג זאָל אַריבערוועגן אָדער גלייך געשעצט ווערן מיט דער באַשטעטיקטער אַקווילאַס איבערזעצונג. אָבער סימאַכוס האָט ניט געהאַט נייטיק קיין אויסערלעכע הסכמה: „ער האָט אויף זיין ווערק אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון זיין אינערלעכסטער אייגנטימלעכקייט".

וואָס אָבער אָנבאַלאַנגט דער איבערזעצונג פון דעם אויך אומבאַקאַנטן ביי די יידן טעאָדאָטיאָן, איז זי אָן ספק עלטער, אָבער ווייניקער אָריגינעל, און האַלט זיך שטרענגער איידער סימאַכוסעס פאַר דער בוכשטעבלעכער באַדייטונג פון דעם העברעאישן אורטעקסט און פאַר דער רעליגיעזער אויפפאַסונג, וועלכע עס האָבן געלערנט די שולן פון צווייטן יאָרהונדערט אין פאַלעסטינע. ער וויל אויסגלייכן אַקווילאַס איבערזעצונג מיט דער סעפּטואַגינטאַ, ער דערגאַנצט די בלויזן פון דער לעצטער, פאַרריכט אירע פעלערן, לאָזט איבער אַקווילאַס ווערטער דאָרט, וואו אים דאַכט זיך, אַז זיי זיינען פּאַסיק, פאַרבייט זיי מיט אַנדערע, וואו זיי קלינגען ניט וואויל, אָדער גיבן ניט ריכטיק איבער דעם זינען. באַזונדער אָפט לאָזט ער איבער, געגליכן צו דער סעפּטואַגינטאַ, די העברעאישע ווערטער דאָרט, וואו אים אַליין איז ניט אינגאַנצן קלאָר זייער טייטש.

לויט די פאָטערס פון דער קירכע, זיינען טעאָדאָטיאָן, ווי סימאַכוס, ביידע געווען יידן-קריסטן, עביאָניטן אָדער נאַזאָרעער; די לעצטע סעקטע זאָל פון דעמדאָזיקן סימאַכוס אויך האָבן באַקומען דעם נאָמען סימאַכיאַנער. אין די פראַגמענטן פון זיין ביבלאיבערזעצונג האָט מען כלומרשט געפונען אפילו אַ שפור פון זיין יידיש-קריסטלעכער אָפּשטאַמונג. לויט אַנדערע מיינונגען, איז סימאַכוס גאָר געווען אַ סאַמאַריטאַנער, וועלכער איז שפּעטער אַריבערגעגאַנגען צום יידנטום.

אַז טעאָדאָטיאָן האָט געלעבט פריער, איידער סימאַכוס — דאָס איז זייער וואָרשיינלעך; מיר געפינען אויך ביי העראָנימוסן, וועלכער שטייט, אַגב, אינגאַנצן אויף סימאַכוסוס אַקסלען, אַז ער, סימאַכוס, האָט איבערגענומען אַלע טעותן פון זיינע פאָרגייער.

די געטרייקייט פון די יידישע העלעניסטן צו דער רעליגיע פון זייערע עלטערן, פאַר וועלכער די שטאַרקע איבערזעצונגסטעטיקייט איז אַ גוטער עדות, ווערט אָבער באַשטעטיקט אויך דורך פיל אַנדערע ידיעות און דורך פיל גייסטיקע פּראָדוקטן פון שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן. די איבערזעצונג פון **איוב**, די **וועלטכראָניק** פון **טאַלוס**, וועלכן

מען האָט געהאַלטן פאַר א סאַמאַריטאַנער, די אַפּאָקאַליפּטישע שריפט פון היסטאַספּעס, די געשיכטעס פון העקאַטעוס פון אַבדעראַ, די שפּרוכזאַמלונגען פון דעם פּסעוודאָ-מענאַנדער, די העראַקליטישע בריוו, די לעבנסבאַשרייבונגען פון הערמיפּ, דעם ריטאָר צעציליוס פון קאַלאַסטע, די קאָנטראָפּערזן פון דעם מאַרטירער יוסטין מיט טריפאָנען, פון יאַזאָנען מיט פּאַפּיסקוסן, די פּסעוודאָ-פילאָנישע רעדעס וועגן יונה און שמשון, אייניקע ווערק, וועלכע ווערן פאַלש צוגעשריבן דעם נעאָפּלאַטאָניקער נומעניוס, וועלכע זיינען אָבער פון יידישער אָפּשטאַמונג, און אין וועלכע פּלאַטאָן ווערט גערימט אַלס דער אַטענישער משה, באַמערקונגען צעשפּרייטע ביי די פּאַטערס פון דער קירך און פיל אַנדערע ידיעות — זיינען אַן ערבות דערויף, אַז דער גייסטיקער אינטערעס פון די העלעניסטישע יידן צו פילאָסאָפישער און דיכטערישער אויפפאַסונג פון זייערע רעליגיעזע דענקמעלער איז נאָך אויף לאַנג פאַרבליבן און האָט אַרויסגערופן ליטעראַרישע באַאַרבעטונג.

דער שטורעם פון די צייטן האָט כמעט דידאָזיקע אַלע ווערק פאַרניכטעט און איבערגעלאָזן פון דער גאַנצער ליטעראַטור פון דעם יידישן העלעניזם, אחוץ ווייניקע אויסנאַמען, נאָר אָרעמע רעשטן. אָבער אויך פון דידאָזיקע אָרעמע באַווייזן פון דער שרעקלעך צערודערטער צייט דערקענען מיר דעם גייסט, וועלכער האָט דורכגעדרונגען די יידיש-העלעניסטישע ליטעראַטור, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער טרייער איבערגעגעבנקייט צו דער רעליגיעזער מסורה דורכגעלייגט א וועג צו א העכערן גייסטיקן אויפפאַסן פון דעם געזעץ און פון דעם ביבלוואָרט, און וועלכע האָט געזוכט צו דערהויבן און צו פאַרטיידיקן דאָס יידנטום קעגן די אָנפאַלן מצד די היידן. דאָס, וואָס דידאָזיקע גייסטיקע שטרעמונג איז שפּעטער פאַרשלונגען געוואָרן אין קריסטנטום, — דאָס איז געלעגן אין די פרעמדע עלעמענטן, וועלכע זי האָט כסדר אין זיך אויפגענומען און אַסימילירט מיט אירע גריכישע אָנשויאונגען.

אין איין ריי מיט דערדאָזיקער איז אָבער אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער זעלבשטענדיקער יידישער ליטעראַטור געגאַנגען נאָך איינע, אַן אַנדערע גייסטיקע שטרעמונג, וועלכע האָט געהאַט ווייניק מגע-ומשא מיט אַלע פרעמדע עלעמענטן, וואָס אין איר אייגנאַרטיקייט שטרענג אָפּגעזונדערטערהייט אַנטוויקלט, און וואָס אין זיינען געלעגן פאַרבאָרגן די קערנער פון דער שפּעטערדיקער געשטאַלטונג פון גייסטיקן לעבן. פאַר דערדאָזיקער שטרעמונג איז דער פעסטער גלויבן אין דער תורה געווען דער העכסטער פּרינציפּ פון

לעבן, און דער כלל: גאָרנישט צו פאַרשרייבן, — איז געווען אַ נאָרמע, אויף וועלכער מען טאָר ניט עובר זיין. דעריבער ווערט ניט דער־מאָנט קיין שום בוך און קיין שום שריפטשטעלער פון יענער צייט, אין וועלכער עס האָט געקאָכט אַזאַ גייסטיק לעבן, אָבער עדות זאָגן אויף איר קאָן ערשט די יידישע ליטעראַטור פון דעם נאָענטסטן יאָר־הונדערט.

דריטער פעריאָד

די תלמודישע ליטעראַטור

פון 100 יאָר פאַר ביז 750 יאָר נאָך קר. געב.

אַרײַנפיר.

ירושלים איז געווען צעשטערט, דער טעמפל — פאַרניכטעט אין פלאַמען, די מלוכה — צעפאַלן, און דאָס פאָלק יהודה האָט זיך געגרייט צו זיין גרויסער גלות=וואַנדערונג דורך יאָרטויזנטער איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומפאַרגלייכלעכע טראַגעדיע, וועלכע קאָן ניט אַרונטערגיין אונטער קיין עסטעטישער קאַטעגאָריע. אָן אייגהייט פון אָרט, וואָרעם סיי אין היימישן מזרח, סיי אין ווייטן מערב, ווערן די קינדער פון יידישן פאָלק פאַרפאָלגט; אָן אייגהייט פון צייט, וואָרעם קרוב פון צוויי יאָרטויזנטן שפילט זיך־שוין די טראַגעדיע אָפּ, און נאָך איז איר ענדע ניט פאָראויסצוזען; און אויך אָן אייגהייט פון האַנדלונג, אויף וויפיל די פאַרפאָלגער זיינען געווען ערפינדעריש אין פייניקונגס=מיטלען, און יעדער פרימאָרגן האָט געבראַכט נייע ליידן אויף דעם פון שטורעמס געבראָכענעם יידישן פאָלק.

מען האָט געזאָגט, און אין די געשיכטע=ביכער איז אָפּט איבערגעחזרט, אַז די פאָליטישע געשיכטע פון די יידן האָט זיך געענדיקט מיטן חורבן ירושלים. גלייך ווי פאָליטישע וואָלט געווען נאָר די געשיכטע פון די מעשים פון אַ נאַציע און ניט פון אירע ליידן, גלייך ווי אַ משך פון אַכצן הונדערט יאָר כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען האָט ניט דאָס טרויעריקע רעכט אָנגערופן צו ווערן פאָליטישע געשיכטע אין דעם שטאַרקסטן זין פונם וואָרט.

אָבער דער יידישער שטאַם עקסיסטירט נאָך, ער, וואָס איז אין דערזעלביקער צייט אי דער העלד אי דער דיכטער פון יענער וועלטגעשיכטלעכער דראַמע, וועלכע האָט כמעט קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון די פעלקער.

ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען? איינער אַ גרויסער דיכטער האָט דידאָזיקע איינציק שטייענדיקע מערקווירדיקע ערשיינונג אין דער גע=

שיכטע אָנגערופן די גרעסטע רעטעניש פון די פעלקער, די דערהייבנ־סטע פּאָעמע פון אַלע צייטן, וועלכע וועט מסתמא דערגיין ביז דער לעצטער אַנטוויקלונג פון דעם גרויסן נאָך ניט באַרירטן פּלאַנעטער פון אַלע פעלקער אויף דער ערד. אָבער ער האָט געפילט, אין וואָס עס ליגט די באַשיידונג פון דערדאָזיקער רעטעניש, וואָרעם ער האָט גע־האַלטן די געשיכטע, דאָס אָרט־לעבן און דעם קיום פונם דאָזיקן פאָלק פאַר דעם אמתן רעזולטאַט פון יענע וואונדער און שריפטן, וועלכע מיר ווייסן און האָבן פון אים. און באמת, אין דער יידישער ליטעראַ־טור ליגט די באַשיידונג פון דער רעטעניש, ווי אַזוי אַ פאָלק, וואָס איז אָפּגעשטויסן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, און געטריבן און געיאָגט, איז ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען פאַרבליבן, און נאָך אַכצן יאָרהונדערטן פון אַזאַ געשיכטע, פון אַזאַ שרעקלעכער טראַ־געדיע, וועלכע האָט דאָך ביי די צושויער ניט אַרויסגערופן קיין מורא און קיין מיטלייד, אָדער ניט גערייניקט די נשמות, האָט געקאָנט אַרויסטרעטן שטאַרקער און צאָלרייכער און גייסטיק פרישער, איידער אין די טעג, ווען עס האָט זיך אַוועקגעלאָזן וואַנדערן איבער דער וועלט מיט זיין גרויסן וועלטבוך און האָט פאַרלאָזן אַלץ, וואָס אים איז אַמאָל געווען הייליק און טייער: זיין היים און זיין טעמפּל.

דאָס ליידן איז געווען די ירושה פון דעם יידישן שטאַם, דאָס דענקען און דאָס פאָרשן — געוואָרן די אויפגאַבע פון זיין לעבן. **ליידן** און **דענקען** צוזאַמען אינמיטן אַלערליי פאַרפאָלגונגען און פיינען — דאָס איז פון איצט אָן דער דעוויז פון דער יידישער גע־שיכטע, וואָס דער עיקר מהות אירער איז געווען זיין ליטעראַטור. וואָ־רעם די יידן זיינען געוואָרן גערודפט און אויסגעראָטן, אָבער דאָס יידנטום איז געבליבן און פון דעם אַש פון יעדן שייטערהויפן איז די יידישע ליטעראַטור, געגליכן צום פעניקס, אַרויס מיט נייע קרעפטן און מיט נייער יוגנט. פעלקער און לענדער זיינען אונטערגעגאַנגען, טראָגנען זיינען איינגעפאַלן און ערדטיילן זיינען פון ערדציטערניש חרוב געוואָרן, „אָבער זיי, די יידן, זיינען געזעסן אָנגעבויגן איבער זייער בוך און האָבן גאָרניט באַמערקט דעם ווילדן שטורעם פון דער צייט, וואָס האָט זיך איבער זייערע קעפּ אַריבערגעטראָגן.

די יידישע ליטעראַטור וואַנדערט צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק איבער דער ערד און ווערט באמת אַ וועלטליטעראַטור. נאָר אין די בליענדיקע טעג פון איר יוגנט האָט זי געזען אַ היימאַט, און זי האָט באַ־וויזן די וואונדערלעכע ערשיינונג, אַז אַ שטאַם אפילו אָן אַ היים און אָן אַ פאָטערלאַנד קאָן האָבן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וועלכע בילדעט

דעם קערן פון זיין עקסיסטענץ, און אַרום וועלכער די אויסערלעכע געשיכטע פון ליידן לייגט זיך ווי אַ גראָבע שאָלעכץ, כדי דער קערן זאָל פון דעם אײַזקאַלטן אָטעם פונם מיטלאַלטער ניט קאַליע ווערן און בלייבן גאַנץ פאַר די משיח־טעג פון דעם פעלקער־פרילינג, וועלכער מוז דאָך אָנקומען.

אַזוי איז דאָס יידישע פאָלק געוואָרן און געבליבן דאָס פאָלק פון האָפענונג. די האָפענונג האָט עס באַלעבט אויך נאָך זיין ביישפּיל־לאָזן אונטערגאַנג. דער באַוואוסטזיין פון אַ גרויסער מיסיע האָט אים געגעבן כוח צו שטיין פעסט אויף די פיס. זיין קאָסמאָפּאָליטישער כאַ־ראַקטער האָט זיך אים פּלוצלונג געשטעלט קלאָר און העל פאַר די אויגן אין די פלאַמען פון זיין ברענענדיקן בית־המקדש. עס האָט גע־האַט צו טראָגן איבער דער וועלט אַ אידעע, וואָס זיינע לערער און נביאים האָבן אין זיין מוח איינגעקריצט, אַ איבערצייגונג צו פריידיקן: אַז גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער, און אַז עס מוז אַמאָל אָנקומען אַ טאָג פון פרידן און פון פרייהייט און פון קענען גאָט פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. ווי צעזאַר, וואָלט עס געקענט אָנווייזן אויף זיין תּנך און זאָגן: ס'דאָזיקע בוך טראָגט אין זיך דאָס פאָלק יהודה און זיין גורל!

און וואָס עס איז אפשר דאָס מערקווערדיקסטע: סיי אין די זאָגן און לעגענדעס, וואָס האָבן די אימות פונם חורבן אַרומגעשפּונען מיט זייערע צויבער־פעדים, סיי אין די ווערטער פון די לערער און די פּי־רער, וועלכע האָבן אין יענער שטורעמדיקער צייט געהאַט צו מוסרן און צו טרייסטן דאָס פאָלק, טרעט שוין מיט פולער קלאָרקייט אַרויס דער באַוואוסטזיין פון דער דאָזיקער אידעאַלער מיסיע. זאָל זיין, אַז דער טעמפּל איז געוואָרן צו רויב פון די פלאַמען — דאָס איז געווען גאָטס ווילן. זאָל זיין, אַז די כהונה און די קרבנות זיינען אונטערגע־גאַנגען — ניט מיט זיי איז געווען געבונדן דער קיום פונם יידנטום, דאָס יידנטום האָט געהאַט צו דערפילן אַ העכערע און אַ וויכטיקערע מיסיע.

עס האָבן זיך נאָך געראויכערט די חורבות, עס האָבן נאָך געטליעט די פונקען אונטערן אַש פון דעם בית־המקדש, ווען אין יבנה האָט זיך שוין געעפנט די ישיבה מיט אַ קרייז פון תּלמידים. אַ „הייליקע רעשט" האָט זיך אָנגעזאַמלט אַרום דער פאָן פון דעם גרויסן לערער, וועלכער האָט אינמיטן אונטערגאַנג אָנגעזאָגט דעם וויטערדיקן קיום, אינמיטן פאַלן — די צוקונפט פון דער תּורה. די צדוקים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, ווייל עס זיינען פאַרשוואונדן די תּנאים פון זייער קיום, די קנאים זיי־

נען געשטאַנען בייזע פון דער זייט, אָדער זיי זיינען פאַרטריבן גע-
וואָרן אין דער פרעמד, נאָר די פרושים זיינען פאַרבליבן און האָבן
אויף די חורבות פון דעם אַלטן תיכף אויפגעשטעלט דעם בייעם
בנין פון דער יידישער לערע, ביט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, וואָס
די שונאים האָבן פאַר זיי אָנגעברייט.

וואָרעם כמעט נאָך אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט האָבן געדויערט
די מלחמות אויף טויט און אויף לעבן פון יידישן פאָלק. און פון יע-
נער מילדקייט און טאָלעראַנץ, וועלכע ווירגיל האָט גערימט אין וועלט-
באַהערשנדיקן רוים בנוגע צו זיינע באַזיגטע שונאים און פרעמדע קול-
טורן, האָבן די יידן דעמאָלט גאָרנישט ניט געזען. מיט אייזערנער
שטרענגקייט האָבן זיך די רוימער באַגאַנגען מיט די אומגליקלעכע
רעשטן פונם ווידערשפעניקן פאָלק, וועלכע האָבן כמעט נאָך צוויי הונ-
דערט יאָר פאַרגעזעצט זייער גייסטיקע טעטיקייט אויף דעם באָדן פון
זייער היימאַט, און געהאַט זייער רעליגיעזן צענטער אין דער נשיאות
און אין דעם סנהדרין. פון דאָמיציאַנען פאַרפאָלגט, פון טראַיאַנען באַ-
קעמפט, פון אַדריאַנען לכתחילה באַגנעדיקט און נאָכדעם נאָך
שרעקלעכער געפייניקט, פון זייערע יורשים געדולדיקט, — האָט
דער רעשט פונם יידישן פאָלק, וואָס איז נאָך פריער, אָדער נאָכן
חורבן ניט אַוועק אין גלות, געלעבט אַ קלאָגעדיק און אומרואיק
לעבן. אויך די לעצטע שטראַלן אויף אַ בעסערער צוקונפט זיינען
פאַרשוואונדן, ווען דער קריסטנטום, וואָס איז פון אים אַרויסגעקומען,
האָט דערגרייכט ביזן קייזערלעכן טראָן און האָט אויף דער ביקעער
פאַרזאַמלונג איבערגעריסן מיט דער מוטערלעכער רעליגיע. אין דער
צייט פון קאָנסטאַנטין האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די רדיפות אויף
יידן, יוליאַן אַפּאָסטאַטאַ האָט זיי אָפּגעשטעלט, אָבער שוין אין דער
צייט פון טעאָדאָסיוס II האָבן זיי אויסגעבראָכן מיט שטורמישער קראַפט,
און אַפילו די צעטיילונג פון דער מלוכה האָט גאָרנישט ניט געענדערט
אין זייער לאַגע. אין דער צייט פון יוסטיניאַן איז די קנעכטשאַפט פון
די יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעץ און אַ נאָרמע. אויב די
פריערדיקע קייסאָרים האָבן קיינמאָל דער בירגערלעכער עקסיסטענץ
פון די יידן ניט באַדראָט און די פרייע בירגער קיינמאָל פאַר שקלאַפן
ניט געמאַכט, האָט יוסטיניאַן אַרויפגעלייגט זיין האַנט אַפילו אויף
זייער תורה, כדי זי צו פאַרניכטן. אַ ביסל בעסער איז געוואָרן די
לאַגע פון די יידן אין דער צייט פון העראַקליוס, ווען די פּערסער
האָבן זיך אַריינגעריסן אין די גרעניצן פון דער אָפּגעשוואַכטער רוימי-
שער מלוכה; די ווייטערדיקע עפּאָכעס פון עינויים פאַלן צונויף מיט די

נצחונות פון דעם שטייגנדיקן און מאַכט=ערוואָרבענדיקן קריסטנטום.

בעסער איידער אין דער רוימישער אימפּעריע איז געווען די לאַגע פון די יידן, וועלכע זיינען אַרויסגעפאָרן קיין ב ב ל. פון אַלעמאָל אָן איז ס׳דאָזיקע לאַנד געווען אַ צווייטע היימאַט פאַר ישראל; פון דאָרט זיינען אָנגעקומען די גרעסטע לערער, דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרויסע קאָלאָניע פון יידן מיט רעליגיעזע אָנשויאונגען, וועלכע זיינען געווען קרובהשע צו די אָנשויאונגען פון די פּאַלעסטינישע. די העגעמאָניע פון דעם בבלישן יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערך מיטן דריטן יאָרהונדערט נאָך קר. געב., ווען די מלוכה פון די פּאַרטער איז חרוב געוואָרן דורך די סאַסאַנידן.

די לעצטע פירשטן פון די פּאַרטער זיינען ווי די ערשטע קיניגן פון דער נייער פּערסישער מלוכה געווען פריינדלעך געשטימט צו די יידן. ערשט ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט די זאָראָאַסטרישע לערע, האָט זיך פאַר די יידן אָנגעהויבן אַ צייט פון צרות אויך צווישן פּרת און חידקל. אויב שבור I האָט זיך צו זיי באַצויגן גוט, האָבן זיך דערפאַר באַזונדער שלעכט צו זיי באַצויגן שבור II, עזדיגער III און פירוז IV, הגם זיי זיינען שטענדיק געבליבן טרייע דינער צו דער מלוכה. די עצה, וואָס דער נביא ירמיהו האָט זיי אַמאָל מיטגעגעבן, ווען זיי זיינען געגאַנגען קיין בבל: „און זוכט די טובה פונם לאַנד, אין וועלכן איר לעבט", איז צו זיי אין פלייש און אין בלוט אַריבערגעגאַנגען און קיינע פאַרפאָלגונגען האָבן ניט געקאָנט אָפּשוואַכן זייער טרייקייט. פון דעם זעלביקן בבל אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די סאַסאַנידן שטאַמט דאָס וואָרט, וואָס עס האָט געזאָגט איינער פון די גרעסטע לערער: „דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז דאָס אמתע געזעץ".

דעריבער פלעגט זיך די לאַגע פון די יידן אין דער נייפּערסישער מלוכה תּיכּף ענדערן צום גוטן, ווי נאָר בעסערע פירשטן פלעגן קומען צו דער הערשאַפט. אָבער די תּורה האָט מען ניט אויפגעהערט צו לערנען אַפילו אין דער צייט פון די פאַרפאָלגונגען; העכסטנס פלעגט מען דאָס לערנען באַגרעניצן אָדער האַלטן בסוד, און ס׳פלעגט ווידער אויפבליען, ווען בעסערע צייטן פלעגן אָנשטיין, ווי די צייטן פון אַנאָשאַרוואַן, וועלכער האָט יידן ווידער געגעבן די פרייהייט פון דער רעליגיעזער בילדונג, אָבער שוין זיין נאָכפאָלגער האָרמוז האָט זי שטאַרק באַגרעניצט. מיט דעם פאַלן פון דער פּערסישער מלוכה זיינען די פאַרפאָלגונגען פון די יידן שטאַרקער געוואָרן. די יידן זיינען געוואָרן אַ שפּילצייג אין די הענט פון פאַרשיידענע הערשער און שטאַטהאַלטער,

און ערשט די מפלה פון דער סאסאנאנידישער מלוכה דורך די אראבער האט זיי געבראכט אויף א געוויסער צייט דערלייכטערונג.

אין דער צייט פון די אראבער איז אנגעשטאנען א ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון די יידן. דאס לאנד פון די אראבער איז שוין פון כמה יארהונדערטן געווען באזעצט פון יידישע שבטים, וואס זייער איינוואנדערונג און זייער עקסיסטענץ איז באפוצט געווען מיט פארשיידענע לעגענדעס. „דאס פאלק פון דער שריפט“ — אזוי האבן די אראבער גערופן מיט א כאראקטעריסטישן אויסדרוק די יידן, וועלכע זיינען זייערע לערער געווען אין פארשיידענע קענטעניש און האבן מיט זיי קאנקורירט אין דער פאעטישער שאפונג.

אבער בשעת דארט האט אויפגעבליט א ניי גייסטיק לעבן, און צוליב דעם זיינען שפעטער די לענדער, וועלכע דער איסלאם האט באהערשט, געווארן א מקום־מקלט פאר דעם פארפאלגטן יידנטום, — האט זיך די אויסערלעכע לאגע פון די יידן אין אייראפע אלץ ערגער און טרויעריקער אויסגעבילדעט. ווען פון דער קימערישער נאכט האבן זיך ארויסגעריסן ווילדע הארדעס און עס האט זיך אנגעהויבן יענע גרויסע פעלקער־וואנדערונג, וועלכע האט חרוב געמאכט די רוימישע הערשאפט, איז אויך דאס יידישע פאלק געווארן אין אלע עקן וועלט צעשפרייט און אומעטום שטרענג באדריקט. אבער טונקל און קנאפ זיינען די ידיעות, וואס מיר האבן וועגן זייערע וואנדערונגען און באזעצן זיך און וועגן זייער גייסטיקן לעבן אין יענע לענדער, וואו זיי זיינען צעזייט געווארן.

שוין לאנג פאר גלות בבל האבן יידן געלעבט אין שפאניע, און לויט דער לעגענדע איז דער נביא יונה אהער אנטלאפן פון פאר גאטס צארן, אבער מיט דעם אריינוואנדערן פון די וועסטגאטן הייבן זיך אן אונזערע ידיעות וועגן דעם יידישן אויפהאלטן זיך אין לאנד און צוזאמען דערמיט אויך וועגן זייערע ליידן און פארפאלגונגען. ווי נאר די וועסטגאטישע קיניגן האבן זייער אריאנישן גלויבן פארביטן אויפן וועסטגאטישן, האבן זיי גלייך אנגעהויבן צו באדריקן די יידן. רעקארעד און סיזיבוט, סיזענאנד און כינטילא, כינדאסווינט און רעקעסווינט, ערוויג און עגיקא האבן ווי קאנקורירט איינער מיטן אנדערן אין פארפאלגן די יידן, זיי באגרעניצן, דערנידעריקן און פארניכטן. די ביכער פון די וועסטגאטישע געזעצזאמלונגען זיינען א כסדרדיקע כראניק פון יידנפארפאלגונגען, וועלכע זיינען דאס רוב ארויסגערופן דורך די גייסטלעכע און האבן לסוף געפירט צו דער אלטערנאטיוו: אדער שמדן זיך, אדער פארלאזן דאס לאנד. ערשט ווען די אראבער זיינען אין 711 אריבער דעם גיבראלטארער ים־פאס און האבן אין דער שלאכט

לעבן כערעז דע לאַ פראַנטערא געמאַכט אַ סוף צו דער וועסטגאָ־טישער מלוכה און איינגענומען דאָס לאַנד, דעמאָלט האָבן זיך פאַר יידן אָנגעהויבן בעסערע טעג.

אויך אין איטאַליע האָבן די יידן נאָך דער פעלקערוואַנ־דערונג, אויב ניט נאָך פריער, זיך אָפּגעזעצט. און אויך דאָרט זיינען זיי געווען באַדריקט—פון די אָסטגאָטן, פון וועלכע שפּעטער זיינען ניט אָפּגעשטאַנען די ביזאַנטישע קייסאָרים. אין דער צייט פון לעאָן דעם איסאַאוריער איז פאָרגעקומען איינע פון די שרעקלעכסטע רדיפות, וועל־כע האָט געבראַכט צו אַ שטאַרקער אויסוואַנדערונג אין ווייטע לענדער, אַפילו ביז קרים און סאַרמאַטיע און ביז קאַווקאַז. ניט פיל בעסער איז געווען די יידן אונטער דער מאַכט פון די פּויפּסטן, פון וועלכע נאָר גרעגאָר I האָט זיי געשיצט, אָדער אונטער דער מאַכט פון די לאַנגאָ־באַרדן, וועלכע האָבן באַהערשט די צפונדיקע העלפט פון איטאַליע.

איידער דער קריסטלעכער גלויבן איז אַהין אריינגעדרונגען, איז די לאַגע פון די יידן אין דער פראַנקישער מלוכה און אין בור־גונדיע געווען אַ ביסל אַ גינסטיקערע. יידן האָבן שוין געוואוינט אין גאַליע אויפן ריין אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט. ווען כלאָדוויג האָט אָנגענומען קריסטנטום, האָבן זיך דאָרט אויך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דאַגעבאַרט געפירט צו דער זעלביקער אַלטערנאַטיוו, ווי אין אַנדערע לענדער, ווען דער זיג־רייכער קריסטנטום האָט טריאומפירט: שמד, אָדער טויט! די מעראָווינגי־שע געזעצגעבונג האָט בנוגע יידן געהאַט די טרויעריקע ענלעכקייט מיט דער וועסטגאָטישער, און די לעצטע האָט זיך ווייניק אונטערגע־שיידט פון די דעקרעטן פון דעם ביזאַנטישן קייסער. אומעטום באַרוי־בונג פון אַלע רעכט, וועלכע זיי האָבן פריער געהאַט, דרוק, אומדער־טרעגלעכע שטייער־לאַסט, באַגרעניצונג פון באַשעפטיקונגען מיט מיאוסע אָדער דערנידעריקנדיקע מלאכות, אויסשלוסן פון אַלע אמטן, פון מיליטערדינסט און רעליגיעזן צוואַנג.

אין דער צייט פון די קאַראָלינגען איז די לאַגע ווידער בעסער גע־וואָרן. קאַרל דער גרויסער האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען זייער קול־טורגעשיכטלעכע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם וועלטהאַנדל און האָט זיך דעריבער גוט באַצויגן צו זייער טעטיקייט און צו זייערע ישובים. די ערשטע קאָלאָניעס פון יידן אין דייטשלאַנד זיינען אַפּנים געגרינדעט געוואָרן דורך די פאַרטריבענע פון פראַנקרייך פאַר די מעראָווינגער, און דערנאָכדעם פאַרשטאַרקט דורך די צוגעקומענע פון איטאַליע און פון אַנדערע לענדער. די יידן זיינען גוט באַהאַנדלט

געוואָרן אויך פאַר קאַרלס יורשים לודוויק דעם פרומען און קאַרל דעם פליכעוואַטן. ערשט קאַרל דער תּם האָט אָנגעהויבן זייער האַב און גוטס צו שענקען דער קירכע און זיי צו באַדריקן. די ווייטערדיקע קיניגן האָבן דידאָזיקע שיינע מעשים פאָרטגעזעצט מיט גרויס פלייס. אומעטום זיינען עס די גייסטלעכע געווען די מענטשן, וועלכע האָבן גערייצט דעם צאָרן פונם פאָלק און פון די פירשטן קעגן די יידן. אָבערגלויבן, אומוויסנהייט און פאַנאַטיזם האָבן זיך פאַראייניקט קעגן יידישן פאָלק, כּדי עס צו פאַרניכטן. שטופנווייז האָט זיך זינט דעם חורבן פון ירושלים די יידישע לאַגע פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט אַלץ פאַרערגערט און פאַרערגערט. צום סוף פון דער געשילדערטער צייט זיינען די פאַרפאָלגונגען פון די יידן אין גאַנץ אייראָפּע, אַחוץ שפּאַניע, געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

אָבער דער יידישער שטאַם איז דאָך נאָך אַלע דידאָזיקע פאַרפאָלגונגען אין זיין אינערלעכן מהות געבליבן גאַנץ. די מאָטאָרן פון דערדאָזיקער מערקווירדיקער ערשיינונג זיינען געווען — די רעליגיעזע צענטראַליזאַציע און די גייסטיקע אַרבעט.

אין די ערשטע יאָרהונדערטן נאָך דעם חורבן פון די יידן האָבן דער סנהדרין און די ישיבה געבילדעט דעם רעליגיעזן צענטער. פון דאַנען אויס האָט דאָס גייסטיקע לעבן געשטראָמט אין די וויטסטע לענדער, פונדאַנען איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די רעליגיעזע נאָרמע. פונדאַנען שטאַמט אויך די אַנטוויקלונג פון דער לערע ביז צו יענער גרויסער פאַרצווייגטער סיסטעם פון תּלמודיזם, וועלכע האָט פאַר איר פאַרענדיקונג באַדאַרפט אַ משך פון כּמעט זעקס הונדערט יאָר, און וועלכע האָט אויסגעפילט כּמעט די גאַנצע צייט ביז דער הערשאַפט פון די אַראַבער אין שפּאַניע און ביז דער שאַפונג פון אַ נייעם גייסטיקן לעבן און פון נייע רעליגיעזע שטרעמונגען. דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער אַנשטאַלט, דער פּאַטריאַרך אָדער עטנאַרך איז געווען דער רעליגיעזער ראש איבער די יידען אין גלות. ער איז געווען דער פאָרזיצער אין סנהדרין, וואו עס זיינען געגעבן געוואָרן תּשובות אויף אָנפראַגעס, אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן, דערקלערט געוואָרן שטרייט־פראַגן פון געזעץ, געמאַכט געוואָרן נייע פאַראָרדענונגען און אַלטע — מבטל געמאַכט, דער עיקר אָבער זיינען דאָרט באַשטימט געוואָרן די טעג פון די יום־טובים.

דורך דעם רעגולירן דעם קאַלענדאַר האָט דער פּאַטריאַרך באַקומען אַ באַזונדער שטאַרקע מאַכט. דאָס יאָר איז געווען אַ צוזאַמענגעזעצטס, אַזוי אַז די צייט פון די יום־טובים פלעגט אין געזעץ אַמאָל זיין אָפּהענגיק פון דער לבנה, אַמאָל פון דער זונס איינפלוס אויף די

צייטן פונם יאָר. ברענגען די אויסגלייכונג צווישן זון־יאָר און לבנה־יאָר, איינשטעלן די יום־טובים לויט דעמדאָזיקן לוח, באַזונדערס אָנזאָגן די צייט פון ראש־חודש — דאָס איז געווען די זאַך פון פּאַטריאַרך. אים און זיינע שטעלפאַרטרעטער האָט אויך געהערט די מאַכט איינצו־פירן די תפילות אויף דעם אָרט פון די פריערדיקע קרבנות. אייניקע תפילות האָבן זיך שוין געפונען אין די ביבלישע שריפטן, אַנדערע זיי־נען מונדלעך איבערגעגעבן געוואָרן און אָנגעוויזן אויף די אנשי־כנסת־הגדולה, איצט זיינען צו זיי צוגעקומען ניַיע.

דער געביט פון געזעץ, רעאָרגאַניזירט און פעסטגעשטעלט דורך דעם סנהדרין, איז אין אַלגעמיין פאַרבליבן ביי דער זעלביקער פאָרם, וועלכע ער האָט אָנגענומען אין די צייטן פון נאַציאָנאַלער זעלב־שטענדיקייט, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, דעם טייל, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ירושלים און צום בית־המקדש. פאַרקערט — זיינען נייטיק געווען נייע כללים בנוגע די יידן־קריסטן, וועלכע מען האָט גע־דאַרפט אָפּשיידן פון די יידן דורך אַ רעליגיעזער וואַנט; עס איז אַפילו נייטיק געווען מצד דעם סנהדרין אַ חרם קעגן זיי, זינט זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט דורך פייערן דעם זונטאָג אַנשטאָט שבת. אין דער צייט פון פיר רוימישע קייסאָרים האָט דער סנהדרין אַנטוויקלט אַ כסדרדיקע אומגעשטערטע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט, מיט דעם ציל איינצואָרדע־נען די רעליגיעזע ענינים. ערשט אין דער צייט פון האַדריאַנען ווערט, אַפּנים, דידאָזיקע אַרבעט געשטערט. דער סנהדרין פאַרלאָזט יַבְנֶה און וואַנדערט אַריבער קיין אושא אין גליל, פון וואַנען עס גייען אינגיכן אַרויס זייער וויכטיקע פאַראָרדענונגען בנוגע דעם סאָציאַלן לעבן. די לעצטע קראַמפּן פון דעם יידישן מלוכה־אָרגאַניזם און דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא האָבן לחלוטין אונטערגעבראָכן דידאָזיקע טעטיקייט פון דעם סנהדרין; דאָס איז אויך געווען דער פועל־יוצא פון האַדריאַנס רע־ליגיעזע פאַרפאָלגונגען, בשעת ירושלים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עליא קאַפּיטאָלינאַ, און דער הר־הבית — אין אַ הייליקטום פאַר יופיטער.

אָבער שוין פאַר דעם קייסער וואָס נאָך אַדריאַנען, מן הסתם לויט דעם באַשלוס פון אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין אושא, איז דער סנהדרין ווידער אויפגעשטעלט און דער פּאַטריאַרכאַט פון ס׳ניי איינ־געפירט געוואָרן. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט זיך אין בבל, נעמלעך אין נהר־פּקוד, געבילדעט אַ קעגן־סנהדרין, מחמת אין פּאַלעסטינע איז פאַר אָפּהיטן די יידישע רעליגיעזע מנהגים באַשטימט געווען טויט־שטראָף. ערשט נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן, איז דערדאָזיקער סנהדרין בטל געוואָרן, כדי ניט צו שטערן די איינהייט פונם רעליגיעזן לעבן.

אין דער צייט פון יהודה I, וועלכער איז שטארק געאכט און האט געטראגן דעם טיטל נשיא (פירשט) אדער אויך „הקדוש", האט דער פאטריארכאט דערגרייכט צו דער העכסטער גדולה, ווייל כמעט אלע קאמפעטענצן פון דעם סנהדרין זיינען איבערגעגעבן געווארן דעם נשיא. זיין רעזידענץ איז געווען אין ציפורי און וועגן זיין באַ־דייטונג פארנגייסטיקן לעבן,— ווייל דעמאלט איז די מסורה אין א געוויסער מאס אפגעשלאסן געווארן,— וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידן.

אבער ביסלעכוויז גייט פאלעסטינע אוועק אין הינטערגרונד, און דער רעליגיעזער שטראם איז אריבערגעטראגן געווארן קיין בבל. כמעט אכט הונדערט יאר בלייבט בבל די רעזידענץ פון דער וויסנשאפט פונם יידנטום, און פון דארט אויס איז זי אריבערגעפלאנצט געווארן אין אלע לענדער פון גלות. דער פאטריארכאט אין לאנד יהודה האט אלץ מער און מער פארלארן זיין באדייטונג, מחמת דעם, וואס ער האט זיין וויכ־טיקסטע פונקציע— די פעסטשטעלונג פון די יום־טובים דורך איינשטעלן א פעסטן קאלענדאר, אליין צו נישט געמאכט, ביז ער איז סוף־כל־סוף אין דער צייט פון טעאדאסיוס II, פון וועלכן איינער א באדייטנדיקער היסטאריקער הייבט אן צו רעכענען דאס יידישע מיטלאלטער, אינגאנצן בטל געווארן.

אבער דער צוזאמענהאנג פון די יידישע געמיינדעס איז דורכדעם ניט בטל געווארן, ווייל ער האט זיין רעליגיעזן ראש געפונען אין בבל און אין דער דארט בליענדיקער ישיבה, וואו מען האט געלערנט תורה. די בבלישע יידן האבן זיך געפונען אונטער דער הנהגה פון אן עקי־זילארך (ריש־גלותא), וועלכער איז אין דערזעלביקער צייט געווען אויך א הויכער שר פון דער פערסישער מלוכה, און האט פארנומען דעם פערטן ארט נאכן קיניג. די לעגענדע פירט די אפשטאמונג פון די עקזילארכן פון בבל ביז זרובבלן, אלזא צו דער אפשטאמונג פון מלכות בית דוד. די געשיכטע ווייס אלע נעמען פון די עקזילארכן און טיילט מיט פיל ידיעות וועגן זייער הנהגה, וועגן זייער טעטיקייט, אבער אויך וועגן זייערע מיסברויכענישן. די הויפטאויפגאבע זייערע איז געווען: זאמלען די טעמפל־ און מלוכה־שטייערן, אויך באשטימען באאמטע און דיינים. זייער ווירקן האט זיך געצויגן ביזן עלפטן יאר־הונדערט.

אפטמאל האבן זיי צוזאמען מיט דער פאליטישער מאכט פארא־ניקט אויך דעם אווטאריטעט פון דער וויסנשאפט, און האבן פארנומען אן ארט אלס לערער פון דער תורה. די געשיכטע דערציילט וועגן פאר־ביטערטע קאמפן צווישן די עקזילארכן מיט די ראשי־ישיבות. אין די־

דאָזיקע קאַמפן האָבן די גרעסערע מנצח געווען, אויף וויפיל זייערע אידעעס זיינען גאַנץ געבליבן און האָבן זיך נאָך פאַרברייטערט, און דער עקזילאַרכאַט האָט, ניט קוקנדיק אויף זיין מאַכט, געמוזט פאַלן. מחמת דעם איז שפּעטער דער אַמאָליקער ראש-ישיבה פון סורא דערהויבן געוואָרן צו דעם ראַנג פון אַ גאון (עקסעלענץ). די אייגנטלעכע באַדייטונג פון בבל באַציט זיך צו דעם געביט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט איר היים געהאַט יאָרהונדערטן נאָכאַנאַנד אין די גרויסע ישיבות פון סורא און פומבדיתא, און האָט געשאַפן די גרויסע ווערק, וועלכע האָבן יענער צייט געגעבן נאָמען און כאַראַקטער. מחמת דעם איז אויך דאָס סאָציאַלע און קולטורעלע לעבן דער עיקר אין פּאַלעסטינע און אין בבל באַזונדער אינטערעסאַנט, אַלס אילוסטראַציע פון דעמדאָזיקן פעריאָד, וואָרעם די ידיעות וועגן יידישן לעבן פון יענער צייט אין אַנדערע לענדער זיינען זייער קנאַפּע און אַזעלכע, וואָס מען קאָן זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן.

אָבער נאָר פאַר די צוויי יאָרהונדערטן, וואָס אוממיטלבאַר נאָך דעם חורבן ירושלים, האָט נאָך דאָס סאָציאַלע לעבן פון די יידן אין פּאַלעסטינע און אין רוים אַ גרעסערע באַדייטונג. זייער לאַגע איז געווען אַ גאַנץ גינסטיקע; זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט, פיצוכט און אַלערליי מלאכות; צווישן זיי האָבן זיך געפונען מאַטראָסן און קוילנברענער, בעקער און קוכער, גאַרבער און וואָפנשמידער: „גרעסער איז דער מענטש, וואָס ציט זיין חיונה פון זיין אַרבעט, איידער דער, וואָס האָט מורא פאַר גאָט", — האָט געלערנט דער רבי פון יענער עפּאָכע און אַזעלכע זיינען אויך געווען די לערער פון דער תורה אַליין — און מאַנכע פון די גרעסטע — בעל-מלאכות. יוסי בן חלפתא איז געווען אַ גאַרבער, יוסי בן אילעאי — אַ באַנדער, יהושע — אַ קוילנברענער. עס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מעלה, צו פאַראייניקן דאָס תורה-לערנען צוזאַמען מיט אַ מלאכה, און ס'איז אַפילו אָנגענומען געוואָרן אַלס פאַרדינסט צו פאַרוואַנדלען דעם שבת אין אַן אַרבעטסטאָג, אַבי נאָר ניט דאַרפן אָנקומען צו לייטן[1].

פראָצענטניקעס זיינען געווען דעמאָלט אויסגעשלאָסן פון דער געמיינדע, דערפאַר האָט געבליט דער יבשה-און ים-האַנדל מיט פּרוכטן,

---

[1]) „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" מיינט מען אַ ביסל אַנדערש, ווי דער אווטאָר טייטשט עס אויס: בעסער ניט צו באַערן דעם שבת מיט צו-גרויסע הוצאות און לעבן אין אים ווי אין אַ פּשוטן אומדערוואָכן, אַבי ניט אָנצוקומען צו לייטן.

(רעד. פון דער רוס. איבערז.).

תבואה, האָלץ, וויין, פלאַקס, אייל, און מיט אַלע זעלטענע פּראָדוקטן פון ווייטע לענדער.

דאָס קולטור־לעבן איז ענג אָנגעשלאָסן געווען אָן רוימישן. שוין אין דעם פּאַריקן פּעריאָד איז, ווי באַקאַנט, פּאָרגעקומען אַ אינערלעכע דערנעענטערונג. רוים, וועלכע האָט פריי געעפנט אירע טויערן פאַר אַלע געטער פון די דורך איר פאַרשקלאַפטע פעלקער, האָט זיך אינטערע־סירט אויך מיט דעם געשטאַלטלאָזן יידישן גאָט. דער שפּאָט, מיט וועלכן די יידישע יום־טובים, מידות און מנהגים זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די רוימישע סאַטיריקער, איז מער איידער אַלץ אַ באַווייז אויף דער אַכטונג און אָנערקענונג, וואָס זיי האָבן געפונען מצד דער רוי־מישער געזעלשאַפט, אין וועלכער די יידן האָבן פאַרנומען אַ באַדייטנ־דיקע לאַגע. פון דער אַנדער זייט האָבן אָבער די יידן אויך איבער־גענומען רוימישע און גריכישע באַגריפן, נעמען, מידות גוטע און שלעכטע. אָבער זייער לערע האָט עס ווייניק אָנגערירט, און זי האָט זיך אַנטוויקלט אין איר אייגנאַרטיקייט ווייטער אויף די גרונדזיילן, אויף וועלכע די פרושים האָבן זי שוין פריער אַוועקגעשטעלט: אויף תורה, עבודה און גמילות־חסדים, וועלכע זיינען שפּעטער אומגעוואַנדלט געוואָרן אין אמת, משפט און שלום.

אָבער דאָס פאַרשן אין דער תורה האָט זיי ניט געשטערט אין אַנ־דערע וויסנשאַפטלעכע שטרעבונגען, און סיי מעדיצין, סיי אַסטראָנאָמיע, איבערהויפּט די ערשטע, וועלכע איז פון קדמונים אָן געווען הויך גע־אַכט און פלייסיק שטודירט, האָבן אויך אין די יידישע קרייזן געפונען תלמידים און לערער.

נאָר דאָס גייסטיקע לעבן האָט זיך, פאַרשטייט זיך, קאָנצענטרירט אין בית־המדרש. אין איין ריי מיט דעם פּאַטריאַרך איז לויטן ראַנג געשטאַנען דער ראש־ישיבה, און וואָס נידעריקער עס איז געפאַלן דער סנהדרין, אַלץ העכער האָט געשטיגן די באַדייטונג פון די ראשי־ישיבות, און ווען דער פּאַטריאַרכאַט איז נאָך אַ קיום פון פינף הונדערט יאָר אונטערגעגאַנגען, האָט דער העכערער אַמט פון די ישיבה־פאָר־שטייער איינגאַנצן פאַרנומען זיין אָרט. די עפּאָכע פון אַ נייעם יידישן לעבן אין אָנהייב פונם דריטן יאָרהונדערט אין בבל האָט ווייניק אָדער גאָרנישט ניט געענדערט אין דער סאָציאַלער לאַגע פון די יידן. אָבער פאַר זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג איז איר באַדייטונג געווען ניט אָפּ־צושאַצן. זי איז געווען אַן אויסדרוק פון היסטאָרישער נייטיקייט, מחמת זי האָט די ערשטע פאַרווירקלעכט די קאָסמאָפּאָליטישע אידעע פון די יידן, וועלכע איז געבונדן געווען ניט מיט מלוכה און דינאַסטיע,

ניט מיט טעמפּל, כּהנים און קרבנות, נאָר אין דער וויסנשאַפט אַליין געהאַט איר פונדאַמענט און איר מהות. בבל איז געוואָרן אַן ארץ־ישראל, און די השפּעה פון פּאַלעסטינע איז אַלץ מער געפאַלן, וואָס ווייניקער באַדייטונג עס האָבן געהאַט אירע לערער און אירע ישיבות.

סורא און פּומבדיתא זייַנען געוואָרן די צענטרען פון דער יידי־שער וויסנשאַפט אין בבל. צוויי חדשים אין יאָר, אין פרילינג און אין האַרבסט, האָבן זיך פאַרזאַמלט די תּלמידי־חכמים אין די ישיבות, און דעריבער האָבן דידאָזיקע ביידע חדשים, אדר און אלול, באַקו־מען דעם נאָמען פאַרזאַמלונגס־חדשים. די וויסנשאַפטלעכע פאַרזאַמלונ־גען האָבן געהייסן כּלה, די פאָרזיצער ראשי־כּלה, די שול — ישיבה, אָדער אויף אַרמיש — מתיבתא. די איבעריקע צען חדשים פלעגן די לערער און די תּלמידים פאַרנעמען זיך מיט ענינים פון פּרנסה.

אַזאַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע האָט זייער גוט געשטימט מיט דעם גייסט פונם יידנטום, אָבער ניט מיט דער צעצווייאיקטער לאַגע פון די עקזילאַרכן אין בבל. די מלחמות צווישן זיי מיט די ראשי־ישיבות פון סורא האָבן סוף־כּל־סוף געבראַכט, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, דערצו, אַז די ראשי־ישיבות האָבן באַקומען דעם טיטל פון גאונים (658) און די קאָמפּעטענץ, וועלכע האָט זיי געמאַכט אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די עקזילאַרכן. גאונים זייַנען געזעסן סיי אין סורא, סיי אין פּומבדיתא, דאָך האָט דער סוראר גאון, אפּנים, געהאַט אַ העכערע חשיבות, מחמת די סוראר ישיבה איז געווען אַן עלטערע.

די אינוועסטיטורע פון די עקזילאַרכן פלעגט געגעבן ווערן דורך די פּרעזידענטן פון ביידע ישיבות אין אַ פאָרם, וועלכע איז פאַר די פאַרהעלטעניש פון דער צייט און די באַציאונג צווישן ביידע אַנשטאַלטן געווען כאַראַקטעריסטיש. פריער פלעגט דער גאון פון סורא האַלטן אַ רעדע פאַר דעם נייעם „פירשט פון גלות", אין וועלכער ער פלעגט אים דערציילן וועגן די פליכטן פון זייַן וויכטיקן אַמט. דער עיקר איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביידע ראשי־ישיבות פלעגן אים אַרויפלייגן די האַנט אויפן קאָפּ און אויסגערופן אונטער שאַלונג פון טרומייטן: „זאָל לעבן אונזער האַר, דער פירשט פון גלות!" נאָכדעם פלעגן אַלע אַנוועזנדע דעם ריש־גלותא באַגלייטן פון שול ביז זייַן הויז. נאָך דערדאָזיקער פייערונג פלעגט דעם נאָענסטן שבת פאָרקומען אַ פייערלעכע גאָטס־דינסט. פאַר דעם עקזילאַרך פלעגט אין שול אויפגעבויט ווערן אַן איי־גענע זיילנאַרטיקע טריבונע. ווי דער ריש־גלותא האָט אונטער געזאַנג פונם חזן און דעם כאָר פאַרנומען זייַן אָרט אויף דער טריבונע, פלעגט דער גאון פון סורא אַרויסטרעטן פאַר אים, בוקן און זעצן זיך ביי אים

פון דער רעכטער זייט. דאָס זעלביקע פלעגט טאָן דער גאון פון פומבדיתא, וועלכער פלעגט זיך זעצן ביי אים פון דער לינקער זייט. צו קריאת־התורה פלעגט מען די ספר־תורה אַרויפטראָגן צו דעם ריש־גלותא, און דער גאון פון סורא איז געווען דער מתורגמן (פאַרטייטשער). נאָך דעם לייענען פלעגט דער ריש־גלותא האַלטן אַ דרשה פון הלכהשן אָדער אגדהשן אינהאַלט, אויב אָבער ער איז אַליין ניט געווען קיין תּלמיד־חכם, האָט ער די דרשה־זאָגן געקאָנט איבערגעבן דעם גאון פון סורא. אין קדיש וואָס צום סוף דאַוונען פלעגט דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון דעם ריש־גלותא: „דאָס זאָל געשען אין די טעג פון דעם פירשט״.

נאָך דעם פלעגט קומען אַ באַזונדער ברכה פאַר אים, פאַר די ראשי־ישיבות און די תּלמידים (יקום פורקן), אין וועלכער עס פלעגן אַריינגעפלאָכטן ווערן די נעמען פון אַלע געמיינדעס און פּערזאָנען פון באָגענט און פון ווייט, וועלכע האָבן דורך זייערע נדבות דערוויזן זייער אינטערעס צו די ישיבות. נאָכדעם פלעגט מען גיין מיט אַ פייערלעכער פּראָצעסיע פון שול צו דעם עקזילאַרכס הויז, וואו אַלע אָנטיילנעמער פון דער פייערונג האָבן זיך פאַראייניקט ביי אַ פריילעכן מאָלצייט.

די אינסטאַלאַציע פון די ראשי־ישיבות פון סורא און פומבדיתא פלעגט אויך באַגלייט ווערן פון אַזאַ מין פייערלעכן צערעמאָניאַל, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס מען פלעגט די ספר־תורה צו זיי ניט ברענגען, ווייל דאָס איז געווען אַ מין קיניגלעכע אויסצייכענונג. דער סדר פון לערנען איז געווען גענוי באַשטימט פאַרביידע ישיבות. נאָכן ראש־ישיבה איז די ערשטע פּערזאָן געווען אַ אויבערריכטער (דיין די בבא), וועלכער האָט אויסגעפירט די יורידישע פונקציעס. נאָך אים זיי־נען געגאַנגען זיבן פאָרשטייער פון דער לערער־פאַרזאַמלונג (רישי כלה), און דריי, וועלכע האָבן געטראָגן דעם טיטל חברים. נאָכדעם איז אָבער נאָך געווען אַ קאָלעגיע פון 100 מיטגלידער, פון וועלכע 70 האָבן גע־בילדעט דעם גרויסן סנהדרין, און 30 — דעם קליינעם סנהדרין; מיט דער צייט האָט דידאַזיקע אַנשטאַלט פאַרלאָרן איר אַמאָליקן כאַראַקטער פון אַ לערער־קאָלעגיע, און איז געוואָרן אַ ראַטגעבנדיקער און באַ־שליסנדיקער פאַרלאַמענט, וועלכער פלעגט אויף די צוויי מאָל יערלעך פאָרגעקומענע כלה־פאַרזאַמלונגען געבן תּשובות אויף אַלע שאלות, וועלכע פלעגן אָנקומען פון געמיינדעס פון אַנדערע שטעט, און אָננעמען נייע באַשלוסן.

די אָרענע פון דעם יידישן גייסטיקן לעבן און פון זיין אויסדרוק אין דער ליטעראַטור איז פאַר דערדאָזיקער צייט און נאָך דעם אין

אַ משך פון צוויי יאָרהונדערטן פּאַלעסטינע, דאַן בבל לעבן פּאַלעסטינע און צום סוף בבל אַליין. די שפּראַך פונם פאָלק איז געווען גריכיש אָדער אַרמיש, די שפּראַך פון דער ליטעראַטור — יענץ נייהעברעאיש, וועלכן מיר האָבן שוין געשילדערט אַלס צוזאַמענגעזעצטן פון העברעאיש מיט אַרמיש און מיט אַ צומישונג פון לאַטיינישע און גריכישע ווערטער.

לויט דער אינערלעכער אַנטוויקלונג צעפאַלט די צייט פון דער תלמודישער ליטעראַטור אויף פיר גרויסע פּעריאָדן, וועלכע שליסן זיך אָן ענג אָן דער אַנטוויקלונג פון דעם תורה לערנען, און וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין וויכטיקע שריפטן.

ווען מען זאָל די גאַנצע תקופה רעכענען אַן ערך פון 700 יאָר, — און דערביי קאָן, נאַטירלעך, אין דער געשיכטע פון גייסטיקער אַנטוויקלונג ביט זיין קיין רייד וועגן אַ פעסטן פונקט, אָדער אַ באַשטימטע כראָנאָלאָגישע דאַטע, — דאַן פאַלט אויס די צייט פון די **תנאים** — זינט דעם חורבן פון דער יידישער מלוכה און דער קאָנסטיטואירונג פון דעם סנהדרין אין יבנה ביז יהודה I, אַן ערך צוויי הונדערט יאָר. אויב מען האָט שוין פריער די גרויסע לערער פון געזעץ, וועלכע האָבן געהאַט אַ וואָסער־עס־איז השפּעה אויף דער מעטאָדישער אַנטוויקלונג פון די לער־באַגריפן, גערופן תנאים, — הייבט זיך דאָך די היסטאָרישע באַרעכטיקונג פון דער עפּאָכע פון די תנאים (70 — 200) אייגנטלעך אָן ערשט פון רבי יוחנן בן זכאי. זי נעמט אַרום פיר דורות און געפינט איר אויסדרוק אין דעם אָפּשלוס פון איר גייסטיקן שאַפן, אין דער **משנה**.

די צווייטע עפּאָכע נעמט אַרום דעם דור פון די אַמוראים (ריידנדיקע) — זינט דעם אָפּשלוס פון דער משנה און דער גרינדונג פון די ישיבות אין בבל ביז צום אָפּשלוס פון תלמוד, וואָס אין דעמדאָזיקן ריזיקן ווערק האָבן די אַמוראים, וועלכע זיינען געקומען נאָך די תנאים, אַריינגענומען די גאַנצע גייסטיקע אַרבעט פון זייער דור און פון אַלע פריערדיקע צייטן. דידאָזיקע עפּאָכע רעכנט זיך פון זעקס דורות אַמוראים אויף אַ משך פון אַן ערך דריי הונדערט יאָר (200 — 500).

נאָך דער פאַרענדיקונג פון דעם תלמוד האָבן די געזעצלערער און די פאָרשער אין בבל זיך גערופן סבוראים (מיינענדיקע). דעם אָרט פון די לערנדיקע האָבן באַשיידן פאַרנומען די ריידנדיקע, פון די ריידנדיקע — די מיינענדיקע. זייער ווירקונג ציט זיך פון חתימת־התלמוד ביז צו דער אַנטוויקלונג פונם גאָאָנאַט, אַן ערך אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר (500 — 650).

מיט דער אויפבליאונג פונם גאָנאַט אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, לויט אַנדערע מיינען — שוין צום סוף פון דער פערסישער הערשאַפט, הייבט זיך אָן דער פערטער פעריאָד, וועלכער ציט זיך ביז וואַנען דערדאָזיקער אַמט ווערט בטל (1040), נאָר ביז צום אויפטרעטן פון די קאַראַאימער (650—750), און וואָס זיין כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק איז די זאַמלערישע און רעגולירנדיקע טעטיקייט נאָך פאַרשיידענע ריכטונגען. אָבער די גרעסערע העלפט און דער סוף פון דעם גאונישן פעריאָד געהערט שוין צו דער פאָלגנדיקער תקופה.

דער סך-הכל פון דידאָזיקע פיר פעריאָדן רופט זיך די תלמודישע ליטעראַטור, צוליב יענער ריזיקער אַרבעט, וועלכע האָט כסדר באַשעפטיקט אַ צוואַנציק דורות אין משך פון כמעט אַ יאָרטויזנט; לערער און שילער, פירשטן און האַנטווערקער, פּאַלעסטינישע און בּבלישע יידן האָבן אויף איר געאַרבעט מיט גלייכער ליבע און איבערגעגעבנקייט.

I. די משנה.

דורך די גאַסן פון דער אַלטער שטאָט באַוועגט זיך בין־השמשות־צייט אַ לוויה. דאָס טראָגן, זאָגט מען, תּלמידים זייער טייערן רבין צו קבורה. דערשראָקן און מיט ערפאָרכט טרעטן אַלע אָפּ אין אַ זייט. אַפילו די רוימישע וואַך ביי די טויערן פון שטאָט לאָזט די פּראָצעסיע פריי אַדורכגיין. דאָ, הינטערן שטאָט, שטעלט זיך די פּראָצעסיע אָפּ, די תּלמידים שטעלן אַוועק דעם אָרון, עפענען דאָס דעקל, און פון אינווייניק גייט אַרויס דער געערטער רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט זיך, אַ פאַרשטעלטער אַלס אַ מת, געלאָזן אַרויסטראָגן פון דער שטאָט, כדי אַזוי־אַרום צו קענען דורכגיין אין דעם רוימישן לאַגער.

דאָרט האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַספּסינוסן, אויף וועלכן די ערשיינונג פון דעם גרייזן לערער האָט געמאַכט אַן אַיינדרוק, און וועלכער זאָגט אים צו צו ערפילן אַ וואונטש, וואָס ער וועט בעטן. אָבער ניט פאַר זיין פאָלק, ניט פאַר דער הייליקער שטאָט, אַפילו ניט פאַר דעם בית־המקדש האָט דער רבי געבעטן שוינונג, נאָר: „לאָז מיר גרינדן אַ שול אין יבנה", — דאָס איז געווען זיין בקשה. און שמייכלענדיק האָט אים דער שטאָלצער רוימער געגעבן דערויף זיין הסכּמה. ער האָט ניט קיין אַנונג פון דער גייסטיקער קראַפט פונם פאָלק, וואָס אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך נאָך געוויכערט די חורבות פון זיין נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, האָט עס געזאָרגט מער ניט ווי וועגן דער דערהאַלטונג פון זיין תּורה. די אַייזערנע רוים האָט געמוזט אונטערגיין, פיל פון די פעלקער — אומקומען פון דעם שטורעם פון דער געשיכטע, נאָר דאָס פאָלק ישראל האָט ווייטער געלעבט אין יענער לערע, וואָס יוחנן בן זכאי האָט פונם ברענענדיקן ירושלים, פון די אָפּהענטיקע פריינד פון שלום און פון די משוגענע קנאים, געבראַכט קיין יבנה, — אַ האַפנשטאָט ביים מיטללענדישן ים, אַן ערך זעקס מייל ווייט פון ירושלים.

דאָרט האָט יוחנן בן זכאי אויסגעבויט אַ בית־מדרש, דאָרט האָט

ער צונויפגעזאַמלט די צעזייטע רעשטן פון זיינע תּלמידים, און פון דאָרט אויס האָט ער גלייך געלאָזט הערן וועגן דער נייער אויפגאַבע פון דעם יידנטום מיט ווייטזעענדיקן נביאישן בליק. „צדקה פאַר־בייט קרבנות" — האָט דער רבי געלערנט, — „ווי עס שטייט געשריבן: איך וויל חסד און ניט קיין קרבן!" וועגן דער באַדייטונג פון אַזעלכע ווערטער, וועלכע האָבן פאַר אַמאָל אויף דעם אָרט פון קרבנות־קולט אוועקגעשטעלט אַ העכערע רעליגיעזע פאַדערונג, אַ גאָטס־דינסט פון האַרצן, דאַרף מען פיל ניט ריידן. און ווען זיינע שילער האָבן געלעבט אין מורא און זאָרג פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון דעם יידנטום און פאַר זיין לאַגע בנוגע צו אַנדערע פעלקער, האָט זיי דער לערער געטרייסט מיט די רייד פון דעם דיכטער, וועלכע ער האָט באמת אויסגעטייטשט אויף אַ נביאישן אופן: „צדקה דערהויבט דאָס פאָלק, און די גוטע מעשים פון אַ נאַציע זיינען אירע אויסלייזונגס־קרבנות".

מיט אַזעלכע אָנשויאונגען, אין וועלכע יוחנן בן זכאי ערשיינט אַלס געטרייער שילער און יורש פון די יידישע נביאים, איז אָנגעפירט געוואָרן די יַבנהר ישיבה. אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען פון דאָרט אַרויס, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער הלכה און פון דער אגדה, אויף וויפיל זיי ביידע האָבן זיך געקניפּט אָן דעם לערער, אָן זיין שול און אָן זיין מעטאָד, האָבן געטעטעמט מיט דעמזעלביקן גייסט פון אַ טיפער זיטלעכער וועלטאָנשויאונג און פון אַ גייסטיקער הייך, וועלכע האָט דעם באַזיגטן הויך געשטעלט איבער דעם באַזיגער. דאָס באַווייזט אַ געשפּרעך צווישן דעם לערער מיט די תּלמידים, וועלכער ווערט איבערגעגעבן אין „פּרקי אָבות": „גייט און זוכט, — האָט ער איינמאָל צו זיי געזאָגט, — וואָסער וועג איז דער בעסטער, וועלכן דער מענטש זאָל זיך אויסקלייבן?" „גינציקייט צו לייטן" — האָט געענטפערט איי־נער; „קריגן אַ גוטן חבר" — האָט געענטפערט דער צווייטער; „אַ גוטן שכן" — האָט געזאָגט דער דריטער; „ביי יעדן טאַט אויסוועגן די רעזולטאַטן", — האָט געזאָגט אַ פערטער; „האָבן אַ גוט האַרץ" — האָט לסוף געזאָגט זיין מיינונג אין דער דיסקוסיע אליעזר בן ערך. און דער לערער האָט באַשטימט: „מיר געפעלן דיינע רייד מער פאַר אַלע־מענס, ווייל זיי זיינען שוין כולל אַלעמענס". אַזאַ גייסט האָט נאַטירלעך פרעמד און דערווידער געמוזט זיין יעדער גאווה, און דעריבער איז געבליבן אין דער מסורה זיין שפּרוך־וואָרט: „אויב דו האָסט ערוואָרבן פיל חכמה, האַלט זיך דערמיט ניט גרויס, וואָרעם דערצו ביסטו באַשאַפן געוואָרן".

אַזוי איז יוחנן בן זכאי געווען היללס אַ געטרייער תּלמיד, וואָס צו זיינע פיס איז ער אַמאָל געזעסן, אַ קעמפּפער פאַר שלום און פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק, וואָס אַן ערבות אויף זיין קיום איז פאַר אים געווען די תּורה. פון היללן האָט ער אויך אַפּנים איבערגענומען, כּדי עס ווייטער מונדלעך צו פאַרשפּרייטן, דעם שטאָף פון דער מסורה, יענע אַלע כּללים פון אויסטייטשן און אַלע באַשלוסן פון געזעץ, וועלכע זיינען דורך הילּלס שול פאַרטיילט אין באַשטימטע קאַטעגאָריעס, און וואָס זייער סך־הכּל האָט באַקומען דעם נאָמען משנה (לערע). אמת, אַ גרויסער טייל פון דידאַזיקע באַשטימונגען איז דורך דעם חורבן פונם בית־המקדש געקומען אין אַ צושטאַנד פון ירידה, און עס איז נייטיק געווען אָדער מבטל צו מאַכן זייער ווירקונג, אָדער צו פאַרבייטן זיי מיט נייע געזעצן. דערביי האָט זיך יוחננס מילדער גייסט אַרויסגעוויזן אין דער העלסטער באַלייכטונג. ער האָט רעאָרגאַניזירט דעם סנהדרין אין יבנה, ער האָט געשאַפן תּקנות, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די קרבנות. ער האָט אָבער מיט איידעלער פּיעטעט איבערגעלאָזן יענע דינים, וועלכע זיינען געווען געהייליקט דעם פרומען זכר פונם בית־המקדש, און האָבן זיך אפשר דערפאַר גערופן „הלכתא למשיחא”, ווייל זייער אויספירונג איז געווען געקניפּט מיט דער צייט פון משיחס קומען און מיט דעם אָפּבויען פון ירושלים, אָבער די האָפענונג, אַז דידאַזיקע געשעענישן וועלן קומען, זיינען נאָך פון פאָלקס נשמה ניט פאַרשוואונדן, און דאָס פאָלק האָט דעם קעגנווערטיקן צושטאַנד געהאַלטן נאָר פאַר אַן איבערגייענדיקן.

און פּונקט ווי זיינע הלכהשע פאַרשונגען, אַזוי זיינען אויך זיינע אגדהשע לערעס קלאָר און איינפאַך, אָבער וואַרעם און טיפזיניק. גראָד דאָס, וואָס ער איז געווען אַ קינד פון זיין צייט און האָט איר זיין מס געצאָלט, הגם ער האָט זיך אָפט געשטעלט העכער איבער איר מיט זיינע אָנשויאונגען, האָט געמאַכט די ערשיינונג פון דעמדאָזיקן תּנא סימפּאַטיש און ליבלעך. און שטעלט מען זיך פאַר דעם גייסט פון יענער צייט, די זיגרייכע מאַרשן פון רוים, דעם אונטערגאַנג פון דער אַלטער פרייליכער אָלימפּישער געטער־וועלט, די מפּלה פון שטאַרקע מלוכות, די באַטורערשיינונגען פון שרעקלעכער קראַפט, ווי יענע גרויסע ערדציטערנייש און אַז. וו., — וועט עס קיין פאַרוואונדערונג ניט אַרויסרופן, ווען מען געפינט אויך אין יוחנן בן זכאי אַן אָנהענגער פון יענעם מיסטיש־פילאָסאָפישן מעטאָד צו דערקלערן די הייליקע שריפט, וועלכע האָט אין דער ערקלערונג פון דער ביבלישער מעשה־בראשית און אין דער מעשה־מרכבה ביי יחזקאלן געשאַפן אַ באַזונדער געהיי־

מע לערע, וואָס וועגן איר אינהאַלט איז ווייניק באַוואוסט און וועלכע האָט אפשר זיך געפונען אין אַ ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער קריסטלעכער גנאָסטיק אַלס קרובהשע ריכטונג, און אפשר איז זי געווען געווענדט גראָד קעגן דערדאָזיקער גנאָסטישער ריכטונג, וועלכע האָט דעם יידנטום געהאַלטן בלויז פאַר אַ שטאַפּל צום קריסטנטום.

דער יונגער קריסטנטום האָט נאָך דעמאָלט געלעבט אין ענגע פאַמיליענבאַציאונגען מיט דער רעליגיע, פון וועלכער ער שטאַמט. פונקט ווי עס האָבן אין יידנטום לאַנג צווישן זיך געקעמפט דער ראַביניזם מיטן העלעניזם פאַר דער אויבערהערשאַפט, אַזוי האָבן אויך אין דער קריסטלעכער געמיינדע געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע די יידן-קריסטן מיט די היידן-קריסטן. אָבער נאָר די ערשטע זיינען געווען געפערלעך פאַר די רבנים. נאָר קעגן דידאָזיקע האָבן זיי געריכטעט זייערע אָנגרייפן מיט ערנסטע און שאַרפע פאָראורטיילן, ווי מיט סאַטירישן וואָפן. די שפורן פון דעמדאָזיקן קאַמף דאַרף מען זוכן אין נייעם טעסטאַמענט און אין דער תּלמודישער ליטעראַטור. פון די קאַנאָנישע עוואַנגעליעס פון נייעם טעסטאַמענט איז נאָך פאַרבונדן מיט באַציאונגען צום יידנטום בלויז די עוואַנגעליע פון מתיא. אין מאַרקוסעס עוואַנגעליע איז שוין דער חוב צו היטן דעם יידישן געזעץ ניטאָ. און לוקאַס עוואַנגעליע איז שוין אַ באַווייז פאַר „דעם באַוואוסטזיין פון דער אַלוועלטלעכער באַדייטונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע”. אָבער אין דער אויסטייטשונג פון דעם נייעם טעסטאַמענט פאַרבלייבט נאָך די געמיינזאַמע באַציאונג צווישן יידנטום מיט קריסטנטום. אין די רעדעס פון יעזוס און אין די שריפטן פון אַפּאָסטעל פּאַאולוס זיינען קענטיק די פאָרמען פון דער הלכהשער עקזעגעטיק, בשעת אין די בריוו צו די העברעער, אין די פּאַלעסטינישע בריוו און דער אַפּאָסטעלגעשיכטע הערן זיך קלאָרע אָפּקלאַנגען סיי פון דער פּאַלעסטינישער אַגדה, סיי פון דער אַלעקסאַנדרינישער אַלעגאָריסטיק. אַפילו אין די ווערק פון די קירכנפאָטערס איז נאָך פאַרבליבן די גייסטיקע קרובהשאַפט, וואָס פונאַנדערוויקלען אירע פאַרפלאָנטערטע פעדים דאַרף זיין איינע פון די הויפּטאויפגאַבעס פון דער רעליגיע-געשיכטע. די פראַגע וועגן אַ העברעאישער אור-עוואַנגעליע פירט זיכער אין דער מלוכה פון דער אַגדה, און אַזוי האָט מען אויך אין איינעם אַ אַגדהשן דיאַלאָג וועגן ירושה-רעכט פון דער טאָכטער אײַנגעזען אַ תלמודישע סאַטירע אויף די λόγια פון מתיא און צוזאַמען דערמיט אויך דייטלעכע שפורן פון דערדאָזיקער אורשריפט, וועלכע זיינען אפשר עלטער פון אַלע פאַראַנענע עוואַנגעליעס, ווייל זיי פירן אין דער אומרואיקער צייט פון יוחנן בן זכאי און זיינע נאָכפאָלגער.

דאָס יאָר פון יוחננס טויט איז אומבאַקאַנט, אָבער זיין לעצט וואָרט, ווי דאָס לעצטע וואָרט פון פיל אַנדערע גרויסע מענטשן, איז פאַרבליבן. ס'דאָזיקע וואָרט איז געווען געווענדט צו זיינע טרייע שי־לער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט זיין טויטנבעט: „זאָל די מורא פאַר גאָט אין אייך זיין אַזוי שטאַרק ווי די מורא פאַר מענטשן; איר מיידט אויס זינד פאַר די אויגן פון מענטשן; מיידט זיי אויס אויך פאַר דעם געזיכט פון יענעם, וועלכער זעט אַלץ".

אויב יוחנן האָט געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר דעם נייעם בנין פון יידנטום, איז אויף זיינע שילער און נאָכפאָלגער געלעגן דער חוב דעם־דאָזיקן בנין ווייטער צו פירן. מען דערציילט, אַז די תלמידים זיינע האָבן זיך נאָך דעם טויט פון זייער לערער צעשפּרייט און האָבן זיין לערע פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע ערטער. די גרעסטע פון זיי זיינען געווען אליעזר בן הורקנוס, יהושע בן חנניה, יוסי הכוהן, שמעון בן נתנאל, אליעזר בן ערך. יוחננס נאָכפאָלגער אין פּאַטריאַרכאַט און אין פּרעזידיום פון סנהדרין איז געווען גמליאל II, פון היללס משפּחה, אַלזאָ פון געבורט באַשטימט צו דעמדאָזיקן אַמט, אַן ענערגישער און אַ פּילזייטיק געבילדעטער מענטש, וועלכער האָט געהאַט מאַטעמאַטישע קענטעניש, האָט ליב געהאַט די גריכישע שפּראַך און געגעבן זיין הסכמה אויף אַקווילאַס איבערזעצונג. אָבער דערביי אין גמליאל אויך געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער הלכה, און ניט קוקנדיק אויף דעם שווערן קאַמף, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין קעגן די חברים פון זיין צייט, איז דאָך אים געלונגען דורכצופירן זיינע אָנשויאונגען. די שולן פון היל'ל און שמאי האָבן זיך שוין יאָרנלאַנג געפּונען אין אַ העפטיקן שטרייט וועגן דעם מעטאָד פון אויסטייטשן די שריפטן, אַזוי אַז עס איז כּמעט „פון איין תורה געוואָרן צוויי". דאָ האָט מען געדאַרפט קומען מיט אייזערנער קאָנסעקווענץ און נויטן אַלעמען צו אָנערקענען היללס טראַדיציאָנעלע מעטאָדן.

גראַד אָבער דידאָזיקע מחלוקתן זיינען דער בעסטער עדות אויף דעם פרייען גייסט פון דער לערע, וועלכער האָט געהערשט אין דער קליינער און פאַרפאָלגטער רעפּובליק פון געלערנטע. ניט די הויכע שטעלע, ניט זיין גרויסער יחוס האָבן גמליאלן ניט געשיצט קעגן סותרדיקע מיינונגען און טיפע קאָנפליקטן מיט די גרעסטע פון די

חכמים, איינעם, זיין אייגענעם שוואָגער, אליעזר בן הורקנוס, האָט ער אַריינגעלייגט אין חרם. קעגן דעם צווייטן, יהושע בן חנניה, איז ער אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף, און אַ דריטן, עקיבאן, האָט ער אויך גע־דראָט מיט חרם. ניט קוקנדיק דערויף האָבן די חכמים זייערס אויסגע־פירט. איינער אַן אייגנטימלעכער צופאַל כאַראַקטעריזירט אויפן בעסטן אופן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די געלערנטע. בשעת איינער אַ שטורעמדיקער דיסקוסיע, האָט זיך אין בית־מדרש דערהערט אַ בת־קול, וואָס האָט געזאָגט: „די ווי יענע זיינען ווערטער פונם לעבעדיקן גאָט, אָבער ריכטיק זיינען היללס רייד". דעמאָלט האָט זיך געשטעלט איינער פון די לערער, יהושע, און האָט אויסגערופן: „אין אַזעלכע פראַגן קוקן מיר ניט אויף אַ בת־קול, ווארעם די תורה איז ניט פאַר די הימלישע גייסטער, נאָר פאַר די מענטשן אויף דער ערד געגעבן געוואָרן, און ניט אַ וואונדער קאָן אין אַזעלכע פראַגן אַנטשיידן, נאָר די מערהייט פון די וויסנשאַפטלעכע מיינונגען"[1].

* *

*

ניט קוקנדיק דערויף האָבן די פרינציפן פון היללס שול דאָך באַ־קומען דעם אומבאַדינגטן אַוטאָריטעט. דער מנהיג און דער תנא מיט זעלטענע פעאיקייטן, דער ווערדיקסטער נאָכפאָלגער פון יוחנן בן זכאי, עקיבא בן יוסף, איז עס געווען דער, וועלכער האָט דעם שטאָף פון דער מסורה געבראַכט אין סיסטעמאַטישער אָרדענונג און האָט שלום געמאַכט צווישן די שטרייטנדיקע פאַרטייען. די לעגענדע האָט אַרומ־געוועבט עקיבאס לעבן מיט ראָמאַנטישן גלאַנץ. די געשיכטע ווייס נאָר וועגן זיין אַגיטאַטאָרישער טעטיקייט אין דעם זינען פון פּאָליטישער רעסטאַוראַציע, וועלכע האָט דעמאָלט געפירט צו דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא, אויך וועגן זיין גייסטיקער באַדייטונג. נאָך דעם אַלעמען, וואָס די אין פיל ערטער פאַרשפרייטע קוועלן דערציילן וועגן אים, קאָן מען עקיבאן מיט רעכט אָנרופן אַ זעלבסטשעפערישער גייסט. ער האָט דעם לערנשטאָף באַטראַכט ניט אַלס פעסטן געזעץ, וועלכער מוז איבערגעגעבן ווערן בירושה אָן ענדערונגען, נאָר אַלס קוואַל

[1] דער מחבר פאַראייניקט צוויי באַזונדערע מאמרים, וועלכע באַציען זיך צו באַזונדערע ענינים: איינער צו דער מחלוקת פון בית־שמאי און בית־הילל, דער צווייטער צו דער מחלוקת פון ר' אליעזר מיט די חכמים. (באַמ. פון העב. איבערז.).

פון שטענדיקער באַנייאונג און אַלס אַן ערבות פאַר דעם אייביקן קיום פונם פאָלק. מען דאַרף אָבער דעמדאָזיקן שטאָף פון דער מסורה ניט מאַכן אָפּהענגיק פון יעדער מערהייט, נאָר געפינען פאַר אים אַ גרונד און אַ באַווייז אין דעם וואָרט פון דער תורה גופא. אין דעמדאָזיקן ביבלישן וואָרט איז פאַר אים קיין זאַך ניט געווען בלויז פאָרם; אַלץ, יעדעס וואָרט, אַפילו יעדער אות האָט פאַר אים געהאַט אַן אייגענעם מהות, וועלכן מען האָט געדאַרפט באַגרינדן און אָנווענדן נאָך זיינע טיפערע צילן. דעמדאָזיקן פּרינציפּ האָט עקיבא דורכגעפירט ביז זיין עקסטרעמסטער קאָנסעקווענץ. ווען זיינער אַ חבר האָט איינמאָל די אויסטייטשונג פון יעדער זילבע און פון יעדן וואָרטטייל געפונען פאַר געפערלעך און האָט זיך געשטיצט אויף דעם פסוק „און פאַר גאָט דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן“, וואו דער אַקוזאַטיוו ווערט אין העברעאיש אויסגעדריקט דורך דאָס וואָרט „אֶת“, וואָס קאָן דאָך דאָ ניט האָבן אַחוץ דעם נאָך אַ באַזונדערע באַדייטונג, — האָט אים עקיבא געענטפערט: „אויך דאָס וואָרט „את“ האָט דאָ זיין באַדייטונג, און באַווייזט, אַז צוזאַמען מיט גאָט זאָלסטו אויך אַכטן די לערער פון דער תורה“.

אַזאַ סיסטעם האָט נאַטירלעך געמוזט פירן צו איינזייטיקייט. אָבער דער שטאַנדפּונקט און די אָנשויאונג, פון וועלכע עקיבא האָט געשאַפן זיין מעטאָדאָלאָגישע צעטיילונג פונם שטאָף, זיינען געווען אַזעלכע סאָלידע, אַז ער האָט זיין לערע באַשיצט פון יעדער פאַרשטיינערונג. אייניקע זיינע אויסטייטשונגען באַווייזן אַ דענקער, וועלכן עס איז אפשר אויך ניט פרעמד געווען די פילאָסאָפישע וועלטאָנשויאונג פון זיין צייט. און אויב דידאָזיקע אויסטייטשונגען פלעגן זיך שטענדיק אָנשפּאַרן אויף אַ פסוק, דאַרף מען דידאָזיקע עקזעגעטיק ניט באַשולדיקן אין אומזעלבשטענדיקייט, נאָר מען מוז געדענקען, אַז דאָס וואָרט פון דער ביבל איז פריער פאַר אַלץ געווען „אַן אַלגעמיינע שטיצע“, אַ היסטאָרישע באַקרעפטיקונג פון יעדער נייער אידעע און חוץ דעם עפּעס מער איידער אַ פשוטער פסוק—דאָס גאַנצע האָב און גוטס, דער אוצר און די קרוין און די איינציקע ירושה פון דעמדאָזיקן פאָלק אין די טעג פון זיין טיפסטער פאָליטישער דערנידערונג.

צי קאָן אָבער אומאָפּהענגיק פון אַלע דידאָזיקע סברות אַן אויסטייטשונג פון די הייליקע שריפטן אָפּשוואַכן דעם הויכן עטישן ווערט פון אַזעלכע אָנשויאונגען, וועלכע פאַסן=אויף דעם באַגריף וועגן דער השגחה און דער פרייהייט פון ווילן, ווי די פאָלגנדיקע, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זוכן אַ שטיצע אין דעם ביבלישן וואָרט? „אין גאָטס גע-

שטאַלט האָט ער באַשאַפן דעם מענטשן", אַזוי איז געשריבן אין דער תורה. פרעגט עקיבא: ווי איז עס געמאָלט אַ געשטאַלט פון גאָט, און ווי איז עס דער מענטש גאָטס אַ בילד. געוויס ניט, אלא וואָס, דעם פּסוק דאַרף מען אַזוי פאַרשטיין: „אין אַ באַזונדער בילד האָט גאָט געשאַפן דעם מענטשן און אין אַ געשטאַלט, וועלכע צייכנט אים אויס".

אויך אין פּאָעטישן אויסדרוק וויל עקיבא ניט דערלאָזן קיין בילד פון גאָט, און דערמיט שטעלט ער זיך אויף אַ העכערע מדרגה פון דער אָנשויאונג, וועלכע עס האָט געהאַט די יידיש-העלעניסטישע טעאָסאָפיע, וואָס האָט דאָך אויך געהאַט די טענדענץ אויסצוטייטשן די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען פון דער ביבל. „זע, אָט איז דער מענטש געוואָרן, ווי איינער פון אונז, צו וויסן גוטס און שלעכטס", זאָגט גאָט לויט דעם ווערטלעכן אויסדרוק פונם חומש. זאָל עס דען באמת באַטייטן, אַז דער מענטש איז אַריבער אין דער ספערע פון גאָטהייט? קיינמאָל ניט! דעמדאָזיקן פּסוק טייטשט עקיבא אויס פאַר זיינע אויפמערקזאַמע צוהערער אויף אַזאַ אופן: „ער איז געוואָרן, ווי איינער וואָס ווייס פון זיך גוטס און שלעכטס". און אין הסכם מיט דערדאָזיקער אויסטייטשונג לערנט ער: „אַלץ איז פאָראויסגעזען, און די פרייהייט איז געגעבן. און ווייטער: „דו זאָלסט ליבן דיין נאָענטן ווי זיך זעלבסט, דאָס איז דער עיקר פון דער תורה". אַזוי האָט עקיבא אויפגעפאַסט די השגחה, די פרייהייט פונם ווילן און די אידעע פון מענטשנליבע אַלס די גרונד-פּרינציפּן פון יידנטום.

אַ טיפער דענקער און אַ שטרענגער סיסטעמאַטיקער, האָט ער אָבער געזוכט פאַר דידאָזיקע יסודות צו געפינען אַן אינהאַלטלעכע און אַ אויסערלעכע מעטאָדישע פאָרם, און פון דעמדאָזיקן שטרעבן איז, אַפנים, אַרויסגעקומען די משנת רבי עקיבא, אָדער זיינע מידות (גרונד-כללים), וועלכע האָבן זיך נאָך אָבער פאַרשפּרייט מינדלעך. דעם גאַנצן לערנשטאָף פון דער רעליגיע-וויסנשאַפט האָט ער איינגעטיילט אין דריי הויפּט-צווייגן: מדרש — דאָס איז די טייטשונג און די דערקלערונג פון די הייליקע שריפטן, הלכה — דאָס איז די נאָמאָלאָגישע מסורה, און אגדה — ערציילונגען און משלים פון חכמה. אין דער הלכה האָט ער דורך דעם, וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען די געזעצן לויטן אינהאַלט און דורך מנעמאָטעכנישע מיטלען, אַריינגעבראַכט אַ געוויסע סיסטעמאַטיק, וועלכן דער שטאָף פון דער הלכה האָט ביז דאַן ניט געהאַט.

אבער עקיבא איז אויך געווען אַ פילאָסאָפישער מיסטיקער, ווי זיין פאָרגייער יוחנן בן זכאי, און איינע אַן אגדהשע דערציילונג גיט

אין אַן אייגנטימלעכער אַלעגאָרישער פאָרם וועגן זיינע און וועגן זיינע חברימס פאַרשונגען אויף דעמדאָזיקן געביט אַ נענטערן באַגריף. פיר זיינען אַריינגעקומען אין גאָרטן, איינער האָט געזען און איז געשטאָרבן, איינער האָט געזען און איז משוגע געוואָרן, איינער האָט צעשטערט די יונגע פלאַנצן, איינער אָבער איז אַריין בשלום און איז אַרויס בשלום. מען קען זיכער זאָגן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די מיסטישע אידעען. אין דעם גאָרטן פון דער מיסטיק האָט איינער געקאָנט גע־רירט ווערן פון זינען, דער צווייטער — גייסטיק פאַרלאָרן גיין, דער דריטער — איינע פון די מערקווירדיקסטע ערשיינונגען פון יענער צייט, אלישע בן אבויה, האָט פאַרוואָרפן די רעליגיעזע אידעען פון זיין געמיינדע און האָט זיך מיט איר צעשיידט, אָבער נאָר איינער איז געבליבן אַ גלויביקער אין זיין באַטירלעכער אַנטוויקלונג: עקיבא! זיין רעליגיעזע איבערצייגונג האָט גאָרנישט פאַרלאָרן פון איר קלאָרקייט און ריינקייט. פונקט ווי ער איז בשלום אַריין אין אידעאַלער שטרעבונג צו פאָרשן, אַזוי איז ער אַרויס פון דעם לאַבירינט פון דער מיסטיק אומפאַרטונקלט און אומפאַרענדערט.

אויך עקיבאס סוף האָט די לעגענדע באַפּוצט. ס'ווערט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן אַלס איינער פון די צען מאַרטירער הרוגי־מלכות, וועלכע זיינען אין דער צייט פון אַדריאַן באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט, און אונטער זיינע פיינען זאָל ער האָבן געזאָגט צו רופוסן: עס איז שטענדיק געווען מיין ליידנשאַפטלעכער ווונטש, צו דינען צו מיין גאָט אויך מיט מיין לעבן, וואָרעם ביז איצט האָב איך אים גע־קענט דינען נאָר לויט מיינע קרעפטן און לויט מיין פאַרמעגן". מיט דער מעלדונג, אַז פון היינט אָן וועט אויף אייביקע צייט די מאָראַל פון זיין פאָלק בלייבן: „שמע ישראל, אדוני אלהינו אדוני אחד (הער, ישראל, דער האַר אונזער גאָט איז דער איינציקער האַר) האָט ער אויס־געהויכט זיין נשמה.

* *

*

פון עקיבאס תלמידים און צייט־חברים האָט באַזונדער **ר ב י מ א י ר** ווייטער ממשיך געווען זיינע מעשים אין דעם גייסט פון זיין לערער. אויך דאָס לעבן פון דעמדאָזיקן מענטשן איז באַשיינט געוואָרן פון דער לעגענדע. אָבער אויך אַ בילד פון זיין לערע האָט אונז די אַגדה איבערגעלאָזן אין אַ פולע קלוגע און באַדייטנדיקע שפּרוכן און ערקלערונגען פון מאירן.

פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער הלכה האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע שילער פון עקיבא, מיט יהודה בן אלעאי, יוסי בן חלפתא, שמעון בן יוחאי און אלעזר בן שמוע, אויפגעטאָן גרויסע זאַכן דורך זיין שאַרפזיניקער דיאַלעקטיק, און היות ווי זיי זיינען דער דריטער און דער פאַרלעצטער דור פון די תנאים, דעריבער באַגעגנט מען טאַקע אין דער משנה גרעסטנטייל זייערע מימראס. זיינע נאָענטע באַציאונגען סיי מיט דעם פריער דערמאָנטן אלישע בן אבויה, וועלכן מען האָט צוליב זיין אָפּטריניקייט גערופן אחר, און וועלכער איז אויך געווען מאירס לערער, סיי מיט אַ היידנישן פילאָסאָף, אַפנים מיט דעם נעאָפּלאַטאָניקער נומעניוס, — באַווייזן, אַז ער איז בנוגע צו אַנדערע אָנשויאונגען געווען טאָלעראַנט, אַזוינס וואָס האָט אין יענער צייט געדאַרפט זיין אַ זעלטענע ערשיינונג.

אלישע בן אבויה איז בלי ספק געווען אַן אָנהענגער פון גנאָסטיציזם. פון זיין מויל האָבן זיך געהערט נאָר גריכישע לידער, און פון זיין טאַש זיינען איינמאָל אין בית־מדרש אַרויסגעפאַלן גריכישע ביכער. דאָס האָט מען אים אויפגעוואָרפן. ער גייט זיך פונאַנדער אין די מיינונגען מיט זיינע חברים און לסוף צעשיידט ער זיך מיט זיי, כדי אַרויסצוגעבן זיי דעם רוימישן טיראַן. נאָר מאיר בלייבט אים געטריי. עס זיינען ריירנד די פּראָבעס, וואָס דער תלמיד האָט געמאַכט, כדי צו באַוועגן זיין פאַרבלאָנדזשעטן לערער תשובה צו טאָן. און ריירנד איז אויך די לעגענדע, ווי נאָך אלישעס טויט האָט מאיר איבער זיין קבר, פון וועלכן עס איז שטענדיק געגאַנגען אַ רויך, אויסגעשפּרייט אַ מאַנטל, גלייך ווי צו פאַרדעקן זיינע זינד, און האָט אויסגערופן: „רו אין דער פינסטערניש פון אייביקייט, אינדערפרי זאָל דיך גאָט אויסלייזן, און אויב ניט, וועל איך דיך אויסלייזן".

מאיר איז אויך געווען אַ דיכטער, און מער אַלס דריי הונדערט זיינע פוקסן־פאַבלען האָבן אין זיין צייט עקסיסטירט; אפשר האָבן זיי זיך געפונען אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער אינדישער פאַנטשאַטאַנטראַ; אָבער מער ווי דריי זיינען פון זיי ניט געבליבן. זיין וויציקייט און זיין גייסטרייכער אויסטייטשונגסהומאָר אילוסטרירן פיל אַנעקדאָטן, פון וועלכע איינער כאַראַקטעריזירט פולקום דעם מזרח־מענטשן. ווען מאיר האָט געזען, ווי אַ מענטש לאָזט זיך איינער אַליין אין וועג אַריין, האָט ער אים באַגריסט מיט די ווערטער: „איך באַגריס דיך, דו פאַרמשפּטער צום טויט". ווען צוויי האָבן זיך צוזאַמען געלאָזן אין וועג, פלעגט ער צו זיי זאָגן: „איך גריס אייך, איר פאַרמשפּטע צו מחלוקת". אָבער ווען ער פלעגט זען, ווי דריי לאָזן זיך צוזאַמען אין וועג, האָט

ער זיי געזאָגט: „איך גריס אייך, איר, וועלכע האַלט אונטער דעם שלום".

דערדאָזיקער מענטש האָט געהאַט אַ פרוי, וואָס איז צו אים גייסטיק גלייך געווען. איר בילד ווערט פאַר אונז קלאָר פון דער דערציילונג, וועלכע מאַכט אונז באַקאַנט מיט איר פאַמיליענלעבן. ברוריה איז אויך געווען איינע פון די ערשטע פרויען אין יידנטום, וואָס וועגן איר גייסטיקער באַדייטונג זיינען פאַרבליבן גענויערע ידיעות. איינמאָל איז איר מאַן דעם גאַנצן שבת געזעסן אין בית-מדרש און האָט געלערנט מיט זיינע תּלמידים. אָבער בשעת ער איז ניט געווען אין דער היים, זיינען געשטאָרבן זיינע ביידע זין, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי מיט זייער שיינקייט, סיי מיט זייער געלערנטקייט. ברוריה האָט זיי אַריינגעטראָגן אין שלאָפצימער און מיט אַ ווייסן טוך איבערגעדעקט די ביידע טייערע בר-מיננס. ווען מאיר איז אינאָוונט געקומען אַהיים און האָט געוואָלט ווי אַלע מאָל בענטשן די קינדער, האָט אים די פרומע ווייב געזאָגט: „זיי זיינען אַוועק אין שול". דאַן האָט זי אים דערלאַנגט דעם בעכער און ער האָט געזונגען דאָס שיינע שיידליד ביטן שבת, האָט אָפּגעטרונקען פון דעם פולן מיט וויין כּוס, וועלכן ער האָט נאָך דעם דערלאַנגט דער פרוי. דעמאָלט האָט ער ווידער געזאָגט: „וואו זיינען מיינע ביידע זין, זיי זאָלן אויך טרינקען פון דעם געבענטשטן בעכער?" „זיי וועלן איינגיכן קומען", — האָט ברוריה געענטפערט. מאיר האָט גאָרנישט חושד געווען, ער איז געווען פריילעך און גוט געשטימט, און ווען ער האָט אָפּגעגעסן, ווי זיין שטייגער, האָט זי צו אים געזאָגט: „רבי, אויב דו וועסט מיר ערלויבן, וועל איך דיר שטעלן אַ פראַגע". „פרעג". — האָט מאיר אויסגערופן. ברוריה האָט געפרעגט: „מיט אַ צייט צוריק האָט מיר עמעצער געגעבן אַ טייערן פּקדון צו היטן. איצט פאָדערט ער עס פון מיר צוריק. זאָל איך אים אָפּגעבן?" „אַזאַ שאלה זאָל מיין ווייב ביי מיר פרעגן? — האָט מאיר געענטפערט. — צי דען וואָלסטו וועלן עמעצנס געזעצלעכן אייגנטום צונעמען?" „ניין, — האָט ברוריה געענטפערט. — אָבער איך האָב דאָך גערעכנט, אַז ס'איז בעסער, איך זאָל ניט אָפּגעבן, ביז דו וועסט וועגן דעם ניט וויסן". נאָך די ווערטער האָט זי אים אַוועקגעפירט אין שלאָפצימער און אַראָפּגעצויגן דאָס טוך פון די געשטאָרבענע קינדער. „אוי, מיינע זין, מיינע זין!" — האָט דער אומגליקלעכער מאיר אָנגעהויבן צו קלאָגן, — „איך בין געווען אייער פאָטער, אָבער איר האָט מיר געלערנט תּורה!" דאָ האָט ברוריה אָנגענומען איר מאַן פאַר דער האַנט און געזאָגט: „רבי, צי דען האָסטו מיר ניט געלערנט, אַז מיר

דאַרפן גערן אָפּגעבן אַ פּיקדון, וואָס מען האָט אונז אָנגעטרויט? זע: גאָט האָט זיי געגעבן, גאָט האָט זיי צוריקגענומען, זאָל געלויבט זיין גאָטס נאָמען". „זאָל געלויבט זיין גאָטס נאָמען אויך פאַר דיר", — האָט מאיר געענטפערט, — „דען עס שטייט געשריבן: ווער עס האָט געפונען אַן אשת-חיל, יענער האָט געפונען אַן אוצר, וואָס איז גרעסער איידער טייערע פּערל. זי עפנט איר מויל מיט חכמה, און אויף איר צונג איז אַ פרײַנדלעכע לערע".

נאָך פיל אינטערעסאַנטע זאַכן ווערן אין די דערציילונגען פון דער אגדה מיטגעטיילט וועגן ברוריה און אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט אָנטייל גענומען אין די גייסטיקע קאַמפן פון זייערע מענער, און זייענען פון זייערע מענער באַהאַנדלט געוואָרן מיט גרויסער אַכטונג. אמת, צו ברוריהס מדרגה איז קיינער ניט דערגאַנגען, פונקט ווי נאָר ווייניק געזעצלערער האָבן גענאָסן פון אַזאַ כבוד און אַכטונג, ווי מאיר האָט באַקומען פון די מענטשן פון זיין צייט.

אַז מאירס אָנשויאונגען האָבן געבילדעט דעם יסוד פאַר דעם סדר פון דער משנה, אין דער פאָרם, ווי מיר האָבן זי נאָך איצט פאַר אונזערע אויגן, דאָס איז פון אַלעמען און גערעכטיק אָנגענומען. זיין פּרינציפּ איז געווען: פאַרנעם זיך ווייניקער מיט עסקים, כדי דו זאָלסט זיך קענען פאַרנעמען מיט תורה, און זיי ניט קיין בעל-גאווה קעגן לייטן. אויב דו וועסט איבעררייסן דיין לערנען, וועלן דיר אויך פיל אַנדערע זאַכן שטערן. אויב דו האָסט זיך באַמיט, כדי צו וויסן די תורה, וועט דיר גאָט דערפאַר באַלוינען". מאיר האָט, אַלזאָ, דאָס שווערגעוויכט געלייגט אויף דער הלכה, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, און מיט דער אגדה, וועלכע איז שוין פון עקיבאן געווען אַ ביסל אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, האָט ער זיך נאָר פאַרבייגייענדיק באַשעפטיקט. שוין אין עקיבאס צייטן איז קעגן אַזאַ סיסטעם פון לערנען אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן ישמעאל בן אלישע, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דעם וויכטיקן פונקט, וואָס די הלכה שטימט מיט דער הייליקער שריפט. אויך קעגן עקיבהס הלכהשער סיסטעמאַטיק איז ער אַרויסגעטראָטן, און ער האָט אָנערקענט די לאָגישע כללים פון הילל. ער האָט זי אײַנגעטיילט אין דרייצן מידות, דורך וועלכע די תורה קאָן בכלל אויסגעטייטשט ווערן. פון אים אָדער פון זיין שול, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר דער לאָגישער סיסטעם פון אויסטייטשן די תורה, איז, אַפנים, אויך געלייגט געוואָרן דער יסוד פון יענעם הלכהשן מדרש צום צווייטן בוך פונם חומש, וועלכער איז נאָך פיל איבעראַרבעטונגען און

רעדאַקציעס פאַרשריבן געוואָרן אונטער דעם נאָמען מ כ י ל ת א (אינ-האַלט פון די לערעס).

פון ישמעאל בן אלישעס חברים האָבן נאָך פיר אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער הלכה-שטודיום: שמעון בן יוחאי, יהודה בן אלעאי, נחמיה און יוסי בן חלפתא. דעם ערשטן, וואָס זיין לעבן אין דער צייט פון די רדיפות אויף יידן איז פול גע-ווען מיט פאַרשיידענע אַוואַנטורעס, איז שפּעטער אָן אַ שום גרונד צו-געשריבן געוואָרן די באַגרינדונג פון דער געהיימער לערע דורך אַ בוך, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך ריידן; דערפאַר אָבער געהערט אים אַפנים דער הלכהשער מדרש צום פערטן און פינפטן בוך פונם חומש, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען ס פ ר י און איז שפּעטער דורך די שולן פון ישמעאל און עקיבא פאַרענדיקט געוואָרן. יהודה בן אלעאי, וועלכער איז געווען לויט זיין באַשעפטיקונג אַ באַנדער און לויט זיין באַדייטונג דער „בעסטער רעדנער פון זיין צייט", האָט געלייגט דעם גרונד פון דעם הלכהשן מדרש צו דעם דריטן בוך פון חומש, וועלכער טראָגט דעם נאָמען ס פ ר א און איז רעדאַגירט געוואָרן אַפנים פון חייאן. אין איין ריי מיט דעם „בוך פון לערערס הויז", אַזוי האָט עס אין אָנהייב געהייסן, זיינען באַנוצט געוואָרן אויך די איבעריקע „ביכער פון לע-רערס הויז". מאירס חברים און תלמידים האָבן, לויט עקיבאס מוסטער, געהאַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן טייל פון זייער שטודיום צו באַגרינדן די טראַדיציע אויפן סמך פון דעם וואָרט פונם תנ"ך. אויסער זייער קרייז האָט מאירס מעטאָד אַרויסגערופן אַן אָפּאָזיציע. עס איז ניט אומ-וואָרשיינלעך, אַז צו דער זעלבער צייט איז פון איינעם עקיבאס אַ יינגערן תלמיד, נחמיה, אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַנדער מעטאָדע פון פאָרשן די תורה, וועלכע האָט אין קעגנזאַץ צו מאירס משנה געהאַט דעם ציל פאָרצושטעלן דעם גאַנצן שטאָף פון דער מסורה אין אַלע פרטים און פאַרבינדן מיט אים אַלע פאַרברייטערונגען און אויסטייטשונגען פון דער הלכה; דידאָזיקע מעטאָדע האָט באַקומען דעם נאָמען ת ו ס פ ת א (צוגאָבן). דורך איר האָבן געזאָלט באַזייטיקט ווערן אַלע ספקות און אָפּשניידן דעם וועג פאַר אַלע ניט זיכערע קאָמבינאַציעס. גאַנץ אומאָפּהענגיק פון דידאָזיקע פאָרשונגען האָט דער פערטער פון דידאָזיקע תנאים געשאַפן פאַר זיין אייגענעם געברויך אַ באַזונדער משנה-זאַמלונג, וואָס וועגן איר באַדייטונג האָבן מיר קיינע ידיעות ניט. יוסי בן חלפתא איז אָבער דער שעפער פון דער כראָניק ס ד ר ע ו ל ם (אָרדענונג פון דער וועלט), אין וועלכער עס ווערט פעסטגעשטעלט די ביבלישע כראָנאָלאָגיע לויט דער דעמאָלט גילטיקער קבלה, און אויף-

וועלכער עס שטיצט זיך די נאָך היינט געברויכלעכע צייטרעכענונג ביי די יידן „לויט בריאת העולם". אין קעגנזאַץ צו אַ שפּעטערדיקן היסטאָרישן ווערק האָט מען יוסי בן חלפתאס אָנגערופן סדר עולם רבא (די גרויסע כראָניק).

דאָך האָט מען דידאַקטיק אַלע ווערק, אין וועלכע די נייערע קריטיק זעט אַ קעגנזאַץ צווישן דער עלטערער און דער יינגערער, דורך עקיבאס שול פאַרטראַטענער הלכה, ניט פאַרשריבן, נאָר מונדלעך איבערגעגעבן פון איין דור תנאים צו דעם צווייטן, דערגאַנצנדיק און פאַרריכטנדיק, וואו עס איז דערין געווען אַ נויטווענדיקייט, און ווייטער אַנטוויקלענדיק, וואו עס האָט זיך געלאָזן. עס איז אַפילו פאַרבאָטן געווען דאָס טראַדיציאָנעלע געזעץ פון דער הלכה צו פאַרשרייבן און דורך דעם איבערצוגעבן צום עפנטלעכן באַנוצן.

* *

*

פאַר דער צייט איז, ווי באַקאַנט, דער סנהדרין אַריבערגעפירט געוואָרן פון יבנה קיין אושא, און פון אושא קיין ציפּורי. דאָרט האָט דער סנהדרין אין דער צייט פון דעם זיבעטן פאַטריאַרך פון היללס משפחה דערגרייכט צו זיין העכסטן גלאַנץ אין דער פּערזאָן פון יהודה הנשיא, וועלכער האָט אויך געהאַט דעם נאָמען „פירשט", אָדער „הקדוש", נאָר אין די קוועלן פון די חברים פון זיין צייט פיגורירט ער אַלס „רבי" (געב. אַר. 136, געשט. אַר. 217). יהודה הנשיא איז געווען זייער אָנגעזען ביים הויף פונם רוימישן קייסער. וועגן זיינעם אַ וויכוח מיט איינעם אַן אַנטאָנינוס ווערט פיל דערציילט אין שפּעטערדיקע קוועלן. פאַרקערט, איז די קריטיק נאָך ניט אייניק אין דער מיינונג וועגן דעם, וועלכער רוימישער קייסער האָט עס געקענט זיין, וואָס האָט מיט דעם יידישן פאַטריאַרך געלעבט אין אַזאַ נאָענטער פריינדשאַפט. דער גרעסטער טייל זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז דאָס איז געווען מאַרק אויַרעל, אַנדערע רופן אָן סעפּטימיוס סעווערוס, קאַראַקאַלאַ, אָדער העליאָגאַבאַל. צווישן זיי זיינען פאָרגעקומען געשפּרעכן און וויכוחים איבער פאַרשיידענע טעמעס. איינמאָל האָט דער פילאָסאָפישער קייסער אָפּגעפרעגט די אָנגענומענע ביי די פרושים לערע וועגן שכר און עונש אויף יענער וועלט, מחמת דער מענטש באַשטייט דאָך פון אַ קערפּער און אַ נשמה, וועלכע ווערן נאָכן טויט צעשיידט און קאָנען דעריבער ניט צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דערויף האָט יהודה געענט־

כערט מיט אַ משל: אַ פירשט האָט איינמאָל געדונגען פאַר זיין שיינעם גאָרטן צוויי שומרים, איינעם אַ בלינדן, דעם צווייטן אַ לאָמען. איינמאָל, ווען ער איז געקומען באַזוכן זיין גאָרטן, האָט ער געפונען, אַז די שענסטע פלאַנצן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. דער פירשט איז אין כעס געוואָרן און האָט גענומען די שומרים צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער לאָמער האָט זיך פאַרענטפערט: „מיין האַר, איך בין אומשולדיק, וואָרעם איך האָב מיך מיט מיינע לאָמע פיס ניט געקאָנט רירן פון אָרט". דער בלינדער האָט געזאָגט: „מיין האַר, איך בין אויך ניט שולדיק, וואָרעם איך האָב דאָך מיט מיינע בלינדע אויגן ניט געקאָנט אַרומגיין איבערן גאָרטן". דער פירשט האָט אָבער ניט גענומען אין אַכט זייערע ענטפערן און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „אמת, יעדער איינציקער פון אייך האָט באַזונדער דעם פאַרברעכן ניט געקאָנט באַגיין, אָבער איר בײדע צוזאַמען — יאָ, דער בלינדער מיט זיינע גוטע פיס און דער הינקעדיקער מיט זיינע געזונטע אויגן". אַזוי וועט אויך דער רבונו־של־עולם אויף יענער וועלט טאָן. ער וועט די נשמה אַריינגעבן אין דעם קערפּער און ביי ביידע פאַראייניקטע פאָדערן אַ דין־וחשבון.

אַזאַ שטאַרק גשמיותדיקע אויפפאַסונג קאָן אָבער קוים אָנגענומען ווערן פאַר דער פילאָסאָפישער רייפקייט פון יענער צייט; זי קאָן נאָר געבן אַ באַגריף וועגן דעם אופן, ווי אַזוי עס פלעגן דעמאָלט געפירט ווערן מעטאַפיזישע וויכוחים. אָבער פאַר אונז איז וויכטיקער דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אַנדערע פּרטים פון יהודהס לעבן און וועגן זיין וועלטאָנשויאונג, ווייל מיט אים פאַרענדיקן זיך די דורות פון די תנאים. און מיט זיין טעטיקייט האָט ער געהאַט זייער אַ גרויסע השפעה אויף דער געשטאַלטונג פון דעם יידנטום.

הגם יהודה האָט זייער פיל אַכט געלייגט אויף אַמט און ווערדע, איז דאָך זיין טעטיקייט לכתחילה געווען איבערהויפּט אַ רעפאָרמאַטאָרישע. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם מעשר און די שמיטה־יאָרן, אַלזאָ ביבלישע געבאָטן, פאַר איניקע שטעט, וועלכע זיינען געווען שטאַרק געדריקט צוליב די רוימישע שטייערן. ער האָט געענדערט די תקנות וועגן מעלדן ראש־חודש און ער האָט געקענט יעדע אָפּאָזיציע פון איינצלנע חכמים מיט גרויסער שטרענגקייט איינהאַלטן אין אירע גרעניצן. „דאָס איז מיר אַ מסורה פון אונזערע עלטערן" — האָט ער געענטפערט, ווען מען האָט אים באַשולדיקט פאַר זיינע רעפאָרמען. און נאָכדעם האָט ער זיך „סומך געווען אויף אַ ביבלישער געשעעניש מיט

חזקיהו, דעם פרומען קיניג, וועלכער האָט פאַרניכטעט די קופּערנע שלאַנג, וועלכע משה האָט געמאַכט לויט גאָטס באַפעל, ווייל דאָס פאָלק האָט צו איר אָנגעהויבן צו דינען ווי צו אַן אָפּגאָט. חזקיה האָט גע-האַלטן, אַז דאָס איז אים ערלויבט צו טאָן צוליב דער טובה פונם פאָלק. פונקט אַזוי איז אים אויך ערלויבט אָנצונעמען בנוגע צו איי-ניקע געזעצן און געבאָטן ענדערונגען, וועלן האָבן דעם ציל ניט מבטל צו מאַכן, נאָר פאַרקערט צו פאַרשטאַרקן די תורה.

אַזעלכע אָנשויאונגען לאָזן דערקענען דעם גייסט פון הילל און פון יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט אויך אין דעם פּאַטריאַרך יהודה גע-לעבט, און אים דערוועקט צו פאַרענדיקן די זאַך פון זיינע פאָרגייער. ביי דערדאָזיקער אונטערנעמונג האָט ער אין יסוד געלייגט די משנה פון רבי עקיבא און נעמלעך לויט דעם סדר פון רבי מאיר, אָבער ניט מיט דער אויסזיכט צו שאַפן אַ נאָרמע פאַר אַלע שפּעטערדיקע צייטן, נאָר כדי לויט דעם מוסטער פון די פאָרגייער צו סיסטעמאַטיזירן לויט באַשטימטע קאַטעגאָריעס, און אין דער פאָרם איבערצוגעבן דעם שפּע-טערדיקן דור דעם שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסענעם טראַדיציאָנעלן שטאָף.

אויב ניט קוקנדיק דערויף האָט יהודה הנשיאס משנה דערגרייכט צו אַזאַ נאָרמאַטיוון כאַראַקטער, דאַרף מען די סיבה דערפון זוכן אין אויסערלעכע אומשטענדן, וועלכע לאָזן זיך ניט קלאָר אויספאָרשן מחמת דעם מאַנגל אין קוועלן. מען קאָן אָבער קוים אָננעמען, אַז עס עקסיס-טירט אַ צוזאַמענהאַנג צווישן יהודהס הויכע שטעלונג ביי דעם רוימישן הויף מיט דער אָנערקענונג פון זיין משנה. גיכער אַנטשפּרעכט שוין דעם אמת דער פאַקט, אַז די מאַסע תלמידים פון דעם הויך געאַכטן פּאַטריאַרך האָבן זיין משנה פונאַנדערגעטראָגן איבער ווייטע לענדער און אַזוי זי פאַרשפּרייט. יעדנפאַלס האָט זיין משנה אַלע אַנדערע פריערדיקע און גלייכצייטיקע משנהס אַרויסגעשטופּט און באַקומען דעם איינציקן אַוטאָ-ריטעט ביי די יידן. אויף וויפיל אָבער יענע זיינען ניט אַריינגענומען אין זיין זאַמלונג, זיינען זיי ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, און נאָר פאַר זיין ווערק איז געבליבן דער טיטל „אונזער משנה".

פאַרקערט, די משנהס, וואָס עס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די חברים פון זיין צייט און זיינע תלמידים, וועלכע מען רופט האלבע תנאים, און פון וועלכע מען האָט לויט צעוואָרפענע פראַגמענטן זיך געפּרוּווט ווידעראויפצושטעלן נאָר די משנה פון אבא שאול, האָבן אין זיך אַנט-האַלטן דאָס רוב דיפערענצפּונקטן מיט אייניקע מיינונגען פון דעם לערער, אָדער די הלכהס, וועלכע יענער האָט אין זיין זאַמלונג אָדער ניט אַריינגענומען, אָדער ניט אַנטוויקלט, נאָר בלויז אָנגעמערקט. זיי האָבן

געבי־דעט די אַזויגערופענע אויסערלעכע, אַפּאָקריפישע משנה און צוליב דעם זיינען זיי אָנגערופן ב ר י י ת א, ד. ה. די אויסער דער אָנערקענטער משנה איבערגעלאָזענע אויסערלעכע מסורה, וועלכע רופט זיך אַלס זאַמלונג אויך ת ו ס פ ת א; שפּעטער האָט מען זי געניצט אַלס דערגאַנצונג צו דער הויפּטמשנה, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו קיין אַוטאָריטאַטיווער באַדייטונג, הגם אַ צייט לאַנג איז זי אָנגעזעען געוואָרן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מיט דער משנה. וויפיל איז אין דער תוספתא אַריינגעקומען פון נחמיהס עלטערן ווערק, איז שווער פעסטצושטעלן. אַזוי ווי מאירס משנה איז פאַרבּרייטערט געוואָרן דורך יהודהס זאַמלונג, אַזוי איז אויך נחמיהס תוספתא פאַרשלונגען געוואָרן דורך דערדאָזיקער שפּעטערדיקער זאַמלונג פון דער ברייתא, וועלכע האָט געהאַט דעם ציל צו געבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון געזעץ אין אָנשוילעכער פאַרשרייבונג און דערביי אַפילו מיט זיינע מאָטיוון. די תוספתא איז פאַראַן נאָר צו 51 טראַקטאַטן פון דער משנה.

צי האָט יהודה הנשיא זיין משנה פאַרשריבן און דערמיט מבטל געמאַכט דעם אַלטן פּרינציפּ, אַז די תורה טאָר ניט דורך פאַרשרייבונג פיקסירט ווערן, נאָר זי מוז בלייבן אין באַשטענדיקן פליסיקן צושטאַנד, דאָס איז נאָך עד־היום ניט פעסטגעשטעלט. דאָך האָבן זיך דער גרעסטער טייל און די מער געלערנטע פאָרשער אויף דעמדאָזיקן טונקעלן געביט אַרויסגעזאָגט פאַר דער וואָרשיינלעכער השערה, אַז אויך די משנה, גלייך ווי די הלכהשע מדרשים, זיינען נאָך יהודהס טויט בלויז מונדלעך איבערגעגעבן געוואָרן, הגם דער נשיא האָט זי ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן, מען רעכנט, אַז איבער דרייסיק יאָר האָט זיך יהודה הנשיא באַשעפטיקט מיט דידאָזיקע ווערק, וועגן וועלכן מען מוז ריידן גענויער מחמת דעם וויכטיקן אָרט, וואָס עס פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור.

❀ ❀

❀

די גאַנצע משנה צעפאַלט אויף זעקס הויפּטטיילן (ס ד ר י ם), וועלכע האַלטן איין 63 טראַקטאַטן (מ ס י כ ת ו ת אָ ד ע ר מ ס כ ו ת) און 524 קאַפּיטלען (פ ר ק י ם). דידאָזיקע זעקס סדרים פון דער משנה האָבן פאָלגנדיקע נעמען: I. ז ר ע י ם, די זריעות, וואָס אין עלף מסיכתות אַנטהאַלטן זיי די געזעצן וועגן ערדאַרבעט און וועגן די פעלדפרוכט. II. מ ו ע ד, די פעסטצייט, פאָרשריפטן וועגן יום־טובים און תעניתים

אין צוועלף מסכתות. III. נ ש י ם , פרויען וואו אין זיבן מסיכתות ווערן באהאנדלט די געזעצן פון מאן און ווייב. IV. נ ז י ק י ן , באשעדיקונגען, ציוויל- און קרימינאל-רעכט אין צען מסיכתות. V. ק ד ש י ם , הייליק- טימער, אין עלף מסיכתות, הייליקע זאכן און כללים פון קרבנות. VI. ט ה ר ו ת , ריינקייט, געזעצן און ריטועלע פארשריפטן וועגן אום- ריינקייט, אין צוועלף מסיכתות באהאנדלט.

ווי עס איז שוין צו זען פון דערדאזיקער קורצער רשימה פון תוכן, קומען די מסיכתות פון דער משנה אן א שום קענטיקער סיסטעם איינע נאך דער אנדערער, אויסער עפעס א ריין אויסערלעכער, וועלכע באשטייט אין דעם, וואס די לענגערע מסכתות קומען פון אנהייב און די קירצערע צום סוף פון יעדן סדר. אזוי הייבט זיך אן דער ערשטער סדר, אפשר כדי צו באווייזן, אין וואס דארף ווייטער באשטיין דער שווערפונקט פון דער יידישער רעליגיע, מיט דער מסיכתא, וועלכע באהאנדלט די פראגן וועגן גאטסדינסט — בשעת דארט, וואו מען וואלט עס אמווייניקסטן געקאנט ערווארטן, אין דעם טייל, וואו עס רעדט זיך וועגן ציוויל-רעכט, איז איינגעשלאסן די עטישע גנאמאלאגיע פון פ ר ק י א ב ו ת (שפרוכן פון די פאטערס) אין פינף קאפיטלען, וועלכע אנטהאלטן די פראקיש-זיטלעכע שפרוכן, אנהייבנדיק פון די אנשי-כנסת- הגדולה און ענדיקנדיק מיט פערציק ווייטערדיקע לערער; דאס גלייכן אין דעם דריטן טייל וועגן פרויען געפינען מיר צום באוואונדערן אויך פארשריפטן וועגן שבועות און נדרים.

אויב אבער אין דער משנה פעלט א מעטאדישער סדר, שיינט דאך, אז זי איז פארט צונויפגעשטעלט לויט א געוויסער סיסטעם, וועל- כע איז, אמת, שווער פעסטצושטעלן. און גראד דערדאזיקער מאמענט פון סיסטעמאטישקייט האט שווער געמאכט די וויסנשאפטלעכע פארשונג פון דער משנה און ארויסגערופן פיל וועגן איר אנטשטייאונג און אוו- טאריטעט, היפאטעזעס פון וועלכע איינע האט נאך רעכט אויף באזונדערע אויפמערקזאמקייט, מחמת איר אינערלעכער ווארשיינלעכ- קייט. לויט דערדאזיקער מיינונג האבן די מחלוקת אין די שולן גופא פון הילל און שמאי געשטערט דער אנטוויקלונג פון דער מסורה. כדי דאס צו באזייטיקן האט גמליאל דער מערהייט פונם גרויסן סנהדרין געגעבן דעם באשטימענדיקן אווטאריטעט, וועלכן יעדער איינציקער מיטגליד האט זיך געמוזט אונטערווארפן. נאר דאס וואלט ניט געבראכט צום ציל, און די פרייע אינדיווידועלע אנטוויקלונג פון דעם לערנשטאף וואלט געבליבן ווי פריער, ווען אין עקיבאן וואלט ניט ערשיינט די פערזענלעכקייט, וועלכע אלע האבן זיך פריי אונטערגעגעבן, און וועל-

כער האָט אַליין געהאַט ביי די חברים פון זיין צייט דעם אויטאָריטעט פון אַ גאַנצן בית-דין. נאָך זיין טויט זיינען דאָך, ניט קוקנדיק דערויף, ווידער אַנטשטאַנען אַפּולע שולן, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונ-טערגעבן דעם גרויסן סנהדרין, און דעריבער האָט יהודה הנשיא פאַר דער צוקונפט ניט געפונען קיין בעסערן מיטל ווי אויפצוזאַמלען, אי-בערצוקוקן און אין אָרדענונג צו ברענגען דעם גאַנצן רעליגיעזן שטאָף פון דער טראַדיציע. דאָך האָט ער ניט געשאַפן קיין פאַרגליווערטן און פאַרפיקסירטן קאָדעקס, וועלכער זאָל אויסשליסן יעדע דיפערענץ אין די מיינונגען, נאָר פאַרקערט ער ברענגט אויך די מיינונגען פון איינצל-נע אויסגעצייכנטע לערער, כּדי אַ קינפטיקער בית-דין זאָל קענען אין פאַל, אויב עס וועט זיין אַ נויטווענדיקייט, מבטל מאַכן אַן אָנגענ-נומענע הלכה, שטיצנדיק זיך אויף זיי. דערמיט האָט ער געהאָפט אויך פאַר די קינפטיקע דורות צו מאַכן דעם לערנשטאָף פליסיק און אַנט-וויקלונגס-פעאיק.

אַזוי פיל וועגן דעם הלכהשן טייל, וועלכער פילט אָן דעם גרעסטן טייל פון דער משנה. אגדהשע עלעמענטן האָט דאָס ווערק נאָר ווייניק, וואָרעם זיין כאַראַקטער שליסט דידאַקטיקע עלעמענטן אויס. דאָך האָט די אגדה אויך אין דער משנה געפונען אַן אַריינגאַנג אין צוויי גאַנצע מסכתות, וואָס וועגן איינער פון זיי האָבן מיר שוין פריער גערעדט, אויך ביים סוף פון פיל מסכתות, מיט דעם ציל צו בענטשן און צו טרייסטן, און ענדלעך אויך ביי איינצלנע הלכות, וועלכע בינדן זיך לויט זייער מהות מיט אגדהשע עלעמענטן. אָבער אַזעלכע שטעלן ווייזן זיך אַרויס אַלס שפּעטערדיקע הוספות פון דעם נשיאס תּלמידים, וועגן וועלכן עס ווערט אין דעמדאָזיקן ווערק גופא געזאָגט: „זינט רבי איז געשטאָרבן, איז פאַרשוואונדן געוואָרן ענוה און מורא פאַר גאָט".

די און אַנדערע אומשטענדן באַווייזן, אַז עס זיינען געווען גע-מאַכט צוויי רעדאַקציעס פון דער משנה. דער אויסדרוק: „דאָס איז די ערשטע משנה", וועלכע געפינט זיך פיל מאָל איבערגעחזרט אין דעם ווערק, האָט אויך געגעבן אַן אָרט פאַר דער סברא, אַז יהודה אַליין האָט אויף דער עלטער נאָך אַמאָל רעווידירט זיין משנה, און אַז זיין זון שמעון האָט נאָך דעם פאַטערס טויט צוגעגעבן פיל הוספות, וועלכע ער האָט געהאַט בקבלה פון אים.

די שפּראַך פון דער משנה איז אַ געמישטע, וועלכע איז צוזאַ-מענגעזעצט פון דריי עלעמענטן. דער גרעסטער טייל איז העברעאיש, וואָס באַשטייט פון עכט העברעאישע, אָדער פון אַזעלכע, וואָס בילדן דעם אייגנטימלעכן שפּראַך-אוצר פון דער משנה. דערצו קומען נאָך

אַרמישע אָדער העבּרעאיזירטע ווערטער, ווי זיי האָבן געלעבּט אין פאָלקס-געבּרויך פון יענער צייט; ענדלעך, גריכישע און לאַטיינישע אין דער ענזונג פרעציזירטע ווערטער. די שפּראַך פון דער משנה איז שפּע-טער די באַשטימטע באַצייכענונג פאַר דעם פאַרזינגטן העבּרעאיש. דער גאַנצער כאַראַקטער פונם ווערק איז נאַטירלעך ערנסט און שטרענג. נאָר זעלטן דערהייבּט זיך די משנה צו פּאָעטישן שוואונג, צום פאַנטאַסטישן בילד, — אין די פאַלן, ווען עס קומט אויס צו שילדערן די שיינקייט פון ציון און די פאַרגאַנגענע צייטן.

אין דערדאָזיקער פאַרגאַנגענהייט האָט דאָך געלעבּט דער דור, און אין איר האָט ער געפינען טרייסט און מוט פאַר דער בייזער קעגנוואַרט און אפשר פאַר נאָך אַ טריבּערע צוקונפט. דעריבּער איז כמעט אַ העלפט פון דער משנה פול מיט תקנות און פאָרשריפטן וועגן זאַכן, וועלכע זיינען אינגאַנצן פרעמד דער פאַרפאַסונגס-צייט פון דער משנה און האָבן העכסטנס געקענט גילטן מער ניט ווי אַקאַדעמישע פראַגן: למשל וועגן צאָלונגען פון די באָדן-פּרוכטן פון הייליקן לאַנד, וועגן ריינקייט און אומריינקייט און דאָס גלייכן. אָבּער דער גייסט, וועלכער האָט געהערשט אין דער משנה, כאַראַקטעריזירט אויך דעם גייסט, מיט וועלכן עס זיינען געוועזן דורכגעדרונגען איר שעפער און זיינע חברים, וועלכע האָבן געשטרעבּט צו דעם זעלבן ציל וואָס ער.

II. דער תלמוד.

דריי הונדערט יאָר האָט געדויערט די טעטיקייט פון די תנאים
פאַר דער משנה; נאָך דריי הונדערט יאָר און מער זאָל האָבן געדויערט
די גייסטיקע אַרבעט פון די מענטשן, וועלכע האָבן איבערגענומען די-
דאָזיקע ירושה, כדי זי צו באַאַרבעטן און פאַרשפּרייטן אין אַלע ריכ-
טונגען, פון די אַמוראים. אָבער שוין ניט אויף דעם באָדן פון פּאַ-
לעסטינע, איבער וועלכן עס האָט שוין פון איצט אָן גערוט די פלוך,
נאָר אין יענעם בבל, וועלכער האָט אַמאָל קיין ירושלים אַרויסגעשיקט
אַ עזרא און אַ הילל, און איז פון שטענדיק אָן דעם פאָלק ישראל גע-
ווען ליב און טייער מער פאַר אַנדערע לענדער, האָט זיך אָנגע-
הויבן און פאַרענדיקט די אַרבעט פון די דורות אַמוראים. אַלע האָפע-
נונגען און ערוואַרטונגען פון דעם ראָמאַנטישן געדאַנק וועגן וואונדער-
באַרער רעטונג און ווידעראויפלעבונג פון דעם אַלטן גלאַנץ האָבן
אונטער די חורבות פון ביתר געפונען זייער שטילן קבר. דער גלענצנ-
דער „שטערנזון"[1]) האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בלאָנדזשענדיק ליכט,
און אַזוי איז בייטיק געוואָרן צו געפינען אַ נייעם ציל פון לעבן און
פון שאַפן, און פאַרשפּרייטן אַ ממשות-געענדערטע אָנשויאונג אויף די
חובות פון דער קעגנוואַרט און אויף די האָפענונגען פון דער צוקונפט.
אין אַ קורצן, רעזיגנירטן און ווייטאָגדיקן און דאָך פאָרט מוטיק און
פריש קלינגענדיקן וואָרט, איז דעמאָלט אַרויסגעזאָגט געוואָרן די פּאַ-
ראָל פון יענער צייט און פון די צוקונפטיקע צייטן פאַר ישראל אין
גלות, אין דעם פריער שוין ציטירטן זאַץ: „און מער איז אונז גאָרנישט
געבליבן אויסער דערדאָזיקער תורה".

אין דעם איז אַלץ געלעגן. טעמפּל און כוהן, מלוכה און שטאַט
האָבן געקאָנט אונטערגיין, וואָרעם זייער לעצטע שעה האָט אויסגע-

---

[1]) בר-כוכבא טייטשט: דער זון פון אַ שטערן. (איבערז.).

שלאָגן, אָבער די תורה איז געבליבן און האָט געמוזט בלייבן, ווי די־ פאַן, אַרום וועלכער עס האָט געלאַגערט דער צעשטרייטער שטאַם, נאָך וועלכער ער האָט געקאָנט גיין איבער גאָר דער וועלט. דערדאָזי־ קער באַוואוסטזיין פון ישראלס נייער אויפגאַבע, וועלכע הייבט זיך אייגנטלעך ערשט אָן מיטן חורבן פון ירושלים, לאָזט זיך שוין דערקע־ נען ביי פיל חכמים פון יענער צייט. ער חזרט זיך איבער, ווי אַ צו־ שפיל אין זייערע וויכּוחים, ער ווערט אַרויסגעזאָגט אין פיל זעלב־ שטענד'קע סענטענצן און רעדעס. ווער עס קערט זיך אום צוריק פון בבל קיין פּאַלעסטינע, יענער באַגייט אַ זינד, אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די גרויסע חכמים; און געוויס האָט שאַרפער ניט געקאָנט אויסגע־ דריקט ווערן די וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג פון דעם נייעם פאָטערלאַנד, וועלכע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן דער ראָמאַנטישער שטרעבונג נאָך דער אַלטער היימאַט. און פּונקט אַזוי האָבן אויך אַלע פאַנטאַסטישע האָפענונגען אויף משיחן, אַלץ איינס פון וועמען זיי זיינען אַרויס, צי פון די רבנים, צי פון די סיבילן, ניט געקאָנט שאַרפער און ענערגישער פאַרניכטעט ווערן, איידער דורך דאָס דרייסטע וואָרט פון הילל: „ישראל דאַרף גאָר ניט וואַרטן אויף קיין משיח, וואָרעם אונזערע אורעלטערן האָבן שוין אין דער צייט פון חזקיה גענאָסן פון זיין הער־ לעכקייט", — אַזאַ וואָרט, וואָס זיין אַנטמוטיקנדיקער איינדרוק האָט געמוזט געמילדערט ווערן דורך אַ וויניקער דרייסטן, אָבער ניט ווי־ ניקער באַדייטנדיקן אויסדרוק: „צווישן היינטיקער צייט און משיחס־ צייטן איז ניטאָ קיין אונטערשייד, חוץ דעם דרוק פון די פעלקער, וועלכער וועט דעמאָלט אויפהערן פאַר ישראל". און אין דער צייט, ווען אין פּאַלעסטינע האָט מען נאָך קורץ פאַר דעם אין דער משנה קאָדיפיצירט די גאַנצע אַלטע יידישע מלוכה מיט אירע געזעצן און אינ־ סטיטוציעס, האָט מען שוין אין בבל געשאַפן דעם פּרינציפּ: „דינא דמלכותא דינא".

עס קאָן דייטלעכער ניט אַרויסגעזאָגט ווערן, אַז די פאַרגאַנגענ־ הייט האָט נאָר איר היסטאָרישן ווערט, און יעדער צייט לייגט אַרויף אויפן מענטשן אירע פליכטן און פאָדערט אירע אייגענע טעטיקע די־ נער. אין בבל האָט מען געלעבט אין דער קעגנוואַרט, אין דער צייט וואָס אין פּאַלעסטינע האָט מען נאָך אַלץ געשטרעבט אַנצוקלאַמערן זיך אָן דער פאַרגאַנגענהייט. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען דאָס, וואָס אין פּאַלעסטינע אין דאָס גייסטיקע לעבן כּסדר פאַרוועלקט געוואָרן, בשעת אין בבל האָט עס אויפגעבליט צו אַ נייעם לעבן. אַ צייט לאַנג האָבן נאָך ביידע לענדער קאָנקורירט אין דער וויסנשאַפט פון דער

תורה. אָבער באַלד נאָך דעם טויט פון יהודה הנשיא זעען מיר, ווי אין בבל הייבט זיך אָן אונטער דעם שוץ פון מילדע הערשער די אַנטוויקלונג פון אַ טעטיקן שאַפן, פאַר וועלכן די ישיבות אין סורא, נהרדעא און פומבדיתא דינען אַלס פלאַנצשולן. די לערער, וועלכע האָבן אין דער צייט פון די תנאים שוין זיך גערופן „ערקלערער", אָדער אַמוראים, האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרברייטערן און דערקלערן דעם לערנשטאָף פון דער משנה. איצט האָבן זיי זיך באַמיט דידאַזיקע אויפגאַבע נאָך זייער אויפפאַסונג אויסצופירן, און עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז דידאַזיקע אויפפאַסונגען זיינען אין פאַרשיידענע לענדער געווען שטאַרק פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע.

אין פּאַלעסטינע, וואו איבער דעם פּאַטריאַרכאַט איז געשטאַנען יהודה II, וועלכער איז, ניט קוקנדיק אויף זיינע פולע פעלערן, דאָך געווען הויך געאַכט און האָט געשמט אַלס הלכהשער אויטאָריטעט, זיינען די גרעסטע פאָרשטייער פון דעם ערשטן דור אַמוראים געווען ח נ י נ א ב ר ח מ א, י ו ח נ ן ב ן נ פ ח א, זיין שוואָגער ש מ ע ו ן אָדער ר י ש־ל ק י ש, און י ה ו ש ע ב ן ל ו י. חנינא האָט זיך אָבער אַחוץ דער תורה באַשעפטיקט אויך מיט דאָקטאָריע. ער איז שוין פון יהודה הנשיא באַשטימט געוואָרן פאַר דעם ראש פון דער ישיבה, און די אויפגאַבע פון זיין לעבן האָט ער געזען אין דעם, ער זאָל אויפהיטן טריי און פעסט די ירושה, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין לערער, בשעת יוחנן און ריש־לקיש האָבן פאַרקערט אַנטוויקלט אַ קריטישע טעטיקייט. די קוועלן דערציילן וועגן יוחננס מעלות און שיינקייט וואונדערלעכע זאַכן, און זיין גייסטיקע באַדייטונג איז, ווי עס איז צו זען פון די סענטענצן, וואָס זיינען פון אים געבליבן, אויך געווען ניט קיין קליינע. פון איין זייט האָט ער זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער הלכה, און אין פאַלן פון ווידערשפּרוכן האָט ער זיך באַמיט זי פעסטצושטעלן און צו אַנטוויקלען אויפן סמך פון די פאַרשיידענע ווערסיעס פון די תנאים. פון דער צווייטער זייט איז אים די גריכישע בילדונג ניט געווען דערווידער, און די קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן יידנטום און העלעניזם האָט ניט געפונען קיין שענערע כאַראַקטעריסטיק, ווי אין יוחננס באַמערקונג וועגן נחס צוויי זין, וועלכע האָבן פאַרדעקט די שאַנד פון זייער פאָטער, אַז שם האָט באַקומען אַלס מתנה דעם מאַנטל פון אַ נביא (טלית — אַ מאַנטל מיט פאַסן, וועלכן די יידן טוען אָן בשעתן דאַוונען) און יפת—דעם מאַנטל פון אַ פילאָסאָף (Pallium).

אויב יוחנן רעפּרעזענטירט דאָס ברייטע גרינדלעכע וויסן פון דער

הלכה, דאַן שטעלט זיין חבר און צוגלייך זיין שוואָגער שמעון בן לקיש פאָר די שאַרפזיניקע דיאַלעקטיק, וועלכע איז נאָך דעם געוואָרן די כאַראַקטעריסטישע אייגנאַרטיקייט פון די אמוראים און האָט זיך שפּע־טער אויסגעאַרטיקט אין פּילפּולדיקער סכאָלאַסטיק. ערנסט און שטרענג, מיט פרייען גייסט און אָריגינעל ערשיינט דערדאָזיקער פאָרשער סיי אין זיינע הלכהשע אַנטשיידונגען, סיי אין זיינע אגדהשע מימראס, וואָס אייניקע פון זיי כאַראַקטעריזירן דעם מענטשן און זיין צייט: „איוב איז קיינמאָל ניט געווען, דאָס בוך איז נאָר אַ משל“, — האָט ער איינ־מאָל געמאַכט אַ באַמערקונג אין אַ וויכּוח וועגן דער צייט, אין וועל־כער דער ביבלישערליידער האָט געלעבט. אַן אַנדערש מאָל האָט ער שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם אויך אין די יידישע קרייזן פאַר־שפּרייטן גנאָסטיציזם מיט זיינע עקסטרעמען דורך די פאָלגנדיקע שאַרף פּאָלעמישע ווערטער: „די נעמען פון די מלאכים האָבן די יידן מיט זיך פון גלות בבל אַראָפּגעבראַכט קיין פּאַלעסטינע“. און נאָך אַמאָל האָט ער אין אַ וויכּוח מיט איינעם אַ laudator tempori acti זייער ענערגיש פאַרטיידיקט די רעכט פון דער קעגנוואַרט, שטעלנדיק פיל העכער די פאַרדינסטן פון די עפּיגאָנען אין דעם שטודיום פונם געזעץ.

נאָך צווישן דידאָזיקע אמוראים האָבן אין יענער צייט געלעבט נאָך אַנדערע פאָרשער, וועלכע טרעטן אויף, אָדער אַלס פילאָסאָפישע פּריידיקער פון מידות, ווי שמלאי, וואָס וועגן זיין קאַמף מיט די נוצרים וועגן דער דאָגמע פון דרייאייניקייט און וועגן דעם הייליקן גייסט ווערן דערציילט פאַרשיידענע זאַכן, אָדער אַלס דערקלערער פון דער ביבל ווי הילל דער ברודער פון דעם פּאַטריאַרך. דערדאָזיקער הילל איז געווען דער לערער פון דעם קירכנפאָרשער אָריגענעס אין דער העברעאישער שפּראַך, אין דער ביבלעקזעגעטיק און, וואַר־שיינלעך, אויך אין דער טראַדיציאָנעלער אויסטייטשונג פון די הייליקע שריפטן. אָריגענעס איז זיך אַליין מודה, אַז ער האָט זיך מיט די יידישע פאָרשער באַראָטן, איידער ער האָט צוזאַמענגעשטעלט די Hexapla, ס׳דאָזיקע מערקווערדיקע ווערק, אין וועלכן עס איז קעגנאַנאַנדער גע־שטעלט געוואָרן אין זעקס זיילן דער העברעאישער טעקסט און העברע־אישן און גריכישן כּתב: די איבערזעצונגען פון דער סעפּטואַגינטאַ, פון אַקווילאַ, סימאַכוס, טעאָדאָטיאָן, אויך פראַגמענטן פון אַ פינפטער, זעקסטער און זיבעטער איבערזעצונג, וועלכע ער האָט געפונען אין ני־קאָפּאָליס און אין יריחו, כּדי קלאָר צו מאַכן די פאַרהעלטעניש פון דעם טעקסט פון דער סעפּטואַגינטאַ צום גרונדטעקסט, האָבנדיק אין אַכט אויך די פּאָלעמיק קעגן די יידן.

* *

*

דידאַקטיקע פּאָלעמיק האָט נאַטירלעך אָנגענומען זייער אַ שאַרפע פאָרם אין דער צייט ווען יידנטום און קריסטנטום, וועלכע האָבן אין צוויי יאָרהונדערטן געלעבט בשלום איינער לעבן צווייטן, האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין. אמת, פריער שוין זיינען די דיספּוטן צווישן די יידן מיט די יידן-קריסטן געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַלערליי מינים וואָפן פון דער געלערנטקייט און פון דער סאַטירע. גאָר אַ פיינטלעכן כאַראַקטער האָט אָבער דידאַזיקע פּאָלעמיק באַקומען ערשט, ווען די פּאָטערס פון דער קירך זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן יידנטום מיטן שווערן געווער פון דער פילאָסאָפיע. צו דער געשיכטע פון דידאָזיקע קאַמפּן גיט די תלמודישע ליטעראַטור אַ רייכן נאָך ניט גענוג אויסגעפאָרשטן מאַטעריאַל, דורך וועלכן עס ווערט אויך פיל העלער באַלויכטן די קריסטלעכע אורגעשיכטע, וועלכע איז נאָך אין טונקלקייט פאַרזונקען.

די ערשטע פּאָטערס פון דער קירכע זיינען געווען פלאַטאָניקער, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די געצנדינער מיט דעם באַוויז, אַז פלאַטאָן האָט גאָר זיין חכמה גענומען ביי משהן, און קעגן די יידן,— אַז די אידעע פון לאָגאָס איז שוין אָנגעמערקט אין די ביבלישע ביכער, וייל די גאַנצע פילאָסאָפיע נעמט איר אָנהייב פון די ביבלישע שריפטן. אַזאַ אויסטייטשונג פון דעם „ביבלישן אָראַקעל" האָט ניט געקענט געפעלן זיין די געזעצלערער. זיי זיינען דעריבער שאַרף און מיט פאַרביטערונג אַרויסגעטראָטן קעגן דערדאָזיקער לערע, וועלכע איז אין מאַרק און אין גאַס, אין שול און אין הויז געפּריידיקט געוואָרן, כדי צו שאַפן פּראָזעליטן. שטאַרקער פאַר אַלץ איז זייער צאָרן געווען קעגן די יידן-קריסטן. ערשט ווען דער היידנישער עלעמענט האָט אַריבערגעשטייגט, אַזוי אַז די שפּאַלטונג איז געוואָרן אַ פולשטענדיקע, איז שוואַכער געוואָרן דידאָזיקע דערביטערונג, וועלכע ווערט אַרויסגעזאָגט אין אַ פולע ערטער פון דער תלמודישער ליטעראַטור קעגן די מינים.

יהושע בן חנניה ווערט דערמאָנט צווישן די תנאים אַלס דער אויסגעצייכנטסטער פּאָלעמיקער. אביי און שמלאי האָבן צווישן די אמוראים געגאָלטן אַלס די קאַמף-פעאיקסטע קעגנער פון דער בייערלערע. אין דעם דיאַלאָג מיט דעם יידן טריפאָן האָט אונז יוסטין דער מאַרטירער, דער באַדייטנדסטער פון די אַפּאָלאָגעטן, וועלכע

זייבען אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די קריסטלעכע לערע קעגן הײדנטום און יידנטום, איבערגעלאָזן אַ לעבנספול בילד פון דידאָזיקע קאַמפן. ווי אַנטשיידן אָבער די פּאָטערס פון דער קירכע האָבן ניט געקעמפט קעגן דעם ראַבינישן יידנטום, איז דאָך זייער אָפּהענגיקייט פון דעם ראַבינישן אויסטייטשן די הײליקע שריפטן פאָרט אַ שטאַרקע און אַ זיכערע. אָנהייבנדיק פון יוסטין דעם מאַרטירער ביז היעראָנימוסן און אַווגוסטינוסן ציט זיך נאָך אַלץ דידאָזיקע אָפּהענגיקייט פון די העבּרעאישע טראַדיציעס. און בשעת זיי באַמיען זיך, כדי צו געבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד דער גנאָסטיק, דורך דער ביבל דאָגמאַטיש און פילאָסאָפיש צו פאַרהיטן די ענגע קרובהשע שייכות צום יידנטום און זייערע שריפטן, — פאַרפאָלגן זיי אין לעבן די יידן גופא מיט דעם גאַנצן פאַנאַטיזם פון גלויבן. דערזעלביקער היעראָנימוס, וועלכער איז ווי אָריגענעס און מסתמא אויך דאָס רוב אַנדערע פּאָטערס פון דער קירך דורך יידן אַריינגעפירט געוואָרן אין די „העבּרעאישע אָראַקעלן“, ערקלערט פייערלעך: „אויב עס פאָדערט זיך צו פאַראַכטן איינצלנע פּערזאָנען און דאָס פאָלק, דאַן פאַרהאַס איך די יידן מיט אומבאַשרייבלעכער שנאה, וואָרעם זיי פלוכן נאָך עד־היום אונזער האַר אין זייערע שולן“.

ס'איז אַ גליק פאַר דער ווינסשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער ביבלעקזעגעטיק, וואָס דערדאָזיקער האַס איז געפאַלן ווייניקער אויף איינצלנע פּערזאָנען, איידער אויף דעם גאַנצן פאָלק. די קענטעניש פון דער העבּרעאישער שפּראַך, וואָס היעראָנימוס האָט געלערנט ביי איינעם אַ יידן בר־חנינא, האָט אים געגעבן די פעאיקייט צו מאַכן די איבערזעצונג פון דער ביבל, וועלכע איז אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען Wulgata. ערשט מיט אַווגוסטינוסן, וועלכער האָט געבראַכט די קירכלעכע געבילדעטקייט פון דער פּאַטריסטישער צייט צו דער העכסטער מדרגה, האָט זיך געענדיקט די אָפּהענגיקייט מצד די קירכנלערער פון די רבנים בנוגע דער אויסטייטשונג פון דער ביבל, און עס בלייבט אין דער פריערדיקער קראַפט נאָר די רעליגיעזע שנאה, וועלכע שטיצט זיך אין אַ משך פון יאָרהונדערטן אויף יענע פּאָטערס פון דער קירך.

* *

*

דערווײַל האָט זיך אין בבל באַוויזן אַ מענטש, וועלכער האָט

יהודה הנשיאס משנה, אן ערך אין 219, פון פאלעסטינע אראפגע־בראכט, — אבא אריכא (75—247), און דארט איז מחמת דעם גע־גרינדעט געווארן אן אומאפהענגיקע שול פון געלערנטע. דערדאזיקער לערער האט צוזאמען מיט זיין פריינד מר שמואל פון נהרדעא אנט־וויקלט א רייכע טעטיקייט, מיט דעם ציל צו שאפן פאר דער משנה פון זיין לערער אין די שולן פון בבל אלגעמיינע אנערקענונג לגבי אנדערע משנה־זאמלונגען, וועלכע זיינען לויט זיכערע ידיעות שוין פריער דארט געווען אין אומגאנג. דערדאזיקער אבא אריכא, וועלכן מען האט שפעטער אנגערופן „רב", ווי מען האט זיין לערער טיטולירט פשוט „רבי", ווערט מיט אכטונג דערמאנט אויך אלס סינאגאגאלער דיכטער. וויכטיקע טיילן פון דער ליטורגישער פאעזיע, וועגן וועלכע עס וועט נאך שפעטער גערעדט ווערן, גייען אויף זיין נאמען. אויך די רעדאקציע פון די הלכהשע מדרשים ספרא און ספרי ווערן אים, אדער לפחות זיין שול צוגעשריבן. פון מר שמואל, זיין חבר לדעה, זיינען געבליבן פיל באדייטנדיקע און מיט פאלגן רייכע אנטשיידונגען, וועלכע שטעלן אויסער ספק די וייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער הלכה, זיין פרינציפ וועגן דער סופעריאריטעט פון מלוכה־געזעץ לגבי אלע אנדערע, האבן מיר שוין עטלעכע מאל דערמאנט. נאר אז ער האט געשטרעבט צו מאכן בבל אומאפהענגיק פון דער מעטראפאליע פאלעסטינע דורך איינשטעלן א ריכטיקן לוח פון די יום־טובים, איז מער, ווי ווארשיינלעך. זיינע מעדיצינישע און דער עיקר זיינע אסטראָ־נאמישע קענטעניש זיינען געווען זייער גרויסע. ער האט זיך אפילו ערלויבט אויסצובארימען פאר זיינע חברים, אז פאר אים זיינען די וועגן פונם הימל אזוי באקאנט, ווי די גאסן פון נהרדעא.

* *

*

אבער צווישן די אמוראים פון פאלעסטינע און בבל, הגם די לעצטע האבן צוגעצויגן פיל תלמידים, האבן נאך אלץ עקסיסטירט פריינדלעכע באציאונגען. נאר שוין גאר אינגיכן האט דער איינפלוס פון דעם אייגענעם לאנד אנגעהויבן שוואכער צו ווערן. די נשיאים גמליאל דער IV און יהודה דער III זיינען אין וויסנשאפטלעכער הינ־זיכט גאנץ אומבאדייטנד, און די אמוראים פון פאלעסטינע האבן אנגע־הויבן טיילוויז אונטערצווארפן זיך דעם העכערן אווטאריטעט פון די בבלישע לערער. אלס אמוראים, וועלכע עס איז כדאי צו דערמאנען,

ערשיינען אין פאלעסטינע צום אָנהייב פון פערטן יאָרהונדערט אלעזר בן פדת, אַמי, אַסי, חייא און שמעון בר אַבא, באַזונדער אָבער אַבוהו אין קסרין. נאָך דעם טויט פון יוחנן בן נפחא האָט זיך אלעזר גערעכנט פאַר דעם גרעסטן אויטאָריטעט אין פאַלעסטינע. אַבוהו אָבער איז אַפנים געווען די לעצטע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט פון דעם צווייטן דור אַמוראים אין פאַלעסטינע. ער האָט ליב געהאַט די גריכישע שפּראַך און האָט זי געלאָזט לערנען זיין טאָכטער. אָבער ער באַקלאָגט זיך איבער דעם גריכישן טעאַטער פון זיין צייט, וואו די קאָמעדיע האָט אָפּגעשפּאָטן פון די יידן און פון זייערע הייליקע אינסטיטוציעס. אַזוי דערציילט ער: מען פירט אַרויף אַ קעמל אין אַ טרויערדעקע אויף דער בינע, דאַן הייבט זיך אָן אַזאַ דיאַלאָג: „פאַרוואָס טרויערט דער קעמל? — דערפאַר וואָס די יידן, וועלכע האַלטן פון שמיטה־יאָר, עסן אַפילו קיין גראָז ניט, און דערנערן זיך נאָר מיט דערנער, דעריבער טרויערט דער קעמל, וואָס מען האָט ביי אים אוועקגענומען זיין בעסטן מאכל". עס טרעט אַרויס אַ מאָמוס מיט געשוירענע האָר: פאַרוואָס טרויערט דער מאָמוס? — ווייל אייל איז אַזוי טייער. — פאַרוואָס איז דאָס אייל אַזוי טייער? — צוליב די יידן. זיי עסן שבת אויף אַלץ, וואָס זיי אַרבעטן אויס פאַרן גאַנצן אומדערוואָכן. עס בלייבט ביי זיי אַפילו ניט קיין האָלץ זייערע שפּייזן צו קאָכן. זיי מוזן דעריבער די בעט פאַרברענען און ביינאַכט שלאָפן אויף דער ערד, אין שטויב זיך וואַלגערן. כּדי די אומריינקייט נאָכדעם צו באַזייטיקן, דאַרפן זיי אַזוי פיל אייל האָבן. דעריבער איז אייל טייער". אַבוהו שטייט אין דערדאָזיקער הינזיכט אינגאַנצן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קירכנפאָטער טערטוליאַן, וועלכער האָט מיט גאַנצע הונדערט יאָר פריער פאַראורטיילט דעם גריכישן עלעמענט מיט די ווערטער: „מיר דאַרפן ניט דורך ריידן, ניט דורך צוקוקן, ניט דורך הערן קיין מגע־ומשא ניט האָבן מיט דער נאַרישקייט פונם צירק, מיט דער אומזיכטיקייט פונם טעאַטער, מיט דער מיאוסקייט פון דער אַרענע".

פונקט אַזוי האָט אַבוהו געקעמפט קעגן די דאָגמעס פון דער שטייגנדיקער קריסטלעכער קירך, איבערהויפּט קעגן די יידן־קריסטן און קעגן דער לערע פון קריסטוסעס אַרויפגיין אויפן הימל, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דער טראַדיציאָנעלער אַגדה, אַז אויך חנוך איז אַרויפגעגאַנגען אויפן הימל. אבוהו האָט ערקלערט, אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ פּאָעטיש בילד. זיין גאַנצע באַדייטונג אַלס דער לעצטער העלד פון דער תורה אין לאַנד יהודה, פּאַסט די אַגדה אויף אין דעם וואָרט: „ווען אבוהו איז געשטאָרבן, האָבן די זיילן פון קסרין געוויינט".

* *

*

אַ האַלבער יאָרהונדערט פון שאַפן איז דערווייל אַריבער פאַר בבל און דאָרט איז אויפגעקומען אַ צווייטער דור אמוראים, וועלכער האָט דעם צווייטן פּאַלעסטינישן דור אַריבערגעשטייגט: רבס און שמואלס תלמידים. און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער, — די עם־הארצות, וועלכע האָט אין פּאַלעסטינע געווען דערגרייכט צו אַ שרעקלעכער מדרגה, האָט אונטער דעם פרישן אָטעם, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַלע שפּאַרעס און קרייזן פון פאָלק, גענומען קענטיק פאַרשווינדן. אַלע האָבן געשטרעבט צו לערנען, און די אמוראים האָבן די שטרעבונג באַפרידיקט, און אַלץ זעלטענער איז געוואָרן יענעם־הארצות, קעגן וועלכער מען האָט אַמאָל אין פּאַלעסטינע אָנגענומען אַזעלכע ענערגישע מיטלען. די גרעסטע געזעצלערער פון דעמדאָזיקן צווייטן דור אמוראים זיינען געווען: הונא, יהודה בר יחזקאל, נחמן בר יעקב, חסדא פון כפרי, ששת דער בלינדער און חמא בר חנילאי. הונא איז געווען דער ראש פון דער סורער ישיבה, וועלכע האָט זיך אפשר אונטער זיין הנהגה אַנטוויקלט ביז דער העכסטער מדרגה פון בליאונג. מער איידער אַכטהונדערט צוהערער האָט ער פאַרזאַמלט אַרום זיך אין די חדשים פון לערנען, און אַלץ פעסטער האָט ער איינגעשטעלט דעם שטאַנדפונקט פון רעליגיעזער און וויסנשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון בבל בנוגע צו פּאַלעסטינע. אָבער אים האָט נאָך איבערגעשטייגט יהודה ב. יחזקאל, וועלכער האָט געגרינדעט די ישיבה אין פומבדיתא, שמואלס אַ תלמיד, וועלכער האָט שוין פון אים באַקומען דעם טיטל שאַרפזיניקער[1]. פון אים שטאַמט דער שאַרפער אורטייל, אַז עס באַגייט אַ פאַרברעכן דער, וואָס קערט זיך אום קיין פּאַלעסטינע. זיין טעטיקייט האָט צו פאַרדאַנקען די אַנטוויקלונג פון דער פומבדיתא׳ר שול, וועלכע האָט באַלד אַריבערגעשטייגט די סוראַ׳ר ישיבה, און וועלכע האָט זינט דעמאָלט כמעט זעקס הונדערט יאָר פאַרהיט פאַר זיך די גייסטיקע העגעמאָניע.

די טיפע אַנטוויקלונג פון יענער דיאַלעקטיק, וואָס איר אייגנאַרטיקייט בילדעט דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דעם פעריאָד פון די אמוראים, ווערט דעריבער ניט אָן אַ יסוד פאַרבונדן מיט דעם

---

[1] שיננא,—טייטשט מען געוויינלעך: שאַרפער למדן. (איבערז.)

נאָמען פון דעמדאָזיקן ראש־ישיבה, וואָס זיין יורש אויף דעם אַמט, חסדא אין סורא, איז געגאַנגען מיט דעמזעלביקן וועג, און פאַרקערט זיין צייט־חבר, ששת, וואָס, הגם ער איז געווען אַ בלינדער, האָט ער געהאַט גרויסע ידיעות, ערשיינט אַלס קעגנער פון דערדאָזיקער שאַרפ־זיניקער לערנמעטאָדע. ווען עמעצער פון זיינע תלמידים פלעגט אים אַמאָל אָפּפרעגן, אַרויסווייזנדיק זיין נטיה צו דער דיאַלעקטישער מע־טאָדע, פלעגט ער צו אים זאָגן: „צי ביסטו אָפּטמאָל ניט פון פומבדיתא, וואו מען פירט דורך אַ העלפאַנד דורך דאָס לעכל פון אַ נאָדל?"

מיט דעם טויט פון חסדא איז אַראָפּ דער גלאַנץ פון דער ישיבה אין סורא, אין דער צייט וואָס די פומבדיתאר ישיבה האָט אין דעם ווייטערדיקן פעריאָד, אין דער ערשטער העלפט פון פערטן יאָרהונדערט, נאָך מער וויכטיקייט באַקומען אַדאַנק דער טעטיקייט פון די גרויסע לערער רבה בר נחמני, אביי (330) און רבא (352). לויט אַלע סימנים האָבן דיביידע שולן פאַרטראָטן אויך די אַלץ מער און מער זיך אויסגעטיילטע ריכטונגען פון הלכהשן פאָרשן, און דערביי האָט איינע, די ישיבה פון סורא, זיך באַגרעניצט מיט געטרייען איבערגעבן דעם טראַדיציאָנעלן לערן־שטאָף, בשעת די אַנדערע, אין פומבדיתא, האָט געשטרעבט צו אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון די מיינונגען. אַזוי אַרום ווערט פאַרשטענדלעך, וואָס אין סורא איז באַלד אָנגעשטאַנען אַ צייט פון פאַרגליווערטקייט, בשעת אין פומבדיתא האָט די אַרבעט פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג געפירט צו דער העכסטער אויסבילדונג פון יענער דיאַלעקטישער מעטאָדע, וועלכע איז געניוגט געווען דורכ־צוטרייבן העלפאַנדן דורך לעכלעך פון נאָדלען.

אין פאַלעסטינע איז אָפּנים דאָס גייסטיקע לעבן כמעט אָפּגע־שטאָרבן. דער האַרטער דרוק, אונטער וועלכן די יידן האָבן דאָרט גע־לעבט, האָט די געזעצלערער געטריבן צו רעזיגנאַציע אָדער צו אויס־וואַנדערונג. צו דער באַדייטונג פון אַן אַווטאָריטעט האָט שוין זינט דעמאָלט מער קיין פאַלעסטינער אמורא ניט דערגרייכט, קוים וואָס זייערע נעמען ווערן נאָך דערמאָנט. און אויך קיין פאַטריאַרך האָט נאָך הילל II, וועלכער האָט נאָרמירט דעם לוח און דורך דעם אַראָפּ־געריסן די באַדייטונג פונם סנהדרין, ניט דערגרייכט צו קיין שום רע־ליגיעזן פאַרנעם. צוליב דעם איז אָפּנים פון פאַלעסטינע אויך אַרויס־געפאָרן רבה בר נחמני קיין פומבדיתא, וואו ער איז אין 297 אויסגע־ווילט געוואָרן אַלס ראש־ישיבה. די צאָל פון זיינע צוהערער זאָל צייטנ־וויַיז האָבן דערגרייכט ביז 1200 מאַן.

זיין באַדייטונג ווערט דורך אָנגעוויזענע היסטאָריקער פאַרגליכן

צו דער באַדייטונג פון רבי עקיבא צווישן די תּנאים, מחמת דעם, וואָס ער האָט אויך דאָס איינצנלע און אָפּגעריסענע, אָדער צעוואָרפענע צונויפגעקליבן אין אַלגעמיינע שטאַנדפּונקטן, די גאַנצע משנה געמאַכט פאַר אַ קעגנשטאַנד פון שטודיום און פון גענויער דערקלערונג און האָט געזוכט אויסצוגלייכן די ווידערשפּרוכן צווישן איר מיט די שפּעטערדיקע ברייתאס. צוליב זיין שאַרפער דיאַלעקטיק האָט מען אים אָנגערופן „דער באַרג-אויסרייסער“. אַ רדיפה אויף יידן, וואָס אַזעלכע איז נאָך קיינמאָל אין בבל ניט פאָרגעקומען, האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין אַרבעט. רבה איז אַנטלאָפן און אין וועג געשטאָרבן (319). זיין נאָכפאָלגער אַלס ראש-ישיבה איז געווען יוסף ב. חייא, וועלכן עס ווערט חוץ דער פאָרשונג פון דער הלכה צוגעשריבן אויך די פלייסיקע פאָרשונג פון דער ביבל. נאָך אים זיינען געוועזן אויף דעם אַמט פון ראש-ישיבה די פריער שוין אָנגערופענע אביי, רבה בר נחמנים אַ פלימעניק, און צו אים געגליכן — אַ פאַרטרעטער פון דער שאַרפזיניקער דיאַלעקטיק, און זיין חבר רבא (352), וועלכער האָט שפּעטער אַן אייגענע ישיבה געגרינדעט אין דער שטאָט מחוזא. אביים פּרינציפּ איז געווען: זאָל דער מענטש זיין קלוג אין דער מורא פאַר גאָט, זיין שפּראַך זאָל זיין מילד און איינשטילן דעם צאָרן, זאָל ער לעבן אין פרידן מיט ברידער, קרובים, מיט דער גאָרער וועלט, אַפילו מיט די היידן, כּדי ער זאָל אומעטום זיין געליבט, געאַכט און איינפלוסרייך ביי מענטשן“. רבא, וועלכער האָט איבערגעלעבט זיין חבר, איז ניט געווען אַזאַ מילדער כאַראַקטער, האָט זיך אָבער געהאַלטן פאַר דעם זעלביקן סובטילן דיאַלעקטישן מעטאָד, וואָס זיינע אַנטשיידונגען האָט מען דאָ גערופן די הוויות (פאַרטיפונגען) פון אביי און פון רבא“. ער פלעגט זאָגן: „איין קערנדל פעפער איז בעסער פאַר אַ פולער קאָרב מיט מעלאָנען“, און דערמיט האָט ער אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט זיין מעטאָדע, „די צוציענדיקע שפּיל פון גייסט, דורך שאַרפזיניקע פראַגן, ענטפערן, פאַרגלייכונגען, אונטערשיידונגען, דעם הויכן פלי פונם געדאַנק, וועלכער טראָגט זיך, אַרויסגייענדיק פון איין פונקט, בליצשנעל אַדורך איבער אַלע שטאַפלען פון די מסקנות“; מיט איין וואָרט, יענע סיסטעם פון תּלמוד, אָדער פון דער „גמרא“ (לערע, שטודיום), וועלכע מען קאָן רעכענען פאַר דעם פּראָדוקט פון דעמדאָזיקן דריטן דור אמוראים, הגם די גאַנג פון אירע געדאַנקען זיינען שוין גרעסטן טייל פריער געווען אָנגעמערקט אין דער טעטיקייט פון די פאַרגאַנגענע דורות.

נאָך אַביים טויט איז רבא געווען דער העכסטער אַווטאָריטעט

פאַר דערדאָזיקער געביט פון פאַרשונג, און צו אים פלעגט מען זיך ווענדן מיט שאלות פון פאַלעסטינע. מיט זיין טויט ענדיקט זיך די באַדייטונג פון דער ישיבה און ס'באַקומט ווידער איר פריערדיקע באַדייטונג די ישיבה פון מחוזא, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורך נחמן ב. יצחק און נאָכדעם חמא ב. טוביה, וואָס דער חבר פון זיין צייט איז געווען פפא ב. חנן. דערווייל איז אויך דאָרט ביסלעכווייז די טעטיקייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אפשר איז עס פאַר געקומען דערפאַר, וואָס די סכאָלאַסטישע דיאַלעקטיק, וועלכע איז דערפירט געוואָרן ביז עקסטרעמקייט, האָט לסוף מיד געמאַכט דעם שכל; און אפשר איז עס פאַרגעקומען דערפאַר, וואָס דער שטורעם פון דער צייט האָט זיין אָפּקלאַנג געפונען אויך אין דער שטילער פומבדיתאר ישיבה און געוועקט אין די קלוגע געזעצלערער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מפלה פון דער רוימישער מלוכה און געזען אין די ערשטע אָנזאָגער פון דער פעלקערוואַנדערונג, אין די גאָטן, יענעם ביבלישן גוג־ומגוג, אָנפּליענדיק ווי אַ שטורעם און ווי אַ וואָלקן, „צו באַדעקן די ערד און אַלץ, וואָס אויף איר", — העכערע און דערהייבענערע געדאַנקען סיי וועגן דעם וואוילצושטאַנד פון פעלקער און דעם גורל פון מענטשן, סיי וועגן דער מיסיע פון דעם יידישן שטאַם אין דער צעשפּרייטונג איבער גאַר דער ערד; געדאַנקען, וועלכע האָבן לסוף געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף דעם שטראָם פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אַריינבררענגען אין אַ באַשטימטן וועג, און דעם אוצר פון דער מסורה גוט באַהאַלטן, כּדי מען זאָל קענען ביישטיין קעגן די שטורעמס פון דער צייט און דער ניט־זיכערער צוקונפט.

אָבער נעמען אויף זיך די ריזיקע אַרבעט פון רעגולירן איז פּעאיק געווען ערשט אַ פּערזענלעכקייט פון דעם ווייטערדיקן פעריאָד, אין וועלכן דער באַוואוסטזיין פון דער צייט האָט דערגרייכט צום פולן אויסדרוק. דאָס איז געווען רב אַשי ב. שימי (375—427), וועלכער האָט צום ערשטן מאָל זינט יהודה הנשיאס צייטן ווידעראַמאָל פאַראייניקט אויסערלעכן גלאַנץ מיט טיפן וויסן, און איז געווען הויך אָנגענומען סיי ביי דעם קיניג יעזדיגערד II, סיי ביי דעם עקזילאַרך און ביי זיינע גלויבנסברידער. בלי ספק איז די נאָענטסטע סיבה צו אַשיס אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט געוועזן דער פאַקט, וואָס דער זכרון האָט שוין מער ניט געקלעקט צו געדענקען און צו באַהערשן דעם ריזיקן שטאָף. דערצו קומט נאָך דער גליקלעכער אומשטאַנד, וואָס אַשי איז העכער איידער פערציק יאָר געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ישיבה אין סורא, וועלכער ער האָט צוריקגעקערט איר פריערדיקע גדולה, און

אַזוי האָבן אונטער זיין אָנפירונג אין משך פון דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד אין די ביידע לער-חדשים פון כלה געקאָנט דורכגענומען, דורכגעקוקט און רעווידירט ווערן אַן ערך צו צוויי אָפּטיילונגען פון דער משנה מיט אַלע צוגעקומענע דערקלערונגען, טייטשונגען און מיינונגען. דער-ווייל איז אָבער אויך דערדאָזיקער אין אַ ריזיקער מאָס אָנגעוואַקסענער מאַטעריאַל אַלץ נאָך געבליבן ניט קיין פאַרשריבענער, ווי אוממעגלעך עס זאָל ניט זיין מונדלעך איבערצוגעבן אים, מחמת דער רעליגיעזער געפיל וואָלט עס גראָד אין יענער צייט ניט דערלאָזן צוליב דעם, וואָס דאָס קריסטנטום האָט שוין די ביבל באַטראַכט אַלס זיין גייסטיקן אייגנטום.

דאָך האָט אַשיס טעטיקייט יעדנפאַלס דורכגעלייגט אַ וועג פאַר דעם אָפּשלוס פון דעם דאָזיקן ווערק, וואָס זיינע נאָכפאָלגער מרימר און מר בר רב אשי און דער עיקר רבינא II (449), מיט וועלכן עס ענדיקט זיך די עפּאָכע פון די אַמוראים, האָבן אַ טריב געטאָן פאָראויס און אַזוי אַרום געשאַפן איינעם פון די קאָלאָסאַלסטע דענקמעלער פון דער ליטעראַטור. געוויינלעך רעכנט מען דאָס יאָר 500 פאַר דער צייט, ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן דער תלמוד בבלי; נייערע פאָרשער רעכענען שוין דאָס יאָר 467 פאַר דער צייט, ווען עס האָט זיך געענ-דיקט די עפּאָכע פון די אַמוראים, בשעת מיט אַ יאָרהונדערט פריער האָט דיזעלביקע אַרבעט באַוועגט די פּאַלעסטינער אַמוראים צו דער זאַמלונג פונם תלמוד ירושלמי. אָבער פון דעם לעצטן ווערק זיינען די זאַמלער און רעדאַקטאָרן ניט באַקאַנט און דער ביבלישער תלמוד האָט באַקומען און פאַרהיט די העגעמאָניע אויף דער שפּעטער-דיקער צייט.

* *

*

ווען עפּעס אַ פאָרמעלן אָפּשלוס פון תלמוד איז פונקט אַזוי ווייניק באַקאַנט, ווי וועגן דעם קאַנאָן פון דער ביבל, ווייל ביידע ווערק זיינען זיכער קיינמאָל ניט אָנערקענט און ניט אָפּגעשלאָסן גע-וואָרן דורך אַ רעליגיעזער מאַכט, אָדער דורך אַ פייערלעכן באַשלוס. אַזאַ קאַנאָניזירונג וואָלט געווען אַ סתירה צו דעם יידישן גייסט, אין וועלכן עס האָט אייגנטלעך קיינמאָל ניט אויפגעהערט דער פלוס פון דער טראַדיציאָנעלער אַנטוויקלונג. וואָרעם אויך אין דער צייט פון די סבוראים, וועלכע קומען נאָך די אַמוראים, זיינען נאָך צוגעגעבן

געוואָרן צום תּלמוד הוספות און אַריינגעשטעלטע ערטער. און קיינמאָל איז אויסדריקלעך ניט אַרויסגעלייגט געוואָרן קיין רעליגיעזער חוב אויף דעם גאַנצן יידנטום צו היטן די געזעצן פון תּלמוד. אָבער דערדאָזיקער תּלמוד אין דער פאָרם, ווי ער איז אַרויס פון דער גייסט־אַרבעט פון די בבלישע ישיבות, איז געוואָרן אַ וויכטיקער דענקמאָל פון דער וויסנשאַפט, אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ווערק, דער אַרכיוו פון אַלע געדאַנ־קען און מיינונגען, בליקן און אַנטשיידונגען, פעלערן און טעותן, האָ־פענונגען און אַנטוישונגען, מידות און אידעאַלן, דערקענטעניש און שמערצן פון פאָלק ישראל אין משך פון אַ יאָרטויזנט, אויף וועלכן עס האָבן געאַרבעט דרייסיק דורות מיט איבערגעגעבנקייט און מיט ליבע און מיט אומגעהערטער זעלבסטאָפּפערונג.

יעדער פאַרגלייך מיט דעמדאָזיקן אין דער וועלטליטעראַטור איינ־ציקן ריזיקן דענקמאָל פון מענטשלעכן גייסט וועט ניט אויסשעפּן די אייגנאַרטיקייט פונם תּלמוד. לעבן הלכות און דיסקוסיעס, לעבן פילאָ־סאָפישע, טעאָלאָגישע און יורידישע החלטות און הכרעות, לעבן היסטאָ־רישע באַמערקונגען און נאַציאָנאַלע זכרונות, לעבן תּקנות און געזעצן, וועלכע רעגולירן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן אין אַלע באַדינגונגען און באַציאונגען, — געפינען מיר דאָ די וואונדערלעכסטע און די סאַמע אַוואַנטוריסטישע דערציילונגען, די לויטערסטע משלים פון חכמה און פון מידות, די געהייבנסטע לעגענדעס, די ליבלעכסטע משלים, די שענסטע רעטענישן, און דערבײַ ווידעראַמאָל די סאַמע פאַרדרייטע מעדיציניש רעצעפּטן, אָבערגלויבערישע סימנים, ביטערע און דורך טיפסטן פּיין אַרויסגעפּרעסטע שפּרוכן, משונהדיקע אַסטראָנאָמישע פאָר־מולעס, זאָאָלאָגישע און באָטאַנישע אויספאָרשונגען, און נאָך דעם אַלעמען איז נאָך פאָרט ניט דערשעפּט דער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן מערקווערדיקן ווערק, וואָס זיין כאַראַקטער איז שווער געגעוני און מיט אַלע פּרטים צו דערקלערן פאַר אַ מענטשן, וואָס איז ווייט פון אים.

דערפאַר קאָן יעדער, וואָס איז פעאיק צו פילן דאָס, וואָס עס איז פּאָעטיש, וואו און ווי עס זאָל זיך ניט אַרויסווייזן, פאַרשטיין דעם אַגדישן טייל פונם תּלמוד, דידאָזיקע בונטע פאַנטאַסטישע וועלט פון מעשהלעך און משלים, רעטענישן און אַלעגאָריעס, עפּיגראַמען און געדיכטן.

שיינע אַלטע זאַגן, מעשהס פון מלאכים און לעגענדעס,
שטילע געשיכטעס וועגן קדושים, אויך פאַרוויילנדיקע היפּערבאָלן,—
אַלץ אָבער דורכגעדרונגען מיט גלויבן, און אַלץ פלאַמט מיט גלויבן —אָ, דאָס גלאַנצט
און פלייצט און בליט אַזוי רייך...

אין דערדאָזיקער געבענטשטער געהיימער וועלט פון דער אַגדה,
וועלכע פילט אויס אַ גרויסן טייל פונם תלמוד אָן באַשטימטער אָפּגע־
טיילטקייט פון דער הלכה, אָדער גאָר אָן אַ שום סיסטעם, לויט וועל־
כער זיי זאָלן קומען איינע נאָך דער אַנדערער. ס'וואָלט אָבער געווען
אַ טעות, אויב מען וואָלט דעם אַגדישן טייל געהאַלטן פאַר אַ מינדער־
ווערטיקן, וועלכער איז כלומרשט באַשטימט אויסצופילן די בלויזן
און די פּויזעס צווישן די ערנסטע דיסקוסיעס. געוויס באַקומט זיך אַ
מאָדנע פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט פון תלמוד, ווען מען גייט איבער
די געשלענגלטע וועגן פון אַ וויסנשאַפטלעכער דיסקוסיע, סיי אַ רע־
ליגיעזע, צי אַ יורידישע אָדער אַן אַסטראָנאָמישע, אַזאַ וואָס באַהאַנדלט
אַ פראַגע וועגן שבועה, צי וועגן גט, צי וועגן דער צוקונפט פון פאָלק
ישראל, אָדער גאָר אַפילו וועגן אַן איי, וואָס אַ הון האָט געלייגט אום
יום־טוב, — און נאָך דעם פלוצלונג, אַ שטייגער ווי פאַר דעם אויג
פונם וואַנדערער וואָלט זיך פלוצלונג אַנטפּלעקט אַ וואונדערלעכע
לאַנדשאַפט, וועלכע איז נאָך קורץ פאַר דעם געווען פאַרהילט אין נעפּל,
און דער טרוקענער מדבר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רייך־בליענ־
דיקן בלומענגאָרטן פול מיט גוטע ריחות און מיט פאַרביקן גלאַנץ. „די
קלינגענדיקע קולות ווערן ביסלעכווייז אַנטשוויגן; די טירן און די
מויערן פון דער שול ווערן נעלם פון די אויגן, זייער אָרט פאַרנעמט
די Urbis et orbis, דער אייביקער רוים מיט זיין מיליאָנענפאַכיקן
לעבן. אָדער אין יענער אַנדער באַרג־שטאָט, „אין דעם גאָלדענעם נייעם
ירושלים" דערזעען זיך בליענדיקע וויינגערטנער אין דער ווייטן, און
יונגפרויען אין ווייסע קליידער וואַנדלען דאָרט אַרום טרוימעריש. שוואַך
און פאַרלאָרן קלינגען איינצלנע אָפּגעריסענע שטיקער פון זייערע גע־
זאַנגען אַרום. אַמאָל לויטער, אַמאָל נידעריק קלינגען די טענער פון
די טאַנץ־לידער. דאָס איז דער גרויסער פורכטבאַר־ערנסטער יום־כיפור,
וועלכן די „רויזן פון שרון" האָבן אַלס פּאָעזיע־פולן קאָנטראַסט אויסגע־
קליבן פאַר דעם טאָג פון זייערע פריידן, אין וועלכן זיי פלעגן אַרום־
שפּאַצירן פריילעך איבער די פעלדער פון ליליעס און איבער באַרג־
זייטן, באַוואַקסענע מיט וויינטרויבן. אָדער דער טרומייטנרוף צו מרידה
רייסט זיך אַריין שניידנדיק און פאַרטומלענדיק אין מיטן דער פּאַר־
פלאָנטערטער דעבאַטע, און בלשצאר, וואָס זיין שרעקלעכער יום־טוב
ווערט געשילדערט מיט נייע שרעקלעכע פרטים, ווערט אַ צווייטער צום
בלוטיקן טיראַן נעראָן. אָדער דער בבלישער אונטערדריקער נבוכדנצאר
מיט אַלע זיינע חיילות ווערט דורך אַ שטאַרקן געשריי פאַרפלוכט צו־
ליב עפּעס אַ פונקט פון געזעץ, וואָס האָט דערצו קיין שום שייכות

ניט; דער וואָס איז פאַרטרויט אין דעם ענין, פאַר יענעם שטייט נבוכדנצארס נאָמען מער ניט ווי צו פאַרבייטן דעם נאָמען פון טיטוס, „דעם תענוג פון דער מענטשהייט”, וועלכער האָט זיך אין ישראל באַוויזן אין זיין אמתער שיין... אָפּט, — פאַר די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט אין פאַר דעם רום פון דער מענטשהייט אַפילו צו-אָפּט, — פלעגט די דעבאַטן איבעררייסן דער אַייזערנער טריט פון די רוימישע קאָהאָרטעס, דער לאָזונג פון אויפשטאַנד, דער וואָפנקלאַנג און דער אויסגעשריי פון בלוטיקן שלאַכטפעלד. צוזאַמען מיט די תלמידים פלעגט דער לערער אינמיטן דערקלערן אַוועקלויפן פון דער ענגער שול צו דעם געווער און ווארפן זיך אין סאַמע טומל פון דער מלחמה מיט דעם אויסרוף: „ירושלים און די פרייהייט!”

אָט דאָס איז די וועלט פונם תלמוד. אַזוי קומען אין די צוועלף גרויסע פאָליאַנטן פון דעם ווערק הייטערע און ערנסטע געדאַנקען, טיפזיניקע און מיקראָלאָגישע פאָרשונגען, אויסטערלישע און דערהייבענע סענטענצן. אָבער ווייניק איז נאָך עד-היום דידאָזיקע וועלט אָפּגעשאַצט און אויסגעפאָרשט געוואָרן. אַ אויספאָרשונג פונם תלמוד אָן פניות וואָלט געבראַכט וויכטיקע רעזולטאַטן סיי פאַר דער אַלגעמיינער, סיי פאַר איינצלנע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען און פאַר דער פאַרגלייכלעכער פאָרשונג פון די זאַגן.

אָנשטאָט דעם האָט דער פאָראורטייל געמאַכט פון דעם תלמוד אַ מין געווער קעגן יידנטום, און דורך איינצלנע אַבי-ווי אַרויסגעכאַפּטע, אָדער גאָר אַזעלכע ערטער, וואָס וואָלטן זיך געלאָזן דערקלערן דורך די פאַרהעלטענישן פון דער צייט, און דאָס רוב גאָר שלעכט פאַרשטאַנענע שטעלן, וואָס באַווייזן אַ פיינדלעכע שטימונג, האָט מען פאַרשריען דעם גאַנצן תלמוד אַלס קאָדעקס פון רעליגיעזער משוגעת און פאַנאַטישער רעליגיעזער שנאה. מחמת דעמדאָזיקן פאָראורטייל האָט די וויסנשאַפט ביז איצט געמוזט קעמפן פאַר דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פונם תלמוד, אַזוי אַז זי האָט כמעט עד היום ניט דערגרייכט צו אַ אינערלעכער אָפּשאַצונג און צו אַ מעטאָדאָלאָגישער באַאַרבעטונג סיי שפּראַכלעך, סיי זאַכלעך.

עד היום זיינען נאָך די פונקטן, לויט וועלכע עס אונטערשיידן זיך דער תלמוד ירושלמי פון דעם תלמוד בבלי, ניט גענוג דערקלערט געוואָרן, און נאָר דער ערשטער איז קריטיש אויסגעפאָרשט געוואָרן אויפן יסוד פון וויסנשאַפטלעכע פרינציפּן. אין די פּאַלעסטינער שולן איז דאָס גייסטיקע לעבן אין דער צייט פון די אַמוראים געווען מאַט און אָפּגעהאַלטן, דעריבער איז אויך זיין אויסדרוק אין תלמוד ירושלמי

קורץ, אָרעם, טרוקן און אָן יענער יורידישער מעטאָדע און דער דיאַלעקטישער שאַרפזיניקייט, וועלכע פילן אָן דעם תלמוד בבלי, אין וועלכן עס לאָזט זיך דערקענען דאָס קאָכיקע גייסטיקע לעבן פון די בבלישע ישיבות. פאַרקערט, רעכנט מען, אַז די היסטאָרישע ידיעות און באַמערקונגען, וועלכע געפינען זיך אין תלמוד ירושלמי, זאָלן זיין פּינקטלעכערע און פון אַ גרעסערן ווערט.

דער פּאַלעסטינישער תלמוד, וועלכער רופט זיך אויך דער תלמוד פון ארץ־ישראל, אָדער דער תלמוד פון מערב, עקסיסטירט איבעריקנס נאָר צו פיר סדרים פון דער משנה. און דאָ אויך ניט פולשטענדיק. אויך דער בבלישער פעלט צו 26 מסיכתות פון דער משנה. עס איז נאָך אַ שטרייטפראַגע, צי די מסיכתות, וועלכע פעלן, האָבן בכלל קיינמאָל ניט עקסיסטירט, וואָס לייגט זיך פיל מער אויפן שכל, אָדער זיי זיינען אין משך פון דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען.

פונקט ווי דער אונטערשייד צווישן דיביידע תלמודים, אַזוי איז אויך נאָך גאָרניט אויסגעפאָרשט און ניט באַשטימט די דיפערענץ צווישן דער עלטערער און דער יינגערער הלכה, וואָס פאַר די פאָרשטייער פון דער ערשטער האַלט מען ר׳ ישמעאל און ר׳ עקיבא און פון דער לעצטער ר׳ עקיבאס תלמידים; אויך איז ניט אויסגעפאָרשט די סיסטעמאַטיק פון דער הלכה גופא. דאָס גלייכן איר וועג פון דער משנה צום תלמוד. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם גאַנצןווירוואַר און אויף דעם, וואָס דערדאָזיקער ריזיקער בנין איז דוכט זיך געבויט גאָר אָן אַ סיסטעם, איז דאָך אַ מעטאָדע אין אים פאָרט פאַראַן.

די הלכה איז אויסגעפאָרשט און אָפּגעשאַצט געוואָרן אָדער נאָך איר אינהאַלט און פאָרם, אָדער נאָך דעם סדר פון דער ביבל, אָדער ענדלעך נאָך דעם מעטאָד פון אויספיר לויט די שוין דערמאָנטע כללים פון אינטערפּרעטאַציע. עס וואָלט צו וויט אַרויסגעפירט פון די ראַמען פון אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער אַרבעט, קריטיש צו באַטראַכטן די אַנטוויקלונגס־שטופעס פון יעדן איינציקן פון דידאָזיקע מעטאָדן, וועלכע ווערן אין תלמוד באַהאַנדלט און אַרויסגעפירט ניט לויט זייער פאַרשיידנקייט, נאָר אויסשליסלעך לויט זייער שייכות צו די שטאָפן.

אָבער דער משא־ומתן פונם תלמוד בילדעט ניט בלויז אַ כסדר־דיקן פירוש אויף דער משנה, נאָר אַן אַרענע פאַר זעלבשטענדיקע דיסקוסיעס און ערקלערונגען, וועלכע פירן פון דעם קרייז פון דער משנה אַרויס אין דער ליטעראַטור פון דער ברייתא און אין די קרובהשע ווערק, ווי מכילתא, ספרא, ספרי און תוספתא. דאָס רוב האַלט מען זיך פונדעסטוועגן פאַר דעם טעקס פון דער משנה, וועלכער ווערט אָפּט-

מאָל מיט דעם טעקסט פון די ערשט דערמאָנטע ווערק פאַרגלייכט, אָדער דורך זיי דערגאַנצט, פאַרריכט און פאַרברייטערט. נאָכדעם ווערן געבראַכט די פאַרשיידענע מיינונגען און די אָפּווייכנדיקע אָן א זייט ריכטונגען, די סתירות, מסקנאס און קאָמבינאַציעס, און דאָס אַלץ פלעגט מיט וואונדערלעכער חריפות און שאַרפזיניקייט און מיט סכאָלאַסטישער סובטילקייט געבראַכט, אַפילו אויסגעזוכט ווערן. דאָס איינציקע געגעבענע איז געווען דאָס וואָרט פון דער ביבל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר הייליק ניט אָנצורירן, און וואָס אויף דעם האָט זיך געגרינדעט דער גאַנצער ריזיקער בנין.

עס איז שווער צו מאָלן אַפילו אַ נאָענט זיכער און טריי בילד פון דעמדאָזיקן תלמודישן געדאַנקענגאַנג. די בעסטע איבערזעצונג וואָלט געגעבן נאָר אַ שלעכטע פאָרשטעלונג וועגן דידאָזיקע דיסקוסיעס. לייכטער איז פאָרצושטעלן אַ בילד פון דער ראַבינישער וועלטאַנשויאונג אין דער פאָרם, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער תלמודישער אגדה. די אגדה פון תלמוד-בבלי און ירושלמי זיינען שוין געוואָרן צוטריטלעך, אַז אַלע זאָלן זיי קענען פאַרשטיין. זיכער, אַז די בבלישע אגדה איז בלויז אַ טאָכטער פון דער פּאַלעסטינישער, וואָרעם די הייפּט פון דער אגדה איז געווען פּאַלעסטינע ניט בלויז אין די צייטן פון די תנאים, נאָר אויך אין די יאָרהונדערטן נאָך דער אָפּשליסונג פון דער משנה. און די בבלישע אגדה לייקנט איר אָפּשטאַמונג ניט אָפּ אויך אין די גרעסטע פון אירע שאַפונגען, וועלכע באַאַרבעטן דאָס רוב עטישע און היסטאָרישע פּראַגען.

„דידאָזיקע אין סך-הכל גענומענע אגדישע ליטעראַטור, — אַ דענקמאָל, וואָס איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט זיין ווערט מצד דער שפּראַך, דער געשיכטע און אַלטערטומספאָרשונג, מצד דער רעליגיע און דער פּאָעזיע, מצד דער וויסנשאַפט און דער ליטעראַטור — איז נאָר מיט קנאַפּע אויסנאַמען אַ נאַציאָנאַלע, אַלס די סומע פון די בליקן און די מיינונגען פון פילע טויזנטער דענקענדיקע קעפּ פון די ווייטסטע עפּאָכעס; הגם דער גרעסטער טייל אירער גייט איבער די אייגענע צייט און איז באַצייכנט מיט דעם שטעמפּל פון זיין צייט, פּאַסט זיך דאָך יעדער אויסשפּרוך פון דער אגדה, לפחות בנוגע דער טענדענץ, אַריין אין אַן אַלגעמיינעם אָרגאַניש אויסגעאַרבעטן גרונדגעזעץ, וועלכער איז באַדינגט פון רעליגיע און געשיכטע“.

די פּאָרם איז אַ צווייפאַכע, אַן עסטעטישע און אַ ליטעראַרישע. די ערשטע באַדינגט די אָנקליידונג פון געדאַנק, די צווייטע — די ריכטונג און דעם ציל פון דער פאָרשונג בכלל. דידאָזיקע ריכטונג איז

אָבער בנוגע דער אגדה אַ דרייפאַכיקע — אָדער זי ערקלערט דעם טעקסט פון פסוק נאָכן פשוטן זינען (פשט), אָדער זי אַנטוויקלט דעם פרייען געדאַנק אין באַליביקער אָנקליידונג און, פריי אויסניצנדיק דעם טעקסט (דרוש), אָדער זי שטרעבט איבערצוגעבן דעם סוד פון גלויבן און דעם סוד פון דער איבערנאַטירלעכער קראַפט (סוד)[1]. אַלע דידאַ־זיקע ריכטונגען פאַרטרעטן אַזוי אַרום פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

די תּלמודישע אגדה שיידט זיך אין דער ריכטונג וועזנטלעך מיט גאָר נישט ניט אונטער פון דער זעלבשטענדיקער אגדה, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק פון איר און שטענדיק לעבן איר, און איז גלייך ווי זי פאַרפיקסירט געוואָרן שריפטלעך אין נאָענטסטן יאָרהונדערט פון די סבוראים. וואַרפן מיר אַ בליק אויף דער ברייטער געביט פון דער אגדה, זעען מיר תּיכּף אַ צאַרטן פּאָעטישן געפיל אין דער הילע פון אַ טיפער עטישער וועלטאָנשויאונג. דער געפיל פאַר אויסערלעכער שיינקייט, פאַר ריינער פאָרם, וועלכער האָט אַזוי שיין געבליט אין דער ביבלישער פּאָעזיע, איז פרעמד געוועזן די לערער פון דער אגדה, אָבער ניט פרעמד איז זיי געבליבן די שיינקייט פון אידעאַל און די דער־הייבנקייט פון דער פּאָעזיע. דאָס שטרעבן ריין אָדער שיין צו שרייבן איז פרעמד געוועזן דעם תּלמוד, וואָס זיין שפּראַך איז אַמאָל אַרמיש, אַמאָל רבניש־העברעאיש און פול מיט פרעמדע איינפלוסן, און וואָס זיין עיקרשטע אייגנטימלעכקייט איז די בראַכיאָלאָגיע, דאָס lex minimi, וואָס באַשטייט אין וואָרט־צאָל און אין וואָרט־פאַרבינדונג. דאָס וואָרט איז נאָר דאָס אַנאַגראַם, אַזוי צו זאָגן, די ערקלערנדיקע פאַרקירצונג, אָדער דער שיפער פונם געדאַנק. דאָס וואָרט איז ניט די אויסשטראַ־לונג פון איין געדאַנק, נאָר פאַרקערט, דער פאַראייניקטער ברענפּונקט פון אַ סך געדאַנקען. דעריבער זיינען אויך די תּלמודישע געדיכטן, די פּאַלעסטינישע ווי די בבלישע, אַלע עפּיגראַמאַטיש; זיי מאָלן ניט אינ־טואיטיוו, נאָר זיי קאָנצענטרירן די געדאַנקען אין איבערראַשנדיקע קאָנטראַסטן. דאָס זיינען ניט קיין מאָלערישע אָדער אידעאַליזירנדיקע בילדער פון דערווירקלעכקייט, נאָר שאַרפזיניקע רעפלעקסיעס וועגן דער ווירקלעכקייט, וועלכע קאָמבינירן מיט עכט נאַציאָנאַלן הומאָר דאָס אומענדלעכע, וואָס ליגט קאָנקרעט אין געזעץ, מיט דעם ענדלעכן.

די פּאָעזיע פון דער אגדה דריקט זיך אויס אָדער אין משל

[1] דידאַזיקע צעטיילונג, דערהויפּט בנוגע דער דריטער ריכטונג, איז שוין אַנט־שטאַנען שפּעטער, נאָך דער תּלמודישער ליטעראַטור. (רעד. פון דער רוס. איבערז.)

(פאַרגלייכונג, סענטענץ, רעטעניש, פאַבל, פאַראַבעל און אַלעגאָריע) אָדער אין שיר (אַ קורצע ליד), וועלכער איז אייגנטלעך נאָר אַ געלעגנהייטגעדיכט, אַ האַרצאויסגיסונג פונם מאָמענט, אַן אויסדרוק פון ערנסטן געפיל, און אין וועלכן עס לאָזט זיך קוים דערקענען אַ באַשטימטע קינסטלערישע פאָרם, אָדער גאָר פשוטע גראַמענקלאַנגען. די פאָרם איז דאָ גאָרנישט, דער גייסט — אַלץ, און דערדאָזיקער גייסט איז גענוג רייך, אַז ער זאָל מאַכן פאַרגעסן אָן דער פאָרם, וועלכע פעלט. ער דערהויבט זיך אָפט צו אַזעלכע הויכן, וואו יעדע פאָרמע וואָלט געפלאַצט, איבערהויפט דאָרט, וואו ער באַרירט די געביטן פון מעטאַפיזיק און עטיק. שוין אַן אויבערפלעכלעכער בליק איבער די אָנשויאונגען פון יענע לערער קלעקט צו צעשטערן די אַלטע סטראַשידלע „פון דעם טרוקענעם מדבר פון דער ראַבינישער קאַזואיסטיק", פון דעם טרייסטלאָזער פאַרשטיינערונג פון פרושימשער געלערנטקייט, און אָנשטאָט דעם באַווייזן אַ עטישע וועלטאָנשויאונג, וואָס מיט איר טיפער זיטלעכקייט און אידעאַלן אינהאַלט שטייט זי קוים אָפּ פון די דעמאָלט הערשנדיקע סיסטעמען פון פילאָסאָפישער דערקענטעניש.

דאָס וואָס דער תלמוד רעכנט, אַז עס איז פאַראַן אַ פון גאָט באַשאַפענער אורשטאָף, פון וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, קאָן פאַררעכנט ווערן פאַר אַן איינפלוס פון די עלטערע גריכישע פילאָסאָפן. פאַרקערט, זיינען זיינע אידעען וועגן דעם כסדרדיקן אַנטוויקלען זיך פון דער וועלט אויסגעוואַקסן און באַקומען אַ בילד אויף דעם ביבלישן באָדן. די הנהגה פון דער וועלט ליגט אינגאַנצן אין גאָטס האַנט. „יעדעס פאָלק האָט זיין באַזונדערן שר אין הימל וואָס באַשיצט אים, זיין האָראָסקאָפ, זיינע פלאַנעטן און שטערן, וועלכע פירן אָן מיט זיין גורל. אָבער דאָס פאָלק ישראל האָט קיין שטערן ניט. דאָס פאָלק ישראל זאָל הייבן זיין בליק נאָר צו גאָט אַליין. עס איז ניטאָ קיין פאַרמיטלער צווישן די, וואָס ווערן אָנגערופן זיינע קינדער און צווישן זייער פאָטער, וועלכער זיצט אויף זיין כסא־הכבוד אין הימל". אין די זאַמע דרייסטע בילדער פון דער אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע ווערן ניט אַרויסגעפירט אַזעלכע ריינע באַגריפן וועגן גאָטס הייליקייט, גוטסקייט, וועגן זיין גרויסקייט אָן אַ מאָס, וועגן דער השגחה און וועגן דער וועלטבאַשאַפונג. די מלאכים זיינען נאָר פאָרשטייער פון אידעען, געפילן, געטלעכע אידעאַלן; די דעמאָנען — „אומזיכטבאַרע מלאכי־חבלה, וועלכע לאָזן זיך פילן מער אין דעם מענטשן אינעווייניק, איידער אויסער אים". די דעמאָנישע געשטאַלטן פון דער תלמודישער אַגדה, וועלכע געהערן כמעט אָן אויסנאַם צו דעם פערסישן צענד־אַוועסטאַ,

זיינען דאָ נאָר פּאָעטישע אַלעגאָריעס, אָפטמאָל אַפילו פּאָליטישע סאַ־טירעס, אָדער גאָר פאָלקס־ צי קינדער־מעשהלעך.

דער צוועק און דער ענדציל פון דער גאַנצער יצירה איז, נאַ־טירלעך, דער מענטש, וועלכער שטייט העכער פאַר די מלאכים, אויב ער האָט דערגרייכט צו פולקומענהייט און מידות טובות. יעדער איינ־ציקער מענטש האָט רעכט אויף דער גאַנצער וועלטשאַפונג. דעריבער האָבן אַלע מענטשן גלייכע רעכט אויף דער וועלט, אָבער אויך גלייכע פליכטן פון ליבע און יראת־שמים. „ניט קיין ישראלי, ניט קיין כוהן, ניט קיין לוי, נאָר אַ מענטש זאָל מען זיין, זאָגט דער פסוק", ד. ה. נאָך דער תלמודישער אינטערפּרעטאַציע, — דעריבער איז „דו זאָלסט ליבן דיין חבר, ווי זיך אַליין" דער הויפּט־כּלל, צו וועלכן אַלע אַנדערע זיינען נאָר אַ פירוש; און ניט וועגן נאַציעס, נאָר וועגן מענטשנדורות רעדט די ביבל — ווידעראַמאָל לויט דער תלמודישער אויסטייטשונג. גאָט האָט אויסדערוויילט דאָס פאָלק ישראל, ווייל עס איז געווען דאָס שוואַכסטע און דאָס פאַראַכטסטע פון אַלע פעלקער, און אויפן באַרג סיני האָט ער זיך פאַר די יידן אַנטפּלעקט, ווייל סיני איז דער קלענ־סטער באַרג געווען. פראַזעליטן־מאַכעריי איז דעריבער פרעמד דעם תלמוד, ווייל „די חסידי אומות העולם האָבן אויך אַ חלק לעולם הבא". אַ באַזונדער ליבע ווייזט די אַגדה אַרויס צו קינדער, וועלכע זי פאַר־גלייכט צו נביאים, צו שטערן און צו געזאַלבטע פון גאָט, און באַ־טראַכט זיי אַלס ערבות פון געטלעכער אַנטפּלעקונג. די וואונדער זיינען לויט דער תלמודישער אויפפאַסונג אַ מין „פּראָגראַמאַזייגעשטעלטע האַר־מאָניע". זיי רייסן ניט איבער דעם נאָרמאַלן סדר העולם און די אומ־ענדלעכע געזעצן פון דער נאַטור. די לערע וועגן דער נשמה, איר פאַרקער מיט גאָט און איר פריערגעוועזענע עקסיסטענץ דערמאָנען אָן די פּלאַטאָנישע אידעען; פאַרקערט איז די פאָרשטעלונג וועגן אומ־שטערבלעכקייט און תּחית המתים, — ווי באַוואוסט, דער עיקר קאַמף צווישן די פּרושים און די צדוקים, — פעסט און באַשטימט אויסגע־דריקט אין תּלמוד און באַגרינדעט דורך דער ביבל. די שילדערונגען פון תּחית־המתים דערנעענטערן זיך צו די אַפּאָקאַליפּטישע בילדער פון דער יידישער סיבילע מיט איר גליענדיקער פאַנטאַזיע און מיט איר מיסטישער התלהבות. קיין אייביקע שטראָף אָנערקענט דער תּלמוד ניט; די שטראָף איז נאָר דער וועג צו תשובה, צו אויסבעסערונג. דער תלמוד האָט, נאַטירלעך, ניט קיין פולשטענדיק אויסגעבילדעטע סיסטעם פון עטיק; עס וואָלט אָבער אויף דעם סמך פון זיינע איינצלנע סענ־טענצן ניט שווער געווען אויפצובויען אַזעלכע, ווי מען האָט שוין גע־

מאַכט אַ געלונגענעם פּרוּוו אויפצושטעלן אַ סיסטעם פון דער תּלמודי־שער טעאָסאָפיע, פּעדאַגאָגיק, מעדיצין, יוריספּרודענץ, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק אויף דעם יסוד פון די פאַראַנענע קוועלן און אין באַציאונג צו דעם צושטאַנד פון דידאָזיקע אַלע וויסנ־שאַפטן אין יענער צייט.

פון די לערעס פון די חכמי־התּלמוד, וועלכע האָבן געוואָלט רע־גולירן דאָס עטישע לעבן און די פליכטן פון האַרצן, וועט אונז קלעקן איין קליינער אויסוואַל פון די טויזנטער פרומע און קלוגע שפּרוכן, כּדי צו כאַראַקטעריזירן דעם גייסט, וועלכער האָט באַזעלט דידאָזיקע „פאַרשפּיצטע קאַזואיסטן און סכאָלאַסטיקער". „זיי דו פון די, וועלכע ווערן פאַרפאָלגט, און ניט פון די, וועלכע פאַרפאָלגן". מיט דעמדאָזיקן שפּרוך, וועלכער איז פול מיט מילדקייט און גוטסקייט, הייבט זיך אָן די לערע פון דער תּלמודישער עטיק; אָן אים שליסן זיך פיל אַנדערע פון דעמזעלביקן אַרט דענקען: „די וואָס ווערן באַליידיקט און אַליין באַליידיקן זיי ניט, די וואָס הערן זייער חרפּה און ענטפערן ניט, די וואָס פרייען זיך און ליידן — וועגן זיי זאָגט דער פּסוק: און די, וואָס האָבן אים ליב, וועלן זיין, ווי די זון, וועלכע גייט אויף אין איר פּראַכט". „זיי דו דער פאַרפלוכטער, ניט דער וואָס פאַרפלוכט". „צי דען פאַרלאַנגט גאָט דאָס פלייש פונם קרבן? פרעגט דער נביא. — ניין, ער האָט ניט געהייסן ברענגען אים, נאָר ער דערלאָזט עס. דאָס אָפּפערט איר פאַר אייך, ניט פאַר מיר, זאָגט גאָט". „בענטש גאָט פאַר דאָס שלעכטס, ווי פאַר דאָס גוטס". — „הערסטו, ווי מען רעדט פון עמעצנס טויט, זאָלסטו זאָגן: געבענטשט זאָל זיין דער גערעכטיקער ריכטער". — „ווען אַפילו אַלע טויערן פון הימל זיינען געשלאָסן, בלייבן די טויערן פון תּפילה שטענדיק אָפן". — ווען אַ צדיק שטאַרבט, איז עס אַן אבדה פאַר דער ערד. אַ פאַרלאָרענער אבן־טוב בלייבט אַן אבן־טוב. נאָר דער, וואָס האָט אים פאַרלאָרן, זאָל ער גיין און ווי־נען". — „דאָס לעבן איז געגליכן צו אַן איבערגייענדיקן שאָטן. איז עס אָבער אַ שאָטן פון אַ טורעם? פון אַ בוים? ניין, דאָס איז דער שאָטן פון אַ פויגל אין פליען. דער פויגל פליט אַוועק און סיי דער פויגל, סיי דער שאָטן ווערן פאַרשוואונדן". — „חרטה און מעשים־טובים, דאָס איז דער ציל פון יעדער חכמה אויף דער ערד". — „אַפילו דעם צדיק ווערט אין הימל ניט געגעבן אַזאַ בכבודיקער אָרט, ווי דעם בעל־תּשובה". — „אויב אייער גאָט האָט פיינט די געצנדינערייַ, — האָט איינער אַ געצנדינער געפרעגט ביי אַ געלערנטן, — טאָ פאַר־וואָס צעשטערט ער זיי ניט?" „זע, — האָט אים יענער געענטפערט, —

זיי דינען צו דער זון, צו דער לבנה און די שטערן, ווילסטו, גאָט זאָל חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט צוליב די נאַראָנים?״ — „דער, וואָס זיין חכמה איז גרעסער פאַר זיינע מעשים, יענער איז געגליכן צו אַ בוים, וועלכער האָט אַ פולע צווייגן און ווייניק וואָרצלען, אַזוי אַז איין שטויס פון ווינט קומט און קערט אים איבער. אָבער וועמעס מעשים עס זיינען גרעסער פאַר זיין חכמה, יענער איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס זיינע צווייגן זיינען ווייניקער, אָבער זיינע וואָרצלען זיינען פיל און שטאַרק, און וואָס אַלע ווינטן פון דער ערד קאָנען קעגן אים גאָרנישט ניט טאָן״. — „ליב דיין ווייב, ווי זיך אַליין; אכט זי מער, איידער זיך זעלבסט״. — „ווער עס לעבט אָן אַ ווייב, יענער לעבט אָן שמחה, אָן בחמה״, אָן ברכה. — „ווען דו קלייבסט זיך אַ ווייב, לאָז זיך אַראָפּ מיט אַ שטאַפּל נידעריקער; ווילסטו זיך אַ פריינד, הייב זיך אויף מיט אַ שטאַפּל העכער״. — „אויף דעם מענטשן, וואָס די ליבע פון זיין יוגנט פאַרלאָזט אים, וויינט גאָטס מזבח״. — „אַכט די פרויען, זיי ברענגען אייך ברכה״. — „דער צוזאָג, וואָס איז געגעבן געוואָרן פרויען, איז שענער, איידער דער, וואָס איז געגעבן געוואָרן מאַנסבילן״. — „ווער עס האָט חתונה צוליבן געלד, יענעם וועלן די קינדער זיין פאַרשאָלטענע״. — „די הויז, וועלכע איז געשלאָסן פאַר אָרעמע, וועט אָפן זיין פאַר דאָקטוי-רים״. — „ליבע צו מענטשן איז נאָך גרעסער איידער צדקה״. — „אַכט די זין פון די אָרעמע, וואָרעם פון זיי קומט אַרויס תורה״. — „זאָל דיר דער כבוד פון דיין חבר זיין אַזוי טייער, ווי דיין אייגענער כבוד״. — „דער וואָס האָט פאַרשעמט זיין חבר עפנטלעך, איז גלייך ווי ער וואָלט בלוט פאַרגאָסן״. — „ווער עס איז מוחל דאָס שלעכטס, וואָס מען האָט אים פאַרשאַפט, יענעם איז גאָט מוחל זיינע זינד״. — „זאָל דיין יאָ זיין אַן אמתער יאָ, און זאָל דיין ניין זיין אַן אמתער ניין״. — „הכנסת-אורחים איז דער וויכטיקסטער טייל פון גאָט-פאַרערונג״. — „ס'זיינען פאַראַנען דריי קריינען: די קריין פון געזעץ, די קריין פון כהונה, און די קריין פון מלכות. אָבער גרעסער פון זיי אַלע איז די קריין פון אַ גוטן נאָמען״. — „פיר וועלן ניט אַריין אין גן-עדן: דער לץ, דער ליגנער, דער חונף און דער לשון-הרעניק״. — „היט זיך צו ריידן, וואָרעם דיין פריינט האָט אַ פריינט, און דיין פריינטס פריינט האָט ווידער אַ פריינט״. — „די זעלנער גייען אין שלאַכט, און די קיניגן זיינען די העלדן״. — „אַ גנב בעט גאָטס הילף, ווען ער רייסט זיך אַריין אין אַ הויז״. — „שלאָג די געצן, וועלן די פריסטער מורא האָבן״. — „פון אַ נאַר ברענגט מען קיין ראיה ניט״. — „אַ מענטש קאָן ניט באַשטראָפט ווערן פאַר דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט אין

זיין צער". — "אַ צעבראָכן האַרץ איז בעסער פאַר פיל פייניקן זיך". — "זאָלסט ניט זיין קיין שכן מיט אַ פרומען שוטה". — "ווי צו דעם קרוג, ווען דער שטיין פאַלט אויף אים; ווי צו דעם קרוג, ווען ער פאַלט אויפן שטיין. וואָס עס זאָל ניט געשען, איז אַלע מאָל — ווי צו דעם קרוג". — "די יוגנט איז אַ קראַנץ פון רויזן, די עלטער — אַ קריין פון דערנער". — "טרינק ניט, וועסטו ניט זינדיקן". — "ניט דאָס אָרט מאַכט כבוד דעם מענטשן, נאָר דער מענטש דעם אָרט". — "ווער עס איז אַן ענָיו, וועט דערהייבן ווערן; ווער עס דערהייבט זיך אַליין, וועט דערנידעריקט ווערן". — "ווער עס יאָגט זיך נאָך כבוד, פון יענעם אַנטלויפט דער כבוד; ווער עס אַנטלויפט פון כבוד, נאָך יענעם יאָגט ער זיך נאָך". — "גאווה איז פונקט אַזוי שלעכט ווי געצנדינעריי". — "כל־זמן אונזער ליבע איז געווען שטאַרק, איז אונז געראַם געווען אויפן שאַרף פון אַ שווערד; איצט, אַז זי איז שוואַך געוואָרן, איז דאָס ברייטע געלעגער פאַר אונז ענג". — "די מידה פון מענטשנליבע איז אַזוי וויכטיק, ווי אַלע אַנדערע מידות טובות צוזאַמען". — "זיי ווייך און נאָכגיביק, ווי אַ ווייכער טשערעט, און ניט האַרט און שטאָלץ, ווי אַ צעדערבוים". — "די וואָס חנפענען וועלן קיינמאָל גאָט ניט זען". — "עס איז קנאַפּ אומשולדיק צו זיין פאַר גאָט, מען דאַרף נאָך באַווייזן די אומשולדיקייט פאַר מענטשן". — "דאָס וואָס דער גוטער העלפט אַנדערע צו טאָן, איז גרעסער, איידער דאָס וואָס ער אַליין טוט" — "ווי צו דעם, ווער עס איז אַ וואָכערניק, ער וועט ניט לעבן. אומעטום טראָגט ער אומרעכט און טויט". — "פאַראַן זיבן מינים פון פרושים: וואָס פירן אויס דעם געזעץ, כדי צו דערווערבן כבוד און אַכטונג; וואָס באַרירן קוים די ערד מיט די פיס, כדי צו באַווייזן זייער עניוות; וואָס שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט, כדי אויסצומיידן צו זען אַ פרוי; וואָס האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן; וואָס בעטן יעדערן, מען זאָל זיי אָנרופן נאָך פליכטן, וועלכע זיי זאָלן קאָנען ערפילן; וואָס זייבען פרום מחמת מורא פאַר דער שטראָף; און לסוף, וואָס טוען דעם ווילן פון זייער פאָטער אין הימל, ווייל זיי האָבן אים ליב".

וויל מען אָבער וויסן, ווי דערזעלביקער תלמוד, וועלכער פילט אָן גאַנצע טראַקטאַטן מיט מיקראָלאָגישע פאָרשונגען אין געזעץ, פאַסט אויף דעמדאָזיקן געזעץ מצד זיין אידעאַלער באַדייטונג, קאָן מען עס זען פון פאָלגנדיקע ווערטער פון דער אַגדה, וועלכע קאָנען פולקום ביישטיין קעגן גאַנצע טעאָריעס און פילאָסאָפיעס פון רעליגיע. זעקס הונדערט דרייצן מצוות — ווערט געזאָגט אין תלמוד — זייגען משה

געגעבן געוואָרן פאַר די יידן. דוד האָט זיי אַלע צונויפגענומען אין עלף, דער נביא ישעיהו האָט זיי דערפירט ביז זעקס, מיכה האָט נאָר דריי אָנגעציילט: „עס איז דיר געזאָגט געוואָרן, מענטש, וואָס גאָט פאָדערט פון דיר: טאָן רעכט, ליבע צו גוטע מעשים, און גיין מיט עניוות פאַר זיין גאָט!“ אַן אַנדער נביא האָט זיי באַגרענעצט מיט צוויי: „היט דאָס רעכט און טוט גערעכטיקייט!“ עמוס האָט לסוף אַלע פאַראייניקט אין איינס: ביי אים איז געשריבן: „זוכט מיך, וועט איר לעבן“. און ביי חבקוקן איז פאַראַן: „דער צדיק לעבט מיט זיין גלויבן“.

דאָס איז געווען נאָר אַ קורצע וואַנדערונג, אַ געלויפיקער איבערבליק איבער דעם אוצר סענטענצן פון דער תלמודישער עטיק און פון דער ראַבינישער וועלטאַנשויאונג, וואָס מען האָט דאָ געקאָנט ברענגען. אָבער דאָס קלעקט שוין כדי צו אָנערקענען, אַז דידאַזיקע אַגדה, וועלכע איז געבוירן פון דעם גייסט פון די נביאים און פון דער מזרחזון אויסגעכאָוועט, האָט מנצח געווען אויך די היידנישע וועלט, אַז זי איז געוואָרן די לערערין פון אַנדערע רעליגיעס, וועלכע האָבן איבערגענומען אירע טיפסטע אמתן; אַז אין דער אַגדתא קאָן מען געפינען אָדער עמבריאָניש, אָדער אין פולער אַנטוויקלונג די גאָרע וועלט פון די פרומע ביבלישע לעגענדעס, וואָס דער איסלאַם האָט שוין זינט צוועלף הונדערט יאָר דערציילט און געזונגען אויף זייבע פילע דיאַלעקטן, פאַרוויילנדיק די חכמים, פונקט אַזוי ווי די פרויען און די קינדער; אַז, ענדלעך, באַוואוסט, אָדער אומבאַוואוסט, איז פון דער דאָזיקער וואונדערבאַרער מלוכה איבערגענומען פיל פון דעם, וואָס גייט ביי אונז אַלס מיטלאַלטערישע לעגענדע־ציקלען פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, ביי דאַנטען און באָקאַטשיאָן, ביי סערוואַנטעסן, מילטאָנען און קלאָפשטאָקן.

אָבער לויט דער פאָעטישער פאָרם געהערט די אַגדתא ניט אויסשליסלעך צו דער סענטענץ, הגם די סענטענץ איז איר אייגנשאַפטלעכער. אונטער משל האָט מען ריכטיק פאַרשטאַנען זאַגע און לעגענדע, די פאַבל און דאָס מעשהלע, די אַפּאָלאָגיע ווי די אַלעגאָריע, די רעטעניש ווי דאָס ליד, און דאָס אַלץ געפינט זיך אַן אָרט אין דער אַגדתא, געשטיצט אויף דעם פסוק פון דער ביבל.

די זאַגע און די לעגענדע קניפט זיך נאַטירלעך גיכער פאַר אַלץ

אָן די זכרונות פון דער אַלטער אַמאָליקער צייט און שפינט אַרום מיט אירע צויבער פעדים דאָס לעבן פון די פּאַטריאַרכן, העלדן און נביאים, באַזונדערס דאָס לעבן פון אָדם, אַברהם, משה, דוד און שלמה; נאָר חוץ דעם באַפּוצט זי מיט אירע בונטע פאַרבן די ערשיינונג פון גרויסע לערער און פירער פון אַמאָל. לסוף פאַרשפּרייט זי אירע שענסטע שטראַלן אויף דער שורה פון די ליבלעכע פּרויענגעשטאַלטן פון חוה ביז יהודית דורך דער גאַנצער רומפּולער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַ קינדיש־נאַאיווער טאָן קלינגט דורך די אַלע לעגענדעס, — אַ טאָן, וועלכער איז ניט פון אַלעמען פאַרשטאַנען געוואָרן, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן געפונען אַ צוטריט אין די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער. אייניקע מוסטערן וועלן געבן אַ בילד פון דידאַזיקע זכרונות פון דער תּלמודישער אַגדתא, דורך וועלכע די פרומע נשמה האָט געזוכט צו דערנעענטערן זיך מיט די דערהייבענע געשטאַלטן פון פאַרצייטן. פריער פאַר אַלץ האָט די לעגענדע־בילדנדיקע פאַנטאַזיע פון דער אַגדתא באַזעצט דעם גן־עדן און פאַר די ערשטע מענטשן געשאַפן אַ סביבה. אַזוי דערציילט זי: ווען אָדם האָט דערזען, ווי די זון האַלט ביים פאַרגיין, האָט ער געזאָגט: וויי מיר! די נאַטור ווערט פינסטער. דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב עובר געווען אויף גאָטס געבאָט. די וועלט וועט ווידער פאַרזינקען אין תּוהו־ובוהו, און אפשר איז עס שוין טאַקע דער טויט, מיט וועלכן גאָט האָט מיך אָנגעשראָקן. דעמאָלט האָט ער געפאַסט אַכט טעג. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז די טעג ווערן צוריק לענגער, האָט ער געזאָגט: איצט זע איך, אַז דאָס איז דער מנהג פון דער נאַטור. מחמת דעם האָט ער געפייערט אַכט טעג יום־טוב לכּבוד גאָט.

פון אָדמן ביז משהן איז אַ לאַנגער וועג. אָבער די פאַנטאַסטישע זאַגע פליט אים גיך אַריבער, דערציילנדיק וועגן דעם קבר פון דעם געטלעכן מנהיג, וועלכן זוכער האָבן איינמאָל געוואָלט אַנטדעקן. זיי זיינען שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ פונם באַרג נבו. אָבער ווען זיי האָבן זייערע בליקן אַראָפּגעלאָזן צום טאָל, האָט זיך זיי אָפּגעדוכט, אַז משהס קבר איז דאָרט. דעמאָלט האָבן זיי זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן, איינער איז געבליבן אויף דעם באַרג, דער אַנדערער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין טאָל, כּדי דאָרט צו זוכן. די, וואָס זיינען געווען אויפן באַרג, האָט זיך געדאַכט, אַז דער קבר א'ז אין טאָל, און אין טאָל האָט אויסגעוויזן, אַז דער קבר איז אויפן באַרג. און אַזוי האָט מען משהס קבר קיינמאָל ניט געפונען, ווי עס איז געווען דער באַשלוס פון דער געטלעכער השגחה.

א ליבלינג פון דער תלמודישער אַגדתא איז געווען אַלעקסאַנדער דער גרויסער, וואָס זיינע מאַרשן און העלדן־מעשים באַפּוצט זי גערן. איינע פון די דאָזיקע לעגענדעס האָט א דייטשער דיכטער, וועלכער האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געשענקט דעמדאָזיקן אַוואַלון[1] פון מזרח, אַזוי איבערגעגעבן. אין דער ווייטער אינדיע איז אַלעקסאַנדער דער גרויסער געקומען צו אַ טייך, וואָס פלייצט פון גן־עדן. ער האָט געטרונקען פון זיין דערקוויקנדיקן וואַסער און האָט זיך מיט אים דערלאָבט. ער האָט מיט דעם וואַסער אויסגעוואַשן זיין פּנים, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געוואָרן יינגער. ער איז באָכגעגאַנגען נאָכן שטראָם דורך ווייטע מדבריות און איז געקומען ביז דער פאָרטקע פון גן־עדן. „עפנט מיר אויף! — האָט ער געזאָגט, — וואָרעם איך בין דער מנצח פון דער וועלט, דער קיניג פון דער ערד!" אָבער מען האָט אים געענטפערט: „דו ביזט באַפלעקט מיט בלוט. אַוועק! דאָס איז די הייליקע פאָרטקע, וואו נאָר צדיקים קאָנען אַריינגיין". — „טאָ גיט מיר, — האָט דער קיניג געזאָגט, — לפּחות אַן אָנדענקען, אַז איך בין דאָ געוועזן". מען האָט אים דערלאַנגט אַ טויטן שאַרבן. אָן חשק האָט ער עס צוגענומען. דער שאַרבן איז אין זיינע הענט געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, אַזוי אַז ער האָט אים שוין מער ניט געקענט טראָגן, און צום סוף האָט אים דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס ער האָט באַקומען דורך זיינע נצחונות, די אוצרות פון פרס און פון לוד, — ניט געקענט איבערוועגן. דער באַטריבטער אַלעקסאַנדער האָט דאַן גערופן אַ חכם און אים געפרעגט, וואָס זאָל דאָס באַטייטן? דער חכם האָט אים געענטפערט: „דער מענטשלעכער קאָפּ — דאָס ביסטו. כּל־זמן דיינע אויגן זעען, קאָנסטו זיך ניט אָנזעטיקן מיט גאָלד און מיט זילבער. אָבער זע! אָט שיט איך אַרויף שטויב אויף דעם שאַרבן און באַדעק אים מיט אַ הויפן ערד, און דער טויטער שאַרבן וועט ווערן לייכט, ווי אַלע אַנדערע שאַרבנס. ער האָט עס געטאָן, און אַזוי איז געווען, ווי ער האָט געזאָגט. און באַלד איז דאָס וואָרט מקוים געוואָרן. אַלעקסאַנדער איז צוריקגעפאָרן מיט זיין מחנה, און איז גע־

[1] אויב דאָס וואָרט איז ניט פאַרדאָרבן מיינט אפשר דער אַווטאָר Avalun, אָדער Avalon, אַן אָרט אין פראַנקרייך, וואו עס זיינען פאָרגעקומען „די אַוואַנטורעס פון די מערכבההעלדן פון דעם קיניג אַרטור, פון מערלען און אַנדערע.

(רעד. פון דער רוס. איבערז.).

שטאָרבן אין בבל. זיין קיניגרייך איז צעפאַלן געוואָרן און דער שארבן פון דעם מנצח איז דאָ געבליבן ליגן, ווי א געוויינלעכער שארבן[1].

אזוי האָט זיך דער געוויקס פון דער אגדהשער זאַגע ארומגע־פלאָכטן אַרום די מירמל־בילדער פון דער געשיכטע, וועלכע האָבן אין גייסט און אין געמיט פון די נייע דורות געוואונען א פריש לעבן. ווי אזוי איז דידאָזיקע זאַגע אַריבערגעגאַנגען אין ווייטערע קרייזן פון דער אָריענטאַלישער פאַבעל־וועלט — וועגן דעם איז שוין דערמאָנט גע־וואָרן, און דאָס וועט נאָך לאַנג באַשעפטיקן די פאַרגלייכנדיקע זאַגע־פאָרשער. אָבער אין דעם שטייגער, ווי די זאַגע וועבט דאָס לעבן פון די נביאים און פון די פאַטריאַרכן, איז ניט מעגלעך ניט צו באַמערקן די פיעטעט צו זיי, די נאָענטע קרובהשאַפט און די פאַמיליענלעכקייט מיט דעם טיפן ערנסט און מיט דער איבערגעגעבנקייט צו גאָט, מיט וועלכע עס זיינען דורכגעדרונגען אירע הייליקע קוועלן,—בשעת אין דער אָריענטאַלישער לעגענדאַרער וועלט טרעט מער אַרויס דער חשק צו פאַ־בולירן, צו דער בונטער וועלט פון מעשהלעך און וואונדער, וועלכע שפּילט מיט אַלע טענער און פאַרבן און רעדט מיט אַלע לשונות פון דעם פיל־געשטאַלטיקן ערדלעבן. די צעפלאָסנקייט און די בילדערפראַכט פון די פערסישע און אַראַבישע מעשהלעך, וועלכע מישן צונויף אין איין אָטעם גרויסאַרטיקס און געמיינס, חיץ און פלוידעריי, איראָנישע חכמה און פוסטע נאַרישקייט, געפינט דאָך ניט אַזוי לייכט דעם וועג צום האַרצן, ווי די האַרציקייט, ריינקייט און דער חן אין יענע דיכטונגען, וועלכע אָטעמען מיט דעם גייסט פון מערב.

טיפער וואָרצלט זיך אין דעם גייסט פון אָריענט די תלמודישע פאַראַבעל, די אַלעגאָריע, וועלכע האָט לעבהאַפט באַשעפטיקט ניט בלויז דעם שאַרפזין פון דעם אויסטייטשער פון די הייליקע שריפטן, נאָר אויך די פאַנטאַזיע פון דעם דיכטער. שוין דער קיניג שלמה ווערט גוזמאדיק געריִמט, אַז ער האָט יעדן געזעץ געקאָנט דערקלערן דורך דריי טויזנט משלים, און צו יעדער טראַדיציאָנעלער באַשטימונג געקאָנט געבן דריי טויזנט טעמים. אויב דידאָזיקע לויב איז אַליין פאַר זיך שוין כאַראַקטעריסטיש, איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש די אַרט, אין וועלכער די פאַראַבעל קומט אין תלמוד, סימבאָליזירנדיק האַנדלונגען, כאַראַקטערן און געשעענישן. איינע פון די טיפזיניקסטע אַלעגאָריעס— וועגן יענע פיר, וועלכע זיינען אַריין אין גן־עדן, איז שוין געבראַכט

[1]) די זעלבע לעגענדע איז באַאַרבעט געוואָרן אין יידיש דורך ש. פרוג. (איבערז.)

געוואָרן; פריינדלעכער און צוציענדיקער איז די אַלעגאָריע וועגן הילל. ווען די תּלמידים האָבן אים געפרעגט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך מיט זיי בעזעגנט: וואוהין גייסטו? — האָט הילל געענטפערט: איך גיי צו באַזאָרגן מיין גאַסט. — די תּלמידים האָבן אים געפרעגט: דו האָסט דען אַ גאַסט אין דער היים? — און דער לעצטער האָט געענטפערט: איז דען די אָרימע נשמה ניט קיין גאַסט ביי דעם קערפּער? היינט איז זי דאָ, מאָרגן — אין הימל. — ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אַזעלכע פּאַראַבעלן זיינען ביים פאָלק אַלס באַפּוצונג פאַר רעליגיעזע דרשות און אַלס ערקלערונג פון די ביבלישע אמתן באַזונדער באַליבט געווען. „טוט תּשובה איין טאָג פאַרן טויט", אַזוי האָט איינער אַ בעל־אַגדה אָנגעהויבן זיין דרשה, און האָט דערביי געבראַכט אַזאַ משל: אַ קיניג האָט זיינע דינער איינגעלאַדן אויף אַ גרויסן מאָלצייט. ער האָט זיי אָבער ניט געזאָגט די שעה, ווען דער מאָלצייט וועט זיין. די קלוגע האָבן זיך געגרייט און געפּוצט; וואָרעם זיי האָבן געזאָגט: „אין קיניגס הויז איז אַלץ פאַראַן געווען. יעדע רגע קאָן דער מאָלצייט גרייט זיין, און מיר וועלן גערופן ווערן". אָבער די נאַרישע דינער זיינען זיך פונאַנדערגע־גאַנגען און האָבן געזאָגט: „עס איז נאָך דאָ גענוג צייט, און איידער מען וועט אונז רופן, וועלן מיר נאָך באַוויזן צוצוגרייטן און אָנצו־קליידן זיך". פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דער רוף צום מאָלצייט. די אויסגעפּוצטע זיינען גלייך אַוועק אויף דעם יום־טוב. די נאַראָנים האָבן פאַרשפּעטיקט און מען האָט זיי אָפּגעשיקט. דער מוסר־השכל, וואָס דער פרומער פּריידיקער האָט אַרויסגענומען פון דערדאָזיקער פּאַראַבעל, האָט זיך געשטיצט אויף דעם וואָרט פון שלמה המלך: „זאָלן דיינע קליידער שטענדיק זיין ווייס, און דיין קאָפּ בעזאַלבט". היות ווי מען קאָן ניט וויסן, ווען וועט קומען דער טאָג פון טויט, דאַרף מען זיך יעדן טאָג פון לעבן גרייטן צו אים.

נאָר די אַגדה איז אָנגעווענדט געוואָרן ניט בלויז פאַר דעם עפנט־לעכן מוסר אין דער שול און אין גאַסהויז. קיין געלעגנהייט — אַ פריילעכע, צי אַ טרויעריקע, האָבן דידאָזיקע מענטשן ניט דורכגעלאָזן, אָן וועלכע זיי האָבן געקענט אָנקניפּן זייערע סענטענצן און משלים. חתונות און לוויות, יום־טובים און טרויער־טעג האָבן זיי באַפּוצט מיט דער שמעקעדיקער בליאונג און מיט די טייערע פרוכטן פון דעם גאָרטן פון דער אַגדה. אַזאַ אַגדיסטישער טיש־געשפּרעך פלעגט באַזונדער לאַנג בלייבן אין זכּרון, און אַ באַליבטן תּלמודישן ריידנסאַרט האָט צו דאַנ־קען פאַר איר אַנטשטיין די פּאַראַבעל, מיט וועלכער יצחק בן פּנחס, איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער אַגדה אין דער נאָך־משנה־

צייט, האָט זיך געזעגנט מיט זיין פריינד נחמן נאָך אַ גאַסטפריינדלעכן מאָלצייט. דער לעצטער האָט אַרויסגעזאָגט זיין ווּאונטש, צו באַקומען אַ ברכה פון זיין גאַסט, וועלכער פאַרלאָזט אים. דאַן האָט אים יצחק דערציילט דעם פאָלגנדיקן משל: אַ וואַנדערער אין דער מדבר איז איינמאָל געפאַלן אַ מידער, אַ געפּייניקט פון הונגער, דאָרשט און פון גליענדיקער זונבראַנד. ערשט פלוצלונג האָט ער דערזען לעבן אַ פרישן קוואַל וואַסער אַ שאָטנדיקן בוים מיט פיינע פרוכט. דער מידער וואַנדערער האָט אָפּגערוט אין שאָטן פון דעם בוים, און האָט זיך געקוויקט מיטן וואַסער פון דעם קוואַל און מיט די פרוכט פון דעם בוים. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אַן אָפּגעפרישטער מיט נייע כוחות, האָט ער געזאָגט צו דעם בוים: אָ, בוים, מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן? דיין פרוכט איז במילא דערקוויקנדיק, דיין שאָטן — שיין און דער קוואַל, וואָס שטראָמט צו דיינע פיס — זילבערהעל. דעריבער קאָן איך דיר נאָר איין זאַך ווינטשן, אַז אַלע דיינע שפּראָצונגען זאָלן גלייך זיין צו דיר. אַזוי זאָג איך אויך צו דיר, מיין פריינד. דו ביסט געבענטשט מיט רייכטימער, באַצירט מיט וויסנשאַפט, באַגליקט מיט קינדער. ווינטש איך דיר נאָר, אַז גאָט זאָל זיין ברכה שיקן אויף דיינע קינדער, ווי אויף דיר.

אַז כּדי צוצוגעבן דער פּריידיקט לעבעדיקייט און אָנשוילעכקייט, פלעגט מען אין איר אָפטמאָל איינשליסן פאַבלען, איז שוין דערמאָנט געוואָרן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דער טעטיקייט פון רבי מאירן און זיינע דריי הונדערט פוקס־פאַבלען. אַזעלכע פאַבלען ווערן אויך ציטירט פון דעם וויציקן בר־קפרא, פון איינעם אלעזר, וואָס האָט אַריבערגעוואַנדערט פון פאַלעסטינע קיין בבל, און פון איינעם רבה בר מרי, וועלכער איז אויך פון פאַלעסטינע אַרויסגעפאָרן קיין בבל. צו דער דאָזיקער ריכטונג געהערן אויך די היפּערבאָלישע און פאַרווײַלנדיקע רייזע־מעשהלעך פון דעם אָריענטאַלישן מינכהויזן ר ב ה ב ר ב ר ח נ א און די רעטענישן־געדיכטן פון ע ז ר י ה. אויך די „פאַבל פון די וועשער" אָדער פון די וואַליקער, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין תּלמוד, דאַרפן נאָך דערמאָנט ווערן, ווי טונקל זייער אָפּשטאַמונג און באַדייטונג זאָל ניט זיין. דער פריער אָנגערופענער בעל־אַגדה שמלאי האָט דערקלערט דאָס וואָרט פון דעם נביא: „ווי צו די, וועלכע באַגערן דעם טאָג פון גאָט! צו וואָס טויג אייך דער טאָג פון גאָט? ער איז פינסטערניש און ניט ליכט", — דורך פאָלגנדיקן משל: אַ האָן און אַ פלעדערמויז האָבן ביידע געוואַרט אויף טאָג. האָט געזאָגט דער האָן: „מילא, איך וואַרט אויף דער ליכטיקייט פון דער זון, ווייל דאָס איז מיין עלעמענט, אָבער צוליב וואָס געלוסטו דעם טאָג?"

ווי איינפאַך און ניט באַפּוצט דערדאָזיקער משל זאָל ניט זיין, האָט ער דאָך געמוזט מאַכן אַ טיפן איינדרוק, ווען מען האָט אים גע־בראַכט ניט בלויז מיט דעם פּסוק, אויף וועלכן ער גייט, נאָר אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער פאָרגייענדיקער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך באַצויגן צו די משיחישע האָפענונגען פון דעם פאָלק ישראל, און האָט דערציילט וועגן דעם אָפּשפּאָטנדיקן טאָן, מיט וועלכן די צדוקים האָבן געפרעגט ביי די געזעצלערער: „ווען זשע וועט קומען אייער משיח!" — „ווען די פינסטערניש וועט פארדעקן די ערד, און נאַכט — די פעלקער, דעמאָלט וועט איבער דיר אויפגיין גאָטס ליכט, און זיין פראַכט וועסטו דערזען" — האָט געענטפערט דער רבי מיט די טרייסטרייד פון ישעיה הנביא.

אַ צווייטן מאָל האָט זיך גערעדט וועגן מואָב און מדין, די אַלטע פון אייביק אָן שונאים, וועלכע האָבן קיין מאָל די יידן צו רו ניט גע־לאָזן. דעמאָלט האָט, ווי עס שיינט, ר' יהושע אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט דערציילט פאָלגנדיקן פאַבעל: צוויי הינט, וועלכע האָבן געלעבט ביי איין טשערעדע, האָבן שטענדיק געפירט מלחמות צווישן זיך. איז געקומען אַ וואָלף און איז אָנגעפאַלן אויף איינעם פון זיי. דעמאָלט האָט דער אַנדערער געזאָגט: אויב איך וועל איצט ניט העלפן מיין ברודער, וועט דער וואָלף הייַנט אים דערשטיקן און מאָרגן וועט ער אָנפאַלן אויף מיר. דעריבער האָט ער געאיילט צו דעם, וועלכער איז באַפאַלן געוואָרן, האָט אים געהאָלפן, און ביידע צוזאַמען האָבן זיי דעם וואָלף דערוואָרגן.

אַ פריילעכע און אַ קלאָרע איז די פאַבל פון יענעם יצחק בר נפחא, וועלכער האָט זי געזאָגט פאַר צוויי גרויסע אמוראים, אַמי און אַסי, בשעת איינער האָט פאַרלאַנגט אַ הלכהשן און דער צווייטער אַ הגדהשן פאָרטראָג. ווען ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די הלכה, האָט איי־נער געוואָלט אַנטלויפן; ווען ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אַ דרוש, האָט דער צווייטער געדראָט, אַז ער וועט אַוועק. דעמאָלט האָט דער לערער געזאָגט: איך וועל אייך דערציילן אַ משל, וואָס איז געגליכן צו אונזער שמועס: אַ מאַן האָט געהאַט צוויי ווייבער, איינע אַן אַלטע, די צווייטע אַ יונגע. די יונגע האָט ביי אים אויסגעריסן די גראָע האָר פון קאָפּ, די אַלטע — די שוואַרצע, אַזוי אַז אין קורצן איז ער גאָר געבליבן אַ פּליכעוואַטער.

אַזוי איז די פאַבלוועלט פון תלמוד הייטער און גראַציעז, פּשוט און קינדיש, און פאַרט טיפזיניק און דערהייבן. „איר העכסטער און דווערנדיקסטער רייץ איז שטילע גרויסקייט, שווייגנדיקער חן. זי איז ווי

די שענסטע פאַבלען פון מאָרגנלאַנד, כמעט נאָר פּראָזאַאיש, עפּיגראַמאַטיש קורץ, און דאָך האָט זי איר קונסטפאָרם, אַזוי גוט, ווי דאָס ליד, וואָס איז, נאַטירלעך, אין הסכם מיט דער גרונטשטימונג פון דער נאַציע אין יענער צייט איבערהויפּט עלעגיש, הגם עס פייערט אויך פיל פרייע מאָמענטן.

אין תלמוד, וואָס קיין שום אַנדער ווערק שפּיגלט ניט אַזוי אָפּ דאָס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע לעבן פון די יידן, איז נאַטירלעך ניטאָ קיין קונסטווערק. ערגעץ געפינט זיך ניט קיין ביישפּיל פון באַוואוסטזיניקער באַאַרבעטונג פון אַ פּאָעטישן שטאָף נאָך אידעאַלע פּרינציפּן. די זאַגען זיינען נאָך קינדער פון דער פרייער נאַטור, ניט־ווידערגעבאָרענע דורך דער קונסט — פּאָעזיע פונם פאָלק. די תלמודישע געדיכטן זיינען ניט קיין פלאַנצן פון אַן אָראַנזשעריי, וועלכע פלעכטן זיך אַרום די שפּאַלירן פון מעטער און גראַם, ביי דעם פייער פון זעלבשטענדיק שאַפנדיקער פאַנטאַזיע. דאָס זיינען Bons-mots פון פאָלק, אימפּראָוויזאַציעס פון אויגנבליקלעכער דערשפּירונג, פּשוטע, ריינע, ווי אַ קוואַל, ניט קיין באַפּוצטע פאָרמעלעס פון תפילה, דורך טראַדיציע איבערגעגעבענע מיטן, וואָס זייער ערשטע געשטאַלט ווערט אַלץ טרייער אָפּגעהיט, וואָס וויניקער מען האַלט זיי פאַר דיכטונגען.

נאָר זעלטן הייבט ניט זיכער און מיט עניוות אַ לירישער קנאָספּ זיין קעפּל. ווי באַחנט עס קלינגט גראָד אין אַזאַ ערנסטער סביבה דער קליינער פערז, וועלכן מען האָט געזאָגט ווען דער ניט אָנגעזעענער געשטאַלט פון איינעם אַ באַרימטן לערער:

אָן פאַרב,
אָן גלאַנץ,
אָן פוץ —
און פול מיט חן.

אָדער, ווען מען הערט ביים קבר פון דעמדאָזיקן לערער אַזאַ קלאָג, וועגט עס איבער גאַנצע משאות פון הספדים:

דאָס הייליקע לאַנד האָט פאַראיידלט דאָס, וואָס דער שויס פון שִנער האָט אים געבוירן,
געבויגט איז טבריה, פול מיט שמערץ, איר בעסטער אוצר איז פאַרלוירן.

אָדער ווען יענער באַקאַנטער בר־קפרא האָט פאַרן אָנבליק פון דעם טויטן קערפּער פון דעם גערימטן פּאַטריאַרך יהודה אויסגערופן מיט ווייטאָג:

מלאכים און שטערבלעכע האָבן ארומגערינגלט דעם ארון־קודש,
די מלאכים האָבן געזיגט, און דער ארון־קודש איז פאַרשוואונדן.

אַן אַנדער טרויעריק הספד־ליד פון איינעם אַן אַגדישן דיכטער קלינגט אַזוי:

אַ שטאַם פון גרויסע דערנעענטערט זיך פון בבל,
מיט אים — דאָס ספר־תורה,
טרויער און פינסטערניש הילט איין די ערד,
גאָט איז צאָרנדיק אויף די זינדיקע מענטשן,
ער רופט די ריינע נשמות צו זיך,
און פרייט זיך מיט זיי, ווי מיט אַ כלה,
ער איז אין שמחה, ווען דער צדיק קומט פאַר אים.

און ווידער אַן אַנדערש מאָל ווערט דער טויט פון איינעם אַ פירשט אין דער מלוכה פון גייסט אין אַזאַ הספד באַטרויערט:

אַ פלאַם איז געפאַלן אויף די צעדער, —
ווי זשע וועט זיך דער אֵזוב קענען ראַטעווען.
דער לויתן איז אויפן האָקן געפאַנגען —
וויי צו אייך, איר פיש פון דעם זומפ!
דער מעכטיקער שטראָם איז פאַרטריקנט —
וויי צו אייך, איר קליינע וואַסערלעך!

פרייליכער האָט עס שוין געקלונגען, ווען דער שטאַרקער הומאָר פון פאָלק, וואָס זוכט זיך אַרויסצוּווייזן אַפילו ביי ערנסטע צופאַלן, האָט למשל אימפּראָוויזירט ביים טויט פון אַ געלערנטן ביכער־וואָרעם דעם פערז:

אָ, די אָרעמע קאָרב, אַ פולע מיט ביכער, איז פאַרלאָרן!

אַזעלכע פרייליכע אימפּראָוויזאַציעס ווערן צוגעשריבן איבערהויפּט יהודה בן נחמני, אַלס דעם מייסטער אין דער הערשאַפט איבער דער העברעאישער שפּראַך, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו טרייסטן די טרויעריקע און דערמאָנען זיי אָן גאָטס גערעכטיקייט, הגם זיינע וועגן זיינען ניט פאַרשטענדלעך. אין איינעם אַזאַ טרייסטוואָרט פון יהודה בן נחמני ווערט אַזוי געזאָגט:

ברידער געבויגטע און אָפּגעשוואַכטע פון טרויער,
יעדנדט אָן אייער שכל איינס צו דערגיין ביזן גרונט:
דאָס בלייבט פעסט פון אָנהייב פון דער וועלט ביז דעם סוף פון אַלע טעג,

פילע האָבן דערפון מארזוכט, פיל וועלן עס פארזוכן,
ווי די ערשטע האָבן געטרונקען, אזוי וועלן אויך געניסן די שפעטערדיקע,
זאָל דער טרייסטער אייך טרייסטן.

דאָס פינטל פון דעמדאָזיקן געדיכט ליגט אין דעם דאָפלטן זין, וואָס איינצלנע דאָ אָנגעווענדטע ווערטער האָבן אין דער העברעאישער שפראַך. די טרויערנדיקע געמיינדע האָט בלי ספק פארשטאַנען דעם טיפערן זינען, און האָט געקענט באַשיידן די רעטעניש לייכטער, איידער יענע פּאָעטישע רעטעניש פון בר־קפרא, וועלכע איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן ניט באַשיידט:

הויך קוקט איר אויג פון הימל, מען הערט איר שטענדיקן טומל,
עס פליען באַפליגלטע באַשעפענישן, זי שרעקט אָפּ די יוגנט,
אויך זקנים שלאָגט איר בליק. ווער עס אַנטלויפט פון איר שרייט: אוי, אוי!
און ווער עס פאַלט אין איר נעץ אריין, קאָן זיך קיינמאָל פון זינד
ניט אויסהיילן.

אָבער די פאַרבאָרגענע פּאָעזיע פון דער תלמודישער אגדה איז פון גרעסערן ווערט און פון טיפערער באַדייטונג, איידער די דאָזיקע ניט זיכערע אַרויסווייזונגען פון קינסטלערישער פּאָעזיע. איר הינטער־גרונט איז אומעטום די אַמאָליקע פּראַכט פון ציון, וועלכע רופט אַרויס קלאָג און ווייטאָג, אויך פרייד און שטראַלן פון האָפענונג. „אויב איך וועל דיך פאַרגעסן ירושלים" — דאָס איז דער צושפּיל, וועלכער גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים איבער גאָר דעראָזיקער פּאָעזיע. צי זי פאַרגלייכט ישראל מיט אַ וויינשטאָק, צי מיט אַן איילבערטבוים, מיט אַ טויב, צי זי פאַרהערלעכט די תורה פון ציון אַלס ליכט, אָדער רויז, צי זי רעדט וועגן דער פריילעכער יוגנט, דער הילפלאָזער עלטער, אָדער וועגן גליק פון לעבן און וועגן זיין דורכלויפנדיקן שאָטן פון פאַר־גענגלעכקייט; צי פאַרשט זי אויס דאָס, וואָס עס האָט פאַר גאָט געזונ־גען ניט אדם, ניט יצחק, ניט יעקב, נאָר דאָס פאָלק ישראל, אָדער דאָס ערשטע געבעט, מיט וועלכער אַ פרוי האָט זיך אין דעם פיין פון איר האַרצן געווענדט צו דעם אַל־דערבאַרעמדיקן; צי זי שטראָפט די פעלקער פאַר זייערע לידער, ווען ישראל, גאָטס יורש, געפינט זיך אין די כוואַליעס פונם ים; אָדער צי זי רופט צו דעם לעצטן פון די דריי־סטע זעער און דורך אים צו זיין פאָלק: „גיי און רו, ביז דער סוף וועט קומען, כדי דו זאָלסט אויפשטיין צו דיין גורל אין סוף פון די טעג. וואָרעם די, וועלכע שלאָפן אונטער דער ערד, וועלן דערוואַכן, און די, וואָס פירן צו דערקענטעניש, וועלן שיינען ווי, דער גלאַנץ פון

הימל, און די וואָס האָבן גוטס געטאָן — ווי די העל-לייכטנדיקע שטערן״.

* *

*

אָבער אין דעם ליגט די ערציערישע טענדענץ פונם תּלמוד פאַר דעם יידישן שטאַם, וואָס ער האָט געטרייסט די, וואָס זיינען געוואָרן אָפּהענטיק, געמוטיקט די, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, געשטאַרקט די געפאַלענע, אַרויסגערופן חשק צו אַרבעטן ביי די לערער און דעם פאָלק אין זיין פינסטערער קעגנוואַרט געגעבן האָפענונג אויף אַ גלענצנ-דער צוקונפט. אַזוי אַרום דאַרף מען דעם תּלמוד באַטראַכטן אַלס באַ-דייטנדיקע ווערק פון דעם יידישן פאָלקסגייסט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַ גרויסער עפּאָכע, און האָט אַ לאַנגע צייט משפּיע געווען אויף דער יידישער ליטעראַטור מיט טאָן און מיט ריכטונג. דורך אים איז פון דער טראַדיציע געוואָרן אַ ליטעראַטור, ווייל די סבוראים (מיינענ-דיקע, אויסוועגנדיקע), וואָס זיינען געקומען נאָך די לעצטע אמוראים, האָבן דעם תּלמוד פאַרשריבן. אָבער דער גייסט פונם יידישן פאָלק איז דורך דעם ניט איינגעשנורעוועט געוואָרן אין פאַרגליווערטע שטריק; אויך האָט דער לעבעדיקער שטראָם פון דער טראַדיציאָנעלער אַנטוויק-לונג נאָך ניט אינגאַנצן אויפגעהערט.

וואָרעם נאָך דעם נביא, וואָס האָט געזען גאָט און וועגן אים גע-רעדט, איז געקומען דער סופר, וועלכער האָט אָפּגעשלאָסן די הייליקע שריפט, און נאָך אים דער תּנא, וועלכער האָט געלערנט די טראַדיציע, נאָך יענעם — דער אמוראי, דער דערקלערער פון דער טראַדיציאָנע-לער ירושה, און נאָך דעם — דער סבוראי, וואָס האָט אויסגעוועגט און דערקלערט, און אַזוי גייט די גאַנצע רעליגיעזע ליטעראַטור דורך אין באַשטענדיקן פּראָגרעס פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. מען האָט זייער צוגעטראָפן באַמערקט, אַז דאָס יידנטום וואָלט פאַרלאָזן זיין וויסנ-שאַפט און פרעמד געבליבן זיין אייגענעם יסוד, ווען אין סוף פון דער אמוראישער עפּאָכע וואָלט ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן ווערן די טראַדיציע, פעסטשטעלנדיק נאָר די זיכער געוואונענע רעזולטאַטן און מאַכנדיק זיי פאַר אומענדערלעכע געזעצן; אַז פאַרקערט, דער תּלמוד, וועלכער פירט אַרויס פאַר די אויגן דעם גאַנצן אַנטוויקלונגסגאַנג פון דער הלכה, אויף וויפיל ער לאָזט זיך נאָך דערקענען, שטעלט בילדלעך פאַר דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון דער פאַרגאַנגענהייט אין זיין אמתן באַשטאַנד און

פארלויף, צוליב וואס עס איז געראטעוועט געוואָרן די דערקענטעניש און מיט איר די מעגלעכקייט פון נאטורמעסיקער אנטוויקלונג פון דער לערע, וועלכע איז איבערגעגאנגען בירושה פון די פריערדיקע דורות.

וואָרעם די סבוראים, וועלכע האָבן געווירקט מער ניט ווי אַן ערך זעכציק יאָר, האָבן דעם תלמוד נאָר איבערגעשריבן, אָבער ניט אָפּגעשלאָסן אין אַ פארגליווערטער סיסטעם. זייער ארבעט, אויף וויפיל פלייסיקע פאָרשער האָבן מעגלעך געמאַכט די באַקאַנטשאַפט מיט איר, איז באַשטאַנען אין קלאָר מאַכן דעם לערנשטאָף, אין געדאַנק־לעכן דורכדרינגען אים, אין דער ערקלערונג פון אַלע פראגן, וועלכע זיינען נאָך פון די אמוראים געבליבן ניט אַנטשיידן און אין דעם פאַר־שרייבן די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט. אַדאַנק דעם גרויסן, איבער דעם גאַנצן תלמודישן מאַטעריאַל אויסגעשפרייטן, מנעמאָטעכנישן אַפּאַ־ראַט איז פאַר זיי מעגלעך געווען די גאַנצע מונדלעכע מסורה אויפצו־נעמען און פאַרשרייבן זי.

נאָר וויינציק פון די סבוראישע ראשי־ישיבות זיינען אָנגערופן ביי די נעמען: אחאי בר נהילאי, און גיזא אין סורא און סימונא אין פומבדיתא, שפּעטער רבאי און אייניקע אַנדערע, וועלכע האָבן שוין געלעבט אין פירוז־שבור, וואו די סבוראישע שול האָט עקסיסטירט אַן ערך הונדערט יאָר, און דערמיט האָט זיך די עפּאָכע פון די סבוראים געענדיקט. אויף זייער חלק פאַלט אויס דער גרעסטער טייל פון דערדאָזיקער אַרבעט. זיי האָבן געמוזט זיין דרייסטע שווימער, אויב זיי האָבן געוואַגט אַזוי מוטיק צו לאָזן זיך איבערן „ים“, ווי מען האָט זינט דעמאָלט אָנגערופן דעם תלמוד; און דאָס וואָס זיי האָבן דידאָזיקע טיפעניש באַהערשט, דערווייזט זייער געשיקטקייט און זייער אייפער, אַפילו ווען זיי וואָלטן נאָך זיך גאָר נישט איבערגעלאָזן. אָבער די נייע אויספאָרשונגען האָבן דערוויזן, אַז פון זיי זיינען צוגעגעבן געוואָרן נייע הוספות און ערקלערונגען אין טעקסט און נייע החלטות, וועלכע אָטעמען מאַקע מיט אַן אַנדער גייסט און זיינען אויסגעהאַלטן אין אַן אַנדער טאָן, איידער די הלכה פון די אמוראים. די משנה איז פאַר דידאָזיקע סבוראים שוין ניט קיין מונדלעך איבערגעגעבענער לערנ־שטאָף, נאָר אַ געשריבן ווערק, וואָס דאַרף אויסגעטייטשט ווערן לויט דעם אינהאַלט פון וואָרט און לויט אַ געוויסער סיסטעמאַטיק. אינ־טערעסאַנט איז, וואָס די וויכטיקסטע פון דידאָזיקע הוספות זיינען נוגע ענינים פון הלכות אישות, און מיט רעכט האָט מען אין דידאָזיקע באַ־שטימונגען, וועלכע פאַרשטאַרקן די פעסטקייט פון חתונה, געזען אַן אָפּאָזיציע קעגן די שטרעבונגען פון יענער עפּאָכע, ווען אין דער פער־

סישער מלוכה איז פאָרגעקומען אַ נייע באַוועגונג, וועלכע האָט אין מאַזדאַק II געזען איר ראש, און וואָס אירע פּרינציפּן זיינען באַשטאַנען אין מבטל מאַכן די משפחה, אָפּשאַפן אייגנטום, עמאַנסיפּירן דאָס ווייב, געמיינשאַפט פון די גיטער און נאַטירלעך אויך ווייבער-קאָמוניזם. אַזאַ רעפאָרם פון דער אַלטער זאָראָאַסטרישער רעליגיע, וואָס האָט געזאָלט מיט גוואַלט דורכגעפירט ווערן אין דער גאַנצער מלוכה, האָט נאַטירלעך געמוזט שטאַרק באַדראָען דעם שטרענג זיטלעכן יידישן לעבן, און די מיטלען פון פאָרזיכטיקייט, וואָס די סבוראים האָבן אָנגענומען, זיינען זיכער געווען פּונקט אַזוי באַרעכטיקט, ווי די מרידה פון די יידן אונטער דעם עקזילאַרך מר-זוטרא III, וועלכע האָט זיך אָבער נאָך אַ גליקלעכן אָנהייב, פאַרענדיקט מיט שטאַרקע רדיפות אויף יידן אין דער גאַנצער פּערסישער מלוכה.

אַז די אַלע געשעענישן האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער אַנטשלאָסנקייט אַריבערצוגיין די טראַדיציאָנעלע גרענעצן פון פאַרפיקסירן די הלכה, — אין דעם איז קיין ספק ניטאָ. שפּעטער, ווען די ישיבות פון סורא און פומבדיתא האָבן זיך ווידער אָפּגעעפנט, האָבן זיי שוין אַפּנים דעם תלמוד געפונען אַלס פאַרטיק געשריבן ווערק, און פאַר זיי איז געבליבן נאָר צו אַנטשיידן די פראַגן, וועלכע זיינען דאָרט געבליבן אָפן, אָדער נייע צוגעקומענע פראַגן, און אין טעקסט פון תלמוד אַריינצושטעלן די מאַסגעבנדיק געוואָרענע מיינונגען (הילכתא). אַזוי אַרום זיינען די הוספות צום תלמוד פון יענער צייט פירערלייאיקע: זיי שטאַמען אָדער פון די סבוראים גופא, אָדער פון די תרביצאים, די תלמידים פון דער שול, וועלכע האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט דער עקזעגעטיק פון דער ביבל, אָדער פון יהודאי ב. נחמן, אָדער ענדלעך פון אַן אומבאַקאַנטער האַנט. דאָס באַווייזט אָבער אין אַלגעמיין, אַז ווען אַ פייערלעך סאַנקציאָנירטן אָפּשלוס פון תלמוד קאָן קיין רייד ניט זיין, אַז מען האָט דעם תלמוד באַטראַכט ניט אַלס אַ לערנבוך, נאָר צו גלייכער צייט אַלס אַן אַקאַדעמיע, אין וועלכער אויך די שפּעטערדיקע דורות פון לערער האָבן געהאַט זייערס צו טאָן און זייערע מיינונגען אַרויסצוזאָגן, און וועלכע האָט געבילדעט דעם יסוד, אויף וועלכן די אַקאַדעמיעס פון סורא און פומבדיתא האָבן נאָך אַ לאַנגער הפסקה פון ס׳ניי געקאָנט אָנהייבן זייער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.

* *

*

וואָרעם יענער יהודאי בר נחמן איז שוין געווען איינער פון די ראַבינישע גרויסע שרים — גאונים — וועלכע האָבן נאָך אַ לאַנגער אין טונקלקייט פאַרהילטער צווישנצייט פאַרביטן די סבוראים און געשאַפן צוזאַמען מיט דעם עקזילאַרך אַ מין רעליגיעזע העגעמאָניע. פאַר אים זיינען מיט רעליגיעזע אַנטשיידונגען אַרויסגעטראָטן נאָר מר רב שישנא און נטרונאי I, פון וועלכע עס איז אָבער גאָרנישט איבערגעבליבן. די נאָרמעס און אַנטשיידונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון יהודאיס פאָרטראָגן אין סורא (759—762), געפינען זיך אָדער אַלס ייִנגערע צוגאָבן און איינצלנע מסיכתות פונם תלמוד, אָדער זיי בילדן דעם פרווו צו שאַפן אַ קאָדעקס פון תלמודישע געזעצן, הלכות, וועלכער איז אָבער ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן און איז טיילווייז איבערגעגאַנגען אין דער זאַמלונג פון אַן אַנדער אַווטאָר. ווי עס שיינט האָט ער דאָס ווערק געשריבן אין דער העברעאישער שפּראַך. אויך דער חבר פון זיין צייט אחאי פון שבחא (אַרום 750), וועלכער איז צוליב דעמיסיע אַרויסגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט אַן ערך אין דערזעלביקער צייט אָנגעשריבן אַ ווערק שאלתות (אונטערזוכונגען), אינגאַנצן 191 פאָרטראָגן, געבונדען מיט די הייליקע שריפטן פון אַגדהשן אינהאַלט, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו פּאָפּולאַריזירן די אידעע פון דעם געזעץ. אָבער דידאַקטישע אַרבעטן פון דעם ערשטן גאונישן פעריאָד געהערן שוין צו דער ווייטערדיקער עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז מיט דער תלמודישער ליטעראַטור פאַרבונדן נאָר מ'ט אַ ברייט פאַרשפּרייטע זאַמלטעטיקייט, אויף דעם געביט פון מדרש, פון קבלה, פון ביבל-איבערזעצונגען און פון פעסטשטעלן דעם ביבל-טעקסט, וועלכן מיר וועלן איצט שילדערן אין זיינע הויפּטשטריכן, איידער ס'וועט זיך עפענען די טיר, וואָס פירט אונז אַריין אין דער בליאונגסצייט פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור.

III. מדרש און קבלה, תרגום, מסורה און ליטורגיע.

איבער אַ ברייטן שליאַך פירט די באַטראַכטונג פון דער אַגדה צו זעלבשטענדיקע שאַפונגען אין דעמדאָזיקן געביט נאָך דעם, ווי דער וועזן פון דעמדאָזיקן מין ליטעראַטור און דער היסטאָרישער פּראָצעס זיינען שוין אין קורצע שטריכן פריער געבראַכט געוואָרן. לעבן דער אַלגעמיינער האָט אויך עקסיסטירט, מען קאָן אַפילו זאָגן—האָט געמוזט עקסיסטירן, אַ ספּעציעלע אַגדה. זי איז אַפּנים אַנטשטאַנען דאַן, ווען די וועגן פון דער הלכה און דער אַגדה האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנ־דערצושיידן און זיינען אַוועק אין פאַרשיידענע זייטן. אַז די אַגדה איז אוראַלט, אַז אירע שפּורן קאָן מען שוין געפינען אין די לעצטע ביב־לישע שריפטן, אַז זי האָט זיך אַנטוויקלט שטופנווייז אין דריי פּע־ריאָדן: אין דער העברעאישער, משנה־תלמורישער, און סבוראָאים־גאונישער, אַז זי דינט צו דער דערקלערונג פון דעם פּסוק, און אַז די דערקלערונג פון דעם פּסוק איז אַוועק מיט צוויי באַזונדערע וועגן — פון הלכהשן און פון אַגדהשן מדרש — דאָס איז באַוואוסט. עס איז וואָרשיינלעך, אַז הילל, וועלכער האָט דעם ערשטן סדר פון דער משנה געשאַפן, האָט אויך אויף דעם געביט פון דער אַגדהשער שריפט־אויסטייטשונג דער ערשטער דורכגעלייגט אַ וועג. נאָכדעם האָט די אַרבעט מער איידער פיר יאָרהונדערטן געדויערט אויף דעם אָנגע־מערקטן דורך דעם לערער וועג, און פאַר די נאָכדעמדיקע פיר יאָר־הונדערטן איז איבערגעבליבן צו זאַמלען און אין אָרדענונג צו ברענ־גען דידאָזיקע אַגדהשע מאַסע, און שאַפן פון איר אַ זעלבשטענדיקן מדרש.

הילל'ס גרונדכללים פאַר דעם טראַדיציאָנעלן שריפטטום, זיינען פאַרברייטערט געוואָרן דורך יוחנן בן זכאי, אין אָרדענונג געבראַכט פון עקיבא, און איז פון די חברים פון זיין צייט, פאַר וועלכע דער „פולער אוצר״ פון די לערער איז געשטאַנען אָפן, אויסגענוצט געוואָרן צו דער שאַפונג פון גרעסערע ווערק. פון דערדאָזיקער סיסטעמאַטיזאַציע פון דעם גאַנצן שטאָף זיינען דעמאָלט, ווען די הלכהשע און די אַגדהשע

עלעמענטן זיינען נאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעטיילט איינער פונם צווייטן, אַרויסגעוואַקסן יענע הלכהשע מדרשים, אין וועלכע עס האָבן געפונען אַ פולן אויסדרוק די שריפטאויסטייטשונג און דער אַרויסדרינגען די הלכה פון דער ביבל אין דער פאָרם, ווי עס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען עקיבאס תּלמידים. אַזעלכע ווערק, וועלכע זיינען אין זייער איצטיקער פאָרם ייִנגער איידער די משנה, זיינען, נאַטירלעך, ווי די משנה, מונדלעך איבערגעגעבן געוואָרן. ווען אָבער נאָך דעם אָפּשלוס פון דער משנה האָט די אַגדה אַלץ אַ פעסטערן אָרט פאַרנומען, איז די הלכה אינגאַנצן אויסגעשלאָסן געוואָרן, און דער מדרש האָט אין זיך אויפגענומען נאָר אַגדהשע עלעמענטן. צו די עלטערע הלכהשע מדרשים פון צווייטן, דריטן, פערטן און פינפטן ביכער פון חומש, מכילתא, ספרא און ספרי, איז כּסדר צוגעקומען, אַלס אַגדהשע דערגאַנצונג, דער מדרש צום ספר בראשית — בראשית רבה, וועלכער עפנט אָפּ אַ לאַנגע קייט פון אויסשליסלעך אַגדהשע ווערק.

אָבער די צוזאַמענשטעלונג פון דערדאָזיקער קאָלעקטיווער ליטעראַטור געהערט אַפּנים אויך דער צייט פון די סבוראים אין דער ערשטער העלפט פון דער גאונישער צייט, דעמדאָזיקן פעריאָד פון פלייסיקן זאַמלען און ליטעראַרישער שניט. מען מוז כּסדר נעמען אין אַכט די צייט מיט אירע קאַמפן און באַוועגונגען, כּדי צו באַגרייפן די התמדה, מיט וועלכער די געלערנטע האָבן דעמאָלט זיך געמיט וואָס שנעלער און וואָס פולשטענדיקער צונויפצוזאַמלען און צו באַהאַלטן די גאַנצע רעליגיע־וויסנשאַפט פונם ייִדנטום, כּדי צו פאַרהיטן און צו פאַרזיכערן זי פון שטורעמס און צעטרייסלונגען פאַר די קינפטיקע דורות.

איבעריקנס, אַגדהשע פאַרשרייבונגען, ווייזט אויס, זיינען שוין פריער געווען, און בכלל בנוגע דערדאָזיקער צווייג פון דער שריפטאויסטייטשונג איז דער פאַרבאָט פון פאַרשרייבן ניט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, ווי בנוגע צו דער הלכה. לסוף איז יעדע וואַקלעניש פאַרשוווּנדן, ווען די משנה און דער תּלמוד זיינען פאַרשריבן געוואָרן, און ווי די הלכהשע אַזוי אויך די אַגדהשע פּראָדוקציע האָבן גענומען אויפהערן. עס איז אויך אין דעמדאָזיקן געביט אָנגעשטאַנען די צייט פון זאַמלען און שניט, וועלכע האָט געדויערט מער איידער צוויי הונדערט יאָר, און וואָס איר טעטיקייט איז אין אַ גרויסער מאָס אַריינגעפאָרן אין דעם ווייטערדיקן פעריאָד. אָבער די ליטעראַטורגעשיכטע, וועלכע פירט דעם חשבון ניט נאָך דעם צאָל פון די יאָרן און אויך ניט נאָך די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע באַטראַכט און באַהאַנדלט

יעדע ריכטונג אין איר גאַנצן פאַרנעם, וועט דעריבער מוזן אויספאָרשן דעם גאַנצן געביט פון דער זעלבשטענדיקער אַגדה, אין דער פאָרם ווי זי איז פאַראייניקט אין די מדרשים, ניט נעמענדיק אין אַכט די אַנטשטייאונג פון איינצלנע שריפטן. דידאָזיקע אַרבעט ווערט דערלייכטערט דורך אַ פאַקט, וואָס פון דער אַנדער זייט מאַכט ער פאַרקערט שווערער די קריטישע באַהאַנדלונג פון דער ליטעראַטור; דער פאַקט, וואָס אין דידאָזיקע ווערק איז ניטאָ קיין צוזאַמענגעוואַקסנקייט, וואָס אין זיי איז ניטאָ קיין קענטיקער איינהייטלעכער פלאַן, די פאַרשיידענע באַאַרבעטונג און רעדאַקציעס, באַגרענעצן זייער די פאָרשונג וועגן אַוטאָר אָדער זאַמלער, פאָטערלאַנד און עלטער און גרעסטנטייל קומט אויס אַפילו צו באַנוגענען זיך מיט בלויזע השערות. ערשט זינט עס איז אַ ביסל אָפגערייניקט געוואָרן דער אורוואַלד פונם מדרש און דורך די ווילדע פאַרוואַקסונגען איז אייניקער מאָסן דורכגעלייגט געוואָרן אַ גאַנגבאַרער וועג דורך דער אַרבעט פון באַדייטנדיקע פאָרשער, האָט זיך דער געביט פון דער היסטאָרישער קריטיק אָפגעעפנט און עס זיינען געגעבן געוואָרן אינהאַלטספונקטן צו באַשטימען די היימאַט און דעם עלטער פון איינציקע מדרשים.

די ערשטע סיבה צו זייער אַנטשטיין זיינען געווען די שבתדיקע פאָרלעזונגען פונם חומש, וועלכע פלעגן פאָרקומען אויף העברעאיש און איבערגעזעצט ווערן דורך אַ מתורגמן אויף דער לאַנדשפראַך, און צו וועלכע עס פלעגט צוגעגעבן ווערן אַ שטיק פון די נביאים אַלס הוספה, די הפטורה, וועלכע האָט געדינט פאַר אַן איבערגאַנג צו אַ דערקלערנדיקער און באַלערנדיקער רעדע פון אַ פריידיקער — אַ דרשה וועגן דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער פאָרלעזונג. פון אַזעלכע פאָרטראָגן זיינען אַרויסגעקומען די מדרשים.

מ'האַלט היינט פאַר פעסטגעשטעלט, אַז דער גרויסער מדרש — „מדרש רבה", וועלכער רעפרעזענטירט אפשר די עלטסטע זעלבשטענדיקע אגדהשע קאָלעקציע, איז אַ זאַמלווערק פון אַן ערך זעקס הונדערט יאָר, פון וועלכן דער ערשטער טייל איז שוין אין זעקסטן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אין פאַלעסטינע. נאָך בראשית רבה קומט דער אַגדהשער פירוש צום קלאָגליד „איכה רבתי", דאַן קומט דער מדרש צום דריטן בוך פון חומש ויקרא רבה, „טיילווייז דערפאַר וואָס פון פאַרצייטן אָן איז געווען דער מנהג אָנצוהייבן לערנען מיט קינדער פון דעמדאָזיקן בוך, טיילווייז מחמת דעם, וואָס אין דער באַשעפטיקונג מיט דינים פון קרבנות האָט מען געזוכט אַן ערזאַץ פאַר דעם ווירקלעכן מקריב זיין קרבנות". ערשט שפעטער קומט דער אגדה-

שער מדרש צום פינפטן בוך דברים רבה, נאָכדעם דער מדרש צו שיר־השירים, צו קהלת, צו רות און צו אסתר. און נאָך שפּעטער די פון אַנדערע זאַמלונגען אַנטשטאַנענע פּרושים צום צווייטן בוך פון חומש, שמות רבה און צום פערטן בוך במדבר רבה. דערמיט איז אָפּגעשלאָסן דער גאַנצער מדרש רבה, וועלכער האָט יאָרהונ־דערטן־לאַנג געגאָלטן פאַר אַן איינהייטלעך ווערק. אין דער צווישנ־צייט זיינען אָבער אויך אַנטשטאַנען מדרשים צו יענע ביכער פון דער ביבל, וועלכע ווערן אין די שולן ניט פאָרגעלייענט, ווי דער חומש, די מגילות: רות, אסתר, איכה, שיר־השירים, קוהלת און די גרעסטנטייל פון די נביאים גענומענע הוספות (הפטורות) צו שבתדיקע סדרהס.—אזא איז אויך דער מדרש צו דעם תהילים, וועלכער רופט זיך אַן לויט די אָנפאַנגס־ווערטער שוחר טוב, אַ מדרש צו משלי, צום בוך שמואל, צו די יום־טובים, נאָכדעם אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן גרופּירט די אַגדות אַרום די גרויסע נעמען פון דער געשיכטע, און וועלכע לאָזן זיך אָוועק אַלץ טיפער אין דער צייט פון די גאונים.

פאַר דער באַדערפעניש פון קריאת־התורה אין די שולן אין אויס־געצייכנטע שבתים און יום־טובים איז דערווייל צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ מדרש־זאַמלונג אונטער דעם נאָמען פסיקתא (אָפּשניט, פראַגמענט, צוליב די פראַגמענטן, צו וועלכע זיי געהערן). די אַלטע, ערשט אין אונזער צייט פאַרעפנטלעכטע פסיקתא, וועלכע ווערט צוגעשריבן צו איי־נעם אַ רב כהנא, געהערט אַפּנים צום זיבעטן יאָרהונדערט, און בילדעט דעם גרונדשטאָם פון דער מדרש־ליטעראַטור, בשעת די צווייטע פּסיקתא — פסיקתא רבתי, איז פון אַ פיל ייִנגערער אָפּשטאַמונג, און אַ דריטע פסיקתא זוטרתא שטאַמט גאָר פון עלפטן יאָרהונ־דערט און געהערט בכלל צו דעמדאָזיקן מין ליטעראַטור. דער פאַרפאַ־סער טוביה ב. אליעזר האָט אָנגעשריבן דעםדאָזיקן אגדהשן מדרש לקח טוב (גוטע לערע) אין גריכנלאַנד, אין יאָר 1097.

פון דעם פעריאָד פון די גאונים שטאַמט מסתמא אויך אַ פול־שטענדיק פאַרהיטער מדרש אויף חומש, וואָס אַנטהאַלט צוזאַמענהענגענ־דיקע פאַרטראָגן איבער איינצלנע פראַגמענטן פון תנ״ך מיט הלכהשע אָנהייבן און סופן און רופט זיך תנחומא, אויף דעם נאָמען פון איי־נעם רבי תנחומא, וועלכער האָט געלעבט אין מיטן פון פערטן יאָרהונדערט, און וועלכער האָט אַפּנים געשאַפן די אויסגעאַרבעטע פריידיקט־אַרטיקע פאָרם פון דער אגדה און וואָס זיין נאָמען ווערט אָפט געבראַכט אין אָנהייב פון די פאַרטראָגן. אין אַ שפּעטערדיקער, נאָר פון פראַגמענטן באַקאַנטער זאַמלונג, ווערט ער צוליב די ערשטע

ווערטער פון די פּרקים אָנגערופן ילמדנו (ער וועט אונז לערנען). די דריטע זאַמלונג פון דיזעלביקע פאָרטראָגן שטאַמט פון אַ פּיל שפּעטערדיקער צייט.

צו דידאָזיקע גרויסע זאַמלונגען זיינען אין דעם משך פון צוויי אָדער דריי אוממיטלבאַר נאָך דעם פאָלגנדיקע יאָרהונדערטן צוגעגעבן געוואָרן אַ פולע הוספות, און די נייע אָנוואוקסן האָבן אויפגעהערט ערשט אין דעם בליאונגספּעריאָד פון דער יידישער ליטעראַטור אַרום דעם סוף פון עלפטן יאָרהונדערט.

אומאָפּהענגיק פון דידאָזיקע ווערק: פּסיקתא, רבה, תנחומא, און לעבן זיי זיינען אַנטשטאַנען נאָך פיל וויכטיקע און אייגנטימלעכע שריפטן פון דערזעלביקער ריכטונג, וואָס זייערע וואָרצלען קאָן מען שוין טרעפן אין די ביבלישע אַפּאָקריפן, און וואָס זיי ערשיינען אַלס אָנהענגער פון אַ פּאָעטישער עקזעגעטיק מיט אַן עטישער טענדענץ און פאַרבינדן מיט דעם וואָרט פון די הייליקע שריפטן אָדער פאָלקסטימלעכע לעגענדע, אָדער די געשיכטע פון דער ייִנגסטער פאַרגאַנגענהייט. די פּרקי אָבות (די שפּרוכן פון די פאָטערס), יענע באַרימטע פּאָעטישע גנאָמאָלאָגיע, וועלכע איז אַריין אין משניות, איז גראָד אַזאַ ווערק, וואָס באַשטייט פון פינף קאַפּיטלען און חזרט איבער אויך די אַפּאָריזמען פון די שפּעטערדיקע לערער און האָט פּונקט אַזאַ גרויסן עטישן, ווי אַ היסטאָרישן ווערט. ווייטער קומט די עטישע סענטענצזאַמלונג אָבות דרבי נתן, גרעסטן טייל אין דער פאָרם פון צאָלשפּרוכן, מיט שבחים וועגן די חכמים און מיט כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זייער לעבן; אין דער געשטאַלט, ווי מיר האָבן זי איצט פאַר אונז, איז זי צוזאַמענגעשטעלט פון פיר פאַרשיידענע קוועלן; אָבער זי שטאַמט בשום אופן ניט פון רבי נתן, דעם בבלי, נאָר שטיצנדיק זיך אויף אַן אַלגעמיינעם אָבות־מדרש פון דעמדאָזיקן אַלטן לערער. דאַן קומט דער שפּיגל פון מידות דרך ארץ, פון דעם דריטן יאָרהונדערט; באַשטייט אויך פון דריי פאַרשיידענע טיילן, אַן אוצר פון כללים, ווי צו לעבן, אָנווייזונגען, געדאַנקען, אַנעקדאָטן, לעגענדעס, „אַ מאָראַלישע קאַזואיסטיק, פּונקט אַזאַ פאַרווײַלנדיקער, ווי אַ באַלערנדיקער Vademecum, וואָס זיין לעצטער קאַפּיטל וועגן שלום איז שוין צוגעגעבן געוואָרן שפּעטער, אַן ערך, ווען עס איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס בוך תנא דבי אליהו, וואָס איז געגרינדעט אויף דער שיינער פיקציע וועגן ווידער־אַראָפּקומען פון אליהו הנביא, וועגן זיין אויפטרעטן אין בית־המדרש, וועגן זיינע וואַנדערונגען, קלאָגן, מוסר און נחמות; שטייט אין

צוזאַמענהאַנג מיט אַן עלטערן פאַרלאָרן געגאַנגענעם בוך סדר אליהו,
און באַצייכנט דעם איבערגאַנג פון דער מדרש־ליטעראַטור צו דעמ־
זעלביקן מין ליטעראַטור מיט אַן אויסדריקלעך דידאַקטישער טענדענץ.
„אָפּטער פאַר אַלץ ווערט דאָ געלערנט תשובה, צדקה, מילדקייט,
תפילה מיט כוונה, פּינקטלעכקייט אין אָפּהיטן די מצוות, פלייסיקער
לערנען די תורה, ערפורכט פאַר תלמידי־חכמים, צניעות, ענוה און
אויסמיידונג פון ניט יידישע מנהגים און פירונגען. זייער שאַרף טרעט
דער פאַרפאַסער אַרויס קעגן אָפּנאַרן אַ ניט־יידן". דאָס בוך איז אָנ־
געשריבן אַן ערך צום סוף פונם צענטן יאָרהונדערט. אַ זאַמלונג פון
עטישע סענטענצן אַנטהאַלט אויך דאָס בוך „מעשי תורה" (געשיכ־
טעס פון דער תורה), וואָס ווערט צוגעשריבן ניט קיין קלענערן מענטשן,
ווי דעם רעדאַקטאָר פון דער משנה ר' יהודה הנשיא.

טריט ביי טריט מיט דער עטישער גייט די היסטאָרישע אַגדה־
ליטעראַטור. זי שטייגט אַפילו די עטישע איבער אין וויכטיקייט, ווייל
אין אַ משך פון יאָרהונדערטן האָט זי געדינט אַלס איינציקע קוועלע
פון געשיכטע. אירע ערשטע זעלבשטענדיקע שריפטן מוזן נאָך געהערן
צו דעם פעריאָד פון די תנאים, פון וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט
דעם אַהער געהערנדיקן לוח פון יום־טובים מגילת תענית און
צו וועלכן עס געהערן אַ גענעאַלאָגישע מגילה מגילת יוחסין, דער
סדר עולם, שפּעטער רבה, די היסטאָרישע כראָניק, וועלכע גייט
אונטער דעם נאָמען פון ר' יוסי בן חלפתא, דאָסגלייכן די היסטאָרישע
לגמרי ווערטלאָזע מגילת אנטיוכוס, — אַ קורצע געשיכטע פון
אַנטיוכוסעס באַדריקונגען און פון די נצחונות פון די חשמונאים. פיל
שפּעטער, שוין אונטער דעם איינפלוס פון דער אויסגעוואַקסענער אין
בבל וויסנשאַפט, קומען אַנדערע שריפטן, וועלכע וועלן ביי אַ פאַסיקער
געלעגנהייט אָנגערופן ווערן. אויף אַ מיטיש געשיכטלעכן פונדאַמענט
באַזירן אויך די שריפטן פון אַגדה, וועלכע נעמען אין זייער געביט
אַריין די ביבלישע לעגענדע־ציקלען. אַזעלכע מדרשים זיינען געווידמעט
געוואָרן אַברהמען, יעקבן, משהן, דודן און שלמהן. פון אָט די פאַרדינען
באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דער מדרש ויסעו, אין וועלכן עס ווערן
געשילדערט די מלחמות פון די בני יעקב מיט כנען און מיט אדום,
דברי הימים של משה, די כראָניק פון משהן, און דער מדרש
פטירת משה, וועגן דעם טויט פון משהן, וועלכער שטעלט פאָר איינע
פון די אַגדהשע זאַגעס און האָט שוין מעטרישע, געגראַמטע און פאָ־
עטיש דערהויבענע שטעלן, און לסוף דער מדרש עשרת הדיברות,
איבער די צען געבאָטן. אין די תלמודישע לעגענדע־ציקלען פירן אונז אַריין

די געשיכטע פון רבי יהושע בן לוי, א טראַקטאַט וועגן גן־עדן און גהינם, מעשי דרבי יהושע בן לוי, די עלטסטע Divina Commedia, מעשי אשמדאי (די געשיכטע פון דעם דעמאָן אַשמדאי), אין וועל־כער עס זיינען אַנטדעקט אַ פולע קרובהשע טענער מיט דער אַלטער דייטשער זאַגע וועגן פאַוסט, דער מדרש אלה אזכרה, וועלכער דערציילט וועגן די צען מאַרטירער און זייער טויטשטראָף, די עשרה הרוגי מלכות אין צווייטן יאָרהונדערט און האָט זיין נאָמען געקראָגן נאָך דעם אָנהייב פונם בוך, און פיל אַנדערע, וואָס באַפּוצן די תלמו־דישע העלדן, אַגדהשע ווערק, וועלכע ווייזן שוין אַרויס אַ נאָענטע קרובהשאַפט מיט אַראַבישע לעגענדע־ציקלען, ווי דער מדרש ויושע, וואָס אַנטהאַלט די ערשטע באַאַרבעטונג פון דער אַלטער זאַגע וועגן ראָ־מולוס אין אַנאַלאָגיע מיט די אַראַבישע מעשהלעך, און וואָס זיין סטיל טראָגט אויף אַ שפּעט־העברעאישע פאַרבונג. זיי געהערן כמעט אַלע לויט זייער עטישער טענדענץ צו דער רעליגיע־פילאָסאָפיע, לויט זייער רעליגיעזער באַדייטונג גייען זיי אַריין אין דעם קרייז פון דער געהיי־מער לערער קבלה, און מיט זייער געשיכטלעכן אינהאַלט געהערן זיי צו דער געשיכטלעכער ליטעראַטור פון וויכטעדיקן פעריאָד.

בשעת די אַלטע מדרש־ליטעראַטור האָט איר היים געהאַט אויס־שליסלעך אין פאַלעסטינע, איז די יינגערע אגדה אויפגעבויט געוואָרן אויסער אויף דעם באָדן פון ארץ־ישראל אויך אין סוריא און אין אי־טאַליע. דער גאַנצער משך פון דעם מדרש אַלס ספּעציעלע אגדה האָט געדאַרפט אַרומנעמען אַן ערך 500 יאָר (600 — 1100), אויב מען זאָל אויסשפּרייטן די עפּאָכע פון די אגדהשע קאָמפּילאַציעס זינט די ער־שטע עלעמענטן פון מדרש רבה, ביז דעם לעצטן פאָרשטייער פון דערדאָזיקער ריכטונג דעם מדרש ילקוט, וועלכער איז שוין אָנגע־שריבן געוואָרן אין דייטשלאַנד אין עלפטן יאָרהונדערט דורך שמעון קארא.

גייען מיר נאָך דעמדאָזיקן קורצן געשיכטלעך־ליטעראַרישן אי־בערבליק אַריבער צו דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון דער ספּעציעלער עקזעגעטישער אגדה, דאַן געפינען מיר אין איר כמעט אויף יעדן טריט די זעלביקע פאָרמען, וואָס אין דער אַלגעמיינער אגדה און די זעלביקע סימבאָליזירנדיקע טענדענץ אין דער אויסטייטשונג פון די שריפטן, וועלכע אַנטשפּרעכט דער גלייכצייטיק דערמיט הערשנדיקער קריסטלע־כער עקזעגעטיק פון דער ביבל, און האָט אויך איר אָנפאַנג אין דער פילאָנישער אַלעגאָריסטיק. אין ענגערן זין פון וואָרט קאָן זיך דער מדרש רעכענען אַלס די אַלטע יידישע עקזעגעטיק און האָמילעטיק, און

אויף די פראַגמענטן, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע זאַמלונגען, קאָן מען דעריבער קוקן ווי אויף פראָעקטן און אויסצוגן, אין דערזעלביקער צייט ווי אויף די ערשטע מוסטערן פון ווירקלעך געהאַלטענע דרשות. די מעטאָדע, וואָס פלעגט אַממערסטן אָנגעווענדט ווערן, איז באַשטאַנען פשוט אין דערקלערן דעם טעקסט, ניט אויסמיידנדיק דערביי קיין טענדענצן און קיין מיטלען פון דער אַלגעמיינער אגדה און הלכה, נאָר גרעסטנטייל זיי ביידן פאַרוועבנדיק אין איין גאַנצעס, וואָס זיין מיטלפונקט איז גראַדע יענער טעקסט געווען. נאָך אַזאַ פראַקטיש רעליגיעזער מעטאָדע זיינען צונויפשגעטעלט אַלע עלטערע מדרשים. די יינגערע זיינען כמעט אויסשליסלעך פון פאָעטיש-האָמילעטישן כאַראַקטער. אָפטמאָל, אמת, פלעגן די מדרש-לערער אויסטייטשן דעם פסוק לויט דעם איינפאַכן זין פונם וואָרט (פ ש ט) און ברענגען זייער אגדהשע עקזעגעטיק מיט אים אין נאַטירלעכן איינקלאַנג. גרעסטנטייל פלעגן זיי זיך אָבער פרייער באַוועגן, אַרויסגייענדיק מחוץ די גרענעצן פון דעם פסוק און זיך דערווייטערן פון דעם בוכשטעבלעכן זינען; דעריבער איז זייער אויסטייטשונג (ד ר ו ש) נאָך דער כאַראַקטעריסטיק פון איינעם א שפעטערדיקן שריפטשטעלער: „צייטנווייז, ווי זייד—פיין און צאַרט, און אַמאָל, ווי זעק, גראָב און האַרט".

אַז סענטענצן, פאַבלען, זאַגן, געשיכטעס, אַלעגאָריעס און פאַראַבעלן באַגעגענען זיך נאָך אין די מדרשים פיל מער, איידער אין די אַלגעמיינע אגדות, וועגן דעם איז כמעט איבעריק צו ריידן, מחמת זיי בילדן דעם וויכטיקסטן טייל פון דידאָזיקע ווערק, און פונדאַנען זיינען זיי אַריבער אין די לעגענדאַרע ציקלען פון פרעמדע פעלקער, און אין די הויפטווערק, וועלכע עפענען נייע וועגן, פון קרובהשע רעליגיעס. די פאַרגלייכנדיקע זאַגנפאָרשונג באַשעפטיקט זיך שוין צענדליקער יאָרן מיט פונאַנדערפלאָנטערן די פעדים פון דידאָזיקע באַציאונגען. אָט פאַר דעמדאָזיקן שטודיום גיט די הגדה אַ סך אַ רייכערן מאַטעריאַל, איידער מען וואָלט געקענט ערוואַרטן, ווי אַזוי די לופטיקע געשטאַלטן פלאַטערן פון לאַנד צו לאַנד; ווי דאָס מעשהלע טרעט פאַר אונז אַרויס אין טויזנט געשטאַלטן און פאַרוואַנדלונגען, ביי יעדן פאָלק אין אַ נייער קליידונג; ווי דער מיטאָס מאַכט קלאָר דאָס בילד פון דער רעליגיע און שאַפט אַזוי ניט ווילנדיק דעם סינקרעטיזם, וועלכער איז געווען דער אידעאַל פון יענער צייט, — דאָס אַלץ לערנט אונז די פאַרגלייכנדיקע פאָרשונג וועגן דער אַנטשטייאונג, די וואַנדערונגען און דער אַנטוויקלונג פון דער זאַגע, וועלכע איז אַריבער פון די מצרים צו די פעניציער און די גריכן, פון די אַראַבער און די פערסן צו די רוימער,

יידן, קריסטן און גערמאַנער, ביז זי האָט אַריבערגעוואַנדערט אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט אַריין. אין דער אגדה באַגעגענען מיר דידאָזיקע צונויפמישונג פון מיטן אין די סאַמע משונהדיקע געשטאַלטן און וואונדערלעכסטע פאָרמאַציעס. דאָ ערשיינט פאַר אונז צווישן אַנדערע דער מצרישער מיט וועגן האָרוס, פון וועלכן עס קומט אַרויס די צונויפשמעלצונג פון איזידן מיט חוהן; ווייטער — די זאַגע וועגן פיר רוחות פון טויט, וועלכע מאַכן אַלס מלאכים־משרתים ליכטיק דעם טויט פון משה; ענדלעך, די אַנאַלאָגיע צווישן דעם גאָט אָזיריס מיט דעם ביבלישן יוסף. אויפן פעניצישן באָדן טרעטן מיר אַריין מיט אברהמען און מיט הערAַקלעסן, מיט אַמאַלטעאַ און אַמטעלאַיאַ, וועלכע מ'האַלט כלומרשט פאַר אַברהמס מוטער. אַ גריכיש־אַלעקסאַנדרינישע אָפּשטאַמונג ווייזט אַרויס דער מיטאָס וועגן דעם פויגל פעניקס אַלס סימבאָל פון תחית־המתים, די באַציאונגען פון די זאַגעס וועגן העראַקלעסן צו שמשונען און דוידן, פון די גריכישע זאַגען וועגן די טיטאַנען צו די ערציילונגען וועגן חנוך, פון דעם אגדהשן מיטאָס־ציקל, וועלכער וויקלט זיך אַרום שלמה, וועגן דעם וואָרעם שָמיר און דעם דעמאָן אשמדאי, צו אַראַבישע, פערסישע, גריכישע און רוימישע זאַגען־געשטאַלטן, פון דעם בייזן אויג פון אַוועסטאַ צו דעם יצר־הרע פון דער לעגענדע, פון די מיטן וועגן פייער און ליכט צו די רוימישע זאַגן וועגן סאַטירן, פון די מיטישע שילדערונגען וועגן לויתן צו דער וועלטשלאַנג, וואָס איז באַקעמפט געוואָרן דורך טאָרן און לסוף, אין קאָנטראַסט צו יענע — די שילדערונג פון דער גאָלדענער צייט פון באחרית הימים, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין קרובהשע געשטאַלטן ביי די רוימער, איראַניער און כינעזער. מלאכים און טייוואָלים, העלדן און מכשפים, נאַטורערשיינונגען און פאָלקס־יום־טובים, פייער און ליכט, בלוט און וואַסער, שטיין און פלאַנצן און דער עיקר דער מענטש אַליין, מיט אַלץ, וואָס אין אים איז פאַראַן גוטס און שלעכטס — אַלץ נעמט די לעגענדע אַריין אין איר געביט, און אַלץ וואַנדערט מיט איר דורך די פאַרשיידענע בילדונגס־שטופן פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין פון פאָלק צו פאָלק, פון לאַנד צו לאַנד איבער דער גאַנצער באַוואוינטער ערד. און דער גרעסטער טייל דערפון, אויף וויפיל עס האָט עפּעס אַ רעליגיעזן זין, שפּיגלט זיך אָפּ מער אָדער ווייניקער דערקענבאַר אין דער אגדה פון תלמוד און פון די מדרשים.

מיט באַזונדער ליבע האָט מען זיך שטענדיק באַצויגן צו דער אגדה פון תלמוד ירושלמי, מחמת מ'האָט זי געהאַלטן פאַר אַן אַנדערע. דידאָזיקע ליבע וואָלט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרונטלאָזע, ווען די היפּאָטעזע,

אַז דער תּלמוד ירושלמי איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן ערשט אין אַכטן
אָדער ניינטן יאָרהונדערט, וואָלט אָנגענומען ווערן אַלס היסטאָרי=
שער פאַקט, — דידאָזיקע היפּאָטעזע, וועלכע זוכט פאַר זיך אַן אָנלען
אין די אָרעמע אָבער זיכערע ידיעות, אַז די הלכהשע פאָרשונג אין פּאַ=
לעסטינע האָט ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם פערטן יאָרהונדערט. אַ
קליינע צאָל פון הלכהשע זאַמלונגען, וועלכע געהערט וואָרשיינלעך צו
דער צייט נאָך חתימת התלמוד דאַרף נאָך ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט
דערמאָנט ווערן, ווייל איר צוזאַמענהאַנג מיט דעם הלכהשן מדרש
לאָזט זיך דייטלעך דערקענען. אַהער געהערט פריער פאַר אַלץ אַ טראַק=
טאַט וועגן שרייבן די ספרי=תורות מסכתא סופרים, נאָכדעם איבער
די דינים פון אבלות — אבל רבתי, איבער חתונה=ענינים — מסכתא
כלה, און זיבן קלענערע טראַקטאַטן איבער פאַרשיידענע ביבלישע
געבאָטן און זייער אַנטוויקלונג דורך שפּעטערדיקע הלכהשע פאָרשונגען.

פון דעם גליטשיקן באָדן פון קריטישע היפּאָטעזן גייען מיר אַרי=
בער אויף אַ פעסטן באָדן, ווען מיר קומען צו די גרויסע מדרש=
זאַמלונגען מדרש רבה און צו דער עלטערער פסיקתא. זיי טראָגן
אַ גאַנץ איינהייטלעכן גרונדכאַראַקטער, הגם זיי זיינען אָפּגעשלאָסן גע=
וואָרן אין פאַרשיידענע צייטן; פון זיי האָבן אַלע שפּעטערדיקע מדרשים=
ווערק געשעפּט און איבערגענומען דאָס בעסטע. די צוזאַמענשטעלונג
פון די באַזונדערע טיילן אַנטשפּרעכט די זעלביקע כללים, וועלכע זיינען
שוין אָנגעמערקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער ריכטונג פון דער זעלב=
שטענדיקער אַגדה. אַמאָל האַלט זיך דער מדרש אָן דער אָרדענונג פון
די הייליקע שריפטן און געוויסע אָפּטיילונגען פון זיי, אַמאָל אָן דער
סיסטעם פון דער הלכה. איןביידע פאַלן ברענגט ער געשיכטן, פאַב=
לען, מוסר און סענטענצן. אָפטמאָל לאָזט זיך אויך באַמערקן אַ געווי=
סער סיסטעמאַטישער צוזאַמענהאַנג און אַ פאָרמעלער סדר. אַ קריטישע
באַהאַנדלונג פון דעם מדרש איז ביז איצט באַשווערט געווען מחמת
דעם, וואָס עס איז נאָך ניט געלונגען פעסטצושטעלן, וואָס איז פאַראַן
זעלבשטענדיקס און אָריגינעלס, וואָס איבערגענומענס און באַאַרבעטס
אין דערדאָזיקער ליטעראַטור, וועלכע איז כמעט אינגאַנצן באַגרינדעט
אויף פאַרלאָרן=געגאַנגענע ווערק. די אַגדה איז געווען אַ הפקר, און אַ
שפּעטערדיקער דור האָט שטענדיק גענומען ביי דעם פריערדיקן. אַלע
אונזערע מדרשים זיינען זיכער נאָר זאַמלווערק, איבערגענומענע פון על=
טערע שריפטן און אין אָרדענונג געבראַכטע לויט באַשטימטע שטאַנד=
פּונקטן. אַפילו פון די סאַמע עלטסטע מדרשים וואָלט נאָר ווייניק
איבערגעבליבן, ווען מען זאָל פון זיי אַרויסטיילן אַלץ, וואָס זיי האָבן

געליען און פאַראייגנט פון דער פריערדיקער אגדה. פונדעסטוועגן קאָן
מען אין יעדער גרעסערער מדרש=זאַמלונג אָנווייזן אַ כאַראַקטעריסטישע
אייגנאַרטיקייט, וואָרעם דער אינהאַלט און געוויס אויך די פאָרם פון
דער אורשריפט, אויף וועלכער זיי זיינען געגרינדעט, איז אין זיי פאַר=
בליבן. איבערהויפט האָבן זיך די שפּעטערדיקע פאַרפאַסער באַנוצט מיט
דער שוין דערמאָנטער, רב כהנאַן צוגעשריבענער, אָבער אַפנים אין
דער אמתן צו אבא בר כהנאן געהערנדיקער „פסיקתא", —
אַ האָמילעטישע באַאַרבעטונג פון דעם ליטורגישן טייל פון דער ביבל
נאָך דעם ריטואַל פון דער סינאַגאָגע. זי צייכנט זיך אויס מיט איר
קלאָרער קאָמפּאָזיציע און מיט קינסטלערישער באַאַרבעטונג. לויט די
נייערע קריטישע פאָרשונגען צעפאַלט איר אינהאַלט אויף דריי פאַכן,
און לאָזט זיך טיילן אויף פאָלגנדיקע רובריקן: פעריקאָפּישע האָמילעטיק,
דרשות צו געוויסע געלעגנהייטן, דורך ביישפּילן דערקלערנדיקע, סטראָ=
פישע משלים און גלייכענישן, אַריינגעשטעלטער מדרש, קלאָמערן און
פאַראַבאַזן, אויסטייטשונגס=מדרש, רעליגיעזער דיספּוט, הלכהשער מדרש,
ערציילונגען. דידאַזיקע פיגורן האָבן, מיט זייער עיקר מהות, געמוזט
געפינען אָרט אין אַלע עלטסטע מדרשים. דעם אייגנטימלעכן גורל פון
דער פסיקתא, וואָס איר איז באַשערט געווען פאַרגעסן צו ווערן,
האָט דער מדרש רבה צו דאַנקען פאַר זיין אַנטשטיין און פאַר יע=
נעם הויכן אַווטאָריטעט, וואָס ער האָט גענאָסן אין דער יידישער ליטע=
ראַטור, ביז אונזער צייט האָט ניט אומגעקערט דער אַלטער פסיקתא
איר פריערדיקע בכבודיקע באַדייטונג.

און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מדרש רבה, איז ער, ווי שוין גע=
זאָגט, אין באַזונדערע טיילן פון פאַרשיידענעם עלטער, און דעריבער
אויך פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. מיט רעכט איז דער מדרש צו די
קינות פון ירמיהו איכה רבתי באַצייכנט געוואָרן אַלס איינער פון
די עלטסטע, און לויט זיין עטישן און עסטעטישן ווערט, אַלס דער
אייגנטימלעכסטער פון דער עלטערער אַגדה=ליטעראַטור. „דאָ האָט זיך
דאָך געמוזט צוזאַמענפרעסן אַלץ, וואָס עס איז געווען פון שמערצן און
פון האָפענונגען אין דעם געפייניקטן הארצן. דאָ האָט זיך, מער ווי
ערגעץ וואו אַנדערש, געלאָזן אין דעם פולן מיט פיין עבר אַריינטראָגן
די ניט ווייניקער פיינפולע קעגנוואַרט; יעדער אות האָט דערציילט די
בייע, ווי די אַלטע געשיכטע פון ליידן, און יעדער אות האָט דערמאָנט
סיי אָן די זינד פון די עלטערן, סיי וועגן די אייגענע זינד. אָבער דאָס
בוך האָט געהאַט אַן אוצר פון רייכסטער טרייסט. איינמאָל איז שוין
געווען אַזאַ צייט: נאָכדעם ווי דידאָזיקע לידער האָבן צום ערשטן מאָל

אויסגעקלונגען, האָט זיך דאָס פאָלק צוריקגעקערט אהיים, ווען די צייט איז געקומען; און דער צווייטער צוריקקער אהיים זאָל זיין נאָך אַ שע־נערער, אַ צוריקקערן זיך אהיים אויף אייביק. און אַזוי אַרום האָבן זיך דאָ אויף אַ ענגען שטח געדריקט צוזאַמען אַלערליי געשטאַלטן: מצרים, ירושלים, בבל, רוים, אַטען, היכל און בית־המקדש, טעאַטער און פאָ־רום, קייסאָרים און פילאָסאָפן, פעלדהערן און סענאַטאָרן, פרויען און קינדער, לעבעדיקע און טויטע, געשיכטע און מעשהלע, ליד און רעטע־ניש, — אַלץ גייט אַדורך אין דעמדאָזיקן מדרש, ווי אין קיין אַנדערן ניט, אין קאַליידאָסקאָפּישע, גלענצנדע און זיך בייטנדיקע גרופּן, און אַלץ פול מיט לעבן, פול מיט קראַפט און מיט גייסט".

איין טייל פון דעם אַריינפיר צו דעמדאָזיקן מדרש, וועלכער איז אַפּנים גענומען פון דער עלטערער פסיקתא, און אין וועלכן מען האָט געוואָלט זען אַפילו דעם פּראָטאָטיפּ פון די פאַרצייטיקע אַזויגע־רופענע מיראַקעלשפּילן, זאָל דאָ געבראַכט ווערן אַלס מוסטער פון דער רייכער ליטעראַטור פון דער עלטערער אַגדה, כדי צו געבן אַן אָנשוי־לעכע פאָרשטעלונג וועגן איר כאַראַקטער.

אַזוי הייבט זיך אָן דער אַריינפיר צו דעם „גרויסן געוויין":

I. „ווען איך דערמאָן מיך אין דעם, דאַן גיס איך מיין זעלע אויס אין מיר".

קעגן וועמען האָבן די בני־קורח געזאָגט דעמדאָזיקן פּסוק?—ניט אַנדערש, נאָר קעגן דער כנסת ישראל. דען די כנסת ישראל האָט גע־זאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: אָט געדענק איך יענע זיכערהייט און שטיל־קייט און רואיקייט, אין וועלכער איך האָב אַמאָל געלעבט, און איצט איז עס פון מיר דערווייטערט, און איך וויין און איך זיפץ און איך זאָג: ווער וואָלט מיך געמאַכט צוריק, ווי אין די פאַרצייטיקע יאָרן, ווען דער בית־המקדש איז געווען געבויט, און אין אים פלעגסטו אַראָפּ־נידערן פון די הויכע הימלען און דיין שכינה לאָזן רוען אויף מיר, און די אומות העולם פלעגן מיך לויבן, און ווען איך פלעג בעטן רחמים אויף מיינע זינד, פלעגסטו מיר ענטפערן, און איצט בין איך פאַרזונקען אין שאַנד און אין שפּאָט.

און ווייטער האָט זי גערעדט פאַר אים: רבונו של עולם, מיין נשמה ווערט מיר וויסט, ווען איך גיי אַדורך פאַרביי דיין הויז און עס איז חרוב און אַ שטילע שטימע איז אין אים, און זי זאָגט: אין דעם אָרט, וואו די קינדער פון אברהם האָבן פאַר דיר געבראַכט דעם קרבן, און די כוהנים זיינען געשטאַנען און געדוכנט פאַר דיר, און די לוויים האָבן געלויבט מיט האַרפעס — שפּרינגען איצט אַרום פוקסן! אָט דאָס

איז עס געשריבן אין פסוק: „אויף דעם באַרג ציון, וואָס ער איז צעשטערט — שפּרינגען דאָרטן פוקסן" — (איכה 5, 18).

אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיינע זינד האָבן מיר עס גורם געווען, און די פאַלשע נביאים, וואָס זיינען געווען ביי מיר, וועלכע האָבן מיך אַראָפּגעפירט פונם וועג פון לעבן אויפן וועג פון טויט. דעריבער שטייט געשריבן:

„ווען איך דערמאָן מיך אָן דעם, דאַן גיס איך מיין זעלע אויס אין מיר".

II. עס שטייט געשריבן: „און עס האָט גערופן יהוה גאָט פון די הערשאַפטן אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג".

אין דער שעה, ווען הקדוש־ברוך־הוא האָט געוואָלט חרוב מאַכן דעם בית־המקדש, האָט ער געזאָגט: כּל־זמן איך בין אין אים, וועלן אים די אומות־העולם ניט אָנרירן, לאָמיך־זשע אָפּטאָן מיין אויג פון אים, און שווערן, אַז איך וועל מיך צו אים ניט באַהעפטן, ביז דער צייט פונם קץ, און זאָלן קומען די שונאים און אים חרוב מאַכן...

באַלד האָט גאָט געשוואָרן מיט זיין רעכטן אָרעם, און האָט אים אָפּגעווענדט אַהינטער. דאָס איז עס וואָס אין פסוק איז געשריבן: „ער האָט די רעכטע האַנט אַהינטער אָפּגעווענדט פאַר דעם פיינד".

און אין דערזעלביקער שעה זיינען די פיינד אַריין אין פּאַלאַץ און האָבן אים פאַרברענט...

און וויבאַלד ער איז פאַרברענט געוואָרן, האָט געזאָגט הקדוש־ברוך־הוא: מער האָב איך ניט קיין אָרט צום וואוינען אויף דער ערד, לאָמיך אַוועקנעמען מיין שכינה פון איר און זיך אומקערן צו מיין ערשטן אָרט. דאָס איז עס אין פסוק געשריבן: „לאָמיך גיין און אומקערן זיך צו מיין ערשטן אָרט, ביז זיי וועלן תשובה טאָן און זוכן מיין פנים".

אין דערזעלביקער שעה האָט הקדוש־ברוך־הוא געוויינט און געזאָגט: וויי איז מיר, וואָס האָב איך געטאָן! איך האָב מיין שכינה געלאָזט רוען אונטן אויף דער ערד צוליב ישראל, און איצט, אַז זיי האָבן געזינדיקט, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין ערשטן אָרט. בין איך, חס־ושלום, געוואָרן צו געלעכטער ביי פעלקער און צו שפּאָט ביי לייטן!...

אין דערזעלביקער שעה איז געקומען מטטרון און געפאַלן אויף

זיין פנים און ער האָט געזאָגט צו אים: „האַר פון דער וועלט, איך וועל וויינען, און דו זאָלסט ניט וויינען". האָט גאָט צו אים געזאָגט: „אויב דו לאָזט מיך ניט וויינען איצט, וועל איך אַריין אין אַזאַ אָרט, וואוהין דו האָסט ניט קיין רשות אַריינצוגיין, און איך וועל וויינען". דען עס שטייט געשריבן: „און אויב איר הערט זי ניט, וויינט אין פאַרבאָרגעניש מיין זעלע".

האָט געזאָגט הקדוש-ברוך-הוא צו די מלאכי-השרת: קומט און לאָמיר גיין, איך און איר, און לאָמיר זען מיין הויז, וואָס האָבן די פיינד געטאָן אין אים...

באַלד איז הקדוש-ברוך-הוא געגאַנגען און די מלאכי-השרת און ירמיהו פאָראויס אים, און וויבאַלד הקדוש-ברוך-הוא האָט דערזען דעם בית-המקדש, האָט ער געזאָגט: געוויס איז דאָס מיין הויז און מיין רו-אָרט, וואָס די שונאים זיינען געקומען און האָבן מיט אים געטאָן, וואָס זייער ווילן איז געווען.

אין דערדאָזיקער שעה האָט הקדוש-ברוך-הוא געוויינט און גע-זאָגט: ווי מיר וועגן מיין הויז! קינדער מיינע, וואו זייט איר! כוהנים מיינע, וואו זייט איר! ליבהאָבער מיינע, וואו זייט איר! וואָס זאָל איך אייך טאָן? איך האָב אייך מתרה געווען, און איר זייט מיט תשובה ניט צוריקגעקומען!...

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו ירמיהו: איך בין געגליכן היינט צו אַ מענטשן, וואָס ער האָט געהאַט אַן איינציקן זון, האָט ער אים געמאַכט אַ חופה, און דער זון איז געשטאָרבן אונטער זיין חופה. און דו פילסט קיין ווייטאָג ניט סיי וועגן מיר, סיי וועגן מיינע קינדער. גיי און רוף אַברהמען, יצחקן און יעקבן, און משהן פון זייערע קברים, וואָרעם זיי ווייסן, ווי צו וויינען...

האָט ירמיהו געזאָגט פאַר אים: האַר פון דער וועלט! איך ווייס ניט, וואו איז משה באַגראָבן.

האָט צו אים געזאָגט הקדוש-ברוך-הוא: גיי און שטעל זיך אויף דעם ברעג פונם ירדן און הייב אויף דיין קול און רוף: זון פון עמרם, זון פון עמרם! שטיי אויף און זע דיין שאָף, וואָרעם פיינד האָבן זיי איינגעשלונגען...

באַלד איז ירמיהו אַוועק צו דער מערת-המכפלה און ער האָט געזאָגט צו די אָבות פון דער וועלט: שטייט אויף, דען עס איז געקו-מען די צייט, ווען איר ווערט געפאָדערט פאַר הקדוש-ברוך-הוא. — האָבן זיי צו אים געזאָגט: פאַרוואָס? — האָט ער צו זיי געזאָגט: איך

ווייס ניט. — וואָרעם ער האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן צו אים ניט זאָגן: אין דיין צייט איז אַזוינס געשען מיט אונזערע קינדער...

האָט ירמיהו זיי געלאָזן און זיך געשטעלט אויף דעם ברעג פונם ירדן און גערופן: זון פון עמרם! זון פון עמרם, שטיי אויף! עס איז געקומען די צייט, וואָס דו ווערסט געפאָדערט פאַר הקדוש־ברוך־הוא. האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס איז דער טאָג אַנדערש פון אַנדערע טעג, וואָס איך ווער געפאָדערט פאַר הקדוש־ברוך־הוא? — האָט ירמיהו צו אים געזאָגט: איך ווייס ניט.—

האָט משה אים געלאָזן און איז אַוועק צו די מלאכי־השרת, וואָס ער האָט זיי נאָך געקענט זינט דער צייט פון מתן־תורה; האָט ער צו זיי געזאָגט: משרתים פון די אייבערשטע וועלטן! אפשר ווייסט איר, פאַרוואָס ווער איך געפאָדערט פאַר הקדוש־ברוך־הוא? — האָבן זיי צו אים געזאָגט: זון פון עמרם! דו ווייסט דען ניט, אַז דער בית־המקדש איז חרוב, און די בני ישראל זיינען אַוועק אין גלות? — האָט משה געשריען און געוויינט, ביז ער איז געקומען צו די אָבות פון דער וועלט...

באַלד האָבן זיי אויך צעריסן זייערע קליידער און געלייגט זייערע הענט אויף זייערע קעפּ און האָבן געשריען און געוויינט ביז די טויערן פון בית־המקדש.

וויבאַלד הקדוש־ברוך־הוא האָט זיי דערזען, האָט גלייך יהוה גאָט פון די הערשאַפטן אין יענעם טאָג „גערופן צו געוויין און צו קלאָג, צו פליקן זיך די האָר און צו אָנגורטן אַ זאַק".

...און ווען ניט דער פסוק, וואָס איז געשריבן, וואָלט מען עס אַזוי ניט געטאָרט זאָגן.

האָבן זיי געוויינט, און זיי זיינען געגאַנגען פון טויער צו טויער, ווי אַ מענטש, וואָס זיין מת ליגט פאַר אים, און עס האָט הקדוש־ברוך־הוא געקלאָגט און געזאָגט: „ווי צו אים, דעם קיניג, וואָס ווען ער איז געווען אַ יונגער האָט אים געגליקט, און ווען ער איז געוואָרן אַלט, האָט אים ניט געגליקט".

...איז געקומען אַברהם פאַר דעם געזיכט פון הקדוש־ברוך־הוא, געוויינט און געפליקט זיין באָרד, און געריסן די האָר פון זיין קאָפּ, און געשלאָגן זיך אין פנים, און געריסן זיינע קליידער, און אַש איז געווען אויף זיין קאָפּ, און ער איז אַרומגעגאַנגען אינם בית־המקדש און האָט געקלאָגט און געשריען; ער האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: פאַרוואָס בין איך אַנדערש, ווי יעדער אומה און יעדע שפּראַך

וואָס איך בין דערגאַנגען צו דערדאָזיקער בושה און צו דערדאָזיקער חרפה!

ווײַבאַלד עס האָבן אים דערזען די מלאכי השרת, האָבן זיי אויך שורותווייז אויפגעהויבן אַ קלאָג און געזאָגט:

„פאַרוויסט געוואָרן זײַנען די וועגן, עס פײַערט דער וועג־גייער".

וואָס מיינט „פאַרוויסט געוואָרן זײַנען די וועגן"? — די וועגן, וועלכע דו האָסט דורכגעלייגט פאַר ירושלים, אַז עס זאָלן אויף זיי קיינמאָל ניט אויפהערן קיין וועג־גייער — ווי זײַנען זיי געוואָרן צו וויסטעניש! „עס פײַערט דער וועג־גייער" — די וועגן, וואָס די בני־ישראל פלעגן איבער זיי גיין הין און צוריק אום די יום־טובים — ווי רוען זיי! „ער האָט צעשטערט דעם בונד" — עס איז צעשטערט געוואָרן דער בונד פון אַברהם זייער פאָטער, וואָס דורך אים ווערט די וועלט באַזעסן, און דורך אים האָט מען דיך אויף דער וועלט דער־קענט, אַז דו ביסט דער אויבערשטער גאָט, דער באַזיצער פון הימל און ערד. „ער האָט פאַראומווערדיקט שטעט". — דו האָסט פאַראומווער־דיקט ירושלים און ציון, נאָך דעם ווי דו האָסט זיי אויסדערוויילט. דאָס איז עס, וואָס אין פסוק איז געשריבן: „צי האָסטו יהודה פאַר־אומווערדיקט, צי דען האָט דײַן נשמה ציון פאַר־מיאוסט?"

אין דערזעלביקער שעה האָט זיך הקדוש־ברוך־הוא באַהעפט צו די מלאכי־השרת; ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס האָט איר וועגן דעם־דאָזיקן ענין אָנגעהויבן שורותווייז צו קלאָגן? — האָבן זיי פאַר אים געזאָגט: האַר פון דער וועלט! צוליב אַברהם דײַן ליבהאָבער, וואָס איז געקומען צו דײַן הויז און האָט געוויינט און געקלאָגט. פאַרוואָס האָסטו אויף אים ניט אַכטונג געגעבן? — האָט ער צו זיי געזאָגט: „זינט דעם טאָג, וואָס מײַן ליבהאָבער איז אַוועק פון מיר צו זײַן אײ־ביקער וואוינונג, איז ער אין מײַן הויז ניט געקומען, און איצט — וואָס טוט מײַן פרײַנד אין מײַן הויז?

האָט אַברהם געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: האַר פון דער וועלט! פאַרוואָס האָסטו פאַרטריבן מײַנע קינדער און דו האָסט זיי אי־בערגעגעבן אין דער האַנט פון די אומות, און זיי האָבן זיי געטויט מיט אַלערליי מיתות משונות, און דו האָסט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, דעם אָרט, וואו איך האָב געבראַכט מײַן זון יצחק פאַר דיר פאַר אַן עולה?

האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אַברהמען: דײַנע קינדער האָבן

געזינדיקט, און זיי האָבן עובר געווען אויף גאָר דער תורה. — דאָס איז עס, וואָס אין פסוק איז געשריבן: „און גאַנץ ישראל האָבן עובר געווען אויף דיין תורה".

האָט אַברהם געזאָגט פאַר הקדוש=ברוך=הוא: רבונו=של=עולם! ווער זאָגט עדות אויף ישראל, אַז זיי האָבן עובר געווען אויף דיין תורה? — האָט גאָט געזאָגט צו אים: זאָל קומען די תורה, און זאָל זי אויף זיי עדות זאָגן, אויף ישראל".

באַלד איז געקומען די תורה עדות צו זאָגן אויף זיי. האָט אַברהם צו איר געזאָגט: טאָכטער מיינע! דו קומסט עדות זאָגן אויף ישראל, וואָס זיי האָבן עובר געווען אויף דיינע מצוות, און דו האָסט ניט קיין בושה פאַר מיר? דערמאָן זיך אָן דעם טאָג, ווען הקדוש=ברוך=הוא האָט דיך אַרומגעפירט איבער אַלע אומות, און זיי האָבן דיך ניט געוואָלט אָננעמען, ביז מיינע קינדער זיינען געקומען צום באַרג סיני, און זיי האָבן דיך אָנגענומען, און דיר כבוד אָנגעטאָן, און איצט קומסטו עדות צו זאָגן אויף זיי אין דעם טאָג פון זייער אומגליק?...

וויבאַלד די תורה האָט אַזוינס דערהערט, האָט זי זיך געשטעלט אָן אַ זייט און אויף זיי קיין עדות ניט געזאָגט.

באַלד האָט אַברהם אָנגעהויבן פאַר הקדוש=ברוך הוא און געזאָגט: האַר פון דער וועלט! צו הונדערט יאָר האָסטו מיר געגעבן אַ זון, און אַז ער איז געווען אַ בר=דעת און אַ בחור פון זיבן און דרייסיק יאָר, האָסטו מיר געזאָגט: ברענג אים אויף פאַר אַ קרבן=עולה צו מיר. האָב איך מיך געמאַכט פאַר אַן אַכזר איבער אים, און אויף אים קיין רחמנות ניט געהאַט, נאָר אַליין אים געבונדן. וועסטו מיר דאָס ניט געדענקען, און איבער מיינע קינדער קיין רחמנות ניט האָבן?...

האָט אָנגעהויבן יצחק און געזאָגט: האַר פון דער וועלט! ווען מיין פאָטער האָט געזאָגט צו מיר: „גאָט וועט זיך אויסזען די שעפס פאַר אַן עולה — מיין זון", האָב איך ניט אָפּגעהאַלטן דיין וואָרט, און געלאָזט מיך בינדן מיטן גאַנצן ווילן פון מיין האַרצן אויף דעם מזבח, און איך האָב אויסגעצויגן מיין האַלז אונטער דעם מעסער — וועסטו מיר עס איצטער ניט געדענקען און אויף מיינע קינדער ניט דערבאַרימען זיך?

האָט אָנגעהויבן יעקב און געזאָגט: האַר פון דער וועלט! צי דען ניט צוואַנציק יאָר האָב איך מיך פאַרהאַלטן אין לָבָנס הויז, און ווען איך בין אַרויס פון זיין הויז, האָט מיך באַגעגנט עשו דער רשע און געוואָלט טויטן מיינע קינדער, און איך האָב מיך אַליין געלאָזט טויטן צוליב זייערטוועגן. און אָט זיינען זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון

זייערע שונאים, ווי שאָף צו דער שחיטה, נאָכדעם ווי איך האָב זיי אויסגעכאָוועט, ווי יונגינקע הינדעלעך, און געליטן צוליב זייערטוועגן צער־גידול־בנים — און איצט וועסטו עס מיר ניט געדענקען רחמנות צו האָבן איבער מיינע קינדער?...

האָט אָנגעהויבן משה און געזאָגט: האַר פון דער וועלט! צי דען ניט קיין געטרייער פאַסטוך בין איך געווען איבער ישראל פערציק יאָר, און איך בין געלאָפן פאַר זיי, ווי אַ פערד, אין דער מדבר? און אַז עס איז געקומען די צייט, זיי זאָלן אַריין אין לאַנד, האָסטו וועגן מיר גוזר געווען: אין דער מדבר זאָלן פאַלן מיינע ביינער. און איצט, אַז זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, האָסטו געשיקט צו מיר, איך זאָל וויינען און קלאָגן וועגן זיי. דאָס איז עס וואָס מענטשן זאָגן: פון מיין האַרס גוטס איז מיר ניט גוט, און פון זיין שלעכטס איז מיר שלעכט...

אין דערזעלביקער שעה האָט משה געזאָגט צו ירמיהו: גיי פאַר מיר פאָראויס, וואָרעם איך וועל גיין און וועל זיי ברענגען, און לאָמיך זען, ווער וועט זיין האַנט אויף זיי אַרויפלייגן.

האָט ירמיהו צו אים געזאָגט: מען קאָן ניט גיין איבערן וועג צוליב די הרוגים. — האָט משה צו אים געזאָגט: פונדעסטוועגן...

איז באַלד משה געגאַנגען, און ירמיהו פאַר אים, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו די טייכן פון בבל.

האָבן זיי דערזען משהן און זיי האָבן געזאָגט איינער צו דעם אַנדערן: אָט איז געקומען בן עמרם פון זיין קבר, אויסצולייזן אונז פון דעם שונאס האַנט...

איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ גזרה פון מיר!

האָט גלייך משה געזאָגט צו זיי: קינדער מיינע! צוריקקערן אייך איז ניט מעגלעך, דען די גזרה איז שוין נגזר געוואָרן. נאָר זאָל דער אייבערשטער אייך אומקערן אינגיכן, און זאָל ער אייך שענקען רו...

אין יענער שעה האָבן זיי אויפגעהויבן זייער שטים מיט גרויס קלאָג, ביז זייער געוויין איז אַרויף צום הימל. דאָס איז עס וואָס אין פסוק איז געשריבן: „אויף די טייכן פון בבל, דאָרט זיינען מיר געזעסן און מיר האָבן געוויינט".

ווי באַלד משה איז געקומען צו די אָבות פון דער וועלט, האָבן זיי צו אים געזאָגט: וואָס האָבן די פיינד געטאָן מיט אונזערע קינדער? — האָט ער צו זיי געזאָגט: אַ טייל פון זיי האָבן זיי געטויט, און אַ טייל האָבן זיי געבונדן הענט און פיס, און אַ טייל איז פאַרשמידט אין אייזערנע קייטן, און אַ טייל איז אויסגעטאָן נאַקעט, און אַ טייל איז געשטאָרבן אין וועג, און זייערע טויטע קערפערס זיינען אַ

שפּייז פאַר די פייגל פון הימל און פאַר די חיות פון דער ערד, און אַ טייל וואַלגערט זיך אויף דער זון הונגעריק און דאַרשטיק.

באַלד האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן וויינען און האָבן געקלאָגט מיט אַ קלאָג: ווײ, וואָס עס איז געשען מיט אונזערע קינדער! ווי זייט איר געוואָרן ווי יתומים אָן אַ פאָטער! ווי זייט איר געשליידערט אין היץ אָן אַ קלייד און אַ צודעק! ווי האָט איר געקלעטערט אויף בערג און אויף שטיינער, אויסגעטאָן די שיך און אָן סאַנדאַלן! ווי זײנען אײערע הענט פאַרבונדן אויפן רוקן!

האָט אָנגעהויבן משה און האָט געזאָגט: פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין, זון, וואָס דו ביסט נים פינסטער געוואָרן אין דער שעה, ווען דער שונא איז אַריין אין בית־המקדש! — האָט געזאָגט די זון: משה, געטרייער פּאַסטוך! איך שווער ביי דיין לעבן! ווי האָב איך געזאָלט פינסטער ווערן, מ׳האָט מיך נים געלאָזן, מ׳האָט נים געגעבן קיין רו, מיט פייערדיקע בייטשן האָט מען מיך געשמיסן: גיי און לייכט מיט דיין ליכט!

און ווידער האָט משה אָנגעהויבן און געזאָגט: ווי צו דיין שיין, בית־המקדש — ווי איז זי פינסטער געוואָרן! ווײ, עס איז געקומען די צייט, דער בית־המקדש זאָל חרוב ווערן, און דער היכל זאָל פאַרדאַרבן ווערן, און קליינע קינדער פון זייער רבינס הויז זאָלן געטויט ווערן, און זייערע פאָטערס זאָלן אַוועק אין געפאַנגענשאַפט, פאַנגער! איך באַשווער אייך מיט אייער לעבן! איר זאָלט זיי נים טויטן מיט קיין אַכזורישן טויט! און איר זאָלט נים אינגאַנצן אויסראָטן! און איר זאָלט נים טויטן קיין זון פאַר דעם פאָטער אין די אויגן, און קיין טאָכטער פאַר דער מוטער אין די אויגן. דען עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער האַר פון הימל וועט פאָדערן אַ חשבון פון אייך! (אָבער די כשדים, די רשעים האָבן נים אַזוי געטאָן, נאָר זיי פלעגן אַוועקזעצן דעם זון אויף דער מוטערס קני און זאָגן צו דעם פאָטער: שטעל זיך, טויט אים! פלעגט די מוטער וויינען, און אירע טרערן פלעגן רינען איבערן קינד, און דער פאָטער פלעגט אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ...).

און נאָך האָט משה געזאָגט פאַר גאָט: האַר פון דער וועלט! דו האָסט געשריבן אין דיין תורה: „און אָן אָקס און אַ שעפּס — זאָלסטו אים מיט זיין זון נים שעכטן אין איין טאָג". און דאָ האָט מען דאָך אויסגעהרגעט קינדער מיט זייערע מוטערס צוזאַמען אַזוי פיל, אַזוי פיל, און דו שווייגסט!

אין דערזעלביקער שעה האָט זיך רחל אונזער מוטער שנעל געשטעלט פאַר הקדוש־ברוך־הוא, און געזאָגט: האַר פון דער וועלט! עס

איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דיר, אַז יעקב, דיין קנעכט, האָט מיך ליב געהאַט מיט גרויסער ליבע, און ער האָט פאַר מיר געדינט זיבן יאָר, און ווען עס איז געקומען די צייט, איך זאָל גענומען ווערן צו מיין מאַן, האָט מיין פאָטער פאַרטראַכט אונטערצובייטן מיך פאַר מיין מאַן אויף מיין שוועסטער, און שווער איז מיר געווען די זאַך זייער און זייער, ווען איך האָב מיך דערוואוסט וועגן דערדאָזיקער מחשבה. און איך האָב געגעבן צו וויסן צו מיין מאַן און האָב אָם איבערגעגעבן אַ צייכן, ער זאָל קענען אונטערשיידן צווישן מיר און מיין שוועסטער, כדי מיין פאָטער זאָל מיך ניט קענען פאַרבייטן. און נאָכדעם האָב איך אַליין חרטה געהאַט, און האָב גובר געווען מיין תאווה, און רחמנות געהאַט אויף מיין שוועסטער, אַז זי זאָל ניט ווערן פאַרשעמט; און אין אָוונט האָט מען מיך מיט מיין שוועסטער פאַרביטן פאַר מיין מאַן, און איך האָב מיין שוועסטער איבערגעגעבן אַלע סימנים, וועלכע איך האָב געווען געגעבן מיין מאַן, כדי ער זאָל מיינען, אַז זי איז רחל, און איך האָב איר ניט מקנא געווען, און זי צו שאַנד ניט געמאַכט. און אויב איך, וואָס איך בין פלייש און בלוט, ערד און אַש, האָב איך ניט געהאַט קיין אייפערזוכט צו מיין צרה[1] און האָב זי ניט געמאַכט צו בושה און צו חרפה, — טאָ ווי־זשע האָסטו, קיניג לעבעדיקער, אייביקער און דערבאַרמיקער, געאייפערט צו דער עבודה־זרה, וועלכע האָט קיין ממשות ניט, און דו האָסט פאַרטריבן מיינע קינדער, און זיי זיינען אויסגעטויט דורכן שווערד!"

באַלד האָט זיך דערוועקט דאָס רחמנות פון הקדוש־ברוך־הוא און ער האָט געזאָגט: צוליב דיר, רחל, וועל איך ישראל אומקערן צו זיין אָרט. — דאָס איז וואָס אין פסוק איז געשריבן: אזוי האָט געזאָגט גאָט: „אַ שטימע הערט זיך אויף דער הויכקייט (רמה), אַ קלאָג, אַ ביטער געוויין. רחל וויינט וועגן אירע קינדער, וועלכע זיינען שוין ניטאָ". און ווידער שטייט געשריבן: „אזוי האָט געזאָגט גאָט: „פאַרמייד דיין שטימע פון וויינען, און דיינע אויגן פון טרערן, דען עס איז פאַראַן אַ לוין פאַר דיינע מעשים, און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דיין צוקונפט, זאָגט גאָט, און עס וועלן זיך דיינע קינדער צוריקקערן צו זייער גבול".

---

[1]) צרה — ביי פּאָליגאַמיע זיינען די ווייבער פון איין מאַן איינער דער צווייטער „צרה" — קאָנקורענטין. (איבערז.).

די ניט געפּוצטע פּראָזאַאישע פאָרם פון דעמדאָזיקן פּרק מדרש כאַראַקטעריזירט די גאַנצע ליטעראַטור פון דער זעלבשטענדיקער אַגדה אין אַ משך פון פינף הונדערט יאָר. אָבער גראָד פון דערדאָזיקער איינ־פאַכקייט וואַקסט אויס אַ קראַפט פון דיקציע, וואָס, פאַראייניקט מיט דעם פאַנטאַסטישן מיסטעריעזן קלאַנג פון דעם אַרמישן דיאַלעקט, אין וועלכן אַלע מדרשים זיינען געשריבן[1], האַלט אין זיך איין עפּעס אַזוינס גראַנדיע־זעס און אימפּאָזאַנטעס, וואָס מען קאָן, נאַטירלעך, ניט איבערגעבן אין קיין איבערזעצונג, ווי געטריי מען זאָל זיך ניט האַלטן פאַר דעם גאַנג פון די געדאַנקען און פאַר דעם וואָרט פונם אָריגינאַל.

אַ באַזונדער מין מדרשים, וועלכער איז אָבער געווען זייער גוט פאַר דער קריטישער דערקענטעניש פונם מדרש, זיינען די פּראָעמיעס (פּתיחות), וועלכע באַשטימען פּינקטלעך די פאָרם פון דערדאָזיקער לי־טעראַטור. אַנדערע זיינען לאַנג און אויספירלעך, אַנדערע קומען אין אַ גרויסער צאָל איינע נאָך די אַנדערע, ווי דער אויבן ציטירטער אריינפיר צו איכה רבתי; אַנדערע זיינען קינסטלעריש און קאָמפּ־ליצירט. אין דער פּסיקתא, למשל, בילדן זיי די בעסטע און די כאַ־ראַקטעריסטישסטע זייטן, בשעת אין די מער שפּעטערדיקע זאַמלונגען פון מדרש שטייען זיי אָפט איינגאַנצן אין הינטערגרונד. אין דער פּסיקתא הייבט זיך יעדער באַזונדער פּרק (פּסקא) אָן מיט עטלעכע, דורכשניט־לעך, מיט פיר פּתיחות, וועלכע זיינען זייער פאַרשיידן לויט זייער סטרוקטור און זייער גרויס. נאָכדעם קומט די אויסטייטשונג צו איינצל־נע פּסוקים פון חומש, אָדער פון די נביאים, וואָס זיינען באַשטימט צו דער פאָרלעזונג אין איינעם פון די וויכטיקע שבתים, אָדער יום־טובים. דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע פּרקים ענדיקן זיך מיט אַ פּסוק פון דער ביבל, אין וועלכן עס דריקט זיך אויס טרייסטרייך און פייערלעך די אידעאַלע האָפענונג פון ישראל אויף לעתיד־לבוא.

דער איבערגאַנג פון דער אָריגינעלער עלטערער אַגדהשער לי־טעראַטור, וואָס אירע רעשטן לאָזן זיך פאַרגלייכן מיט די ראָמאַנטישע חורבות פון אַלטע שטעט און גרויסע בורגן, צו דער יינגערער אַגדה בילדן באַזונדערע קליינע, לויטן נאָמען שוין דערמאָנטע זאַמלונגען, אָן וועלכע עס שליסט זיך אָן, אַלס די סאַמע בעסטע שאַפונג, וועלכע איז שוין אָנגעשריבן לויט אַ באַשטימטער סיסטעם און אין אַ געוויסער

[1] דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל סיי דער מדרש, סיי דער תלמוד זיינען אַמאָל אין אַרמיש, אַמאָל אין העברעאיש געשריבן. (רעד. פון דער רוס. איבערז.).

קינסטלערישער פאָרם, די זאַמלונג פון מדרש תנחומא, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן פיל שפעטער פאַר דעם פעריאָד פונם תלמוד, נאָר לויט דעם אינערלעכן כאַראַקטער און לויט די הלכהשע, סיי די אַגדהשע אָנשויאונגען באַוועגט זי זיך נאָך לגמרי אין דעם אידעענקרייז פון דעמדאָזיקן פעריאָד, ווייל זי בילדעט איבערהויפט אַ קאָמפילאַציע פון פסיקתא און מכילתא און פון אַנדערע עלטערע מדרשים. אָבער בשעת די פריערדיקע מדרשים האַלטן אין זיך איין נאָר מאַטעריאַלן, פראַגמענטן, פראָיעקטן, יסודות פון ווירקלעך געהאַלטענע דרשות, ברענגט דער מדרש תנחומא דער ערשטער צוזאַמענהענגענדיקע רעליגיעזע פאָרטראָגן פאַר שבתים, ימים־טובים און אַנדערע פייערלעכע אָנגעלעגנהייטן, — אַזעלכע פאָרטראָגן, וואָס זייער אַוטאָר איז אפשר געווען טאַקע דערזעלביקער תנחומא, אָבער אין זיי זיינען אַריינגעאַרבעט און פאַרוועבט פיל פרעמדע געדאַנקען, ניט אָנווייזנדיק זייערע קוועלן, אָדער פון וועמען זיי זיינען איבערגענומען. די באַגריפן פון ליטעראַרישן אייגנטום זיינען נאָך אין יענע צייטן געווען לגמרי אומאַנטוויקלט; דערויף איז אַ גוטער באַווייז די גאַנצע פסעוודאָעפיגראַפישע ליטעראַטור. פון דער צווייטער זייט אָבער מוזן אַזעלכע פאַקטן, ווי איבערנעמען פון אַנדערע שריפטשטעלער, אויף דעם באָדן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור באַטראַכט ווערן פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפונקט, ניט מצד ליטעראַרישן אייגנטום. מען האָט געדענקט, געלערנט און געשריבן אין דעם גייסט פון דעם עלטערן עפאָס, און פאַר דעם אומטיילבאַרן און איינציקן ישראל; דעריבער פאַרשווינדט דער שרייבער פאַר דעם געטלעכן אַוטאָריטעט, דער פרט פאַרזינקט אין דעם כלל, און דעריבער דערשיינען דאָס רוב ווערק אַנאָנים אָדער אונטער פסעוודאָנימען, און אָנשטאָט איינצלנע ביכער טרעטן פאַר אונז אַרויס מאַסן, וועלכע זיינען, ווי דער תהילים, די אַגיאָגראַפן, דער תלמוד, די אַגדה—דער אייגנטום פון דער נאַציע און דער רעזולטאַט פון דעם שאַפן פון יאָרהונדערטן.

ווען מען וויל זיך שאַפן אַ ריכטיקן שטאַנדפונקט פאַר אַ אָנפניותדיקער, ווייטער פון איבערשאַצונג, ווי פון אונטערשאַצונג, אָפשאַצונג פון דערדאָזיקער גאַנצער מדרש־ליטעראַטור, מוז מען געדענקען, אַז זי איז געווען אַן אייגנגעוואָרצלטע אין לעבן פאָלקסליטעראַטור, וועלכע האָט געזאָלט און געוואָלט באַלערנען און באַפרידיקן, דערציען און טרייסטן, אויפמונטערן און אָנוואַרעמען. „דידאָזיקע קונסט, צו שיצן אַ גאַנץ פאָלק קעגן מוטלאָזיקייט און אַרויסרייסן עס פון די קאַלטע אָרעמס פון דער פאַרצווייפלונג, האָט זי אָנגעווענדט אויפן

בעסטן אופֿן. נעמען פֿון פּערזאָנען, פֿון ערטער, פֿון חיות, עפּעס אַן אַלטער געזעץ, וועלכער איז שוין בטל געוואָרן, אַ פּשוטע ביבלישע ערציילונג, וואָס דער גרעסטער טייל לעזער גייט איר גלייכגילטיק פֿאַרביי, אַ גרויסער, אַ קליינער, אַ פֿעלנדיקער אות — בקיצור אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט די גרונטביכער פֿון יידנטום, ווערט אין איר מייסטערהאַנט פֿאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל, וואָס דערפֿרישט די געמיטער, אין אַ פֿייער, וואָס דערוואַרעמט די הערצער, אין אַ שטיצע פֿאַר די, וואָס האַלטן ביים פֿאַלן, אין אַ טרייסט פֿאַר די טרויערנדיקע און אין אַ שטאַרקונג פֿאַר די שוואַכע”. דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט מוז מען שטענדיק האָבן פֿאַר די אויגן, ווען מען וויל די זאַמלונגען פֿון דער מדרש-ליטעראַטור פֿאַרשטיין און ריכטיק באַאורטיילן.

אַזוי מוז אויך אויפֿגעפּאַסט ווערן דער מדרש פֿון תנחומא אין זיין שייכות צו דער גאַנצער קאָלעקטיוו-ליטעראַטור, ווען ער לאָזט, לויט דעם מוסטער פֿון דער אַלטער אַגדה, צו פֿאָנידערן די גאָטהייט זעלבסט פֿון איר וועלט-טראָן און ריידן ווערטער פֿון טרייסט און פֿון מוסר צו די פֿרומע צוהערער; ווען די נביאים פֿון פֿאַרצייטן באַשטייגן ביי אים די טריבונע פֿון בית-המדרש און האַלטן דאָרט דרשות, — שטאַמען אַזעלכע פּיקציעס פֿון דער טיפֿער איבערצייגונג, אַז די דרשות זיינען ניט קיין אייגענער פּראָדוקט פֿונם מחבר, נאָר אַ נאַטירלעכער און זעלבשטענדיקער אויספֿלוס פֿון דער מסורה און פֿון אויסגעטייטשטן גאָטס-וואָרט.

דאָרט, וואו דער פּאָעטישער עקסטאַז שטופּט ניט אָפּ אָן אַ זייט אַלדאָס אַנדערש, צייכענען זיך די רעדעס פֿון מ ד ר ש ת נ ח ו מ א אויס מיט זייער איינפֿאַכן פּרימיטיוון זינען און מיט זייער לאָגישן געדאַנקען-גאַנג. אַפֿילו אין דער אויסטייטשונג פֿונם פּסוק האַלטן זיך די-דאָזיקע דרשות גרעסטנטייל אין די גרעניצן פֿונם שכל הישר. „געוויינלעך ווערט דער זינען, דער גייסט פֿונם פּסוק, וועלכער איז אַזוי אָפֿט טאַקע וואונדערלעך טיף, אַנטוויקלט, פֿאַרשפּרייט אויף אַנדערע פֿאַרהעלטענישן און באַציאונגען פֿון לעבן, און דורך ביישפּילן פֿון תנ"ך און פֿון דער געשיכטע דערבראַכט ביז קלאָרער נאַאיווער אָנשויאונג. דידאָזיקע אַנטוויקלונג פֿון דעם געדאַנק ברענגט, מען מעג זאָגן, ניט ווילנדיק צו אַ קליינער אָפּנייגונג פֿון דעם אורשפּרינגלעכן זינען פֿון דעם פּסוק, וואָס זיין קלייד איז פֿאַר דעם גרויס צעוואַקסענעם געדאַנק ענג געוואָרן; און פֿונדאַנען שטאַמט דאָס, וואָס די אויסטייטשונג פֿון דעם טעקסט גייט אַרויס מחוץ די גבולות פֿון זיין אורשפּרינגלעכן זינען”.

די עטישע באַדייטונג פון דידאַזיקע רעדעס איז אַ טיפע און נאָך עד־היום ניט אָפּגעשאַצטע לויט זייער ווערט. מעשים טובים און אמת, ליבע צו עלטערן און חובות צו דער ערציאונג פון קינדער, מידות טובות און מעשים טובים ווערן כסדר באַטאָנט און רעקאָמענדירט דעם לעזער. באַזונדער בילדעט אַן אומדערשעפּלעכע טעמע די פראַגע וועגן צדקה.

* * *

אויב דערדאָזיקער מדרש טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָעטי־שער עקזעגעטיק, ווי דער מדרש צו שיר־השירים — דעם כאַראַקטער פון עראָטישער סימבאָליק, וועלכע באַגרייפט גאָט און די כנסת ישראל און דעם בילד פון חתן־כלה, און ווי דער פריער דערמאָנטער מדרש צו איכה — דעם כאַראַקטער פון אַ טראַגישער עלעגיע, — קומען נאָך צו דידאָזיקע אַגדהשע דראַמען, הימנען און עלעגיעס צו אייגנאַרטיקע און זעלטענע זייטן אין די תרגומים, וועלכע שליסן זיך, אמת, טיילוויז אָן לויט דעם גייסט און דער קאָנסטרוקציע אָן דעם אורטעקסט פון דער ביבל, אָבער גרעסטנטייל ווארפן זיי פון זיך דרייסט אַראָפּ די קייטן פון דער מסורה און בילדן זיך אויס אין זאַגעס און געדיכטן אַזוי ווייט, ביז זיי ווערן פאַרשלונגען אין דעם ים פון מדרש.

דער אָנהייב פון דידאָזיקע תרגומים געהערט צו דער צייט, וואָס נאָך דעם צוריקקערן זיך פון גלות בבל, וואו אַרמיש איז געוואָרן די פאָלקס־שפּראַך. זיי שטאַמען, ווי ס'איז געווען געשילדערט, פון דער באַדערפעניש איבערצוזעצן די אורשריפט אין דער אומגאַנגסשפּראַך פונם פאָלק. די ערשטע אָנווענדונג האָבן דידאָזיקע איבערזעצונגען גע־פונען ביי די שבתדיקע פאָרלעזונגען פון דער תורה. אָבער פונקט ווי די הלכה און די אַגדה, אַזוי זיינען אויך די תרגומים דאַמאָלסט ניט פאַרשריבן, נאָר איבערגעגעבן מונדלעך, כדי עס זאָל ניט אַרויסגע־שטויסן ווערן דער אַווטאָריטעט פון דער הייליקער שריפט. דעריבער ווייס מען ניט וועגן קיין תרגום, ווער איז זיין אַווטאָר און ווען איז ער געמאַכט געוואָרן. אָבער אין יענער געשטאַלט, ווי מיר האָבן זיי פאַר זיך היינטיקן טאָג, איז קיין תרגום ניט עלטער פאַר דעם פינפטן אָדער פערטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט. „זיי באַזיצן אין דער העכ־סטער מאָס די אַלגעמיינע אייגנשאַפט פון דער אַנאָנימער ביבלישער און דער זיך אָן איר שליסנדיקער יידישער ליטעראַטור, צו זיין פונקט

אַזוי זייער אַלט, ווי זייער יונג און אַרויסצוווייזן, ווי די בּימער, די רינגען פון זייער אָנוואוקס, וועלכע עס האָבן איבערגעלאָזן פאַרשיידענע דורות". נאָר פון דעם וואָרטגעטרייען כאַראַקטער פון דער איבערזעצונג קאָן מען אָננעמען, אַז דער בבלישער תרגום צום חומש, וועלכער איז, אַפּנים, צוליב דעם נאָמען און דער אַרבעט פון דער גריכישער ביבל-איבערזעצונג פון אַקילאַ אָנגערופן געוואָרן תרגום אונקלוס, איז פאַרשריבן און דערפילט געוואָרן אַן ערך אין דעם צווייטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט אין פּאַלעסטינע, בשעת דער בבלישער תרגום צו די נביאים האָט בשום-אופן ניט געקענט פאַרשריבן ווערן פריער פאַר דעם פינפטן יאָרהונדערט. דערדאָזיקער תרגום טראָגט דעריבער ניט ריכטיק דעם נאָמען פון יונתן בן עוזיאל, היללס אַ תלמיד, אפשר דערפאַר, וואָס דער נאָמען יונתן (טעאָדאָסיוס) דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ צווייטן גריכישן איבערזעצער פון דער ביבל טעאָדאָטיאָן, און אפשר טאַקע גאָר דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער יונתן בן עוזיאל האָט טאַקע פאַרפאַסט אַ תרגום, יענער איז אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען. דעם בבלישן תרגום האָט נאַטירלעך אַנטשפּראָכן אויך אַן אַלטער ירושלמישער, וועלכער האָט על-פּי טעות באַקומען דעם נאָמען תרגום יונתן און אין זיין הייַנטיקער פאָרם געהערט ער צום סוף פון זיבעטן יאָרהונדערט. „דער ערשטער איז אַ ווילדער געוויקס, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אַן אַלטן וואָרצל; דער צווייטער איז אַ קינסטלעך אויסגעצאָוועטער געוויקס". די איינצלנע פראַגמענטן און פּירושים, וועלכע טראָגן דעם נאָמען ירושלמי, האָט מען געהאַלטן פאַר די רעשטן פון דעם פּאַלעסטינישן תרגום צו די נביאים, וועלכער איז בכלל ניט פאַרהיט געוואָרן. די תרגומים צו תהילים, צו איוב — וואָס חוץ אים זאָל שוין איבעריקנס געהאַט עקסיסטירט אַן אַרמישער תרגום אין דער ערשטער העלפט פון דעם ערשטן יאָרהונדערט, און צו משלי, זיינען פּשוטע איבערזעצונגען און טיילווייז געמאַכט נאָך עלטערע סירישע מוסטערן; אָבער די תרגומים צו די פינף מגילות זיינען רייך מיט איבעריקע רייד, טיילווייז אין צוויי ווערסיעס עקסיסטירנדיקע פּאַראַפראַזן, וועלכע געהערן שוין כמעט אינגאַנצן צו דער מדרש-ליטעראַטור. צו די ביבלישע ביכער פון דניאל, עזרא און נחמיה איז, אַפּנים, קיין אַרמישע ווערסיע ניטאָ; דער תרגום צו מלכים איז ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן און איז טיילווייז אַ ווערטלעכע און טיילווייז אַ פּאַראַפראַסטישע איבערזעצונג.

אויך די פיינדלעכע ברידער, די שומרונים, האָבן געהאַט אַ תרגום צום חומש, כדי צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפעניש;

דער הומש, וואָס איז די איינציקע הייליקע שריפט פון די שומרונים, איז דורך איינעם אַ שומרוני איבערגעזעצט געוואָרן אויך אויף גריכיש אין מצרים (Σαμαρειτινόν). דערדאָזיקער תּרגום שטאַמט אָן ערך פון דעם זעקסטן יאָרהונדערט, און איז גאַנץ וויכטיק סיי פאַר די גרונטאָנשויאונגען פון די שומרונים, סיי פאַר זייער אייגנטימלעכן די־אַלעקט. אָבער ווער איז זיין פאַרפאַסער און ווי אַזוי איז ער אַנטשטאַ־נען, — וועגן דעם איז פונקט אַזוי ווייניק באַוואוסט, ווי וועגן דעם מחבר און דעם אופן ווי עס איז פאַרפאַסט געוואָרן דער סירישער תּרגום פּשיטא (פשוטער, ריכטיקער), וועלכער נעמט אַרום די קאַ־נאָנישע ביכער פון אַלטן טעסטאַמענט, און איז פאַרפאַסט געוואָרן פאַר דעם געברויך פון די קריסטן, וועלכע ריידן אַרמיש, הגם ער ווייזט אַרויס אַ יידישע אָפּשטאַמונג, אַ קרובהשאַפט סיי מיט דעם פּאַלעסטי־נישן, סיי מיט דעם בבלישן תּרגום. פונקט ווי די לעצטע זיינען געווען די אָפיציעלע תּרגומים פון דער סינאַגאָגע, אַזוי איז אין סיריע די פשיטא געוואָרן און אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן די אויטענטישע ביבל־איבערזע־צונג פאַר דער קירכע.

אָבער די קרובהשאַפט פון די תּרגומים מיט דער ליטעראַטור־ריכטונג פון דער אַגדה און ספּעציעל פון מדרש, מחמת וועלכער כמעט אַלע געהערן זיי צו דעמדאָזיקן ציקל, ווייזט זיך אַרויס דערהויפּט אין דער אויפפאַסונג און אין דער אויסטייטשונג פון דעם ביבלישן טעקסט. אויך דער תּרגום, וואָס האַלט זיך שטרענג פאַר דעם אות פון פסוק, דער אַזויגערופענער תּרגום אונקלוס, זעצט איבער די דאָגמאַטישע ערטער אין הסכם מיט די הלכהשע אָנשויאונגען, מאַכט אָבער איבער די אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע אויסדריקן, דערקלערט שווערע פּאָעטישע שטעלן און פּאַסט זיי צו צו דער אָנשויאונג פון דער שפּעטערדיקער צייט. פונדעסטוועגן איז נאָך דער כאַראַקטער פון אַ בוכשטעבלעכער אי־בערזעצונג אין אַלגעמיין שטרענג אָפּגעהיט. פונדאַנען נעמט זיך אויך די אַכטונג, מיט וועלכער יידן באַציען זיך צו דעמדאָזיקן תּרגום אין אַלע צייטן. אַן אַנדער אינטערעס האָט דידאָזיקע פּאַראַפראַזע אין אונ־זער צייט; דאָס איז די איינציקע רעשט פון דעם צווייג פון דער אַרמישן שפּראַכשטאַם, אויף וועלכן מען האָט גערעדט אין בבל. אַנ־דערע איבערזעצונגען, פאַרקערט, טראָגן כמעט דורכאויס אַ פּאַראַפראַ־סטישן כאַראַקטער, זיי פּוצן אויס די פּאָעטישע ערציילונגען מיט זאָגן און לעגענדעס, זיי דערפילן און דערגאַנצן ביבלישע ערציילונגען דורך אַנדערע פון דער האַלב פאַרגאַנגענער צייט, און דעריבער געהערן זיי גאַנץ באַשטימט צו דער אַגדהשער ריכטונג. דאָך דאַרף מען דידאָזיקע

תרגומים ניט האַלטן פאַר נאַציאָנאַלע קונסטווערק פון דער מדרש־פאָ־
עזיע, אויך ניט פאַרלייקענען, אַז אין זיי איז דאָ פאַראַן געשמאַק־
היסטאָרישע און פאָעטישע פאַרשטענדעניש, און דעם אַיינדרוק, וואָס
זיי מאַכן ביים לייענען זיי, ניט האַלטן פאַר אַ שווערן און אומאָנגענע־
מען, גראָד דערפאַר, וואָס מיר דאַרפן אין זיי ניט זוכן קיין באַשטימטע
מיינונגען פון באַזונדערע שרייבער, נאָר די טיפּישע אָנשויאונגען פון
פאָלקסבאַוואוסטזיין, קאָנען זייערע פאַראַפראַזן און לעגענדעס ניט
מאַכן דעם פיינלעכן אַיינדרוק פון אינדיווידועלער ווילקיר. פאַרקערט,
מען קאָן זיך שאַפן לויט זיי אַ בילד פון דעם יידישן פאָלקסלעבן אין
דער צייט פון זיין ירידה און אויפלעבונג, ווען מען באַגעגנט אין זיי
ליידנשאַפטלעכע שנאה צו רוים, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אדום,
איבעראַרבעטונג פון די ביבלישע ערציילונגען און באַשרייבונג פון דער
אייגענער צייט. נאָר אין דעם פאַלעסטינישן תרגום צום חומש, וואָס
זיין ענדגילטיקע רעדאַקציע באַציט זיך אַלנפאַלס צו אַ צייט ניט
פריער, איידער דעם זיבעטן אָדער אַכטן יאָרהונדערט, וואָרעם דאָרט
געפינען זיך רמזים אַפילו אויף מאַכמעדן, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנ־
דערע הוספות פון אַראַבישן פעריאָד, האָט די נייע קריטיק אַנטדעקט
באַשטאַנדטיילן פון אַן אַלטן תרגום פון דער צייט, וואָס פאַר חורבן
ירושלים און אַפילו פון דער צייט פון יוחנן הורקנוס, פון וואָס זי האָט
געמאַכט דעם לאָגישן אויספיר, אַז דער ערשטער פעריאָד פון תרגום
איז געווען אַ פעריאָד פון פאַראַפראַזע, בשעת די בוכשטעבלעכע ביבל־
איבערזעצונג, דער אָפיציעלער תרגום אונקלוס איז געמאַכט גע־
וואָרן שפּעטער, בשעת דער געזעצלעכער רעגולירונג און סיסטעמאַטיזי־
רונג, מחמת מורא פאַר אַלערליי הוספות און ענדערונגען, אונטער דער
אָנפירונג פון די הלכהשע אַווטאָריטעטן, אַפנים תלמידים פון עקיבאַן;
אַז דער אַלגעמיין אָנגענומענער תרגום איז נאָר אַ שפּעטערדיקער
צווייג פון דער גאַנצער תרגומישער קאָלעקטיוו־ליטעראַטור, אַ רעוויזיע
פון פריערדיקע אַרבעטן אָן שום וועזענטלעכער אייגנטימלעכקייט, און זי
פאַרדינט ניט די אָנגעזעענקייט, וואָס זי האָט געהאַט אין דער יידישער
ליטעראַטור אַזוי לאַנג, וואָרעם זי איז ניט מער ווי איין רינג אין דער
גרויסער קייט פון די תרגומים.

צו דערדאָזיקער מיינונג איז דיאַמעטראַל דער היפוך די אָנגענומענע
פון דער טראַדיציע, וועלכע האַלט דעם צווטאָר פון תרגום אונקלוס
פאַר אַ צייט־חבר פון אַקווילאַ, אָדער גאָר אים אַליין, און פאַררעכנט
זיין איבערזעצונג צום צווייטן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט. פאַר דער
אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע אידעען סיי פון דער קירכע, סיי פון

דער סינאַגאָגע איז דערדאָזיקער תּרגום, וואָס זיין טיפע עלטער לאָזט זיך שיקן, אַ וויכטיק מיטל־גליד. די קירכע האָט אַלס גרונטאידעען פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג אָנערקענט און באַנוצט זיינע אָנשויאונגען וועגן געטלעכן ווען און זיין אַנטפּלעקונג צו מענטשן, זיין אַנטוויקלונג פון לאָגאָס און מימרא (דאָס אויסגעשפּראָכענע וואָרט), זיינע רמזים אויף אַ משיח און זיינע עסכאַטאָלאָגישע מיינונ־גען; די סינאַגאָגע — זיינע הלכהשע אויסטייטשונגען, פילע פונדאַנגען געדרונגענע אָנווייזונגען וועגן דער אויפפאַסונג פון די שווערע ערטער אין דער ביבל און דער אָנווענדונג פון די רעליגיעזע נאָרמעס אין לעבן.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער באַוועגונג פון דער זעלבשטענדי־קער ליטעראַטור פון אגדה און תּרגום אין יענעם פּעריאָד, ווען תּרגום און מדרש גיסן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע, שטעלט זיך פאַר אַן אייגנטימלעך בילד, וועלכן די אידענטיפיצירונג פון דעם עבר מיט דעם הווה גיט צו אַ חנעוודיקן כאַראַקטער. „די פּאַרצייטיקע — אברהם מיט אַלע אָבות און צדיקים, נביאים און מלכים—לעבן צווישן אונז אַלס רבנים פון דער נייער צייט, דורך דעם ווערן זיי אונז מענטשלעך נענטער, די קעגנער פון די אָבות און פון די צדיקים ווערן נאַציאָנאַלע שונאים. עשו — דאָס איז די רוימישע מלוכה; לבן, עשו, בלעם — די נייע באַדריקער, די קעגנוואַרט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, און דורך דעם ווערט זי געהייליקט און געלייטערט". פונקט אַזוי ווי פון איין זייט דערהאַלט און דערפרישט אַזאַ טעטיקייט דאָס גייסטיקע לעבן אַפילו אין די פינסטערע טעג, פונקט ווי זי דערנענטערט די פאַרגאַנגענהייט און דורך דעם מאַכט זי דערטרעגלעכער די קעגנ־וואַרט, — אַזוי ווענדט זי, פון דער צווייטער זייט, איר דרייסטן בליק אין די אומהיימלעכע טיפענישן פון אַ טונקעלער אורוועלט — אין דער מיסטיק.

* * *

*

די באַשעפטיקונג מיט דער געהיימער לערע איז פאַר די יידישע חכמים שוין ניט פרעמד געווען זינט דעם צוריקקער פון דעם לאַנד פון די שטערנזעערישע כאַלדעער. באַלד זיינען געוויסע לערעס גע־וואָרן דער ספּעציעלער אייגנטום פון אויסגעוויילטע קרייזן, וועלכע די טראַדיציע אַליין האָט ניט באַפרידיקט, און אין דעם ביבלישן וואָרט

פון געטלעכער אַנטפּלעקונג האָבן זיי געזוכט סימבאָל און אַלעגאָריע, כדי אין זיי אַריינצולייגן העכערע מעטאַפיזישע אידעען. אויף אַ געהיימנישפולן אופן האָט זיך דידאָזיקע לערע פאַרברייטערט; זי איז אַנטשטאַנען פון דער באַדערפעניש אומאָפּהענגיק צו טראַכטן וועגן די לעצטע סיבות פון אַלע זאַכן, און דורך דערזעלביקער באַדערפעניש, וועלכע האָט פאַר זיך אויסגענוצט אויף די טראַדיציע און דאָס שריפט-וואָרט, איז זי דערפירט געוואָרן ביז רייפקייט. דערצו איז נאָך דעמאָלט געקומען די אַלעקסאַנדרינישע טעאָסאָפיע, וועלכע האָט פאַרטונקלט די אומטיטלבאַרקייט פון דער ביבלישער אידעע וועגן גאָט דורך דעם, וואָס זי האָט דערלאָזן אַ פאַרמיטלענדיקע קראַפט צווישן גאָט און וועלט און וואָס פון איר לאָגאָס האָט די קריסטלעכע גנאָסטיק באַשאַפן איר דעמיורג און די יידישע מיסטיק איר מ ט ט ר ו ן (μετα δρόνον—דער מלאך וואָס שטייט הינטער גאָטס טראָן).

אַז דער אייציקער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט — דאָס לערנט באַשטימט דאָס וואָרט פון דער הייליקער שריפט. קומט אָבער דאַן דער פירוש וועגן דעם, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן די יצירה איז פאָרגעקומען; דערדאָזיקער פירוש איז גלייך געוואָרן אַ זאַך פון פילאָסאָפישער מיסטיק, און צוזאַמען מיט אים האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דער צייט, איידער די וועלטבאַשאַפונג איז פאָרגעקומען און וועגן דעם מהות פון דער גאָטהייט גופא. די קלוגהייט, ח כ מ ה, וועלכע האָט ערלויבט דעם מענטשן אַריינצודרינגען מיט זיין שכל אין די סודות פון דעם פאָרוועלטלעכן און אינערלעכן לעבן פון דער גאָטהייט, איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דעם פּלאַטאָנישן באַגריף וועגן νοῦς און מיט דער פילאָנישער אידעע וועגן λογος, און אַזוי אַרום האָט זיך אָפּגעעפנט אַ ברייט פעלד פאַר רעיונות וועגן הימל און ערד און זייערע הייליקע סודות. ווי עס שיינט, האָט זיך דערדאָזיקער געביט געטיילט אויף צוויי הויפּטגרופּעס: מ ע ש ה-ב ר א ש י ת, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ערשטן קאַפּיטל פון ספר בראשית, און די טעאָסאָפיע, אָדער די לערע וועגן גאָטס כבוד — מ ע ש ה-מ ר כ ב ה, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דער שילדערונג פון כסא-הכבוד ביי יחזקאלן.

נאַטירלעך, האָט די פאָרשונג פון אַזעלכע זאַכן געקאָנט געהערן נאָך צו איינצלנע מענטשן, און האָט אָפּטמאָל געמוזט אַראָפּפירן פון וועג אַפילו אַזעלכע מענטשן, ווי אלישע בן אבויה, וועלכן זי האָט געבראַכט צו ספק אין גאָטס איינהייט, און וועגן וועלכן די אַגדה דערציילט אויף איר שטייגער, אַז ער האָט יונגע פלאַנצן צעשטערט פאַרבלאָנדזשענדיק. פאַרקערט, האָט זי אַנדערע פאָרשער געפירט איבער

די שטוילע הייכן פון ספּעקולאַטיוון דענקען און געבראַכט צו דער העכסטער דערקענטעניש. אַלס אַזעלכע דרייסטע דענקער ווערן אָנגערופן יוחנן בן זכאי, שמעון בן יוחאי, אליעזר בן ערך, עקיבא, חנניה בן חכינאי. אָבער די סכנות, וואָס דידאָזיקע פאָרשונגען האָבן פאָרגעשטעלט פאַר דער רעליגיע גופא, האָבן געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל דידאָזיקע לערעס האַלטן זייער געהיים, אויך צו דעם פאַרבאָט איבערצוגעבן זיי צו מענטשן, וועלכע האָבן נאָך ניט דערגרייכט צו אַ געוויסן עלטער און זייבען ניט אָנערקענט אַלס זעלבשטענדיקע דענקער.

דידאָזיקע וויסנשאַפט איז געווען אײַנגעשלאָסן אין די גרעניצן פון מענטשלעכער דערקענטעניש, וועלכע האָט זיך אויסגעצויגן, אמת, פון הימל ביז דער ערד, ביז די גנאָסטיקער פון קריסטנטום זיינען אַרייַנגעדרונגען אין איר געביט און האָבן זי געשטרעבט צו פאַרברייטערן. סיי אין דער אַלעקסאַנדרינישער טעאָסאָפיע, סיי אין די מעטאַפיזישע אָנשויאונגען פון דעם פעריאָד פון די תּנאים האָט די גנאָסטיק געזוכט אַ געוויסן קאָמפּראָמיס צווישן די פילאָסאָפישע לערעס פון דער גריכישער פילאָסאָפיע און דער ביבלישער וועלטאָנשויאונג. ערשט ווען עס איז אויפגעטראָטן די גנאָסטיק פון קריסטנטום, וואָס איר עיקר איז באַשטאַנען אין דער פאַרלייקענונג פון גאָטס אוממיטלבאַרקייט אין זיין ווירקן, און האָט דערמיט געדראָט צו פאַרניכטן די אידעע פון גאָטס איינהייט, אַלזאָ די מאָנאָטעאיסטישע גרונדאידעע פון דער יידישער פילאָסאָפיע, ערשט דעמאָלט האָבן דיזעלביקע לערער און פאָרשער, וועלכע האָבן ניט דערלאָזן די העלעניסטישע עלעמענטן אַרייַנצודרינגען אין יידנטום, אויך זיך אויפגעהויבן צום קאַמף קעגן דערדאָזיקער גנאָסטיק, וואָס פאַר איר טאָכטער אָדער שוועסטער דאַרף מען האַלטן די געהיימע לערע, וועלכע האָט ערשט אין איר שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג באַקומען דעם נאָמען ק ב ל ה (טראַדיציע, מסורה, איבערגענומענע פון פריערדיקע דורות). שפּורן פון דעמדאָזיקן קאַמף קעגן דער גנאָסטיק קאָן מען באַגעגענען סיי אין דער משנה, סיי אין ביידע תּלמודים, נאָר ס'איז אוממעגלעך ניט צו זען די שפּורן פון איר פּסדרדיקן אײַנפלוס אויך דאָרט, וואו די גרעניצן פון די ביידע געביטן ווערן בטל, און די פילאָסאָפישע פאָרשער פונם יידנטום ווייזן זיך פיל מאָל אַרויס אונטערן אײַנפלוס פון די נייפּלאַטאָנישע און נייפּיטאַגאָרישע לערעס. אין דער אַגדה פון אַ שפּעטערדיקן פעריאָד ווערט דערדאָזיקער אײַנפלוס אַלץ קענטיקער, און אין די מדרש־ווערק, איבערהויפּט אין דעם מדרש וועגן מעשה מרכבה, איז שוין פאָרגעקומען אַן אויסגלייכונג, ריכטיקער אַ צונויפמישונג פון די אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען און מיינונגען פון

יידישער, העלעניסטישער, פּאַרסיסטישער און אורקריסטלעכער אָפּשטאַמונג, וועלכע ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבשטענדיקער סיסטעם פון דער געהיימער לערע.

אין דעם פּעריאָד פון תלמוד אָדער גאָר פון דער משנה האָבן די מעטאַפיזישע חקירות וועגן הימל און ערד אויך וועגן די פאַרבאָרגענע יסודות פון פיל דאָגמאַטן נאָך ניט אַרויסגערופן קיין אייגענע ליטעראַטור. ערשט אין דער צייט, ווען די אַגדה איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַ באַזונדער מדרש, איז אויך דידאַקטישע ריכטונג אַריבער פון מונדלעכן צום שריפטלעכן אויסדרוק. אין פ ר ק י ד ר ב י א ל י ע ז ר (קאַפּיטלען פון ר' אליעזר), וועלכע ווערן פאַלש צוגעשריבן אליעזר בן הורקנוסן, און זיינען באמת אַנטשטאַנען ערשט, אַפּנים, ניט פריער ווי אין אָנהייב פון אַכטן יאָרהונדערט, אין שוין די עטישע און געשיכטלעכע אגדה פאַרזען מיט פיל באַטראַכטונגען וועגן דער געהיימער לערע. דאָס בוך באַשטייט אין גאַנצן פון 54 קאַפּיטלען, פון וועלכע דער דריטער איז אַ מיסטישע טעאָריע וועגן דער וועלטבאַשאַפונג און דער פערטער באַשרייבט די הימלעשע חיילות; ביידע זיינען אַלזאָ אַגדהשע ווערסיעס פון דער געשיכטע פון בריאת העולם און פון יחזקאלס זעאונג. אין אַלעם איבעריקן שליסט זיך ס'דאָזיקע ווערק אָן אָן דעם גאַנג פון דער ביבלישער ערציילונג און באַהאַנדלט, הגם ניט לויט קיין סיסטעמאַטישן פּלאַן, די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי שבת, חשבונות פון לוח, יום־כיפור, תשובה, חרם, די משיחישע אידעע און תחית־המתים.

פיל באַדייטנדיקער איז אָבער דער ערשטער זעלבשטענדיקער פּרוּוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן אַכטן און נײַנטן יאָרהונדערט פילאָסאָפיש אויסצופאָרשן די העכסטע פּראָבלעמען — דער ס פ ר י צ י ר ה (בוך וועגן וועלטבאַשאַפונג). זיין היימאַט איז, אַפּנים, פּאַלעסטינע, און זיין באַדייטונג גייט ווייט אַריבער די גרעניצן פון דער מדרש־עפּאָכע. דאָס בוך, וואָס זיין צווטאָר איז לגמרי אומבאַקאַנט, שטעלט איין אַ קאָסמאָגאָניע, אונטער דעם איינפלוס פון די ניי־פּיטאַגאָרישע אידעען אַנטשטאַנענע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט די צען צאָלן און מיט די צוויי און צוואַנציק אותיות פון העבראישן אלף־בית, אַלס די גרונד־קרעפטן אָדער עלעמענטאַרע פאָרמען, אין וועלכע עס האַלטן

זיך איין די עלעמענטן פון אַלע זאַכן, דער אָנהייב און דער סוף פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מענטשנס לעבן. די צאָלן און די אותיות צוזאַמען זיינען עס די 32 „וואונדערלעכע וועגן פון חכמה", וואָס אין זייער שפּיץ שטייט די אומענדערלעכע איינהייט פון גאָט אַלס דער אורקוואַל פון יעדן קיום.

די צען צאָלן, ספירות, זיינען דער אויסדרוק פון דעם קאָנ־זעקווענטן סדר, אין וועלכן מיר פאַראייניקן די זאַכן איינע מיט דער אַנדערער, גלייך ווי קאַטעגאָריעס פון דעם אוניווערס. זיי באַווייזן אָנ־הייב און סוף, הויכקייט און טיפקייט, גוטס און שלעכטס; זיי רעפּרע־זענטירן אין אַ נידעריקערער צווייטער מדרגה פון זייער באַדייטונג אויך די פיר זייטן פון דער וועלט. איינס איז דער „רוח" פון לעבעדיקן גאָט; צוויי איז דער „רוח מרוח", אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגע־שטעמפּלט די צוויי־און־צוואַנציק אותיות, וועלכע בילדן דאָך צוזאַמען נאָר איין אָטעם. דריי איז דאָס וואַסער פון ששת ימי בראשית, וואָס קומט אַרויס פון כאַאָס. פיר איז דאָס פייער פון ששת ימי בראשית, וואָס קומט אַרויס פון וואַסער. פינף איז די הויכקייט, זעקס — די טיפקייט, זיבן — מזרח, אַכט — מערב, ניין — האַלבער טאָג, צען — האַלבע נאַכט. אין דערדאָזיקער אידעענוועלט לאָזן זיך שוין אין זייער אורשפּרינגלעכער אַנטוויקלונג דערקענען די עלעמענטן פון דער לערע וועגן עמאַנאַציע, וועלכע זעט אין גאָט ווי אַ מין זון, וואָס זי שטראָמט פון זיך אַרויס דעם אוניווערס, ווי ליכטשטראַלן, אַן אורוועזן, וואָס פון זיין אַבסאָלוטער מאַכט און קראַפט איז אַרויס אַלץ, וואָס עס איז דאָ.

פון דידאָזיקע אידעען, וועלכע זיינען אַן אָפּקלאַנג פון דער פּי־טאַגאָרישער לערע, אַז די וועלט איז אַ סיסטעם פון מאָס־פאַרהעלטע־נישן און אַז דעריבער איז די צאָל דער פּרינציפּ און דער מהות פון אַלע זאַכן, גייט דער „ספר יצירה" אַריבער צו די אותיות, וועלכע זיינען דאָך די באַשטאַנדטיילן פון דעם וואָרט און דעריבער דער אויסדרוק פון געדאַנק. ס'דאָזיקע וואָרט, וואָס בילדעט אַ דרייהייט, דעקט דעם געדאַנק; ס'איז פון איין מין מיטן געדאַנק; ס'איז דער אור־גייסט, קלאַנג, אָטעם און רייד. פון דעמדאָזיקן גייסט עמאַנירט אַ צווייטער, פון וועלכן עס ווערן אַרויסגעפירט די 22 אותיות, וועלכע זיינען דער עיקר מהות פון אַלע זאַכן. די אותיות גופא ווערן איינגע־טיילט אין דריי קלאַסן אָדער „מוטערס". דעם ערשטן קלאַס בילדן דריי גרונדבוכשטאַבן, די דריי יסודות: וואַסער, לופט און פייער; דער צווייטער קלאַס באַשטייט פון זיבן דאָפּלבוכשטאַבן, וועלכע זאָלן פאָר־שטעלן די קעגנזאַצן און אַנטשפּרעכן די זיבן פּלאַנעטן, זיבן הימלען,

זיבן ערדן, זיבן טעג און זיבן נעכט. אין דעם דריטן קלאַס זיינען פאַראַן צוועלף איינפאַכע אותיות, נאָך די צוועלף חיות פון די מזלות, די צוועלף חדשים פון יאָר, די הויפּטטיילן פון מענטשלעכן קערפּער און די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון אונזער נאַטור. דורך פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע קאָמבינאַציעס ווערן פון די 22 אותיות 231 שערים — טויערן, דורך וועלכע עס שטראָמט די חכמה און געעפנט דער אריינגאַנג אין אַ העכערער וועלט. אַלס ביישפּיל פון דער השפעה פון דידאָזיקע בוכשטאַבן (מעטאַטעזיס) אויף דעם מענטשלעכן לעבן ווערן געבראַכט צווישן אַנדערע די דריי העבּרעאישע בוכשטאַבן: עין, נון און גימל, וועלכע גיבן אין איין צוזאַמענשטעלונג דאָס וואָרט „עֹנֶג" — לוסט, פרייד, פאַרגעניגען, און אין אַן אַנדער פאַרבינדונג גיבן זיי דאָס וואָרט „נֶגַע" — שאָדן, פּלאָג, און אַזוי אַרום ווערט געגעבן דער באַווייז, אַז אין דער טונקלקייט פון זייער שויס פאַרבאָרגן די אותיות גליק און אומגליק. דער עיקר איז עס נוגע, פאַרשטייט זיך, צו די אותיות, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט גאָטס הייליקער נאָמען.

די גאַנצע סיסטעם, אין וועלכער די אידעע פון מאַקראָקאָסמאָס און מיקראָקאָסמאָס, אויב אַפילו ניט פולקום אַנטוויקלט, איז דאָך לפּחות אָנגעמערקט, קעמפט קעגן דעם דואַליזם פון דער היידנישער פילאָסאָפיע, און דעריבער האָט זי איר שפּיץ אין דער אַבסאָלוטער איינהייט פון גאָט. גאָט ערשיינט איר אַלס דאָס אומענדלעכע און דעריבער אויך אומדערקלערלעכע וועזן איבער, אָבער ניט אויסער די צאָלן און די בוכשטאַבן, ד. ה. די פּרינציפּן און געזעצן, וועלכע מיר זעען אין דער וועלט. יעדער עלעמענט שטאַמט אַרויס פון אַ העכערן עלעמענט און אַלע האָבן זייער אָנהייב אין וואָרט אָדער אין הייליקן גייסט.

דעריבער זאָגט מיט רעכט אַ שפּעטערדיקער פילאָסאָפישער פאָרשער, וועלכער האָט דאָס בוך דערקלערט: „דער ספר יצירה לערנט אונז, אַז עס איז דאָ אַן איינציקער גאָט, דורך זאַכן, אין וועלכע עס הערשן פון איין זייט פאַרשיידנאַרטיקייט און פילהייט, פון דער צווייטער זייט אָבער — איינהייט און האַרמאָניע. דידאָזיקע האַרמאָנישקייט קאָן קומען בלויז פון דעם איינעם, וואָס האָט זיי געמאַכט".

אַז דער „ספר יצירה" איז באַלד נאָך זיין אַנטשטיין באַטראַכט און פלייסיק קאָמענטירט געוואָרן אַלס קוואַל פון רייכער און טיפער דערקענטעניש, דאַרף באַזונדער פאַרשטענדלעך זיין, ווייל יענע צייט האָט אָן שום קריטישע ספקות צוגעשריבן די אַוטאָרשאַפט פון דעמדאָזיקן מיסטיש פילאָסאָפישן ווערק דעם תנא עקיבא, און זי האָט

אַפילו דערלאָזן די מיינונג, אַז אינספּירירט פאַר דערדאָזיקער אַרבעט האָט אים אַברהם אָבינו. אַזוי אַרום איז ס׳דאָזיקע בוך שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דער ספּעקולאַטיווער קבלה און פון אַ פּסעוודאָ־עפּיגראַפישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אַלץ ליבער פאַרקליידט אין דעם רייץ פון סוד, וואָס מער זי האָט דורך דעם געקאָנט פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון אירע לערעס און אידעען.

אָבער מחמת דעם איז די פאָרשונג וועגן דעם עלטער פון די־דאָזיקע ווערק שטאַרק באַאיינפלוסט און באַדייטנד פאַרשווערט געוואָרן. נאָר, נעמענדיק אין באַטראַכט זייער אינערלעכן כאַראַקטער, לאָזן זיי זיך, נאָך אַ גאַנצער ריי אַגדשה ווערק פון אַן אַנדער ריכטונג אין דער מיסטיק, וועלכע באַשעפטיקט זיך אין קעגנזאַץ צו די מיט דער באַטראַכטונג פון הימל און וואָס אין אים קומט פאָר, צורעכענען צו דעם סוף פון דער־דאָזיקער און דעם אָנהייב פון דער נעכסטער עפּאָכע, ווי אותיות דרבי עקיבא (די בוכשטאַבן פון רבי עקיבא), וואו עס ווערט דעם תנא דעם חכם צוגעשריבן אַ שטודיע „וועגן די מעלות פון איינצלנע בוכשטאַבן פון העברעאישן אַלף־בית“, אָבער וואו די דערקענטעניש (בינה) ווערט אויך געשטעלט העכער פאַר דערפילן די מצוות און וואו ס׳ווערט אפשר געשאַפן אַ וועג פאַר אַ פאָלעמישער ריכטונג קעגן דער קאָדיפיצירונג פון דער הלכה.

וואָרעם פונקט ווי וועגן דער קאָסמאָגאָניע, אַזוי האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן אַ ליטעראַטור אויך וועגן דער טעאָסאָפיע, וועלכע האָט אויך אוזורפּירט דעם אַווטאָריטעט פון באַרימטע תנאים, און פריידיקט אין זייער נאָמען מיסטישע אידעען, וואָס זייער טיפערן וואָרצל דאַרף מען זוכן אפשר אין די קרובהשע עלעמענטן פונם פאַרסיזם. זיי געפינען זיך גרעסטנטייל אין פאַרבינדונג מיט דער זעאונג פון יחזקאל, וואָס אַדאַנק די אויסגראָבונגען פון די אַשורישע דענקמעלער ווערן אירע ערשיינונגען פאַרשטענדלעך ערשט אין זייער צוזאַמענהאַנג, אָבער דעמאָלט האָבן זיי געגאָלטן און זיינען אָנגעגעבן געוואָרן פאַר סודותדיקע אַלעגאָריעס און סימבאָלן פון העכערע רעליגיעזע אידעען. דורך יוחנן בן זכאי זיינען שוין די „חיות“ פון דער הימלשער מרכבה לויט יחזקאלן אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ טאָפּאָגראַפיע פונם קאָסמאָס, וועלכע האָט געזאָלט מאַכן פאַרשטענדלעך פאַרן שכל די

אומענדלעכקייט פונם וועלטבאַשעפער דורך אירע רוים־באַשטימונגען. דאָס זעלבע האָבן נאָכדעם באַהויפּטעט זיינע תלמידים, צייט־חברים און נאָכפאָלגער. אַזוי האָט זיך נחוניא בן הקנה גערעכנט פאַר דעם אַוטאָר פון דעם אַזוי גערופענעם מ ד ר ש ב ה י ר, וועגן וועלכן מען וועט נאָך דאַרפן ריידן, און פון אַ באַזונדער תפילה; זיין תלמיד, ישמעאל בן אלישע, רעכנט מען אויך פאַר דעם מחבר פון אַ טעאָסאָפישן מדרש ה י כ ל ו ת ר ב ת י (גרויסע פּאַלאַצן), וואָס זיין פאַרפאַסונג געהערט צו דעם פעריאָד פון די גאונים. אַז ער שטאַמט פון שלמה באַרימט זיך אַפילו דער ספר רָזִיאֵל, וועלכער איז ניט איגאַנצן דערגאַנגען צו אונז און אין וועלכן עס געפינט זיך אויך אַ טראַקטאַט וועגן דער קערפּערלעכער מאָס פון גאָט, שיעור קומה; אין דעמדאָזיקן טראַקטאַט זיינען די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען פון יחזקאלס זעאונג פאַרברייטערט אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז מען מוז ס׳דאָזיקע ווערק אָנערקענען פאַר דעם עקסטן גרענעץ פון דעם, אויף וואָס די דעמאָלטיקע געהיימע לערע האָט געוואָגט אין איר אומבאַצוימטער פאַנטאַסטיק וועגן גאָט און זיין טראָן, וועגן די מלאכים און די „חיות הקודש״. אַ ביסל, הגם ניט פיל, העכער שטייט דאָס ווערק, וואָס שטאַמט אַפּנים אויך פון יענער צייט — מ ד ר ש כ ו נ ן, אַ פילאָסאָפיש־מיסטישע קאָסמאָגאָניע, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ פּסוק פון ספר בראשית, אַנטהאַלט 24 קאַפּיטלען; אין דעמדאָזיקן מדרש ווערן ח כ מ ה און ת ו ר ה, אַלזאָ קלוגהייט און געזעץ אידענטיפיצירט, אויף וויפיל די חכמה שפּיגלט זיך אָפּ אין געזעץ. דידאָזיקע אידענטישקייט ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם צאָל־באַטרעף פון דידאָזיקעביידע ווערטער. דאַן גייט דער מ ד ר ש כ ו נ ן אַריבער צו דער דערקלערונג פון דעם אורוואַסער, אורפייער און אורליכט. די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פאַרנעמען זיך מיט די ששת ימי בראשית, וועלכע ווערן דאָ דערקלערט מיט אַ געווויסער נאָענטקייט צו דער פילאָנישער מיסטיק, אין וועלכע דער שטח און דער היקף פון דער וועלט ווערט אַריבערגעפירט אויף צאָלן־סימבאָליק. דער גאַנצער טראַקטאַט איז אָנגעשריבן טיילווייז אויף העברעאיש, טיילווייז אויף אַראַמיש און באַשטייט אייגנטלעך פון פראַגמענטן פון פאַרשיידענע ווערק. די מ ס י כ ת א א צ י ל ו ת, אַ פולשטענדיקע טעאָריע פון עמאַנאַציע אויף ביי פּיטאַגאָרישע יסודות, הגם זי שטאַמט פון אַ שפּעטערדיקער צייט, געהערט אויך צו דערדאָזיקער ריכטונג פון דער געהיימער לערע.

❁ ❁

❁

אין דעם קרייז פון רייגערע און העכערע רעליגיעזע אָנשויאונגען, איידער דידאָזיקע אָנוואוקסן פון מיסטישער טעאָסאָפיע, פירן אַנדערע באַשטרעבונגען און ריכטונגען, וועלכע געפינען זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מדרש־ליטעראַטור און מיט דער תלמוד־עפּאָכע, הגם זייער אינערלעכע שייכות איז ניט אַלעמאָל ערקלערלעך און וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, ווייל עס פעלן די מיטלגלידער, וועלכע זאָלן אַזעלכע אין פלוג פאַרשיידענע ריכטונגען פאַראייניקן אין איין גאַנצעס, וואָס אַלס אַזעלכעס מוז אומבאַדינגט אָנערקענט ווערן די סיסטעם פון דער טראַדיציע און איר אַנטוויקלונג.

אַלס באַווייז דערפאַר קאָן גילטן דער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וואָס יעדע פון דידאָזיקע ריכטונגען פּרעטענדירט אויף דעם כבוד פון טראַדיציע, אַפילו פון דער העכסטער אַוטאָריטעטישקייט אין דער הינזיכט פון טראַדיציע. טראַדיציע איז דאָך אויך די מונדלעכע לערע, וואָס איז פאַרשריבן אין משנה און תלמוד. אַלס טראַדיציע טרעט שפּעטער אויף די געהיימע לערע וועגן קאָסמאָגאָניע און טעאָסאָפיע, אַלס טראַדיציע ווילן זיך אויך רעכענען די גראַמאַטישע פאָרשונגען וועגן די וואָקאַלן און אַקצענטן, דאָסגלייכן וועגן דעם ריכטיקן שרייבן פונם ביבלישן טעקסט, וועלכע זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען „מ ס ו ר ה".

ווי אַ פאַרשפּרונגענער קערנדל, וועלכער האָט אויף אַ ווייטן באָדן אויפגעבליט און איז רייף געוואָרן, אַזוי ערשיינט די מסורה פאַר דעם בליק, וואָס באַטראַכט דעמדאָזיקן געביט פון דער ליטעראַטור. ווער זיינען געווען אירע גרינדער? וואו און ווי איז זי אַנטשטאַנען? ווי אַ טונקעלע רעטעניש איז דידאָזיקע גאַנצע אָרטאָגראַפיע, דידאָזיקע סיסטעם פון וואָקאַליזאַציע און אַקצענטואַציע פון דעם ביבלישן טעקסט, די מסורה, וועלכע באַטראַכט די אותיות, וועלכע געפינען זיך אין דער ביבל נאָך זייער שטעלונג, צאָל און געשטאַלט, און פאָרשט נאָכדעם אויס און באַשטימט, וויפיל פערזן איז פאַראַן אין יעדן בוך, וויפיל פון זיי הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך אויף איין אופן, ווי אָפט אַ וואָרט געפינט זיך אין דער גאַנצער ביבל און אין יעדן איינציקן טייל, ווי מען דאַרף און ווי מען דאַרף עס ניט לייענען, אין וועלכער באַדייטונג עס קומט ווידער. אָבער ניט אין דעם, וואָס מען האָט אין די הייליקע

שריפטן אָנגעצייכלט 815,280 אותיות, ליגט די באַדייטונג פון דער מסורה, נאָר אין דעם פאַקט, וואָס זי האָט געוועקט דעם געפיל פאַר שפּראַך און אָנגערעגט די גראַמאַטישע פאָרשונג, וועלכע האָט זיך שוין ווייטער אַנטוויקלט אין דער נאָענטסטער צייט. עס איז געוויס קיין ספק ניטאָ, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם פלייס, מיט וועלכן די יידן האָבן זיך באַמיט אויפצוהיטן די ביבל, איז איר טעקסט אין משך פון דער צייט שטאַרק פאַרדאָרבן און פאַרגרייזט געוואָרן. ערשט ווען די זאַמלונג פון קאַנאָן איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, איז אויך דער טעקסט ענדגילטיק פאַרפיקסירט געוואָרן. די סופרים האָבן זיך געוויס זייער פאָרזיכטיק באַצויגן צו דער קריטיק פונם ביבלישן טעקסט. זיי האָבן בכיוון פאָרגענומען ניט ווייניק ענדערונגען, און גראָד דידאַקטישע טעטיקייט זייערע, וועגן וועלכע עס זייגען אויך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור פאַרבליבן מאַנכע ווערטפולע ידיעות, האָט אין יענער צייט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער געשטאַלטונג פון דעם ביבל-טעקסט. זייערע נאָכפאָלגער האָבן ווייטער געטריי איבערגעגעבן דעם טעקסט מיט זיינע קריטישע אויסבעסערונגען. אין תּלמוד שפּילט שוין אַ ראָלע דער „קרי" און דער „כתיב", ד. ה. דער אופן, ווי די אותיות דאַרפן ווערן אויסגעשפּראָכן, און ווי זיי דאַרפן לויט דער אָפיציעלער מסורה געלייענט ווערן. נאָך דעם אָפּשלוס פון תּלמוד, ווערט די קריטישע אַרבעט וועגן דעם טעקסט פון דער ביבל פאָרטגעזעצט פון די געלערנטע, לכתחילה אין מונדלעכער מסורה, און נאָכדעם געשריבן אָדער אויך אויף די בּרעגן פון דעם ביבלישן מאַנוסקריפּט צוגעשטעלט. דאָס איז געווען די מסורה.

דורך שווערע פאַרפלאָנטערטע וועגן האָט די פאָרשונג פעסטגעשטעלט די מסורה לויט איר אינהאַלט און אומפאַנג. ווייניקער גליקלעך איז די פאָרשונג געווען ביז איצט אין אירע היפּאָטעזן וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די נקודות און נגינות. עס איז וואָרשיינלעך, אַז תּיכף נאָך דעם פאַרשרייבן פונם מונדלעכן טעקסט, האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט די נייטיקייט פון אַ גענויער וואָקאַליזאַציע; ס'איז אויך וואָרשיינלעך, אַז די נגינות, נקודות און טראָפּ זיינען שוין פריער געווען אין געברויך און זיינען מונדלעך איבערגעגאַנגען פון דור צו דור דורך דער שול-טראַדיציע. זיכער איז, אַז פאַר דער געשלאָסענער סיסטעם פון וואָקאַליזאַציע און אַקצענטואַציע זיינען געווען אַנדערע סימנים, וועלכע האָבן ענלעכע וואָרט-פאָרמען אונטערגעשיידט איינע פון די אַנדערע אָדער האָבן געדינט פאַר אינטערפּונקטואַציע און טראָפּ. נייערע פאָרשונגען האָבן

ווייטער דערוויזן, אַז אין דער מסורהשער סיסטעם פון טראָפּ זיינען אריין פיל רעשטן פון עלטערע סימנים און אַז די נעמען פון די וואָקאַלצייכנס באַווייזן אויף אַלטע טראַדיציאָנעל געוואָרענע ווערטער, וועלכע מען זאָל האָבן געברויכט ביי דעם אונטעררירכט פון דער יוגנט. אין טבריה, אָנגערעגט דורך די סיריער, זאָל די סיסטעם פון וואָקאַליזאַציע, וועלכע רופט זיך אויף דעם נאָמען פון דערדאָזיקער שטאָט, האָבן באַקומען איר ענדגילטיקע אויסגעשטאַלטונג, בשעת אין בבל, אָנגערעגט דורך די סירישע מוסטערן און אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכישער טערמינאָלאָגיע, איז די אַפּנים לכתחילה אַנטשטאַנען. אין איין שורה מיט דער טבריהשער האָט נאָך עקסיסטירט אַן אַנדערע, אַ בבלישע סיסטעם פון פּונקטואַציע, פון אַן עלטערער אָפּשטאַמונג, וועלכע באַצייכנט די וואָקאַלן לויט נייע פּרינציפּן, אָבער אויף דעם זעלביקן יסוד, און שטעלט די סימנים איבער די אותיות. די אַרבעטן איבער דער מסורה, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל צו באַגרעניצן די פּאַרווילדונג פון דעם טעקסט, הייבן זיך אָן אין זיבעטן יאָרהונדערט און דויערן ביז דעם סוף פון דער גאונישער עפּאָכע, ווען אַלס אַרבעטער אויף דעמדאָזיקן היסטאָרישן נאָך אַזוי ווייניק אויסגעפּאָרשטן געביט טרעטן אַרויס באַשטימטע פּערזענלעכקייטן, דער ראש־ישיבה פּנחס, שפּעטער אשר, דער אַלטער, דער סעניאָר פון דער באַרימטער משפּחה פון בעלי מסורה, וועלכע האָבן דורך זעקס דורות געלעבט אין טבריה.

אַ מערקווערדיקע אַנאַלאָגיע געפינט די מסורה אין די שולן פון די אינדישע פּריסטער און גראַמאַטיקער, וואָס האָבן אָנגעהויבן, ווען מען האָט אויפגעהערט צו פּאַרשטיין די הימנען פון דער וועדאַ, פּונקט אַזאַ קריטישע אַרבעט, אַזוי אַז דער טעקסט פון דער ריגוועדאַ האָט היינט דעם זעלביקן פּנים, ווי ער איז נאָך מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר דורך זיי פעסטגעשטעלט געוואָרן.

די אויסטייטשונג פון דעם ביבלישן טעקסט האָט זיך, פאַרשטייט זיך, געפונען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעט וועגן דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג זיינער, וואָרעם אויך די בעלי אַגדה פונם מדרש האָבן אָפּטמאָל דערקלערט די הייליקע שריפט לויט דעם באַטרעף פון איר צאָל. דאָס גלייכן האָט די מסורה געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג, הגם אַ שוואַכן, מיט דער געהיימער לערע, וואָרעם די ערשטע שפּורן פון דער גראַמאַטישער באַאַרבעטונג פון דעם טעקסט געפינען זיך דווקא אין דעם הויפּטווערק פון דער קבלה, אין „ספר יצירה“, וועלכער איז

פון זיין זייט געגרינדעט אויף אַגדהשע יסודות. די אַרבעט פון דער מסורה בילדעט דעם עיקרשטן באַדן, אויף וועלכן עס איז אַנטשטאַנען די העברעאישע גראַמאַטיק.

❀ ❀

❀

בשעת אַזוי אַרום ווייזט זיך אַרויס אַ געוויסע לאָגישע פאַרבינ־דונג צווישן אין פלוג גאַנץ קעגנזעצלעכע ריכטונגען, וואַרפט זיך די אײ־גנערלעכע פאַרבינדונג צווישן מדרש מיט דער ליטורגיע פון דעם יידנטום אין די אויגן אַפילו ביי אַן אויבערפלעכלעכן איבערזיכט פון דער גאָטסדינסטלעכער פאָעזיע, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ וויכטיקן פערמעגנט פון דער יידישער ליטעראַטור.

אירע עלטסטע באַשטאַנדטיילן זיינען בלי ספק געווען קורצע ברכות, מער הימנען איידער געבעטן. פונדאַנען זיינען שפּעטער אַנט־שטאַנען די צוויי הויפּטפאָרמען פון קריאת־שמע (באַקענטעניש פון דער איינהייט פון גאָט) און פון תּפילת שמונה־עשרה, דאָס אייגנטלעכע געבעט, אין וועלכער עס געפינען זיך אַכצן ברכות, וועלכע אַנטשפּרעכן סיי דער פּריסטערדינסט, דער דינסט אין דער שול, סיי אין דער היים, וואָס האָבן באַזירט אויף מזמורים פון תהילים און זיינען לעבן זיי פאַרבליבן. די פיר תּפילות פון ווידוי פון כּוהן־גדול אום יום־כּיפּור זיינען געוויס די עלטסטע באַשטאַנד־טיילן פון דערדאָזיקער לי־טורגיע, בשעת די עלטסטע עולאָגיעס, אויך פיר אין צאָל, געפינען זיך שוין אין תהילים. אין דער צייט פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אַנטוויק־לונג איז די גאָטסדינסט רעגולירט געוואָרן דורך שמע און תּפילה, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון קרבנות־קולט, — אַלזאָ דורך באַקענטע־ניש און געבעט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט מזמורים פון תהילים און מיט תּפילות פון ווידוי, און צו וועלכע עס איז שוין אין דער צייט פון די סופרים צוגעגעבן געוואָרן קריאת־התורה און די ערקלערונג פון דער תורה דורך אַ מתורגמן.

תורה און נביאים, וועלכע ווערן פאַרטגעזעצט אין הלכה און אַגדה, פאַרקערפּערן זיך אויך אין די פאָרמען פון דער גאָטסדינסטלע־כער פאָעזיע זינט איר אָנהייב ביז אין איר ווייטערער אַנטוויקלונג. די מאָטיוון פון שמע זיינען שוין געלעגן אין דער תורה, וואָס איר גלויבנס־סימבאָל איז געווען דידאָזיקע באַקענטעניש, און די פּראַטאָטיפּן פון תּפילה האָבן אָפּגעשפּיגלט די דערהייבענע אידעען פון די נביאים, אין וועלכע

מיר הערן גאָטס וואָרט גופא, ווי עס קלינגט אָפּ מיט טויזנט־שטימיקן עכאָ אין דעם לעבן פון דער נאַציע.

אין הסכם צו דער הויכער באַדייטונג פון דער ליטורגיע האָט זיך פאַר איר אינגיכן אויך אויסגעבילדעט אַ באַזונדער סטיל, וועלכער דערמאָנט מיט די אייגנפאַכע פאָרמען פון דער שפּראַך די ביבלישע שריפטן, גראַדע די ביבל ניט קאָפּירנדיק. ער האַלט זיך דאָס רוב, הגם ניט שטענדיק, ווייט פון דעם געדאַנקען־עכאָ פונם פּאַראַלעליזם, אָבער שטענדיק ווייט האַלט ער זיך פון דער קינסטלעכער נעץ פונם גראַם און מעטריק, און ער שטייט מיט זיין אייגנפאַכקייט און מיט זיין טיף פאַרכאַפּנדיקער ווירקונג אינמיטן צווישן די טראַדיציעס פון דער תהילים־ליריק און פון דער ניי־אויסגעבילדעטער גאָטסדינסטלעכער פּאָעזיע, וועלכע די רעליגיעזע באַדערפעניש פון די שפּעטערדיקע דורות האָט באַשאַפן. פּונקט ווי אין דער ביבלישער דיכטונג געפינען מיר און קענען אָפּגרענעצן די פּאָעטישע געשיכטע, די פּאָעטישע לערע, דאָס פּאָעטישע געזאַנג, אַזוי עקסיסטירן אויך דידאַקטישע עלע־מענטן אין דער רעליגיעזער פּאָעזיע, וועלכע לענט זיך אָן אויף דער אגדה און געפינט אַ דערגאַנצונג אין תרגום, וועלכער איז אַלס דערקלע־רער פון דער ביבל, וואָס מען האָט שבת געלייענט אין שול, באַלד געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער גאָטסדינסט, און וועלכער וואָלט פון זיין זייט אָן דער אַרבעט פון דער מסורה איבער דער אויסערלעכער פעסטשטעלונג פון דעם טעקסט גיך פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ מיטל־רינג צווישן דער ליטורגיע און מדרש איז די הגדה צו די פּסחדיקע סדרים. פון די פּאַראַפראַסטישע תרגום־וואַריאַנטן זיינען פילע גאַנצע שטיקער אַפילו אַריינגעדרונגען אין דער שבתדיקער גאָטסדינסט, וואָס איר הויפּטגעבעט האָט לויט דעם צוגאָב־קרבן, וואָס איז באַשטימט אויף דעמדאָזיקן טאָג, באַקומען דעם נאָמען מוסף. נאָך דעם ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון די קרבנות, האָט זיך אַלס זייער פאַרטרעטערין אויך די הלכה, פאַרשטייט זיך, דורכגעלייגט אַ וועג אין דער אַלטעגלעכער ליטורגיע. אין מיטן פון אַכטן יאָרהונדערט האָט שוין דער גרעסטער טייל פון די געבעטס־פאָרמולעס געהאַט די געשטאַלט, וועלכע איז פאַרבליבן ביז דער היינטיקער צייט.

אַזוי האָבן זיך אַלע שטראַלן פון דעמדאָזיקן ליטעראַטור־פּע־ריאָד ווידער צוזאַמענגעטראָפן אין דער זון פון דער ביבל, נאָכדעם ווי זיי האָבן לאַנגע יאָרהונדערטן געלויכטן נעבנאַנאַנדער. געשיכטע און אויסטייטשונג, היידנטום און קריסטנטום, ליריק און עפּיק, ביבל און משנה, תנאים און אמוראים, סבוראים און גאונים, מדרש און

קבלה, תרגום און תפילה, תלמוד און מסורה,—אַלץ מישט זיך צונויף אין דעמדאָזיקן מערקווערדיקן פעריאָד און סוף־כל־סוף פאַראייניקט עס זיך אין איין מעכטיקן גרויסן גאַנצן, וואָס זיינע באַזונדערע ריכטונגען דינען אַלס זיילן און געוועלבשטיצער פאַר יענעם גיגאַנטישן אייביק ווייטער זיך בויענדיקן בריק, וועלכן די קולטור האָט אַריבערגעוואָרפן איבער דעם צעשטערנדיקן שטראָם פון די באַרבאַרישע כוואַליעס, אָנהייבנדיק פון דעם פאַרפלייצטן מוטער־באָדן פן מזרח ביז דעם ווייטן ברעג פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

אינהאַלט

זייט

פאָררעדע פונם מחבר צו דער ערשטער אויפלאַגע . . . . 6 —5

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע . . . . 8 —7

אַלגעמיינער אַריינפיר . . . . 24 —9

ערשטער פעריאָד

די ביבלישע ליטעראַטור

אַ ריינפיר . . . . 40 —27

I. די היסטאָרישע ביכער . . . . 78 —40

II. די פאָעזיע פון דער ביבל . . . . 78—123

III. די נביאישע ליטעראַטור . . . . 124—157

IV. דער קאַנאָן . . . . 158—162

צווייטער פעריאָד

די יידיש=העלעניסטישע ליטעראַטור

פון 200 יאָר פאַר ביז 100 יאָר נאָך קר. געב.

אַריינפיר . . . . 167—179

I. די אויסשטייטשונג פון די שריפטן . . . . 180—200

II. די אַפּאָקריפן . . . . 201—242

III. די העלעניסטישע ליטעראַטור . . . . 243—304

דריטער פעריאָד

די תּלמודישע ליטעראַטור

פון 100 יאָר פאַר ביז 750 יאָר נאָך קר. געב.

		זייט
	אַריינפיר	307—322
I.	די משנה	323—342
II.	דער תּלמוד	343—380
III.	מדרש און קבלה, תּרגום, מסורה און ליטורגיע	381—421